STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10462

KDUSHE IN YIDISHN FAMILYE-LEBN

Nachman Shemen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. שמן

קדושה אין יידישן פאַמיליע־לעבן

לויט תנ"ך, תלמוד, יהדות און ליטעראַרישע שטודיעס

באַנד איינס

פון דער סעריע: „באַציִונג צו דער פרוי"

פאַרלאַג י.ל. פּרץ ישראל

תל־אביב, תשל"ז — 1977

N. SHEMEN

KEDUSHA IN YIDDISHEN FAMILIE LEBN

SANCTITY IN JEWISH FAMILY LIFE

Volume I

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

©
Copyright 1977
All Rights Reserved

Printed in Israel, 1977

נדפס בישראל, תשל"ז

סידור: משה חמיאל הדפסה: "חבצלת", הרצליה

מוקדש

ביראת הכבוד לזכר אאמו״ר עטרת ראשי, מופלג בתו״י, בקי בש״ס ופוסקים
ר׳ שלמה זלמן שו״ב, בן ר׳ יהודה פסח וחנה בוימאייל ז״ל
מחסידי לובלין
נפטר בשנת הפ״ד לחייו, ביום שלקו המאורות, כ״ח שבט, תש״ל / 4 בפברואר, 1970

יהי זכרו ברוך לעד ולנצח

אינהאַלט

הקדמה 11

קאַפּיטל איינס

צוזאַמענבונד פון מאַן און פרוי

א. יצר פון יצירה. — תאווה און מאָראַלישער יסוד. — געגוס און עסטע־טיק. — פאַרמעסט פון כוחות. — נחש און סטרא־אחרא. — באַפרידיקונג פון „פריה ורביה". — ברכה אין יצירה. — קללה אין תאווה. — ווי צו באַהערשן שלעכטע כוחות. 31

ב. נאָך דער גרויסער אידיליע. — פרוי און נחש. — קנאה און תאווה. — זינד פון עץ הדעת. 35

ג. דער באַשאַף פון אָדם און חוה. — חלוקי דעות. — קבלה אויסטייטשן. — די ראָל פון אותיות ביי דער בריאה. — עשרה מאמרות ביים וועלט־באַשאַף און צוויי אותיות. 43

קאַפּיטל צוויי

עץ הדעת און נחש-טראַגעדיע

א. וואָס פאַר אַ בוים איז דאָס געווען? — בוים פון וויסן. — האָט אָדם הראשון געהאַט דעת? — פאַר וואָס האָט דער נחש ניט פּרובירט אָפּרעדן אָדמען? — חוה לאָזט זיך אָפּרעדן. — חוקרים און מפרשים גרונטע־ווען זיך. 53

ב. דער נחש, די קליגסטע פון אַלע חיות. — סימבאָל פון רשעות. — וואָס עס ווערט געזאָגט אין דער אגדה. 60

ג. אָנגעהויבן מיט ברכה. — משפט און עונש. — פרייהייט וואָס האָט גע־בראַכט קללה. — דאָס שעמען זיך מיט נאַקעטקייט. — אָדם און חוה טוען תשובה. — ווען מען ווערט פאַרטריבן פון גן־עדן. 66

קאַפּיטל דריי

די ערשטע צוואַנציק דורות

א. די דורות פון אָדם ביז אברהם. — פאַרבאָטן צו אָדמען און פאַרבאָטן צו נחן. — שלעכטס ביי מענטשן. — דער גזר־דין און די חרטה. — מבול אויף דער וועלט. 75

ב. נח — צדיק אין זיין דור. — שכרות פירט אראפּ. — שאַנדע פאַר דורות. — דאָס אייניקל פּראָוועט האָמאָסעקסואַליזם איבערן אַלטן זיידן. — נחס קללה. — ראַסנהאַס. 81
ג. אברהם פאַרלאָזט זיין לאַנד, זיין פאָטערס היים. — ער פאַרלאָזט נישט זיין ווייב. — פריִער קינדערלאָז. — נס פאַר ביידן. — ער ווערט פאָטער פון פעלקער. — משפחה־קייט. 87
ד. אברהמס נחת. — קאָנצענטרירונג פון משפחה־לעבן. — יצחק דער שטרענגער און יעקב דער מילדערער. — זרע אברהם. — אויפהאַלט און אַנהאַלט. — מ׳היט מצוות. 95
ה. אברהם פאַרטראָגט נישט שענדלעכע באַציִונגען צו דער פרוי. — אמונה און חשיבות פון מענטש. — פאַרבעסערן ראָל פון פרוי. — מוסטער פון מאַן און פאָטער. — שטאַרקן אמונה און שטאַרקן פאַמיליע־לעבן. . 99
ו. צעמישעניש אין הויז. — קנאה צווישן ברידער. — מעשים אין איילעניש. — בן בכור און בן מלכות. — ווי אַזוי מיסטיקערס האָבן דאָס באַטראַכט. 104
ז. יהודהס פאַרלאָזן זיין משפחה. — זיין ערשט ווייב — די טאָכטער פון אַ „כנעני״. — זיין פאַרפלאָנטערן זיך מיט דער שנור. — ווי אַזוי מפרשים דערקלערן עס. 112
ח. עריות־אינצידענטן ביי יעקבס קינדער. — ביי די בני־ישראל. — אין מצרים. — עדות אויף משפחה־ריינקייט. 120

קאַפּיטל פיר

ליבע און זנות אין תנ״ך

א. די ליבעס ביי דודן. — שמשון הגבור. — דוד אין דער יוגנט און אויף דער עלטער. — מענטשלעכע שוואַכקייטן. — שלמה המלך און זיינע ווייבער. 130
ב. די חכמי התלמוד האָבן פאַרענטפערט דודס מעשה מיט בת שבען. — געזוכט צו באַווייזן זיין אומשולד. — האָט געוויזן דעם וועג פון תשובה. 136
ג. אויסגעלאַסנקייטן אין דודס הויז. — די אמנון־תמר־טראַגעדיע. — שלמה המלך מיט זיינע ווייבער. 140

קאַפּיטל פינף

תאווה געבוירן מיטן מענטשן

א. די צוויי יצרים. — דער יצר־הרע באַלד פון געבורט. — ווי מ׳זוכט צו קאָנטראָלירן, באַקעמפן און דערשטיקן. — קדושה אין תאווה. — וואָס עס ווערט געזאָגט אין קבלה־ספרים. 147

ב. אַקטיווע און פּאַסיווע תּאווה. — ווי אַזוי תּאווה קאָן אויסגענוצט ווערן פאַר גוטע צוועקן. — נאַרמאַלע און אומנאָרמאַלע תּאווה. — ווי פאַר־ברענט מען די תּאווה. 153
ג. די תּורה איז נישט געגעבן געוואָרן צו מלאכי השרת. — די ערשטע מצווה. — ווי אַזוי ווייס מען אַז דער מענטש איז אַ קדוש. — די תּאווה־דיקע מחשבות. — ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן? 160
ד. כּוח פון תּאווה. — חשד אויף די גרעסטע מענטשן. — ווי אַזוי מ׳טייטשט אויס פּסוקים. — דודאים וואָס גיבן אַ גוטן ריח. — גייסטיקע שיינקייט. 166
ה. וואָס הייסט זנות. — ווי זיך אויסצוהיטן פון געשלעכט־פאַרברעכן. — מוסר און נישט דאָגמע. — ווי מ׳האָט געמאָסטן קדושה אין פאַמיליע־לעבן. 173
ו. „וקדשתם״. — ווי זיך צו הייליקן. — צניעות און קדושה. — אַ „פּרדס״ וואָס ווערט געהיט פון אַלע זייטן. — טומאָה און טהרה אין פאַמיליע־לעבן. 188
ז. וואָס הייסט זנות? — פאַרבאָט פון גלוי־עריות. — שטרענגסטער פאַר־באָט צו האָבן אינטימקייט מיט אַן אשת־איש. — ווי אַזוי היינטיקע וועלט קוקט אויף די פאַרבאָטן. 192

קאַפּיטל זעקס

תּאווה ביי גאָטס קינדער

א. תּאווה ביי די „בני האלהים״. — יצר פון זנות ביי די „אַראָפּגעפאַלענע״. — קעניגן און תּאווה אין אַמאָליקע צייטן. — מלוכה־מענער ביי ייִדן און ביי די אומות העולם. — כּהנים פאַרטאָן אין תּאווה. — די ייִדישע מאָראַל. 211
ב. אַן אַ ווייב איז מען נישט קיין מאַן. — געוויין אין מדבר. — הייליקייט אין פאַמיליע־לעבן. — שטרענגקייט קעגן ניאוף. — טהרת הגוף און טהרת הנשמה. 217
ג. קיום־המין. — פאַרהיט פון תּאווה. — דינים פון טהרה. — ריינקייט און הייליקייט אינעם משפּחה־לעבן. 223
ד. פאַר וואָס דער פאַרבאָט פון האָבן אַ סך ווייבער. — לוקסוס פון פּרעהס טאָכטער. — ווי מ׳האָט באַשיינט און פאַרהייליקט פאַמיליע־לעבן. . 230
ה. כּוח פון יצר. — וויכטיקער כּוח יצירה. — נישט נעגירן נאָר קאָנטראָ־לירן. — די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין פול. — פּרוכפּערקייט און שעפערישקייט. — מיסטעריע פון געבורט. 238
ו. די לעגענדע וועגן דריַי און פיר. — כּוח פון ליבע. — ווי אָפּצוהאַלטן און צוריקהאַלטן הפקרדיקע תּאווה. 246
ז. ווי אַזוי האָט חסידות זיך באַצויגן צו תּאווה. — בעש״טס חסידות און קאָצק. — איזשביצע ווייזט אַ נייעם דרך. — נישט איגנאָרירן נאָר אָפּשוואַכן. 250

קאַפּיטל זיבן

תאווה אין אונדזערע טעג

א. הפקרות און „סעקס"־ווילדקייט. — מאָראַל־היטערס וועלכע מ׳דאַרף היטן. — קען מען זיך אומקערן צום אַמאָליקן לעבנס־שטייגער? . . 263

ב. קלאַסישע פּאָרנאָגראַפיע און מאָדערנע. — ליטעראַטור אָדער געלט. — פון „קינזי־רעפּאָרט" ביז „פּאָרטנוי"־שילדערונג. — די ייִדישע מאָראַל. 270

ג. מאָראַל אין מדינת ישראל. — באַנײַט מדינה־לעבן און באַנײַט לעבנס־בליק. — עריות־געשעפטן און שטורמישע פּראָטעסטן. — דאָס אַלטע וואָרט: „ווי ס׳קריסטלט זיך, אַזוי ייִדלט זיך". — ייִדישער לעבנס־שטייגער. 278

ד. געשלעכט־דערציִונג. — וואָס ברענגט עס. — אָנשטאָט פאַרבעסערונג — הפקרות. — קינדער לערנען זיך וועגן „סעקס". — שז״ש אַנאַליז און טאָדל. 283

ה. אישות־מאָראַל — יסוד אין יהדות. — אַ נאָרמאַל צניעותדיק לעבן. — „פּרושים" און „פּרושה". — הײדנישקייט און קריסטלעכקייט. . . 289

קאַפּיטל אַכט

תאווה און ליבע אין די הויכע פענצטער

א. לילית אין אַלטערטום און אין דער נײַער צײַט. — ליבעבריוו. — ריינע ליבע און תאווה־געיעג. 303

ב. תאווה וואָס האָט נישט איין מאָל פאַרפירט גרויסע מענטשן. — קעניגן און לאָרדן. אין מיטל־עלטער און אין דער נייער צייט. 308

ג. קעניגינס וואָס האָבן אַריינגעשריבן בלעטער אין דער געשיכטע פון וועלט־הערשערס. — ליבע־אַרגיעס און אַכזריות. — ליבעראַלע און קאָנ־סערוואַטיווע הערשערינס. — פון קלעאָפּאַטראַ ביז וויקטאָריאַ. . . 318

ד. ליבע אין אַמעריקע ווי אין ענגלאַנד. — אין די הויכע ווי אין די נידעריקע פענצטער. — ביי עלטערע ווי ביי ייִנגערע. 323

ה. תאווה ביי ייִנגערע און ביי עלטערע. — אוניווערסאַל און דאָך אַנדערש. — פירנדיקע פערזענלעכקייטן. — גייסטלעכע. — קאָנטראָל און ווירקונג פון מאָראַליסטן. 333

ו. ווי די לילית ווירקט. — ר׳ שמואל זביטקאָווער אין וואַרשע. — קעניגן אין ענגלאַנד. — פּרעזידענטן אין אַמעריקע. — די וואַשינגטאָנס און די רוזוועלטס. — די האַרדינגס און די קענעדיס. 337

קאַפּיטל נײַן

קדושה ביים נעמען אַ ווייב

א. „נעמען" אַ פרוי. — חתונה־אינסטיטוציע. — קדושין־צערעמאָניאַל. — „פּלגשים"־דערלויבעניש. — רעכט פון דער פרוי. — קדושה וואָס צוימט. 353

ב. תקנות צו פאַרשטאַרקן דעם חתונה־אַקט. — ראָל פון פרוי אַלס „עקרת הבית". — כבוד און חשיבות פון דער פרוי. 361

ג. די פלגש אין דער הלכה. — וואָס איז געווען איר סטאַטוס? — ווי אַזוי פּראָבלעמען זענען געלייזט געוואָרן. — ציווילע חתונות. — די „ידועה בצבור". 367

ד. די ספּעציפישע תקנות אין דער צייט פון די גאונים. — ווען זענען חל די קדושין. — רעכט פון רבנים. — מינהג און הלכה. 379

ה. גלייכהייט פון דער יידישער פרוי. — תקנות לטובת דער פרוי. — איר חלק אין דערציִונג. — רענעסאַנס פון דער יידישער פרוי. 388

ו. תנאים און אמוראים העלפן פרויען. — אַ גוטע פרוי און אַ שיינע פרוי. — שיינקייט פון גוף און שיינקייט פון כאַראַקטער. 401

ז. תורה דערלויבט אַ „יפת תואר" אין מלחמה. — רעכנט זיך מיט אומ־שטאַנדן. — עצות ווי צוריקצוהאַלטן תאווה. — ציל פון אויפריכטיקער ליבע. — סוף פון יפת תואר — אַ זון „סורר ומורה". 407

הקדמה

אינעם ספר־חסידים [1] — דאָס קלאַסישע ווערק וועגן יִדישער מאָראַל און טראַדיציע — ווערט געזאָגט אויפן פסוק „כי את כל מעשה האלקים יביא במשפט"... [2] (ווייל דעם גאַנצן באַשאַף וועט גאָט ברענגען פאַר אַ משפט איבער אַלעם פאַרהוילענעם [3]), אַז דאָ איז געמיינט געוואָרן, אַז דער רבונו־של־עולם איז גוזר וויפל ספרים אַ מענטש זאָל שרייבן. אויב אַ מענטש איז געבענטשט מיט טאַלאַנט צו שרייבן, איז מחדש חידושי תורה און פאַרשרייבט עס נישט, ברענגט עס נישט אין דער עפנטלעכקייט, וועט ער געשטעלט ווערן פאַרן הימלישן געריכט — „כי הקב"ה גוזר... כמה שנים וכמה ספרים יעשה... וכל מי שגילה לו הקב"ה דבר ואינו כותבה... הרי גוזל מי שגילה לו".

ר' יהודה החסיד (נפטר ד'תתקע"ז ־ 1217), דער מחבר פון ספר־חסידים, האַלט, אַז עס איז אַ הימלישע גזירה אויף דעם מענטשן וואָס פאַרמאָגט טאַלאַנט, צו שרייבן און פאַרעפנטלעכן זיינע חידושים. אויב ער טוט עס נישט, איז גערעכנט, ווי ער וואָלט באַגזלט און באַרויבט דעם באַשעפער, וואָס האָט אים געבענטשט מיט דער דאָזיקער ברכה.

אין ספר־חסידים „על פי נוסח כתב־יד אשר בפארמא" [4] ווערט די דאָזיקע באַהויפּטונג געשטעלט אין שייכות מיטן פסוק „מי תכן את רוח ה'" [5] — ווער האָט דערפאָרשט דעם גייסט פון גאָט — מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „...הקב"ה גוזר מי נעשה חכם, ומה חכמתו וכמה שנים וכמה? [6] יש שגוזר עליו שעושה ספר אחד או שנים או שלשה... וכל מי שגילה לו הקב"ה ואינה כותבה ויכול לכתוב, הרי גוזל מי שגילה לו, כי לא גלו לו אלא לכתוב וזהו שכתוב ,יביא במשפט על כל נעלם' [7] שגורם שנעלם..."

דער מענטש, ווי מיר זעען, ווערט געמשפט פאַר דעם, וואָס ער פאַרהוילט פון זיין וויסן, פון זיין פאַרשן, פון זיינע חידושים און טיילט זיך נישט מיט אַנדערע מענטשן.

אין זיין „משנת אברהם", קאָמענטירט הרב ר' אברהם אהרן פרייס שליט"א, אַז די גזירה צו פאַרעפנטלעכן ספרים איז געמיינט געוואָרן, ספרים וועלכע זענען ראוי און דאַרפן אַריינדרינגען אין די געצעלטן פון שם. ער באַדויערט דעם פאַקט, וואָס גדולי ישראל האָבן נישט פאַרעפנטלעכט זייערע ווערק: „וחבל על הרבה גדולי ישראל שכל ימיהם חידשו והולידו חידושי תורה בכל המקצועות, ולא

השתדלו לכתוב דבריהם ולסדרם, וכשנפטרו מן העולם אין זכר לתורתם״. ער דערמאָנט זיין אייגענעם רבי־מובהק, דעם רב אינעם שטעטל כמעלניק, פּוילן, ר׳ אברהם יצחק סילמאַן, דעם בעל זכרון נפלא, וואָס האָט געקענט ש״ס מיטן צוגאָב פון ראשונים און אחרונים ממש בעל־פּה. דער דאָזיקער גאון האָט געשריבן חידושי תורה, וואָס וואָלטן פאַרנומען אַ צאָל ספרים, אָבער קיין איין ספר נישט פאַרעפנטלעכט.

ס׳דערמאָנט זיך מיר, ווי מיין פאָטער האָט מיר אָנגעוויזן אין לובלין, ביים רבין אדמו״ר ר׳ שלמה איגר זצ״ל: „אָט איז דער כמעלניקער רב״ און זיך גע־ווונטשן, אשר וועט זיין זון אויסוואַקסן אַזאַ רבנישע פּערזענלעכקייט. מיַין פאָטער איז שטאַרק אַנטוישט געוואָרן...

הרב פרייס גיט צו [8], אַז צום באַדויערן, האָט מען נישט געעפנט די קאַסטנס מיט כתבים און מ׳האָט זיך נישט פאַראינטערעסירט, זיי זאָלן דערזען די ליכט — זיי זענען געבליבן אין פאַרהוילנקייט.

די פראַגע, פאַרשטייט זיך, שטעלט זיך, צי אויף יעדן מחבר איז חל די גזירה צו פאַרעפנטלעכן. ווער ווייסט צי דער שרייבער פון די שורות געהערט צו די, אויף וועלכע ס׳איז חל ר׳ יהודה החסידס אָנזאָג. מיר האָבן דאָך אין קהלת, אַ פּסוק פריִער, אַ וואָרענונג קעגן מאַכן ספרים: „ויותר מהמה, בני, הזהר עשות ספרים הרבה...״ [9] (און מער פון זיי, זיי געוואָרנט מיַין זון פון שריַיבן און דרוקן ספרים). דאָס וואָרט „מ ה מ ה״ ווערט געטייטשט אין מדרש — „מ ה ו מ ה״, וואָס מיינט צעטומלעניש. קהלת וואָרנט, אַז צו פיל ספרים ברענגט אַריין אַ צע־טומלעניש אין די מוחות. מען דאַרף זיך האַלטן בלויז ביי די כ״ד ספרי הקודש. נישט באַנוצן זיך מיט די ספרים חצונים, מיט די אַפּאָקריפישע ווערק.

אין קהלת, ווי אַ זאַמלונג פון חכמה און פילאָסאָפיע, געפינט מען, ווי באַקאַנט, אויבערפלעכלעכע סתירות. די בעלי־אגדה באַמיִען זיך צו סינטעזירן, גענעראַ־ליזירן און פאַרענטפערן די סתירות. רבי יהודה החסיד האָט מסתמא געפונען אַ מקור פאַר זיין אינטערפּרעטאַציע און „כדאי לסמוך עליו״.

ס׳איז דעריבער די פליכט פונעם שרייבער און געלערנטן, זיך צו טיילן מיט זיין וויסן און קענטעניש. מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז ס׳איז דאָ אַ מיסטישער כוח, וואָס באַווירקט און שטורעמט אויף דעם דראַנג צו שרייבן און פאַרעפנטלעכן.

וואָס שייך פאַרעפנטלעכן אין יידיש, איז געוויס אַ געוואַגטקייט, וויַיל אין בעסטן פאַל, אויב מען איז שוין מצליח, קען מען בלויז דערוואַרטן אַ מאָראַלישן דערפאָלג. דער מיסטישער כוח לאָזט אָבער נישט אָפּ. יידיש אין ארץ־ישראל האָט אַ באַזונדערן באַטייט, אַ סימבאָלישן און אינספּירירנדיקן, ווי דאָס לשון, וואָס האָט געבראַכט מיליאָנען פון די צעזייטע און צעשפּרייטע גלות־לענדער און וואָס זאָל געהערט און גערעדט ווערן אין דער יידישער מדינה, וועלכע האָט געבראַכט

אויפריכטונג, וועלכע האָט געבראַכט נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און פּאָליטישע אַספּי־ראַציע.

פון די אָפּרופן און קריטישע אָפּהאַנדלונגען אויף די ערשטע צוויי בענד „באַציִונג צו דער פרוי", האָט דער שרייבער פון די שורות אָנגענומען, אַז ס'האָט זיך געלוינט די מי און אָנשטרענגונג און דעריבער איז געוועז דער רצון ממשיך צו זיין אויפן זעלביקן אָביעקטיוון אופן: פאַרשן די מאָטיוון פון תּלמודישע שטעלן בנוגע דעם פאַמיליע־לעבן; אָפּשאַצן הלכות און מינהגים אין שייכות מיט פאַמי־ליע־אָנגעלעגנהייטן; אַרויסברענגען מער קלאָרקייט וועגן דער ראָל פון דער פרוי אי אין משפּחהדיקייט, אי אין פירערשאַפט און אי אין היטן די גייסטיקע ווערטן און זיי באַרייכערן און דערמיט, באַרייכערן דעם אוצר פון די דאָזיקע שטודיעס — דערפירן צו אַ געוויסע השלמה. ס'ווילט זיך ברענגען צום פולקומען אויסדרוק די יהדות־באַציִונג צום פאַמיליע־לעבן און טאָן עס אויף דעם מעגלעכסט קאָמ־פּאַקטן אופן.

איך וויל אויך נאָך אַ מאָל ציטירן די ווערטער פון ר' משה חיים לוצאַטו (רמח"ל, ה'תס"ז - 1707 — תק"ז - 1747), אין זיין אַריינפיר צום „מסילת ישרים":

„...החיבור הזה לא חיברתיו ללמד אָדם את אשר לא ידעו, אלא להזכירם את הידוע להם... שכפי פרסומם וכנגד מה שאמתתם גלויה לכל, כך ההעלם מהם מצוי מאד והשכחה רבה..." דערפאַר טאַקע, ווייל ס'איז אַזוי פּשוט און איינפאַך; ווייל ס'איז אַזוי אמתדיק און קלאָר, איז דער שטייגער, מענטשן זאָלן פאַרגעסן, מענטשן זאָלן איגנאָרירן, מענטשן זאָלן נישט לייגן קיין אַכט און דעריבער איז נויטיק צו דערמאָנען און נאָך אַ מאָל דערמאָנען.

די אַרבעט מיינע איז נישט קיין נייע; זי איז נישט די ערשטע און וועט נישט זיין די לעצטע. ס'איז אָבער דאָך דאָ עפּעס חידוש, וואָס דאַרף נישט בלייבן פאַר־הוילן. ווי עס זאָגט זיך אין תּלמודישן אַפאָריזם: „אין בית המדרש בלא חידוש".

אין מיינע צוויי בענד „באַציִונג צו דער פרוי"[10] האָב איך באַהאַנדלט די פּראָבלעמען און אַספּעקטן פון משפּחה־לעבן, נישט געקאַרגט קיין ענערגיע און קיין געלט־סכומים, וואָס אַזאַ פאַרשונג קאָסט דעם מחבר. אויך איצט האָב איך נאָכגעפאָלגט דעם זעלביקן גאַנג מיט אַ סך צוגאָבן, וועגן דער ראָל פון דער פרוי אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער און געזעלשאַפטלעכער הכרה. ס'איז אָבער דאָך געבליבן, ווי עס ווערט געזאָגט, „תנא ושייר" אויפן דאָזיקן קעגנשטאַנד און טעמאַטיק. אַפילו מיט מיין איצטיקן ווערק, ווי ברייט און אַלזייטיק די השלמה זאָל נישט זיין, וועט נאָך בלייבן געגוג פאַר אַנדערע להתגדר.

דער מחבר האָט זיך באַמיט, האָט זיך אונטערגעגאַרטלט מיט אַלע כּוחות, צונויפצושטעלן דאָס טעאָרעטישע מיטן פּראַקטישן אין די מאַן־פרוי־אָנגעלעגנ־הייטן, מיט די דינאַמישע און אַקטועלע פּראָבלעמען אינעם פאַמיליע־לעבן,

אַנווייזנדיק אויף דער ראָל פון דער פרוי אי אַלס „עקרת בית", אי אין אירע דערגרייכונגען אויפן שטאַפּל פון אַנזעעוודיקייט און פירערשאַפט.

דער מחבר האָט זיך באַמיט צו געפינען דאָס קערנדיקע אין דער מענטשלעכער נשמה, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער הלכה, אגדה, ביי מקובלים, ביי פּוסקים און פּרשנים און ביי די גייסטיקע פירערס פון ייִדן אין אַלע צייטן.

דער מחבר האָט זיך באַמיט צו געפינען די יסודות אויף וועלכע ס'איז געשטעלט געוואָרן דאָס משפחה־לעבן — יסודות, וועלכע זאָלן האַרמאָניזירן נאַטורדראַנגען מיט מאָראַלישער דערהויבנקייט און דערביי די נייעסטע דימענסיעס און פּערספּעקטיוון, וויסנדיק אַז ס'איז נישט מעגלעך צו געבן אַ קאָמפּלעטע קאָסמאָגעניש־גינעקאָלאָגישע שטודיע, ווייל דאָס איז נישט דעם מחברס באַרוף און איז נישט אין זיין קאָמפּעטענץ.

אינעם דאָזיקן ווערק ווערט אָבער דער לייענער געפינען מאמרים אין שייכות מיטן משפחה־לעבן, מאמרים און אויסדרוקן פון די גרונטלייגערס פון דער ייִדישער מאָראַל, וועלכע זענען וויכטיק אויף פאַר אונדזער צייט. זיי זענען וויכטיק צו באַפעסטיקן די היינטיקע מאָראַל און עטיק אויף די יסודות, וועלכע זענען דורך זיי פונאַנדערגעלייגט און אויסגעשפּרייט געוואָרן מיט יאָרהונדערטער צוריק און האָבן נישט פאַרלוירן זייער פרישקייט, זייער געלטיקייט.

מיט אַ סך מיזאַמקייט איז דעם מחבר געלונגען אַרויסצוהייבן די חשיבות פון דער פרוי, איר כאַראַקטער און ראָל אַזוי ווי זי ווערט פאַרגעשטעלט אין תנ"ך, תלמוד, הלכה־ און אגדה־ספרים. די אויספירן זענען באַזירט אויף היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס אויפן סמך פון אַ לענגערער ליטעראַרישער עקסקורסיע, פאַרגלייכנדיק ייִדישע מיט נישט־ייִדישע מקורים, כדי אַרויסצוברענגען די געהעריקע אָפּשאַצונגען. פונעם שלל מאַטעריאַלן ווערט במילא קלאָר דער „ראו מה בין בני לבן חמי" [11], דער חילוק, ווי אַזוי עס איז אין אַלטערטום באַהאַנדלט געוואָרן די פרוי ביי אַנדערע פעלקער און ווי אַזוי ביי ייִדן, לויט דער תלמודישער איינשטעלונג. ס'ווערט קלאָר און אויסגעקריסטאַליזירט דער פרויס ראָל אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט פונעם בראשית, ביזן היינטיקן טאָג.

ביז דעם צוואַנציקסטן י"ה איז די פרוי, אין די מערסטע לענדער, אַריינגערעכנט די ציוויליזירטע רענעסאַנס־לענדער, געווען רעכטלאָז; אין אַ צאָל לענדער איז זי געווען דאָס פולשטענדיקע אייגנטום פונעם מאַן, רעגיסטרירט אויפן מאַנס פּאַספּאָרט. ביי ייִדן איז קיין מאָל נישט געווען אַזאַ סאָרט באַציִונג: דער קנין פון דער פרוי איז געווען „קידושין", אַ הייליקער קנין פון לאָיאַלקייט צווישן מאַן און פרוי. די פרוי איז אָבער קיין מאָל נישט געווען דעם מאַנס אייגנטום, ער זאָל זי קענען האַלטן פאַרשקלאַפט, דערנידעריקט, דעגראַדירט. ביי געוויסע געלעגנהייטן האָט מען די פרוי געשטעלט העכער פונעם מאַן.

די חז״ל אינטערפּרעטירן דאָס וואָרט „ויבן ד׳ אלקים את הצלע״ [12], דאָס זאָל מיינען צו זאָגן, אַז דער רבונו־של־עולם האָט געגעבן דער פרוי בינה יתירה, מער פאַרשטאַנד פון דעם מאַן [13] און ס׳זענען געווען היסטאָרישע מאָמענטן, ווען די פרוי האָט דאָס באַוויזן. די תורה, ווי אַ תורת־חיים [14], האָט געגעבן די מעגלעכקייט פון אַ נאָרמאַל, געזונט און האַרמאָניש צוזאַמענלעבן צווישן מאַן און פרוי, אויף יסודות פון ליבע און געטריישאַפט: „ראה חיים עם האשה אשר אהבת״ [15] — געניס פון לעבן מיט דעם ווייב וואָס דו האָסט ליב...

אין דער תורת־חיים, ווערט אָנערקענט דער פאַקט פון „יצר לב האדם רע מנעוריו״ [16], ווי דאָס ווערט קאָמענטירט — „משנגער לצאת״ [17] און דעריבער האָט מען געלערנט ווי זיך צו באַהערשן און קאָנטראָלירן פון תאווה, וואָס איז עלול צו פאַרדאַרבן און פאַראומרייניקן די געזעלשאַפט. דעריבער האָט מען פאַר־באָטן דאָס דערנענטערן זיך מיט די כנענישע פעלקער [18]; דעריבער האָט מען אָנגעזאָגט זיך צו האַלטן ביי די צניעותדיקע נאָרמעס; דעריבער האָט מען גע־לערנט אַז אַפילו אין די „דברים שבינו לבינה״ [19], אין די ראַמען פון מאַן־פרוי באַציִונגען, זאָל מען זיך אויפפירן צניעותדיק. דער געליבטסטער ביים אויבערשטן איז דער, וואָס היט דאָס צניעותדיקע צוזאַמענלעבן: „אין לך חביב לפני המקום מן הצניעות״ [20]. אַזוי דרשנען אונדזערע מאָראַליסטן דעם פסוק „והצנע לכת עם ד׳ אלקיך״ [21].

די וואָרענונג וועגן זיין געהיט אין צניעות איז געזאָגט אויף ביידע; אַ סך מערער ווערט דער מאַן געוואָרנט נישט צו פאַרלירן זיך אין תאווה. אַ גרויסער טייל פון ספר משלי איז געווידמעט אויף אויסהיטן זיך פון זנות־אויסגעלאַסנקייט, פון פאַרפירערישער און פאַרבאָטענער ליבע.

דער פסוק „כי יתן בכוס עינו, יתהלך במישרים״ [22], מיינט פשוט, מ׳זאָל נישט צו פיל קוקן אויפן וויַין וואָס רויטלט זיך אינעם גלאָז, וואָס שפּיגלט זיך אין כוס־פאַרבן. די חכמי־התלמוד גיבן אָבער אַ נייע אינטערפּרעטאַציע, אַז דאָס האָט גאָר צו טאָן מיטן אויסהיטן זיך פון אויסגעלאַסנקייט. ר׳ אמי און ר׳ אסי קאָמענטירן אויפן דאַזיקן פסוק און אייגער [23] זאָגט, אַז דאָ איז געמיינט געוואָרן „כוס עריות״: ווען מען ווערט פאַרכאַפּט פונעם דאַזיקן בעכער, ווערט ביים מענטשן אַלצדינג במישור — גלייך, אָן אָפּהאַלט. דער דאַזיקער וועט זיך שוין דערלויבן אויס־געלאַסנקייט און גזילה [24].

די פרוי, האָבן זיי געלערנט, דאַרף זיך האַלטן ווי אַ פּרינצעסין, ווי אַ בת־מלך: זי זאָל נישט שפּאַצירן אַליין; זי זאָל נישט פאַרברענגען אין אַ געזעלשאַפט, וווּ מענטשן באַנעמען זיך פרעך און הפקרדיק [25]; זי זאָל תמיד היטן איר ריינקייט און נישט דאַרפן אויסשטיין קיין נסיונות; זי זאָל זיין געטריי דעם מאַן, וועלכן זי האָט זיך אויסגעקליבן.

דעם מאַן לערנט מען ליב צו האָבן זיין ווייב ווי זיך אַליין און זי האַלטן בכבודיק מער ווי זיך: „לאהוב את אשתו כגופו ולכבדה — יותר מגופו".

ווי אַזוי קען מען דאָס באַווייזן?

איז די עצה: אויב דיין ווייב איז אַ קורצינקע און דו ביסט הויך־געוויקסיק, בייג דיך צו איר: „אשתך גוצא, כפוף אליה ושמע דבריה"! דאָס מיינט צו זאָגן, אויב דיין ווייב איז גייסטיק נידעריקער, נישט גענוג געלערנט, נישט גענוג באַ־וווסטזיניק, אינטעלעקטועל צוריקגעשטאַנען, זאָלסטו דיך בייגן און איר מאַכן פילן וויכטיק און דערהויבן, זי זאָל זיין אויפגעלייגט און צופרידן[26]. דער באַדינג איז: ס'זאָל הערשן קעגנזייטיקע ליבע — זי זאָל אויך נאָכפאָלגן די זעלביקע באַנעמונג, זי זאָל זיין אַן „אשה כשרה", זי זאָל זיין אַ רעכטפאַרטיקע פרוי צו טאָן איר מאַנס ווילן[27], ס'זאָל הערשן אַ האַרמאָניש לעבן, פיזיש און גייסטיק האָבן די נאָענט־קייט, ווי אין בראשית, קודם החטא, און נאָר אויף דעם אופן קאָן הערשן שלום־בית, „וידעת כי שלום אהלך"[28] — און דו וועסט דאַן וויסן, אַז פרידן הערשט אין דיי̆ן געצעלט.

די באַציִונג אין שייכות מיט „הויזלעכער" צופרידנקייט איז נישט בלויז צווישן מאַן און פרוי, נאָר רירט אָן דירעקט די באַציִונג פון פאָטער צו זיינע קינדער. מיר האָבן אַ תלמודישע דיסקוסיע, צי אַ פאָטער וויל בעסער אַ ייִנגל, צי אַ מיידל. צי אברהם אָבינו, דער געבענטשטער מיט אַלצדינג, האָט געהאַט אַ טאָכטער און אין דעם איז פאַרפולקאָמט געוואָרן זיין ברכה, אָדער פאַרקערט: זיין ברכה איז געווען, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין טאָכטער.

מיר לערנען אין דער משנה אַזאַ דין[29]: „האומר, אם תלד אשתי זכר יטול מנה — נוטל מנה; נקבה — מאתים, ילדה נקבה, נוטלת מאתים"... אַז איינער, וועמעס ווייב איז מעוברת, זאָגט: אויב מיין ווייב וועט געבוירן אַ ייִנגל, זאָל ער נעמען הונדערט גילדן, אויב זי האָט געבוירן אַ אַ ייִנגל — נעמט ער הונדערט גילדן; האָט ער געזאָגט: אויב עס וועט זיין אַ מיידל, זאָל זי, דאָס מיידל, נעמען צוויי הונדערט גילדן, איז אויב זי האָט געבוירן אַ מיידל, נעמט זי (דאָס מיידל) צוויי הונדערט גילדן.

אַ צאָל מפרשים האַלטן, אַז דאָ רעדט זיך וועגן „צוואת שכיב מרע" — וועגן דעם אָנזאָג פון אַ קראַנקן פאָטער וואָס וויל באַזאָרגן זיינע קינדער. אַנדערע האַלטן, אַז אַפילו ביי אַ געזונטן, ביי אַ „בריא", גייט אָן דער דאָזיקער דין — מ'דאַרף אויספאָלגן דעם פאָטערס פאַרלאַנג[30].

די חז"ל שטעלן דאָ אַ קאַרדינאַלע פראַגע: „למימרא דבת עדיפא לי" — צי וועלן מיר זאָגן, אַז ביים פאָטער איז אַ טאָכטער בעסער, וויכטיקער ווי אַ זון?... דער טאָכטער וויל ער געבן צוויי הונדערט און דעם זון בלויז הונדערט גילדן. ווי קען דאָס זיין? ר' יוחנן האָט דאָך געזאָגט אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי,

אַז דער וואָס האָט נישט איבערגעלאָזט אַ זון אים צו ירשנען, איז דער רבונו־של־עולם בייז אויף אים — „כל שאינו מניח בן ליורשו הקב״ה מלא עליו עברה״ [31].

פאַר וואָס דער רבונו־של־עולם זאָל זיין בייז אויף אים, איז אַן ענין פאַר זיך און מיר וועלן דאָס איבערלאָזן צו די מפרשי התלמוד. דער רבינו חננאל לערנט, אַז דער רבונו־של־עולם האָט אַזאַ מענטשן פיינט („שונא אותו״). זעט אויס, אַז דאָ איז געמיינט געוואָרן אַ מאַן וואָס איז זיך שולדיק, מיט זיין אָפּהאַלטן זיך צו ברענגען אויף דער וועלט אַ זון, דעריבער אַזאַ שאַרפער אויסדרוק וועגן דעם פאָטער, וואָס האָט זיך נישט באַמיט איבערצולאָזן אַ יורש נאָך זיך, ווייל דאָס לאַנד ווערט צעטיילט לויט דער צאָל מענער ביי די שבטים און ווען אַ טאָכטער נעמט ירושה און טראָגט עס איבער צו אַן אַנדערן שבט, ווערט דער חלק פון דעם שבט רעדוצירט. ארץ־ישׂראל, ווי מיר ווייסן, איז צעטיילט געוואָרן לויט דער צאָל מענער ביי יעדן שבט.

דער ענין ווערט ברייט און טיף באַהאַנדלט אין דער תּלמודישער שקלא־וטריא. דער מהרש״א אויפן אָרט, קלערט אויף דעם מאָטיוו, פאַר וואָס דער זכר האָט פרעפערענץ אין ירושה; דאָס איז ווייל ער איז געווען דער ערשטער אין דער מענטש־יצירה: פריִער אָדם און נאָך דעם חוה. די פרוי איז געקומען „לקיום המין״, צו זיכערן מענטש־עקסיסטענץ, וואָס דאַרף זיין אויף דעם נאַטירלעכן אופן: צוזאַמענלעב פון זכר ונקבה. דער עיקר־כּוח איז געבליבן ביים מאַן. נאָך אַ טעם: די פרוי קען נישט ממלא זיין איר פאָטער, ווייל זי איז נישט מחוייב אין אַלע מצוות. זי איז פטור פון צייטיקע מצוות [32].

צוריקקומענדיק צו דער פראַגע: „למימרא״... דערקלערט די גמרא, אַז וואָס שייך ירושה־ענינים, איז בעסער צו האָבן אַ זון, ווייל ער איז ממשיך דעם ירושה־פאַרמעג; ווען עס האַנדלט זיך אין הרווחה, באַזאָרגן קינדער זיי זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו אַ מתנת בשׂר־ודם, האָט די טאָכטער פּריאָריטעט, ווייל אַ פרוי שעמט זיך צו נעמען צדקה, צו קלפּן אין טירן, צו זיין אַ „מחזרת על הפתחים״, זי וועט אויסגיין פאַר הונגער און זיך שעמען בעטן נדבות. דעריבער פילט אַ געטרייער פאָטער צו באַזאָרגן זיין טאָכטער, ווי ווייט מעגלעך, זי זאָל האָבן פרנסה.

דער אמורא שמואל ברענגט דאָ אַריין אַ נייעם פאַקטאָר. אַז די משנה רעדט וועגן געבורט פונעם ערשטן קינד, אַן ערשטלינג, וויל דער פאָטער האָבן אַ טאָכטער: אַ מיידל העלפט אין הויז, זי וועט העלפן דער מוטער מיט הויזאַרבעט און מיט אויפברענגען אירע ברידערלעך.

אַ צווייטער אמורא, רב חסדא גיט אָן דעם טעם, וואָס איז סימבאָליש: „בת תחלה, סימן יפה לבנים״ און וועגן זיך דריקט ער זיך אויס: „ולדידי בנתן עדיפי לי מבני״ — פאַר מיר, זאָגט ער, זענען די טעכטער בעסער ווי די זין.

פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט, פאַר וואָס איז ער געווען אַזוי באַ־

גייסטערט פון זיינע טעכטער, האָב איך שוין באַהאַנדלט. ס'איז אָבער כדאי צו ברענגען צוויי קעגנזעצטע מיינונגען: רש"י גיט אָן, אַז ער האָט געהאַט זין און זיי זענען אים געשטאָרבן און די טעכטער האָבן חתונה געהאַט און ער איז פון זיי צופרידן געווען. תוספות פרעגט אָפּ דעם דאָזיקן פאַקט און ברענגט אַ רשימה פון רב חסדאס זין — זעקס זין.ביידע זענען אָבער מסכים, אַז רב חסדא האָט געהאַט גרויס נחת פון זיינע טעכטער. זיי האָבן חתונה געהאַט מיט גדולי הדור און זענען געווען גליקלעך [33].

די משנה, וואָס גיט אָן דעם ווונטש פון אַ טאַטן, צוויי הונדערט פאַר דער טאָכטער און בלויז די העלפט פון דער סומע פאַר אַ זון, שטיצט זיך, לויט אַ דער־קלערונג אין דער גמרא אויף דער מיינונג פון ר' יהודה, וועלכער פּאָלעמיזירט מיט ר' מאירן וועגן אויסטייטשן דעם פסוק „וד' ברך את אברהם בכל" [34] — און גאָט האָט געבענטשט אברהם אָבינו מיט „בכל", מיט אַלצדינג.

דאָס וואָרט בכל — האַלטן אַלע — איז אומפאַרשטענדלעך. אינעם דאָזיקן וואָרט ליגן רמזים און סודות. ס'לייגט זיך נישט אויפן שכל, מ'זאָל זאָגן אויף אַ מענטשן, אַפילו אויף אַזאַ וואָס האָט דערגרייכט דעם גרעסטן דערפאָלג, אַז ער האָט שוין אַלץ דערגרייכט. דער פשוטער טייטש וואָלט געווען, אברהם אָבינו איז געווען געבענטשט מיט אַ סך ברכות, „ואברכך... [35] והי' ברכה", איז איבערגע־חזרט געוואָרן.

ס'זעט אָבער אויס, אַז די חכמי התלמוד האָבן געזען אינעם „בכל" כל מיני סודות. לויט איין מיינונג [36], איז עס געווען אַ טײַערשטיין אויף זיין האַלדז: „אבן טובה היתה תלוי' בצווארו של אברהם אָבינו..." וואָס ווערט געטייטשט אין חסידי־שע ספרים, אַז דער שטיין זאָל סימבאָליזירן תורה.

רבי מאיר לערנט, אַז די ברכה ביי אברהם אָבינו איז געווען „בכל"; דערמיט וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין טאָכטער, האָט ער נישט געהאַט טאָכטער־פּראָבלעמען.

רבי יהודה איז מחולק אויף דער דאָזיקער הנחה. ער האַלט פאַרקערט, אַז מ'האָט אַ טאָכטער איז מען געבענטשט און אברהם איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ טאָכטער. ס'קומט צו די מיינונג פון „אחרים" (אַנדערע), אַז דער טאָכטערס נאָמען איז געווען „בכל" [37] — אַ מאָדנער נאָמען, וואָס איז מער נישט גענוצט געוואָרן [38].

מיר האָבן דאָ אַ מחלוקת צווישן תנאים וועגן דער ברכה ביי אברהם אָבינו מיט אָדער אָן אַ טאָכטער און מ'קען אין דעם זען די צוויי אָנשויונגען בנוגע טעכ־טער, בנוגע פרויען. די גמרא, אין אַנאַליזירן ר' יהודהס קאָנצעפּט, מערקט אָן, אַז ס'איז נישט געדרונגען, אַז ער זאָל האַלטן אַז אַ טאָכטער איז בעסער פון אַ זון.

די בעלי התוספות [39] שטעלן דאָ אַ שטאַרקע פראַגע; אויב ער האָט געהאַט

אַ טאָכטער, פאַר וואָס האָט ער זי נישט געגעבן צו זיין בן־יחיד יצחק פאַר אַ ווייב, נאָר געדאַרפט שיקן זיין קנעכט אליעזר זוכן אַ ווייב פאַר זיין זון ביי משפחה אין פדן־ארם. „ולמה לא השיאה ליצחק?" לויט דער מיינונג, אַז אַ „בן נח מותר באחותו" [40]; פאַר מתן־תורה, הייסט עס, איז אַזאַ קשר נישט באַטראַכט געוואָרן פאַר פאַרבאָטענער עריות. אַזאַ צוזאַמענלעב, האָט, לויט דעם תנא, געמעגט פאָרקומען ביי די פעלקער.

די פרעגערס גיבן אָן צוויי תירוצים: א) זי איז געווען אַ קטנה און אברהם האָט נישט געוואָלט וואַרטן; ב) זי איז געווען פון הגרן און אברהם האָט געהאַט אַ ווידערווילן צו הגרס געבורטן. ביידע תירוצים קענען נישט פולשטענדיק צופרידנשטעלן. דער פאַקט איז, אַז אויך רבקה איז געווען, לויט דער אגדה און לויט די יאָרן־חשבונות [41], אַ קטנה... היסטאָריקערס תנ"ך־פאָרשערס ווייזן אָן, אַז אברהם איז גראָד יאָ געווען צופרידן פון הגרן, האָט מקרב געווען ישמעאלן און וואָלט אוודאי נישט מרחק געווען אַ קינד פון זיינע זאָמען.

דער מהר"ם סופר (חתם סופר) אין זיין תורה־פירוש [42] שטעלט די פראַגע פאַר וואָס האָט תוספות נישט געפרעגט די קשיא ביים אָנהייב בבא בתרא, ווו דער גאַנצער ענין ווערט באַהאַנדלט, נאָר גאָר געשטעלט די פראַגע אויף אַן אָרט, ווו דער ענין „בכל" ווערט געבראַכט אין שייכות מיט דער משנה, וואָס לויטעט, אַז ביי אַ פאָטער איז אַ טאָכטער בעסער.

אין זיין טיפזיניקן פלפול, ברענגט ר' משה סופר אַריין די תלמודישע באַהויפּטונג, אַז אברהם אָבינו האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה, אַפילו „עירובי תבשילין" און אַ צאָל הלכהשע מאָטיוון, ווי „גר שנתגייר כקטן שנולד דמי", וואָס גיט אַ רעכט אויף נאָך גירות צו אַ קשר־און־זיווג פון קרובים. אויב ס'איז דאָ דער רבנן־פאַרבאָט: „שלא יאמרו יצאנו מקדושה חמורה לקדושה קלה", וועט עס אָבער נישט זיין ביי אַ שוועסטער, לויט דער מיינונג: „בן נוח מותר באחותו" און נאָך און נאָך אַזעלכע מאָטיוון, ביז ער פירט אויס, אַז דאָ איז געווען דאָס ריכטיקע אָרט פאַר תוספות צו פרעגן די קשיא, פאַר וואָס האָט אברהם אָבינו נישט געגעבן זיין טאָכטער נאָכן פולשטענדיקן גירות פון די „ילידי ביתו", צו זיין געליבטן בן־יחיד. די משנה, וואָס האַלט ווי ר' יהודה, אַז ער האָט געהאַט אַ טאָכטער, מוז אויך האַלטן, אַז שוועסטער־עריות איז נישט געווען פאַרבאָטן צו די אַנדערע פעלקער פאַר מתן־תורה.

דעריבער — האַלט ער — נאָכן אַנאַליזירן דעם הלכהשן קאָנצעפּט און אַנאַליזירנדיק דעם גאַנג פון דער משנה און גמרא, האָט תוספות געדאַרפט פרעגן די קשיא און געגעבן די געהעריקע תירוצים, אַז זי איז געווען צו יונג, אָדער זי איז געווען הגרס טאָכטער און ער האָט זיך דאָך צוגעהערט צו שׂרהס פאַרלאַנג צו

פאַרטרייבן די דינסט מיט איר זון, צו דערוויַיטערן איר זון פון הגרן מיט איר זון ישמעאל און מיט אַלע פון איר געבוירענע.

די ברכה ביי אברהם אָבינו, ווי מיר זעען, איז געווען גאַר קאָמפּליצירט. די פּאָלעמיק גייט אין דער ריכטונג, ווי אַזוי אָט די העכסט אידעאַל־עטישע פּער־זענלעכקייט האָט זיך באַצויגן צו אַ טאָכטער־ברכה. ער האָט זיך אויפגעפירט תּורהדיק אין דער דאָזיקער באַציִונג. וועט עס במילא זיין אַן אָנזאָג לדורות.

דער רמב״ן דערקלערט אויף איין אופן גאַר פּשוט: אברהם איז געוואָרן גע־בענטשט מיט עשירות, מיט כּל־טוב, האָט ער דאָס געוואָלט איבערגעבן זיין זון, וואָס זאָל האָבן נאָך זיך יורשים: „לא חסר דבר זולתי שיראה בנים לבנו... ולכן התאווה לזה...״

דאָס איז על־פּי פּירוש, פּשט.

נאָך דעם פאַרנעמט זיך דער רמב״ן מיטן סודותדיקן טייטש, מיטן „ענין נפלא״, ווי ער דריקט זיך אויס. ער נעמט אַריין אין דעם דאָזיקן סוד די פּאָלעמיק צווישן די צוויי תּנאים, רבי מאיר און רבי יהודה. דער ערשטער האַלט, אַז די געבענטשטקייט ביי אברהם אָבינו איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין טאָכטער. מיט אַ טאָכטער איז געווען אַ געפאַר זי זאָל חתונה האָבן צו אַ כּנעני, אָדער אַפילו מיט איינעם פון די משפּחות פון פדן־ארם, און דינען עבודה זרה. ר׳ יהודה איז איבערצייגט, אַז די פאַרפּולקאָמונג פון אַ ברכה ביי אַ פּאָטער, איז אויך צו האָבן אַ טאָכטער. איז אברהם אָבינו געבענטשט געוואָרן מיט אַ טאָכטער, „דאפילו ברתא לא חסרי׳ רחמנא״... די „אחרים״ (ווייזט אויס, נישט ר׳ מאיר, ווי עס איז אָנגענומען) האַלטן, אַז איר נאָמען איז געווען בכל — אַ נאָמען איבערפולט מיט אַלץ־סודותדיק. דער רמב״ן גיט אָן קבלה־רמזים וואָס שטעקן אין דאָזיקן וואָרט, אָבער דאָס וואָלט געפירט אַ סך ווייטער ווי אַ הקדמה.

מיר וועלן אין די ווייטערדיקע פּרקים אָנווייזן, ווי אין תּנ״ך פאַרנעמט די פרוי אַ גאַר אָנגעזעענע ראָל אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער הכּרה און דערגרייכונג. דאָ, ווילן מיר בלויז אָנווייזן לויפנדיקע, שאַרפזיניקע אויסדרוקן וועגן פרוי־איינפלוס, ווי עס איז צופעליק געקומען אויפן רעיון:

מיר האָבן, למשל, אַ באַהויפּטונג פון גאונישן אדמו״ר ר׳ צדוק הכּהן מלובלין [44] אַז יצחק, וואָס זיין מידה איז געווען „פחד יצחק״, די מידה פון דין און גבורה, אַז די דאָזיקע מידה איז צו אים געקומען מכּוח פון זיין מוטער שׂרה.

די פרוי ווערט תּמיד כאַראַקטעריזירט אַלס שוואַכלינג, לייכטזיניק; איר נאַטור איז ווייך, שלאַבעריק. חוה ווערט געבראַכט אַלס מוסטער פון „נשים דעתן קלות״. שׂרה, ווי מיר זעען, איז אַ שטאַרקער כאַראַקטער, זי איז געווען געבענטשט מיט שטאַנדהאַפטיקייט. די מידה פון שטאַנדהאַפטיקייט, פון יראה, פון פחד, האָט זי איבערגעגעבן איר זון און דעריבער האָט ער געקענט נעמען אויף זיך דעם

עקידה־משפט און נישט געשטעלט זיך קעגן דעם פאָטער וואָס איז געגאַנגען מקיים זיין גאָטס באַפעל: „והעלהו שם לעולה" — ברענג אים אויף דאָרטן (אין מוריה) פאַר אַ קרבן [45]. ער איז, צוזאַמען מיט זיין פאָטער, געגאַנגען מיט שמחה. אַן אומגעווייִנלעכע גבורה פון קידוש־השם: דעם זונס נסיון איז אפשר נאָך גרעסער פונעם פאָטערס און דער קרבן איז געווען די מוטער, וועלכע האָט אים איבער־געגעבן די מידה פון גבורה.

ר' צדוק הכהן איז דערמיט מברר, לויט חסידות, דעם תלמודישן זאָג: „תלה הזכרים בנקבות והנקבות בזכרים" [46], אַז דאָס האָט אַ דירעקטע שייכות צום מאמר, אַז „אביו"־פאָטער, איז געמיינט דער רבונו־של־עולם און כּנסת־ישׂראל איז די מוטער [47]. סימבאָליש מיינט עס די צוגעבונדנקייט פון די בני ישׂראל מיט השם; אין פשוטן זין, איז עס געמיינט די צוגעבונדנקייט און דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי, פאַר דעם אויפהאַלט פון מענטש־ציוויליזאַציע, לשבת יצרה. אין דעם זין דאַרף מען פאַרשטיין די מאמרים: „כּל אָדם שאין לו אשה, אינו אָדם... שרוי בלא שׂמחה, בלא ברכה... ממעט את הדמות" [48].

אויב די פרוי אין אונדזער תקופה, די תקופה פון פרוי־ליבעראַליזאַציע האָלט ביי דערגרייכן פולשטענדיקע רעכט און גלייכהייט אין דער געזעלשאַפט, אויב מיר האָבן אין די פּראָגרעסיווע לענדער פרויען דאָקטוירים, פּעדאַגאָגן, ליטעראַטן, קינסטלערס, מאָלערס, שוישפּילערס, זינגערס, וויסנשאַפטלערס און אַפילו אינזשי־נערן, איז עס אָן ספק אַ המשך פון דער ביבלישער תקופה און איינפלוס, די תקופה און תורה וואָס דערמאָנט „אָבות" מיט „אמהות", נביאים און נביאות. די פרוי איז די „עקרת הבית", זי איז די „עוזרת", זי שטעלט זיך איין פאַר איר רעכט, פאַר איר מאַן און קינדער... ביידע, יצחק און רבקה, שטייען אין תפילה פאַר קינדער. דער עקידה־ייִד שטייט מיט זיין שטאַרקער תפילה „לנוכח אשתו" [49].

די פרוי האָט, אין יהדות, איר שׂכר, איר אייגענעם קרעדיט פאַר גוטע מעשׂים, איר באַלוינונג פאַר געבן איר מאַן די געלעגנהייט זיך אויסצובילדן און גייסטיק צו אַנטוויקלען און נאָך מער, ווי די דערציִערין פון אירע קינדער. ווי האָט גע־זאָגט רבי עקיבא? „שלי ושלכם — שלה" [50]; זיין תורה־וויסן, דאָס דערגרייכן פון זיינע תלמידים אין תורה, איז געווען אַ דאַנק זיין געטרייער רחל, וועלכע האָט געליטן און מקבל געווען באהבה אירע ליידן, וויסנדיק אַז דערמיט העלפט זי איר מאַן פאַרשפּרייטן תורה.

די פרויען, וועלכע זענען „עוזרות", וועלכע וואַרטן אויף זייערע מענער ביז זיי קומען אַהיים פון לערנען, האָבן אַ גלייכן חלק אין תורה; זיי זענען זוכה צו אַ שׂכר, וואָס „עין לא ראתה". דער „טל תחי'" וועט דער דאָזיקער פרוי קומען, צו גלייך מיט איר מאַן און מיט אירע קינדער די תורה־לערנערס [51].

אין דער הקדמה צו דעם ווערק „סמלי אשה" פון ד"ר יעקב נאַכט (תרל"ב־

1872 — תשי״ט ־ 1959), ווערט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען זיין קרוינווערק, ווי ער האָט געהאַלטן פאַר גאָר וויכטיק צו שרייבן וועגן אָרט פון דער פרוי אינעם ייִדישן לעבן. דער מחבר האָט זיך באַמיט אָנצווייזן [52] אויף דעם „ערך האשה ביהדות״, אַרויסצוברענגען די ליכט פון יהדות אין זיין פולן קלאָר און ליכטשײַן: די ליבעראַלע באַציִונג צו דער פרוי און איר ראָל אינעם ייִדישן לעבן.

אין די ווערטער פון זיין איידעם, יצחק אבינרי, ווערט ד״ר נאַכט כאַראַקטע־ריזירט ווי אַ „לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע״; אַז ער באַנוצט זיך מיט די אָריגינעלע מקורים פאַר זיינע שטודיעס און אַז ער האָט געפונען דאָס וואָס ער האָט געזוכט אין קלאַסישע ספרים אין אונדזער אַלטער פאַרהייליקטער ליטעראַטור.

ער ברענגט אַ „ילקוט ראובני״ [53], וואָס דריקט זיך אויס: „כדרך שמתנהג האדם עם אשתו הקב״ה מתנהג עמו״ — ווי אַ מאַן פירט זיך אויף מיט זיין פרוי, אַזוי פירט זיך דער רבונו־של־עולם מיט אים.

ער ברענגט אַ ספרי [54], וואָס זאָגט מיט זיכערקייט, אַז אין דער תורה געפינט מען נישט קיין שלעכט וואָרט אויף דער פרוי: „לא מצינו בכל התורה שהוזכרו הנשים לגנאי, אלא לשבח״. וואָס וועט מען ענטפערן וועגן חוהן, די ערשטע פרוי וואָס האָט געבראַכט טויט?... איז דער ענטפער, אַז זי ווערט נישט פאַרגעשטעלט ווי אַ שלעכטע פרוי, נאָר ווי אַ שוואַכלינג, וואָס האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פונעם נחש, וועלכע האָט נישט געקענט בייקומען דעם יצר־הרע, די תאווה צו פאַרזוכן פונעם עץ־הדעת. זי איז באַהערשט געוואָרן פון דער „סטרא אחרא״; אָבער אין תוך איז זי געווען אַ טייל פונעם מאַן און געבליבן צוגעבונדן צום מאַן, פון וועמען זי האָט געהאַט אירע קינדער.ביים געבוירן ווערן פון איר ערשטן זון, דעם שפּעטערדיקן רוצח קין, האָט זי זיך אויסגעדריקט: „קניתי איש את ד׳״ [55] — און זי האָט געזאָגט: איך האָב געקראָגן אַ מאַן דורך גאָט.

זי איז אָבער באַשטראָפט געוואָרן צוליב איר לאָזן זיך באַהערשן פון אַ נחש.

ביי די אָבות זעט מען ווי די פרויען פאַרנעמען אַ דערהויבענע ראָל און נישט ווייניקער איז זייער ראָל ביי די שבטים. גענוג צו דערמאָנען מרים, יוכבד, שפרה, פועה, סרח בת אָשר, אלישבע און נאָך און נאָך. אין זכות פון די נשים צדקניות זענען ייִדן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים; די ערשטע גאולה [56] און אין שפּע־טערע תקופות, אַריינגערעכנט די רעטונג פון המנס גזירות, איז געווען צוליב און אַ דאַנק דער געטריישאַפט און מסירת־נפש פון דער פרוי.

ווי געזאָגט, ווערט כנסת־ישׂראל פאָרגעשטעלט אַלס געטרייע פרוי. די תורה, די שכינה ווערן סימבאָליזירט אין דער פרוי־געשטאַלט: „הנך יפה רעיתי — ביסט שיין מיין געליבטע״ [57], ווערט אויסגעטייטשט לויט קבלה, אַז דאָ איז געמיינט געוואָרן „גלוי שכינה״ — די אַנטפּלעקונג פון דער שכינה.

דער אָפּהאַלט, אָדער די קעגנערשאַפט, וואָס איז געוואָרן אָפיציעלער הלכה,

נישט צו געבן דער פרוי קיין רעכט אויף נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער פירער־שאַפט איז געקומען צוליב אַ ריי סיבות; די הויפט־סיבה: זיי זענען פטור פון „מצוות עשׂה שהזמן גרמא״, זיי זענען פריי פון צייטיקע מצוות, ווען זיי נישט קענען זיך אָריענטירן ווי געהעריק און גאָר באַזונדערס, צוליב דער מורא פאַר וועקן תאווה, כדי צו פאַרהיטן, ווי ווייט מעגלעך, פון אויסגעלאַסנקייט.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף דער פּאָלעמיק וועגן תורה־לערנען ביי פרויען [58] און אַז אַ צאָל גדולי הפוסקים האָבן עס געמאַכט פאַר אַ חוב, פרויען זאָלן לערנען און זיין באַקאַנט מיט דער הלכה. אין ספר־חסידים [59], ווערט געזאָגט קלאָר: „חייב אָדם ללמד לבנותיו המצוות״.

פאַקטן באַווייזן, אַז פרויען האָבן יאָ געלערנט תורה, ווייל אַז נישט, וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין נביאהטעס. דבורה הנביאה איז געווען נישט בלויז אַ פּאָליטישע פירערין, נאָר אויך אַ שופטת, וואָס לויטן דין, איז „אשה פסולה לדון״, און צו איר איז מען געקומען זיך משפטן און אירע אורטיילן זענען געווען געזעץ. די מפרשים מאַטערן זיך צו דערקלערן, ווי אַזוי ס׳איז דבורהן געגעבן געוואָרן דאָס דאָזיקע רעכט, אַז דאָ איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם, ס׳איז געווען „על־פי הדבור״, אָדער אַז דער קהל האָט אַ רעכט צו מאַכן אויסנאַמען.

דבורה האָט פאַראייניקט שבטים, געפירט מלחמה און געווען די פּלאַמיקע שופטת [60]. וועגן דעם תירוץ „על פי הדבור שאני״ [61] ווערט אַ סך אַרומגערעדט אין הלכה־ספרים און מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו אָט דעם דאָזיקן ענין. נאָך היינט גייט דאָס נישט אַראָפּ פונעם שולחן־מלכים, רבנים־פוסקים פאַרנעמען זיך מיטן דאָזיקן ענין [62].

אין תלמוד [63], ווערן אויסגערעכנט זיבן ווײַבלעכע נביאות ביי ייִדן. אויך שונמית, די „אשה גדולה״ [64], ווערט אָנגעוויזן, האָט געקענט לערנען. זי איז געקומען צום נביא אלישע לערנען תורה און נביאות. דאָס אַלץ באַווייזט, אַז ס׳זענען תמיד געווען פרויען וועלכע האָבן געקענט לערנען און באַזיצט חכמה — אָבער וועגן דעם אין די ווייטערע פּרקים.

דעם ענין שטימרעכט פאַר פרויען האָבן מיר שוין באַהאַנדלט אויספירלעכער אין די פריִערדיקע ווערק. נאָכן ערשטן וועלטקריג און נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז געגרינדעט געוואָרן די „אסיפת הנבחרים״, אַ כמו־פּאַרלאַמענט אין דער באַנייטער מאַנדאַטאַרישער ארץ־ישׂראל. ס׳איז דאַן אויך אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס רבנות הראשית, מיט הרב ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק זצ״ל, אַלס אַשכּנזישער רב־ראשי.

אויפן סדר־היום איז דאַן געשטאַנען: „בחירת נשים״. די גדולי הרבנים ר׳ יצחק ירוחם דיסקין און ר׳ יוסף חיים זאָנענפעלד זצ״ל האָבן אַרויסגעגעבן אַ טאָפּלטן פאַרבאָט: פרויען זאָלן נישט האָבן קיין שטימרעכט און טאָרן נישט ווערן

אויסגעוויילט. די וועלטלעכע ייִדן האָבן באַקעמפּט דעם דאָזיקן „איסור״. הרב קוק האָט געזוכט אַ פּשרה, כּדי צופרידנצושטעלן אי די סעקולערע, אי די רעליגיעזע תּושבים און אויף זיין גוטן וועג צו לייזן די דאָזיקע „שאלת נשים״. די פּאָלעמיק איז אָנגעגאַנגען בכל תּפוצות ישׂראל און נאָך היינט איז דאָס פּראָבלעם נישט אַראָפּ פונעם רבנישן טיש.

ס׳איז אויך אַ פאַקט, אַז רבנים־פּוסקים און גייסטמענטשן, האָבן אין אַלע צייטן זיך אָפּגעגעבן מיט לייזן פּראָבלעמען פאַר פרויען, איבערהויפּט וואָס שייך עגונה־פּראָבלעמען.

מיר נעמען אין האַנט אַזאַ ספר, ווי שו״ת מהר״י בן לב (מהריב״ל, הר״ס - 1500 — הש״ט - 1580), אַ רב וואָס האָט געלעבט אין איין צייט און געווען אין קאָנטאַקט מיט די גדולי הוראה, ווי ר׳ יוסף קארו, ר׳ יוסף טייטצאַק, מהרשד״ם און אַנדערע. אַ געליטענער און אַ ליידנדיקער, ווען נישט די הילף פון דער נשׂיא־פאַמיליע אין טערקיי — דאָנאַ גראַציאַ און איר איידעם דאָן יוסף נשׂיא — וואָלט ער נישט געקענט אָנהאַלטן זיינע רבנות־שטעלעס. אין זיינע ספרים: וועגן פּראָבלעמען פון יענער צייט, פון יענער סביבה — דער גרעסטער צאָל שאלות ותשובות „עיגונא דאיתתא״ — באַהאַנדלט ער פאַרשיידענע עגונה־שאלות. ער איז דער־צידירנדיק אין זיינע פּסקים און זוכט אַלע מעגלעכקייטן צו העלפן אַזעלכע פרויען. די מערסטע שאלות, מיט וועלכע ער פאַרנעמט זיך, זענען פאַמיליע־פּראָבלעמען: קידושין, גיטין, חליצה אאַז״וו. דאָס זענען מענטשלעכע פּראָבלעמען אין אַלע צייטן. די ענינים „בין איש לאשתו״ זענען נישט געבוירן געוואָרן דווקא אין אונדזער צייט.

איך מאַך אַ שפּרונג איבער יאָרהונדערטער און נעם בלעטערן אין ספר „חבלים בנעימים״ למו״ר ר׳ יהודה לייב גרויבאַרט זצ״ל [65] און וואָס געפין איך אין די פינף חלקים? צענדליקער, אפשר הונדערטער שאלות־נשים און אומעטום שטעלט ער זיך אויף דער זייט פון „כּחא דהיתרא״. אומעטום באַווייזט ער זיך מיט זיין ליבעראַלן בליק, מיט זיין רחמנות־געפיל. ווי דער „איש ההלכה״, מאַטערט ער זיך צו העלפן דער פרוי, צו שטאַרקן דעם שלום־בית.

אין פערטן חלק האָט ער אַ באַזונדערן קונטרס „עגונות״. אין זיין האַרצרייסנ־דיקן צרייַנפיר, שרייבט ער:

„...קול ענות עולה באזנינו, זעקת בנות ישׂראל למאות, אשר בעליהן נלקחו לצבא במלחמת העולם ולא שבו... קול דמי האומללות... עד מתי תעגנה״ און ער קומט צום אויספיר: „מכל האמור יש להתיר העגונות העלובות אם יסכימו לזה שני גדולי ישׂראל...״

ס׳איז אים זייער שווער געווען צו קריגן אַזעלכע צוויי גדולי ישׂראל. דער ראָגאַטשעווער־דינאַבורגער גאון, ר׳ יוסף ראָזן, דער מחבר פון „צפנת פענח״ האָט געענטפערט גאָר בקיצור — לאיסור... דער לובלינער רב, ר׳ אלי׳ קלאַצקין ענט־

פערט אים פון ירושלים (ו׳ עש״ק, פסח שני, תרפ״ט) מתיר צו מאַכן, אָבער מיטן באַדינג, אַז נאָך דריי רבנים זאָלן מסכים זיין צום פסק־הלכה. ער גיט אָן די קאָרעספּאָנדענץ וואָס ער האָט געהאַט מיטן ראב״ד פון בריסק, ר׳ שמחה זעליג, „שידוע ומפורסם שהרב הגאון מאורן של ישראל ר׳ חיים הלוי סאָלאָווייציג סמך עליו בכל עניני השאלות שנשאל ונמלך אתו״.

אין „חבלים בנעימים״ געפינען זיך, ווי געזאָגט, צענדליקער און צענדליקער שאלות ותשובות וועגן פּראָבלעמאַטיש קאָמפּליצירטע משפּחה־אַנגעלעגנהייטן. דער מחבר אַנאַליזירט אַלע פּרטים און באַווייזט אומגעהויערע בקיאות ביים אַרויס־געבן אַ פּסק. וואָס שייך דעם דין „מורדת״, איז ער גאָר אָפט מחמיר און וואָגט אַפילו אָפּצופרעגן דעם מחבר פון ספר־חסידים [66], אויב ער געפינט אַנדערע גדולי הפּוסקים, וועלכע האָבן אַן אַנדער מיינונג. ער שטעלט זיך איין לטובת דער פרוי, וויסנדיק אַז אין מערסטע פאַלן איז עס די שולד פון עם מאַן, ווען די פרוי וויל נישט אַקצעפּטירן אַ גט און ער האַלט זיך שטאַרק ביים חרם דרבינו גרשם, סיידן אין אַזעלכע פאַלן, ווו די פרוי איז די שולדיקע אין צעברעכן אַ יידישע היים [67], דורך פאַרראַטן איר מאַן, דורך לעבן מיט אַנדערע אָדער אין אַזעלכע פאַלן, ווו עס איז אוממעגלעך איינצושטעלן שלום־בית.

די בעלי־הוראה אין אַלע צייטן האָבן תמיד אין זינען געהאַט די מאָראַלישע זייט פון דער הלכה, וועמעס יסוד ליגט אין די ווערטער פון אַ פּסוק אין משלי: „„לשמרך מאשת רע, מחלקת לשון נכריה, אל תחמד יפיה בלבבך ואל תקחך בעפעפיה״ [68] — דיך צו פאַרהיטן פון דער שלעכטער פרוי, פון דער גלאַטער צונג פון דער פרעמדער. זאָלסט נישט גלוסטן איר שיינקייט אין דיין האַרצן, און זאָל זי דיך נישט נעמען מיט אירע ברעמען.

ס׳זענען דעריבער געמאַכט געוואָרן כל מיני סייגים, כדי צו פאַרהיטן פון תאווה וואָס ברענגט צעשיידונג; צו פאַרהיטן פון אויסגעלאַסנקייט און איינצוהיטן די ריינקייט אינעם משפּחה־לעבן. אין דער הלכה זענען באַהאַנדלט געוואָרן אַזעלכע פּראַגעס, צי אַ פרוי וואָס איז „קנין הבעל״, געהערט צו איר מאַן, צי איז דאָס אַ „קנין־כסף, צי אַ „קנין ־ נ פ ש״ — אַ נשמהדיקער קשר צווישן מאַן און פרוי [69], און דערביי, וועגן בושה און פּגם־משפּחה און ענלעכע פאַמיליאַרע פּראָבלעמען. דער זאָג: „כי יצר לב האדם רע מנעוריו״ [70], איז נישט געוואָרן אָפּגעשאַפט מיטן מבול. ער איז געבליבן דער יצר אין דער מענטשלעכער נאַטור. מ׳האָט אָבער געמאַכט תקנות אים צו קאָנטראָלירן, צוריקצוהאַלטן. ס׳איז דאָ אַ מיינונג, אַז מ׳האָט באַקלאָגט דעם יצר וואָס איז אָוועקגעהרגעט געוואָרן [71], ווייל אָן דעם יצר וועט קיין וועלט נישט זיין. מ׳האָט אים אָבער געוואָלט קאָנטראָלירן דורך געהער־ריקע מאָראַלישע געזעצן און געזעלשאַפטלעכע אחריות, כדי דאָס נעגאַטיווע אינעם יצר זאָל ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנסטרוקטיוון עלעמענט, אין אַ שעפערישן

כּוח, ווייל אַנדערש איז נישט מעגלעך די עקסיסטענץ פון דער מענטשהייט. זיי, די חכמי התלמוד, האָבן געוווּסט, „שאלמלא יצר הרע, לא הי׳ אָדם בונה בית ולא נושא אשה, ולא מוליד...״ [72], האָבן זיי זיך באמת אַריינצובערענגען קדושה אין יידישן פאַמיליע־לעבן, אויסצונוצן דאָס פּאָזיטיווע אינעם לעבן פון מאַן און פרוי, אַרויסהייבנדיק די ראָל פון דער פרוי אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער שעפערישקייט, זי זאָל ווערן אַ גלייכער שותף צו דעם מאַנס דערגרייכונגען, און ווו עס טרעפט אַן אומגליק, אַ טראַגעדיע, צו העלפן איר ווי ווייט מעגלעך אין די הלכה־ראַמען. ווי מיר האָבן דערמאָנט, האָבן רבנים זיך אָנגעשטרענגט צו געפינען היתרים אין עגונה־פראַגעס, אויסגעפּאָרשט אַלע איינצלהייטן, בכדי צו דערמעגלעכן דער יידישער פרוי איינצושטעלן אויף ס׳ניי איר לעבן [73].

✶

דער מחבר דערלויבט זיך צו מאַכן אַ ברכה „על המוגמר״, איבערלאָזנדיק געגנוג פאַר אַנדערע, ממשיך און משלים זיין די דאָזיקע אַרבעט, צו דערפירן צו אַ שלימותדיקער פאָרשונג פון משפחהדיקייט, לויט יהדות־אויפפאַסונג.

דער מחבר האָט זיך געהאַלטן ביי דער מעגלעכסטער אָביעקטיווקייט, מיט אַ געהעריקן אַנאַליטישן צוגאַנג צו אַלע פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייכות צום מאַנצבילטום און פרויענטום.

דער מחבר האָט זיך באַנוצט מיט דער פּאָפּולערער הסברה, צו דערקלערן די חז״ל־השקפה, זייערע תקנות און סטאַטוטן אין פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן, אָנ־ווייזנדיק אויך אויף דער פּראָגרעסיווקייט פון משפחה־לעבן ביי יידן.

דער מחבר האָט זיך באַנוצט מיטן פאָלקסטימלעכן יידיש, מיט דער פשוטער טערמינאָלאָגיע, בכדי יעדער יידיש־לייענער, אפילו דער וואָס איז נישט צו פיל באַהאַוונט אינעם לשון יידיש, קען נישט לייענען בחפזון, קען זיך נישט אויס אין די „קליינע פּינטעלעך״, אַז אויך ער, אַזאַ לייענער, זאָל קענען אַריינבליקן און זיך באַקענען מיט די אַנאַליזן און אָנווייזונגען. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט יראת התרוממות און התרוממות הרוח — מיטן ווונטש און יהי רצון, שאזכה ללמוד וללמד...

ס׳האָט אַזוי געטראָפן, אַז דאָס ווערק ווערט פאַרענדיקט אינעם יאָר וואָס איז אָפּגעצייכנט געוואָרן ווי דאָס „יאָר פון דער פרוי״. און פּאַראַלעל דערמיט זענען פאָרגעקומען אַ צאָל געשעענישן דורך וועלכע ס׳איז דעמאָנסטרירט געוואָרן דער אויפלעב פון דער פרוי און איר פירנדיקע ראָל אין דער היינטיקער געזעלשאַפט. ס׳איז באַוויזן געוואָרן ביי די כּל־מיני קאָנפערענצן און סעמינאַרן, אַז נישט געקוקט אויף דער פרויס אַקטיוו אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן קאָן זי אָנהאַלטן איר מוטערשאַפט און די נויטיקע פאַמיליע־וואַרעמקייט.

ס׳האָט אויך געטראָפן, דאָס ווערק זאָל דערשיינען אין ישׂראל, אין אַ צייט ווען די שלום־טייבעלעך פליִען איבער דעם הייליקן לאַנד. לאָמיר האָפן, אַז דער סיני־פּאַקט וועט זיין אַ רעאַליטעט און וועט ברענגען דעם דערוואַרטן, לאַנג־דויערנדיקן, אויפריכטיקן שלום.

דאָס ווערק, צוגעטראָגן דעם ייִדיש־לייענער — און דעם ייִדישן פאָרשער — איז אין אַ געוויסן זין, אַ השלמה צום ציקל „באַציִונג״־סעריע; צו ווייזן די ליכ־טיקייט וואָס שטראַלט אַרויס פון דער ייִדישער עטיק, די קדושה און דערהויבנקייט אין ייִדישן פאַמיליע־לעבן; דער בעסטער סימן אויף דעם גייסטיקן ניוואָ און באַדערפעניש פונעם פאָלק.

דאָס ווערק ווערט אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג י. ל. פּרץ, אַ דאַנק דעם כּוח־המעורר פון דעם איידעלן מענטשן, אברהם מיטלבערג ע״ה. ער האָט ליב געהאַט דאָס ייִדישע בוך בלב־ונפש; ביי אים איז די פאַרלעגערישע אַרבעט געווען גאָר וויכטיק, אַלץ איינס צי דאָס איז געווען אַ פּאָעטיש, אַ ליטעראַריש־קינסטלעריש, אַ היסטאָריש, אָדער אַ רעליגיעז־עסעיִסטיש ווערק. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַ מאמין, אַ גלויביקער אין ייִדיש, באַזונדערס אין דער ייִדישער מדינה — און געטאָן האָט ער, מיט גרויס ליבשאַפט און טיפער אחריות.

נאָך דעם, ווי מיר האָבן פאַרבראַכט אין ירושלים, ביי מיין טאָכטער, און מיר זענען אַרויס אויף אַ שפּאַציר ביחידות, האָט ער מיך דערמוטיקט און מיך געוואָלט איבערצייגן אינעם מאָראַלישן און פינאַנציעלן דערפאָלג פון אַזאַ ווערק. זאָלן די ווערטער דינען לזכרונו און יבלח״ט — אַ דאַנק דעם פאָרזיצער פון פאַרלאַג מ. גערשאָנאָוויטש, דעם פאַרוואַלטער ה. וואַסער און די רעדאַקטאָרן ש. שווייצער און יונה בערקמאַן; זיי אַלע האָבן אַרויסגעוויזן די געהעריקע באַציִונג צום ווערק און צום מחבר.

איך וויל דערביי אויסדריקן אַ דאַנק די פריינד און חברים, וואָס האָבן דער־מעגלעכט אַרויסצוגעבן דאָס ווערק אינעם גרויסן פאַרנעם, און דערמאָנען אייניקע: יוסף (דזשאָ) טענענבוים, באַקאַנטער עסקן און נדבן, פּרעזידענט פון עץ־חיים ת״ת אין טאָראָנטאָ; ד״ר יחיאל (דזשוליוס) קוהל, נדבן פון גרויסן פאַרנעם; שאול סיגלער, פאָרזיצער פון דער אָרטאָדאָקסישער דיוויזיע ביים קאַנאַדער ייִדישן קאָנ־גרעס, צענטראַלער ראַיאָן; יצחק פעלדמאַן, וויצע־פּרעזידענט פון מזרחי אין קאַנאַדע און וויצע־פּרעזידענט פון טאָראָנטאָ ייִדישן קאָנגרעס; ל. י. צוקער, קיו. סי., פּרעזידענט פון דער ישיבה תורת חיים און פוילישן פאַרבאַנד.

אַ באַזונדערן דאַנק דעם ליטעראַטור־פאָנד־קאָמיטעט ביים קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס, דעם פאָרזיצער דוד ע. גיומאַן, קיו. סי. און אַלען ראָוז, דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־דירעקטאָר.

איך האָף, אַז דאָס ווערק וועט דערגרייכן אַ גרעסערע צאָל לייענערס, אַז די קריטיק וועט זיך וואַרעם אָפּרופן... דערמיט ווערט דערפילט אַ שליחות, וואָס ווערט געטאָן מיט ליבשאַפט, מיט ציל־באַוווסטקייט, צו באַלייכטן די יסודות פון פאַמיליע לעבן אין יהדות — וזה שׂכרי.

ירושלים, ל״ג בעומר, תשל״ו

הערות

1 לעמבערגער אויסגאַבע, „הכתר״, לפ״ק, סימן תק״ל.
2 קהלת, י״ב, י״ד.
3 יהואש־איבערזעצונג.
4 הוצ׳ הרב א״א פרייס, חלק ג׳, סימן תתתתש״ג, די גאַר לעצטע אויסגאַבע פון ספר חסידים, געטיילט אין דריי חלקים מיט ביאורים און הערות פון הרב ר׳ אברהם אהרן פרייס און אויך מיטן „מבוא״ פון ר׳ יעקב פריימאַן (פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל אין דער פראַנקפורט־אויסגאַבע פון תרפ״ד.
5 ישעי׳ מ׳, י״ג.
6 אין די שפּעטערע אויפלאַגעס, ווייזט אַז הרב פרייס, האָט מען צוגעגעבן די ווערטער: „וכמה ספרים יעשה...״
7 קהלת, י״ב, י״ד.
8 משנת אברהם, ספר חסידים, דאָרט, אות ו׳.
9 קהלת, דאָרט, פסוק י״ב.
10 לויט תנ״ך, תלמוד, יהדות און ליטעראַרישע שטודיעס, צוויי בענד, אַרום 13 הונדערט זייטן, בועגאָס איירעס, אַרגענטינע, התשכ״ח־התשכ״ט (1968-1969).
11 ברכות, ז׳, ע״ב; רש״י, פ׳ ויצא, בראשית, כ״ט, ל״ב.
12 בראשית, ב׳, כ״ב.
13 נדה, מ״ה, ע״ב.
14 „עץ חיים היא למחזיקים בה״ — אַ לעבנסבוים איז זי, פאַר די וואָס האַלטן די תורה... משלי, ג׳, י״ח.
15 קהלת, ט׳, ט׳.
16 בראשית, ח׳, כ״א — די טראַכטונג אינעם מענטשנס האַרץ איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן.
17 רש״י, בראשית, אויפן אָרט; זע, סוכה, נ״ב, ע״ב; חגיגה, ט״ז, ע״א; קידושין, ל׳, ע״ב.
18 ויקרא, י״ח, כ״ז־כ״ח; כ׳, כ״ג א״אַ.
19 אין תלמוד און אין די מוסר ספרים.
20 פסיקתא רבתי, מ״ו, א׳; תנחומא, תשא, ל״א.
21 מיכה, ו׳, ח׳.
22 משלי, כ״ג, ל״א. דער כתיב, געשריבן איז, בכיס וואָס מיינט בייטל, אָבער לייענען לייענט מען בכוס, וואָס מיינט גלעזל...
23 זע, ראובן מרגליות, שם עולם, עמ׳ נ״ז, אַז דאָס איז די מיינונג פון רב אסי.
24 יומא, ע״ד, ע״ב־ע״ה, ע״א; מכות, כ״ד, ע״א־ע״ב.
25 תהלים, מ״ה, י״ד — „כל כבודה בת מלך פנימה״. זע, אנציקלופדיה תלמודית, ערך „אשה״, חלק ב׳, עמ׳ רנ״ו.
26 יבמות, ס״ב, ע״א; כתובות, ס״א, ע״א; ס״ה, ע״ב; נ״ט, ע״א — רש״י אויפן אָרט; רמב״ם, אישות, טו, י״ט; דעות, י׳.
27 תנא דבי אלי׳ פרק ט׳ א״אַ מקומות.

28 איוב, ה׳, כ״ד.
29 בבא בתרא, ט׳, ב׳; קמ״א, ע״א.
30 זע, תוספות יו״ט און תפארת ישראל וועגן דין צי מ׳קען מקנה זיין צו נאָכנישט-געבוירענע קינדער, „המזכה לעובר לא קנה״... אַ פּאַטער האָט יאָ רעכט!
31 ב״ב, קט״ז, ע״א-ע״ב; קמ״א, ע״א.
32 דאָרט, באריכות. ר׳ חנינא דרשנט דעם פסוק „אשר אין חליפות למו״ — זה שאינו מניח בן ליורשו״.
33 זע, רש״י, ב״ב קמ״א, ע״א: „שלא נתקיימו לו בנים״... און פירט אויס: „ולא נתיישב לי יפה לפי דעתו של רב חסדא״. תוספות איז מחולק אויף דעם טייטש און ווייזט אָן, אַז ער האָט געהאַט אַ צאָל זין (רעכנט אויס זעקס). ער האָט זיך אויסגעדריקט מיט באַגייסטערונג וועגן זיינע טעכטער, ווייל זיי האָבן חתונה געהאַט מיט מענער גדולי התורה: רבא, רמי בר חמא, מר עוקבא בר חמא. זיי אַליין, די טעכטער זענען געווען געבענטשט מיט שיינקייט, געלערנטקייט, מיט חכמה — אויספירלעכער אין מיינע ווערק.
34 בראשית, כ״ד, א׳; ב״ב, ט״ז, ע״ב; במדבר רבה, י׳, ד׳; די געוויינלעכע גירסא, צוויי מיינונגען: ר׳ מאיר און ר׳ יהודה. דער לעצטער זאָל האַלטן, אַז אברהם איז געווען געבענטשט מיט אַ טאָכטער און איר נאָמען איז געווען ב כ ל. אַ צווייטע גירסא: „אחרים אומרים בת היתה לו לאברהם ובכל שמה״ — איז דאָס אַ דריטע מיינונג. זע, גליון הש״ס — רעק״א — אויפן אָרט.
35 זע, מהרי״ל איגר, תורת אמת, פ׳ חיי שרה.
36 ב״ב, דאָרט. זע דברי ישראל, אדמו״ר ר׳ ישראל טויב, ממודזיץ, לובלין, תר״ס-תרס״ד, פ׳ חיי שרה, עמ׳ ל׳-ל״ב. ס׳איז אויך אַ דעה, אַז די ברכה ביי אברהם אָבינו איז געווען: „שלא מרד עשו בימיו״...
37 ב״ב, דאָרט; תוספתא, קידושין, ה׳ — דאָרט זענען נישטאָ די ווערטער „ובכל שמה״. וועגן דעם אַז אברהם אבינו האָט מקיים געווען אַלע מצוות, געפינט מען אין אייניקע גירסות, „אַפילו עירובי תבשילין״; אין אַנד. „אַפילו עירובי חצרות״ און אין אַנד.: „אַפילו מצוה קלה שבעל פה״. זע, בראשית רבה, מ״ט, ב׳; ס״ד, ד׳; צ״ח, ג׳; ויק״ר, ב׳, ט׳. מ. א. מירקין איז מסביר, אַז ביידע גירסות זענען ריכטיק. זע אויך תנחומא לך א״אַ מקומות.
38 איך האָב נאָכגעקוקט אין די פאַרשיידענע „שמות נשים״ און נישט געפונען אַזאַ נאָמען. אַ חידוש, וואָס ד. מ. הרדוף, אין זיין „ילקוט השמות״ האָט נישט אויפמערקזאַם גע-מאַכט וועגן דעם נאָמען, וואָס נאָך אַלעמען איז דאָ אַ מיינונג וועגן אַזאַ נאָמען. ער גיט דאָך אָן, ווי עס זאָגט זיך אינעם שער-בלאַט „שבתנ״ך ו מ ד ר ש י ה ם״. ער גיט אָן דעם נאָמען „ג ת שהן דשין אמו״ (של גלית בגת), גענומען פון ילקוט שמעוני און אַזוי אַ סך אַנדערע נעמען גענומען פון מדרשים.
39 בבא בתרא, קמ״א, ע״א.
40 סנהדרין, נ״ח, ע״ב.
41 רש״י, תולדות: „המתין לה עד שתהא ראוי׳ לביאה ג׳ שנים ונשאה״.
42 חתם סופר — תורת משה על התורה, סוף פ׳ חיי שרה.
43 יומא, כ״ח, ע״ב. אויפן וואָרט „ותורותי״, ווערט געדרשנט: „קיים אברהם אבינו אפילו עירובי תבשילין, שנאמר תורותי אחת תורה שבכתב ואחת תורה שבעל פה. רש״י אין חומש קאָמענטירט: „...להביא תורה שבעל פה הלכה למשה מסיני״ און דאָ, „שאינו הלכה למשה מסיני אלא תקנת סופרים שעתידין לתקן״. די משנה, סוף קידושין לערנט: „מצינו שעשה שקיים) אברהם אבינו את כל התורה כולה״. זע, גליון הש״ס, רעק״א, ב״ב ט״ז, ע״ב; קמ״א, ע״א א״אַ.
44 פרי צדיק, חיי שרה, אות ב׳.
45 בראשית, כ״ב, ח׳. רש״י: „ואעפ״י שהבין יצחק שהוא הולך לישחט, וילכו שניהם יחדיו בלב שוה״. זע אויך כלי יקר, אויפן אָרט.
46 נדה, ל״א, ע״א.
47 ברכות, ל״ה, ע״ב. אין זוהר, אומצייליקע מאָל.

48 יבמות, ס״ב, ע״ב-ס״ג, ע״א; ב״ר, י״ז, ב׳; קה״ר, ט׳, ז׳; זהר, א׳, נ״ה; ג׳, ה׳ א״אַ.

49 זע רש״י, אויפן אָרט „לנוכח״ און „ויעתר לו״...

50 כתובות, ס״ג, ע״א.

51 דאָרט, דאָרט, און קי״א, ע״ב.; נדרים, נ׳, ע״א; אבות דרבי נתן, פרק ו׳; א״אַ מקומות.

52 זע, נתן מאַרק, הרב דר. י. נאַכט, חכמת ישראל במערב אירופה, כרך שני, הוצ׳ „עוגן״ ירושלים, תשכ״ג-1963, ז״ז 190-191.

53 בראשית, ז׳, צ״ג.

54 אָנהייב, דברים.

55 בראשית, ד׳, א׳; זע, יהואַש-איבערזעצונג.

56 סוטה, י״א, ע״ב; במדבר רבה, ג׳, ו׳: „על שהרחיקו עצמן מן הזנות... בזכותם אני גואל את בני... בכושרות... בזכות הנשים, האמהות הכשרות...״

57 שיר השירים, א׳, ט״ז, חיד״א — אויפן אָרט.

58 מחלוקת צווישן ר׳ אליעזר און בן עזאי — סוטה, ג׳ ד׳; כ׳-כ״א.

59 חלק ב׳, סימן תתל״ה און סימנים, תתתש״א-תתש״ב; משנת אברהם, אויפן אָרט, עמ׳ קמ״ב-קמ״ג און חלק ג׳, עמ׳ קס״ו-קס״ח. גיט אָן מקורים.

60 די „אשת לפידות״ ווי מפרשים טייטשן... „זריזה במעשיה כלפיד אש״ — מצודת דוד און מלבים.

61 זע: תוספות, יבמות, מ״ה, ע״ב, אָנהייב-וואָרט, מי לא טבלה; גיטין, מ״ח, ע״א, אָנהייב-וואָרט, „ולא לפני״; שבועות, כ״ט, ע״ב, אָנהייב-וואָרט, „שבועת העדות״. אין שו״ת „שואל ומשיב״, מהדורא רביעא, חלק ג׳, סימן מ״א, ווערט דער ענין באַהאַנדלט. אין „חבלים בנעימים״ און אין „ימין ושמאל״ למו״ר ר׳ יהודה לייב גרויבאַרט, ווערט די פראַגע באַהאַנדלט הלכהדיק און לויט יהדות-אויפפאַסונג.

62 זע, הרב כתריאל פישל טכורש, „על מניעת נשים מגבאות בבית הכנסת״, הדרום, ניו-יורק, חוב׳ מ״ב, תשרי, תשל״ו.

63 מגילה, י״ד, ע״א.

64 זע, הדרום — דאָרט.

65 הוצ׳ שניה, פעלדהיים, ירושלים, תשל״ה, ב׳ ברכים, ה׳ חלקים.

66 ספר חסידים, סימן תתשי״ז; חבלים בנעימים, חלק ב׳, סימן מ״ח; חלק ג׳, סימן מ״ג; סימן ס״ז; חלק ד׳, סימן מ״ז, מ״ח א״אַ.

67 אין אַ צאָל סימנים — באַטאָנט ער דעם דאָזיקן פאַקט.

68 ו׳, כ״ד-כ״ה.

69 חבלים בנעימים, א׳, סוגיא ה׳, עמ׳ י״ד, ע״א-ע״ב; עמ׳ ב״ד-כ״ה.

70 בראשית, ח׳, כ״א.

71 סוכה, נ״ב, ע״א.

72 בראשית רבה, מירקין אויסגאַבע, ט׳, ז׳; יומא, ס״ט, ע״ב און אַנדערע. אגדות, אויף ביישפילן וועגן נוצלעכקייט פונעם יצר.

73 זע, הרב אברהם צבי הלוי רבינוביץ, „לבעית העגונות...״ הדרום, תשרי, תשל״ו, ז״ז 28-45. ער גיט איבער חידושים און אויפטועןן פון הרב הראשי ר׳ שלמה גורן שליט״א לטובת די פרויען פון געפאַלענע על קידוש השם.

קאַפּיטל איינס

צוזאַמענבונד פון מאַן און פרוי

א. יצר פון יצירה. — תּאווה און מאַראַלישער יסוד. — גענוס און עסטעטיק. — פאַרמעסט פון פּוחות. — נחש און סטרא אחרא. — באַפרידיקונג פון „פּריה ורביה". — ברכה אין יצי־רה. — קללה אין תּאווה. — ווי צו באַהערשן שלעכטע פּוחות.

באַלד אין „בראשית"־פּראָצעס, ביים באַשאַף פון אָדם דעם זכר און חוה די נקבה, דערציילט אונדז די תּורה, אַז אָדם דער זכר האָט נישט געפונען קיין באַפרידיקונג אין זיין לעבן אָן אַ חוה, אָן אַ נקבה פון זיין מין און אַז נאָר דורך דער אינטימקייט מיט זיין מין, וואָס איז אַ „ריפּ" פון אים — „כי מאיש לקחה", האָט ער זיך באַפרידיקט.

נאָכן פּראָצעס פון דעו׳ „שלאָף־יצירה", ווען ער האָט געקראָגן אַ פרוי — „עצם מעצמי" — (אַ ביין פון מיינע ביינער), האָט ער אין איר דערזען אַ חבר און עזר אין לעבן. דורך אינטינ׳ער דערקענטעניש — „והאדם ידע את חוה אשתו" [1], האָט ער זיך באַפרידיקט, געשטילט די נאַטיר־לעכע ליידנשאַפטן, דערפילט די נאָרמאַלקייט פונעם יצירה־פּראָצעס מיטן מקיים זיין דעם „פּרו ורבו" לויטן געטלעכן באַפעל. פון דאַן אָן איז די יצירה געוואָרן אַ מענטשלעכע: דורך אייגענעם בלוט און פלייש, מיט מוח און נשמה און מיט דער שותּפות פון רבונו של עולם.

אָדם הראשון האָט געקראָגן תּאווה, ווען דער באַשעפער האָט פאַר אים גע־בראַכט אַ חוה, אויסגעפּוצט און געצירט אין פיר־און־צוואַנציק תּכשיטין [2]. די תּאווה איז אָבער געווען אַ ריינע, אַ הייליקע, אָן פּגימות; עס איז געווען תּאווה באַזירט אויף הייליקע טרוימען, אויף באַרעכטיקטע שטרעבונגען, ווי די עפּאָכע פאַר דעם עץ הדעת און פאַר דער נחש־אינטערווענץ.

אויף אַן אַנדער אָרט [3] האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ביבלישער אויפפאַסונג פונעם באַשאַף פון דער פרוי, ווי די אגדה פאַרנעמט זיך מיט קאָמענ־טירן און פעסטשטעלן דעם גענעאָלאָגישן גאַנג פון אָט דעם בראשית־פּראָצעס, ווי אַזוי די חז״ל האָבן זיך אויסגעדריקט וועגן געבוי פון דער פרוי, וועגן איר פיגור, וועגן איר חן און רייץ [4]. דער רבונו־של־עולם האָט זי געצירט, כּדי צו וועקן תּאווה ביי אָדמען. ווען די תּאווה איז אָבער געקומען דורכן נחש, אַ מיאוסע תּאווה, דאַן איז געקומען דער האַרבער עונש — עונש פון מיתה.

פריִער האָט דער רבונו־של־עולם זיך מתעסק געווען מיט שטעלן אָדמען צופרידן, געצירט חוהן, אָנגענומען די שעמעוודיקע חוה ביי דער האַנט און זי געבראַכט צו איר מאַן, זיי פשוט געוויזן, ווי זיך „צו פּאָרן" — תאווה דורך קדושה — געלערנט מיט אָדמען דעם דין פון „מקדש אָדם את בת חברו"... אַז דער מענטש קאָן זיך קויפן, שאַפן די „שושבין" וועלכע זאָלן אים פירן צו דער כלה [5]. נאָך מער, דער מאַן דאַרף אַליין זיך אויסזוכן זיין געליבטע, זי מקדש זיין, פּראַווען אַ שמחה — אָבער אַלץ מוז זיין אויפן יסוד פון נאַטירלעכקייט, משפחהדיקייט, ווי די חז"ל קאָמענטירן: „ודבק — ולא בזכר"; „ולא באשת חברו"... און „והיו לבשׂר אחד" — „מי שנעשׂין בשׂר אחד, יצא בהמה וחיה שאין נעשׂין בשׂר אחד" [6]. האָמאָסעקסואַליזם איז פאַרבאָטן, ווייל עס איז נישט קיין נאַטירלעכע באַציִונג און די באַהעפטיקונג קאָן נישט ברענגען קיין פרוכט. ס'איז פאַרבאָטן צו לעבן מיט אַ פרוי וועלכע איז פאַרקנסט צו אַן אַנדער מאַן — אַזאַ באַהעפטונג קאָן דעמאָראַליזירן די געזעלשאַפט און צעשטערן דאָס משפּחה־לעבן. ס'איז פאַרבאָטן צו לעבן מיט בהמות און חיות, ווייל דאָס וואָלט דעגראַדירט די מענטשהייט צו דער נידעריקסטער שטופע; דאָס וואָלט חרוב געמאַכט די ציוויליזאַציע.

דער רמב"ם [7] דערקלערט, פון טעאָרעטישן און פּראַקטישן זין, די געפאַר פון אַזאַ דעגראַדאַציע. רש"י, אין זיין פשוטן לשון (אויף וועלכן ס'זענען דאָ תלי־תלים של הלכות, באַזירט אויף תלמודישע שטעלן און אויף ראשוני הפוסקים) גיט צו מאַטיוון, פאַר וואָס עס איז אַזוי האַרב אַנגעזאָגט געוואָרן דער דאָזיקער פאַר־באָט, וואָס איז חל נישט בלויז אויף ייִדן, נישט בלויז אויף זרע אברהם, נאָר מיט דער זעלביקער האַרבקייט אויף די בני נח — אַלץ צוליב דעם רצון פון בורא די וועלט און די מענטשהייט זאָלן קענען עקזיסטירן.

דער געבאָט „לשבת יצרה" מיינט, אַז דער באַשאַף איז געווען פאַר המשך און קיום המין, דעריבער מוזן די אינטימע געשלעכט־באַציִונגען זיין באַזירט אויף ברענגען פרוכט, און פרוכט קומט בלויז דורך זרע פון נאָרמאַלער באַהעפטונג. אַן אומנאָרמאַלע געשלעכט־באַהעפטונג איז גורם דאָס פאַרקערטע און ווערט במילא אַ פאַרברעך קעגן דעם ערשטן געטלעכן באַפעל: „פּרו ורבו" [8], וועגן וועלכן מיר וועלן זיך באַזונדערס אָפּשטעלן.

פאַרשטייט זיך, אין דער הלכה און אין דער רבנישער ליטעראַטור האָבן מיר אומצייליקע פרטים אין שייכות מיט די דיני אישות, ווי אַזוי ס'ווערט לעגאַלי־זירט אַ הייראַט, ווי אַזוי אַ פרוי ווערט באַטראַכט אַלס אָנגעהעריקע צו אַ מאַן און ס'איז איר פאַרבאָטן צו וווינען און צו לעבן מיט אַן אַנדער מאַן — אָבער דאָס איז נישט דער ציל פון דער דאָזיקער אַרבעט. מיר ווילן אָנווייזן אויף דעם חילוק צווישן אַ ייִדישן בונד לויט דער תורה און דער צוגעבונדנקייט ביי אַ ניט־ייִד, ביי אַ בן נח, אין אוראַלטערטום.

דער רמב״ם [9], אין זיין געבן דעם יסוד פון פאַמיליע־לעבן און די אונטער־שיידן פון פאַר און נאָך מתן תורה, גיט אָן אַ קיצור פון אָט די חלוקים: פריִער, פאַר מתן תורה, ווען אַ מאַן האָט באַגעגנט אַ פרוי אין גאַס און בײדע האָבן אײנ־געשטימט, האָט ער זי געגומען צו זיך אַהיים, געלעבט מיט איר און זי איז גע־וואָרן זיין פרוי [10]. ווי די נושאי־כלים אַרום דעם רמב״ם זענען עס מסביר, איז ביי אַ ניט־ייִד געגוג געווען בלויז צו לעבן מיט דער פרוי אינטים און פון יענעם מאָמענט אָן, אויב אַן אַנדער מאַן באַרויבט אים פון דער ליבע און לעבט מיט דער פרוי, קומט אים טויטשטראָף״ [11].

נאָך מתן תורה, ווען ייִדן האָבן אויף זיך גענומען מקיים צו זיין תורה מסיני, זענען זיי אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז אויב אַ ייִד וויל חתונה האָבן, וויל לעבן מיט אַ פרוי, מוז ער זי קונה־זיין פאַר עדות, און ערשט נאָך דעם, ווערט זי זיין פרוי [12]. די „לקוחין״, דאָס נעמען אַ פרוי אויף דעם אופן, איז אַ מצות־עשה פון דער תורה און די דאָזיקע קניה — פסקנט דער רמב״ם — קאָן געמאַכט ווערן אויף דריי אופנים, לויט דער משנה [13] און תלמוד: דורך ביאָה (געשלעכטלעכע באַציִונגען), דורך שטר (ווי מיר האָבן הײנט די כתובה) און דורך כסף — אײנפאַך געלט. די ערשטע צוויי זענען פון דער תורה; דער לעצטער אופן פון מקדש זיין אַ פרוי איז מדברי סופרים, פשוט מיינט עס — אַ תקנה פון רבנן...

די מפרשים אויפן אָרט [14] שטעלן זיך אָפּ אויף דעם שווערן רמב״ם, ווייל, ווי מיר ווייסן, איז די געלט־קניה אויך לויט דער תורה. ס'איז דאָ אַ גזירה־שוה „קיחה־קיחה״, וואָס מיינט, אַז לויט דער תורה מעג מען קויפן אַ פרוי פאַר געלט... דער אויספיר איז, אַז ביים רמב״ם ווערט מיט „דברי סופרים״ געמיינט, אַז עס איז נישט מפורש אין דער תורה, נאָר מען לערנט דאָס אַרויס פון פאַרגלייכן אויסדרוקן, אָדער פסוקים פון דער תורה צו באַשטעטיקן אַ געבאָט.

מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין די דאָזיקע ניואַנסן און אַוודאי נישט אין די לאַבירינטן פון הלכהשע פיינקטלעכקייטן. דער פאַקט איז, אַז ס'איז מיט דער צייט איינגעשטעלט געוואָרן אַ סיסטעם פון מקדש זיין אַ פרוי אויף דעם דרייַ־פאַכיקן אופן: שטר, כסף און ביאָה, און — אַלס צוגאָב — די חופה!

פאַר מתן תורה — ווייזט אָן דער רמב״ם — איז דאָס אינטימע לעבן מיט אַ „קדשה״ — אַ פרוי וואָס איז גרייט צו לעבן מיט פיל מענער, אין אונדזער לשון: אַ פּראָסטיטוטקע — נישט געווען פאַרבאָטן. די תורה האָט פאַרבאָטן צו האָבן געשלעכט־פאַרקער מיט אַ זונה, מיט אַן אויסגעלאַסענער פרוי, און דער וואָס איז עובר אויפן דאָזיקן פאַרבאָט, קומט אים מלקות (39 שמיץ). וועגן אַ פלגש — ווױנען מיט אַ פרוי אָן חופה־וקדושין, אָבער מיט דער זיכערקייט אַז זי איז אים געטריי און פאַרקויפט נישט איר קערפּער צו אַנדערע מענער — איז אַ פראַגע ביי פוסקים [15]. נאָר מיר פאַרנעמען זיך נישט מיט הלכה. וואָס אונדז אינטערע־

סירט, זענען די תקנות, די סטאַטוטן פון פאַמיליע־לעבן, די טהרת המשפחה, וואָס די תורה און שפּעטער די נביאים מיט זייערע נאָכפאָלגערס, די תּנאים און אמו־ראים, האָבן געוואָלט באַזאָרגן פאַר דורות, כּדי צו הייליקן און מאָראַליזירן דאָס פאַרבינדן מאַן מיט פרוי, און דערמיט דערהייבן גייסטיק די מענטשהייט. מ׳האָט געוואָלט אָוועקנעמען דאָס חיהשע, די ווילדע געשלעכטלעכע תאווה און עס באַ־צירן מיט די פיר־און־צוואַנציק תּכשיטין פון מענטשלעכער באַנעמונג.

אין שפּעטערע דורות האָט מען אײַנגעפירט: חופּה, שבע ברכות: ברכת חתנים, אירוסין ונשואין, „ואסר לנו את הארוסות והתיר לנו את הנשואות״... און אַז „כלה בלא ברכה אסורה לבעלה כנידה״ [16].

אין שפּעטערע דורות איז אײַנגעפירט געוואָרן דער מנהג פון מקדש זײַן בטבעת, מיט אַ רינגל, מיט צוזאָגן, בכתב, דעם „מוהר הבתולות״. און עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער טעקסט פון דער כּתובה [17].

די תורה צילט מתקן צו זײַן דעם מענטש מיט תּיקון הגוף און תּיקון הנפש. לויט דעם בעל המורה [18] קאָן מען קומען צו אָט דעם תּיקון, ווען מען פאַראייניקט אויף אַ האַרמאָנישן אופן צורה מיט חומר, שלימות הגוף וואָס ברענגט צו שלימות הנפש. דער נחש, אָדער סמאל, ווי ער ווערט גערופן ביי מקובלים, האָט די דאָ־זיקע שלימות צעשטערט (לכל הפּחות געפּרוווט צעשטערן) און איבערגעגעבן דעם מענטשן צום גורל פון תאווה און יצר; האָט די תורה געזוכט צו צוימען דעם יצר, דורך אַ געזונט און געהייליקט ייִדיש פאַמיליע־לעבן: פאַרבאָטן אַ קדשה מיט דער הילף פון קדושה.

דער רמב״ם גייט אַזוי ווייט אין דערקלערן דעם תּכלית פון תורה־מאָראַל, אַז אויך די מצוה פון מילה איז געקומען בכדי צו שטילן תאווה, „להשלים חסרון המדות״, שוין אָפּגערעדט פון די דינים נידה און אַנדערע טהרה־ענינים. אַלץ האָט געצילט צו פאַרזיכערן די אמונה אין אחדות האלקות, די אמונה אין ד׳ אחד, וואָס קאָן געזיכערט ווערן נאָר דורך רייניקן און לייטערן זיך אין די סעקסועלע באַציִונ־גען און מיט דער הילף פון מקיים זײַן אַלע מצוות וואָס זענען באַשטימט „לצרף בהן את הבריות״.

אינעם זעלביקן גייסט, נאָר אין אַנדערע טערמינאָלאָגישע אויסדרוקן, פאַר־נעמט זיך ר׳ יהודה הלוי (ד׳תתל״ה - ד׳תתק״י 1150 - 1075) אין „כוזרי״. ער ווייזט אָן אויף דער באַהעפטונג פון אַקטיוון שׂכל (שׂכל הפועל) מיטן פּאַסיוון, אַז דער־מיט קאָן מען פאַרפיינערן די איברים און נישט לאָזן זיי פריי אויסצופירן קער־פּערלעכע, אומקאָנטראָלירטע תאווהדיקע פונקציעס [19]. אַזאַ קאָנטראָל ענדערט די אייגנשאַפטן ביים מענטשן און ברענגט אים צו דערגרייכן זיטלעכע מעלות, אויף וועלכע ער דערהייבט זיך איבער אַלע בעלי חיים — און וועגן דעם ווייטער.

ב. נאָך דער גרויסער אי־דיליע. — פרוי און נחש. — קנאה און תאווה. — זינד פון עץ הדעת.

נאָך דער גרויסער אידיליע פון צוזאַמענלעבן, פון נאַטירלעכן „ודבק״, פון ניט שעמען זיך מיט נאַקעטקייט מצד דעם זכר און נקבה — איז געקומען דער נחש מיט קנאה און תאווה און האָט צעשטערט די אידיליע, צעשטערט די שלווהדיקייט.

די ראָמאַנטיק ביי אָדם הראשון איז איינגעהילט אין שלייער פון מיסטעריע און פאַרוועבט מיט זיידפעדעם אין שיר־השירים־געזאַנג, ווי עס דריקט זיך אויס איינער פון די מיטל־עלטערלעכע פייטנים ענן בר מרינוס, אין זיין „ליבע אין זומער״:

אין עס פלעכטן זיך צווייַגן אין ליבשאַפט,
און זיי פרעסן זיך איינער אין צווייטן;
און די טויבן אויף שפיצן פוןביימער
וואָרקן ליבע אַרונטער אויף ביימן״ *.

נאָכן פרילינג איז געקומען דער זומער. דער זומער ביים עץ הדעת האָט קיין גליק נישט געבראַכט דער ערשטער ראָמאַנטישער פּאָר.

די ראָמאַנטישע התלהבות, די ליבע־פאַנטאַזיעס, דער עקסטאַז פון דער ערשטער ליבע, האָט זיך געלאָשן מיטן אָנקום פון די טעג נאָך דער יצירה; אַ נייער לעבנסגאַנג איז נגזר געוואָרן אויף דער מענטש־יצירה. די ראָמאַנטיק וואָס איז געווען פאַרוואָרצלט און פאַרוועבט אין דער קאָסמאָגאָניע, איז מיט אַ מאָל אָפּ־געריסן געוואָרן ביים „פרדס״. דער נחש האָט זיך פאַרמאָסטן צו שטעלן אין סכנה די מענטש־יצירה און צורה; פאַרניכטן זיין „אצילות״, זיין צעשטראַלטקייט, דורך זינלעכער תאווה, דורך פאַרטעמפן זיין געהער, דורך באַשעדיקן דעם מענטשנס „חלק אלוקי ממעל״.

חוהס תאווה האָט צעשטערט דעם גייסטיקן מאַניזם; האָט איבערגעריסן די אָרגאַנישע תמימות; האָט אַריינגעוואָרפן דעם מענטשן אינעם נעץ פון אומטריי־הייט, וואָס האָט געפירט צום טויט פון ליבע.

ביז דעם חטא־קדמון איז דער געבאָט „פרו ורבו״ געווען נישט בלויז אַ פיזיאָלאָגישע, נאָרמאַל אָרגאַנישע נויטווענדיקייט פאַר המשך — אַ פונקציע וואָס

* איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ.

זאָל פאַרזיכערן צוקונפטיקע דורות, נאָר האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די מיסטע־ריע פון יצירה: „איש ואשה שכינה ביניהם"...[1]

איז געקומען דער נחש־סמאל, געבראַכט גרענעצלאָזע תאווה און מיט זיך די אייביקע קללה וואָס הערשט איבערן מענטשן. חומר און צורה מוזן זיך באַהעפטן, לויט קבלה, איז חומר די נקבה און צורה דער זכר... ווען אָבער די פונקציע ווערט פאַרוואַנדלט אין גײַציג נאָך תאווה — דאָן איז נישטאָ קיין שיעור, מען קען זיך נישט זעטיקן: „אוהב כסף לא ישבע כסף..."[2], און אַזוי בײַ אַלע תאוות...

ווען אַ מאַן לאָזט זיך אַרײַן אין זנות, אין פאַרבאָטענער צוזאַמענבאַהעפטונג, קאָנען אים די זונות אומברענגען בעת זײַן תאווהדיקער לוסט. אַזאַ זכר ווערט באַ־צייכנט אין דער תלמודישער טערמינאָלאָגיע — „גברא דנשי קטלוהו". די חכמי התלמוד, אין פאַרענטפערן פינחסעס קנאות בײַ דער מעשה פון זמרי בן סלוא און כזבי בת צור, גיבן אָן דעם טעם פון „גברא קטילא קטל". דערמיט טײַטשן זיי אויס די טאָפּלטקייט: „המוכה אשר הוכה"[3].

אויפן פסוק „ודבק באשתו"[4], ווי דערמאָנט, ווערט געדרשנט[5] — „ולא בזכר" — פאַרבאָט אויף האָמאָסעקסואַליזם, און „באשתו — ולא באשת חברו" — פאַרבאָט צו לעבן מיט אַ פרוי, וועלכע האָט צוגעזאָגט טרײַהייט און לאָיאַלקייט צו אַן אַנדער מאַן.

צענדליקער פאַמיליאַרע דינים לערנט מען אַרויס פונעם פסוק „על כן יעזוב..." מערסטנס — די פערווערזע געשלעכט־פּראַקטיצירונג, ווי משכב־זכר, משכב עם בהמה וחיות[6] און אַזוי ווייטער. בײַ אַ נאָרמאַלן געשלעכט־פאַרקער קאָן זיך אויך טרעפן, אַז די אינטימקייט זאָל נישט ברענגען קיין פּרוכט; אָבער אין אַזאַ פאַל, ווען די באַהעפטונג איז אויף אַ נאָרמאַלן, מאָראַלישן אופן, איז דער ענין איבער־געגעבן צו דער געטלעכקייט, צום כוח פון באַשעפער, וואָס איז לויט דער אגדה דער דריטער, אָבער מעכטיקסטער כוח, וואָס באַהערשט די צוויי כוחות פון מוטער־פאָטער.

איינער פון די אָנגעזעענסטע חסידישע רביים שרײַבט:

„די ערשטע מצוה פון תרי"ג מצוות איז דער געבאָט פון פריה ורביה; און די דאָזיקע מצוה איז אַ כלל פאַר אַלע מצוות, אַז דער מענטש קען זיי נישט מקיים זײַן בשלימות אָן דער הילף, כוח און פעולה פונעם באַשעפער"[7].

ווען דער פאַרקער צווישן מאַן און פרוי איז אויף אַ נאַטירלעך הומאַניש־מאָראַלישן אופן, איז עס אַ קדושהדיקער צוזאַמענבונד און די ברכה הערשט איבער דעם דאָזיקן זיווג. די פרוי, דער פּאַסיווער חלק אין דער דאָזיקער שלימות־דיקייט, ווערט דערהויבן: דער מאַן דאַרף זי באַהאַנדלען מיט דער גרעסטער צאַרטקייט, נאָכגעבן איר די פאַרגעניגנס פון לעבן; זי ווערט אָנערקענט אַלס מוטער פון אַלע לעבעדיקע...

„ויקרא האדם שם אשתו חוה, כי היא היתה אֵם כל חי״ [8] — און אָדם האָט גערופן דעם נאָמען פון זיין ווייב חוה־לעבן, ווייל זי איז געווען די מוטער פון אַלעם לעבעדיקן. חז״ל קאָמענטירן: „לחיים נתנה ולא לצער״ [9], אַז זי איז „עולה ואינה יורדת״ — זי גייט אַרויף העכער און העכער, לויטן מאַנס מעגלעכקייטן, אָבער נישט צו נידערן, נישט צו קאַרגן אויף איר חשבון. זי האָט רעכט צו גע־ניסן פון זיינע פּריווילעגיעס, פון זיינע זכותים, אָבער נישט צו ליידן פון זיינע קאַפּריזן.

ווי מפרשים גיבן צו [10], האָט קיינער נישט קיין רעכט מוסיף צו זיין צו דער קללה, וואָס די פרוי האָט שוין געקראָגן געגנוג ביי דער זינד פון נחש־און־עץ־הדעת. אדרבה, מען דאַרף מיט אַלע מעגלעכקייטן איר פאַרלייכטערן און מאַכן אָנגענעם, ליב און אינטערעסאַנט איר לעבן.

ס׳זענען דאָ, פאַרשטייט זיך, אגדות וואָס זעען אין דער חוה — אַ „חיוויא״, אַ „שלאַנג״ [11], ווייל דורך איר אַקט מיטן שלאַנג, איז געקומען טויט אויף דער מענטשהייט.

די תורה־שבכתב און שבעל פה באַמיט זיך צו שאַפן און אָנצוהאַלטן אַ גע־זונטע שטענדיקע ליבע צווישן מאַן און פרוי, לויט הומאַניסטישע און מאָראַלישע פּרינציפּן: נאָענטקייט וואָס ברענגט פּרוכט, המשך און לעבן... חוה האָט עס געדאַרפט פאַרפולקומען דעם יצירה־פּראָצעס.

די פרוי ווערט דעריבער אַזוי אָנזעעוודיק אין „בראשית״, אינעם באַגין פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, אַז דער באַשעפער אַליין האָט זיך פאַרנומען מיטן אַרויסברענגען איר פעמינישקייט. דאָס „שיינע געשלעכט״ איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן, נישט בלויז אויף צו האָבן קינדער, ווי אייניקע אמוראים דריקן זיך אויס; זי קריגט אָנזען, איר קומט רעספּעקט, זי געניסט פון פּריווילעגיעס. זי איז נישט קיין שפּילצייג פאַר אָדמען... אינעם באַגין פון איר יצירה, איז זי געווען גלייך מיט אים. זי האָט פאַרנומען, לויט יענעם פאַר־קללה־פּעריאָד, די זעלביקע הויכע פּאָזיציע וואָס ער.

די פרוי האָט פאַרלוירן איר פּאָזיציע — לויט מעשה בראשית — צוליב איר שוואַכקייט; נישט אַזוי צוליב פיזישער, ווי צוליב גייסטיקער שוואַכקייט. זי איז אַראָפּ פון דער מדרגה צוליב איר לייכטזיניקייט צו רעדן איבעריקע רייד און צו לאָזן זיך איינרעדן פונעם נחש. זי האָט זיך פאַרלוירן און געבראַכט טויט פאַר דער מענטשהייט.

די „זוהמא״ וואָס דער נחש האָט אַריינגעבראַכט אין חוהן [12] האָט זיך אָנגע־קלעפּט, באַהאַפטן אין אָדם הראשון און איז שוין אַזוי געבליבן ביי דער מענטש־הייט. פון די יִדן איז די זוהמא אָפּגעטאָן געוואָרן ביים מקבל זיין די תורה אויפן באַרג סיני — דער ריכטיקער, פולער תיקון אויף דעם דאָזיקן פּגם קאָן ערשט

קומען ווען משיח וועט קומען, ווען די טויערן פון חכמה וועלן זיך עפענען, „יתפתחון תרעי דחכמתא״ [13]. חוה האָט מיט איר אַקט גורם געווען צו פאַראומ־רייניקן דאָס פאַרהייליקטע אידילישע לעבן.

אינטערעסאַנט איז, אַז „זאָג״ און „רעד״, באַפעל און געבאָט, קומט מיט לשון זכר, אָבער תורה אַליין איז בלשון נקבה; שכינתא־שכינה איז לשון נקבה; שבת ווערט גערופן כלה, מלכה — אַלץ אין לשון נקבה; אין קבלה־ספרים ווערן אָנ־געגעבן בדרך „פרדס״ מאָטיוון פאַר אָט די טערמינען. אויך ביי אונדזערע הייני־טיקע חוקרים ווערט אַ סך געפאַרשט און דערקלערט וועגן אָט די נקבה־טערמינען, וואָס גיבן דער פרוי אַזאַ וויכטיק אָרט, כּמעט נאָך וויכטיקער און העכער פון דעם מאַן. אָבער וועגן דעם באַזונדער.

מיר האָבן אויך אומצייליקע הלכות, ווי צו שעצן און ווי צו פאַרטיידיקן די ריינע, ערלעכע פרוי פון תאווהדיקע, פאַרברעכערישע זכרים. זעט מען ווי איינער יאָגט זיך נאָך אַ נערה המאורסה, מעג מען זי ראַטעווען דורך הרגענען דעם נאָכיאָגער... [14]

ווען מען באַטראַכט גרינטלעך די אומצייליקע מאמרים (צעוואָרפן אין תלמוד, אגדה און מדרש) וועגן „בראשית״־פּראָצעס, עפענען זיך פאַר אונדז גאַנץ נייע פּערספּעקטיוון אין שייכות מיט די אוניווערסאַלע, אַלמענטשלעכע פאַמיליע־גע־באָטן: נאַציאָנאַל אין פאַרנעם, סאָציאַל אין פּראַקטיש־מאָראַלישן באַטייט. ס׳ווערן אונדז קלאָר די אָפּגעהיטקייט־מאָטיוון פון עריות און זנות און די פאַרבאָטן פון משכב־זכר [15], וואָס ווערט באַטראַכט ווי שפיכת דם. אויב מ׳זאָל לאָזן אַזאַ מין פאַרקער קאָן מען ברענגען אומקום אויף דער מענטשהייט; און דאָס איז קעגן די צילן פון דער בריאה.

די מצוה פון פריה ורביה, פון מערן זיך, איז יסודותדיק און איז געקומען אַלס באַדינג ביים באַגין פון יצירה [16].

מיר לערנען אין דער משנה [17] „לא יבטל אדם מפריה ורביה אלא אם־כן יש לו בנים״ — אַ מענטש (געמיינט אַ זכר) זאָל זיך נישט אָפּהאַלטן פון פרוכפּערן און מערן, סיידן ער האָט שוין קינדער. די בית שמאי זאָגן: מ׳דאַרף האָבן צוויי זכרים, ווי מיר זעען ביי משה רבינו; נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט צוויי זין, האָט ער זיך פורש געווען פון זיין ווייב [18]; די בית הלל זאָגן: כּדי מקיים צו זיין די מצוה „פרו ורבו״ מוז מען האָבן אַ זכר און אַ נקבה, ווי דער פסוק זאָגט „זכר ונקבה בראם״ [19], ד״מ צו זאָגן, מען דאַרף ברענגען אויף דער וועלט אַן אָדם און חוה.

די גמרא גיט צו, אַז אַפילו ווען מ׳האָט שוין קינדער און מען איז פּטור פון דער מצוה, טאָר מען אַלץ נישט זיין אָן אַ פרוי, ווייל דער מאַן פאַרלירט דאָס גוטס וואָס מ׳האָט בצוותא מיט אַ פרוי [20]. מען דאַרף ברענגען קינדער אַזוי

לאַנג ווי מ׳האָט כּוח גברא און די פרוי איז נאָך אינעם "ווסת"-פּעריאָד.

ס׳איז דאָ אַ מיינונג — און דער רמב״ם [21] ברענגט עס להלכה — אַז אויב מ׳ווינט מיט אַ פרוי צען יאָר, און זי איז אַלץ אַן עקרה (קען נישט האָבן קיין קינדער) זאָל ער זי גטן; אויב ער וויל זי נישט גטן, זאָל מען אים אַפילו צווינגען, בכדי ער זאָל נעמען אַ פרוי און האָבן מיט איר קינדער.

ס׳זענען דאָ פוסקים, וועלכע האָבן אַ מילדערע באַציִונג אין אַזאַ פאַל, און לאָזן דאָס איבער צום רצון פונעם מאַן. זיי זענען אָבער אַלע מסכּים, אַז דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי דאַרף זיין אויף אַן אופן פון ברענגען פרוכט. אַפילו אויף דער עלטער — האַלטן זיי — דאַרף אַ חתונה ברענגען פרוכט, ווייל "המוסיף נפש אחת בישׂראל כּאלו בנה עולם" [22].

דער רמב״ם, פאַרענדיקנדיק זיין הלכות אישות, ברענגט אַרויס, אין זיין פּרעכטיקן סטיל, אַ לויב פאַרן ערלעכן צוזאַמענלעבן צווישן מאַן און פרוי: "ובני ישׂראל הקדושים והטהורים בזיווגן ובדרכם אלו, יהי׳ ישובן נאה ומשובחת".

ס׳איז במילא נישט קיין ווונדער וואָס זינט שיר-השירים איז כּנסת ישׂראל געוואָרן די פרוי און דער רבונו-של-עולם — דער מאַן.

די יידישע אמונה איז באַלד ביים "בראשית"-פּראָצעס פאַרנומען מיט אויס־קריסטאַליזירן און פאַרמירן, אי דאָס יחידישע, אי דאָס צבורדיקע לעבן. אין אָנהייב איז געגאַנגען אין צעמענטירן די צוויי געשלעכטער, זכר ונקבה. די גע־שלעכט-האַלבירונג איז דאָך אַן אָנווייז אויף דער פאַרבינדונג און דערגאַנצונג פון מאַטריאַרכאַט מיטן פּאַטריאַרכאַט: די עמאַציאָנעלע געפילן ווערן געשטילט דורך אַ שותּפותדיקן סאָציאַלן עגאָ. די פעמינישע, ווייבערישע מוטערשאַפט ווערט דערגאַנצט דורך דעם מאַנסבילשן יסוד, וואָס פאַרזיכערט דעם המשך פון געט־לעכן בראשית.

דעריבער איז נישט קיין ווונדער וואָס די חז״ל, ווען זיי רעדן וועגן אָט דער פאַרבינדונג און השלמה, דריקן זיך אויס, אַז ביי אַזאַ באַהעפטונג רוט די שכינה — און שכינה איז לשון נקבה. אויך דער באַגריף "מטרוניתא" — אין זוהר לשון — באַשטעטיקט די דאָזיקע אַקסיאָמאַטישע באַגרינדונג. ווען דער "יוד" ווערט באַהאָפטן מיטן אות "הא" ברענגט עס שוואַנגערשאַפט. די פרוי ווערט דאָן די פּראָדוצירערין פון מענטשהייט — אָבער צוליב דעם "עץ הדעת"-פאַרזוך, ווערט זי באַהערשט פונעם מאַנצבילטום.

נישט קיין ווונדער, וואָס חכמה און בינה שטעלן מיט זיך פאָר זכר און נקבה: קלוגשאַפט איז דער פאָטער; פאַרשטענדעניש — די מוטער;ביידע וויגן זיך אויף דער וואָגשאָל... [23] דאָ ווילט זיך ברענגען אַ שאַרף וואָרט פון איינעם פון די גדולי הפוסקים מיט אַ דור פריִער:

די חז״ל זאָגן, אַז אַ כשרע פרוי איז די, וועלכע טוט דעם ווילן פון איר מאַן [24]. האָט דער בראָדער רב ר׳ שלמה קלוגער (1783 - 1869) מסביר געווען [25], אַז דערמיט ווערט פאַרענטפערט נאָך אַ מאמר חז״ל וואָס זאָגט, אַז אין דער צוקונפט־וועלט וועט אַ צדיק באַקומען שׂכר „ש״י" (310) וועלטן... ווייל בעצם, קומט דעם צדיק שׂכר פאַר תרי״ג מצוות פון דער תורה און זיבן מצוות פון רבנן — נאָר אַ העלפט דערפון קומט דער פרוי, אַלס שׂכר פאַר איר הילף צום מאַן. דער „עושׂה רצון בעלה" מיינט צו זאָגן, זי העלפט דעם מאַן אָנצוגיין מיט זיין ייִדיש לעבן און דערגרייכן צו דער מדרגה פון צדיק.

ס׳איז דעריבער ביים דערמאָנטן גאון מהרש״ק, ווי ער איז באַקאַנט אין דער רבנישער וועלט, אַ שאלה, צי ביי אַ פרוי גייט אויך אָן דער כּלל פון „מאי חזית דדמא דידך סמיק טפי", און ער איז געבליבן „בצריך עיון", דאָס הייסט, אַז מען דאַרף זיך וועגן דעם פאַרטראַכטן [26].

דער פאַקט איז אויך, ווי געזאָגט, אַז „כּנסת ישׂראל" ווערט סימבאָליש גערופן פרוי און „רבונו־של־עולם" — דער מאַן, און אַז ביי מתּן תּורה איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה.

זינגט טאַקע דער פּאָעט, אלחנן בן יצחק, (אומגעקומען אין יאָר 1184) וועגן אָט דעם היסטאָרישן שידוך:

דייַן פרוי די יוגנטלעכע און באַליבטע
פאַרקנסט אין רייַכקייט און אין גוטס —
ווי זיצט זי הייַנט אָן עלנטע, באַטויבטע,
פאַרלאָזט, פאַרמיאוסט און פאַרשמוצט
. . . .
אָך, גרויסער גאָט, פון איר זיך נישט דערווייַטער [27].

איז אַ וווּנדער דער אָנזאָג — „והיו לבשׂר אחד"? איז אַ וווּנדער דער פאַרלאַנג אַז מאַן און פרוי דאַרפן זיין ווי אָן איינהייט?... די איינהייט ווערט געמאַכט דורך דעם געשלעכט־פאַרקער, נישט סתּם צו דערפילן אַ פיזיאָלאָגיש־קערפּערלעכע באַדערפעניש, נאָר דער עיקר — צו ברענגען פרוכט.

חוה ווערט געצירט פון רבונו של עולם כּדי אָדם זאָל זי ליבן — און די ליבע זאָל פּראָדוצירן. געשלעכטלעכע אימפּאָטענץ איז אַ קללה. די ברכה צו יידן פאַר אָפּהיטן די מצוות איז: „לא יהיה בך עקר ועקרה" — ס׳זאָלן נישט זיין צווישן אייך קיין קינדערלאָזע [28]. אַ „פּצוע דכה", אָדער אַ „כּרות שפכה" טאָרן נישט קומען אין קהל ד׳, טאָרן נישט חתונה האָבן מיט אַ ייִדישער טאָכטער [29], ווייל פון אַזאַ הייראַט קאָן קיין פרוכט נישט זיין, קענען נישט קומען קיין קינדער.

אין תנ״ך, אין תלמוד, אין קבלה און אין חסידישע ספרים ווערן שטאַרק געטאַדלט די פּערווערסע, אומנאַרמאַלע סעקסועלע פאַרבינדונגען — אַ פאַרברעך קעגן ערשטן געבאָט צו אָדמען און חוהן: „פּרו ורבו״ — פאַרמערט אייך! דאָס איז אויך אַ פאַרברעך קעגן דער יידישער מאָראַל, קעגן דער עטיק און נישט ווייניקער קעגן געזונט פון מענטשן.

ווי ר׳ צדוק הכהן מלובלין דערקלערט, איז דער תּכלית פון דער בריאה געווען דער „והתקדשתם״ און די עיקר קדושה איז קדושת הברית[30]. ווי אַזוי דערגרייכט מען צו דער קדושה-מדרגה? ווען מען היט זיך אויס פון תאוות־נשים, ווען די פרוי היט אָפּ ריינקייט אין איר געשלעכטלעכן לעבן, אין אירע אינטימע באַציִונגען מיטן מאַן, וועלכן זי האָט צוגעזאָגט געטריישאַפט.

ר׳ צדוק פאַרנעמט זיך מיט אומצייליקע מקורים[31] צו באַגרינדן זיין טעזע וועגן קדושה, און די כּוונה פון איינהיטן די דאָזיקע הייליקייט; ביי אים איז אָן ספק, אַז דאָס ברענגט מיט זיך הייליקע, כּשרע קינדער. דער פאַרבאָט קעגן משכּב־זכר, האָמאָסעקסואַליזם, ווי דער פאַרבאָט פון „פּצוע דכה״, „כּרות שפכה״ און אַלע מינים סרוסים (קאַסטרירונגען)[32] האָבן צו טאָן נישט בלויז מיט אויס־מיידן אוממאָראַלישקייט, נאָר אויך מיט אויסהיטן זיך פון פּרוכטלאָזע באַהעפטונג[33].

די פרוי, ווי געזאָגט, פאַרנעמט, ווי אַ חלק, אַ טייל פון אָדם הראשון, די זעלביקע ראָל וואָס אָדם דער מאַן און, ווי עס קאָמענטירט איינער פון די ערשטע אמוראים, ווערט אויך חוה גערופן אָדם[34]. ישעיהו הנביא גיט איר דעם דאָזיקן טיטל: „כּתפארת אָדם לשבת בית״[35], וואָס פּשוט מיינט עס: די שיינקייט פון אַ מענטשן איז זיין וווינען אין הויז; די וויכטיקייט פון האָבן אַ וווינונג, וואָס ברענגט שיינקייט דעם מענטשן; אָבער מפרשים טייטשן, אַז „בית״ איז סימבאָליש פאַר אַ פרוי, די עקרת־בית, און עס זאָל גאָר מיינען, אַז די לויב פון אַ פרוי איז איר הויז — „כּל כּבודה בת מלך פּנימה״, ווי דער בעל הערוך דריקט זיך אויס: „כּתשבחת אתתא למיתב בביתא״, וואָס מיינט נישט דווקא צו געבן דער פרוי בלויז די ראָל פון אַ הויז-זיצערין... איר תּפארת איז אָדם, צו זיין אַ מענטש, צו שפּילן די ראָל אַלס אַזעלכער און פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער גענעאַ־לאָגיע פון אָפּשטאַמיקייט.

אין אונדזער אַרבעט וועגן „דער באַציִונג צו דער פרוי״, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אַ סך ברייטער און טיפער וועגן משפּחה־אָפּשטאַמיקייט און אין פעסטשטעלן דעם יסוד פון „למשפחותם לבית אבותם״[36], אויף וועלכן די חז״ל אינטערפּרעטירן: „מכּאן דמשפחת אָב קרויה משפחה, משפחת אֵם אינה קרויה משפחה״[37]. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז דאָס איז צוליב דעם, וואָס מענער זענען די מלחמה-פירערס, די פראָנט-קעמפערס, די לענדער־אָקופּירערס און בויערס,

און אַז דעריבער גיט מען אַן די געבורטן פון זין, „ויולד בן״ [38] „שממנו נבנה העולם״ [39] ווייל פון אים איז די וועלט געבויט געוואָרן.

אַרויסגייענדיק פון אַט דער הנחה, פון אָט דעם בנין, גייט שוין די הלכה אין דער דאָזיקער ריכטונג: „עמוני ולא עמונית...״ ברידער פון איין טאַטן זענען, ביים ירושה־איינטייל, נענטער ווי ברידער פון איין מוטער... אָבער וואָס שייך ליבע, התקרבות, נאָענטקייט און איבערגעגעבנקייט, גייט עס לויטן מוטערלעכן אָפּשטאַם.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זענען דאָ אונטערשיידן צווישן מאַן און פרוי, אויב נישט וואָס שייך שפיכת־דם, איז עס ביי אַנדערע אַנגעלעגנהייטן, ווי, למשל, וועגן צוריקגעבן, אומקערן אַן אבידה. אין דעם פאַל איז דער מאַן פריִער. ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן פדיון שבויים, וועגן קליידונג, איז גאָר די פרוי פריִער, האָט זי פרעפערענץ [40].

די טעאָרעטיש־פּראַקטישע איינשטעלונג האָט געגעבן דעם מאַן די הערשע־רישע ראָל, צוליב כמה וכמה טעמים; אַזוי וואָס שייך מאַן און פרוי־באַציִונגען, ווייל זי איז דאָך באַשאַפן געוואָרן צו זיין דער פּאַסיווער טייל פון געשלעכט־האַלבירונג; און אַזוי, ווען עס רעדט זיך וועגן דער באַציִונג פון בורא צו זיין פאָלק ישראל, ווערט דער רבונו של עולם דער מאַן, דער הערשער־באַהערשער.

„כי בועליך עושיך ד׳ צבאות״ — וואָרום דיין באַשאַפער איז דיין מאַן — גאָט צבאות, דער הערשער [41]; אָדער אין אַן אַנדער פסוק: „ומשוש חתן על כלה — ישיש עליך אלהיך״ — און ווי די פרייד פון אַ חתן אויף (מיט) זיין כלה, וועט זיך פרייען אויף דיר (מיט דיר) דיין גאָט [42]. ירמיהו הנביא דריקט זיך אויס וועגן די באַציִונגען צווישן גאָט און זיין פאָלק ישראל, ווי וועגן אַ משפחהדיקער באַציִונג, ווי וועגן דער באַנעמונג פון אַ מאַן מיט אַ פרוי: „כי אנכי בעלתי בכם״ [43] — ווייל איך האָב אייך באַמאַנט, וואָס מיינט אין אַנדערע ווערטער — איך האָב אייך באַגעוועלטיקט, באַהערשט. לויט דער תלמודישער אגדה איז עס געווען „כפה עליהם הר כגיגית״, אַז ביים באַרג סיני האָבן יידן מיט געוואַלד גענומען אויף זיך מקיים צו זיין די תורה, און די רעכט אויף דער דאָזיקער כפייה, אויף דעם אַרויפצווינגען, האָט השם יתברך געהאַט, לויט חסידישע ספרים, צוליב די נסים ביים אויסלייזן די יידן פון גלות מצרים.

די מצוות זענען געוואָרן אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו!

אין דעם אימפּעראַטיוו זענען, פאַרשטייט זיך, פאַרטראַטן די באַפעלן וועגן געשלעכטלעכער אָפּגעהיטקייט, אַריינגערעכנט אויך די צוימען, סייגים — „כדי להרחיק אָדם מן העבירה...״

דער פאַרבאָט פון משכב־זכר, ווי מיר האָבן דאָס געזען, אַלס פאַרברעך קעגן זינדיקן פאַרקער, קעגן פּרוכטלאָזן דעגראַדירטן לעבן, נעמט אויך אַריין לעסביאַ־נישן לעבן: „נשים המסוללות זו בזו — אָסור״... דער רמב״ם גיט אַן דעם מאָטיוו:

„ומעשה מצרים היא שהזהרנו עליו, ׳כמעשה ארץ מצרים לא תעשו׳. אמרו חכמים: מה היו עושין? איש נושא איש ואשה נושאה אשה״ [44] — אָבער וועגן דעם ווייטער.

ג. דער באַשאַף פון אָדם און חוה. — חלוקי דעות. — קבלה-אויסטייטשן. — די ראָל פון אותיות ביי דער בריאה. — עשרה מאמרות ביים וועלט-באַשאַף און צוויי אותיות.

וועגן באַשאַף פון אָדם און חוה, האָבן מיר אין חומש שטעלן און פסוקים וואָס האָבן אַן אויבערפלעכלעכן סתירה־אָנווונק; די חז״ל האָבן זיך באַמיט אויסצוגלייכן די סתירהדיקייט. גאָר אַ סך ווערט די סתירה אויפגעקלערט אין די קבלה־ספרים.

אַ היינטצייטיקער פאָרשער, אליהו ליפּינער, האָט אין זיינס אַ ווערק[1], באַנוצנדיק זיך מיט קבלה־ספרים, אָנגעוויזן אויף דער ראָל פון צוויי אותיות אין באַשאַף פונעם זכר און פון דער נקבה. דאָס אות „ה״ — ווייזט ער אָן — האָט דעם כּוח פון פרוכפּערשאַפט און פון שפּראָצונגען, טייטש — ווייבלעכער כּוח. און דאָס אות „י״ — כּוח פון געבן זרע — מענלעכער כּוח. דעם אות „ה״ (הא) האָבן מיסטיקער — ווי ער באַווייזט עס מיט ראיות — געגעבן דעם סימבאָלישן אָנווונק פון ליידנשאַפטן און פון ליבע... „הא״ איז דער מקור פון ווייבלעכקייט, פון „יוד״ קומט די זכרדיקייט. ביידע אותיות שטעלן צוזאַמען די צוויי צורות: זכר און נקבה: „תרין דיוקנין טבין דאינון דכר ונוקבא; דכר מסטרא דאת י׳; נוקבא מסטרא דאת ה׳ ״[2].

דאָס איז, וואָס אַן אמת, אַן אומאויסשעפּלעכע טעמע און ס׳איז אוממעגלעך צו פאַרנעמען זיך מיט ציטירן מאמרים.

לויט דער משנה[3] איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן מיט צען מאמרות. ס׳איז אויך באַקאַנט דער אויסדרוק אין אקדמות „ובאתא קלילא דלית בה משותא״... אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיטן לייכטסטן אות, מיטן „הא״! אַזאַ שטודיע וועט קיין מאָל נישט דערפירן צו אַ ממשותדיקן אויספיר, צו אַן אַנאַליטישער עקספּערטיזע. דאָס וואָרט ב ה ב ר אָ ם, דרשנט מען, אַז דאָס מיינט „ב ה א ב ראָם״ — און דאָס נעמט אַריין דעם באַשאַף פון הימל און ערד.

וואָס שייך א. ליפּינערס פעסטשטעלונג וועגן דעם כּוח פונעם „הא״, איז דאָך כּדאי צו זען ווי די חז״ל, די בעלי הקבלה און די בעלי הפיוט, האָבן דווקא געזען דעם גרויסן כּוח אינעם שוואַכסטן אות, אינעם אות וואָס רעדט זיך אַרויס אַזוי לייכט, אָן דעם באַנוץ פון די פינף רעדאָרגאַנען און רעדנסאָרטן. גראָד אין דעם אות שטעקט דער מיסטישער כּוח פון פרוכפּערדיקייט.

וואָס מיינט עס צו זאָגן?

עס מיינט אונדז צו ווייזן, אַז ווען דער „הא״ קומט אַריין אין נאָמען פון אַ מענטשן, לויט די באַגריפן פון „שמא מילתא״ אַז אַ נאָמען האָט אַ באַטייט, באַקומט די דאָזיקע פּערזאָן דעם כּוח צו קענען ווערן פּרוכפּערדיק:

אברהם און שׂרה האָבן נישט געקענט האָבן קיין קינדער, ווען ער האָט געהייסן אברם און זי שׂרי; ביידע האָבן געמוזט קריגן דעם „הא״. ליפּינער ברענגט פאַרן רדב״ז (ר׳ דוד בן זמרה, הר״מ—של״ד; 1574—1480), אַז דער כּוח הזרע וההולדה ליגט אין דער צורה, אין פאָרעם פון דעם „הא״, וואָס איז צונויפגעשטעלט, כּידוע, פון צוויי באַזונדערע גראַפישע עלעמענטן, להיפוך צו אַנדערע אותיות... אין דער גראַפישקייט פונעם אות, ליגט דער סוד פון „דער העלפט, וואָס בענקט צו דערגאַנצונג...״ די מיסטעריע פון דער ווייבלעכקייט, וואָס וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון דער מענלעכקייט.

ליפּינער קומט צום אויספיר, אַז דער סוד פון זיווג פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין דער יידישער חכמת הנסתר[4].

ס׳ווילט זיך וועגן דעם אָפּשטעלן און אַריינדרינגען אין די עשׂר ספירות, וואָס פירן צו די היכלות פון מיסטיציזם — אָבער אונדז אינטערעסירט דאָך דער עיקר, דער אַנאַליטיש־קבלהשער צוגאַנג צום יצירה־פּראָצעס, די מיסטישע ראָל פון די אותיות וואָס שטעלן צוזאַמען די יסודות פון יצירה און בריאה פאַר אַלע באַשעפענישן, און נישט בלויז פאַר לעבעדיקע באַשעפענישן.

די קבלה — און אויך די מעטאַפיזישע וויסנשאַפט — זעט דאָך אינעם גאַנצן מעשׂה־בראשית די אַנטפּלעקונג פון סעקסועלקייט; די פאַראייניקונג פון די צוויי געשלעכטער: דעם אַקטיוון (זכר) און פּאַסיוון (נקבה), און אויף אָט די יסודות האַלט זיך דער גאַנצער קאָסמאָס, אַריינגערעכנט דעם דומם.

די וויסנשאַפט פאַרנעמט זיך אויך מיט אָט די הנחות; די קאָסמאָגאָניע אַרבעט לויט די דאָזיקע כּללים. דערויף האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט די גריכישע פילאָזאָפן. אויך זיי, די באַגרינדערס פון די ערשטע פילאָזאָפישע אַרויסשפּראַצונגען, האָבן זיך פאַרנומען מיט אויפדעקן און געבן לאָגישע באַגרינדונגען דעם יצירה־פּראָצעס. אָבער אַריינלאָזן זיך אין די אַלע פילאָזאָפישע דערקענטענישן וואָלט געמיינט זיך אַריינלאָזן אין „דברים שאין להם שיעור...״

דער זוהר[5], ביים באַהאַנדלען די מעשׂה־בראשית דערקלערט, אַז דער רבונו של עולם האָט צוגעגרייט חוהן, זי באַפּוצט, געמאַכט איר אויסזען און פיגור שיין און רייצנדיק, און ערשט דאַן זי געבראַכט צו אָדם הראשון, בכדי ער זאָל דערפילן אַ גלוסט און די גלוסטונג זאָל זיין מיט קדושה און נשמה־ריינקייט: „ויבן ד׳ אלהים את הצלע״ — זאָל מיינען אין זוהר־לשון: „תקין לההיא נוקבא ושכליל שפירתא על כלא ועיילה לאדם״ און ערשט דעמאָלט איז געוואָרן „ודבק באשתו והיו לבשׂר אחד״, ווי דער זוהר זאָגט: „לאמשכא לה ברחימו ולאתדבקא בהדה״.

פון אַט די מאמרים לערנט מען אַ מוסר־השׂכל, עלטערן זאָלן אויספּוצן זייער טאָכטער ווען זיי פירן זי צום חתן, עס זאָל זיין נאַטירלעכער חיבור, נאַטירלעכע ליבשאַפט... דער מאַן זאָל נישט האָבן קיין פרעמדע מחשבות בעתן זיווג. ריינע מחשבות ברענגען דעם זיווג געזונטע פּרוכט, גוטע נשמות.

ווען מען בלעטערט אין די קבלה־ספרים, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז עראָטיק, תּאווה, איז אַנערקענט אַלס יסוד פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג און עקזיסטענץ. ס׳זענען כמעט נישט נייטיק קיין ביישפּילן, קיין אַנאַליטישע אָפּשאַ־צונגען פון די קאָמפּליצירטע אויסדרוקן אין דער קבלה־ און אגדה־ליטעראַטור, אין וועלכער ס׳ווערט אויף אַ רמזדיקן אופן אָנגעוויזן אויף דעם אַמאָליקן לעבנס־סדר, אויף די פּאַטריאַרכאַלע מנהגים און טראַדיציעס, אויף דעם גייסטיקן קלימאַט פון יענעם ווייטן עבר, ווען ס׳האָט זיך פאָרמירט די מענטשלעכע פּסיכיק און ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט פון שבטים און גרופּירונגען.

ווען מען טראַכט זיך אָבער אַריין אַ ביסל טיפער, ווען מען פּרובירט דער־גרונטעווען צו יענע צווייגן פון דורותדיקן פאָלקס־לעבן, ווי אַזוי דער חומש און די נביאים האָבן געוואָלט פירן די מענטשהייט אויף אַ לייטער וואָס זאָל שטיין אויף דער ערד מיטן שפּיץ ביזן הימל — יעקב אָבינוס חלום — זעט מען, אַז דער ציל איז געווען ריינקייט אין משפּחה־לעבן און במילא דערהייבן דעם מענטשן צו זיינע אויפגאַבעס און פונקציעס „עלי חלדו״...

לויט איין מאמר, האָט אָדם הראשון געהאַט טאָפּלדיקע פּנימדיקייט: „דו פרצוף פנים היה לו לאדם הראשון, שנאמר [6] „אָחור וקדם צרתנו״ — הינטן און פאָרנט האָסטו מיך באַלאַגערט — וואָס דאָס מיינט, לויט אייניקע אויסטייטשערס, אַז מ׳האָט געגעבן אָדמען די ברירה, בעסער געזאָגט — די בחירה, אויסצוקלייבן זיך זיין וועג: יאָגן זיך נאָך חכמה און וויסן, אָדער נאָך תּאווה און, אַזוי אַרום, פאַרדאַרבן די יצירה, פינקטלעכער — די צילן פון אָדם־באַשאַף מיטן צלם אלקים [7], וואָס קענען האָבן אַ קיום נאָר ווען מען קאָנטראָלירט און מען צוימט תּאווה.

נישט אומזיסט האָבן די בעלי אגדה דערקלערט, אַז ביי די אָבות האָט דער יצר הרע נישט געהאַט קיין שליטה [8], אַז אברהם אָבינו האָט מתקן געווען דעם פּגם פון אָדם הראשון, און אַז דאָס וואָס עס ווערט געזאָגט: „עולם חסד יבנה״ [9], אַז די וועלט איז געבויט אויף חסד אָדער, ווי עס ווערט קאָמענטירט, אַז דאָס וואָרט בהבראָם זאָל מיינען — אברהם! אַז אין זכות פון אברהם, האָבן ערשט אָדם און חוה דערגרייכט ישוב, באַרויִקונג אין זייער צוזאַמענלעבן, אַ תּיקון אויף דעם קדמון־חטא, אַ תּיקון וואָס וועט דערפילט ווערן אין שלימות מיט משיחס קומען. דאָס אַלץ איז צו באַווייזן, ווי אַזוי דער רבונו של עולם האָט געוואָלט, אַז דער מענטש זאָל לעבן אויף דער הויכער מאָראַל פון פאַר דעם חטא, ווען ער

איז באַהערשט געוועזן פון געטלעך וויסן און פאַרשטענדעניש, און זיין מאַן־פרוי־דבקות איז געווען לויטער קדושה, אין לשון פון זוהר: „וייצר בשני יודן, שהאָדם נברא במעלה, בבינה...״

באַלד ביים באַגין איז געשטעלט געוואָרן די יצירה אויפן באַזיס פון דריי שותּפים: שמים — הימל, סימבאָליש פאַר דעם מאַן; ארץ — ערד, סימבאָל פון פרוי, און דאַן קומט די נשמה — „ויפח באפיו נשמת חיים״; און אַזוי גייט עס אין המשך: מאַן, פרוי, הקב״ה. אויב איין יסוד ווערט גערירט, אויב איין ציגל ווערט פאַררוקט — ווערט דער גאַנצער בנין געשטעלט אין געפאַר.

אָדם הראשון ווערט אָנגערופן אָדם, „ויקרא שמם אָדם״, ווייל ער איז צוזאַמען מיט זיין פרוי: „שם אָדם לא נקרא אלא זכר ונקבה כאחד״[11]. אָן דער פרוי, איז ער פּגום, אַ צעבראָכענער[12]; אַזוי האָט דער באַשעפער געוואָלט. ער איז אָבער געבוירן געוואָרן בקדושה, מיטן פּראָצעס פון „נעשה אָדם בצלמנו״... אָבער ווען תאווה האָט אָנגעהויבן דאָמינירן און דער נחש האָט געקענט איבעררעדן די עוזרת, און די לעצטע איר אָדם, דאַן האָט דער „וייצר״ געקראָגן אַן אַנדער באַגריף, ווי ר׳ שמעון בן פזי דריקט זיך אויס: „אוי לי מיצרי ואוי לי מיוצרי״[13], ווען דער זיווג פון איש ואשה איז בקדושה ובטהרה, ברענגט ער — לויט דער קבלה־טערמינאָלאָגיע — צום יחוד פון „יוד־הא״, צו דער פאַראייניקונג פונעם שם הויה. דער „יוד״ ביים מאַן און דער „הא״ ביי דער פרוי שטעלן מיט זיך פאַר די חכמה ובינה, ווי די ערשטע יצירה האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם „צלם אלקים״.

אין די פילאָזאָפישע און השׂכּלה־ווערק ווערט די נשמה טיטולירט ווי אַ זכר. ער, דער מאַן, פאַרנעמט דאָס אָרט פון גייסט, און די פרוי ווערט באַטראַכט אַלס חומר, אַלס גוף. דאָס, ווייזן זיי אָן, געפינט מען שוין אין דער גריכישער פילאָזאָפיע: חומר און צורה; איינער איז משפיע און דער אַנדערער איז מקבל... די פרוי „שעושה רצון בעלה״ — דריקט זיך אויס דער מלבי״ם[14] איז די, וועלכע איז מקבל די נאַטירלעכע השפעה. אויב אָבער זי פאַרראַט אים, גיט אַוועק די השפעה צו אַן אַנדערן, בעת זי געהערט צו אים, ווערט זי באַטראַכט אַלס זונה, אַן אָפּקערעריו — „ותזנה עליו פלגשו״[15]; דער מאַן וואָס האָט אינטימע באַציִונגען מיט אַ פרוי, וועלכע געהערט צו אַן אַנדער מאַן, ווערט אָנגערופן „נואף״ און מ׳האַלט אים פאַר אַ „חסר־לב״.

אָדם הראשון איז, ווי די תּורה לערנט אונדז, באַשאַפן געוואָרן מיטן צלם פון גאָט און רש״י קאָמענטירט: „להבין ולהשׂכּיל״. דער רמב״ם האָט אַ פילאָזאָפישן טראַקטאַט אויף אָט די צוויי ווערטער. דער תּמצית פון די אַלע אינטערפּרעטאַציעס ווייזט סוף־כל־סוף, אַז פאַרן חטא פון עץ־הדעת, פאַר די זינד פונעם נחש און זיין זוהמא־השפעה אויף חוהן, האָט דער מענטש געהאַט די חכמה עילאה,

די הויכע, גייסטיקע חכמה, און די פרוי, די „אֵם כל חי", איז נישט געווען שוואַכער אָדער נידעריקער פונעם מאַן. זי איז געווען די „עזר כנגדו", די „אשת חיל". דער באַשעפער האָט זיך געצערעמאָניעט מיט דעם ערשטן פּאָר: געווען דער מסדר קידושין; דורכגעפירט דעם חתונה־צערעמאָניאַל און געגעבן די ברכה פון אַ געזונטער, פּרוכפּערדיקער חתונה — אַ זיווג מן השמים, איבער וועלכן די שכינה האָט גערוט...

די אָביעקטיווע עקספּרעסיעס וועגן ערשטן געבענטשטן פּאָר, ווייזן אָן אויף דער הייליקייט אין עראָטיק, אויב עס קומט פּאָר בטהרה, נשמה און קערפּער־לעכער ריינקייט; ווען אָבער דאָס ווערט געטאָן לויטן רייץ פונעם נחש, וואָס ווערט אויך גערופן „סטרא אחרא" — ווערט דער מענטש פאַרזונקען און נידערט אַראָפּ צום שאול... די „חרב המתהפכת" לאָזט אים נישט אַריין אין גן־עדן. דער וואָס לאָזט זיך פירן פונעם יצר, ברענגט אויף זיך צרות און ווייטיקן. מאָמענטאַלע תאווה ביי דער נחש־חוה־דראַמע האָט געבראַכט אומגליק אויף דער מענטשהייט. ווען אָדם און חוה האָבן געעפנט זייערע אויגן און פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען, האָבן זיי דערזען זייער נאַקעטקייט.

דער מענטש איז געווען דער לעצטער און העכסטער אין דער יצירה. ער איז איבערגעשטיגן דעם דומם, צומח און חי. ער איז דער מדבר און ער רעדט מיט דעת, מיט וויסן, און דערפאַר איז ער געוואָרן דער הערשער און באַהערשער: „ויהי האָדם לנפש חיה" [16], טייטשט דער תרגום — „והות באָדם לרוח ממללא". אַ דאַנק זיין כוח צו רעדן, זיך אויסצודריקן אין שריפט און וואָרט, איז ער אַפילו געשטעלט געוואָרן העכער פון מלאכים. די מלאכי־צבאות, די משרתי־עליון, „כולם עומדים ברום עולם", אָבער מענטש איז העכער פון זיי. דער מענטש וואָס באַזיצט ביידע יצרים, אויב ער קאָן באַהערשן די שלעכטע נייגונגען, איז העכער פונעם מלאך, וואָס איז בלויז ראוי צו איין שליחות און קאָן נאָר אויספירן זיין געבאָט...

דער מענטש פון בראשית האָט געדאַרפט נעמען אויף זיך אָט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער האָט אָבער באַלד זיך אַראָפּגעלאָזט און פאַרוואַנדלט דעם נעשׂה אָדם צו אַ מאָראַלישער ירידה. אַ טיפער תהום האָט זיך געשאַפן צווישן בורא און זיינע ערשטע ברואים. די נחש־זוהמא האָט פוגם געווען אין די צילן פון דער יצירה, און דער מענטש קאָן זיך נישט באַפרייען פון די קללות און קען נישט מתקן זיין דעם פגם, סיידן דורך תורה — און דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך די אָבות פון ישׂראל און צוגעגרייט די וועלט, דורכן מקבל זיין די תורה ביים באַרג סיני [17].

דעם פסוק — „אלה תולדות השמים" [18], קאָמענטירן די חז"ל — „אלה פוסל את הראשונים, שהיה הקב"ה בונה עולמות ומחריבן". ביים באַשאַף פון אָדם, האָט

דער רבונו של עולם אָפּגעהאַקט מיט די פּריִערדיקע וועלטן, וואָס ער האָט באַשאַפן און נישט געווען צופרידן פון די אומפּולקאָמע יצירות.

אויך נאָך די זינד פון אָדם און די זינד פון דור המבול, איז געקומען דער „אלה", און ווידער אָפּגעמעקט די פּריִערדיקע דורות, אין וועלכע ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן די טראַגישקייט פון מענטשנס שוואַכקייט און פאַרדאַרבנקייט.

אַ נייער וועלט־היסטאָרישער עטאַפּ האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער געטלעכער התגלות צום אורפאָטער פון די בני ישׂראל, מיטן אויפשטייג פון אברהם העברי, דער נביא וואָס האָט דער ערשטער געגעבן די געטלעכע הכרה צו דער מענטשהייט און גערופן דעם באַשעפער „אָדון" [19]. נאָר וועגן דעם אין אַ ווייטערדיקן פּרק.

מיר וועלן פאַרענדיקן מיט אַ פּאָעמע, „נעשׂה אָדם" [20] פון באַרימטן יידישהעברעיִשן דיכטער אהרן צייטלין:

גאָט רעדט צו אַ יונג פאַרפאַלק
נעשׂה אָדם — זאָגט גאָט — לאָמיר
גיין און געבוירן אַ מענטש.
דו, מאַן, גיב אים הימל־מיט־וואַסער צושטייַער —
דו, ווייַב, גיב אים ערד —
און מיט גייַסט פון מייַן גייַסט
מיט אַ פונק פון מייַן פייַער
וועט באַשענקען מייַן גענאָד אים.
כ'שאַף אַלץ נאָך דאָס זעלבע — דעם מענטשן.
איך נעם אייַך פאַר שותּפים און לערן אייַך שאַפן.
זייַן נשמה דאַרף בגדים.
לאָמיר בויען דעם מענטש!
נעשׂה אָדם!

מיט וועלכע כּוחות האָט מען דעם מענטש — און די וועלט — באַשאַפן? די משנה [21] לערנט אונדז: „בעשׂרה מאמרות נברא העולם". מיט צען זאָגן, באַפעלן, איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן [22]. מען לאָזט דאָס אונדז וויסן, כּדי מיר זאָלן לערנען אַ מוסר־השׂכל, ווי גרויס ס'איז דער פאַרברעך פון די, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט טאָן שלעכטס און זענען גורם חורבן אויף דער וועלט [23].

די וועלט איז אַזוי חשוב, אַז מ'האָט זיך באַנוצט מיט גאַנצע צען „מאמרות".

דער רמב"ם און דער רמב"ן,ביידע לערנען, יעדער אויף זיין שטייגער, אַז „ויאמר" מיינט רצון, שטרעבן; אַז עס איז געווען דער ווילן פונעם באַשעפער צו שאַפן אַ וועלט און באַשאַפן דעם מענטש. מיטן בלויזן רצון פון באַשעפער

איז די יצירה געקומען לויטן סדר מעשׂה בראשית[24]. דאָס עפנט פאַר אונדז אַ גאַנץ נייעם טויער פון מחשבה, פון פילאָזאָפיע און פון פאַרטיפן זיך אין די יצירה־עלעמענטן.

הערות

א

1 בראשית ב׳, כ״ג; ד׳, א׳.
„מלמד שבא אדם על כל בהמה וחיה ולא נתקררה דעתו עד שבא על חוה״. רש״י, אויפן אָרט, ציטירט פון מסכת יבמות (ס״ג, ע״א), אַז אָדם האָט געהאַט געשלעכטלעכע באַציונגען מיט בהמות און חיות און זיך נישט געקענט באַפרידיקן ביז ער האָט גע-קראָגן זיין חוה...
די אויסטייטשערס פון תורה, בכתב און בעל-פה, ווילן נישט — און ס׳איז פאַרשטענד-דלעך זייער מאָטיוו — צו מאַכן אָדמען, דעם באַשאַפענעם אין צלם אלקים, ער זאָל זיין אַזאַ בעל תאווהניק. דער בעל „הנצחון״ (יום-טוב ליפמאַן, מילהויזן, געשריבן אין יאָר הק״ס — 1400), קאָמענטירט, אַז מען מיינט נישט חלילה, אַז אָדם זאָל זיך געוועזן אַזוי באַנעמען געשלעכטלעך מיט אַנדערע מינים. ער קאָן זיך גאָרנישט פאַרשטעלן, אַז דער „יציר כפיו של הקב״ה״ זאָל אַזוי טיף זינקען אין תאווה... ער האָט געזוכט באַ-פרידיקונג צו האָבן געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט און דאָס האָט ער געקראָגן דורך זיין חוה, זיינס גלייכן: מענטש מיט מענטש: „כיון שהביא חוה לפניו נכנסה בו רוח תאווה... מצא מין את מינו!״.
די מפרשים, ווי דער בעל העקידה און אויך דער מהרש״א אין זיינע חידושי אגדות, באַמיען זיך מסביר צו זיין די דאָזיקע מאמרים. דער מיין איז, אַז מענטש קאָן נאָר זיין באַפרידיקט דורך נאָרמאַלער און ערלעכער ראָמאַנטיק, ווייל אַזוי האָט דער יוצר גע-וואָלט. אויספירלעכער אין „תורה שלמה״ פון ר׳ מנחם מנדל כשר, חלק שני, ירושלים, תרפ״ט, אות פ״ח.
2 ׳עיטר הקב״ה לחוה בעשרים וארבעה תכשיטין, ולא עוד אלא שאחז בידה והוליכה אצל אָדם...״ דאָרט, ציטירט פון פאַרשיידענע אגדות. זע, אות רפ״ז.
3 אין מיין ווערק „די באַציונג צו דער פרוי״ — באריכות.
4 זע, שבת צ״ה, ע״א; בראשית רבה, י״ח; תנחומא, חיי, פ״ח.
5 אָבות דרבי נתן, פ״ד.
6 זע, סנהדרין, נ״ח, ע״א.
7 מורה נבוכים — אויף אַ צאָל ערטער.
8 ירושלמי, קידושין א׳ א׳; בבלי, סנהדרין, נ״ז—נ״ח. זע אויך רש״י און מפרשים. ס׳זענען פאַראַן תלי׳-תלי׳ הלכות וועגן די פאַרבאָטן, און די מאָטיוון זענען סיי לאָגיש-טעאָ-לאָגישע און סיי מיסטיש-מעטאַפיזישע — דער הויפט-מאָטיוו צו באַוואָרגן דעם קיום המין און נישט צו דעגראַדירן די מענטשלעכע יצירות...
9 הלכות אישות, ג׳, א׳, א׳—ב׳ (ווינער אויסגאַבע, 1837).
10 קודם מתן תורה הי׳ אָדם פוגע אשה בשוק, אם רצה הוא והיא לישא אותה, מכניסה לתוך ביתו ובועלה בינו לבין עצמו ותהי׳ לו לאשה.
11 זע מגיד משנה, כסף משנה א״אַ: „בייחוד בעלמא הויאַ אשתו וכיון שבא עליה לשם אישות הויאַ לה אשת-איש שחברו עכו״ם חייב עליה״.

12 כיון שנתנה תורה, נצטוו ישראל שאם ירצה האיש לישא אשה יקנה אותה תחילה בפני עדים ואח״כ תהי׳ לו לאשה... ולקוחין אלו מצות עשה של תורה הם... בביאה ובשטר מהתורה ובכסף מדברי סופרים...

13 קדושין, א׳, א׳ און גמרא — דאָרט. די מפרשים-פוסקים אַרום דעם רמב״ם פאַר-נעמען זיך אויספירלעך וועגן די קנינים.

14 זע, ראב״ד אויפן אָרט; כסף משנה, לחם משנה און משנה למלך — זייער אויספיר: „...ע״כ לומר שד״ס מיקרי כל דבר שאינו מפורש בתורה אעפ״י שאותו פירוש מקובל ממני והוא דבר תורה...״

15 משנתנה התורה נאסרה הקדשה שנאמר לא תהיה קדשה מבנות ישראל, לפיכך כל הבועל אשה לשם זנות לוקה מן התורה...
וועגן דער פלגש „בלא כתובה ובלא קדושין״ איז לויטן ראב״ד דערלויבט, ווייל זי איז געאייגנציקט צו דעם מאַן. לויט מפרשים און פוסקים איז דער דין פלגש — נהוג בלויז ביי מלכים, קעניגן ווּעמען מען האָט דערלויבט אַזאַ סאָרט לעבן — אָבער נישט צו הדיוטים, איינפאַכע יידן — דאָס איז אַן ענין וואָס דאַרף באַזונדער אויסגעפאָרשט ווערן און האָט נישט קיין שייכות צו אונדזער טעמע.

16 אָנהייב מסכת כלה.

17 זע, משה גאַסטער, די כתובה אין איר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג (יידיש), בערלין-לאָנדאָן, 1923. טעקסט פון תנאים און כתובה אין הלכה-ספרים.

18 מורה נבוכים, ג׳, מאמר כ״ז.

19 זע, מאמר א׳.

ב

1 סוטה, י״ז, ע״א און אין אַנדערע מקומות.
רבינו בחיי (בראשית ט״ו, י״ז) קלערט אויף דעם ענין שכינה און לשון נקבה: „ועל כן נקרא הכח הזה שכינה בלשון נקבה... ויש בזה התעוררות״.

2 קהלת, ה׳, ט׳.

3 שמות, כ״ה, י״ד.

4 בראשית, ב׳, כ״ד.

5 סנהדרין, נ״ח, ע״א.

6 ר״ב עפשטיין, אין „תורה תמימה״ דערקלערט עס אויף אַ גאַר איינפאַכן אופן: משכב זכר איז פאַרבאָטן, ווייל דער אויף ווּעמען מען לייגט זיך האָט נישט קיין הנאה — „דמתוך שאין הנשכב נהנה אינו נדבק עמו״. אינטימקייט מיט בהמות און חיות איז פאַרבאָטן, ווייל זיי קענען נישט ווערן „בשר אחד״ — זיי קענען נישט געבוירן פונעם מענטש...

7 מוהרי״ל איגר, אמרי אמת, בראשית.

8 בראשית, ג׳, כ׳.

9 כתובות, ס״א, ע״א.

10 זע, תורה תמימה — באַריכות.

11 בראשית רבה, כ׳; כתובות, ס״א, ע״א; זע, רמ״מ כשר, תורה שלימה, בראשית ג׳, כ״א, אותיות, קס״ט—קע״ג. ער ציטירט פון מדרש הנעלם, אַז חוה ווערט גערופן מיטן דאָזיקן נאָמען, צוליב איר טאָפּלטער ראָלע — לעבן און גיפטיקער שלאַנג: „חויא״!

12 סנהדרין, ל״ח, ע״א.

13 זע, אדמו״ר ר׳ צדוק הכהן מלובלין, פרי צדיק, נח, אות ו׳.

14 הרודף אחר נערה המאורסה, ניתן להצילה בנפשו — סנהדרין, ח׳, ו׳.
ר׳ יצחק חיות, אין „זרע יצחק״ (אויפן אָרט) דערקלערט: ממ״נ הן אם ישכוב עמה והן אם יהרגנה...

15 „ואת זכר לא תשכב משכב אשה" (ויקרא, י"ח, כ"א); „ואיש אשר ישכב את זכר משכבי אשה, תועבה עשו שניהם, מות יומתו דמיהם בם" (ויקרא, כ׳, י"ג).
16 בראשית, א׳, כ"ח.
17 יבמות, ו׳, ו׳. די גמרא, יבמות, ווידמעט די דפים ס"א, ע"ב ביז ס"ה, ע"א, וועגן דער מצוה פון פרוכפערן זיך. אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי" — אויספירלעכער.
18 דברי הימים, א׳, כ"ג, ט"ו.
19 בראשית, ה׳, ב׳.
20 לא טוב היות האָדם לבדו — בראשית, ב׳, י"ח.
21 הלכות אישות, ט"ו, ז׳; ט"ז; איסורי ביאָה, כ"א, כ"ו.
וועגן דעם אין מסכת כתובות, ע"ז. זע אויך רמב"ם, אישות ט"ו, א׳, ד׳; ב׳, י"ג; איסורי ביאָה, כ"ט, כ"ו א"אַ מקומות.
22 זוהר, שמות, ג׳, ע"ב; בשלח, נ"א, ע"א.
23 ווי דאָס ווערט קאָמענטירט אין זוהר און אין קבלה-ספרים. חכמת נשים בנתה ביתה (משלי, י"ד, א׳) דער רבונו של עולם, ווערט געזאָגט, האָט באַשאַפן די וועלט מיט חכמה און מען לערנט עס אַרויס פון דעם דאָזיקן פסוק — זע, סנהדרין, ל"ח, ע"א. זוהר, בראשית ר"צ, ע"ב.
24 „אשה כשרה — זו שעושה רצון בעלה" — תנא דבי אלי׳, ט׳; זע, רמ"א אבן העזר, סימן ס"ט. אין אַנדער לשון: „את עשית רצון בעליך, המקום יוציא ממך שני בנים כבבא בן בוטא, נדרים, ס"ו, ע"ב.
25 אין זיין ספר „אמרי שפר".
26 זע, שו"ת „האלף לך שלמה", סימן ע"ג.
חיים ראובן רבינוביץ אין זיין מאמר „ר׳ שלמה קלוגר — מאה שנה לפטירתו" האָט וועגן דעם מעורר געווען. סיני, כרך ס"ד, חוב׳ ה׳-ו׳, שבט-אדר, תשכ"ט; אָב-אלול, תשכ"ט.
27 איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ.
28 דברים, ד׳, י"ד.
29 דאָרט, כ"ג, ב׳; יבמות, פרק ח׳, משנה א׳ און משנה ב׳: גמרא, ע׳-ע"ו, ע"ב.
30 ישראל קדושים און אין אַנדערע ספרים.
31 בבלי, יבמות, כ׳, ע"ב; ירושלמי, יבמות ב׳, ד׳.
32 יבמות, מ"ט, ע"ה, ע"ז.
33 רשב"ם, אויפן פסוק „לא יבוא פצוע דכה און אויך אַנדערע מפרשים.
34 רב הונאָ, בראשית רבה, כ"א, ב׳; זע אויך, ערוך, ערך אָ ד ם.
35 ישעיה, מ"ד, י"ג.
36 במדבר, א׳, ב׳.
37 ב"ב ק"ט, ע"ב.
38 בראשית, ה׳, כ"ח.
39 רש"י אויפן אָרט, געגומען פון מדרש תנחומא. ר׳ ברוך עפשטיין, אין תורה תמימה, ציטירט פון ירושלמי, פסחים, ב׳, א׳, אַז אויב ס׳איז געשריבן וילדה ז כ ר, מיינט עס, אַפילו אַ טויט קינד, אָבער וילדה ב ן, מיינט עס אַ **לעבעדיקן** זון וואָס שאַפט און בויט — בן-בונה...
40 זע, הוריות, ג׳ ז׳ — רש"י אויפן אָרט און פירוש המשניות להרמב"ם.
41 ישעיה, נ"ד, ה׳.
42 ישעיה, ס"ב, ה׳.
43 ירמיה, ג׳, י"ד.
44 רמב"ם, איסורי ביאה, כ"א, ח׳.

ג

1 אידעאָלאָגיע פון יידישן אלף-בית, ייווא, בוענאָס-איירעס, 1967, באַזונדערס ז״ז 447-387.

2 זוהר, דברים, ראָזנבערג-אויסגאַבע, ז׳ 56. אין מיין ווערק, די באַציונג צו דער פרוי, באַנד 1, אויספירלעכער.

3 אָבות, פרק ה׳, משנה א׳.

4 זע, ליפינער, דאָרט, ז״ז 391-338 ; 427-426.

5 בראשית, י״ח, ע״ב — ראָזנבערג-אויסגאַבע.

6 תהלים, קל״ט, ה׳. יידיש — יהואָש-איבערזעצונג.

7 זע, עירובין, י״ח, ע״א : גרשון זאב דמשק, לאור האגדה, זייט ס״ה.

8 בבא בתרא, י״ז, ע״א.

9 אין בראשית רבה, ווערט איבערגעחזרט דער דאָזיקער זאָג : אדמו״ר ר׳ צדוק הכהן, פרי צדיק, נח, אות י״א א״א.

10 זוהר, בראשית, כ״ד, ע״ב ; קכ״ח, ע״ב.

11 דאָרט, יתרו, נ״ה, ע״ב.

12 דאָרט, ויקרא, ה׳, ע״ב.

13 עירובין, דאָרט — באריכות.

14 זע, הכרמל.

15 שופטים, י״ט, ב׳.

16 בראשית, ב׳, ז׳.

17 זע, מ. מ. כשר, תורה שלמה, בראשית ג׳, אות צ״ז.

18 בראשית, ב׳, ד׳.

19 ברכות, ז׳, ע״ב.

20 אַלע לידער און פּאָעמעס, באַנד צוויי, לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן, פאַרלאַג בערגען-בעלזען, 1970, ז׳ 151.

21 אָבות, ה׳, א׳ ; מגילה, כ״א, ע״ב. מיט צען זאָגן (שפּרוכן-באַפעלן) איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן. וואָס לאָזט עס אונדז צו לערנען ... כדי צו באַשטראָפן די רשעים וואָס ברענגען אונטער אַ וועלט... און געבן גוטן שכר די צדיקים וואָס האַלטן אויף אַ וועלט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט צען שפּרוכן...
וועגן מענטש-יצירה, זע, תורה שלימה, בראשית, ב׳, ר״ז, ר״ט-רי״א, תנ״ח.

22 זע : ישראל ליפשיץ, תפארת ישראל, יכין ובועז אויפן אָרט ; ר״ע מברטנורא, תשעה ויאמר ובראשית נמי מאמר הוא, דכתיב בדבר ד׳ שמים נעשו — תהלים, ל״ג, ו׳ — דעם דאָזיקן הסבר פון דער גמרא מגילה. זע אויך, הגהות הגר״א.

23 זע, ר׳ יו״ט ליפמאַן העלער, תוספות יום-טוב, אויפן אָרט.

24 זע, רמב״ם, מורה נבוכים, א׳, ס״ה ; רמב״ן, בראשית, א׳, ג׳. וואָס עס מיינט ווילן ביים באַשעפער און וואָס עס איז געווען די שטרעבונג איז אַ טעמע פאַר פילאָזאָפן און בעלי מחשבה.

קאַפּיטל צוויי

עץ הדעת און נחש־טראַגעדיע

א. וואָס פאַר אַ בוים איז דאָס געווען? — בוים פון וויסן. — האָט אָדם הראשון געהאָט דעת? — פאַר וואָס האָט דער נחש נישט פּרובירט אָפּרעדן אָדמען. — חוה לאָזט זיך אָפּרעדן. — חוקרים און מפרשים גרונטעווען זיך.

אין מיין ווערק „די באַציִונג צו דער פרוי"[1] האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אָט דעם דראַמאַטישן קאַפּיטל פון עץ הדעת און נחש, אין שייכות מיטן כאַראַקטעריזירן די ראָל פון מאַטריאַרכאַט, ביים באַגין פון דער ביבלישער ציוויליזאַציע. ווען מיר באַהאַנדלען איצט דעם גאַנג און אַנטוויקלונג פון ביבלישן פאַמיליע־לעבן, איז כדאי זיך נאָך אַ מאָל אָפּצושטעלן ביי דער דאָזיקער סצענע, וואָס האָט געבראַכט דעם מענטשן פון דער גרויסער עליה צו דער טיפסטער ירידה.

מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער אָדם־יצירה, מיטן „וייצר ה' אלקים את האדם" און, ווי דער פּסוק גייט ווייטער: „ויפח באפיו נשמת חיים, ויהי האדם לנפש חיה"[2]. דער תּרגום אינטערפּרעטירט „והות באדם לרוח ממללא", וואָס איז געמיינט געוואָרן, לויט קבלה־ספרים[3], אַז דער מענטש איז געשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דער גאַנצער יצירה, אין צענטער פון קאָסמאָס און דאָ — איין אָפּנויג, איין עבירה — און שוין די ירידה.

ס'איז געווען די אידעאַלע אורציַיט, „ווען דער מענטש האָט נאָך נישט פאַרדאָרבן זיין וועג אויף דער ערד"... אָדם איז דער היטער פונעם ווונדערלעכן גן־עדן און ער הערט דאָס געבאָט: „פון אַלע ביימער פון גאָרטן מעגסטו עסן, אָבער פון דעם בוים פון ו ו י ס ן גוטס און שלעכטס (עץ הדעת טוב ורע) — פון אים זאָלסטו נישט עסן"; און אַ ביסל ווייטער: „און זיי זענען געווען נאַקעט, אָדם און זיין פרוי, און האָבן זיך נישט געשעמט"!

דאָס הייסט, אַז אָדם און חוה זענען געווען ווי די חיות פון פעלד. זיי האָבן גאָרנישט געפילט קיין בושה... נישט געהאַט קיין קולטור־באַדערפעניש; געגעסן גראָז, פּרוכט פון ביימער, נישט געברויכט קיין בגדים, נישט געשפּירט, אַז זיי זענען נאַקעט און זיך געפילט גליקלעך... ביז חוה האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון דער שלאַנג, פאַרזוכט די פּרוכט פון עץ הדעת, און געגעבן אָדמען צו פאַרזוכן — „און עס האָבן זיך געעפנט זייערעביידנס אויגן און זיי זענען געוואָר געוואָרן, אַז זיי זענען נאַקעט".

ווען מען לערנט חומש אָן וועלכע נישט איז פּירושים, זעט עס אויס מאָדנע: מענטשן האָבן געוווּנען וויסן ביים עובר זיין אויף גאָטס געבאָט און פאַרלאָרן זייער נאַטירלעכע אומשולד. דערצו קומט נאָך די שטראָף, גאָטס קללה: „פאַר־שאָלטן איז די ערד צוליב דיר... מיט שווייס פון דיין פּנים, זאָלסטו עסן דיין ברויט, בעת דו קערסט זיך אום צוריק צו דער ערד, ווייל פון איר ביסטו גע־קומען, וואָרום ערד ביסטו און צו ערד זאָלסטו זיך ווידער אומקערן"...

דאָס וויסן, הייסט עס, וואָס צייכנט אויס דעם מענטשן פון אַלע אַנדערע ברואים, זאָל, בכן, נישט ברענגען קיין גליק פאַר אָדמען, דעם מענטשן.

ווען מען טראַכט זיך אַריין אַ ביסל טיפער אין אָט דעם פּרק פונעם באַגין פון מענטשנס אויפשטייג אויף דער אַרענע, קומט מען צו גאָר אַנדערע אויספירן. ס'ווערט קלאָר אַ סך פון דער יצירה־מיסטעריע: דער מענטש איז באַשאַפן גע־וואָרן מיטן צלם־אלקים און געהאַט אויף זיך די הייליקע מיסיע און פונקציע, וואָס האָט אים אויסדערוויילט און דערהויבן העכער אַפילו פון מלאכים. ער איז געווען אין דער בחינה פון נביא, ווי דער נביא ירמיה זאָגט: „בטרם אצרך בבטן ידעתיך — ובטרם תצא מרחם הקדשתיך" — איידער איך האָב דיך באַשאַפן, האָב איך דיך דערקענט און געהייליקט. ער, דער אָדם, האָט געהאַט דעם געטלעכן שׂכל, ווי צו לעבן און ווי אויסצופירן זיינע פונקציעס. די יצירה איז אָבער באַ־זירט אויף בחירה, אויף אייגענעם אויסוואַל, נישט ווי ביים נביא ירמיה וואָס איז געצווונגען געוואָרן דורכצופירן גאָטס שליחות: „והיה בלבי כאש בוערת עצור בעצמותי" — ער איז געווען אין מיין האַרץ ווי אַ ברענענדיקער פייער [4]. נאָר דער מענטש האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון. ער האָט פאַרלוירן דעם געטלעכן שׂכל און גענומען זוכן אייגענעם... איז ער פאַרבלענדט געוואָרן פון ברענענדיקער תאווה און אַ נייע סעריע פון קאָנטראָל איז געקומען, נייע געזעצן, שטרענגע ביז גאָר, „כדי להרחיק אָדם מן העבירה"...

דער רמב"ם גיט איבער [5], אַז אַ געלערנטער האָט אים געפרעגט: ווי קען עס זיין, אַז ווען אָדם האָט געזינדיקט האָט די זינד אים געבראַכט וויסן, באַגאַבט־קייט? און דער רמב"ם באַמיט זיך דאָס אויפצוקלערן. אָדם הראשון פאַרן חטא — האָלט ער — איז געווען אויף דער העכסטער מדרגה פון וויסן. ער האָט דערויף אַ ראיה פון אַ פּסוק אין תהלים [6] „ותחסרהו מעט מאלהים וכבוד והדר תעטרהו"... און דו האָסט אים ווייניק געמינערט פון אלקים; אָבער, ווען אָדם האָט געזינדיקט, נאָכגעגעבן זיינע יצר־הרעדיקע תאוות, איז ער באַשטראָפט גע־וואָרן, אַראָפּגעפאַלן צו אַ נידעריקער מדרגה און געדאַרפט אָנהייבן אויף ס'ניי קריגן זיין דעת, זיינע השׂגות און זיין אינטעלעקט.

קומען מיר צו צום מאַן־פרוי־לעבן, זעען מיר, אַז פאַרן חטא, איז דער צונויפבונד אָדם־חוה געווען אין דער טבע פון „לבשׂר אחד" [7]. בלויז אָדמען האָט

דער רבונו של עולם געגעבן מענלעכן אינסטינקט; ווי די אגדה דערציילט אונדז, האָט ער געבראַכט חוהן געצירט אין 24 סאָרטן צירונג. פון קיין חבלי לידה ווערט גאָרנישט דערציילט; ס'ווערט בלויז געזאָגט, אַז זיי האָבן געהאַט קינדער. אגב, וועגן געבורט פון קין און הבל זענען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען.

נאָך דער זינד איז געוואָרן אַן אָנרעגונג צווישן דאָס ווייבלעכע און מענלעכע; די פרוכט פון באַהעפטונג קומט נאָך שווערע חבלי לידה, געבורטסווייען און געשלעכט-גלוסטונג פון דער פרוי, בעת דער מאַן ווערט איר באַהערשער [8] און דאָמינירער. די פרוי איז די ראשית-שולדיקע. זי האָט גורם געווען טויט; זי האָט ראַמאַנסירט מיטן נחש, מיט דער סטרא-אחרא, זי האָט געבראַכט די אומריינע „זוהמא" און זי האָט באַצאָלט אַ גאָר טייערן פרייז. צוליב איר איז דער „יצר רע מנעוריו" געוואָרן אַ פאַקטאָר אין די בראשית-טעג און איר שטראָף איז די האַרב-סטע: טויט און — „והוא ימשול בך" — ער זאָל געוועלטיקן איבער דיר [9]. די פרוי איז געוואָרן דער קנין פון מאַן און געהייליקט צום מאַן... איר פאַררעט איז שטאַרק באַשטראָפט געוואָרן.

די פרוי, נאָך קדושין און חתונה, גייט איבער אין רשות פון מאַן. זי ווערט אַן „אשת-איש". יעדער אָפּנויג פון געטריישאַפט און לאָיאַליטעט שטעלט אין געפאַר די משפחה-ריינקייט.

מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין חקירות וואָס זענען אויסער די ראַמען פון אונדזער קעגנשטאַנד. לויט אַלע קאָמענטאַרן אין טעאָלאָגיע, אין פאָרשונג, ווי אין מיסטיק, ווערט אָנגענומען, אַז די נחש-שפּיל האָט געבראַכט צו אַט דער צעשפּאַלטונג און גלוסטונג צווישן זכר און נקבה. די תורה איז געגעבן געוואָרן צוריקצובריינגען דעם מענטשן צו דער ערשטער בראשית-עפּאָכע, צוריק צום גן-עדן פון משפחה-לעבן.

וואָס מער די פרוי גלוסט צום מאַן און וואָס מער דער מאַן גלוסט צו דער פרוי, אַלץ מער זענען געקומען געזעצן צו דערווייטערן די געשלעכטער און, נישט בלויז פון שלעכטע מעשים, נאָר אַפילו פון שלעכטע מחשבות [10]. נאָך דער מעשה אמנון ותמר איז די גזירה געווען: נישט צו האָבן יחוד אַפילו מיט אַ „פנויה", מיט אַן אומפאַרהייראַט מיידל, ווייל דער נחש-געפיל איז אַריינגעדרונגען אינעם מענטשלעכן האַרץ און נאָר ביי רעגולערע צוימען, קאָן מען זיך פאַרהיטן פון זינדיקע תאוות.

און דאָ קומען מיר צוריק צום ענין „עץ הדעת" און זיין נחש-עפּילאָג.

איינער פון די היינטיקע פאָרשערס, נ. קראַוויץ, באַנוצנדיק זיך מיט אומצייליקע תלמודישע אגדות און, נישט ווייניקער, מיט ביבל-קריטיק און וועלטלעכער פאָרשונג, איז אַריין מיט זיין עסיי, וואָלט איך זאָגן, אין תלמודישער טערמינאָלאָגיע — „בעובי הקורה", אין דעם ענין פון בוים-און-שלאַנג [11]. ער שטעלט זיך

אַף אויף אַ מדרש [12] וואָס זאָגט, אַז דער בוים איז געווען אַ בוים, ווי אַלעביימער אין גאָרטן, אָבער נאָך דעם, ווי אָדם האָט געגעסן פון אים, עובר זייענדיק אויף גאָטס באַפעל, איז ער געוואָרן אַן עץ הדעת, אַ בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס...

לויטן דאָזיקן מדרש, ווערט די גאַנצע מיסטעריע אַראָפּגענומען פונעם בוים, און דער פאַרבאָט איז בלויז געווען אַ סאָרט נסיון, אַ מוסר־השכל, צי אָדם וועט אויסהאַלטן, איינהאַלטן זיין יצר, ווי אויך צו וויזן, אַז אויב מען איז עובר אויף גאָטס באַפעל, קומט די געהעריקע שטראָף: די שלאַנג ווערט דער הערשער און באַהערשער.

צי די מיסטעריע איז דערמיט געלייזט געוואָרן, איז נאָך אַ גרויסע פראַגע — אָבער ס׳לוינט זיך צו הערן אַ נייעם געדאַנק, אַ חידוש, אין פאַרשטיין די מעשה פון עץ הדעת און ווי אַזוי דער נחש איז דאָ געקומען באַהערשן די מענטש־הייט.

דער נחש, ווייזט נ. קראַוויץ אַן אויפן סמך פון ראיות אין תנ״ך, איז געווען אַן ער [13] און ער האָט געוואָלט אַריינברענגען ספקות ביי אָדם און חוה וועגן גאָט־עקזיסטענץ. ער מאַכט אים, דעם נחש, פאַר דעם ערשטן אַפּיקורס, פאַר דעם אַרכי־אַפּיקורס.

נ. קראַוויץ ווייזט אויך אַרויס בקיאות און וויסנשאַפטלעכע פאַרשטענדע־ניש בעת זיין פאַרנעמען זיך מיטן לשון פון שלאַנג. ווי קומט צו אַ שלאַנג שפּראַך? און צוליב וואָס איז עס אים געגאַנגען אין לעבן אַראָפּצופירן אָדמען און חוהן פון גלייכן וועג?...

מיר האָבן וועגן דעם ענין אַ גאָר רייכע מדרש־ליטעראַטור און, נאָך מער, אין קבלה־ספרים [14]. נישט איינער שטעלט די פראַגע, אָבער קיינער קאָן נישט געבן קיין איבערצייגנדיקן ענטפער. די יצירה, אַזוי אויך די אַנטוויקלונג אינעם יצירה־פּראָצעס, איז איינגעהילט אין אייביקן סוד, וואָס דער מענטש וועט אים נישט אויפדעקן, פונקט ווי ער קאָן נישט געפינען דעם עקזאַקטן ענטפער אויף: „מה לפנים, מה לאחור״.

צוויי תנאים פירן אַ פּאָלעמיק — וואָס איז געווען דער נחש? איינער זאָגט: אַן „אַפּיקורס״, ד״ה אַ מענטש אין געשטאַלט פון אַ שלאַנג, וואָס האָט זיך פאַר־מאָסטן צו פאַרלייקענען דעם יוצר. אַן אַנדערער זאָגט, אַז ער איז געווען אַ מכשף [15] און האָט היפּנאָטיזירט חוהן. אַ פּרוי לאָזט זיך לייכט באַאיינפלוסן און היפּנאָטיזירן פון אַ כישוף־מאַכער.

נ. קראַוויץ וויל פאַראייניקן, שאַפן אַ סינטעז פון אָט דיביידע מיינונגען. דער דאָזיקער אַפּיקורס — האַלט ער — האָט געוואָלט פאַרכישופן דאָס ערשטע פּאָרל, וואָס איז געווען די דירעקטע יצירה פון בורא עולם... צו וויזן, אַז דער כּוח פון יצר איז שטאַרקער פון אַלץ און אַלעמען.

די אַלגעמיינע, מער אָנגענומענע מיינונג, איז, אַז דער נחש איז דער יצר הרע, דער סמאל, דער שׂטן, די סטרא אחרא — די פינצטערע כּוחות, וואָס ווילן דווקא אַראָפּפירן דעם מענטש פון גלייכן וועג און לאָזן אים אין שאול תּחתּיה.

דער נחש איז געווען צופרידן, ווען ער האָט באַוויזן איבערצורעדן חוהן מיט אָדמען, עובר צו זיין אויף דער ערשטער עבירה און זיי אָוועקנעמען פונעם גן־עדן. זיי האָבן געעפנט די אויגן און זיך דערזען נאַקעט — און, ווי נ. קראַוויץ דריקט זיך אויס [16] האָבן זיי געבראַכן דעם ערשטן מאָראַלישן פאַרבאָט און האָבן זיך צוגעדעקט, ווי דער שטייגער איז פון זינדיקע...

וואָס שייך דעם עץ הדעת, פאַרטיפט זיך נ. ק. אין אַ חקירה, וועלכע מיר האָבן באַרירט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט [17].

לויט איין מיינונג פון חז״ל, איז דער עץ הדעת געווען אַ גפן, אַ וויינבוים — און פון ווייַן ווערט מען שיכּור — און די שכרות האָט געבראַכט צו דער קללה: „אילן שאכל ממנו אדם הראשון ר׳ מאיר אומר, גפן היה — שאין לך דבר שמביא קללה על האדם אלא יין, שנאמר „וישת מן היין וישכּר״ [18].

די חז״ל האָבן נישט געהאַלטן פון אַסקעטיזם. די פּרושים זענען נישט געווען פּרוש פון געניסן פון גאָטס ברכה. זיי האָבן אָבער געהאַלטן פון באַהערשן זיך פון תּאווה און, גאָר באַזונדערס, פון תּאווה צו שכרות.

דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צו דערפילן אַ שליחות. און דער „טאָג איז קורץ״! [19] מוז ער דאָס דעריבער אין זינען האָבן ביים אויספירן זיינע פונקציעס אַלס עטישער מענטש; נישט לאָזן זיך פאַנגען אין דער נעץ פון יצר הרע און פילן אין זיך, אַז מצוות זענען נישט קיין עול אויף דעם מענטשן, נאָר פאַרקערט — אַ זכות און אַ פּריווילעגיע [20]. אָדם האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון נחש־חוה־תּאווה, האָט ער „צעבראָכן די כּלים״. די קבלה־טערמינאָלאָגיע רופט עס — „שבירת הכּלים״, רויִנירן די גייסטיקע כּלים ביים מענטשן און לאָזן די „קליפּות״ זאָלן פאַרשטעלן די געטלעכע ליכט... די גאַנצע יצירה איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ נאַכטיקן שלייער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די „קולות וברקים״ ביים באַרג סיני, וואָס האָבן געפירט צוריק צו דעם „אור הגנוז״.

וואָס זענען געווען די דאָזיקע דונערן און בליצן?

ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג, אין זיין „הכּתב והקבלה״ [21] קאָמענטירט, אַז די קולות וברקים זענען נישט געווען קיין געוויינלעכע דונערן און בליצן... דאָס זע־נען געווען נסימדיקע, געטלעכע ווערטער — „קול דבור של עשׂרת הדברות״, ווי דאָס ווערט אינטערפּרעטירט פון מפרשים — „רואים את הקולות — רואים את הנשמע״ און, ווי רש״י ווייזט אָן, „קולות היוצאים מן הגבורה״...

ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג טייטשט אויס, אַז די קולות זאָלן האָבן געהאַט אַן אייביקע ווירקונג — שטראַלנדיקע ליכט, ווי שטיקער פייער „כּשלהובין דנורא״.

די עשׂרת הדברות האָבן געלויכטן און לייכטן עד היום מיט ליכטיקייט, וואָס דער מענטש קאָן נישט האָבן וועגן איר קיין קלאָרע פאַרשטעלונג; שיינענדיקע דברות פאַר אַלעמענס אויגן, און אונטער דער שײַן פון באַרג סיני האָבן די בני ישׂראל מתקן געווען דעם פגם פון די פריִערדיקע, פרימיטיווע אָן־תּורהדיקע דורות. דאָס איז געווען — פּירט ער אויס — אַ „קול נברא לשעתו", וואָס איז שוין געבליבן פאַר דער אייביקייט [22].

דער נחש מיט זיין זוהמא, מיט זיין אָנרעגן צו זינד און זינדיקייט, האָט אָנגעהאַלטן זיין כוח איבער אַלע דורות, ביז אברהם אָבינו, וואָס האָט אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג פון געטלעכער הכרה, און דערגרייכט דעם קלימאַקס פון תּיקון ערשט נאָך זעקס דורות, ווען זיינע קינדער האָבן מקבל געווען די תּורה. נאָר וועגן דעם ווייטער.

דער נחש, וואָס האָט געקענט רעדן, איינרעדן און איבעררעדן [23], האָט מיט זיינע יצר־הרע־רייד געבראַכט טויטשטראָף אויפן מענטש. לויט איין מיינונג אין זוהר, וואָלט דער מענטש סיי ווי נישט געלעבט אייביק, און אַפילו די שטראָף, אַז אינעם טאָג ווען ער וועט עסן פונעם עץ הדעת וועט ער שטאַרבן, „ביום אכלך ממנו מות תּמות" [24] איז אויך נישט קיין גרויס אומגליק, ווייל דאָס מיינט — טויזנט יאָר, „כי אלף שנים בעיניך, כיום אתמול" [25], אַ טויזנטער איז גענוג לאַנג, אָבער נישט קיין אייביקייט.

רבינו סעדיה גאון (892—942) האַלט, אַז דער נחש־מדבר איז געווען דער שׂטן, וואָס האָט געשטעלט חוהן פאַר אַ נסיון — און זי האָט דעם נסיון נישט אויסגעהאַלטן.

מ'קען דאָ אָנווייזן אויף נסיונות פון אברהם, פון איוב: דער ערשטער האָט אויסגעהאַלטן צען נסיונות: דער צווייטער, איוב, האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון — מ'האָט אים מוחל געווען, ווייל ער האָט געזינדיקט בלויז מיט רייד, רעבעלישע רייד — אָבער דאָך נישט מער ווי ווערטער גערעדטע פון צער, פון ליידן און פיין... חוה האָט זיך געקענט באַגיין אָן דעם עץ הדעת און בלויז צוליב לייכטזין זיך געלאָזט פאַרפירן.

אַ מקור פאַר אָט דעם געדאַנק, האָבן מיר אין אַ מדרש [26]: „אמר הנחש, אלך ואכשיל את חוה. הלך וישב אצלה והרבה שׂיחה עמה"...

ווען חוה האָט דערזען דעם מלאך־המוות (דער זעלביקער נחש־שׂטן אין אַן אַנדער לבוש), האָט זי זיך דערשראָקן; אָבער אָנשטאָט בעטן מחילה, האָט זי גאָר געזוכט מיטלען, ווי אַזוי מיטצונעמען מיט זיך איר מאַן, ער זאָל נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו לעבן מיט אַן אַנדער חוה. זי האָט געזאָגט: „אוי לי עכשיו אני מתה והקב"ה עושה אשה אחרת ונותנה לאדם. מיד ותתן גם לאשה. אמרה: אם נמות, שנינו נמות" [27].

זי איז געוואָרן איפּערזיכטיק און בלויז געטראַכט ווי זיך צו באַזאָרגן, אַז דער טויט זאָל קומען אויף ביידן צוזאַמען. דעריבער האָט זי אים באַלד געגעבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון עץ הדעת און געבראַכט אַ קללה אויף דער גאַנצער מענטשהייט.

ווען דער לילית האָבן מיר ביים סוף פון צווייטן באַנד „באַציִונג צו דער פּרוי" זיך אָפּגעשטעלט, אָבער נישט אויסשעפּלעך, און ס'ווילט זיך דאָ צוגעבן, אַז די לילית זאָל זיין, לויט דער אגדה, די ערשטע חוה.

ביים באַשאַפן דעם מענטשן, זענען — לויט דער קבלה — באַשאַפן געוואָרן אַ זכר און נקבה צוזאַמען: „בקומתו ובצביונו" — אין זיין הייך און אין זיין פּאַר־נעם איז די ערשטע חוה געבוירן געוואָרן, נישט סתם אַזוי אַ „צלע" פונעם אָדם... ווי דער פּסוק זאָגט: „זכר ונקבה בראם". זיי האָבן אָבער נישט געהויזט צוזאַמען, ווייל זי האָט געוואָלט אים באַהערשן און ער האָט זי געוואָלט באַהערשן. דער סוף איז געווען אַז זי איז אַנטלאָפן פון אים, זי האָט אים פאַרלאָזט — און ער, אָדם, האָט שוין נישט געקענט זיין אַליין.

ווען דער רבונו־של־עולם האָט געזען ווי ערליידט, „לא טוב היות האדם לבדו", אַז ס'איז נישט גוט פאַר אַ מאַן צו בלייבן אַליין, האָט ער אים איינגעשלעפערט און גענומען איינעם פון זיינע אברים און אים באַשאַפן אַ ווייב — „ויקח אחת מצלעותיו ויבן אותה לאשה". אדם האָט זיך באַרויִקט. איצט וועט ער רעגירן איבער איר. אָבער אויך די צווייטע חוה האָט אים באַהערשט, אים געגעבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון עץ הדעת און אַזוי אַרום געבראַכט קללה און טויט אויף זיך און אויף אירע קינדער. די חוה, דער סימבאָל פון לעבן, די, וואָס איז ווי מוטער־ערד באַשאַפן געוואָרן אַריינצונעמען זאָמען און געבן פּרוכט, זי האָט גע־בראַכט קללה. אדם האָט זיך אָפּגעשיידט פון זיין צווייטער חוה — און די לילית האָט אים געוואָלט צוריקגעווינען. זי האָט חרטה געהאַט אויף אירע מעשים.

דערציילט די אגדה, אַז זי האָט געוויינט און זיך געשאַרט צו אדמען אין די 130 יאָר פון זיין אַסקעטיש לעבן. זי האָט געהייסן לילית צוליב אירע יללות, און מיט די יללות האָט זי אים גענומען, אים גערייצט; ס'זענען געבוירן געוואָרן פון אָט דער נישט צוגעפּאַסטער פּאָר שדים און מזיקין; די לילית דרייט זיך נאָך אַלץ אַרום אַריינצוכאַפּן אין איר נעץ איינזאַמע, אומצופרידענע מענער.

ס'איז דאָ אַ מדרש, וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף דעם „ולקחתם לכם ביום הראשון" [28]. וואָס עפּעס בלויז דעם ערשטן טאָג סוכות איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו בענטשן אתרוג? דער מדרש ווייזט אָן, אַז דערין ליגט אַ רמז אויף דער ערשטער זינד וואָס אדם הראשון איז באַגאַנגען — און אַז דאָס איז פאַרגעקומען פופצן טעג אין תשרי, דעם ערשטן טאָג סוכות. דער אתרוג איז, לויטן מדרש, מכפּר אויף יענער זינד, וואָס אָדם און חוה האָבן עובר געווען.

דער תנחומא גיט צו, אַז דעריבער איז דער ערשטער טאָג סוכּות, „ראשון לחשבון עוונות", ווייל די פּרוכט וואָס אדם און חוה האָבן געגעסן איז געווען אַן אתרוג. דער שיינער אתרוג איז געווען די פרוכט אויפן עץ הדעת. און דער מענטש האָט עובר געווען אויף גאָטס פאַרזאָג, נישט צו עסן פון אָט דער פרוכט...

זינט יענעם אתרוג־טעם האָט דער מענטש געקראָגן כּל־מיני תאוות און, דער עיקר, געשלעכט־תאווה. נישט געקוקט אויף דעם אייביקן געראַנגל צווישן דעם ער און דער זי: קאַמף איבער זינד און ריינקייט, באַגער און עטיש צוזאַמענלעבן, ליידנשאַפט פון בלוטן און מוסטער פון האַרמאָנישקייט — האָט דער מענטש מיט זיך אַליין דעם אייביקן קאַמף צו באַהערשן זיינע מעשׂים און, נאָך מער, זיינע מחשבות. וועגן דעם אין די ווייטערע פּרקים.

ב. דער נחש, די קליגסטע פון אַלע חיות. — סימבאָל פון רשעות. — וואָס עס ווערט געזאָגט אין דער אגדה.

מיר האָבן פריִער שוין אָנגעוויזן אויף פאַר־שיידענע מיינונגען וועגן דעם נחש און ווי אַזוי תּורת־משה האָט געוואָלט אָפּשוואַכן זיין איינ־פלוס. עס איז נישט כּדאי, אין די דאָזיקע ראַ־מען, זיך אַריינצולאָזן אין אַ נחש־שטודיע. מיר וועלן באַרירן דעם ענין בלויז טיילווייז.

די תּורה דערציילט אונדז: „והנחש היה ערום מכּל חית השׂדה אשר עשׂה ד' אלקים" [1], וואָס אין יידיש דאַרף מען עס טייטשן: „און די שלאַנג איז געווען קליגער פון אַלע חיות פון פעלד" [2].

אין וואָס איז באַשטאַנען זיין קלוגשאַפט? — לויט דער תּורה, וואָלט מען געדאַרפט זאָגן אַז ער איז געווען „חכם להרע" [3], קלוג אויף אָנרעגן און איינרעדן צו טאָן שלעכטס, צו זינדיקן. די דאָזיקע מיינונג ווערט אָנגענומען אויך ביי פאַר־שערס און מאָדערנע תּורה־פאַרטייטשערס [4].

פאַר וואָס האָט ער זיך געטשעפּעט דווקא צו דער פרוי, צו חוהן און נישט צו אדמען? דערויף, האָבן מיר כּל מיני דערקלערונגען, כּל מיני אויסטייטשונגען; אָבער לאָמיר פריִער זען, וואָס דער גרעסטער פּשטן און רבן של ישׂראל, רש"י, האָט צו זאָגן. דער דאָזיקער מפרש לערנט אונדז, אַז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו". אַז דער נחש האָט דערזען אדמען און חוהן אין זייער נאַקעטקייט, האָט זיך ביי אים צעפלאַקערט אַ תאווה; האָבן מיר דאָ אַ וואָרטשפּיל פון ערום און ערומים, אָנשטאָט, ווי די מפרשים סוגערירן, אַן אַנדער וואָרטשפּיל: ערום־ערמומיות — פיפיקייט, „וחויא הוא חכים" [5].

דער נחש האָט געזען, אַז דער מענטש וואָס איז באַשאַפן מיטן געטלעכן שׂכל — אָבער מיט אַ בחירה — איז געבליבן נאַקעט... (נאַקעטקייט האָט אַ

טאָפּלטן באַטייט: נאַקעט — אָן מלבושים און נאַקעט — אָן דעת) האָט ער זיך פאַרמאָסטן אים אַראָפּצופירן פון וועג (ווי דער שׂטן האָט זיך פאַרמאָסטן שפּעטער קעגן איובן, קעגן אברהמען); איז ווי אַזוי קען מען אַראָפּפירן דעם מענטשן? האָט ער געפונען דעם לייכטסטן וועג — דורך שלאַנג־עראָטיק, אין וואָס עס האָט אים געהאָלפן די שלאַנג־רעטאָריק.

ער האָט זיך צוגעשאַרט צו חוהן. אויך דאָ, ווייזן אָן קבלה־פאַרשערס, איז דאָ אַ וואָרטשפּיל: חוה און חויה[6]. ווי עס ווערט געבראַכט אין ספרים, האָט חוה פאַרמאָגט אַ טייל פונעם חויה־טעם און דעריבער איז געווען לייכט זי איבער־צורעדן. ווען נישט די חיויהדיקייט, וואָלט זי זיך געקענט אָן עצה געבן מיטן שלאַנג־שׂטן און וואָלט געשטראָלט מיט לויטער גוטסקייט, און נישט בלויז מיט שיינקייט.

דער נחש איז אַזוי אַרום געוואָרן דער סימבאָל פון רשעות, דער עמלק פון „ראשית גויים", וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן פאָלק, וואָס האָט מקבל געווען די תורה: עס איז דער געראַנגל צווישן די צוויי יצרים: דאָס פאָלק, וואָס האָט גענומען אויף זיך אַ תורה, מוז פירן אַן אייביקן קאַמף מתקן צו זיין דעם אור־אַלטן פגם און רייניקן דעם מענטש פון די חיהשע תאווה־אינסטינקטן.

נאָך מער, אויב דער חטא איז נאָך בכלל נישט אָפּגעווישט געוואָרן, איז דאָ די האָפענונג, אַז משיח וועט דאָס קענען באַווייזן, ווען ס׳וועט זיין „כי מלאה הארץ דעה", ווען די גאַנצע וועלט־מענטשהייט, וועט באַהערשט ווערן פון וויסן און אינטעלעקט.

אין זיין ספר „ישראל קדושים"[7] ווייזט אָן ר׳ צדוק הכהן, אַז די משיח־אויפגאַבע וועט אויך זיין אָפּצושוואַכן די נחש־תאווה.

אינטערעסאַנט איז, ווי דער נחש האָט זיך אויף ס׳ניי אַריינגעכאַפּט אינעם לעבן פון די יידן אין מידבר.

ביים סוף פון דער פערציק־יאָריקער וואַנדערונג זענען די יידן געווען אין אַ שווערער שטימונג: מרים איז נישטאָ, אהרן, דער רודף־שלומניק, איז געבליבן אויפן הר ההר; און ס׳איז זיי שוין פאַרמיאוסט געוואָרן צו וואָגלען אין מידבר און לעבן מיט בטחון. איז געווען גאָר באַטירלעך דער: „ותקצר נפש העם בדרך"[8]; האָבן זיי געוואָגט און גערעדט קעגן גאָט און קעגן משהן.

אין רעזולטאַט איז געקומען די שטראָף: די ברענענדיקע שלאַנג האָט זיי געביסן. ערשט דורך תשובה און משהס תפילה איז די שלאַנג אַוועק.

משה רבינו — דערציילט די תורה — האָט געמאַכט אַ קופּערנע שלאַנג, אויפגעהאַנגען „על נס" — אויף אַ שטאַנג און אַז מען האָט אַרויפגעקוקט צו דער קופּערנער שלאַנג, איז מען געהיילט געוואָרן. וועגן דער דאָזיקער טראַגישער געשעעניש ביים סוף פון די פערציק יאָר מידבר, ווערן געשטעלט אומצייליקע

פראַגעס, און יעדערער, אויף זיין שטייגער, האָט אַן ענטפער.

אויף דער פראַגע, פאַר וואָס עפּעס אַן אַנלויף פון שלאַנגען, דערקלערן מפרשים — אַלס מוסר־השכל: די שלאַנג וואָס איז געשלאָגן געוואָרן צוליב שלעכטע רייד, דאַרף זיין די וואָס זאָל זיך באַווייזן און בייסן די יעניקע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט שלעכטע רייד און אויך די וואָס רעדן צו צו שלעכטס. ווי דער נחש האָט געטאָן.

תשובה פּועלט. אַפילו אדם הראשונס תשובה האָט געפּועלט מ׳זאָל אים געבן 930 יאָרן צו לעבן. מיר וועלן אין אַ קומענדיקן פּרק זיך אָפּשטעלן אויף דעם ענין פון תשובה, ווי שטאַרק עס איז דער כּוח פון תשובה. וועגן רחב הזונה ווערט געזאָגט, אַז זי איז געווען אַ זונה פערציק יאָר (זעט אויס, די צייט וואָס יידן האָבן געוואַנדערט) און ווייל זי האָט געטאָן חסד מיט די צוויי מרגלים און דערנאָך אָנגענומען די יידישע אמונה, האָט זי חתונה געהאַט מיט יהושען און פון איר זענען אַרויסגעקומען אַכט נביאים־כּוהנים; אויך חולדה הנביאה האָט פון איר אָפּגעשטאַמט. אויף ר׳ עקיבאן — דעם סימבאָל פון תורה שבעל פה — ווערט געזאָגט, אַז ער האָט געשטאַמט פון סיסרא, דער וואָס האָט געלעבט אינטים מיט דער פרוי פון חבר הקני, די באַרימטע יעל, וועמען דבורה האָט אַזוי הער־לעך באַזונגען: „מים שאל — חלב נתנה...[9] זי האָט אים פאַרשלעפּערט און איינגעשלעפערט אויף אייביק, פון אים איז אַרויסגעקומען דער גרויסער תנא רבי עקיבא בן יוסף[10].

די משנה שטעלט די קאַרדינאַלע פראַגע: „וכי נחש ממית או נחש מחיה?[11] — אלא בזמן שישראל מסתכלין כלפי מעלה... היו מתרפאין". ווען די יידן האָבן געטאָן תשובה, אַרויפגעקוקט צום הימל, מקיים געווען גאָטס געבאָטן, זענען זיי געהיילט געוואָרן. אין לשון פון זוהר „דנחש הנחושת בשעתא דהוו חמאן לי׳ הוו דחלי מקמי׳ דקב״ה ומנטרן גרמייהו מכל חובין"[12].

אין דער אגדה[13], ווערט אַ סך אַרומגערעדט פאַר וואָס איז די שטראָף געווען דווקא מיט נחשים, פאַר וואָס האָט קהלת אָנגעזאָגט אַ שטראָף פאַר אַ פורץ גדר, אַז „ישכנו נחש"[14]; און דער ענטפער איז: ווייל דער נחש האָט אָנגע־פאַנגען מיט שלעכטע, תּאוותדיקע רייד איז ער געשטרויכלט געוואָרן, פאַרשאָלטן געוואָרן (צוויי נוסחאות: נתקל־נתקלל) און זיי, די בעלי לשון הרע, האָבן זיך גאָרנישט אָפּגעלערנט; זאָגט הקדוש ברוך הוא, זאָל ער קומען און זיי באַשטראָפן: „אמר הקב״ה, יבא נחש שהתחיל בלשון הרע תחילה ויפרע ממספרי לשון הרע"!

דער נחש איז געוואָרן דער סימבאָל פון תּאווה, פון מאַגישער הנאה, פון דער קליפּה וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אינעם מענטשנס נשמה. אונטער דעם סימבאָ־לישן שלייער באַהאַלטן זיך עלעמענטן, וואָס זענען יסודותדיק אין דער מאָראַל און עטיק פון יהדות, יסודותדיק אין תורת משה.

וואָס האָט דער נחש געזען אין דער נאַקעטקייט פון אדם און חוה?

ווי די חז״ל דערקלערן, האָט ער זיי געזען אין זייערע אינטימע געשלעכט־באַציִונגען און ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט די תּאווה. ער האָט געגלוסט צו איר: „ראה אותם ערומים ועוסקים בתשמיש לעין כל ונתאווה לה״ [15].

דער נחש איז געווען, לויט דעם אויסטייטש, אַ זכר, אַ בעל תּאווהניק, אָבער נישט קיין האָמאָסעקסואַליסט און נישט קיין לעסביאַניש געשטאַלט (טייל באַ־הויפּטן, אַז ער איז געווען אַ נקבה). ער האָט געצילט צו ברענגען טויט אויף אדמען און אַזוי אַרום באַזיצן חוהן. ווי אַזוי האָט ער געקענט צוקומען צו חוהן? — צוליב אירע צו פיל און איבעריקע רייד. זי האָט צוגעגעבן די ווערטער „ולא תגעו בו״ — אַז דער פאַרבאָט איז „נישט עסן און נישט אָנרירן דעם עץ הדעת״ — און אַז מען איז עובר אויף „בל תוסיף״, קומט אַזאַ מאָדנער עונש: צוליב איין מאָמענט פון תּאווה — די אייביקע קללה [16].

עס איז געקומען דער הארבער עונש פון „ארור״ און „איבה״ צום נחש; צער, טרויער און לייד דער פרוי; און אדמען — מיטן שוויס פונעם פּנים קריגן זיין ברויט, די ערד זאָל זיין צוליב אים פאַרשאָלטן און, די שווערסטע קללה: „כי עפר אתה ואל עפר תשוב״ — שטויב ביסטו און צו שטויב זאָלסטו זיך אומקערן [17].

ווער איז ער געווען דער נחש? וואָס איז ער געווען? איז ער געווען רעאַל? איז ער געווען אַ מיסטישער סימבאָל פון יצר און שׂטן? ווי אַזוי האָט חוה זיך אויסגעטענהט מיט אים? ווי געזאָגט, האָבן מיר אַ סך ענטפערס, אָבער אונדז שטעלן נישט צופרידן די כּל מיני דערקלערונגען.

מאָדנע איז, וואָס אַזאַ ראַציאָנאַליסט, ווי דער אבן עזרא, בלייבט צופרידן מיט אַ „יש אומרים״, אַז חוה האָט פאַרשטאַנען דאָס לשון פון חיות; און ער איז איבערצייגט, אַז דער נחש איז רעאַל, אַ שלאַנג, וואָס איז געגאַנגען ווי אַ מענטש בקומה זקופה, אויף צוויי פיס און איז געווען אַ שרעקלעכער בעל תּאווה. ער פירט אויס: „והשם דעת באדם — שם בו״, אַז איינס פון די נסים איז אויך געווען דאָס וואָס די שלאַנג האָט געקענט רעדן.

שטעלט זיך אָבער אַ פראַגע: פאַר וואָס זאָגן חז״ל, אַז בלעמס אייזל האָט געקראָגן לשון באַלד ביים וועלט־באַשאַף [18], אָבער בנוגע דער שלאַנג ווערט דאָס אין ערגעץ נישט דערמאָנט. ר׳ סעדיה גאון האַלט, אַז אַ מלאך האָט דאָס געפירט די רייד צווישן נחש און חוהן... [אויב מ׳רעדט שוין פון אַ מלאך, וואָלט איך זיך דערלויבט צו זאָגן, אַז עס איז געווען דער מלאך המוות, ווי עס ווערט געזאָגט: הוא השׂטן, הוא היצר, הוא המלאך המוות...]

לויטן זוהר, מיינט נחש דעם שׂטן, דעם וואָס האָט געבראַכט די פּגימה אין מענטשנס האַרץ און, זינט יענעם מאָמענט, „ותפקחנה עיני שניהם״ [19], זוכט מען אַ תּיקון אויף יענער נחש־פּגימה.

חוה, אַרויסקומענדיק פון אָדמס ריפּ, איז געוואָרן זיין באַהערשערין, און דעריבער איז איר שטראָף גורלדיק: „ואל אישך תשוקתך, והוא ימשול בך" און — מיט יסורים וועסטו געבוירן קינדער, צו דיין מאַן וועט זיין דיין גלוסטונג און ער וועט געוועלטיקן איבער דיר[20]. שווערער ווי דער טויט איז אַזאַ שטראָף. חוה האָט זיך פאַרענטפערט „הנחש השיאני"... לערנען אייניקע, אַז דאָס האָט זי געגעבן אָנצוהערן, אַז דער נחש האָט זי פאַרגוואַלדיקט[21].

דער איש וועט זיין דער בעל, איר באַהערשער און זי וועט זיין אונטער־געוואָרפן צו אָט דעם מושל, ווען זי וועט קענען גובר זיין און צוריקקריגן איר אומאָפּהענגיקייט בלויז דאַן, ווען זי וועט לעבן אַ נאָרמאַל לעבן, אַ צניעותדיק און שלומדיק צוזאַמענלעבן, ווען „איש ואשה זכו, שכינה ביניהם"[22].

אַז מיר רעדן פון אגדה, איז כּדאַי אָנצווייזן אויף אַ מדרש, וואָס פרעגט: „ותאמר האשה אל הנחש — והיכן היה אָדם באותה שעה?" ווען די פרוי האָט זיך אויסגעשמועסט מיט דער שלאַנג — ווו איז געווען אָדם? און דער ענטפער איז אַזוי מאָדנע ווי די פראַגע: „נתעסק בדרך ארץ וישן לו". גאָר פּשוט, נאָכן האָבן אינטימע באַציִונגען מיט זיין חוהן, איז ער מיד געוואָרן און איינגעשלאָפן. דער נחש האָט דאָס צוגעזען, געקראָגן תּאווה און זיך צוגעשאַרט צו דער וואַכ־זאַמער חוה, און געוואָלט ליקווידירן זיין אָפּאָנענט, בעת ער איז נאָך פאַרשלאָפן... דעריבער איז די קללה געווען: „ואיבה אָשית בינך ובין האשה"[23].

מיט וואָס פאַר אַ לשון די צוויי געליבטע האָבן זיך באַנוצט, זאָגט איין מדרש, אַז די שפּראַך איז געווען לשון הקודש. און דאָ קומען אַ ריי מיינונגען, וואָס לייגן זיך נישט אויפן שׂכל. די שלאַנג זאָל האָבן געווען אַ שפּראַכן־קענער. דער תּירוץ איז, אַז נישט דער נחש האָט גערעדט צו חוהן און נישט חוה האָט צו אים גערעדט, זי האָט בלויז געזען, ווי ער פאָסמאַקעוועט זיך מיט די פרוכט פונעם עץ הדעת, האָט זי געפּרוּווט פאַרזוכן... און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער נחש אָבסערווירט זי, ווי זי כאַפּט זיך צו צו די פאַרבאָטענע פּרות[24].

רב האי גאון (998—1038) און מיט אים אַ צאָל שפּעטערע מחברים און ראַציאָנאַלע פאָרשערס האַלטן, אַז די מיסטעריע איז גאָרנישט אַזוי שווער צו לייזן, אויב מ'זאָל אָננעמען, אַז השם יתברך האָט געגעבן כּוח־הדיבור דער שלאַנג. מיר האָבן דאָך דעם רבונו של עולמס אויסדרוק צו משה רבינו: „מי שם פּה לאָדם... הלא אנכי ה'"[25] — האָט דאָ אויך אַזאַ נס געקענט פּאַסירן. צוליב וואָס? — צוליבן נסיון פון דער ערשטער חוה[26].

מיר זעען ווי די אגדה האָט זיך געמאַטערט אויפצודעקן די נחש־מיסטעריע, וואָס האָט געבראַכט די אייביקע קללה. ר' ירמיה בן אלעזר האַלט[27], אַז דער נחש איז געווען — ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט — אַן אַפּיקורס, אַ גאָט־פאַרלייקענער,

וואָס מיינט אָן ספק — אַ סימבאָל פון אַן אַטעיִסט. די אַטעיִסטישע מחשבה איז אַריינגעדרונגען פריִער אין חוהן און פון איר אין אָדם הראשון.

ר׳ ירמיה לערנט דאָס אַרויס פונעם ערום, וואָס אַסאָציִירט זיך מיט ערומים — פּיפּיקייט, און ער ברענגט דערביי דעם פּסוק: „מפר מחשבות ערומים״ [28] — ער צעשטערט די מחשבות פון די פּיפּיקע.

וועגן דער צעפלאַקערטער פאַנטאַזיע אַרום חטא פון חוהן און איר באַשיצער האָבן מיר אגדות, וואָס זוכן אויפצוקלערן פאַר וואָס איז זי, די ערשטע חוה, אַזוי גיך געלאָפן מכבד זיין איר מאַן מיט אַ גוט שטיקל עץ הדעת... און אַנשטאָט זוכן אַ תּירוץ, אַז זי האָט עס געטאָן אויס ליבע צו איר מאַן, געפינען זיי גאָר, אַז זי האָט עס געטאָן צוליב קנאה, טאָמער וועט זי שטאַרבן און ער וועט זיך ערשט נעמען אַ יונג ווייבל...

פאַר וואָס זאָגן מיר פאַנטאַזיע? ווייל, אין יענער צייט, האָט אַ מאַן געקענט האָבן און זיך דערלויבן וויפל נקבות ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט: מאַטריאַרכאַט איז געווען גרייט צו דינען דעם גבר.

ס׳איז אָבער דאָך אינטערעסאַנט, ווי דער מחבר פון ספר „חמדת הימים״ [29] ווייזט אָן, אַז נאָך דעם ווי חוה האָט געגעסן פונעם עץ הדעת, האָט זי אָנגע־טראָפן אויפן מלאך־המות און האָט אים געפרעגט — ווער ביסטו? האָט ער איר געזאָגט: איך בין דער מלאך פון טויט און בין געקומען נעמען דיין נשמה, ווייל דו האָסט עובר געווען אויף גאָטס באַפעל...

אויב אַזוי — האָט חוה געטראַכט — וועל איך אויך אָדמען געבן צו פאַרזוכן... וועלן מירביידע גיין!

קיין סך חידוש איז נישטאָ אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג. אין דער אגדה געפינט מען רמזים אויף דער מעגלעכקייט פון חוהס נקמה און קנאה. ר׳ אלעזר הקפר לערנט אונדז: „הקנאה והתאווה והכבוד מוציאין את האָדם מן העולם״ [30]. וועגן נחש געפינען מיר אַ פּאָלעמיק צווישן ר׳ יצחק און ר׳ יהודה. לויטן ערשטן איז עס געווען דער יצר־הרע, וואָס איז אויך דער שׂטן, דער מלאך המות, דער סמאל, וואָס ברענגט קללה [31].

ווי עס זאָל נישט זיין, אָדם איז פאַרפירט געוואָרן. ער האָט דעם נסיון נישט אויסגעהאַלטן. דאָ איז גערעכט דער מדרש אין ווייזן דעם חילוק צווישן אברהמען און אָדמען: דער ערשטער מענטש, דער יציר כפּיו פון הקדוש ברוך הוא, וועל־כער איז נישט פון „מטפה סרוחה״־אָפּשטאַם, האָט באַלד דעם ערשטן נסיון נישט אויסגעהאַלטן, און אברהם אָבינו, אַ דערצויגענער צווישן געצנדינערס און זינדי־קע, ער האָט אויסגעהאַלטן צען נסיונות...

טויט איז אָבער נישט תּמיד אַ קללה. די חז״ל האָבן געזען אויך אין טויט אַ ברכה.

אין דער תּורה פון רבי מאיר האָט מען געפונען אָנגעשריבן: „והנה טוב מאד״ — און עס איז זייער גוט... דאָס איז דער טויט [32].

די פּרוי וואָס, לויט בראשית, האָט זי גורם געווען צו אָט דעם נחש־סקאַנדאַל, האָט פּאַרגיטיקט נאָך דעם, ווי „והאדם ידע את חוה״ — וואָס ווייזט אָן אויף אַ המשך פון דורות פון משפּחות, פון פעלקער, אויף דער האַרמאָנישקייט און גוטן לעבן צווישן מאַן און פרוי. ביידע צוזאַמען האָבן גאָטס ברכה צו ברענגען דורות און, במילא, ממשיך זיין דאָס לעבן פון אָדם און חוה. וועגן דעם אין די ווייטער־דיקע פּרקים.

ג. אָנגעהויבן מיט ברכה. — משפּט און עונש. — פריייהייט וואָס האָט גע־בראַכט קללה. — דאָס שעמען זיך מיט נאַקעט־קייט. — אָדם און חוה טוען תּשובה. — ווען מען ווערט פאַרטריבן פון גן־עדן.

אָדם הראשון האָט שרעקלעך געליטן נאָכן פאַר־טריבן ווערן פון גן־עדן. ער האָט זיך אָפּגע־זונדערט פון חוהן ביז דער מלאך רזיאל, דער סודות־אַנטפּלעקער, האָט זיך באַוויזן צו אים ביים טייך וואָס ציט זיך פונעם גן־עדן. ער האָט אים — לויט דער מסורה — איבערגעגעבן אַ ספר, וואָס רופט זיך רזיאל המלאך [1], אים גע־שטאַרקט און געגעבן מוט און קוראַזש אָנצו־הייבן אויף ס׳ניי אַ נאָרמאַל לעבן. לויט אַן אגדה, האָט ער אים שוין דאַן, אין יענע טראַגיש־טרויעריקע טעג, אָנגעזאָגט, אַז אַ מאַן מוז האָבן אַ פרוי און אַז די שכינה קערט זיך אָפּ פון אַ מאַן, וואָס וויל נישט לעבן נאָרמאַל [2] „לא איש בלא אשה ולא אשה בלא איש ולא שניהם בלא שכינה״ — דאָס זענען די דריי שותּפים פון המשכדיקער יצירה.

די אגדה גייט נאָך ווייטער אין שייכות מיטן נחש־אינצידענט דערקלערנדיק אַז קין איז געבוירן געוואָרן אַלס רעזולטאַט פונעם נחשס באַציִונגען מיט חוהן. דעריבער איז ער געווען אַזאַ רשע, אַזאַ רוצח, געהרגעט דעם אייגענעם לייבלעכן ברודער, ווי אַ רעזולטאַט פון קנאה און תּאווה. ווען מען לאָזט זיך אַריין אַ ביסל טיפער אין אָט די אומצייליקע אגדות־חז״ל, דערוויסט מען זיך, אַז קין האָט דווקא געוואָלט הבלס צווילינג־שוועסטער, וועלכע הבל האָט געוואָלט האָבן פאַר זיך.

[ווי איך נעם דאָס אָן, איז עס אַ לערע מיט אַ מוסר־השׂכל, צו ווייזן, אַז תּאווה פירט צו רציחה און אַז די אור־תּאווה, האָט געבראַכט דעם ערשטן מאָרד, דעם ברודער־מאָרד [3]].

ס׳ווערט במילא קלאָר, פאַר וואָס גלוי עריות, דאָס פאַרהיטן פון אויסגע־

לאַסנקייט, לויט יענע באַגין־באַגריפן, איז שוין אָנגעזאָגט געוואָרן צו די מענטשן פון דער אָדם־תקופה און איז געשטאַרקט געוואָרן אין דער נח־עפּאָכע.

דער נאַטירלעכער פאַרלאַנג איז „ואליה תשקתו״, דער בעל אבידה זאָל מחזר זיין נאָך זיין אבידה... נאָך דער מעשׂה מיטן עץ הדעת, איז דאָס געוואָרן אַ קללה: „ואל אישך תשוקתך והוא ימשול בך״[4], די תאווה איז געוואַלדיק גרויס פון ביידע זייטן: דער מענלעכער צד יאָגט זיך נאָך דאָס ווייבלעכע און דער ווייבלעכער צד יאָגט זיך צום מענלעכן. די נאַטור דאַרף אָבער געצוימט ווערן, דאַרף באַוואָרנט ווערן קעגן פרעכער הפקרדיקער זנות און ניאוף; ווייל די הפקרות ברענגט צו דעגראַדאַציע און צום אומקום פון דער מענטשהייט. דער גזר אויף די דורות נאָך אָדם הראשון איז געווען צוליב זנות און הפקרדיקער אויפפירונג.

צווי פאַרברעכנס האָבן גורם געווען דעם מבול: גלוי עריות און גזל. אין דער אגדה, האָבן מיר חלוקי דעות, וואָס האָט איבערגעוויגן. מיר קאָנען אָננעמען, אַז ביידע: גזל און זנות, ביידע האָבן געבראַכט די שטראָף פון „קץ כל בשׂר״ — אומצוברענגען אַלע באַשעפענישן, צוליב די זינד פונעם העכסטן אין דער יצירה „ולפי שהיו שטופים בזימה וגזל נימוחו מן העולם״[5].

אָדם הראשון — אויך חוה — האָבן תשובה געטאָן. אָדם הראשון איז געזעסן 130 יאָר און געפאַסט[6] און איז באַטראַכט געוואָרן אַלס „חסיד גדול״; דער עונש איז אָבער געבליבן. מ'האָט אים בלויז אָפּגעלייגט אויף טויזנט יאָר; פון די טויזנט האָט מען אַראָפּגענומען 70 פאַר דוד המלך, וועמעס נשמה איז געווען אַזוי וויכטיק, אויפצושטעלן מלכות[7]. די קללה פון אָדם הראשון איז שוין געבליבן לעולמי עד, אַז אַפילו צדיקים זאָלן נישט זיין אויסגעהיט פון איר. די מיתה פון צדיקים — לערנט מען אונדז — איז געקומען „בעטיו של נחש״, צוליב דעם וואָס אָדם און חוה האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פונעם נחש, צוזאַמענגעמישט טוב מיט רע, הימלישע הנאה מיט גשמיותדיקער.

די ברכה „און פילט אָן די ערד״[8], דער „פרו ורבו״, איז אויך געבליבן אין דער נאַטור פון מענטשן און אין אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין די ששת ימי המעשׂה, און נישט בלויז אינעם חי, נאָר אין אַלץ וואָס לעבט, וואָס האָט חיות. דער גאַנצער קאָסמאָס איז באַהערשט פונעם באַפעל: „ושרצו... ורבו״. זיך צו ווימלען, פרוכפערן און מערן; דער מענטש האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן און זיך געלאָזט פאַרפירן... און די דורות, נאָך אָדם און קין, האָבן שוין געהאַט פאַר זיך דעם געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס, און ביי זיי איז די בושה שוין נישט געווען צו פאַרדעקן נאַקעטקייט, נאָר פאַרקערט: ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פּעריאָד פון אַ פרייהייט, וואָס גרענעצט זיך מיט הפקרות, נאַקעטקייט, פאַרדאָרבנקייט און סעקסועלער וואַקכאַנאַליע, וואָס האָט מער נישט געקענט צוגעדעקט ווערן מיט אַ פייגנבלאַט...

נאָכן טועם זיין פונעם עץ הדעת, ווען אָדם און חוה האָבן זיך אָנגעהויבן שעמען מיט זייער נאַקעטקייט, האָבן זיי געכאַפּט פייגנבלעטער, צונויפגענייט און געמאַכט גאַרטלען. „ווייל איך בין נאַקעט, האָב איך זיך באַהאַלטן"... דערקלערט אָדם. האָט דער באַשעפער זיי באַזאָרגט מיט העמדלעך, געמאַכט פון פעל, „כתנות עור" און זיי באַקליידט — האָבן אָבער די דאָזיקע קליידער נאָך מער גערייצט, צעהיצט די פאַנטאַזיע...

איז דען אַ וווּנדער, דער משפט און עונש אויף די ערשטע, וועלכע זענען אַריבער דעם געטלעכן געבאָט און באַפעל?

אָדם האָט זיך דערשראָקן, ווען ער האָט דערהערט דעם געטלעכן רוף: איכה —וווּ ביסטו, מענטש? ווי ר' שניאור זלמן, דער בעל התניא, דערקלערט, איז די פראַגע איכה נישט געווענדט בלויז צו אָדם הראשון, נאָר צו דער מענטשהייט בכלל: וווּ ביסטו מענטש? פאַר וואָס פילסטו נישט אויס דיינע הייליקע פונק־ציעס?...

אָדם איז גענומען געוואָרן אויף אַ שטרענגן פאַרהער. ער האָט געוואָלט מתקן זיין — אָבער צו שפּעט. די „זוהמא" האָט שוין געהאַט איר השפעה אין די בלוטן פון זיין חוה. דער קדמון־חטא האָט אים אַריינגעכאַפּט אין אַ נעץ, פון וועלכער מ'קען זיך נישט אַזוי לייכט באַפרייען. די זינד פון זנות האָט געבראַכט דעם תאווה־געיעג [9]: דער פרויס מאַטערניש ביים געבוירן קינדער און די תאווה־תשוקה וואָס לאָזט נישט אָפּ. דער מאַן וויל באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן און קאָן זיי בשום אופן נישט באַפרידיקן.

אָדם איז פאַרטריבן פון גן־עדן. ער מוז לעבן אין שווייס און מאַטערניש און קאָן זיך דערנערן בלויז מיט פרוכט און גרינסן (ערשט נחן איז דערלויבט געוואָרן בשׂר). מען דערלויבט אים אפשר באַנוצן זיך מיט דער בהמה און חיה צו דער אַרבעט, אָבער נישט צו עסן פלייש פון בעלי חי — דאָס אַלץ איז כּדי צוריקצוהאַלטן אים פון זיין פאַרטאָן אין תאווה: „אמר רבי יהודה אמר רב, אָדם הראשון לא הותר לו בשׂר לאכילה" [10].

דער עץ הדעת האָט אים געגעבן וויסן, בחירה־וויסן, אָבער דאָס וויסן האָט אים געבראַכט צער און ווייטיק; דער גורל פונעם מענטש: „יוסיף דעת — יוסיף מכאוב" [11].

נח וואָלט אפשר מתקן געווען דעם חטא און וואָלט דערהויבן זיינע קינדער צו דער ערשטער מדרגה פון קודם החטא, האָט ער זיך אַליין פאַרלוירן. ווי נאָר ער איז אַרויס פון דער תיבה, געראַטעוועט זיך מיט זיין פאַמיליע, איז ער פאַר־וואָכעדיקט געוואָרן און באַגאַנגען אַ סעקסועלן פאַרברעך.

ווי נאָר ער איז אַרויס פון דער תיבה, האָט ער געפלאַנצט אַ ווייגאַרטן, גענומען אַן איבעריקן טרונק, געוואָרן שיכּור, זיך אָפּגעדעקט — און ווידער

דורך נאַקעטקייט — געבראַכט שאַנדע אויף זיך און אַ קללה אויף זיין כּנען־אייניקל [12].

וואָס האָט דאָס אייניקל געטאָן?

לויט איין מיינונג, האָט ער דעם זיידן קאַסטרירט, צי סטעריליזירט, ער זאָל מער קיין קינדער נישט האָבן; לויט אַן אַנדער מיינונג, האָט ער געפּראַוועט איבער דעם זיידן אַ משכּב־זכר־אַרגיע, אַ האָמאָסעקסואַליסטישן אַקט, וואָס איז פון „בראשית" אָן געווען פאַרבאָטן.

אויסצורעכענען אַלע אגדות אין שייכות מיט דער נח־כּנען דראַמאַטישער סצענע איז אוממעגלעך. מיר דאַרפן דאָ אָננעמען דעם כּלל: „אלו ואלו דברי אלהים חיים" — מסתּמא האָבן די אַלע זאַכן פּאַסירט מיט נחן ווען ער איז געווען שיכּור; אַז מען טרינקט איבער דער מאָס, ברענגט מען אויף זיך שאַנדע און שפּאָט, קללה אויף זיך און אויף די פון אים אָפּשטאַמיקע.

אָדם הראשון איז געוואָרן אַרויסגעוואָרפן פונעם גן־עדן, די „חרב המתהפּכת" האָט אים מער נישט אַריינגעלאָזט און ער האָט זיך זייער אַנגעליטן, צוזעענדיק רציחה פון אַ זון, צוזעענדיק די פאַרדאַרבנקייט פון די דורות. די פּרוי, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען שׂמחה, ברכה, טובה און שלום [3], איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוח רעה און, ווי די חז"ל באַהויפּטן: „כּל רעה ולא אשה רעה" [14].

נח, איז פריִער, פאַר זיין שכרות, פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס דער „צדיק בדורותיו"; אָבער דאָס שכרות האָט אים אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג, און ס'האָט גענומען צען דורות ביז אברהם אָבינו הכּיר את בוראו און זיך פאַרנומען ברענגען מענטשן תּחת כּנפי השכינה.

אברהם אָבינו, ווי דער פּאַטריאַרך פון די שבטי בני־יעקב, האָט זיך פאַרנומען מתקן צו זיין די וועלט, ברענגען תּיקון צו דעם קלקול פון אָדם הראשון. ער האָט זיך פאַרנומען, ווי קבלה־ספרים לערנען אונדז, מתקן זיין דעם פּגם פון נחש, אָפּווישן די זוהמא, פאַריאָגן די קליפּות און פאַרטרייבן די סטרא אחרא — כּדי צו קענען אַריינברענגען קדושה אינעם מענטשנס לעבן.

זיינע קינדער האָבן נאָכגעפאָלגט דעם דאָזיקן דרך, אים אויסגעברייטערט און פאַרטיפט, און דער כּוח צו באַקעמפן די סטרא אחרא, דעם נחש־פּגם, איז ערשט געקומען דורך דער תּורה, די תּורה וואָס ווערט גערופן אויף משה רבינוס נאָמען — „זכרו תּורת משה". נישט אומזיסט האָט דער רבונו של עולם געהייסן משהן אויפהענגען אַ נחש על נס — דער נחש־נחושת זאָל זיי דערמאָנען, אַז זיי זענען נאָך אַלץ נישט פריי פון נחש־גיפטיקייט, אַז די תּורה וואָס מען לערנט מיט זיי, איז געצילט זיי צו באַפרייען און אויסהיילן פון דער דאָזיקער מחלה [15].

וואָס האָט געלערנט יהדות זינט די אָבות האָבן זיך באַוויזן און זינט דער רבי פון אַלע דורות, משה רבינו, האָט געקראָגן די עשׂרת הדברות?...

יהדות האָט געוויזן, אַז עס האָט זיך געשאַפן נישט בלויז אַן „עם לבדד ישכון״, נאָר אַז אויך דער דת און אמונה פונעם דאָזיקן פאָלק בלייבט לבדד! דאָס יידנטום האָט אָבער באַוויזן צו ברענגען דאָס וואָרט פון הקדוש ברוך הוא צו דער גאַנצער וועלט.

אויב די אַנדערע היידנישע אמונות האָבן פאַרבונדן זייער ריטואַל מיט עריות, מיט אויסגעלאַסנקייט, די געטער האָבן באַהערשט דאָס ווייבלעכע געשלעכט און, פאַרקערט, די געטינס דאָס מענלעכע געשלעכט, כּדי צו פּראַווען הוליאַנקעס און אָרגיעס — האָט יהדות אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען און וואָרענונגען קעגן געצנדינסט. אויב די פּריסטערס זענען געווען די, וועלכע האָבן זיך — צוליב זייער גייסטלעכן סטאַטוס — געקענט דערלויבן געשלעכט־באַציִונגען, ווי אַ סאָרט רעליגיעזן אַקט, וואָס האָט במילא צעשטערט דאָס פאַמיליע־לעבן — האָט אבֿרהם אָבינו אַריינגעבראַכט די קדושה אין פאַמיליע־לעבן, ווי בראשית האָט געלערנט „ודבק באשתו״, וואָס איז געטייטשט געוואָרן — „ולא באשת חברו״[16]. דער פאַרבאָט פון לעבן געשלעכטלעך מיט אַן אַנדער מאַנס פרוי איז פאַרזען געוואָרן מיט די שטרענגסטע שטראָפן, ווייל אין אָפּהיטן די שבע מצוות, און מיטן פאַרבאָט פון „גלוי עריות״, וואָס איז געוואָרנט געוואָרן פריִער פאַר אַלע געבאָטן, איז אָפּהענגיק דער קיום פון דער מענטשהייט. דעריבער איז די שטראָף פאַר די עבירות — טויט[17]. דער נביא האָט תּמיד געזוכט דערהויבנ־קייט ביי אַלע פעלקער, עטישע און מאָראַלישע דערהויבנקייט, און געוואָרנט פון פאַרברעכן מיט דער שטראָף פון דער „בראשית״־עפּאָכע — דעם מבול... אין די שפּעטערע תּקופות מיט דער שטראָף פון מפקיר זיין און קאָנפיסקירן דאָס פאַר־מעגן. אויף דעם פּסוק „ראה ויתר גוים״[18], דרשנט די גמרא „ראה ה׳ שבע מצוות שקבלו עליהם בני נח שלא קיימו, עמד והתיר ממונם לישראל״[19].

מיר האָבן אומצייליקע מאָל די וואָרענונג קעגן זימה, קעגן אָפּטאָן הפקרדיקע מעשׂים. אינטערעסאַנט ווי אַ משׂכּיל־מפרש טייטשט דאָס וואָרט זימה: לויט אים שליסט דאָס איין אויך אַ זינדיקע מחשבה: דער עיקר אָבער פון זימה מיינט דאָס אָפּלערנען זיך זנות־פּראַקטיצירונג פון מוטער־טאָכטער, ווייל די טאָכטער נעמט געוויינטלעך איבער די געוווינהייטן פון דער מוטער, כּאמה כּבתה, און אַזוי אַרום שטאַרקט זיך די טומאה אין האַרצן[20]. מיר קאָנען זיך דערלויבן צוצוגעבן, אַז פרעכע געשלעכטלעכע געוווינהייטן מאַכן אַ תּל פון דער ריינער ליבע, ס׳בלייבט נישט מער ווי תּאווה — און תּאווה, אָן אהבה, דעגראַדירט און פירט אַראָפּ דעם מענטשן ממש צום שאול תּחתּיה.

ס׳איז במילא נישט קיין ווונדער, וואָס מיר לערנען אין בראשית, אַז ווען די „נפילים״, די בני אלהים, זענען געקומען און גענומען „נשים אשר בחרו״, איז דאָס געווען אַ „פאַרדאַרבונג״, וואָס האָט נישט געקענט טאָלערירט ווערן,

„כּי השחית כּל בּשׂר את דרכּו״... און נח איז נישט געווען בכּוח זיי צוריקצוהאַלטן.

נח האָט געפונען חן אין די אויגן פון גאָט, פאַר וואָס? ווייל ער איז געווען אַ צדיק. „מיט גאָט איז געגאַנגען נח!״ ער איז געווען אַן אויסנאַם אין זיין דור מיט צדקות, מיט ערלעכקייט און, ווי עס זעט אויס, מיט אַ ריינעם פאַמיליע־לעבן.

די גאַנצע וועלט איז געווען פאַרדאָרבן „ותשחת הארץ״ [21], וואָס רש״י קאָמענטירט: „ערוה ועבודת כוכבים״ — מיטן צוגאָב פון חמס און גזל. נח האָט זיך אָבער דערהויבן, און דעריבער האָט דער רבונו של עולם אים אָנגעטרויט די רעטונג פון אַלץ וואָס לעבט... ער איז אַפילו דער „צדיק יסוד עולם״ [22], ער האָט אָפּגעהיט די זיבן מצוות, האָט אָבער נישט פאַרמאָגט דעם כּוח צו ווערן אַ פירער און צו ראַטעווען זיין דור פון אומקום. וועגן דעם אין ווייטערדיקן פרק.

הערות

א

1 באַנד 1, אַרויסגעגעבן פון ייוו״אָ פאַרלאַג, אַרגענטינע.
2 בראשית, ב׳, ז׳.
3 אין ספר יצירה — פּרטים.
4 ירמיה, א׳, ה׳—כ׳, ט׳.
5 מורה נבוכים, א׳, ג׳.
6 ח׳, ו׳.
7 בראשית, ב׳, כ״ד.
8 דאָרט, ג׳ ט״ז.
9 דאָרט, דאָרט.
10 בראשית רבה, י״ט, וועגן שלעכטע מחשבות; נדה כל היד; קדושין, עשרה יוחסין ביים סוף פרק; רמב״ם, איסורי ביאה, כ״א.
11 „אונדזער אייגן וואָרט״, רעד. נ. סיגאַלאָווסקי, מ. שטאַרקמאַן, סעפּט. 1971 — ביז גאָר אַן אינטערעסאַנטע חקירה — אַ פּערל פון פאָרשונג אין יידיש; זע אויך, דעצ. נומער. המשך, אין מערץ, 1972 (נעמ׳ 33).
12 תדשא, פרק ז׳.
13 דאָרט, „אונדזער אייגן וואָרט״, אויספירלעך״. אין תרגום יהואָש, איז דער נחש אַ זי...
14 זע, פריערדיקן פרק. און אין „באַציאונג צו דער פרוי״.
15 בראשית רבה, אויפן אָרט.
16 נ. קראַוויץ, „אונדזער אייגן וואָרט״, יוני, 1972 (נומ׳ 34), ז׳ 20.
17 אין מיין ווערק „די באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעכער.
18 בראשית ט׳, כ״א. זע, ברכות מ׳ ע״א; סנהדרין, י׳ ע״ב.
19 אָבות, ב׳.
20 דאָרט, דאָרט.

21 הוצ׳ ״אום״, ניו-יאָרק, תש״ו.
22 דאָרט, ז׳ 36 — באריכות, ער ווייזט אָן צו באַשטעטיקן זיין געדאַנק, אויפן רמב״ם, יסודי התורה, א׳, י״א; כוזרי, א׳, פ״ט, צ״א א״אַ.
23 אברבנאל שטעלט זיך אָפּ באריכות וועגן כות פון נחש.
24 בראשית ב׳, י״ז.
25 תהלים, צ׳, ד׳.
26 בראשית רבה, י״ט, ד׳.
27 זע, פרקי דרבי אליעזר, י״ג.
28 ויקרא, כ״ג, מ׳.

ב

1 בראשית, ג׳, א׳.
2 נישט ווי יהואָש טייטשט, לוסטיקער. זיין סמך איז: תרגום אונקלוס!
3 זע, פּרקי דרבי אליעזר, י״ג.
4 של״ג קאָמענטירט: „ערום — בעל ערמה; ערומים בלי בגדים... ברענגט דעם וואָרט-שפּיל: אשה — כי מאיש לקחה, בראשית, ב׳, כ״ג.
5 זע, חומת אנ״ך, פון ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי.
6 אין ספר יצירה, מיסטיש ספר וועגן וועלט- און מענטש-באַשאַף (וואָס ווערט געזאָגט, אַז דער מחבר איז געוועזן אברהם אָבינו) און אין אַנדערע קבלה-ספרים. זע אוצר הספרים פון בן יעקב, ערך 376 און די ערכין 377—385, וועגן די פאַרשיידענע אויסגאַבעס און פּירושים.
7 ישראל קדושים, לובלין, תרפ״ח, באַזונדערס ז״ז 22-24.
8 במדבר, כ״א, ד׳-ט׳; זע רש״י און בעל הטורים — אויפן אָרט.
9 תבורך מנשים יעל, אשת חבר הקיני, מנשים באהל תבורך. מים שאל חלב נתנה, שופטים, ה׳, כ״ד.
10 ר׳ צדוק הכהן מלובלין, פּרי צדיק, יתרו, אות ב׳.
11 ראש השנה, ג׳, ה.
12 תרומה, ג׳.
13 ר״ה, כ״ט, ע״א. מהרש״א אין חדושי אגדות, גיט צו: „ובשימת שרף על הנס, הראה להם שלפי רוע כוונתם שלא לשם-שמים — נענשו...״
14 קהלת, י׳, ח׳.
15 סנהדרין, כ״ט.
16 זע, מפרשי התורה, באַזונדערס אין ביאור אויף רש״י פון ר׳ אליהו מזרחי און דעם שפתי חכמים.
17 בראשית, ג׳, י״ט.
18 זע, אָבות, ה׳, ו׳.
19 לויט קבלה, האָט חוה דורך דעם דאָזיקן אַקט פּוגם געווען אין דער „ד״ פון שם שדי איז געבליבן נחסר פונעם שם.
20 בראשית, ג׳, ט״ז, זע, ר׳ אלי׳ מזרחי און מהר״ל מפּראָג (גור ארי׳) בשלח, אויפן פּסוק בעל מלחמות.
21 זע, סוטה, ל׳, ע״ב — רש״י: „השיאני״, מיינט אויך תשמיש...
22 אין מיין ווערק „די מאָציונג צו דער פּרוי״ — אויספירלעכער.
23 בראשית רבה, י״ט, ג׳; כ׳, ו׳; תוספתא, סוטה, ד׳.
24 זע, רמ״מ כשר, תורה שלמה, ב׳, ג׳, אות ט׳; מלואים, תקכ״ט-תק״ל.
25 שמות, ד׳, י״א.

26 אין מיין ווערק „די באַציונג צו דער פרוי", ווערט אויספירלעכער באַהאַנדלט, סיי די זינד און סיי דעם עונש אויף חוהן און דער מוסר-השׂכל אַלס רעזולטאַט פונעם קדמון-חטא.

27 בראשית רבה, י"ט, א'.

28 איוב, ה', י'.

29 אַ קאָנטראָווערסאַליש ספר, וואָס עד היום ווייסט מען נישט גענוי ווער ס'איז געווען דער מחבר. די צום מערסט אָנגענומענע מיינונג איז, אַז דער מחבר איז געווען שבתי צביס אַפּאָסטאָל — נתן העזתי. אין ספר „דרך צדיקים" פון ר' אברהם יעלין (פּיעטרעקאָוו, תרע"ב) ווערט איבערגעגעבן, אַז דער פּאַריסאָווער רבי, ר' מאיר שלום, איז שטאַרק געווען קעגן דעם וואָס מ'האָט געגעבן דעם ספר אַ שלעכטן שם.
דער מחבר ברענגט פון חיד"א, אין נאָמען פונעם מקובל ר' שלום שרעבי, אַז ער האָט שטאַרק געלויבט דעם „חמדת הימים". ער גיט אויך איבער, ווי גדולי המקובלים און פוסקים האָבן אָנערקענט און ציטירט פונעם דאָזיקן ספר. ר' יעקב עמדין — ווייזט ער אָן — אין זיין געיִעג קעגן שבתי צבי און זיינע נאָכפאָלגערס, האָט אַלס מורא פאַר פאַלשן מיסטיציזם צוגעשריבן דעם „חמדת הימים" צו נתן העזתי שר"י.
ער גיט אויך איבער אין נאָמען פון ר' שלמה גבריאל, דער לובליבער חסיד, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַרויסגעבן דעם כהנס ספרים, „שפ"א סיפר הגה"ק ר' צדוק מלובלין ז"ל מעשה שסיפר המגיד מקאָזניץ ז"ל וסיים הגה"ק ר"צ בזה"ל: מעשה זו לא הי' נכתב רק בס' חה"י ולכן ודאי הוא שהמגיד הי' מסתכל בס' חה"י".

30 אָבות, ד', כ"ח.

31 זוהר, א', ל"ה-ל"ו; זע, כשר, בראשית ט', אות י'.

32 בראשית רבה, ט'.

ג

1 זוהר, א', ל"ז; ב', ע'. זע, בן יעקב ערך ר', מספּר 121: „ספר קבלה קדמון"... דער אבן עזרא ברענגט דעם ספר (שמות, י"ד, י"ט). לויטן שער, האָט רזיאל המלאך איבער־געגעבן צו אָדם הראשון די קבלה-סודות, נאָכן וואַנדערן און תשובה טאָן 130 יאָר.
אין מיין ווערק „באַציונג צו אַרבעט און אַרבעטער" באַנד א', פּרק ב', ז"ז 72, 77-78, הערה 3, ברענג איך די מיינונג פון ר' יעקב עמדין, אַז דער ספר איז נישט פון אָדם הראשון. דער קולטור-פאָרשער ל. צונץ, מיינט, אַז דער ספר איז געשאַפן געוואָרן אין דער גאונים-תקופה, ער איז אָבער נוטה, אַז ר' אלעזר דער בעל הרוקח, איז דער מחבר, אָנווייזנדיק אויף דעם סטיל און לשון.
ר' צדוק הכהן מלובלין, אין זיין ספר „דברי סופרים" (קונטרס ספר הזכרונות, לובלין, תרע"ג, ז"ז 63-69) ווייזט אָן מיט זיכערקייט, אַז ר' אלעזר הרוקח, דער גרויסער מקובל, האָט געהאַט רוח הקודש און צו אים זענען נתגלה געוואָרן די סודות פון אָדם הראשון. „וספר רזיאל המיוחס לאדם הראשון חברו בעל הרוקח וכמ"ש בהקדמת הספר שהוא הי' חתום בו ושקיבל מעשה מרכבה מר"י החסיד שקיבל מאביו... ומה שנתייחס שם איזה דברים לאדם הראשון ולנח, היינו שהוא... השיגו ברוח קדשם דברים שנתגלו לאדה"ר ולנח..."

2 נדה, ל"א, ע"א.

3 זע, פּרקי דרבי אליעזר, כ"א; בראשית רבה, כ"ב, ז'; סוטה, ט', ע"ב.

4 בראשית, ג', ט"ז. ס'ווערט דערציילט אין נאָמען פון „חוזה מלובלין" (ב. יאושזאָן ברענגט עס אין נאָמען פון רבי מענדעלע קאָצקער) אַז עס איז אַ מאָל געקומען צו אים אַ יונגערמאַן און זיך באַקלאָגט, אַז זיין ווייב געוועלטיקט איבער אים, אַז ער האָט נישט ביי איר די מינדעסטע דעה... האָט אים דער רבי געענטפערט: ס'שטייט „ואל אישך תשוקתך והוא ימשול בך" (בראשית, ג', ט"ז) אויב אָבער די תאווה און די

תשוקה טראָגט זיך אַריבער פון ווייב צום מאַן, דאַן מוז זיך די ממשלה איבערטראָגן פון מאַן צום ווייב...

5 בראשית רבה, ל״א.

6 אָדם הראשון חסיד גדול הי׳ וישב בתענית ק״ל שנה — עירובין, י״ח, ע״ב.

7 זע, שבת, נ״ה, ע״א; אדמו״ר ר׳ צדוק הכהן מלובלין, פרי צדיק, בראשית אות ח׳.

8 בראשית, ט׳, א׳; ח׳, י״ז.

9 זע, נ. קראַוויץ, „אונדזער אייגן וואָרט״, יוני, 1972, נומ׳ 34.

10 סנהדרין, נ״ט, ע״ב.

11 קהלת, א׳, י״ח.

12 בראשית, ט׳, כ׳-כ״ח, די אגדות אַרום דער דאָזיקער געשעעניש: נאָכקוקן, תנחומאָ, קדושים; בראשית רבה, ל״ו, ד׳; סנהדרין, ע׳,-ע״א.

13 יבמות, ס״ב, ע״ב.

14 שבת, י״א, ע״א.

15 במדבר רבה, י״ט, כ״ב; תנחומאָ, חוקת, מ״ה; זע, ר״צ הכהן מלובלין, חוקת, אות ט׳ אַז דער נחש האָט געבראַכט אַ הרהור תשובה אין די הערצער פון די וואָס האָבן אַרויפגעקוקט.

16 בראשית, ב׳, כ״ד; סנהדרין, כ״ח, ע״א-ע״ב.

17 על שבע מצוות נכרי נהרג: ע״ז; גלוי עריות; שפיכת דמים; אבר מן החי; ברכת ה׳; גזל; דינים — סנהדרין, נ״ו-נ״ז.

18 חבקוק, ג׳, ו׳.

19 בבא קמא, ל״ח, ע״א.

20 לויטן מלבי״ם, הכרמל, אות ז׳.

21 בראשית, ו׳, ח׳-י״א.

22 אָבות דרבי נתן — זע, כשר, תורה שלמה — באריכות.

קאַפּיטל דריי

די ערשטע צוואַנציק דורות

א. די דורות פון אָדם ביז אברהם. — פאַרבאָטן צו אָדמען און פאַרבאָטן צו נחן. — שלעכטס ביי מענטשן. — דער גזר־דין און די חרטה. — מבול אויף דער וועלט.

ווי די תורה גיט איבער, איז דער יצר פון מענטש געוואָרן אַ טייל פון אים. עס זעט אויס, אַז דער יצר צום שלעכטן איז געקומען נאָך דעם חטא קדמון, נאָך דער תאווה פון נחש און נאָכן צורעדן אָדמען און חוהן צו פאַרזוכן דעם טעם פון דער פאַרבאָטענער פרוכט. תאווה איז געוואָרן אַ מאַסן־פּסיכאָז; גלוי עריות האָט פאַרכאַפּט די מענטשהייט און די קאָנסעקווענצן זענען באַקאַנט.

פון די מצוות, וואָס דער דור פון אָדם און די נאָכפאָלגנדיקע דורות האָבן געדאַרפט אָפּהיטן, איז — לויט איין מיינונג — געווען דאָס דערוויטערן זיך פון עבודה־זרה און — לויט אַן אַנדער מיינונג — אויך פון גלוי־עריות. ערשט ביי נחן זענען צוגעקומען די אַנדערע מצוות. ס'איז אויך דאָ אַ מיינונג, אַז שוין אָדם הראשון איז באַפוילן געוואָרן אויף זעקס מצוות[1]. דער פאַרבאָט צו עסן „אבר מן החי" איז געקומען צוזאַמען מיט דער דערלויבעניש צו עסן פלייש, און אָדם הראשון האָט דאָך בכלל נישט געטאָרט עסן קיין פלייש[2].

גלוי־עריות, דאָס לעבן הפקרדיק, אויסגעלאַסן, האָט פאַרכאַפּט די דורות ביז נחן, און כדי צו באַזאָרגן די וועלט זי זאָל נישט דעגראַדירט ווערן, איז געקומען דער גזר פון מבול, אָפּצווישן דאָס אַלטע און בויען פון דאָס ניי. ניאוף איז באַטראַכט געוואָרן פאַרן ערגסטן פאַרברעך. ניאוף איז דאַן דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפילו בהמות און חיות האָבן געהאַט אומנאַרמאַלן פאַרקער: אַלע לעבעדיקע באַשעפעניש זענען פאַרמישט געוואָרן דורך אומגעווײנלעכער תאווה, אויף אַזוי ווייט, אַז מ'האָט געפּראַוועט חתונות ביי בהמות, אַ זכר מיט אַ נקבה האָבן חתונה געהאַט[3], און צוליב דעם האָט דער רבונו של עולם באַשלאָסן, אַז ס'איז גלייכער צו ברענגען אַ מבול. ווען בהמה מיט מענטש ווערן גלייך, ווען מענטש פירט זיך אויף ווי אַ בהמה, איז נישט כדאי די גאַנצע יצירה.

ביים צענטן דור נאָך אָדמען, איז שוין געקומען צו אַ פולשטענדיקער ירידה. די תורה דערציילט אונדז: „ויהי כי החל האדם לרוב על פני האדמה ובנות ילדו להם... ויקחו להם נשים מכל אשר בחרו"[4] — און אַז עס איז געווען, אַז די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן מערן, האָבן זיי גענומען ווייבער פון וועמען זיי האָבן

זיך אויסגעוויילט. רש"י דערקלערט, אַז דער פאַרברעך איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן גענומען „בעולת־בעל, אף הזכר והבהמה"; ד"ה, זיי האָבן אַוועק־געריבט ווייבער פון זייערע מענער, געפּראַוועט האָמאָסעקסואַליזם און געלעבט אינטים מיט בהמות. אויף דעם זאָג: „כי טובות הנה" — טייטשט רש"י, באַזירט אויף מדרשים, אַז בעת דעם „מטיבין"־צערעמאָניאַל, בעת די פרויען האָבן זיך געפּוצט חתונה צו האָבן מיט זייערע אויסדערוויילטע, זענען די „בני אלהים", די שטאַרקע, געקומען און זיי פריִער באַמאַנט (מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער האָבן זיך אַזוי נוהג געווען די הגמונים; יידישע חתונות האָבן דעמאָלט געמוזט פאַר־קומען אין באַהעלטעניש).

די „בני אלהים" זענען געווען — לויט ר' סעדיה גאון — מלאכים. אויך מלאכים זענען געוואָרן אָנגעשטעקט מיט פאַרדאָרבנקייט און אויך זיי האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די שיינע טעכטער און געוואָלט געניסן פון ערדישער תאווה. אָבער אָנגענומען איז, אַז די דאָזיקע זענען געווען בלוט־און־פלייש, מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זיך נאָכגעבן תאווה, ספּעציעל תאוות נשים, „כי טובות הנה"[5], ווי עס ווערט דערציילט אין בראשית; „און גאָט האָט געזען, אַז דאָס בייז פון דעם מענטשן איז גרויס, האָט ער חרטה געהאַט און געזאָגט: „איך וועל אָפּמעקן דעם מענטשן וואָס איך האָב באַשאַפן"...

„וירא ד' כי רבה רעת האדם"... אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס שלעכטס און דאָס בייז פונעם מענטשן? ווי מיר זעען אין חומש און ווי מיר האָבן עס אין דער אגדה, איז דער גרויסער פאַרברעך געווען „גלוי־עריות", וואָס האָט צעשטערט דאָס פאַמיליע־לעבן, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ צעמישעניש אינעם אָנהאַלט פון „איש ואשתו". ווי דער מדרש קאָמענטירט דאָס וואָרט „כי החל"[6] מיינט דאָס רעוואָלט, מרידה קעגן דער געטלעכער מאָראַל, קעגן די צילן פון יצירה, וואָס האָט געמאַכט דעם מענטשן העכער איבער אַלע באַשאַפענע. זייער גאַנצער אינ־טערעס איז געוואָרן „לרוב על פני האדמה"; ווי קאָמענטאַטאָרן דערקלערן, האָבן זיי געוואָרפן זרע אומעטום און די תאווה איז געווען אָן קיין שום קאָנטראָל, און וואָס מער זיי זענען געווען פאַרטאָן אין תאווה, אַלץ מער נקבות זענען געבוירן געוואָרן: „שהיו שטופים בזנות לפיכך הירבה להם נקבות"[7].

אין מדרשים ווערן געשילדערט די סאָרטן תאוות וואָס זיי האָבן זיך נאָכ־געגעבן; די אָרגיעס וואָס זיי האָבן דורכגעפירט; דאָס פאַרגוואַלדיקן כלות און אַוועקרויבן פאַרהייראַטע פרויען[8]. ר' סמלאי דריקט זיך אויס: ווו זנות — דאָרט צעמישעניש, אַנדרלמוסיה. די נפילים זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט בלויז אָנגעוואָרפן שרעק, נאָר וואָס האָבן אָנגעפילט די וועלט מיט זייער זנות־אויסגע־

לאַסנקייט, און דאָס האָבן געטאָן נישט בלויז די „בני־אלהים", נאָר אויך די „בנות־אָדם": „היתה אשה יוצאה בשוק והיתה רואה בחור ומתאוה לו" [9].

אין די קבלה־ספרים פאַרנעמט מען זיך גאָר שטאַרק מיט די „בני אלהים": ווער זענען זיי געווען? וואָס האָבן זיי געוואָלט? פאַר וואָס איז ביי זיי סעקסועלע תאווה געווען אַזוי פרעך? און פאַר וואָס האָט די מענטשהייט געדאַרפט באַשטראָפט ווערן צוליב זיי?...

אין זוהר [10] קאָמענטירט ר' חייא, אַז דאָס זענען געווען קינדער פון קינען, דעם ערשטן ברודער־מערדער, געבוירן דורך דער באַהעפטונג פון חוהן מיט דער שלאַנג און זיי האָבן דאָס געבראַכט אויף דער וועלט די סמאל־זרע — אַ זרע וואָס האָט גורם געווען שלעכטס און אומגליק.

די משנה [11] לערנט אונדז: „דור המבול אין להם חלק לעולם הבא", זיי האָבן נישט בלויז פאַרלוירן די וועלט, נאָר האָבן אויך פאַרלוירן די צוקונפט־וועלט. אַזאַ שווערע שטראָף אויף די וואָס האָבן גורם געווען דאָס ברענגען אַ מבול אויף דער וועלט. די גמרא [12] דיסקוטירט צוליב וועלכער עבירה איז זיי געקומען די שווערע שטראָף, אַז אַפילו דער עונש פון אומקום זאָל נישט זיין קיין פאַרגעבונג. לויט רבי יוחנן, איז דער שווערער עונש געקומען צוליב „חמס", צוליב „גזל", צוליבן באַרויבן מענטשן... „ולא נחתם עליהם גזר דינם עד שפשטו ידיהם בגזל". לויט רב חסדא, איז דער גזר־דין געקומען צוליב אויסגעלאַסנקייט: „ברותחין קלקלו (בעבירה) וברותחין נידונו"...

ווען מען באַקענט זיך מיט דער אגדה־ליטעראַטור אַרום דעם קדמון חטא און דעם דור המבול מוז מען קומען צום אויספיר, אַזביידע חטאים האָבן גורם געווען עונש אויף דער וועלט און אין דער צוקונפט־וועלט, ווי ביי סדום: „רעים בגופם וחטאים בממונם". די סדומער האָבן פאַרלאַנגט: „הוציאם אלינו ונדעה אותם" דערקלערן די חז"ל, אַז דאָס מיינט לתשמיש.

אויב אין שפּעטערע דורות האָבן מיר אַן אַנזאָג וועגן מענטשלעכער אויפפירונג, „רוב בגזל ומיעוט בעריות" [13] און אַז אַלע וועלן עובר זיין אויפן פאַרבאָט פון לשון הרע [14], איז אין יענער צייט, געווען די עבירה בכפלים, געטאָפּלט. מסתמא זענען זיי אויך נישט נזהר געווען אין לשון הרע.

איז דען אַ ווונדער וואָס אַזאַ שטראָף איז געקומען אויף די ערשטע צען דורות?

דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין פּרצוף־פּנים, אָדער „דו פרצופין" (צוויי פּנימדיק) — מאַן און פרוי, נאָר ביידע זענען געקומען געבונדן אין איין גוף, אין איין קערפּער, כּדי צו ווייזן, אַז מאַן און פרוי מוזן זיין צוזאַמען, לעבן צוזאַמען. דער נאָמען אָדם שטעלט מיט זיך פאַר אָט די אחדות, די דאָזיקע גאַנצ־

קייט. ווען דער מאַן איז אַליין, אָן אַ פרוי, איז ער האַלבירט, איז ער „פלג גופא" און ער ווערט נישט גערופן אָדם [15].

מיר וועלן ווייטער נאָך אַ מאָל באַרירן דעם ענין פון פריה ורביה. די דאָזיקע מצווה מיינט אויספירן זיך מאָראַליש; איר שורש איז זאָרגן פאַר דער עקזיסטענץ פון דער וועלט: „כי לא לתהו בראה כי־אם־לשבת יצרה"... אַנדערש איז ווען מען פאַרנעמט זיך מיט תאווה לשם תאווה... גאָר שלעכט איז ווען מען פאַרנעמט זיך צו לעבן מיט פרויען וואָס געהערן צו אַנדערע מענער. די גרעסטע זינד איז דאָס צעשטערן פאַמיליע־גאַנצקייט.

די מפרשי התנ"ך, ווען זיי ווילן שילדערן אַ מאָראַלישן פאַרברעכער, שיל־דערן זיי אים אַלס אַ „בועל נערה המאורסה". ביים שילדערן די שלעכטע מעשׂים פון עשׂו הרשע — בכדי צו פאַרענטפערן יעקבס רעכט אויף דער בכורה און יצחקס ברכות — זאָגט אונדז ר' יוחנן, אַז עשׂו האָט יענעם טאָג עובר געווען אויף פינף עבירות: די ערשטע עבירה איז, אַז ער האָט פאַרגוואַלדיקט אַ כלה, „בא על נערה מאורסה", וואָס דאָס איז געווען די ערגסטע און מיאוסטע זאַך אַפילו אין יענע דורות. געגנוג פאַרדאַרבנקייט איז דאָ אין שענדן אַ מיידל וואָס לעכצט נאָך ריינער ליבע און איר ריינקייט ווערט באַרויבט. נאָך גרעסער איז די פאַרדאַרבנ־קייט ביים באַפאַלן אַ פרוי, וועלכע געהערט צו אַן אַנדער מאַן. פאַר דעם דאַרף מען גאָר שטאַרק באַשטראָפן, כדי אָנצוואַרפן שרעק אויף די פאַרדאַרבענע [16].

ווען ער וויל דערציילן, וואָס די יידן האָבן אָפּגעטאָן מיט זייער רעדן שלעכטס אויף משהן, זאָגט אונדז דער בעל אגדה [17], אַז זיי האָבן אים חושד געווען אין האָבן אַ שייכות מיט אַן „אשת־איש". (אויב ס'חלומט זיך עמעצן אַז ער האָט גע־האָט אינטימקייט מיט אַן אשת־איש, איז ער געזיכערט מיט עולם הבא, ווייל דער עונש, ווען דאָס זאָל זיין אמתדיק, וואָלט געווען שטראָף אויףביידע וועלטן).

די דורות פון אָדמען ביז נחן האָבן אויך עובר געווען אויף דעם באַפעל פון „פרו ורבו", וואָס מיינט צו וואָרענען אַז די זרע פון מאַן און פרוי זאָל נישט גיין לאיבוד. זיי האָבן זיך פאַרנומען אויף וועגן וואָס שטערן דעם ישוב העולם. אויף דעם פסוק „ויקח לו למך שתי נשים" — קאָמענטירט ר' עזריה אין נאָמען פון ר' יהודה ב"ר סימון: „כך היו אנשי דור המבול עושין... לוקח לו שתי נשים: אחת לפריה ורביה ואחת לתשמיש... זו שהיתה לתשמיש, היה משקה כוס של עיקרים שלא תלד והיתה יושבת אצלו כזונה [18]. געבורט־קאָנטראָל איז דעריבער נישט קיין נייע אַנטדעקונג אין אונדזער מאָדערנעם סאָציאַלן לעבן. שוין אין די דורות צווישן אָדמען און נחן האָבן מענטשן זיך פאַרנומען מיט האָבן אַ סך ווייבער און ווייניק קינדער. ווי מיר זעען, ווערט אַזאַ לעבן באַטראַכט ווי זנות. עס ווערט באַטראַכט פאַר אַן אומנאַרמאַלקייט זיך צו שפּילן מיט דער שיינקייט פון אַ פרוי, פראַווען ליבע וואָס ברענגט נישט קיין פרוכט!

אין דער יהדות־אויפפאַסונג איז דאָס שטאַרק פאַרבאָטן, ווייל עס שטערט דעם פאַמיליע־לעבן, וועמעס יסוד איז דבקות פון המשך, פון צוגעבונדנקייט.

די מצווה פון פרוכפּערן זיך איז לויט ר׳ יוסי בן זמרא, אַ מצווה פאַרן מאַן. די פרוי איז פריי פון דער דאָזיקער מצווה, ווייל זי איז דער פּאַסיווער, נייטראַלער טייל פון דער יצירה. ס׳ליגט אָבער אויך אויף דער פרוי אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו ברענגען מענטשלעכע פּרוכט און די פרוכט קען דאָך נישט קומען אָן ביידנס באַהעפטונג, „דנעשות על־ידי־שניהם״. דעריבער טראָגט זי אויך אחריות פאַר פאַמיליע־גאַנצקייט.

אין שילדערן די פאַרדאָרבנקייט פונעם דור המבול, האָבן חז״ל אין אַ געוויסן זין געזוכט אַ פאַרענטפערונג, פאַר וואָס דער בורא האָט געמוזט נוצן די שווערסטע שטראָף. ווי מיר האָבן דערמאָנט, גיבן איבער מדרשים, אַז יענער דור האָט אַפילו צעמישט די חיות אין זייער נאַטירלעכער באַהעפטונג. די בהמות און חיות האָבן פאַרקערט נישט מיט זייער מין[19]: הינט מיט וועלף, פערד מיט אייזל; לייב מיט אָקס. יענער דור האָט געפּראָוועט סעקסועלע „עקספּערימענטן״, אַ פאַרברעכעריש שפּיל, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט מענטש־פאַרדאָרבנקייט, „שהיו מדביקין מטותיהם זה לזה ומחליפין נשותיהן זה לזה״[20].

נח האָט געזען די פאַרדאָרבנקייט. ער האָט צוגעזען ווי מענטש איז דעגראַדירט געוואָרן, אַראָפּגעפאַלן צו דער נידעריקסטער שטופע. ער האָט אַפּעלירט און מסתמא זיך באַמיט צוריקצוברענגען זיין דור צו אַ סדר פון מענטשלעכן לעבן. ער איז אָבער נישט געווען גענוג שטאַרק און נישט געהאַט דעם געהעריקן איינפלוס. ער איז געבליבן דער „איש צדיק תמים״... וועמעס השפעה איז בלויז געווען אויף זיין אייגענער משפחה.

נח, דער גאָטפאַרכטיקער, האָט באַווירקט זיינע זין זיי זאָלן נישט לעסטערן גאָט; נישט דינען צו פרעמדע געטער; נישט מזנה זיין; לעבן לויט גערעכטע געזעצן; נישט פאַרגיסן קיין מענטשלעך בלוט; נישט עסן קיין אבר מן החי; זיין געהיט פון רייסן לעבעדיקע שטיקער פון אַ בהמה...[21]

נאָכן אַרויסגיין פון דער תיבה, ווען ס׳איז באַנייט געוואָרן דאָס געבאָט פון „פרו ורבו ומלאו את הארץ״, זיך צו פרוכפּערן און מערן לויט די מאָראַלישע אַקסיאָמעס, האָבן די זין, באַזונדערס חם און דאָס אייניקל כנען, זיך שוין נישט צוגעהערט צום זיידן און זיין לעבנסשטייגער איז צעשטערט געוואָרן.

זייער מוטער נעמה, די שוועסטער פון תובל־קין, ווערט געשילדערט[22] אַלס אַנגענעמע, זיס־באַחנטע פרוי — איר נאָמען נעמה זאָגט עדות אויף אירע גוטע מעשים — אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין איינפלוס, נישט אויף איר מאַן און נישט אויף אירע קינדער, און אַוודאי נישט אויף פרעמדע.

די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די מאָראַלישע פּרינציפּן אויפן יסוד פון תורת־

משה — די נביאים, חכמי התלמוד און זייערע נאָכפאָלגערס — האָבן גאָר אַ סך געווידמעט זייער אידעיִשן פאַרנעם צו אינספּירירן, דורך זייערע מעשׂים און דורך דער וואָגיקייט פון זייער וואָרט, די דערהויבנקייט פונעם פאַמיליע־לעבן.

ווען דער נביא נעמט זיך קריטיקירן זיין פאָלק וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון די געטלעכע פּרינציפּן זאָגט ער זיי: „הלא כבני כושיים אתם" [23], ווי די קינדער פון כּושים זייט איר מיר געוואָרן, קינדער פון ישׂראל.

די מפרשים לערנען אַז עמוס האָט זיי געשטראָפט אין נאָמען פון גאָט, אַז די יידישע מענער און פרויען זענען געוואָרן הפקרדיק, ווי די כּושים, וואָס ווייסן נישט ווער זייער פאָטער איז. אַזוי מישן זיך אויס אויך די יידן, אַסימילירן זיך מיט די פלישתּים און מיט די אַראַמייער, אַז „מ'וועט נישט וויסן איַער אָפּשטאַם"... [24]

דער צווייטער נביא, הושע, דאַרף באַווייזן מיט מעשׂים, ווי אַזוי עס זעט אויס דאָס פאָלק וואָס האָט זיך אָפּגעקערט און מזנה געווען; זאָגט דער רבונו של עולם צו אים: „קח אשה זונה והוליד לך בנים זנונים"... נעם אַן אויסגעלאַסענע פרוי און זי זאָל געבוירן צו דיר אומלעגאַלע קינדער; און ער האָט אַזוי געטאָן: „ויקח את גומר בת דבלים", לערנט רבי יוחנן, אַז דאָס וואָרט דבלים, איז אַ סימבאָלישער אויסדרוק — „שהכל דשין בה כדבילה" [25] — אַז אַלע מענער זע־נען געלעגן אויף איר...

עריות־עבירות ווערן אַ מאָל פאַרטיידיקט מיט „יצרו תוקפו" [26], דער יצר פון תּאווה האָט אים באַהערשט. אַזאַ באַרעכטיקונג איז בלויז גילטיק, ווען דאָס טרעפט זיך אין אַ זעלטענעם פאַל, אין אַ מאָמענט פון עמאָציאָנעלן אויפבּרויז, אויפגערייצטן אינסטינקט, אָבער נישט ווען דאָס ווערט אַ געוויינלעכע דערשיי־נונג, אַ געוואוינהייט. דערויף איז נישטאָ קיין פאַרענטפערונג: „כי ימצא איש שוכב עם אשה בעולת בעל ומתו גם שניהם". אַ פרוי וואָס האָט צוגעזאָגט גע־טריישאַפט דעם מאַן וואָס האָט זי באַמאַנט, האָט צוטרוי פון איר מאַן, נאָר זי פאַרראַט אים און געניסט פון פאַרבאָטענער תּאווה, קומט ביידן — איר מיטן פרעמדן — טויטשטראָף. דאָס וועט העלפן קאָנטראָלירן תּאווה.

„האשה נקנית בביאה" — אָבער אַז נאָך דעם ווי זי איז געוואָרן דער קנין פון מאַן בלב ובנפש פאַרראַט זי אים, מוזן די קאָנסעקווענצן זיין ביטערע. ביים מבול איז אַ גאַנצע וועלט אונטערגעגאַנגען; אין די שפּעטערע תּקופות ליידן די, וועלכע האָבן פּראַקטיצירט אָט די פאַרברעכערישקייט פונעם דור המבול [27].

אינטערעסאַנט איז ווי די פּרושים, זוכנדיק מיט אַלע מיטלען צו באַקעמפן די צדוקים, האָבן געזען אין זיי הפקר־מענטשן, נואפים.

אַ צדוקי — דערציילט די גמרא [28] — איז אַ מאָל געקומען צו ר' ישמעאלן און אים איבערגעגעבן אַ חלום: „איך האָב געגאָסן בוימל אין איילבירטן". האָט אים ר' ישמעאל געענטפערט: דו האָסט געלעבט געשלעכטלעך מיט דיין מאַמען

(בא על אמו); „מיינע אויגן האָבן זיך געקושט״ — ביזט געשלאָפן מיט דיין שוועסטער; „כ׳האָב געקושט די לבנה״ — האָסט געלעבט מיט אַן אשת־איש. דער צדוקי, ווערט אויסגעפירט, האָט זיך אין אַלץ מודה געווען.

די חז״ל, האַלטנדיק זיךביים כּלל פון „כל החלומות הולכין אחר הפה״ — אַז ס׳וועגדט זיך ווי אַזוי ס׳ווערן באַשיידט די חלומות (אַ גרויסער טייל האָט געהאַלטן, אַז „חלומות שוא ידברו״) — האָבן ביי אַ צדוקי אויסגעטייטשט די חלומות צום שלעכטן; אָבער, בדרך כּלל, געלערנט, אַז אויב ס׳חלומט זיך אַז מ׳האָט געהאַט אינטימקייט מיט דער מאַמען — זאָל מען האָפן אויף פאַרשטאַנד; מיט אַ שוועסטער — וועט מען גרייכן צו חכמה; מיט אַן אשת־איש — וועט מען האָבן עולם הבא[29]. אַלץ אויסגעטייטשט צום גוטן, צוגעבנדיק דעם תּנאי: אויב דער מענטש האָט נישט געהאַט בייטאָג קיין שלעכטע מחשבות און אַזוי ווייטער, ווי מיר וועלן דאָס אָנווייזן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

ב. נח — צדיק אין זיין דור. — שפרות פירט אַראָפּ. — שאַנדע פאַר דורות. — דאָס אייניקל פראָוועט האָמאָסעקסואַליזם איבער־ן אַלטן זיידן. — נחס קללה. — ראַסנהאַס.

נח איז לויט די כראָניקערס געבוירן געוואָרן אין יאָר 1056 פון וועלטבאַשאַף און געשטאָרבן אין עלטער פון 950 יאָר, אין יאָר ב׳ אלפים ושש שנים.

„נח האָט געפונען חן אין די אויגן פון גאָט״ (נח־חן) און דעריבער איז ער געראַטעוועט געוואָרן פונעם מבול. דער באַשעפער זאָגט עדות אויף אים: „כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה״[1]. ער איז נישט באַאיינפלוסט געוואָרן פון די פאַרדאָרבענע מעשים.

אין עלטער פון 500 יאָר האָט ער געהאַט זיינע זין[2], מיט הונדערט יאָר שפּעטער איז געקומען אַ מבול אויף דער וועלט און ס׳ווערן געראַטעוועט בלויז נח, זיינע זין, זייערע ווייבער — איין פאַמיליע פון דער גאַנצער מענטשהייט; פון דער דאָזיקער פאַמיליע האָט זיך אָנגעפאַנגען די נייע, נאָך־מבול־ציוויליזאַציע.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער נביא פון „אחרית הימים״, דער נביא פון סאָציאַלן יושר, ישעיהו, רופט אָן דעם מבול „מי נח״[3]. מפרשים שטעלן זיך אָפּ אויף דעם אויסדרוק נחס וואַסערן... און יעדער, אויף זיין שטייגער, טייטשט אַריין אין די ווערטער פונעם גדול הנביאים. דער קאָצקער רבי, ר׳ מנחם מענדל מאָרגנשטערן, האָט דאָ זיין שאַרף וואָרט. דעריבער — זאָגט ער — האָט מען דעם מבול אָנגערופן אויף נחס נאָמען, ווייל ער איז געווען אַ „צדיק אין פעלץ״. זיין צדקות איז געווען בלויז פאַר זיך און זיין פאַמיליע; אים האָט ווייניק געקימערט זיין דור מיט די מענטשן.

אברהם — ווייזט ר׳ מענדל אָן — האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אַלע

מענטשן פון זיין דור. ער האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר סדום, געבעטן רחמים פאַר דאָס זינדיקע סדום. ער האָט געבראַכט מענטשן תחת כנפי השכינה: „אברהם מגייר אנשים ושׂרה מגיירת נשים"...[4] אָבער נח, בלויז זיך און פאַר זיך.

דער נביא יחזקאל, דער גרויסער זעער ביים טייך כבר, אויך ער האָט געזען אין נחן אַן עגאָיִסטישע פּערזענלעכקייט: אַ צדיק וואָס פירט זיך אויף עקזאַקט, פּינקטלעך — בלויז פאַר זיך, מיט זיך: „והיו שלשת האנשים בתוכה נח, דניאל ואיוב, המה בצדקתם ינצלו נפשם, נאם ד' אלקים"[5].

רש"י פאַרנעמט זיך דאָ גאָר ברייט, פאַר וואָס דער נביא האָט גראָד אָנגע־כאַפּט די דריי צדיקים; פאַר וואָס האָט ער צוזאַמענגענומען דרײַ פּערזאָן, גע־רוקט איינער פונעם אַנדערן מיט טויזנטער יאָרן; ווי קומט דניאל צו איובן אָדער צו נחן?...

אונדזער רבן של ישׂראל מאַכט אַ פּאַראַלעל צווישן די דריי צדיקים, באַטאָ־נענדיק אַז זיי האָבן געזען דרײַ וועלטן. נח, למשל, האָט געזען אַן אויפגעבויטע וועלט, אַ גאַנצע ציוויליזאַציע; דערנאָך — אַ חרובע און אויף ס'ניי אַן אויפגע־בויטע. איוב, ווי אַ יחיד, האָט געזען אין זיך אינדיווידועל, אַ דערפאָלגרייכן מענטש, מיט קינדער, האָב און גוטס... דערנאָך — קראַנקייט, אומגליק און אַ פיזיש־גייסטיקן צוזאַמענברוך און — נאָכן חורבן — צוריק אַ פריידיק לעבן, צע־בליט און געליבט מיט משפחה און פריינד. אויך דניאל האָט מיטגעמאַכט ירידה און עליה; אַ שׂר איבער שׂרים, געוואָרפן אין לייבנגרוב און לסוף איז ער ווידער עולה לגדולה, ווי נביא, חוזה און מנהיג.

[אַנדערע מפרשים זעען אין יחזקאלס פאַרגלייך די פּערזענלעכע אידענטיפי־קאַציע: די אַלע האָבן זיך דערהויבן איבער זייער דור פון רשעים און מיט זייער אָנשטרענג געוואָלט ראַטעווען זייער דור פון אומקום, לכל הפחות זייערע קינדער[6]].

נחן, וואָס האָט געלעבט אין צענטן דור[7] נאָך אָדמען, איז נישט געלונגען צו ראַטעווען זיין דור פון אומקום, נישט געקוקט וואָס לויט אגדות איז די אָדם־קללה דעמאָלט שוואַכער געוואָרן. דער גורל איז געחתמעט געוואָרן און נח האָט געדאַרפט אַריין אין אַ תּיבה אויף אַ יאָר צייט, בעת די גאַנצע וועלט איז אָפּגעשווענקט געוואָרן.

נח האָט געדאַרפט נאָכן מבול דערגרייכן צו אַ העכערער שטופע פון צדקות, ווערן אַ וועלט־צדיק. זעט אָבער אויס, אַז ער האָט זיך גאָר פאַרלוירן און נישט געווען באַווירקט פון דער זכיה, וואָס ער מיט זיין משפחה זענען געראַטעוועט געוואָרן. ער האָט זוכה געווען צו זען די וועלט „בישובה" און זיבעציק פעלקער זאָלן אָפּשטאַמען פון אים[8]. וועגן אים אַליין גייט אַ דיסקוסיע צווישן ר' יהודה און ר' נחמיה, צי ער וואָלט געווען אַ גרויסער צדיק אין פאַרגלייך מיט אברהם אָבינו[9]. די מיינונג פון ר' יהודה: „אילו היה בדורו של משה או בדורו של שמואל

לא היה צדיק"... אין די דורות פון די דאָזיקע געטלעכע מענטשן, וואָלט ער, צוליב זיין וואָכעדיקייט, נישט באַטראַכט געוואָרן אַלס צדיק.

אַזוי גיך ווי ער איז אַרויס פון דער תּיבה, האָט ער מער נישט געטראַכט ווי פלאַנצן אַ ווייַנבוים, זיך גוט אָנטרינקען — און צו וואָס דאָס שכּרות האָט דער־פירט, דערציילט אונדז די תּורה און נאָך מער די אגדות אַרום דער מעשׂה־נח:

„ויתגל בתוך אהלו" [10] — ער האָט זיך אויפגעדעקט אין זיין געצעלט. אַזוי לייענט מען, דאָס איז דער „קרי"; לויט דער מסורה. געשריבן איז אהלה, מיט אַ „ה", וואָס מיינט אין איר געצעלט; לערנען אונדז חז"ל, אַז אין אָט דעם חילוק צווישן „קרי" און „כּתיב", ליגט דער רמז אויפן פאַרברעכערישן כּנען, וועמען די בעלי אגדה שרייבן צו אָן אַ צאָל פאַרברעכנס, דער מערסטנס אָנגענומענער: כּנען, דאָס אייניקל, האָט נחן קאַסטרירט, אים געמאַכט אויס זכר.

די זין האָבן זיך געשעמט מיטן כּנען־אַקט. זיי האָבן צוגעדעקט אָדער פאַר־דעקט דעם פאָטערס שאַנד. אָבער וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט נח שוין געקענט האָבן אויף זיין משפּחה? די זין האָבן נישט אָפּגעהיט די זיבן געבאָטן און, ווי מיר זעען אין דער חומש־דערציילונג, זענען די „בני שם" געווען די, וועלכע האָבן מער־וויניקער זיך יאָ געהאַלטן ביי די דאָזיקע געבאָטן און אַז איינער פון אַ נאָמאַדן־משפּחה פון אָט דעם שבט האָט אָנגעהויבן אַנטדעקן די פאַלשקייט פון די געטער און די געמיינקייט פון זנות. פון דער דאָזיקער משפּחה האָט זיך אַרויס־געהויבן אברהם; לויט דער אגדה און דעם מיטאָס אַרום דער דאָזיקער גרויסער פערזענלעכקייט, האָט זיין מוטער אמתלאי בת כּרנבו געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אים [11].

די אגדה וואָס שילדערט אברהם אָבינו, דעם פאָטער פון ישׂראל־פאָלק, ווי אַן אָב הרחמים והחסד, וויל גראָד געבן דער מוטער דעם „קרעדיט" און די אחריות פאַר איר זונס דערציִונג. זי האָט אים אויפגעהאָדעוועט און אין אים אַריינגע־בראַכט די גרויסע אידעאַלן; זי האָט אים דערפירט, אין די רייפערע יאָרן, צו דער געטלעכער הכּרה, צו דער מאָנאָטעיִסטישער אמונה, און ער, אברהם, האָט דאָס אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די דאָזיקע אמונה צווישן זיינע שכנים, משפּחה און דערנאָך געגומען דעם וואַנדער־שטעקן און אַוועק פאַרשפּרייטן די „אחד"־אידעע, וועגן וועלכער מיר וועלן ווייטער שמועסן.

אברהם אָבינו האָט אויך באַוויזן צו פירן אַ געהייליקט פאַמיליע־לעבן און דאָס פאַרוואָרצלט אין זיינע קינדער און קינדס קינדער. ס'איז נישט קיין וואונדער די קאַטעגאָריש־עמפאַטישע דערקלערונג: „לא נחשדו ישׂראל על משכּב זכר" [12], אַז ייִדן זענען נישט אין פאַרדאַכט זיי זאָלן פראַווען האָמאָסעקסואַליסטישע אַרגיעס, ווייל די בני שם און זייער שטרענגסטער פאַרשטייער, אברהם, האָבן געזען וואָס עס האָט פאַסירט מיטן צדיק וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין שכּרות... [13]

מיר האָבן אומצייליקע אגדות וועגן דער אַנטוויקלונג פון משפּחה־לעבן. לויטן מדרש הנעלם (אַ פאַרהוילענער מדרש, וואָס אַלע ברענגען) האָט דער רבונו של עולם, שוין אין באַגין פון דער מענטש־יצירה, אָנגעוויזן אויף זעקס זאַכן אין איינשטעלן אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן: בויען אַ היים; פלאַנצן אַ ווייגאַרטן און אַנדערע פלאַנצונגען אויף צו שפּייזן זיך און פאַמיליע; נעמען אַ פרוי; האָבן קינדער... דער רמב"ם [14] מאַכט פאַר אַ פליכט נאָכצוגייען דעם דאָזיקן סדר, און אויב מען איז משנה ברענגט מען אויף זיך קללה.

לויט דער קבלה, איז די גאַנצע וועלט באַשאַפן געוואָרן אויפן סיסטעם פון זכר און נקבה. דורכן צירוף פון ביידע, מיט דער הילף פון בורא, ווערט באַשאַפן דער קאָסמאָס, דער אוניווערס און אַלץ וואָס געפינט זיך אין אים.

די וועלט — די מענטשהייט אַריינגערעכנט — איז באַשאַפן געוואָרן מיטן כוח פון די כ"ב אותיות, און די אותיות שטעלן מיט זיך פאַר: זכר ונקבה, און ביידע צוזאַמען — בגימטריא: שכינה [15]. ביידע צוזאַמען, איש ואשה צוזאַמען מיט דער שכינה, ברענגען צום קיום המין, צום „פּרו ורבו", וואָס איז, ווי עס ווערט אָנגעוויזן אין דער ערשטער פּרשה, אין „בראשית", די ערשטע מצווה. מקובלים ווייזן אָן אויפן חילוף אותיות י"ח־ח"י, צו ווייזן, אַז ווען מען דערגרייכט דעם עלטער פון אַכצן יאָר זאָל מען חתונה האָבן; איז מען ראוי צו ברענגען געזונטע קינדער [16].

אינטערעסאַנט איז, אַז אויף לוטס שכּרות ווערט געזאָגט, אַז ער איז פּטור געווען פון אַלע מצוות און פאַרבאָטן [17]. אָבער נחן האָט מען נישט פאַרגעבן זיין שכּרות. דערקלערט ווערט דאָס דערמיט וואָס נח האָט עס געטאָן ווילנדיק, מיט רצון. ער האָט זיך אָנגעשיכּורט, ווען ער איז געווען פולשטענדיק באַוווסטזיניק און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשׂים. אָבער לוטן האָבן די טעכטער אָנגע־שיכּורט, „ותשקינה את אביהן יין" [18] און ער האָט נישט געוווסט און, במילא, נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע כּוונות. דעריבער איז לוט נישט באַ־שטראָפט געוואָרן און די געבורטן, אַלס רעזולטאַט פון זיין שכּרות, האָבן גאָר געבראַכט לויב זיינע טעכטער. נחס שכּרות האָט נישט געבראַכט קיין שום נוצן, אויסער דער באַנייונג פון די מעשׂים פונעם דור, וואָס האָט געבראַכט אויף זיך דעם ערגסטן עונש — טאָטאַלן אומקום!

רעדנדיק וועגן גענוס פון זיסן אָדער ביטערן טראָפּן איז דאָ כּדאי צו דער־מאָנען די עסיי פון מיין רבי־מובהק, מוהרי"ל גרויבאַרט זצ"ל [19].

„היהדות אוהבת החיים ומצוה ראשונה שבתורה היא 'פּרו ורבו'"... די יידישע אויפפאַסונג פון זיין זעט פאַר, מיט רעכט, ליבע צום געניס פון לעבן — טרינקען וויין, לעבן מיט אַ פרוי. יהדות פאַרלאַנגט נישט פונעם מענטש ער זאָל זיין אַ מלאך, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון מענטשלעכע פאַרגעניגנס. נישטאָ קיין פּרישות,

קיין נזירות אין יידישקייט. פון יצירת־אָדם ביז היינט איז אָבער דאָ אַ קעגנער־שאַפט צו הוללות, צו אַ ווילד־הפקרדיק לעבן.

„זאָלסט נישט פאַרלאַנגען פונעם מענטש צו זיין אַ מלאך... זאָלסט נישט פאַרלאַנגען פון אים זיך צו פייניקן... ער דאַרף לעבן און איז מחויב צו זאָרגן פאַרן געזונט פון גוף, פאַר קערפּערלעכער צופרידנקייט”...

הרב גרויבאַרט באַנוצט זיך דאָ מיט צענדליקער מאמרי חז״ל. מיר וועלן בלויז איבערגעבן צוויי־דריי אַזעלכע מאמרים:

אין ספר שמואל [20] ווערט איבערגעגעבן וועגן די דריי, וועלכע זענען גע־גאַנגען קיין בית־אל: „שלשה אנשים עולים אל האלהים, בית־אל, אחד נושא שלשה גדיים ואחד נושא שלשה ככרות לחם ואחד נושא נבל יין”.

ר׳ חזקיה זאָגט אין נאָמען פון רב, אַז דער מענטש וועט דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, פאַר וואָס ער האָט נישט הנאה געהאַט פון די גוטע זאַכן, וואָס דער רבונו של עולם האָט געשאָנקען דער וועלט: „עתיד אָדם ליתן דין וחשבון על כל שראתה עיניו ולא אכל” [21].

וואָס שייך ווייַן, האָבן די חז״ל געהאַלטן, אַז ווייַן, דער מלך פון אַלע גע־טראַנקען, איז די בעסטע מעדיצין, ווייל עס פאַריאָגט עצבות, פאַריאָגט מעלאַנ־כאָליע, ברענגט אַרייַן פרייד אין מענטשלעכן האַרץ און נשמה: „סאבי דיהודאי אמרי: בראש כל אסוון אנא חמר, באתר דלית חמר, תמן מתבעי סממנין ואם תשתה יין לא תחלה; ובלעדיו עליך לדרוש אחר צרי ומרפא... [22]

ווייַן — ווערט אין תלמוד געזאָגט — סטימולירט אַנצורעגן דעם סעקסועלן באַגער. מענער אימפּאָטענטע, ווי פרויען קאַלטבלוטיקע, האָט מען געעצהט צו טרינקען ווייַן און דערמיט שטאַרקן דעם געשלעכטלעכן רייץ: „ויין ישמח לבב אנוש” און מאַכט, במילא, שטאַרקער דעם געשלעכטלעכן אַקטיוו, וואָס דאַרף זיין ביי אַ מאַן, „זרע שיורה כחץ” בכדי צו ברענגען קינדער. ביי אַן עלטערן מענטשן איז נאַטירלעך, ס׳זאָל מער נישט שיסן ווי אַ פייל... איז ווי אַזוי קאָן אַ זקן, וואָס לעבט מיט אַ יונגפרוי נאָך באַוויזן צו האָבן קינדער? דערויף איז גוט אַ גלעזל ווייַן... אויך פאַר אַ פרוי, בכדי צו ווערן גערייצט, איז וויכטיק זי זאָל פאַרזוכן פון אָט דער גפן־משקה...

דאָס טרינקען מוז אָבער האָבן אַ שיעור. אַז מען טרינקט מער ווי מ׳קען, ברענגט עס צו בושה, באַזונדערס ביי אַ פרוי: „כוס אחד יפה לאשה”... אָבער ביים פערטן כוס, ווערט מען הפקרדיק, פאַרלירט מען די בושה!

נח און לוט האָבן ביידע געטרונקען איבער דער מאָס; ביידע זענען געוואָרן שיכור; דער ערשטער איז באַשטראָפט געוואָרן פאַר זיין שכרות, ביים צווייטן, האָט מען בלויז אָנגעגעבן דעם יחוס פון זיינע זין און אייניקלעך: די טעכטער האָבן אים פאַרגוואַלדיקט, בעת ער איז געווען אין אַ שיכורן צושטאַנד „ולא ידע

בשכבה ובקומה"... נח, אָבער, דורכמאַכנדיק אַ מבול, האָט זיך נישט געדאַרפט אַזוי שנעל צוכאַפּן צו דעם זיס־ביטערן טראָפּן. דעריבער האָט ער געבראַכט אַ קללה אויף זיין זון און אייניקל. ער איז אַריבער די גרענעץ פון הנאה... ער האָט זיך איבערגעגעבן דעם יצר פון סתם־אַזוי־לוסטיקייט, נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, געבראַכט אַ ריס אין זיין פאַמיליע, צעטיילט זיינע קינדער אין ראַסן און גורם געווען אייביקע שׂנאה צווישן די פון מבול געראַטעוועטע.

און צוריק צום אָנהייב:

די מצווה פון „פרו ורבו" איז יסודותדיק באַלד אין „בראשית". אפשר צוליב דעם האָט מען אונדז דערציילט וועגן באַשאַף פון אָדם און חוה. נאָר מיר וועלן דאָ נישט אַריינגיין אין דער פראַגע, צי די דאָזיקע מצווה איז חל, ווי ר' יוחנן בן ברוקא האַלט, אויך אויף דער פרוי, ווייל ס'ווערט געזאָגט: „ויברך אותם אלהים"[23] — און ער האָט זיי געבענטשט. ווען אָבער חוה לאָזט זיך אַראָפּ און אָדם פאָלגט איר נאָך, ווערן זיי באַהערשט פון אַ שלאַנגשפּיל, וואָס ברענגט דעם מענטשן צו ירידה[24]. געניסן פון לעבן — אַוודאי! אָבער נישט צום עקסטרעם וואָס זאָל דעם מענטשן פאַרוואַנדלען אין אַ חיה[25].

דער מענטש איז דער בחיר־היצירה, דער אויסדערוויילטער פון אַלע באַשעפענישן. אין וואָס באַשטייט זיין אויסדערוויילטקייט?

— דערמיט, וואָס ער האָט דעת, פאַרשטאַנד און ווייס ווי אָפּצוהיטן זיין צלם אלהים, זיך צו דערהייבן איבער זיינע גרענעצן; אָבער בלויז מיטן שׂכל, מיטן אינטעלעקט, אָבער נישט מיטן אינסטינקט. אַפילו די ליידנשאַפטן, די געשלעכטלעכע תאוות, מוזן זיין קאָנטראָלירט און באַצירט מיט ליבע, שיינקייט, אָנגענעמקייט... נישט סתם אַזוי ווילדע חיהשע תאווה. אויף דעם וועלן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן אין די ווייטערדיקע פּרקים.

דער ערשטער, וואָס האָט געוואָלט מתקן זיין די זינד פון די דורות ביז אים, איז געווען אברהם אָבינו. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַרויסגעוויזן דעם הייסן דראַנג און ווונטש פאַר אַ פאַמיליע־לעבן: ער האָט חתונה געהאַט מיט משפחה, גענומען זיין פּלימעניצע; ער האָט געזוכט אַ שידוך פאַר זיין בן־יחיד ווידער פון דער אייגענער משפחה; און נאָך אַ יסוד זעט מען ביי אים: די פרוי האָט אַ וויכטיקע ראָל אין משפחה־לעבן; זי ווערט שטאַרק געהיט כּדי נישט אַריינצופאַלן צו אַנדערע, נאָר זאָל געהערן בלויז צו איר מאַן.

אברהם, לויט דער אגדה, האָט מקיים געווען די תרי"ג מצוות, נאָך איידער די תורה איז געגעבן געוואָרן, נאָך איידער דער באַרג סיני האָט געדונערט מיט די עשׂרת הדברות. זיכער איז, אַז ער האָט געהיט די זיבן מצוות פון די בני נח. איבערצייגן זיך אין דעם קען מען, אויב מיר וועלן זיך באַמיִען נאָכצופאָלגן אים אויף אַלע זיינע וועגן, אין אַלע זיינע נסיונות.

אברהם איז דער ראש וראשון אין דער דערהויבנקייט פון יידישן פאָלק. ער איז דער סימבאָל פון אַ מאמין און אַ בעל־חסד, און צו אים, זעקס דורות פאַר מתן תורה, האָט דער אויבערשטער געזאָגט: „אַלץ וואָס שׂרה וועט דיר זאָגן, זאָלסטו פאָלגן"... דאָס ערשטע מאָל וואָס מ'הערט אַזאַ פאַרלאַנג און פון הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו...

ג. אברהם פאַרלאָזט זיין לאַנד, זיין פאָטערס היים. — ער פאַרלאָזט נישט זיין ווייב. — פריִער קינדערלאָז. — נס פאַר ביידן. — ער ווערט פאָטער פון פעלקער. — משפחה-קייט.

„והאלהים נסה את אברהם"... אברהם, דער גרויסער מאמין, האָלט אויס אַלע נסיונות, פאַר וועלכע דער אויבערשטער שטעלט אים — פון דעם ערשטן נסיון „לך לך": פאַרלאָז דיין היים, דיין פאָטערס הויז, ביז דעם צענטן, דעם שווערסטן נסיון — דעם נסיון פון דער עקידה — דעם קדושה־אַקט, וואָס האָט באַוויזן, אַז דער רבונו של עולם וויל נישט קיין מענטשלעכע קרבנות. די אמונה וואָס אברהם האָט געטראָגן פון אייגענער הכרה איז אויפן הר המוריה געקומען צום העכסטן אויסדרוק. ער האָט דעריבער זוכה געווען צו ווערן אַן „אב המון גוים"...

מיט אברהם אָבינו — לערנט אונדז די קבלה — האָט זיך אָנגעהויבן די „ב' אלפים תורה"; מיט יצחקן — די ברכה פאַר די בני ישׂראל, און מיט יעקבן — שלום. פון יעקבן, דער המשך פון די אברהם־ויצחק־אַטריבוטן, פאַנגט זיך אָן ברכה און שלום — „עושׂה שלום במרומיו — דאָ יעקב" [1].

אברהם, ווי די כראָניקערס גיבן אָן, איז געבוירן געוואָרן אין אָנהייב פון 20סטן י"ה, פק"ע (אַרום 1980 - 1950 פק"ע), ווען די אור־דינאַסטיע האָט געהערשט אין מיטלאַזיע. לויט אייניקע, איז ער געבוירן געוואָרן אין יאָר אלף תתקמ"ח לב"ע — 1812, פק"ע. די פּינקטלעכע דאַטע איז שווער צו דערגיין, יעדנפאַלס איז זיכער, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין דער תקופה, ווען דער מענטש האָט פאַרגעסן, סיי פון מבול און סיי פון דער „הפלגה", און צוריק געווען פאַרטאָן אין די מעשׂים, וואָס האָבן פריִער געבראַכט שטראָף און אומגליק.

אברהם האָט אָנגעהויבן אַ נייעם וועג. ער אַליין איז געווען אַ מוסטער פון דער נייער אויפפירונג.

די תורה לערנט אונדז: „על כן יעזוב איש את אָביו ואת אמו" [2] — דעריבער פאַרלאָזט אַ מאַן זיין פאָטער און זיין מוטער און באַהעפט זיך אין זיין ווייב. דער מדרש ברייטערט דאָס אויס מיט די ווערטער: „סמוך לאביו ולאמו" [3] — ער פאַרלאָזט זיינע נאָענטע, די קרובים פון זיין מוטער און פאָטער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז געמיינט געוואָרן — פאַרבאָט פון האָבן געשלעכטלעכע באַציִונגען

מיט נאָענטע... אָבער מיר מוזן נישט אָנקומען צו אָט דער עקאָגאָמיע־שטודיע; ביי אברהמען האָט עס געמיינט פשוט — אַוועק פון דער היים! נישט ווערן גע־שטערט אין פּראַקטיצירן זיין אמונה, זיינע פּרינציפּן.

ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף נייע, פאַר אים נאָך פרעמדע וועגן מיט זיין שׂרהן — אוןביידע האָבן זיך פאַרנומען מיט ברענגען וואָס מער מענטשן אונטער די פליגלען פון איינציקן גאָט, אָדער, ווי אין אונדזער צייט וואָלט מען געזאָגט, אונטער דעם פאָן פון דער נייער מאָנאָטעיִסטישער אמונה.

אברהם איז דער ערשטער פּאַטריאַרך ביי די עברים. ער איז, לויט פאָרשערס פון אַלטערטום, די רעאַל־היסטאָרישע פּערזאָן, און מיט דער דאָזיקער כאַראַקטע־ריזאַציע שטימען איַין די אַרכעאָלאָגן וואָס פאַרנעמען זיך מיט יענער תּקופה.

שׂרה איז, לויט דער תּורה, זיין פּלימעניצע. ס'איז דאָ אַ מיינונג, אַז זי איז געווען זיין שוועסטער. פאַר מתּן תּורה האָט מען געמעגט לעבן מיט אַ שוועסטער אַלס מאַן און פרוי. ביידע ווערן אָנערקענט אַלס היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין יידישן לעבן. ביידע האָבן אַריינגע־בראַכט דעם משפּחה־עלעמענט און די ריינקייט אין משפּחה־לעבן. זיי זענען גע־בענטשט געוואָרן פאַר זייער פאַרלאָזן היים און לאַנד און אין דעם נייעם, פאַר זיי, לאַנד, אָנגעהויבן ברענגען אַ משפּחה, מיט וועלכער „אַלע משפּחות פון דער ערד וועלן זיך בענטשן".

אברהם ווערט דער פאָטער פון אַ פאָלק, וואָס ווערט צוגעגרייט צו נעמען אויף זיך די געטלעכע אַטריבוטן, וואָס דער פּאַטריאַך פלאַנצט איַין אין זיינע קינדער:

„תּניא, שלשה סימנים יש באומה הישׂראלית: רחמנים, ביישנים, גומלי חסדים"[4]. די וויזנטלעכע סימנים ביים יידישן פאָלק דריקן זיך אויס אין דער פאַרוואָרצלטקייט פון די דריי מערווערטיקייטן: זיי האָבן רחמנות אויף ליידנדיקע; זיי שעמען זיך צו באַגיין פאַרברעכנס; זיי טוען טובות און העלפן אַרויס נויט־באַדערפטיקע.

אויף אַן אַנדער אָרט לערנען מיר: „כל המרחם על הבריות בידוע שהוא מזרעו של אברהם אָבינו, וכל שאינו מרחם על הבריות — בידוע שאינו מזרעו של אברהם אָבינו"[5].

שׂרה איז געווען די ריכטיקע עוזרת, דאָס צוגעפּאַסטע ווייב. זי האָט געהאַט אמונה, צוטרוי צו איר געטלעכן מאַן און זי האָט איינגעשטימט צו פאַרלאָזן איר פּאַטריאַרכאַלישע אָבות־סביבה, צו זוכן אַ נייע היים, ווו צו פאַרשפּרייטן די אמונה אין אחדות אלקות, איבערצואַנדערשן מענטשן צום גוטן. ביידע צוזאַמען האָבן, לויט אַן אגדה, געהאַט אַ גרויסע השפּעה און געקראָגן אָנהענגער פאַר זייער אמונה.

ביידע האָבן געקראָגן דעם צוזאָג פון בורא עולם, צו האָבן אַ זון און פונעם דאָזיקן זון, וועלן זיי אַ סך נחת דערלעבן — אַ ליכטיקע צוקונפט, נאָך דער חשכות פון גלות און וואַנדער. דער צוזאָג איז געגעבן געוואָרן צו אברהמען, אָבער איינגעשלאָסן שׂרהן אין דער ברכה: „ושׂמתי את זרעך כעפר הארץ" — און איך וועל מאַכן דיינע זאָמען, אַזוי ווי שטויב פון דער ערד [6].

אברהם איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געקענט זאָגן די זעלביקע ווער־טער, וואָס דער „נעים זמירות" האָט געזאָגט וועגן וועלטבאַשאַף, קאָנטראָל און השגחה:

„...לך שמים, אף לך ארץ, תבל ומלואה אתה יסדתם; צפון וימין אתה בראתם; תבור וחרמון בשמך ירננו"... [7] — דיין איז דער הימל, דיין איז די ערד; די וועלט און איר פולקייט האָסטו געגרונטפעסטיקט. צפון און דרום האָסטו באַשאַפן, תבור און חרמון זינגען פון דיין נאָמען.

אברהם האָט חתונה מיט זיין פלימעניצע שׂרה, די טאָכטער פון הרן, שוועס־טער פון לוט און פון מלכה. ווי היסטאָריקערס ווייזן אָן, האָט ער געוואָלט האָבן זיין פאָטער מיט זיך. תרח איז מיטגעגאַנגען, פאַרלאָזט אור־כשׂדים, אָבער גע־בליבן אין חרן. אברהם האָט געפאָלגט דעם באַפעל פון גאָט: „לך לך" און מיט־גענומען מיט זיך אויך זיין שוואָגער און פלימעניק, לוט, וועמען ער האָט צוגע־צויגן צו זיין אמונה [8]. יענער אָבער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם וואַנדער־נסיון.

אויף גאָטס באַפעל פאַרלאָזט אברהם זיין היימאַט און משפחה און פאַרנעמט זיך מיט שׂרהן אויף דעם אומהיימלעכן וועג קיין ארץ כנען. דאָרט קומט צו אים און די בשׂורה: „לזרעך אתן את הארץ הזאת" [9] — איז ער צופרידן פון אַזאַ טאָפּל־טער בשׂורה: קינדער און לאַנד. אָבער דערווייל? — דערווייל, מאַכט זיך אַ הונגער און ער דאַרף נידערן מיט זיין שׂרהן, די שענסטע פרוי אין זיין צייט, קיין מצרים — דאָס לאַנד וואָס איז געזונקען אין תאווה; דאָס לאַנד, ווו די איינוווינערס האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין עובר זיין אויף אַלע מצוות פון די בני־נח. דער גרעסטער נואף איז פרעה, דער קעניג אַליין.

ווי די תורה דערציילט אונדז, איז אברהם געווען געצוווּנגען צו גיין קיין מצרים צוליבן הונגער אין כנען. לויט יאָזעפוס פלאַוויוס, איז אברהם שוין דאַן געווען באַקאַנט אַלס געלערנטער און ער האָט געוואָלט גיין קיין מצרים פאַר־שפּרייטן זיין וויסן און דערהייבן די אָרטיקע באַפעלקערונג, וואָס איז געווען דע־גענערירט ביזן גרונט.

פון וואַנען פלאַוויוס נעמט די דאָזיקע חידושים איז נישט באַקאַנט. מיט פאַקטן קאָן דאָס נישט באַוויזן ווערן; איז שוין בעסער איבערצולאָזן די דאָזיקע טעאָריעס און היפּאָטעזן און בעסער זיך האַלטן ביי די תורה־שילדערונגען.

אַז אברהם איז אַ היסטאָרישע און רעאַלע פערזענלעכקייט, האָט שוין צוגע־

געבן דער פראַנצייזישער פאָרשער ערנעסט רענאַן [10] אין זיין שטודירן דעם אור־שפּרונג פון יידישן פאָלק.

בעלי חשבונות האָבן אויסגערעכנט, אַז בעת זיי האָבן חתונה געהאַט אין אור־כשׂדים, איז אברהם אַלט געווען 25 יאָר און שׂרה 15 יאָר. נאָך 50 יאָר זיין פאַר־הייראַט, פאַרליבט און רעספּעקטירט, ליידנדיק צוזאַמען צוליב זייער אמונה, האָבן זיי דערהערט דעם רוף פון גאָט: „לך לך" און זיך געלאָזט אויפן שרעקלעכן וואַנדערוועג. דאָס איז געווען דער ערשטער שווערער נסיון וואָס ביידע האָבן דורכ־געמאַכט.

אין מצרים האָט אברהם געהאַט אַ שוידערלעכע איבערלעבונג, ווען די מצרים האָבן פאַרכאַפּט שׂרהן. מורא האָבנדיק צו זאָגן אַז זי איז זיין ווייב, ווייל דאָס וואָלט געשמעקט מיט זיכערן טויט, האָט ער פּרובירט מזל מיט דערקלערן, אַז זי איז זיין שוועסטער (און געהאָפט אויף גאָטס הילף [11]).

די מצרים, ווי זייער שטייגער איז געווען, האָבן אָבער פאַרכאַפּט שׂרהן און זי געבראַכט צו פּרעהן. ווען נישט די הימלישע אינטערווענץ, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געווען. די הילף איז געקומען, „וינגע ד' את פּרעה נגעים גדולים" [12] — און זי איז באַפרייט געוואָרן. אברהמס פאַמיליע־לעבן ווערט באַדראָט, אָבער געראַטעוועט — ער קומט אָפּ מיט נסיון...

און דאָ איז כדאי אַ בליק צו טאָן אין מעשׂה בראשית און אין דער ווייטער־דיקער אַנטוויקלונג פון דער אברהם־תּקופה.

די פרוי איז ווייב, מוטער און דערציִערין פון אירע קינדער. זי איז די „קרקע עולם", די ערד וואָס פּראָדוצירט דעם קיום המין, דעם אויפהאַלט פון די גע־בוירענע, באַשאַפענע. זי טאָר אָבער נישט זיין געשלעכטלעך צוטריטלעך פאַר אַלעמען. זי געהערט צו איינעם און ווען זי איז אַן אשת־איש, טאָר זי נישט האָבן קיין סעקסועלן אַקט מיט אַן אַנדערן...

די דורות נאָך אָדם הראשון האָבן ווייט נישט געהיט דעם דאָזיקן מאָראַלישן געבאָט. די פרוי איז געוואָרן די „קרקע עולם" אין בוכשטעבלעכן זין פון די ווערטער: זי האָט געקענט לעבן אינטים מיטן פאָטער, ברודער, איידעם, און מיט וועמען נישט? די תּורה האָט שטאַרק געוואָלט פאַרהיטן פון גלוי־עריות אויף אַ הפקרדיקן שטייגער.

פון חוהן ביז שׂרהן האָבן מיר אַ געמיש פון געשלעכטלעכקייט. אין דעם דאָזיקן צווייטויזנט יאָריקן צייטאָפּשניט דינט די פרוי בלויז פאַרן גענוס פונעם מאַן און צו ברענגען פּרוכט. נעמען פון פרויען ווערן דערמאָנט בלויז אין גע־ציילטע אויסנאַמען, צוליב געוויסע פאַקטן. די קללה הערשט אויף דער אורמוטער. די קללה פאַרטונקלט איר ראָל... מיר דאַרפן אָנקומען צו מדרשים כדי צו וויסן דעם נאָמען פון נחס ווייב, תּרחס מוטער און ווייב. ביי אברהמען פאַנגט זיך אָן

זיין אַרויפשטייג אויף דער וועלט־אַרענע מיט זיין שׂרה. איר יחוס און אירע ליידן אויף די וואַנדערוועגן, און צוליב איר קינדערלאָזיקייט — ווערט זי דער סימבאָ־לישער „רני עקרה לא ילדה"... [13]

די פרוי ווערט אַריינגענומען אין דער ברכה פון „פרו ורבו", ווייל אָן איר קאָן די ברכה נישט רעאַליזירט ווערן. דאָס איז איר פונקציע.

ביי אברהמען זעט מען זי שוין אין אַ העכערער ראָל: ס׳קומט די יסודות־דיקע, אידעאַלע ליבע צוזאַמען מיט דער געשלעכטלעכער: אברהם דערזעט שׂרהס שיינקייט ביים טייך. זיין אימאַזש פון שׂרהס שיינקייט שטאַרקט זיך; ס׳באַפאַלט אים דער פּחד פון מצריש־ברוטאַלער תּאווה, וואָס פאַרגוואַלדיקט די האַרמאָניע פון דער אידיליע, פון דער נשמהדיקער אינטימקייט פון „פרו ורבו". ער האָט זיך דעריבער געפילט גליקלעך און דערהויבן, ווען זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון מצרישער הערשאַפט און צוריק אַריבער צום לאַנד, צו דער פאַרשפּראָכענער ערד פאַר זיינע קינדער און קינדס־קינדער.

עס קומט דער מאָמענט פון „ברית בין הבתרים". אין דער סאַמע פינצטערניש, אין דער „אימה חשכה גדולה" קומט דער צוזאָג פון אַ ליכטיקער, שטראַלנדיקער צוקונפט; נאָר מ׳דאַרף האָבן אמונה — און אברהם איז דער גרויסער מאמין: „והאמין בד'". ער איז דערשלאָגן, פאַרצווייפלט: ער איז אַלט, שׂרה איז אַלט און די מורא פאַר קינדערלאָזיקייט האָט אויף אים אַרומגעכאַפּט, „והנה בן ביתי יורש אותי"... [14] ער האָט אָבער בטחון!

ער נעמט אויף אָן שׂרהס עצה פון „בא נא אל שפחתי, אולי אבנה ממנה" [15]. נסים און נאַטירלעכע רייצונג, האַלט שׂרה, קענען ווירקן. ער נעמט די הגר המצרית, ווען ער איז שוין 81 יאָר, אַלס זיין פלגש, און זי, די בת מלך לויט מדרשים, ווערט פון זיין דינסט פאַרוואַנדלט אין זיין פרוי. אָבער דאָ הייבט זיך אָן אַ סדרה פון אינערלעכע רייסערייען, קאָנפליקטן: שׂרה האָט חרטה אויף איר שריט, זי ווערט אייפערזיכטיק אויף דער שפחה, וועלכע, זייענדיק אַ פלגש, האָט זיך דערפילט גרויס און וויכטיק. זי ברענגט די טריט פון דער שפחה, און די לעצטע באַשליסט צו אַנטלויפן, „מפני שׂרי גבירתי אנכי בורחת" [16].

הגר זאָגט נישט אויס אַז שׂרה איז „לייכט אין אירע אויגן", אַז זי לאַכט אָפּ פון דער גבירטע, אַז זי האַלט זיך אין גרויסן, ווייל זי פאַרמאָגט די געהעריקע יונגע כּוחות און זי שׂרה, איז שוין אַלט, פרוכטלאָז. פאַקטיש באַמיט זיך הגר צו שאַפן אַ פירוד צווישן אברהמען און שׂרהן. די לעצטע הייבט אָן ווערן פאַרדראָ־סיק און זי ווערט פראָוואָצירט אָנצוהייבן אַ קריגעריי מיט איר מאַן. אין איר אָנקלאָג זאָגט זי צו אברהמען: „ישפוט ד׳ ביני וביניך" [17].

אברהם, דער פאַמיליע־מאַן, קאָן דאָס נישט איבערטראָגן. פון איין זייט — אַ רחמנות־געפיל צו דער פלגש און פון דער צווייטער זייט — וואָס טוט מען

מיט שׂרהן? צרות פון צווײ װײַבער; פּראָבלעם פון ביגאַמיע. ער, װאָס איז געבענטשט מיט אַן „עין טובה" [18], פֿילט זיך פֿאַרלױרן.

שׂרה נעמט זיך פֿײַניקן הגרן און אברהם מוז צוגעבן: „עשׂי לה הטוב בעיניך"... הגר איז געצװוּנגען צו פֿאַרלאָזן „ותענה שׂרי ותברח מפניה" [19]. זי אַנטלױפֿט און אברהמס לײַדן זענען שרעקלעך. אין מדרשים װערט געשילדערט, װי אַזױ אברהם האָט זיך געפֿילט אינעם מאָמענט װען שׂרה האָט פֿאַריאָגט הגרן, װעלכע איז שױן געװען מעוברת...

דער רבונו של עולם איז נישט געװען צופֿרידן דערמיט, װאָס שׂרה פֿײַניקט אברהמס אָרעמע פּלגש און ער האָט געלאָזט װיסן דורך אַ מלאך, אַז ער אין הימל, האָט זיך גוט צוגעהערט צו איר פּײַן און לײַד, געזען איר שאַנד [20] און איר פֿאַרזיכערט אַ זון.

אױפֿן מלאכס פֿאַרלאַנג, האָט זיך הגר אומגעקערט, געהאַט דעם זון און אברהם האָט אים אַ נאָמען געגעבן ישמעאל.

פֿון װאַנען האָט אברהם געװוּסט אים צו רופֿן ישמעאל?

רש"י זאָגט: „רוח הקודש שׂרתה עליו". אין מדרש װערט געזאָגט: „מכאן אתה למד שהיה אברהם נביא". װי באַקאַנט, איז אַ חילוק צװישן אַ נביא און אַ מאַן אױף װעמען ס'רוט דער הײליקער גײַסט. דער רמב"ם און זײַנע נאָכפֿאָל־גערס פֿאַרנעמען זיך מיט אָט די באַגריפֿן — אָבער דאָס װאָלט אונדז אַרײַנגע־פֿירט אין אַ גאַנץ אַנדערער פֿאָרשונג. אונדז אינטערעסירט דאָס פֿאַמיליע־לעבן: עס װײַזט אױס, אַז נאָך ישמעאלס געבוירן װערן, װען אברהם איז שױן געװען אין עלטער פֿון 86 יאָר, איז די קריגערײַ און אײַפֿערזוכט צװישן די צװײ װײַבער אײַנגעשטילט געװאָרן. מסתמא איז הגר פֿאַרנומען געװען מיט איר זונדל און נישט געהאַט קײן צײַט צו דער שפּיל אױפֿצורײצן איר האַרנטע.

װען אברהם האָט דערגרײכט דעם עלטער פֿון 99 יאָר — ישמעאל איז אױפֿ־געװאַקסן, געװאָרן אַ 13 יאָריק בחורל — איז געקומען דער געטלעכער פֿאַר־לאַנג: „התהלך לפני והיה תמים". קאָמענטירן די מפרשים, אַז דאָס איז צום ערשטן מאָל װען אברהם הערט דאָס װאָרט לפני, פֿאַר מיר, פֿאָרױס. נאָך מילה װערט אברהם אַ גאַנצער מענטש און קאָן גײן פֿאָרױס. מען זאָגט אים צו, אַז ער װעט מער נישט גערופֿן װערן אברם, נאָר אברהם; דער צוגאָב „הא" װעט אים געבן כּוח מוליד צו זײַן, צו געבן זרע, צו האָבן אַ זון... [21]

דער ברית־אברהם װערט באַנײַט. אברהם קריגט דעם „הא" און ער װערט שױן אַן „אב המון גוים"; דער „הא" פֿילט אָן דעם באַטרעף פֿון אברהם־רמ"ח און אַלע זײַנע איברים קריגן די געהעריקע פֿונקציעס. אױך שׂרה קריגט דעם צוגאָב פֿון אות „הא". די ברכה איז פֿאַר בײדן: „וגם נתתי ממנה לך בן": זײערע כּוחות װעלן אױפֿגעפֿרישט און באַנײַט װערן, און װי מדרשים גיבן צו: שׂרה

וועט צוריקקריגן איר יונגפרוישאַפט, גלוסט, לוסט, מענסטרואַציע, אויפלעבונג... די בריסטן וועלן אָנגעפילט ווערן מיט מילך און זי וועט צוריקקריגן דעם „אורח כנשים".

„אברם הוא אברהם" — פריִער איז ער געווען בלויז דער פאָטער צום ארם און איצט — פאָטער פון דער וועלט. מיט זיין זון און קינדער וועט ער קאָנען ברענגען זיין אמונה און זי פאַרשפרייטן אין דער וועלט. דעריבער: „הקורא לאברהם אברם עובר בעשה". ר׳ אליעזר זאָגט: „עובר בלאו"[22].

דער שינוי השם האָט גורם געווען ער זאָל קענען האָבן קינדער, ער זאָל ברענגען דעם המון גויים, וואָס מיינט באמת די שבטי בני ישראל. אַ נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אברהמס לעבן.

שפּעטער, זייענדיק שוין ווייט פון זיין היים און לאַנד, האָט ער אַלץ געפילט אַ נאָענטקייט צו זיינע קרובים און געוואָלט טאָן שידוכים מיט אייגענע. ער האָט זיך געמיט אַז יצחק זאָל נעמען אַ ווייב פון נחור און מלכה, זיין ברודער און שוועגערין (אָדער שׂרהס שוועסטער) און נישט געוואָלט האָבן פאַר אַ שנור אַ טאָכטער פון די כנענים אָדער פון די בני חת, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט זיך איינגעלעבט מיט די דאָזיקע שכנים.

יצחק און רבקה האָבן נאָכגעפאָלגט זיין „צוואה" און געשיקט יעקבן צו לבנען קיין פדן־ארם, חתונה צו האָבן מיט אַן אייגענער. ווען עשׂו האָט גענומען חתישע טעכטער, האָבן זיי זיך אויסגעדריקט, אַז די דאָזיקע ווייבער פאַרמיאוסן זיי דאָס לעבן[23].

מיר האָבן שוין אויף אַן אַנדער אָרט[24] געשריבן וועגן דער גרויסקייט פון שׂרהן. ס׳איז אָבער כדאי נאָך אַ מאָל אָנצווייזן, ווי די בעלי אגדה האָבן געזען איר גרויסע ראָל. פון די דריי שליסלען וואָס דער רבונו של עולם טרויט קיינעם נישט אָן, נאָר טוט עס אַליין, איז אויך דער „מפתח של רחם" — דאָס עפענען דער פרויס טראַכט צו האָבן קינדער[25]. מיט שׂרהן האָט זיך דער רבונו של עולם פאַרנומען צו מאַכן זי יונג, כדי צו געבוירן אַ זון: „שׂרה לא נפקדה על־ידי המלאך, כי אם הקב"ה בכבודו ובעצמו"!

אין זוהר[26] ווערט געזאָגט, אַז אברהם האָט תמיד געזען די שכינה אין שׂרהס הויז. זי האָט שוין געהאַט פאַרלוירן תאווה, אָבער „דער געבענטשט־איז־ער" האָט דערוועקט אין איר געשלעכטלעכן באַגער: „פקד" פון: „וד׳ פקד את שׂרה", זאָל קומען פונעם אויסדרוק „ופקדת נוך, ולא תחטא"[27]; און ווי עס ווערט גע־זאָגט אין תלמוד: „חייב אדם לפקוד את אשתו"[28].

די משנה[29] לערנט — „אַל תרבה שיחה עם האשה", און הקב"ה דאַרף ווייזן אַ מוסטער — אָבער מיט צדקניות ווי שׂרה, דבורה, חולדה, האָט דער רבונו של עולם יאָ גערעדט — און גאָר באַזונדערס מיט שׂרהן, זי זאָל זיך פילן אויפגע־

לייגט און גרייט אַריינצונעמען זרע, וואַרעמען די זאָמען און ברענגען אַ זון, ווי דער פסוק זאָגט: „וד׳ פקד את שׂרה״ [30] ער האָט אויפגעפרישט אירע געבורט־אָרגאַנען...

דעם פסוק „ואברהם זקן״ — אברהם איז שוין געווען אַלט [31], קאָמענטירט ר׳ יוחנן: „שהחזירו הקדוש ברוך הוא לימי נערותו״ — דער רבונו של עולם האָט צוריקגעבראַכט אברהמען צו זיין יונגשאַפט און שׂרהן צוריקגעגעבן איר „וסת״ (מענסטרואַציע). גאָט האָט צו זיי געזאָגט „ואני זקנתי״ — איך בין שוין אַלט פון באַווייזן נסים? [32] און ער האָט באַוויזן נסים ביים ברענגען יצחקן אויף דער וועלט, ביים אָפּראַטעווען אים פון דער עקידה און ביים דערפילן דעם צוזאָג פון ברית בין הבתרים, („שלא יאמר אותו צדיק...״) צופרידנשטעלן דעם ערשטן ייד אויף דער וועלט.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז שׂרהס נאָמען אויך געווען י ס כ ה — אַ וואָרט, וואָס האָט אַ טאָפּלטן באַטייט: אַריינבליקן אין שיינקייט און ווייטער בליק, ווי נבואה.

אברהמס געבוירנטאָג איז געווען יום־כפור. ווען ער איז יום־כפור אַלט געוואָרן 99 יאָר און ישמעאל 13 יאָר, „בעצם היום הזה נמול אברהם וישמעאל בנו״. נאָך דעם מילה־אַקט, האָבן זיך אויף ס׳ניי אָנגעהויבן די צרות צווישן שׂרה און הגרן. שׂרהס ליידן זענען געווען שרעקלעך. ווען רבי חייא — ווערט דערציילט — איז געקומען צום „ותהי שׂרה עקרה״ האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט... הגר מיט ישמעאלן און צו זייער הילף זענען געקומען מלאכים, האָבן זיך באַטראַכט פאַר די איינציקע יורשים.

אין יענעם מאָמענט, האָט זיך דער רבונו של עולם, וואָס גלוסט צו די תפילות פון צדיקים, צוגעהערט צו שׂרהס געוויינען... איר מעסטל פון צער איז אָבער נאָך אַלץ נישט אָנגעפילט געוואָרן. זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, ווי דער „בן מצחק״... מיט איר איידעלן בן יחיד. און נאָך דעם קומט דער לעצטער נסיון, „והאלהים ניסה את אברהם״... יצחק בלייבט לעבן, אָבער שׂרה האָט דערביי אויסגעהויכט איר ריינע און הייליקע נשמה.

ד. אברהמס נחת. — קאָנ־צענטרירונג פון משפחה־לעבן. — יצחק דער שטרענ־גער און יעקב דער מילדע־רער. — זרע אברהם. — אויפהאַלט און אָנהאַלט. — מ׳היט מצוות.

ר׳ צדוק הכהן פון לובלין — אין זיין באַהאַנד־לען די מצווה פון שבת פאַר מתּן תורה, אין שייכות מיט דער תּלמודישער דעקלאַראַציע, אַז אברהם אָבינו האָט מקיים געווען דאָס אָפּהיטן די שבת־געבאָטן — שרייבט צוו״אַ[1]:

„...ומקודם מתּן תורה, מחדש בטובו בכל יום מעשה בראשית על־ידי חידוש הלכה... וזה היה עד אברהם אָבינו עליו השלום שקיים כל התּורה ושבת בכללה, שקיים אף עירוב תבשילין״[2] און נישט בלויז עירוב תבשילין האָט ער מקיים געווען, נאָר אַלע הלכות, אַפילו די הכנות פאַר שבת; ער ברענגט תּלמודיש איבערצייגנדיקע מאמרים[3] וואָס באַווייזן, אַז דער אורפאָטער פון יידנטום האָט אָפּגעהיט אַלע דינים און זיי איבערגעגעבן צו יצחקן און יצחק צו יעקבן. אַזוי אַרום זענען זיי געוואָרן די „בנאין״, די בויערס, פון דער וועלט...[4]

אברהם אָבינו האָט געבויט — דאַרף מען פאַרשטיין — נישט אין פיזישן, נאָר, דער עיקר, אין גייסטיקן זין! ער האָט געלייגט דעם יסוד פאַר די „בני ישראל״, וואָס זאָלן ווערן אַ נצחדיק פאָלק דורך — און אַ דאַנק — די גייסטיקע אַטריבוטן.

אברהם איז געווען דער ערשטער צו ווערן גערופן נביא[5]; צו אים האָט דער רבונו של עולם גערעדט דירעקט; אויך זיין זון יצחק און אייניקל יעקב, האָבן געהאַט די זכיה צו הערן דירעקט דאָס וואָרט פון השם. זיי האָבן געהאַט גלוי שכינה און זיך צוגעהערט, אי צו די פאַרלאַנגען און אי צו די ברכות פון באַשעפער.

[אַ דאַנק זיי און צוליב זיי, איז משה רבינו געשיקט געוואָרן אויסצולייזן די יידן פון מצרישער שקלאַפעריי; געוואָרן דער אדון הנביאים, דער מחוקק, דער מקבל און נותן התּורה, דער „אָדם המעלה״, ווי דער רמב״ם שטעלט פאַר דעם אויבער־און־צויבער־מענטש, און וועגן אים און בלויז אויף אים ווערט גע־זאָגט: „ולא קם עוד נביא בישראל כמשה אשר ידעו ד׳ פנים אל פנים״[6]].

אברהם, ווי אַ יחיד וואָס האָט זיך געשטעלט קעגן דער גאַנצער וועלט, איז געווען אַ שטאַרק ליידנדיקער. ווען נישט זיין אַרויסהעלפערין שׂרה, ווער ווייסט, צי ער וואָלט געקענט ביישטיין אַלע נסיונות. נישט אומזיסט קאָמענטירן די חכמי התּלמוד, אַז שׂרה איז געשטאַנען העכער אין נביאות פון אברהם אָבינו. זיי מיינען דערמיט צו זאָגן, אַז אברהמס הצלחה איז געווען אָפּהענגיק אין דער הילף וואָס ער האָט געקראָגן פון זיין שׂרי, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן שׂרה.

אַפילו דאָס אָפּזונדערן זיך פון לוטן, וואָס ווערט אין דער תּורה איבערגעגעבן

בקיצור, האָט אים מסתמא פאַרשאַפט געגוג עגמת־נפש. ער האָט זיכער געהאַט דערויף שׂרהס הסכמה. דערנאָך האָט ער פאַרפירט אַ מלחמה צוליב לוטן, צוגעזען דעם חורבן פון סדום און עמורה און באַלד נאָך דעם אַוודאי געהערט פון דער מעשׂה לוט [7], און געוויס נישט געהאַט קיין פאַרגעניגן פון אַט דעם צוזאַמענלעב. דערצו — אייגענע צרות: נישטאָ קיין יורש!

דער רבונו של עולם האָט צוגעזען זיינע ליידן און מיט איין מאָל אים גע־געבן אַ טאָפּלטע הבטחה: „אחר הדברים האלה היה דבר ד׳ אל אברהם במחזה לאמור: לזרעך נתתי את הארץ הזאת מנהר מצרים עד הנהר הגדול" [8]. אברהם האָט געקראָגן דעם צוזאָג פון קינדער און לאַנד! די פראַגע איז אָבער — ווען?

יאָרן לויפן, מען ווערט עלטער, דער כוח הזרע והלידה ווערן אָפּגעשוואַכט. שׂרה שרעקט זיך, זי וויל זיך נישט פאַרלאָזן אויף נסים. די נאַטור־אייגנשאַפטן פון היינט זענען מסתמא נישט אַנדערש פון אַמאָל... אברהם איז אַ היסטאָריש־רעאַלע פּערזאָן [9] און, ווי אַ מענטש מיט מענטשלעכע נאַטירלעכקייטן קען ער נישט האָבן קיין זון.

די חז״ל לערנען אונדז, אַז באַלד פון דער בריאה איז באַשטימט געוואָרן אַ שינוי אין אברהמס לעבן, וואָס דאַרף קומען דורך אַ שינוי אין זיין נאָמען און אַ שינוי אין זיין גוף: „אברם אינו מוליד, אברהם — מוליד" [10] — דער אות „ה" ביי אברהמען און ביי שׂרהן זאָל זיי געבן יונגשאַפט, יונגע כוחות צו געבוירן אַ זון, און נאָך מער: דער רבונו של עולם האָט געוואָלט, אַז יצחק, דער „בעל העקידה", זאָל געבוירן ווערן פון דער „טיפּה" וואָס וועט פליסן נאָך מילה, נאָכן ברית־אברהם און נישט פון „טיפּת־ערלה", ווי עס איז דער לשון פון מדרש.

יצחק איז שוין געבוירן געוואָרן. אברהם און שׂרה פּראַווען אַ גרויסע סעודה. נאָר ס׳זענען נאָך דאָ מענטשן וואָס צווייפלען, צי דער „זקן" און „זקנה" האָבן טאַקע געבראַכט אויף דער וועלט אַן אייגן קינד. האָט שׂרה געדאַרפט באַווייזן, אַז זי קאָן זויגן די קינדער וואָס מ׳האָט געבראַכט צו איר. און אברהם? זיי טענהן „מאבימלך נתעברה שׂרה"... האָט שוין הקדוש־ברוך־הוא זיך אַריינגעמישט און געמאַכט אַז יצחק זאָל אויסזען פּינקטלעך ווי אברהם, און אַלע האָבן געמוזט מודה זיין: „אברהם הוליד את יצחק" [11].

אברהם האָט לכתחילה געשמייכלט, ווען ער האָט געהערט, אַז ער, אַ 100־יאָריקער און זי, אַ 90־יאָריקע, וועלן געבן געבורט. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער מאמין און געהאַט בטחון, אויסצושטיין צען נסיונות [12] — אָבער ביי דער גאַנצער אמונה און בטחון, אַז שׂרה וועט אים נאָך געבן אַ זון, איז ער דאָך דער פאָטער פון ישמעאל און בעט אויך פאַר זיין לעבן: „לו ישמעאל יחיה לפניך" [13], דער מילה־אַקט האָט געבראַכט צו דער רעאַליזירונג פון אַלע הבטחות. אַלץ איז מקויים געוואָרן.

דער נס איז געשען!

און דאָ הייבט זיך אָן אַ נייע צרה: שׂרה קען נישט פאַרטראָגן, איר בן־יחיד זאָל זיך „שפּילן" מיט ישמעאלן און זיין אונטער זיין השפּעה. דער מדרש[14], וועלנדיק באַווייזן שׂרהס רעכט און גערעכטיקייט, דריקט זיך אויס, אַז די „שפּיל" איז געווען אַ סעקסועלע, אַ סעקסועלע פאַרוויילונג. דעריבער האָט זי פאַרלאַנגט אברהם זאָל פאַרטרייבן די דינסט מיט איר זונדל: „גרש את האמה הזאת ואת בנה"[15].

ס'איז אברהמען געווען זייער שווער נאָכצוקומען איר פאַרלאַנג. אַ שווערער נסיון; ער איז דאָך אַ געטרייער פאָטער! דאָך איז ער געצוווּנגען נאָכצוגעבן שׂרהס ווילן...

אברהם האָט זיך געפרייט, געמיינט אַז ער קאָן שוין זיצן במנוחה און פּלוצעם — דער לעצטער און שווערסטער נסיון. גאָט — וואָס וויל נישט קיין מענטשלעכע קרבנות — הייסט דווקא אים ברענגען זיין בן־יחיד אויף דער עקידה, אים מקריב זיין פאַר אַ קרבן עולה. אַזוי איז גאָטס ווילן און אברהם פירט אויס מיט זריזות גאָטס פאַרלאַנג...

דער מלאך קומט און ראַטעוועט יצחקן. אָבער שׂרה האָט שוין נישט אויס־געהאַלטן, ווען ס'איז איר אָנגעזאָגט געוואָרן די שלעכטע בשׂורה, איז זי אויס־געגאַנגען און אברהם איז געקומען קיין חברון באַזאָרגן איר קבורה, מיטן געדאַנק אָפּצוקויפן די „מערת המכפלה" פאַר זיך און זיינע קינדער לדור־דורות. ער איז אויך געקומען זי באַוויינען און טרויערן אויף איר טויט[16].

פון וואַנען איז ער געקומען?

דערויף האָבן מיר חלוקי־דעות צווישן די מפרשי־התורה:

דער אבן עזרא קאָמענטירט, אַז ווען שׂרה איז געשטאָרבן האָט אברהם זיך געפונען אין אַן אַנדער פּלאַץ... רש"י גיט אָן, אַז דאָס פּלאַץ איז געווען באר־שבע, די רעזידענץ פון אברהם אָבינו. ער איז געקומען צוטיילן כבוד זיין פרוי, וועלכע איז געגאַנגען מיט אים דעם גאַנצן וועג פון נסיונות און בלויז דעם לעצטן נסיון נישט אויסגעהאַלטן.

אינטערעסאַנט, אַז אַ פרוי ווערט צום ערשטן מאָל געגעבן אַזוי פיל אָרט און חשיבות — הספד, טרויער און קבורה!

נאָך שׂרהס טויט האָט אברהם זיך גענומען שאַפן אַ שידוך פאַר זיין בן־יחיד. פאַר ישמעאלן זאָרגט ער זיך נישט. ער — ווייזט אויס — האָט נישט געדאַרפט מ'זאָל פאַר אים קריגן אַ ווייב... אָבער יצחק, פאַר אים וויל אברהם קריגן אַ ווייב „ממשפחתו ומבית אביו". זיין קנעכט אליעזר, דער משק־בית, דער הויז־פאַרוואַלטער, פירט דורך די שליחות בשלימות און רבקה פאַרנעמט דאָס אָרט פון דער מאַמע שׂרה.

נאָך דער חתונה, האָט אברהם אַוועקגעגעבן יצחקן זיין גאַנץ פאַרמעגן: „ויתן לו כל אשר לו" און אים באַזאָרגט מיט אַ שטר־מתנה [17], כדי ישמעאל און די אַנדערע קינדער זאָלן נישט קענען קומען און וועלן דאָס אַוועקנעמען פון יצחקן. מיט רבקהן זיין ווייב איז, לויט ר׳ צדוק הכהן מלובלין [18], יצחק געוואָרן אַן אָדם שלם. אָן אַ ווייב איז מען דאָך נישט קיין אָדם [19]. ווען יצחק איז שוין געווען באַזאָרגט, האָט אברהם חתונה געהאַט מיט קטורה; טייל זאָגן, אַז קטורה איז הגר [20] — איצט, הייסט עס, איז זי געוואָרן זיין אָפיציעלע ווייב און ער האָט גע־האַט מיט איר קינדער. ער האָט אָבער די קינדער אַוועקגעשיקט אָנגעלאָדן מיט מתנות. און ביים לעבן האָבן זיי אַלע אים צוגעטיילט דעם געהעריקן כבוד [21].

וואָס פאַר אַ מענטש איז געווען אברהם אָבינו?

אברהם אָבינו ווערט געשילדערט אַלס גרויס־געלערנטער, אַלס פילאָזאָף, אַלס פירער און בעל־מידות. מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין שילדערן זיין כאַראַקטער. ס׳איז אוממעגלעך נאָכצופאָלגן די אגדות. וועגן די מידות פון אברהם אָבינו האָבן מיר אַ גענוגנדיקע כאַראַקטעריסטיק אין אָבות [22]. דער עיקר, וואָס מיר ווילן דאָ באַטאָנען, איז זיין פאַמיליאַרישקייט, זיין אָנשטרענגונג, אַז זיינע אָפּשטאַמיקע — „ביצחק ולא כל יצחק" — זאָלן ממשיך זיין, „ושמרו דרך ד׳" [23]. ער האָט דאָך, לויט דער אגדה, מקיים געווען די תרי"ג מצוות, געהיט די תורה און פאַרשפּרייט תורה צווישן די אַלע וואָס זענען געקומען מיט אים אין קאָנ־טאַקט [24].

לויטן רמב"ם [25], האָט אברהם אָבינו שטודירט, געפאָרשט און אויסגעפונען, אַז ס׳איז דאָ נאָר איין גאָט און דער גאָט האָט אַלץ באַשאַפן. ער האָט גערופן די איינוווינערס פון אור־כשדים זיי זאָלן צעברעכן די פאַלשע געטער, זיי זאָלן דינען דעם איינציקן גאָט. ווען ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין היים, אויף גאָטס באַפעל: „לך לך"... איז ער געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק און די אמונה אין מאָנאָטעיזם. ער איז אָנערקענט געוואָרן אַלס מאמין און מאַן פון חסד. זיין אמונה איז אָבער דאָך געבליבן דער קנין בלויז פון זיין משפּחה. זיינע קינדער האָט ער באַאיינפלוסט מיט מידות פון חסד און רחמים, ווי די נביאים האָבן אין שפּעטערע דורות געלערנט [26]. ביים רבונו של עולם איז אברהם אָבינו פאַררעכנט געוואָרן אַלס איינער פון די פינף קנינים, פון די פינף פאַרמעגנס אויף דער וועלט [27] — און אָט דער אברהם־פאַרמעג איז איבערגעגאַנגען צו זיינע נאָכפאָלגערס, יצחק און יעקב.

אין סך־הכל קען מען זאָגן וועגן אברהמען, אַז ער האָט נישט בלויז געוואָלט פאַרפלאַנצן אין זיינע קינדער די אמונה אין איינציקן גאָט, נאָר אויך די הייליקייט און גאַנצקייט פון פאַמיליע־לעבן, די איבערגעגעבנקייט צווישן מאַן און פרוי, דעם כבוד וואָס איינער דאַרף צוטיילן דעם צווייטן, נישט בלויז ביים לעבן,

נאָר אויך ביי דער פּטירה: אברהם צאָלט מיט די בעסטע פיר הונדערט שקלים פאַר אַ קבר; דאָס קבר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַמיליע־קבר. ער באַזאָרגט זיין בן־יחיד מיט אַ ווייב פון דער אייגענער משפחה, כדי נישט אויסצומישן זיך מיט די כּנענישע טעכטער. ער וויל נישט קיין געמישטע חתונה. רבקה איז די טרייסט פאַר יצחקן. אָבער אים אויך קומט אָן שווער צו האָבן אַ יורש. יצחק נעמט אָבער נישט קיין פּלגש, קיין שפחה, ער איז שוין געהייליקט געוואָרן אויפן באַרג מוריה. די עקרה איז מעוברת געוואָרן מיט אַ צווילינג: יעקב בלייבט דער געבענטשטער, ווייל ער נעמט אויף זיך אברהמס פליכטן. וועגן דעם געוויער אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

ה. אברהם פאַרטראָגט נישט קיין שענדלעכע באַציִונג צו דער פרוי. — אמונה און חשיבות פון מענטש. — פאַרבעסערן די ראָל פון דער פרוי. — מוסטער פון מאַן און פאָטער. — שטאַרקן אמונה און שטאַרקן פאַמיליע־לעבן.

אברהם אָבינו, ווי ער ווערט כאַראַקטעריזירט פון פאָרשערס, האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די שענדלעכע מינהגים אין געשלעכטלעכן לעבן צווישן מאַן און פרוי.

אין די בבלישע טעמפּלען פלעגן פרויען זיצן און וואַרטן אויף אַ סאָרט ריטואַל פון האָבן געשלעכטלעכע באַציִונגען מיט מענער און נאָך דעם אַקט וואַרטן אויף דעם באַשלוס פון די מענער וועגן אַ צוזאַמענלעבן. די שענערע פלעגן גיכער האָבן מעגלעכקייטן אויסגעקאָפּט צו ווערן פונעם טעמפּל און זיך צופרידנשטעלן. אָבער די ווייניק געבענטשטע, האָבן געקענט וואַרטן יאָרן ביים און אינעם טעמפּל, ביז אַ מאַן זאָל רחמנות האָבן אויף זיי... אָדער זיי „הייליקן" פאַר אישטאַר־עשתורת, די געטין פון פּרוכפּערדיקייט [1].

אברהם אָבינו האָט דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן: ער האָט נישט געקענט צוזען די ליידן פון דער פרוי, איר דעגענערירטע ראָל, די געשלעכט־אָרגיעס אין די טעמפּלען, און ער האָט זיך גענומען רעוואָלוציאָניזירן דאָס סאָציאַלע פאַמיליע־לעבן, אָרגאַניזירן אַן אייגענע מחנה פון אידעאַלע מענער און פרויען. ער האָט געוויזן דעם מוסטער פון זיין צוזאַמענלעבן מיט שׂרהן.

אברהם אָבינו האָט, צוזאַמען מיט שׂרהן, געזוכט שאַפן אַ קרייז פון אַ דיסציפּלינירטער און מאָראַליש־דערהויבענער געזעלשאַפט [2] — און גאַר שטאַרק געגאַרט צו האָבן אַן אייגענעם יורש — און דאָ, די זעלטן שיינע שׂרה איז אַן עקרה! ס׳גייען אַוועק יאָרן ביז זי ווערט באַשאָנקען מיט יצחקן.

נאָך עטלעכע צענדליק יאָר פאַרגעניגן פון דעם זון, קומט דער באַפעל: נעמען אים אַלס קרבן אויף דער עקידה. ס׳איז זיך נישט פאַרצושטעלן די אַנגסטן,

קאַשמאַרן און ראַנגלענישן וואָס אברהם האָט דאָן דורכגעמאַכט. ערגער האָט דאָס זיך אָפּגערופן אויף שׂרהן. זי האָט שוין נישט זוכה געווען צו הערן די ווערטער פון גאָטס מלאך: „זאָלסט נישט אויסשטרעקן דיין האַנט מיטן מעסער איבער דעם יינגל... פון יצחקן וועט אַרויסקומען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק״. שׂרה האָט נישט דערלעבט נאָך דער עקידה צו זען איר בן־יחיד אַ לעבעדיקן.

אליעזר, עבד אברהם, פירט אויס אַ גליקלעכן שידוך: רבקה איז די באַשיידענע, צניעותדיקע „ותקח הצעיף ותתכס״ ביי דער ערשטער באַגעגעניש — אָבער ווידער אַ צרה, ווי ביי דער מוטער שׂרה: קינדערלאָזיקייט!

ווען רבקה איז שוין פאַרגאַנגען אין שוואַנגערשאַפט, ליידט זי פון אַ שטויסעריי צווישן די צוויי „גויִם״ אין איר אינגעווייד. שלעכט און סכּנותדיק פאַר איר געזונט און שלעכט די סימבאָלישקייט פון אַט דעם „זיך שטויסנדיקן צווילינג״.

עשׂו, וואָס ווערט פאַרגעשטעלט אַלס יצר־רע, וויל שוין פון זיין מוטערס אינגעווייד האָבן שליטה איבער דעם נאָכקומענדיקן יעקב. דער „כּולו אדמוני״ — דער רויטער איבערן גאַנצן קערפּער, אַ סימן אויף בלוט און הריגה, און איז צוליב דעם נישט מל געוואָרן [3] — וויל פאַרכאַפּן. עשׂו איז געווען אַ פרעמד געוויקס אין דער אברהם־פאַמיליע, ווו מילה איז באַשטימט געוואָרן אַלס הייליקער ברית.

יעקב איז געוואָרן דאָס קינד וואָס ווערט באַטראַכט אַלס „זרע אברהם״ און ווען אים איז געזאָגט געוואָרן „כּי ביצחק יקרא לך זרע״, און ווען אים האָט דער רבונו־של־עולם געזאָגט צו אברהמען: „כּי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט״[4]. יעקב האָט באַלד פון אָנהייב זיך געוויזן אַלס דאָס אייניקל, וואָס וועט היטן אברהמס אָנזאָג אָפּצוהיטן דעם „דרך ד׳״. דעריבער האָט ער זוכה געווען צו די ברכות, נישט געקוקט וואָס ער האָט זיי געקראָגן נאָך דראַסטישע געשעענישן, נישט ווי דער איש תּם וואָלט זיך פאַרגעשטעלט.

ס׳איז אינטערעסאַנט די מיינונג פון גרויסן מפרש התורה, ר׳ יצחק אברבנאל (הקצ״ז־רס״ח — 1437—1508), אַז, בנוגע די ברכות, איז יצחק בלויז געווען אַ שליח. ס׳האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין נאָר אַז יעקב זאָל זיי קריגן, ווי אַ דירעקטע ירושה פון זיידן אברהם. ער איז דאָך געווען דער מאמין באֵל אחד... יצחק האָט זיך אָבער נישט געקענט קיין עצה געבן ווי אַריבערצושפּרייזן דעם נאַטירלעכן גאַנג — עשׂו איז דאָך דער בכור.

יצחק האָט, לויט דער דאָזיקער מיינונג — זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט: ער האָט נישט געקענט אורטיילן וועגן יושר פון אַ יורש; ער האָט געטראַכט פון מאַכן אַ חלוקה: עשׂון געבן די גשמיותדיקע ברכות, און די רוחניות צו

יעקבן. כּדי דאָס אויסצומיידן איז נישט געווען קיין אַנדער וועג ווי דורך ערמה — יצחק זאָל דערזען, אַז עשׂו איז בכלל נישט ראוי צו די ברכות, ווי אַ ירושה פון זיין פאָטער אברהם; און דאָס האָט געטאָן רבקה. דאָ האָבן מיר ווידער די ראָל פון דער מוטער — מאַטריאַרכאַט — וואָס באַהערשט מיט חכמה און „בינה יתירה" דאָס פאַטערטום. זי ווייסט ווי צו אורטיילן און ווי אָפּצושאַצן אירע זין.

די פראַגע ווערט געשטעלט: פאַר וואָס האָט רבקה נישט געוואָלט דערציילן יצחקן דעם אמת וועגן עשׂוס אויפפירונג?

דערקלערן מפרשים, אַז, ווי אַן איידעלע פרוי, האָט זי נישט געוואָלט מצער זיין איר שוואַכן מאַן, ביי וועמען ס'איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די זעקראַפט און במילא דער חוש צו אונטערשיידן צווישן עשׂון און יעקבן. ביים אָוועקגעבן די ברכות יעקבן, האָט יצחק דערפילט, אַז עס איז מן השמים, האָט ער די ברכות געשטאַרקט [5].

אין דעם זין קאָן מען פאַרשטיין דעם מדרש [6] אויפן פסוק — „עטרת זקנים בני בנים" — אברהם נתעטר בזכות יעקב... די קרוין פון אברהם איז יעקב: ער איז די דירעקטע ליניע — אברהם, יצחק און יעקב. יעקב, אַרויסקומענדיק פון דער קדושה וואָס האָט באַקליידט יצחקן, איז געווען געהייליקט, אַז זיין בעט זאָל שוין זיין גאַנץ און זיינע קינדער זאָלן זיין פאַראייניקט ביים באַגעגענען אים אויפן וועג קיין מצרים, צו זאָגן „שמע ישׂראל... ברוך שם כבוד מלכותו" און מיט דורות שפּעטער, זאָלן די, פון אים אָפּשטאַמיקע, האָבן דעם כּוח זיך אויסצודריקן „נעשׂה ונשמע".

יעקב איז געבענטשט געוואָרן מיט צען ברכות, ווייל ער איז געווען דער אמתער „זרע אברהם". ער האָט געפירט זיין פאַמיליע-לעבן ווי אברהם אָבינו האָט געלערנט און געפּריידיקט. פאַר וואָס פונקט צען ברכות, דערקלערט ר' צדוק הכּהן מלובלין [7], אַז דאָס איז מרמז אויף די עשׂרת הדברות, וואָס זיינע קינדער האָבן גענומען אויף זיך און אַז אין די ברכות ליגט אַן אָנווייז אויף די עשׂרה מאמרות פון מעשׂה בראשית. יעקב איז ממשיך דעם ווונטש פון זיין זיידן צו פירן אַ ריינעם לעבנס-שטייגער, צו האַלטן גאַנץ זיין פאַמיליע.

נישט לייכט איז געווען פאַר יעקבן דורכצופירן אָט די צילן אין לעבן.

פריִער — די מורא פאַר עשׂון, און נאָך דעם דער פּחד אויסצופירן דעם פאַרלאַנג פון זיינע עלטערן, לאָזן זיך אויפן וועג קיין חרן און דאָרט, ביי משפּחה, קריגן זיין באַשערטע. ווי עס ווערט קאָמענטירט, האָט ער זיך געלאָזט אויפן וועג פונעם זקן, געטאָן דעם ביישפּיל פון זיין זיידן, וועלכער האָט געזוכט אַ שידוך פאַר זיין (יעקבס) פאָטער אין חרן. אים איז אָבער געווען ערגער: ער האָט גע־האָט די ידיעה, אַז עשׂו קלייבט זיך נוקם צו זיין און אויך געהערט וואָס פאַר אַ מענטש דער לבן איז, ווי שווער ס'וועט פאַר אים זיין צו ווינען ביי זיין שווער...

נישט אומזיסט גיט אַן דער מדרש [8], ווי אַן אַריינפיר צו יעקבס פאַרלאָזן זיין היים, דעם פסוק — „אז תלך לבטח דרכך... אם תשכב, לא תפחד". פון וועמען האָט מען אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיך נישט דאַרפן שרעקן? — „מעשו ומלבן", אַ פאַרזיכערונג נישט מורא צו האָבן, נישט פאַר עשׂו, וואָס איז געבליבן אין דער היים, און נישט פאַר לבנן, צו וועמעס היים ער דאַרף אָנקומען.

שווער געווען פאַר יעקבן צו פאַרלאָזן זיין היימאַט, זיינע עלטערן. אַ גרעסערער נסיון געווען פאַר אים, ווי פאַר אברהמען, ווען יענער האָט פאַרלאָזט זיין פאָטער, תּרח, און זיין געבורטאָרט אור־כּשׂדים, חרן — און זיך געלאָזט אויפן וועג קיין כּנען, וואָס איז געוואָרן זיין לאַנד.

דער בעל „תורת אמת", אדמו"ר ר' יהודה לייב איגר זצ"ל שטעלט זיך אָפּ אויף דעם שווערן נסיון, וואָס יעקב האָט דורכגעמאַכט:

„הנה אין לשער גודל הלב נשבר שהי' ליעקב בעת צאתו מבית אָביו מבאר שבע ללכת לחרן. כי מצינו באברהם אָבינו ע"ה שכשנצטוה ללכת מבית אָביו נחשב לו לנסיון, והנה שם הי' לכתו מבית אָביו מתּרח שהי' עע"ז וגם המקום לא הי' מקום קדוש"... [9]

ר' לייבעלע איגר באַמערקט אויך, אַז דאָרט ביי אברהם אָבינו איז געווען גאָטס באַפעל „לך לך מארצך"... צו פאַרלאָזן זיין נישט הייליקע היים און זיינע געצנדינערישע עלטערן — און דאָך איז עס געווען אַ שווערער נסיון. ביי יעקבן האָט עס געמיינט פאַרלאָזן זיינע הייליקע עלטערן, דאָס הייליקע לאַנד, באר־שבע, און אַרויסגיין קיין חרן צו אַ לבן הרשע, און ער האָט נישט געהאַט קיין באַפעל פון הקדוש־ברוך־הוא, נאָר פון זיינע עלטערן. ער האָט דאָס באַטראַכט אַלס פּיקוח־נפש. ער האָט נישט עובר געווען אויף כּיבוד אב ואם, ווייל ס'איז געווען זייער פאַרלאַנג, אָבער קיין פאַרגעניגן דערפון האָט ער זיכער נישט געהאַט.

ווען יעקב באַגעגנט זיך מיט עשׂו, זאָגט ער אים „עם לבן גרתי"... ווי רש"י קאָמענטירט — דאַרפסט נישט היטן קיין שׂנאה צו מיר, איך האָב זיך גענוג אָנגעליטן ביי לבנען און געבליבן אַ גר...

אַ שווער לעבן איז עס געווען פאַר יעקבן — אַ לעבן אויסגעפילט מיט שווייס און טרערן, בלוט און ליידן — און דאָך געוואָונען דאָס אַלץ פאַר ליב, ווייל זיין לעבן האָט געהאַט אינהאַלט, איז געווען באַהויכט פון ברכה: די ברכה איז באַשטאַנען פון שאַפן אַ גרויסע פאַמיליע: צוועלף שבטים! זיינע ווייבער זענען געווען אומגעוויינלעך געטריי צו אים און האָבן נאָכגעפאָלגט זיין וועג. זיין מערסט געליבטע, רחל, איז געוואָרן דער סימבאָל פון דער ליידנדיקער מוטער, וועלכע וואַכט איבער אירע קינדער. זי איז געוואָרן די לעגענדאַרישע מאַמע, וועלכע לאָזט נישט גיין אירע קינדער אין גיהנומדיקן גלות. איר ראָל — די ליבע פרוי און געטרייע מוטער. רחל איז אַן עקרה! זי שטעלט איין איר לעבן צו האָבן אַ זון —

און ביים געבורט פון צווייטן קינד הויכט זי אויס איר נשמה. ווי די תורה דער־ציילט אונדז, האָט יעקב זיך געגנוג אָנגעליטן ביי לבנען און נישט ווייניק אויפן וועג — אָבער סוף־כל־סוף האָט ער געזען פאַר זיך אַ גרויסע משפחה, דערגרייכט צו דער ברכה פון „מטתו שלימה" מיט „י"ב שבטי יה".

יעקב איז געווען אַוועק פון זיינע עלטערן אַרום 36 יאָר. 14 יאָר איז ער געווען ביי שם ועבר, 20 יאָר ביי לבנען און 2 יאָר אויפן וועג אַהיים צו זיין פאָטער. (רש"י, בראשית, כ"ח, ט', י"א, ל"ה, כ"ט; ל"ז, ל"ד א"א). אין די צוואַנציק יאָר מיט לבנען, איז ער בייטאָג פאַרברענט געוואָרן פון דער היץ און ביינאַכט געפרוירן פון דער קעלט. דאָס זענען געווען שרעקלעכע עשׂרים שנה — און דאָך, „ויבא יעקב שלם"[10], ווי עס ווערט געדרשנט: „שלם בגופו, שלם בממונו, שלם בתורתו"[11]; איבערגעקומען אַלע סכנות, אַלע לבנדיקע פּלענער אים צו באַרויבן און אויסנאַרן. ס'איז ביי אים מקויים געוואָרן, ווי דער מדרש גיט איבער[12], „שבע יפול צדיק וקם", אַז נאָך אַלע נפילות שטייט אויף דער צדיק!

אויפן וועג קיין חברון און באר־שבע שטאַרבט פּלוצלונג אַ געטרייער הויז־מענטש, דבורה, די „מינקת רבקה".

בעת יעקב איז זיך מתעסק מיט איר קבורה, קומט אָן די טרויעריקע ידיעה, אַז זיין מוטער, רבקה, איז געשטאָרבן. דאָס אָרט קריגט פון אים דעם נאָמען „אלון בכות" (דער בוים פון געוויין).

אין יענעם, פאַר אים זייער טרויעריקן טאָג, באַוויזט זיך צו אים דער רבונו־של־עולם און פאַרזיכערט אים — קינדער און לאַנד: „גוי וקהל גויים". אָבער ביים ברענגען אויף דער וועלט דעם 12טן זון, איז זיין געליבטע רחל, פאַר וועלכער ער האָט געדינט ביי לבנען 14 יאָר, אויסגעגאַנגען מיט דער פרייד, אַז זי האָט אים געגעבן אַ זון (געבוירן אינעם לאַנד פון גאָטס הבטחה), וואָס פאַר איר איז ער געווען „דער זון פון טרויער"... צוליב אומשטענדן וואָס ווערן שפּעטער אויסגעטייטשט אַלס מיסטישע זעונגען — האָט זי יעקב קובר געווען אויפן וועג צווישן ירושלים און בית־לחם.

דער נביא ירמיהו — אייגנאַם ווי די מוטער רחל — ווען גאָט האָט באַשטימט אַלס נביא אין זיין מוטערס טראַכט און אים געגעבן ווערטער צו רעדן — ער האָט געזען און געהערט די ווערטער אין רמה, ווי רחל באַוויינט דעם גורל פון אירע קינדער און דעם הימלישן אָפּרוף: „די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייערע גרענעצן"...

די מאָס פון ליידן איז נאָך אַלץ נישט אָנגעפילט געוואָרן.

ס'רוקט זיך אָן אַ נייע צרה, אַ צרה פון דער משפּחה: זיין טאָכטער דינה ווערט פאַרכאַפּט, פאַרגוואַלדיקט פון שכם בן חמור. זיינע זין, באַזונדערס שמעון

ולוי, ווילן נישט וויסן פון קיין מורא און ווילן נישט פאַרקוקן דעם אוממאָראַלישן אַקט פונעם נשיא הארץ; זייער טענה: „הכזונה יעשה את אחותנו" [13] ווייזט, אַז ביי די בני יעקב־ישראל האָט שוין פאַרפליכטעט דאָס מאָראַלישע געזעץ אין משפחה־לעבן.

זיי נעמען נקמה אין שכם און אַנטלויפן, ראַטעווענדיק זיך דורך דעם נס, „ויהי חתת אלהים" [14]. אָבער שכם איז שוין געוואָרן דער „מקום מוכן לפרעניות", אַנהייבנדיק דערמיט, וואָס שכם בן חמור האָט פאַראומרייניקט דינהן; שפּעטער זענען געקומען אַנדערע אומגליקס־פאַלן, וועלכע מיר וועלן ווייטער באַרירן.

מאָדנע איז, וואָס דאָ, ווען דינה איז פאַרגוואַלדיקט געוואָרן בשעת זי איז געווען אומפאַרהייראַט, אין תלמודישן לשון — אַ „פנויה", איז דאָס באַטראַכט געוואָרן פאַר אַזאַ גרויסע זינד, אַז צוליב איר האָט מען זיך דערלויבט אומברענגען אַ שטאָט.

ווען יהודה אָבער איז באַגאַנגען דעם אַקט מיט דער פרוי וואָס האָט זיך פאַרשטעלט אַלס זונה, (נישט געקוקט, וואָס עס איז שפּעטער אַנטדעקט געוואָרן דער סוד, אַז זי איז זיין שנור...[15]) איז זי באַפרייט געוואָרן פון וועלכער נישט איז שטראָף: זי איז נישט קיין „קדשה", זי איז נישט קיין זונה — זי ווערט די אורמוטער פון מלכות ישראל, מלך המשיח!

ו. צעמישעניש אין הויז. — קנאה צווישן ברידער. — מעשׂים אין איילעניש. — בן־בכור און בן־מלכות. — ווי אַזוי מיסטיקערס האָבן דאָס באַטראַכט.

אַז יעקב האָט שוין קוים דערגרייכט זיין ציל צו קומען צוריק אַהיים, אין כנען, און שוין געווען צוזאַמען מיט זיין פאָטער, נאָך אַלע טרויעריקע געשעענישן, האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אַ ריי משפחה־פּראָבלעמען: „וילך ראובן וישכב את בלהה פילגש אביו" [1] — ראובן האָט אינטימע באַציִונגען מיט דער פילגש פון זיין פאָטער. ביי יעקבן, ווו זנות איז אַזוי שטאַרק באַקעמפט געוואָרן, זאָל פאַרקומען אַזאַ געשעעניש?! ביי זיינע זין זאָל פאַרקומען, אַ סאָרט „פחז כמים" אין יעקבס מילדערן לשון? [2] זיין בכור זאָל שטעלן אין געפאַר די גאַנצקייט און די ריינקייט פון זיין פאַמיליע?!

די בעלי־התלמוד האָבן בשום אופן נישט געוואָלט זען דעם דאָזיקן „אינצידענט" אין זיין פשוטן מיין און געהאַלטן, אַז דער וואָס וויל אַזוי לערנען, מאַכט אַ טעות... דער גאַנצער ענין איז — לויט חז"ל — געווען, „שבלבל יצועי אביו" [3], ראובן איז געגאַנגען אַנטנעמען זיך דעם כבוד פון זיין מוטער לאה און געשטעלט יעקבס בעט אין זיין מוטערס געצעלט.

ער אַליין, יעקב, האָט גענומען צוויי שוועסטער, וואָס שפּעטער, נאָך מתן

תורה, איז דאָס שטאַרק פאַרווערט געוואָרן. מפרשים באַמיִען זיך צו פאַרענטפערן דעם דאָזיקן אַקט. מ׳קען אָבער לאָגיש אָננעמען דעם רמב״נס דערקלערונג, אַז אַ בן־נח איז נישט באַפוילן געוואָרן אויפן פאַרבאָט פון נעמען צוויי שוועסטער. אַנדערע מפרשים גיבן צו, אַז די אָבות האָבן נישט מקיים געווען די תורה־געבאָטן, בעת זיי זענען געווען אין חוץ לארץ.

וועגן ראובנס מעשה האָבן די רבנן שוין געמוזט זוכן אַנדערע תירוצים, ווייל אויף גלוי־עריות זענען אַפילו די בני־נח געבאָטן געוואָרן. דעריבער האָבן זיי דערקלערט, אַז ראובן איז נישט באַגאַנגען קיין אַקטועלע עבירה, נאָר זיין אַריינמישן זיך איז געווען אַ מרידה אין פאָטערס אָנגעלעגנהייטן. זיין שטראָף איז דעריבער געווען דאָס אַוועקנעמען פון אים די רעכט אויף בכורה.

האָט ר׳ שמואל בר נחמני געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יונתן: „כל האומר ראובן חטא, אינו אלא טועה״... נאָר ווייל ער האָט זיך אַריינגעמישט און צעמישט דעם פאָטערס געלעגער, ווערט געזאָגט אויף אים אָן אויסדרוק „וישכב״, ווי ער וואָלט געלעגן מיט איר...

די ברייתא גיט צו:

„ר׳ שמעון בן אלעזר אומר, מוצל אותו צדיק מאותו עוון... עלבון אמו תבע. אמר: אם אחות־אמי היתה צרה לאמי, שפחת אחות אמי תהא צרה לאמי? עמד ובלבל את מצעה״...

ר׳ שמעון, דער זון פון אלעזר דערקלערט: דער דאָזיקער צדיק (ראובן) איז געהיט געוואָרן פון אַזאַ זינד... ער האָט זיך בלויז אָנגענומען דעם כּבוד פון זיין מוטער און געטראַכט: אויב מיין מוטערס שוועסטער איז געווען די צרה צו מיין מוטער, מילא, זי האָט יעקב ליבער געהאַט... אָבער די דינסט פון דער שוועסטער זאָל זיין העכער און חשובער?... האָט ער צעמישט איר געלעגער, אַריינגעטראָגן זיין פאָטערס בעט אין זיין מוטערס געצעלט.

די חכמי־התלמוד האָבן נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ראובן זאָל געווען באַגיין אַזאַ זנות־פאַרברעך, וואָס איז געווען פאַרווערט נאָך אין דער פאַר־סיני־תקופה. זיי האָבן דעריבער זיך באַמיט צו דערקלערן, אַז שוין דערמיט וואָס ראובן האָט זיך אַריינגעמישט אין די דאָזיקע אָנגעלעגנהייטן, איז ביי זיין פאָטער באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ זינד.

באַהאַנדלענדיק דעם דאָזיקן ענין, זאָגן חז״ל, אַז יעקב האָט אַוועקגעשטעלט צוויי בעטן: איינס פאַר דער שכינה און איין בעט פאַר זיך. דעריבער האָט דאָרט, בעת דעם זיווג מיט זיינע ווייבער געהערשט הייליקייט, ס׳האָט גערוט די שכינה, און דערפאַר זענען ביי אים געבוירן געוואָרן הייליקע קינדער. ביים סוף פון זיין לעבן האָט יעקב אויסגעדריקט פרייד מיט דער גאַנצקייט פון זיין בעט...

כשאני לעצמי, וואָלט איך אַפילו געוואַגט צו זאָגן, אַז די דאָזיקע אגדה קאָן

צוזאַמענגעבונדן ווערן מיט דעם זאָג: „איש ואשה שכינה שרויה ביניהם", אַז ווען מאַן־פרוי לעבן האַרמאָניש, רוט די שכינה צווישן זיי. יעקב האָט געהאַט אַ האַרמאָניש לעבן מיט זיינע פרויען; זיי זענען אים געווען געטריי, פאַרלאָזט זייערע עלטערן, זייער לאַנד, און געגאַנגען מיט אים קיין כּנען, דאָס שפּעטער־דיקע ארץ־ישׂראל.

עס שטעלט זיך די פראַגע פאַר וואָס האָט יעקב לכתּחילה נישט געשטעלט זיין בעט ביי לאהן, אויב די זינד פון ראובן איז בלויז באַשטאַנען אין איבער־טוישן די געלעגערס?...

ס'פאַרשטייט זיך, אַז ס'פעלן נישט קיין תּירוצים און די מפרשים באַמיִען זיך, יעדער אויף זיין שטייגער, אויפצוקלערן די דאָזיקע מיסטעריע[4].

דער אבן עזרא (ר' אברהם, דתתמ"ט ־ תתק"כ 1089—1164), פון די ראַציאָ־נעלסטע מפרשים, קאָמענטירט אין חומש[5]: „יפה פירשו רבותינו ז"ל. וכסה קלון ערום". אונדזערע רביים האָבן דאָס גוט אויסגעטייטשט. ער האָט פאַר־דעקט אַ נאַקעטע שאַנדע! דער אבן עזרא האָט דאָ, ווי אין אַ סך פאַלן, אַליין פאַרדעקט און צוגעדעקט וואָס ער וואָלט וועלן זאָגן. ער האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט זיך אַרויסצוזאָגן, בעת מיר האָבן אַזוי פיל מדרשים און, אגב, אַ מדרש, וואָס וואָגט צו באַהויפּטן, אַז ראובן איז אַריין אין זיין פאָטערס שלאָפצימער בעת יעקב איז געווען מיט בלההן און מיט זיין אַריינקום האָט ער צעשטערט דעם געבורט פון אַ 13טן שבט...[6]

ווי מיר זעען, האָבן מיר דאָ אַן איבערפלוס פון אגדות אין שייכות מיט ראובנס אַקט.

דער מהרש"ל (רבינו שלמה לוריא, הר"ע ־ של"ד 1510—1573) דערקלערט, אַז יעקב האָט געטראַכט, אַז לאה וועט אָפּשטויסן זיין אָנבאָט צו האָבן זיין בעט אין איר חדר מיוחד, ווייל ער האָט דאָס נישט געטאָן בעת רחל האָט געלעבט. ראובן האָט אָבער געוווּסט זיין מוטערס געפילן, ער איז דאָך געווען נאָענט צו איר, איר געהאָלפן, אַפילו ווען רחל האָט נאָך געלעבט און איז געווען די ערשטע, די עקרת־בית: ער האָט איר געבראַכט „דודאים", צוליב וועלכע לאה האָט גע־נומען יעקבן צו זיך, „כּי שׂכר שׂכרתיך בדודאי בני"[7]. ער, ראובן, האָט געוווּסט, אַז מיט זיין טאַט וועט ער דערהייבן דעם כּבוד פון זיין מוטער. ד"ה, ראובן האָט דערמיט מקיים געווען כּבוד־אָם.

אויב אַזוי, שטעלט זיך די פראַגע, פאַר וואָס האָט דאָס יעקבן אַזוי פאַר־דראָסן?...

לערנט אונדז דער מהרש"א, אַז יעקב האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פּגיעת־כּבוד אין רחלען. זי איז ביי אים געווען די פרוי, וואָס ער האָט געוואָלט און געליבט; צוליב רחלען האָט ער אַזוי פיל געאַרבעט ביי לבנען, און דאָ קומט ראובן און

ווײל דאָס מיט אַ מאָל אָפּמעקן — האָט ער אַוועקגענומען פון אים די בכורה, „כי בחללי יצועי אביו"... ווײל ראובן האָט פאַרשוועכט דאָס געלעגער פון זײן פאָטער האָט יעקב איבערגעגעבן די בכורה צו רחלס בכור, צו יוסףן, אין מהרש"אס ווערטער: „לכבודה של רחל"...

פאַר וואָס יעקב האָט גענומען צוויי שוועסטער און נאָך ענלעכע פראַגעס — האָבן מיר שוין באַרירט אויך אין אַ פריערדיק ווערק[8]. אויב מ'זאָל אָננעמען די מיינונג, אַז יעקב האָט בלויז מקיים געווען די מצוות, וועלכע זענען גילטיק געווען פאַר מתן־תורה, איז בכלל נישט קיין קשיא, ווײל פאַר מתן־תורה איז דאָס ווינען מיט צוויי שוועסטער נישט געווען אין כלל פון „גלוי־עריות".

(ס'זענען דאָ אגדות, אַז אויך די שפחות זענען געווען שוועסטער, ד"ה — די פיר ווײבער זענען געווען שוועסטער).

וואָס שייך דאָס ספּעציעלע בעט פאַר דער שכינה, האָבן מיר אויך חלוקי דעות — און אַפילו ביי רש"י האָבן מיר צוויי מיינונגען: לויט רש"י אין חומש[9], האָט יעקב אַוועקגעשטעלט אַ בעט פאַר דער שכינה אין די פיר געצעלטן, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט פאַר זײנע פיר ווײבער און דאָרט ווו ער האָט געזען די שכינה, איז ער געקומען און גענעכטיקט[10]... לויט רש"י אין גמרא, האָט ער גע־האַט זײן ספּעציעל בעט דאָרט ווו ער האָט געהאַט די אינטימקייט... ד"מ, ער האָט איבערגעטראָגן זײן בעט פון צימער צו צימער — ווו ער איז אײנגעשטאַנען די נאַכט, האָט ער באַזאָרגט דאָס ספּעציעלע בעט פאַר דער שכינה.

אייניקע מפרשים דערקלערן, אַז דאָס בעט איז געווען אַ סאָרט סימבאָליש בעט, פאַר דער השראת השכינה. אַנדערע זאָגן, אַז ביי זײן בעט, אין וועלכן ער איז געשלאָפן, האָט די שכינה גערוט צוקאָפּנס... בעת זײן מתיחד זײן זיך מיט אַ ווײב, האָט ער געטראַכט וועגן רבונו־של־עולם און דערמיט זיך געוואָלט פאַר־זיכערן מיט האָבן כשרע, ערלעכע קינדער. ראובן מיט זײן שנעלער האַנדלונג, גיבן זיי צו, האָט פאַרטריבן די שכינה פון זײן פאָטערס געלעגער[11].

יעקב האָט מוחל געווען ראובנען — אָבער נישט פאַרגעסן!

יעקב האָט זיך גענוג אָנגעליטן בעת ער האָט פאַרלאָזן זײנע עלטערן. ער האָט געדאַרפט האָבן די התחזקות פון רבונו־של־עולם. נישט ווייניקער האָט ער זיך אָנגעליטן ביי לבנען: „עם לבן גרתי" — נישט קיין קלייניקייט; און שוין אויפן וועג צוריק אַהיים, אַזוי פיל פּאַסירונגען! ביז — „ויבא יעקב אל יצחק אביו ממרא, קרית הארבע, היא חברון אשר גר שם אברהם ויצחק"[12] — און יעקב איז געקומען צו זײן פאָטער יצחק, אין ממרא, קרית ארבע — דאָס איז חברון, וואָס דאָרטן האָבן געוווינט אברהם און יצחק...

די אגדות וועגן דעם אומקער זענען אומצייליק, און מען דאַרף זיך ממש אָנשטרענגען, אַרויסצוהייבן דעם סיפּור־המעשה אין זײן פשוטן, אײנפאַכן באַנעם.

ער איז שוין אין דער היים, אויפן אָרט; „וישב יעקב" [13], ווי רש"י זאָגט: „ביקש יעקב לישב בשלוה, קפץ עליו רוגזו של יוסף" — איז דאָס געווען אַ צאָרנדיקע איבערלעבונג, קנאה־שנאה פון די בני יעקב, וואָס האָט צעשטערט דעם בית יעקב וישראל; יעקבס ליידן זענען געווען אומדערטרעגלעך. ער נעמט נישט אָן קיין טרייסט. ער האָפט, אַז ער וועט נאָך זען זיין בן זקונים אַ לעבע־דיקן. דאָס האָט אָבער געדויערט צוויי־און־צוואַנציק יאָר, ביז ער האָט געקענט זאָגן: „עוד יוסף בני חי" [14] — די פרייד פונעם פאָטער צו זען זיין זון! אָבער דער דראַנג צו זען זיין זון פירט אים אין גלות מצרים...

די זינד פון מכירת־יוסף ליגט ווי אַ שווערער, מעכטיקער שטיין אויפן האַלדז פון יידישן פאָלק; צוליב דער מכירה פון אַן אייגענעם ברודער איז געקומען דער עונש פון די עשׂרה הרוגי מלכות, איז געקומען חורבן בית־המקדש. לויט אַ מדרש [15], איז דער עונש אויף די ליידן אין די ימי מרדכי ואסתר געקומען צוליב מכירת־יוסף און, נאָך מער, אַז דער גלות אדום איז צוליב די זינד, וואָס ברידער זענען באַגאַנגען קעגן זייער אייגענעם ברודער.

אָבער יעקב האָט געליטן נישט בלויז פון דער מורא „טרוף טורף יוסף", אַז ער האָט פאַרלוירן זיין באַליבטן זון, ער האָט אויך געליטן און געהאַט צרות פון יהודהן. די געפאַר איז געווען: „נתפרדה החבילה" און במילא ווערט צעשטערט די גאַנצקייט פון בית־ישׂראל.

יהודה לאָזט זיך אַרויס אויף פרעמדע וועגן און אין דער פרעמד האָט ער חתונה — עולם כּמנהגו — מיט אַ טאָכטער פון אַן איש כּנעני! נישט אומזיסט מאַטערן זיך די מפרשים מיטן וואָרט „כּנעני", ווייל ווי קען מען עס פאַרשטיין, אַז אברהם זאָל זיך אַזוי באַמִיען צו טאָן אַ שידוך מיט זיין יצחקן דווקא פון דער אייגענער משפחה; יצחק און רבקה זאָלן נאָכפאָלגן דער דאָזיקער טראַדיציע, און ער, יהודה, דער וואָס דאַרף זיין דער וועגווייזער, ער זאָל גאָר נעמען אַ כּנענישע טאָכטער!... [16]

הכלל, דער מדרש, רש"י, רמב"ן, אור החיים, מרפא לשון [17] און זייערע נאָכפאָלגערס — אַלע קומען צום אויספיר, אַז אַזוי טאָר מען נישט טראַכטן וועגן יהודהן, דעם זון וואָס סימבאָליזירט מלכות. ר' חיים בן עטר (תנ"ו־תק"ג 1743—1696) דריקט זיך אויס אַזוי שאַרף: „כּי לא יתכן", עס איז גאָר נישט מעגלעך אַזוי צו רעדן וועגן יהודהן. די חכמים האַלטן דעריבער, אַז כּנען מיינט דאָ — אַ סוחר, און אַ באַווייז האָבן זיי פון „כּנען בידו מאזני מרמה" [18].

אַן אויסנאַם איז דער אבן עזרא, ער איז, ווי תּמיד, געוואַגט; קומט ער אַרויס מיט דער באַהויפּטונג: „ויתכן להיות כּמשמעו". ס'קען זיין פּשוט, אָן פאַרענטפערונג, אָן אַפּאָלאָגיע...

די יהודה־טעמע איז געוואָרן אַ צענטראַלע טעמע פאַר די מפרשי־התורה.

איניקע באַהאַנדלען יהודהס אַקט מיט דער פולער אָביעקטיוויקייט; זיי ווייזן אָן, אַז אַזוי גייט עס אין יצירה: פון נישט־ריינע מעשׂים קומט אַ מאָל אַרויס די סאַמע ריינקייט, פון יהודהס ירידה — „וירד יהודה" — איז געקומען אַ התנשׂאות, אַ דערהויבונג, געבורט פון פרץ, „וקורא לך גודר פרץ"...[19] סימבאָלישער נאָמען פאַר דעם וואָס צוימט דעם אויפברוך...

די מדרשים גיבן אָן ווי אַזוי פון טמא קאָן אַרויסקומען טהור: „כגון אברהם מתרח" און אַזוי כסדר. פריִער איז געווען תוהו ובוהו, חושך, „ברישא חשוכא והדר נהורא"; און מען קאָן זיך, מיין איך, דערלויבן צוגעבן, לויט חסידות, אַז אין דער פינצטערניש ליגט דער כּוח פון ליכט. נאָר דאָס איז פאַרהוילן פונעם מענטשן, עס איז „נעלם מכּל"... אָבער פול מיט הייליקע פונקען, מיט „ניצוצות קדושות". ווי אַזוי קריגט מען זיי אַרויס? — דורך מיסטישע וועגן: ביי אברהמען האָט פריִער געדאַרפט געבוירן ווערן ישמעאל, בכדי שפּעטער, ווען דאָס פסולת פון דער תאווה איז שוין אַוועק, זאָל קומען די הייליקע תאווה און ברענגען אויף דער וועלט דעם עקידה־ייד. ביי יעקבן — געדריי־פאַכט אין קדושה, „משולש בקדושה", לויט קבלהשער טערמינאָלאָגיע — האָבן מיר צוועלף ריינע קינדער.

יאָ, וועגן דעם וואָלט מען געקענט אַ סך מאריך זיין, אָבער דאָס געהערט שוין צו אַן אַנדער טעמע. ס'איז בלויז כּדאי צו ברענגען דאָס, וואָס עס ווערט געזאָגט אויפן פסוק: „מי יתן טהור מטמא — לא אחד?" אַז דאָס מיינט מען די מילך פון בלוט[20]: „דם האשה נעכר ונעשׂה חלב". ווען דאָס קינד איז אין בית, אין מוטערס טראַכט, איז די מוטער ריין... אָבער ווען דאָס קינד קומט אַרויס פונעם הויז (אין לשון פון תּלמוד — בטן־אָם) און עס לעבט, איז בלויז די מוטער טמא, און אויב, חלילה, פאַרקערט — זענען ביידע אומריין. און אַלץ טוט דער רבונו־של־עולם: די פּרה אדומה מאַכט אומריין ריינע און ריין אומריינע, און אַ מענטש טאָר קיין פראַגעס נישט שטעלן: „אָמר הקב"ה, חקה חקקתּי, גזרה גזרתּי, אי־אתּה רשאי לעבור על גזרתי".

נישט געקוקט אויף יהודהס חטא מיט תמרן, האָט ער דאָך געקראָגן די שענסטע ברכה פון זיין פאָטער:

„יהודה, דיך וועלן לויבן דיינע ברידער,
דיין האַנט וועט זיין אויפן נאַקן פון דיין פיינט;
אַ יונגער לייב איז יהודה.
נישט אָפּגעטאָן וועט ווערן אַ סצעפּטער פון יהודה...
ער וואַשט אין ווייַן זיין קלייד...
געררויטיקט די אויגן פון וויין
און ווייַס די ציינער פון מילך".

די ברכה איז געשטאַרקט געוואָרן דורך משה רבינו:
„שמע ד׳ קול יהודה... ועזר מצריו תהי׳"
הער צו, גאָט, דעם קול פון יהודה,
און אַ הילף פון זיינע פיינט זאָלסטו זיין[21].

רעדן מיר שוין פון ברכות, איז כּדאַי אָנצומערקן, אַז שוין אין דער תּורה און אין תּלמודישן באַנעם איז אמונה אינעם כּוח פון דער ברכה אַ פאַקטאָר, און שטעלט מיט זיך פאָר אַ רעאַלן באַטייט.

צענדליקער מאָל באַנוצט זיך משה רבינו, ווי די טרעגערס פון גאָטס וואָרט, מיט ברכות און וואָרענונגען, מיט אָנזאָג אויף קללות. די ברכות הייבן זיך אָן ביי אברהם אָבינו „ונתברכו"... ביי יצחק אָבינו, די ברכה צו יעקבן „ויתן לך"... די ברכות פון יעקב ביים געזעגענען זיך מיט זיינע זין.

משה רבינו זאָגט אָן די בני־ישׂראל ביי די בערג גריזים און עבל, זיי זאָלן וויסן פון די ברכות, מיט וועלכע זיי וועלן געבענטשט זיין אויב זיי וועלן אויספירן און פאָלגן די געטלעכע באַפעלן, ווי אויך די קללות, אויב זיי וועלן בעגירן די געטלעכע באַפעלן. מיר האָבן אין דער תּורה צוויי מאָל „תּוכחה", אָבער פריִער, פאַר די וואָרענונגען, קומען די ברכות.

יעקב אָבינו פאַר זיין פאַרלאָזן די וועלט האָט געפילט, אַז ער דאַרף זיך געזעגענען מיט זיינע קינדער — און געזעגענען מיט ברכות — האָט ער זיי אַפילו געוואָלט זאָגן „וואָס עס וועט מיט זיי געשען אין סוף פון די טעג — „האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים"[22] לויטן מדרש[23], און רש״י ציטירט דעם מדרש, „ביקש יעקב לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה". דערפון איז געדרונגען, אַז מ׳טאָר נישט מגלה זיין דעם „קץ", מ׳טאָר נישט אויסזאָגן, אויב מ׳וויס, וואָס עס וועט זיין בעת משיח וועט קומען. יעקב אָבינו האָט דעריבער אָנגענומען אַ נייעם מיטל: געבן ברכות און אויך תּוכחה צו זיינע זין, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום זיין בעט.

אין יעקבס ברכות איז אָנגעצייכנט דער וויטערדיקער גורל פון זיינע קינדער נאָך זייער אַרויסגיין פון מצרים און זיך פאַרמירן אין אַ פאָלק אויף היסטאָרישע גרענעצן, כּיבוש הארץ, מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ פאָלק, ווי די זרע אברהם, יצחק און יעקב. ער האָט פאָרויסגעזאָגט זייער ווילשטאַנד אין לאַנד כּנען און גערעדט וועגן דער אחדות ביי די שבטים. יהודה און יוסף קומען אַרויס די בעסטע, די גליקלעכסטע: יהודה — מלכות־יהודה ובנימין (איינשליסנדיק שמעון און לוי) און אפרים — מלכות־ישׂראל, וואָס פיגורירט אַלס מלכות פון די עשׂרת השבטים — מלכות־אפרים.

יהודה ווערט געבענטשט מיט שטאַרקייט, מיט לייבן־גבורה, מיט שפע און

דאָמינירונג; יוסף ווערט געבענטשט, ווי דער ליבלינג ביי זיין פאָטער און ביי אַלעמען — „בן פורת יוסף"... ער קריגט, סיי די ברכות שמים און סיי די ברכות תהום און, אַלס צוגאָב, די ברכות שדים ורחם.

היסטאָריש האָט זיך אַזוי צעטיילט די זרע יעקב אין צוויי טיילן: יהודה און אפרים; מלכות־אפרים, נאָך דער חלוקה דורך ירבעם בן נבט, איז געוואָרן אַ באַזונדערע מלוכה; אין געוויסע צייטן — די קאָנקורירנדיקע קעגן יהודה, און די לעצטע, ווי אַ המשך פון מלכות־בית־דוד, די שטאַרקערע און העגעמאָנישע.

ראובן, וואָס האָט געדאַרפט זיין „די פער פון גרויסקייט און די פער פון מאַכט", האָט געקראָגן אַ גאָב פון זיין פאָטער, פאַר טאָן מעשים געאײַלט, ווי שטורעמדיקע וואַסערן און „פאַרשוועכט דעם פאָטערס געלעגער"... משה רבינו האָט אים אָבער מקרב געווען און אים געגעבן התחזקות: „יחי ראובן ואַל ימות" — ער זאָל לעבן אי אויף דער וועלט און אי אין דער צוקונפט־וועלט. פאַר וואָס משה רבינו האָט דאָ געמוזט ענדערן זיין באַציִונג צום בכור איז שוין אַ טעמע פאַר זיך און גייט נישט אַריין אין אונדזער תחום. משה רבינו האָט אויך געגעבן פאַר שמעון ולוי אַ דערהויבונג, זיי זאָלן נישט פאַלן ביי זיך, צוליב די פאַר־דראָסיקע ווערטער פון זייער פאָטער פאַר זייער אויפפירונג ביי דעם דינה־אינצידענט און ביים כאַפּן יוספן.

יעקב אָבינו האָט זיי געזען אין מיאוסע האַנדלונגען, אָבער משה רבינו האָט שוין געזען די זין פון זיין שבט, ווי גרויסע און איבערגעגעבענע פאַטריאָטן פאַר דער אמונה, פאַר די לערעס וואָס זיי האָבן געהערט אויפן באַרג סיני און פון אים דורך די פערציק יאָר מדבר־וואַנדערונג; דעריבער „יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישׂראל...[24]

אַרום און אַרום, זענען די ברכות אויסן די אחדות פון די בני ישׂראל. דער ווונטש פונעם פאָטער און מנהיג זיי זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען — געטיילט פאַמי־ליאַריש, „למשפחותם לבית אבותם", „איש על דגלו"... אָבער צוזאַמען, ווי איין פאָלק, אמונה אין איין איינציקן גאָט, ווי אַ קאָלעקטיוו, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון זרע אברהם יצחק ויעקב.

ז. יהודהס פאַרלאָזן זיין משפּחה. — זיין ערשט ווייב — די טאָכטער פון אַ „כנעני". — זיין פאַרפלאָנ־טערן זיך מיט דער שנור. — ווי אַזוי מפרשים דער־קלערן עס.

דער מהר״ל מפּראג (רע״ב־שס״ט 1609—1512) שטעלט זיך אָפּ אויף די ווערטער: „בת איש כנעני"[1] — צוליב וואָס האָט די תורה גע־דאַרפט דערציילן, אַז יהודה האָט גענומען אַ כנעניש טאָכטער? לערנט ער, אַז די תורה האָט באַטאָנט כנעני — דאָס זאָל מיינען אַ סוחר. די דאָזיקע מיינונג קען נישט זיין איבער־צייגנדיק, ווייל ס׳קאָן דאָך זיין דאָס פאַרקערטע; די תורה וויל באַטאָנען דעם כנעני, אַז יהודה איז אַוועק פון דער טראַדיציע צו נעמען ווייבער פון אייגענע. ווי עס ווערט אויך געזאָגט אין תלמוד, זענען מיט די שבטים געבוירן געוואָרן צווילינג־שוועסטער און אין יענער צייט איז נישט געווען קיין פאַרבאָט צו לעבן מיט אַ שוועסטער.

זיין אַוועקלויפן פון דער פאַמיליע, האָט יהודהן אַריינגעפירט אין אַ פלאָנ־טער, וואָס האָט שיעור נישט געבראַכט אויף אים אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל; ווי זאָגט ר׳ נחמן בראַסלאַווער? (תקל״ב־תקע״א 1810—1772) — וואָס מער דער מענטש וויל אַרויף, אַלץ שטאַרקער יאָגט אים נאָך די סטרא אחרא, די תאווה, און מ׳דאַרף האָבן גרויס סייעתא דשמיא זיך אַרויסצוראַטעווען פון אָט דער רייצנ־דיקער און נאַגנדיקער תאווה[2]. יהודה האָט, ווייזט אויס, צוליב זיין ערשטן שריט צו פאַרלאָזן זיין ליידנדיקן פאָטער, געדאַרפט אַריינפאַלן אין אַ נעץ פון פלאָנ־טערס; די מעשׂה פון זיין פאַרפירט ווערן לייענט זיך ווי אַ מאָדערנער דראַמאַ־טישער ראָמאַן, וואָס ענדיקט זיך „בכי טוב" מיט אַ „העפּי ענד". אַלץ איז איינ־געהילט אין טויזנטער שלייערס און פירט צום פאַרויס באַשטימטן גורל.

יהודה פאַרלאָזט זיין פאָטערס הויז וואָס, לויט היינטיקע באַגריפן, איז עס גאָר נישט אַזוי ווייט. עדולם ליגט אין אַ טאָל אויף צפון־מערב פון חברון און כזיב, ביים ים־ברעג אין יהודה[3]. דאָן האָט עס אפשר געהייסן אַ מרחק רב; דאָס דערווייטערן זיך האָט אָבער געמיינט — גייסטיקע דערווייטערונג! דערווייטערט פון ברידער און פון פאָטער. ערשט אין די יאָרן, ווען הונגער האָט געדראָט די שבטים און זיי האָבן אָנגעהויבן פלאַנירן צו פאָרן קיין מצרים קויפן תבואה, באַווייזט זיך יהודה, ווי דער הויפּט פון די שבטים.

זיין לעבן מיט דער טאָכטער פונעם כנעני האָט אים געבראַכט דריי זין. דער ערשטער נעמט פאַר אַ פרוי תמרן. גייט ער אָבער נישט אין גאָטס דרכים; לויט מפרשים, האָט ער פאַרדאָרבן זיין זרע, וואָס איז אַ גרויס פאַרברעכן לויט דער יידישער אויפפאַסונג, „וימיתהו ד׳"[4], ווי דער עונש אויפן דור המבול;

האָט יהודה געגעבן תמרן דעם צווייטן זון, נאָר אויך ער האָט פּראַקטיצירט „השחתת זרע״ (אין דער מאָדערנער שפּראַך — פאַרלוסט פונעם ספּערם) — איז אויך ער געשטאָרבן. תמר איז געבליבן זיצן אַן עגונה און געוואַרט אויפן דריטן זון, שלה, ער זאָל זי נעמען.

זי איז אָבער געוואָרן אומגעדולדיק, נישט געוואָלט וואַרטן. ווען בת־שוע, יהודהס ווייב, איז געשטאָרבן און יהודה גייט קיין עדולם צוליב זיינע מסחרים, האָט זי זיך פאַרשטעלט, אויסגעפּוצט און זיך אַוועקגעזעצט ביים פּרשת הדרכים, ווי אַ זונה־קדשה, און האָט צוגעצויגן יהודהן ער זאָל קומען צו איר.

פאַר וואָס האָט יהודה איר נישט געוואָלט געבן זיין זון שלה?

ווי באַקאַנט, איז לויטן דין, אַ פרוי וועלכע באַגראָבט דריי מענער אַ קטלנית. זי ווערט דערקלערט אַלס פרוי, וואָס הרגעט אַוועק אירע מענער; ווייזט אויס, אַז יהודה האָט מורא געהאָט, נאָכן צווייטן זונס טויט, איר צו געבן דעם דריטן זון...[5] עס ווייזט אויך אויס, אַז יהודה האָט נישט געוווּסט, אַז דער טויט איז געקומען אויף זיינע זין צוליבן עונש פון השחתת זרע. זי, תמר, אין גרויסן פאַר־דרוס און אין גרויס פאַרצווייפלונג, האָט באַשלאָסן צו קריגן איינעם פון זיי, דעם זון אָדער דעם פאָטער. אין יענער תקופה, זעט אויס, איז דאָס נישט באַ־טראַכט געוואָרן פאַר אַ פאַרברעך.

ווי אַנטראָפּאָלאָגן און קולטור־פאָרשערס באַהויפּטן, איז דאַן געווען אָנגע־נומען אַזאַ סאָרט יבום, אַז אַפילו אַ פאָטער זאָל קענען נעמען דעם פאַרשטאָר־בענעם זונס אלמנה, אויב דער זון האָט נישט געהאַט קיין קינדער, בכדי די ירושה זאָל נישט גיין פאַרלוירן.

ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך פאַר וואָס יהודה איז נישט געוואָרן שאָקירט, ווען ער האָט זיך דערוווּסט ווער די „קדשה״ איז געווען און וואָס די תמר האָט אים אָפּגעטאָן. ער האָט בלויז צוגעגעבן „ממני״ — פון מיר איז זי מעוברת. אָן שום קאָנפראָנטאַציע. דאָס איז געווען אַ מינהג־מדינה ביי די כנענים־שבטים.

וועלן מיר זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין די דעטאַלן פונעם יהודה־תמר־„אינצידענט״, מיר האָבן אַלע פּרטים אין דער תורה און ביי די מפרשי התורה. ס׳איז אויך נישט אונדזער אויפגאַבע צו פאַרענטפערן יהודהס טאַט[6]; אויב ס׳איז פון אים, קומט תמרן נישט קיין שרפה. דער פאַקט איז, אַז זיין תשובה און מתוודה זיין זיך אויף זיין חטא, האָט אים דערהויבן צו די העכסטע הייכן, ווי דער מדרש ווייזט אָן: „לא כמדת הקב״ה, מדת בשר ודם... מודה ועוזב ירוחם״.

ס׳איז פון יענעם אינטימען פאַרקער געבוירן געוואָרן אַ צווילינג — און פון דעם צווילינג: מלכות בית דוד און מלך המשיח. אַזוי זענען די מיסטישע, געט־לעכע וועגן, אַזוי קומט אָן מיט שווערקייטן אַרויסצורייסן פונעם עולם הנשמות די הייליק ריינע נשמות.

די אגדה האָט געוואָלט פאַרענטפערן, פאַרטיידיקן דעם אַקט, וואָס האָט גע־קענט באַטראַכט ווערן פאַר זנות. אויף דעם „ותכס בצעיף", אַז זי האָט זיך איינ־געהילט אין אַ וואַל, ווייזט אָן דער מדרש אַז זי האָט פאַרדעקט איר פּנים, דער־מאָנסטרירנדיק גאָר צניעות, וואָס פשוט לערנט מען, אַז דאָס איז געווען אַ סאָרט פאַרשטעלן זיך. דער מדרש פאַרבינדט עס פּאַראַלעל מיט רבקהס פאַרהילן איר פּנים און באַטאָנט, אַז צוליב זייער צניעותדיקייט זענען זיי ביידע געבענטשט געוואָרן מיט צווילינגען [7].

אויף די ווערטער „ותשב בפתח עינים" — קאָמענטירן חז"ל, „שפתחה לו את העין, אמרה לו טהורה אני, פנויה אני"... זי האָט אים געעפנט די אויגן, אים געזאָגט: איך בין ריין (זי איז נישט קיין נידה) און אַז זי איז אַ פּנויה, האָט נישט קיין מאַן.

הרב הגאון ר' אברהם אהרן פּרייס, אין זיין „משנת אברהם" [8], באַרירנדיק דעם ענין פון ער ואונן און תמר, ווייזט אָן, אַז זיי זענען געשטאָרבן מינדעריאָריק, „בקטנותם" (אין עלטער פון אַכט יאָר) און תמר איז על־פּי־דין געווען אַ פּנויה און איר איז נישט געקומען מיתה. דאָס וואָס יהודה האָט געזאָגט: „הוציאוה ותשׂרף", האָט ער נישט געמיינט שׂריפה, פאַרברענען, נאָר אויסברענען אויף איר אַ סימן, אַז זי איז אַ זונה [9]. דאָס איז אין איינקלאַנג מיטן זאָג אין דער גמרא עבודה זרה, „פנוי הבא על הפנויה בית דין של מעלה גזרו משום מעשה דתמר"...

דער ראַ"ש (רבינו אָשר, האַ"י ־ הפ"ח 1327—1250), פון די ראשי הפוסקים, גיט איבער [10] אַז אין זיין מדינה האָט מען זיך נוהג געווען צו באַשטראָפן אַ זונה דורך אויסברענען מיט אַ גליִענדיקן אייזן אַ חותם, אַ צייכן אויף איר שטערן...

וועגן דעם צי אַ קדשה אָדער זונה קען זיין בלויז אַן אשת־איש צי אויך אַ פּנויה, גייט אָן אַ חלוקי־דעות אין תּלמוד [11] און ווערט נאָכגעפאָלגט ביי די פּוסקים. לויטן רמב"ם [12], ווערט אַ פּנויה וואָס האָט געהאַט פאַרקער מיט אַ מאַן נישט באַטראַכט אַלס זונה און ווערט נישט געפּסלט חתונה צו האָבן מיט אַ כּהן.

אין די קבלה־ספרים זוכט מען אַלערליי תּירוצים צו באַרעכטיקן תּמרס מעשׂה אויף אַזוי ווייט, אַז זי ווערט דערקלערט אַלס צדיקת, כּמעט אַ נביאה. זי ווערט געלויבט אַלס חכמה צו וויסן ווי אַזוי אַרויסצוקריגן נשמות, פון וועלכע ס'זאָל אַרויסקומען מלכות ישׂראל.

די מקובלים ציִען דעם פּאַראַלעל צווישן תּמר און רות: ביידע, בלייבנדיק אלמנות, האָבן געזוכט יבום — און דורך די צוויי, האָבן מיר מלכות בית־דוד און מלך־המשיח — אַן אייביקע מלוכה: „דוד מלך ישׂראל חי וקים!" נאָך מער, לויטן זוהר [13] האָט הקדוש־ברוך־הוא צוגעהאָלפן, „וקב"ה סייע בההיא עובדא"...

תּמר איז נישט געטאַדלט געוואָרן פאַר איר עפנטלעכער זנות, ווייל די מחשבה איז געווען אַ גוטע. אויך יעל, די פרוי פון חבר הקני, האָט זיך מקריב געווען צו

דערליידיקן דעם שׂונא סיסראַן, דעם חצור־גענעראַל. ווען ער איז אַריינגעקומען צו איר, האָט זי אים צוגענומען מיט ליבערייד, אים באַגריסט גראַציעז, געלאָזט אים פאַרוויילן זיך, אים דערלאַנגט מילך, צוגעדעקט אים ס׳זאָל אים זיין וואַרעם, איינגעשלעפערט אים מיט תאווה און לסוף — דורכגעהאַקט מיט אַ האַמער זיינע שלייפן, און באַפרייט ישׂראל פון אַ מעכטיקן שׂונא.

ווי דבורה האָט זי באַזונגען, האָט יעל דורכגעפירט אַ געטלעכע שליחות און איז געוואָרן „געבענטשט פון אַלע ווייבער...״ ווייל מיט איר קעמפערישן אַקט האָט זי אויפגעוועקט דעם באַוווסטזיין פון די שבטים.

ס׳ווערט וועגן דער יעל געזאָגט: „גדולה עבירה לשמה ממצוה שלא לשמה״... אַז די עבירה וואָס זי איז באַגאַנגען איז גרעסער ווי ביי אַנדערע מצוות. זי האָט אים געלאָזט „ז׳ בעילות״, זיבן מאָל געווען אינטים מיט סיסראַן, ביז ער איז איינגעשלאָפן. אַ פרעכקייט — און דאָך ווערט זי געלויבט און פאַרגליכן צו די „נשים באוהל״ — שׂרה, רבקה, רחל און לאה[14], ווי זי זינגט אויס אין איר שירה די גרויסקייט פון יעלס געוואַגטקייט:

וואָסער האָט ער געבעטן — מילך האָט זי געגעבן...
צו אירע פיס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט, געפאַלן, געלעגן,
צו אירע פיס זיך אַראָפּגעלאָזט, געפאַלן,
ווו זיך אַראָפּגעלאָזט, דאָרט דערהרגעט געוואָרן...

די קאַרדינאַלע פראַגע, ווערט דאָך געפרעגט: „והא קא מתהניא מעבירה?... זי האָט דאָך געהאַט הנאה פונעם תאווה־לוסט? ענטפערט דערויף ר׳ שמעון בן יוחאי, דער הימל־מענטש און פון די גרעסטע מאָראַליסטן: די גוטסקייט פון רשעים, ד״מ, די הנאה פון רשעים איז אַ רעה, איז אַ ביטערע „פיל״ פאַר צדיקים: ער האָט אין איר „אַריינגעוואָרפן״ די זוהמא... האָט זי במילא שוין נישט געהאַט קיין הנאה[15].

ביי צוויי פרויען ווערט באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע: ביי יעלן און ביי אסתּרן! ביידע האָבן זיך געשטעלט צו דער תאווה־דינסט פון מאַכטהאָבערס, בכדי צו ראַטעווען זייער פאָלק. ביי אסתּרן ווערט געזאָגט: „ותלקח אסתר אֶל המלך אחשורוש״[16] — אסתּר איז גענומען געוואָרן! ביי יעלן: „ותצא לקראת סיסרא״[17] — זי איז אַרויסגעגאַנגען, אַנטקעגנגעגאַנגען און ס׳ווערט נאָך צוגעגעבן: „זי האָט אים צוגעדעקט, איינגעדעקט מיט אַ שׂמיכה; זאָגט דערויף דער אמורא ריש לקיש[18], אַז ס׳איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך ווי שׂמיכה, נאָר דאָס זענען ראשי־תיבות: שמי כה, מיין נאָמען איז אַן עדות, אַז ער האָט מיך נישט אָנגערירט... אַנדערש, ווי אין דער פריִער־דערמאָנטער גמרא, וועגן זיבן מאָל פאַרקער...

אסתּר, דאַקעגן, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר איר פאָלק; זי האָט נישט געוואָלט גיין צום קעניג און נישט ווילנדיק זיך פאַראומרייניקט; לויט אייניקע אגדות, איז עס געווען „תחילתו באונס וסופו ברצון"... יעדנפאַלס, האָט זי זיך איינגעשטעלט פאַר איר פאָלק און צוליב איר דאָזיקן טאַט, פאַרלאַנגט: „קבעוני לדורות" [19], זי זאָל בלייבן אין דער אייביקייט, און מ'האָט עס איר נאָכגעגעבן.

ווי מיר זעען פון דער פּאָלעמיק ביי חז"ל, האָבן זיי געזוכט אַ היתר פאַר איר איבערגעבן זיך דעם קעניג. דער ענטפער איז: „אסתּר קרקע עולם היתה" [20], ד"ה, זי איז געווען פּאַסיוו ווי מוטערערד, וואָס ווערט באַאַרבעט און קולטיווירט.

פרעגט זיך, פאַר וואָס האָט מען נישט געשטעלט די זעלביקע פראַגע וועגן יעלן, זי איז דאָך געווען אַ גרטע, געווען איבערגעגעבן צום ייִדנטום און מסתּמא אויך געהאַלטן פון די עריות־פּרינציפּן; האָט זי געהאַט אַ מאַן — איז זי דאָך געווען אַן אשת־איש, וואָס אַפילו אַ בן־נח איז געבאָטן צו היטן דינים און מינהגים פון פאַמיליע־ריינקייט.

ס'קאָן זיין, אַז די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן ביי אסתּרן, ווייל זי האָט פאַרלאַנגט — זי זאָל אַריין אין דער יידישער אייביקייט אַלס הייליקע, איבערגעגעבענע יידישע טאָכטער, וועלכע האָט מיט איר טאַט, געראַטעוועט דאָס פּערסישע ייִדנטום. דעריבער האָט מען זיך פאַרנומען מיט באַווייזן, אַז זי איז נישט באַגאַנגען קיין זנות־פאַרברעך. דאַקעגן, יעל, האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט מ'זאָל איר צוטיילן כבוד, מ'זאָל זי פאַראייביקן אין דער יידישער געשיכטע... דבורה האָט זי פאַראייביקט לדורות, נישט האָבנדיק קיין פאַרלאַנג פון דער פרוי, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר יידן. יעל האָט נישט פּרעטענדירט, אַז זי האָט געטאָן אַ גרויסע זאַך און נישט פאַרלאַנגט קיין דאַנקבאַרקייט, שוין אָפּגערעדט פון אַזאַ געוואַגטן פאַרלאַנג: „קבעוני לדורות". „גלוי עריות", וואָס עס ווערט געזאָגט מ'זאָל זיך מוסר־נפש זיין און נישט באַגיין די עבירה, איז לויט הלכה געזאָגט בלויז וועגן מענער און נישט וועגן פרויען — י ה ר ג ולא יעבור, אָבער נישט תהרג... [21] בכלל זענען אַלע דינים פון דער שטרענגער אָפּגעהיטקייט פאַרפעסטיקט און אויסגעאַרבעט געוואָרן ערשט אין דער צייט פון בית־שני.

יידישע טעכטער האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט אַריינגיין אין די „ניואַנסן" פון די דינים, נאָר זיך מוסר־נפש געווען ווען זיי זענען געשטעלט געוואָרן פאַר דער סכנה צו ווערן פאַראומרייניקט, ווי מיר האָבן דאָס שוין באַהאַנדלט אויספירלעכער [22].

יהודה האָט זוכה געווען צו מלכות, לערנען אונדז די חז"ל, ווייל ער האָט זיך מודה געווען און תּשובה פּועלט אויף אַלע חטאים [23]. דער פאַקט איז אויך, אַז יעקב האָט געהאַט צו אים דעם פולסטן צוטרוי; ער האָט אים דערהויבן אַלס הויפּט פון די שבטים; ער האָט אים געשיקט קיין מצרים צוגרייטן פאַר אים זיין

הויז, זיין בית־מדרש, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרשים: „להתקין לו בית תלמוד... להתקין לו בית וועד שיהא מורה בו דת"[24].

אויך יוסף האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן געראַנגל אין הויז פון פוטיפר. לויט קבלה, האָט ער דורכגעמאַכט אַן אומגעווייַנלעכן קאַמף גובר צו זיין די תאווה און קוים, מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, געהאַט דערפאָלג אין זיין נסיון, באַזיגט דעם יצר־הרע און געקראָגן דעם טיטל — יוסף הצדיק. ער איז שוין כמעט געווען גרייט נאָכצוגעבן דעם יצר־הרע, דאַן האָט זיך פאַר אים באַוויזן „דמות דיוקנו של אביו"[25]. דאָס האָט אים אָפּגעקילט, געראַטעוועט.

יעקב איז געווען פאַרליבט אין רחלען. באַלד ביים ערשטן באַגעגענען זי ביים ברונעם, ווען זי איז געקומען מיטן פאָטערס שאָף, האָט ער דערזען איר שיינ־קייט: „יפת תואר ויפת מראה". ער האָט, ווי עס זעט אויס, געפלאַטערט פון רחלס שיינקייט און צוליב איר געאַרבעט אין לבנס פעלדער פערצן יאָר... דאָס איז געווען אַן אידילישע ליבע, אַן ערלעכע, געזעצלעכע, נאַטירלעכע. אָבער ליבע פון זנות? דערצו מיט אַ מצרישער טאָכטער? — דאָס האָט יעקב נישט געקענט דערלאָזן! ווען יוסף האָט דערזען דאָס געשטאַלט פון יעקבן, האָט ער זיך דערמאָנט אין דער שלמותדיקער ליבע פון פאָטער מיט זיין מוטער רחל. ער האָט געקראָגן די גבורה זיך צוריקצוהאַלטן פון פאַרקערן מיט פוטיפרס אויסגעלאַסענער פרוי און איינ־געהאַלטן זיין תאווה.

יהודה איז, נאָך דער מעשה תמר, צוריקגעקומען צום פאָטער, אויסגעפירט דעם פאָטערס שליחות, זיך געשטעלט קעגן יוספן, ווען דער לעצטער האָט גע־וואָלט ווי טאָן זיינע ברידער, און דערפאַר האָט ער זוכה געווען צו מלכותדיקע ברכות, ווי דער מדרש[26] קאָמענטירט, און זוכה געווען צום „אתה יודוך אחיך" — וואָס האָט אויך איינגעשלאָסן מלכות און גבורה.

דער עפּילאָג פון יעקבס צרות און דאָס איינהאַלטן די גאַנצקייט אין משפחה־לעבן, איז באַקאַנט: יוסף ווערט שני למלך, האָט חתונה מיט אָסנתן, וועגן וועלכער ס׳ווערט געזאָגט, אַז זי איז געווען די טאָכטער פון פוטיפרס ווייב... ער האָט פון איר צוויי זין, וועלכע ווערן דערצויגן אין גייסט פון די בני־יעקב און זיי קריגן דעם פאָטערס ברכה.

ביי יעקבס „נידערן" קיין מצרים, ווערט געזאָגט, אַז זיי זענען געגאַנגען: „איש וביתו", ווי אַ מוסר־השׂכל, אויף דער וויכטיקייט אָנצוהאַלטן משפּחהדיקע גאַנצ־קייט. יוסף האָט אויסגעקליבן אַ באַזונדער אָרט אין מצרים פאַר זיין פאָטער מיט די זיבעציק נפשות, כּדי זיי זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען און זיך נישט אַסימילירן, אָדער אינטעגרירן מיט פרעמדע.

יעקב אבינו האָט אָפּגעלעבט אַ חיי צער, זיך אַ סך אָנגעליטן, ווי ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר פרעהן: „מעט ורעים היו ימי שני חיי"[27], אָבער די לעצטע זיבעצן

יאָר, נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט געלעבט אין דער פרעמד, אין מצרים, זענען פאַר אים געווען גוטע יאָרן כמנין ט"ב, און דער עיקר — די משפחה־פאַרצווייגטקייט.

דער מדרש [28] אינטערפּרעטירט דעם „וישב יעקב", אַז „ביקש יעקב לישב בשלוה"... ער האָט געשטרעבט צו לעבן רויִק, שלומדיק; האָט מען אָבער פון הימל באַשטימט אַלערליי פּראָבלעמען פאַר יעקבן: „לא שלותי מעשו ולא שקטתי מלבן ולא נחתי מדינה ויבא רוגז... רגזו של יוסף".

יעקב האָט זיך דערשראָקן, שיר נישט פאַרלוירן זיין האָפענונג, שיר נישט אַריינגעפאַלן אין עצבות, „אָבד תקותי חלילה מכל וכל". ער איז געראַטעוועט געוואָרן אַ דאַנק זיין משפחה־צוגעבונדנקייט און טריישאַפט. אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט געזען ביי זיך די גאַנצע משפחה, האָט ער אויפגעלעבט און געגלויבט אין דער צוקונפט פון די בני־ישראל.

אַזוי זעען מיר, ווי משפחה־סיסטעם האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן שוין אין דעם אָנהייב פון דער צען־דורותדיקער תקופה און איז געקומען צום פינאַל אין דער „אָבות"־תקופה, וואָס האָט דערגרייכט דעם ווי פון פאַרויס באַשטימטן קלימאַקס ביים דריטן פון די אָבות, ביי יעקב אָבינו. ביים דריטן פון די אָבות, האָבן מיר שוין אַ דעפיניציע פון משפחהדיקייט: פון „בני יעקב". אין שכם — ווערט אַן „איש וביתו" ביים נידערן קיין מצרים. די „שבעים נפש" ווערן פאַר־וואַנדלט אין אַ גרויסער משפחה פון „בני ישראל", קאָנצענטרירט אין אַן אָפּגע־זונדערטער געגנט אין מצרים, אין גושן, כדי זיי זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען; לויט אַן אגדה, האָט יעקב געהאַט זיין בית־מדרש און די אייניקלעך פלעגן קומען לערנען תורה ביים זיידן.

די מצווה ברית־מילה, די ערשטע מצווה צו אברהם אָבינו, איז אַן ספק גע־ווען געצילט די יידן, די בני ישראל, זאָלן זיין געצייכנט, „מצויינים" באַלד פון געבוירן ווערן. דער דאָזיקער גערדאַנק ווערט אויסגעדריקט ביי פאָרשערס און היסטאָריקערס, אָבער נישט ווייניקער אָנערקענט ביי רבנים, גאונים, תלמודיסטן [29].

גאָר אַ סך ווערט וועגן דעם געזאָגט אין חסידישע ספרים [30].

אברהם אָבינו ווערט פאָרגעשטעלט און כאַראַקטעריזירט ווי אַ משפחה־גרינ־דער און, זיין גרויסקייט ווי דער אורפאָטער פון די בני־ישראל, ווערט פאַרזי־כערט מיט ברכות: „ונברכו בך כל משפחות האדמה" [31] — ס'וועלן זיך מיט דיר בענטשן אַלע פאַמיליעס פון דער ערד. מיט דער דאָזיקער ברכה וואַנדערט ער אין בערג און טאָלן און ער ווערט פאַרזיכערט צו זיין נישט בלויז אַ פאָטער פון איין משפחה, נאָר פון אַ סך משפחות, פון מאָסן פעלקער, ווי דער פסוק זאָגט: „והיית לאב המון גוים" [32]. אָבער בלויז יצחק ווערט דער יורש, דער איינציקער יורש, צוליב זיינע קוואַליפיקאַציעס און זיין נאָכפאָלגן דעם פאָטערס דרך.

ישמעאל ווערט אויך געבענטשט. מ׳הערט זיך צו צום געבעט פון אברהם אָבינו וועגן זיין זון ישמעאל, „ולישמעאל שמעתיך״ [33]; דאָך איז יצחק דער אָנערקענטער יורש, נאָר נישט גאַנץ יצחק, בלויז אַ „טייל״ פון אים — די בני יעקב, די צוועלף שבטים, שטעלן מיט זיך פאַר די אברהם־משפחה, פון וועלכער ס׳איז אַרויסגעוואַקסן אַ ישראל־פאָלק.

ווען זענען זיי געוואָרן אַ פאָלק?

זיי זענען געוואָרן אַ פאָלק ווען זיי האָבן זיך באַפרייט פונעם „שקלאַפן־הויז״ — מצרים — און גענומען אויף זיך די תורה ביים באַרג סיני; געוואָרן אַ פאָלק, אַפילו נאָכן ווערן פאַרצווייגט אין צוועלף שבטים, נאָכן ווערן פאַרגרעסערט און נאָכן אויסברייטערן די משפחה־ראַמען, אָבער אַלץ געבליבן קאָנצענטרירט אַרום די אָבות־טראַדיציעס. אין מצרים זענען זיי געוואָרן אַ פאָלק, „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו״ [34]. די גרויסקייט פון אַ פאָלק האָבן זיי געקראָגן ערשט אין די פערציק יאָר מדבר־וואַנדערונג און ביי ערבות מואב, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די נייע תקופה פאַר די בני ישראל.

נאָך יאָרהונדערטער פון קאָנסאָלידירונג אויפן אייגענעם באָדן, מיט מלוכה־פונקציעס און גייסטיקער צענטראַלקייט, זענען יידן געוואָרן, צוליב חורבנות און צעשטערונג פונעם אייגענעם היימלאַנד, אַ וועלטפאָלק, און די תורה, דער תנ״ך איז געוואָרן די וועלטביבל, איבערגעזעצט געוואָרן אין אַראַמעיִש, סוריש, גריכיש, לאַטיין און, שפּעטער, אין הונדערטער לשונות. דער יסוד פון דער יידישער מחשבה, איינציק און אייגנאַרטיק, איז געבליבן דער תנ״ך, ווי געטייטשט, טראַנספאָרמירט און קאָמענטירט דורך די גרונטלייגערס פון תורה שבעל־פה.

דער יידישער לעבנס־שטייגער איז געבליבן אומעטום און אין אַלע צייטן תוכיק, ווי געלערנט ביי די חז״ל, די שעפערס פון תלמוד־בבלי און תלמוד־ירושלמי — העכסטע אויטאָריטעט וואָס שייך הלכה, מינהג, טראַדיציע, וואָס איז צעמענטירט געוואָרן דורכן שלחן־ערוך, וואָס האָט געשטעלט די סטרוקטור, צי פון דער יידישער נשמה, צי פון דעם יידישן פיזישן באַנעם און אויפהאַלט.

דער תנ״ך האָט געגעבן דער מענטשהייט די אידעע פון אחדות אלהות, די אידעע פון אוניווערסאַלן, איינציקן גאָט. געבליבן איז די אידעע, ווי בעתן באַגין — „אברהם הכיר את בוראו״ — ביים יידישן פאָלק פאַר אַלע דורות און אונטער אַלע אומשטענדן. אַזוי — בעת אברהם אַלס פאַטריאַרך אויף זיין וואַנדערוועג פון אור כשדים, פון חרן; אַזוי בעת די בני ישראל האָבן געוואַנדערט אין מדבריות צווישן מצרים און כנען און אַזוי אויף די וואַנדערוועגן אין די גלותן אויף אַלע קאָנטינענטן און ביי אַלע ימים.

ביי מתן־תורה, זעט אויס, האָט דער רבונו־של־עולם געוואָלט ווערן באַוווּסט צו דער גאַנצער וועלט, דעריבער די „קולות וברקים״, די דונערן און בליצן אויפן

באַרג סיני, וואָס האָט „געראוויכערט פונעם געטלעכן פייער״. געבליבן איז דאָס געטלעכע פייער ביי די יידן, ווייל זייער מנהיג האָט געזען ווי דער סנה ברענט און ברענט און ווערט נישט פאַרברענט... דער דאָזיקער מנהיג, משה רבינו, האָט אָנגעזאָגט זיין פאָלק צו געדענקען דעם טאָג ווען זיי זענען געשטאַנען פאַר גאָט ביים באַרג חורב, „צי האָט אַ פאָלק געהערט גאָטס קול רעדן פונעם פייער אַרויס, ווי דו האָסט געהערט״[35].

פון דעם באַגין ביז דער אייביקייט האָט דאָס יידישע פאָלק זיך געשטעלט אויפן יסוד פון „ד׳ אחד ושמו אחד״ און „עם אחד״! „אחד״ איז דער לייטמאָטיוו פון יידישער אמונה, יידישן קיום.

ח. עריות-אינצידענטן ביי יעקבס קינדער. — ביי די בני ישׂראל. — אין מצרים. — עדות אויף משפחה-ריינקייט.

מיר האָבן פריִער באַהאַנדלט די צילן פון די אָבות אָפּצוהיטן משפחה-ריינקייט. די דאָזיקע טראַדיציע איז געהיט געוואָרן במשך פון דורות. ביי די שבטים איז אַ פאַרגוואַלדיקונג באַטראַכט געוואָרן פאַר דער גרעסטער זינד. שמעון ולוי האָבן זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון אומברענגען די גאַנצע שטאָט שכם. יעקב האָט נאָך דער מעשׂה פון שכם בן חמור, געשוויגן, געוואַרט ביז זיינע זין וועלן קומען פון פעלד[1], די זין ווען זיי זענען צוריקגעקומען האָבן נישט געוואָלט געבן שכמען זייער שוועסטער פאַר אַ ווייב, צוליב דער „נבלה״ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן: „ויקח אותה וישכב אותה ויענה״[2]. האָבן שמעון ולוי אָנגעווענדט די האַרבסטע שטראָף, „למען ישמעו ויראו״, אַז אַזעלכעס זאָל מער נישט געשען: „ויהרגו כל זכר״... און אויסגעליידיקט די שטאָט. ווען יעקב אָבינו האָט זיי געטאַדלט פאַר דעם גע־איילטן שריט, האָבן זיי אים געענטפערט: „הכזונה יעשׂה את אחותנו?״[3]

מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין אַ הלכהשער טענה, צי זייער האַנדלונג איז געווען אויסגעהאַלטן לויטן דין, צי זיי האָבן געדאַרפט אָנגעמען אַזאַ שטרענג מיטל — טויטשטראָף. זאָגן דאָך חז״ל, אַז יהודהן און ראובנען האָט מען מוחל געווען זייער טאָט, ווייל זיי האָבן תשובה געטאָן. יהודה ווערט אַפילו דעריבער געלויבט[4]. און וואָס שייך ראובנען ווערט געזאָגט אין בראשית רבה[5], אַז דער רבונו-של-עולם האָט געזאָגט צו אים, אַז קיין מאָל פריִער האָט אַ מענטש נאָכן זינדיקן נישט תשובה געטאָן און נישט חרטה געהאַט אויף די זינד... „ואתה פתחת בתשובה תחלה״ — און דו האָסט אָנגעהויבן מיט תשובה... וועט דעריבער דיינס אַן אייניקל רופן צו תשובה: „חייך שבן-בנך עומד ופותח בתשובה תחלה, ואיזה, זה הושע, שנאמר „שובה ישראל עד ד׳ אלקיך״...

וועגן דער מעשׂה שכם, ווערט געזאָגט: „שכם מקום מוכן לפרעניות״, אַז

המקום גורם, דאָס אָרט האָט געבראַכט צרות אין אַלע צייטן. אַט דער טראַגישער פאַל, איז איינע פון די טראַגעדיעס, וואָס האָבן זיך געטראָפן אין דער דאָזיקער שטאָט.

די תּורה דערציילט אונדז אויך וועגן אַן איינצלנעם פאַל, ווען אַ יידישע פרוי איז פאַרגוואַלדיקט געוואָרן אין מצרים, און דער מדרש גיט צו, אַז איר זון (פון יענער פאַרגוואַלדיקונג), האָט אין מדבר געבראַכט אויף זיך טויטשטראָף.

לאָמיר זען, ווי דאָס ווערט איבערגעגעבן, פאַרשטעלט און פאַרדעקט: „ויצא בן אשה ישׂראלית והוא בן איש מצרי בתוך בני ישׂראל, וינצו במחנה בן הישׂר־אלית ואיש הישׂראלי"[6] — און דער זון פון אַ ישׂראל־פרוי, וואָס איז געווען דער זון פון אַ מאַן אַ מצרי, איז אַרויסגעגאַנגען צווישן די קינדער פון ישׂראל; און דער זון פון דער פרוי פון ישׂראל און אַ מאַן פון ישׂראל האָבן זיך געקריגט אין לאַגער"...

רש"י גיט צו, לויט מדרשים, אַז דער פאָטער פון דער פרוי פון ישׂראל, דער „איש מצרי", איז געווען דער מצרי, וועלכן משה האָט געהרגעט, ווען ער האָט געזען: „איש מצרי מכה איש עברי מאחיו" — אַ מאַן אַ מצרי שלאָגט אַ יידן פון זיינע ברידער. משה האָט זיך אַרומגעקוקט אַהער און אַהין און אַז ער האָט געזען אַז קיין מענטש איז נישטאָ, האָט ער דערשלאָגן דעם מצרי און האָט אים באַהאַלטן אין זאַמד[7]. רש"י, אין שמות, באַרעכטיקט משהס טאָט אויף אַזאַ אופן: ער האָט געזען, ווי דער מצרי שלאָגט דעם פאַרשקלאַפטן יידן ביי דער אַרבעט און נאָך דער אַרבעט יאָגט ער אים אַרויס פון שטוב, כּדי ער זאָל קאָנען לעבן מיט זיין פרוי, שלומית בת דברי".

רש"י באַרעכטיקט אַזוי אַרום די טויטשטראָף און פאַרטיידיקט די פרוי, אַז זי איז נישט געווען קיין זונה אין געוויינלעכן זין פון וואָרט; זי האָט געמיינט אַז דאָס איז איר מאַן (כּסבורה שהוא בעלה)[8].

מיט וואָס האָט זיך אַזוי פאַרזינדיקט אָט דער זון פון דער ישׂראלית, צו קריגן טויטשטראָף? — „ויקוב... את השם"[9] — ער האָט געלעסטערט דעם נאָמען (פון גאָט) און געשאָלטן...

ביים פאַרעפנטלעכן דעם עונש ווערט שוין דערמאָנט ווער די מוטער פון דעם זינדל איז געווען: שלומית (בת דברי). דאָ קאָמענטירט רש"י פאַר וואָס איר נאָמען ווערט דערמאָנט: דאָס קומט צו ווייזן, אַז בלויז זי איז געווען די זונה „להגיד שבחן של ישׂראל שפרסמה הכתוב לזו, לומר, שהיא לבדה היתה זונה"[10].

אויף דער רש"י ווערן געפרעגט פאַרשיידענע קשיות: ווי קען מען אָנרופן אַ פרוי זונה, בעת זי איז באַצוואונגען געוואָרן קעגן איר ווילן? אַ פרוי, וואָס ווערט פאַרגוואַלדיקט, איז דערמיט נאָך נישט קיין זונה. דער מצרי האָט איר פאַרכאַפּט, און זי האָט דאָך געמיינט, ווי רש"י זאָגט, אַז איר מאַן איז ביי איר.

ס'זענען אָבער איבעריק די תּירוצים ווייל, ווי עס ווייזט אויס, האָט רש"י אויף זיין שטייגער דאָס פאַרענטפערט מיט דעם וואָס ער לערנט, אַז זי, איר אויפ־פירונג האָט גורם געווען, האָט פאַראורזאַכט די דאָזיקע פאַרגוואַלדיקונג. דאָ נעמט רש"י זיך צו הילף דעם גוט באַקאַנטן כּלל: „שמא גרים"!

זי האָט געהייסן שלומית — „דהות פטפטה שלם עלך, שלם עליך, שלם עליכון, מפטפטת בדברים, שואלת בשלום הכּל"... אין פּשוטע ווערטער: זי איז געווען אַ קאַכלעפל, מיט יעדן גערעדט און מיט יעדן געפּלוידערט... ווי עס ווערט געזאָגט ביי דינה בת יעקב, „יצאנית..." און איר רעדן צו פיל מיטן מצרי האָט אים געצויגן, גערעגט; ווי רש"י קאָמענטירט: „בת דברי — דברנית, היתה מדברת עם כּל אדם, לפיכך קלקלה". פון איבעריקע רייד קומט קיין גוטס נישט אַרויס. זי האָט זיך נישט געפירט לויטן יידישן כּלל: „כּל כּבודה בת מלך פּנימה"... דעריבער איז געקומען אויף איר דער דאָזיקער אומגליק און די שטראָף [11].

אויף דער דאָזיקער רש"י האָבן מיר אויך אַ צאָל קאָמענטאַרן. מיר ווען, צוליב קיצור, ברענגען בלויז וואָס ר' אליהו מזרחי האָט צו זאָגן, אין באַזירן רש"יס טייטשן אויף תּלמודיש־אגדהשע יסודות און ווי ער פאַרענטפערט די סתירה צווישן רש"י אין ויקרא און רש"י אין שמות.

משה רבינו — פירט אויס מזרחי — האָט געהאַט פולשטענדיקע רעכט דן צו זיין דעם מצרי, ווייל ער האָט פאַרגוואַלדיקט אַן אשת־איש... „ויפן כּה וכה... אין איש" לערנט ער, אַז ס'וועט פון אים נישט אַרויסקומען קיין יידיש קינד, און דער דאָזיקער, פון וועלכן מ'רעדט אין ויקרא, איז שוין געווען אין עמבריאָן: „כּבר נוצר בבטן אמו, שכּבר נתעברה ממנו".

לפי עניות דעתי, האָט מען גאָרנישט געדאַרפט אָנקומען צו דעם תּירוץ. רש"י זאָגט „כּי אין איש עתיד לצאת ממנו שיתגייר" [12]. רש"י האָט מדקדק געווען מיט דעם וואָרט „איש", אַז קיין גוטער מענטש וועט נישט אַרויסקומען פון אים, און דער דאָזיקער „נוקב שם השם", איז געוויס נישט געווען קיין גוטער מענטש, ווי מען זאָגט אין דער לומדישער וועלט: „סופו מוכיח על תּחילתו". אין דער אמתן, טייטשט אַזוי ר' אלי' מזרחי אין שמות [13], אָנווייזנדיק אויפן מדרש [14] „שאין תּוחלת של צדיקים עומד ממנו"... און דאָס וואָרט „שנתגייר" אין רש"י קאָן זיכער זיין, ווי די חכמי צרפת באַהויפּטן, אַז פאַר מתּן־תּורה איז געווען דער דין, אַז דאָס קינד האָט זיך גערעכנט לויטן פאָטערלעכן אָפּשטאַם, „הולד הולך אחר הזכר"... און דעריבער האָט ער געדאַרפט דורכמאַכן דעם גיור־ריטואַל [16].

דער מהר"ל מפּראג אין זיין ספר „גור ארי'" אויף רש"י, ברענגט אַ גאָר נייעם געדאַנק, נעמלעך: דער ברית, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן ביים באַרג סיני, איז געווען אַ המשך און באַנייַ פונעם ברית מיט די אָבות. דער דאָזיקער בן איש

מצרי האָט דעם יחוס אָבות נישט געהאַט, האָט ער געדאַרפט דורכמאַכן אַ נייעם גיור־פּראָצעס; דעריבער זאָגט רש״י „שנתגייר״.

וואָס שייך דאָס אָנרופן די שלומית בת דברי — זונה, האָט געמיינט צו זאָגן, אַז צווישן אַלע מוטערס איז אַפילו אַזאַ סאָרט זונה נישט געווען בנמצא, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעהיט פון קומען אין באַריר מיט די מצרים.

מיר וואָלטן דאָ געקענט אַ סך מאריך זיין, אָבער ווי זאָגט דער גאון און צדיק, דער פּראָגער רב: „והנה הסוגיא עמוקה ורחבה מאד ואם אמרתי להעתיק כל הפרטים לא יכילם הגליון״ [16].

הערות

א

1 סנהדרין, נ״ו, ע״ב.

2 זע, שמות רבה, ל', ו'; שיר השירים רבה, א', ט״ז.

3 תנחומאַ, בובר, בראשית, כ״א. „לא נחתם גזר דינם של דור המבול, עד שכתבו מיקסוס (אָדער גממסיות) — אַ חתונה-שריפט צווישן אַ זכר מיט אַ בהמה... זע, מירקין, פירוש, בראשית רבה, י״ט, ה'; במדבר רבה, ט', ד'.

4 בראשית, ו', א'; ז'-ח'. די פאַרשיידענע אגדות וועגן נחש און חוה.

5 דאָרט, דאָרט.

6 בראשית רבה, כ״ו, ד'.

7 „שהיו שופכים את זרעם על העצים ועל האבנים — און דאָ, דאַרף מען דערמאָנען דעם געדאַנק „איש מזריע תחילה — יולדות נקבה״ — ברכות, ס', ע״א; רש״י, ויגש און פ' תזריע; זע אויך מ. א. מירקין, פירוש מדרש רבה, אויפן אָרט; אין מיין ווערק „די באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעכער.

8 דאָרט — באריכות.

9 בראשית רבה, כ״ו, ז'.

10 זוהר, אויפן דאָזיקן פסוק.

11 סנהדרין, י', ג'.

12 דאָרט, ק״ח, ע״א-ע״ב. וועגן די נפילים — בראשית, ו', ד'; ברותחין קלקלו, ברותחין נדונו — ר״ה, י״ב, ע״א; סנהדרין, דאָרט; זבחים, קי״ג, ע״ב.

13 ב״ב, קס״ה, ע״א.

14 רש״י אויפן אָרט, אַז רוב מענטשן זענען חשד אויף גזל, ווייל זיי לערנען זיך היתרים אין האַנדל און פאַרלאָפן מער פאַרדינסט, ווי עס קומט זיי. רבנו גרשם טייטשט, אַז דער רוב עוונות איז ביים משא־ומתן — ענלעך צו רש״יס טייטש. דער מהרש״א אין חדושי אגדות, לערנט אַז דאָ ווערן אויסגערעכנט די דריי עברות: געלט, גוף און נשמה; גזל-געלט-פאַרברעך, עריות-עבירות מיטן גוף און לשון הרע ווירקט אויף דער נשמה. די מערהייט, וועט זיך פאַרנעמען אויף אַ געלט-עבירהלע, ווייל געלט-יצר-הרע, איז זייער שטאַרק... יש לך אָדם שחביב עליהם ממונם יותר מגופם... נאָך דעם, קומען די אַנדערע תאוות.

15 זע, פרקי דרבי אליעזר, י״ג; יבמות, ס״ב.

16 בראשית, ו׳, ח׳-י״א; משלי י״ב, ז׳; אבות דרבי נתן — ווי ציטירט אין תורה שלמה; זע, סנהדרין, ק״ט, ע״א; ר״ה, י״ב, ע״א; זבחים, קי״ג, ע״ב; יכין ובועז (תפארת ישראל — סנהדרין): עונש דור המבול בגופן — זנות... און וועגן סדום: „חטא סדום כחטא דור המבול, רעים בגופם (בזנות) אבל גם חטאים בממונם...״ זע, ר׳ אלי׳ מזרחי שטעלט זיך אפּ אויף דער רש״י, „לא נחתם״... מיר וועלן זיך אָבער נישט אַריינלאָזן אין אַט די אגדה-פּלפּולים.

17 זע, ברכות, נ״ז, רש״י, אויפן אָרט; בבא בתרא, ט״ז, ע״ב — זע, תוספות דאָרט, אָנהייב-וואָרט „בא״; די גרעסטע זינד, פאַרגוואַלדיקן אַ נערה המאורסה... זע, תנחומא, נח.

18 זע, בראשית רבה — באריכות.
לויט ר׳ יוחנן בן ברוקא, זענען סיי פּרוי און סיי מאַן מחוייב אין פּריה ורביה, ווייל עס ווערט געזאָגט: „ויברך אותם אלהים... פּרו ורבו״...
אין מיין ווערק „די באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעך.

19 בראשית רבה, כ״ח; תנחומא, נח, י״א; סנהדרין, ק״ח, ע״א.

20 לעצטנס, לייענען מיר, איז עס געוואָרן אַן עקספּערימענט פון טוישן זיך מיט די ווייבער און געליבטע — ווי אַן אומקער צו דער מבול-תקופה.

21 זע, סנהדרין, נ״ו.

22 זע, בראשית רבה, כ״ג, ג׳.

23 עמוס, ט׳, ז׳.

24 ר׳ יוסף קמחי, דער אברבנאל, מלבי״ם און אַנדערע טייטשן דעם „כבני כושיים״ — שאינם משתנים, זיי ענדערן זיך נישט, זיי גיבן נישט אויף זייערע שלעכטע מעשים, ווי די כושים וואָס ענדערן נישט זייער הויט, זייער קאָליר. זע, אברהם ליפשיץ, סיני, אייר-תמוז, תשכ״ז, ז״ז ק״ח-ק״ט.

25 פסחים, פ״ז, ע״א.

26 קדושין, ס״ג, ע״ב.

27 זע: ספרי, אויפן אָרט; קדושין, משנה, א׳, א׳; גמרא, ט׳, ע״ב; סנהדרין, ס״ו, ע״ב; ערכין, ז׳, ע״א א״אַ.

28 ברכות, נ״ו, ע״ב. ס׳איז דאָ אַ נוסחא מ י נ א, וואָס זאָל מיינען, איינער פון די ערשטע קריסטלעכע סעקטעס ביי יידן, אין צייט פון בית שני.

29 הבא על אמו בחלום — יצפה לבינה; על נערה המאורסה — לתורה; על אחותו — לחכמה; על אשת איש — מובטח לו שהוא בן עולם הבא, ברכות, נ״ז, ע״א.

ב

1 בראשית, ז׳, א׳. אויף אַן אָרט, האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז אברהם איז אַלט געווען 58 יאָר — נ״ח — בעת נח איז געשטאָרבן. דער חתם-סופר זעט אין דעם אַ רמז — **נ ח** קאָן **ר ו ע ן**, ווייל ס׳איז געקומען אברהם בן נח...

2 דאָרט, ה׳, ל״ב.

3 ישעי׳ נ״ד, ט׳.

4 אהרן-יעקב גרינבערג, עיטורי-תורה.

5 מער וועגן דעם אין אַן אַנדער אַרבעט.

6 יחזקאל, י״ד, י״ד און כ׳.

7 זע, מלבי״ם אויפן אָרט; ביי פאַרשערס איז נישט קלאָר געווען, ווער דער דניאל איז געווען. דער נביא דניאל, ווייזן זיי אָן, איז געווען יינגער פון יחזקאלן און דעריבער, מיינען זיי, אַז מיר האָבן דאָ אַן אַנדערן דניאל — אָבער דאָס געהערט צו אַ טיפערער פאָרשונג.

8 אָבות, ה׳, ב׳.

9 תנחומא, נח; סנהדרין, ע׳ א״א מקומות.
10 זע, ב״ר, ל׳; סנהדרין, ק״ט.
11 בראשית, ט׳, כ״א; בראשית רבה, ל״ז.
12 בבא בתרא, צ״א, ע״ב; רש״י, סנהדרין נ״ח, ע״ב; זע, ד״ר חיים גרושקין, די וועלט פון אברהם, ניו-יאָרק, 1966, ז״ז 84-88, 108.
13 רמב״ם, איסורי ביאה, כ״ב, ב׳; ס׳איז דאָ אַ מיינונג, אַז כנען האָט געפּראַוועט משכב-זכר, איבער אַלטן זיידן... אַנדערע זאָגן, האָט געלעבט מיט נחס ווייב, בעת זי איז געווען מיט נחן און נח, איז שוין פריער געווען אימפּאָטענט, צוליבן קלאַפּ פונעם לייב...
14 רמב״ם, הלכות דעות.
15 זע, ליקוטי בית אהרן (ר׳ אהרן אלימלך ראָזנבערג), מאָנטרעאָל, תשי״ד, בראשית, ז׳ 90.
16 זע, שער המצוות לר״ח וויטאַל.
17 עירובין, ס״ה, ע״ב.
18 בראשית, ט׳, כ״א.
19 ימין ושמאל, ו׳, ז״ז ל״ג-מ׳.
20 א׳, י׳, ג׳.
21 עירובין, נ״ד, ע״א; ירושלמי, סוף קדושין.
22 בבא בתרא, נ״ח, ע״ב. אין אַ באַזונדערער אַרבעט — אויספירלעכער.
23 בראשית, א׳, כ״ב. דער רבנו תם, האָט אויפן סמך, אַז אַ פרוי איז נישט געבאָטן אויף דער מצווה פון פריה ורביה, מתיר געמאַכט אַ פרוי „לשמש במוך״ — וועגן דעם באריכות אין שאילת ישרון פון הרב ר׳ גדלי׳ פעלדער, חלק א׳.
24 וועגן דעם, אין מיין ווערק, „די באַציונג צו דער פרוי״, ייוו״אָ, בוענאָס-איירעס, התשכ״ח, 1968, באַנד 1, ערשטע דריי פּרקים, ז״ז 23-67.
25 זע, רמב״ם, הלכות דעות און אין „שמונה פרקים להרמב״ם, פרק ד׳.

ג

1 זוהר, ג׳, י״ב, ב׳.
2 בראשית ב׳, כ״ד.
3 בראשית רבה, י״ח, סוף-פרשה; זע אבא גאָרדין, די פרוי און די ביבל, ג׳.
4 יבמות, פ״ט, ע״א.
5 ביצה, ל״ב, ע״ב.
6 בראשית, י״ג, ט״ז.
7 תהלים, פ״ט, י״ב-י״ג, יהואש איבערזעצונג.
8 זע, יאָזעפוס פלאַוויוס, קדמוניות, א׳, 5, 6; סדר עולם; ספר הישר און אגדה-ספרים.
9 בראשית, י״ב, ז׳.
10 Studies in Religious History, p. 65.
11 די מפרשים פאַרנעמען זיך מיט דער פראַגע, ווי אַזוי האָט אברהם געקענט מפקיר זיין שרהן — אין מיין ווערק „די באַציונג צו דער פרוי״, ווערט די פראַגע באַהאַנדלט אויספירלעכער.
12 בראשית, י״ב, י״ז.
13 ישעי׳ נ״ד, א׳.
14 בראשית, ט״ו, ג׳.
15 דאָרט, ט״ז, ב׳.
16 דאָרט, דאָרט, ד׳; בראשית רבה, מ״ה א״אַ מדרשים.
17 זע, רמב״ן, הכתב והקבלה, שמעון כשר, פשוטו של מקרא, הערות א״אַ.

18 אָבות, ה׳, י״ט — רמב״ם, פירוש המשניות, דאָרט.
19 בראשית, ט״ז.
20 בראשית, י״ז, ט״ז; תנחומא, לך.
21 בראשית, י״ז, ה׳.
22 ברכות, י״ב, ע״א; נדרים, פ״ג, ע״ב; מהרש״א — אויפן אָרט — ציטירט ירושלמי, בראשית רבה און פירט אויס: „ודע כי הקורא לאברהם אברם לא זכרוהו הפוסקים דאית בי׳ איסור...״
23 בראשית, כ״ז, מ״ו.
24 „באַציונג צו דער פּרוי״ — באַנד איינס.
25 בראשית רבה, נ״ג, ו׳; בראשית, ל׳, כ״ב; רמ״מ כשר, תורה שלימה, ציטירט פון מדרש און פון פסיקתא: „שלשה מפתחות לא האמין הקב״ה לברייה, לא למלאך, לא לשרף... אלא בידו נתונים, מפתח של גשמים... מפתח של תחיית המתים... ומפתח של רחם...״
26 וירא, מדרש הנעלם.
27 איוב, ה׳, כ״ד.
28 יבמות, ס״ב, ע״ב.
29 דאָרט, א׳, ה׳.
30 בראשית, כ״א, א׳.
31 דאָרט, כ״ד, א׳.
32 בראשית רבה, מ״ח, ט״ז, י״א; י״ז, ב׳.

ד

1 זע, פרי צדיק, פקודי, אות ג׳.
2 יומא, כ״ח, ע״ב.
3 ביצה, ט״ו, ע״ב: בראשית רבה, מ״ט, ב׳, „אפילו הלכות עירובי חצרות הי׳ אברהם יודע״. זע אויך, תנחומא, לך, אחר הדברים...
4 שבת, קמ״ד, עד שלשה דורות לא פסקה זוהמא... יעקב הוליד י״ב שבטים, שלא היה בהן שום דופי״.
5 בראשית, כ׳, ז׳: בראשית רבה, ל״ט, י׳.
6 דברים, ל״ב, י׳.
7 אמת, די הויפּט עריות ביי אַ בן-נח, איז געווען אשת-איש... אַפילו מיט אַ טאָכטער איז נישט געווען פאַרבאָטן, „בן נח מותר בבתו״ — שוין אָפּגערעדט, צו האָבן גע-שלעכט-באַציונגען מיט די איבעריקע עריות — דאָך, איז עס מסתמא פאַר אברהם אָבינו, אויף וועמען די חז״ל זאָגן מיט איבערצייגונג, אַז ער האָט מקיים געווען די תורה, איז עס זיכער נישט געווען אָנגענעם פאַר אים צו הערן וואָס די טעכטערלעך האָבן אָפּגעטאָן מיט זייער פאָטער, דעם שיכורן לוט, וואָס האָט צוריקגעוויזן משכב-זכר, ווען די סדומער האָבן עס פאַרלאַנגט.
8 בראשית, כ״א, ט׳.
9 זע, פּראָפ׳ וויליאַם פאָקסוועל אולברייט,
From Stone Age to Christianity, pp. 241-242.
און אין עברית-איבערזעצונג „מתקופת האבן ועד הנצרות״, תרגם והוסיף הקדמה והערות, י. מ. גרינץ, מהדורא שניה מתוקנת, אחיאסף, ירושלים 1962.
10 בראשית רבה, לך, מ״ו: אדמו״ר מהרי״ל איגר, אמרי אמת, ויקהל.
11 בבא מציעא, פ״ז, ע״א; רש״י, אין חומש, אויפן אָרט.
12 זע, רש״י אויפן אָרט.
13 בראשית, י״ז, י״ח.
14 בראשית רבה, נ״ג.

15 בראשית, כ״א, י״ב.
16 בראשית, כ״ג, ב׳; מפרשים — אויפן אָרט.
17 פרקי דרבי אליעזר, א׳, ט״ו.
18 דברי סופרים, אות ל״ו.
19 יבמות, ס״ג.
20 בראשית רבה, ס״א.
21 זע, בבא בתרא, ט״ז, ע״ב און צ״א, ע״ב און אין מדרשים.
22 אָבות, ה׳, א׳. אין מיינע ווערק „באַציונג צו אַרבעט און אַרבעטער״ און אין „באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעכער.
23 בראשית, י״ח, י״ט.
24 ברכות, ז׳ ע״א און כ״ו, ע״ב; שבת, קנ״ו, ע״א; ביצה, ל״ב, ע״א; נדרים, ל״ב, ע״א; ויקרא רבה, ל״ד, ח׳, י״ד.
25 משנה תורה, הלכות עבודת כוכבים, א׳; מורה נבוכים, ג׳, י״ט.
26 מיכה, ז׳, כ׳; נחמי׳, ט׳, ז׳ א״אַ.
27 אָבות, ו׳, י׳.

ה

1 זע, ד״ר חיים גרושקין, די וועלט פון אברהם, ניו-יאָרק, 1966, ז״ז 13; 147-149; 242.
2 בראַשית רבה, ל״ט; מגילה, י״ד; סנהדרין, ס״ט, ע״ב.
3 חולין, מ״ז, ע״ב.
4 בראַשית, י״ח, י״ט.
5 אין מיינע ווערק, „באַציונג צום פרעמדן״, צום אַרבעטער, צו דער פרוי — באריכות.
6 תנחומאַ, תולדות, א׳.
7 זע, פרי צדיק, תולדות, אות ז׳ און פריער אין פ׳ חיי, ב׳.
8 בראשית רבה, ס״ח, א׳.
9 אמרי אמת, ויצא, ט״ו-ט״ז.
10 בראשית, ל״ג, י״ח.
11 שבת, ל״ג, ע״ב.
12 בראשית רבה, אויפן פסוק וישתחו ארצה...
13 בראשית, ל״ד, ל״א.
14 דאָרט, ל״ה, ה׳.
15 דאָרט, דאָרט, ב״א און רש״י אויפן אָרט: קדשה — מופקרת, מוקדשת, מזומנת לזנות... אויך בראשית, דאָרט, ל״ח.

ו

1 בראשית, ל״ה, כ״ב.
2 דאָרט, מ״ט, ד׳.
3 שבת, נ״ה, ע״ב.
4 דאָרט, מפרשים אויפן אָרט.
5 בראשית, דאָרט, דאָרט.
6 בראשית רבה, אויפן אָרט.
7 בראשית, ל׳, ט״ז.
8 „באַציונג צו דער פרוי״, ערשטער באַנד.
9 שבת, נ״ה, ע״ב.
10 „כך היה יעקב עושה בארבעה אהלי נשיו, מעמיד מטה לשכינה, ובאותו אוהל שהוא רואה בו השכינה — הוא בא ולן אותו הלילה״.

11 מהרש״ל, מהר״ם און המאירי שבת, דאָרט — באריכות.
12 בראשית, ל״ה, כ״ז.
13 דאָרט, ל״ז, א׳ די גאַנצע פרשה.
14 זע, בראשית, מ״ה, כ״ח. וועגן דעם עונש פון מכירת יוסף — אין צענדליקער מאמרים און גאָר באַזונדערס אין סליחות, „אלה אזכרה״.
15 בראשית, ל״ד-ל״ה. אויף אַ צווייט אָרט רעדן מיר אָרום דעם דאָזיקן ענין ברייטער און טיפער, ווי דער דאָזיקער ברודער-אינצידענט פאַרלאַנגט.
זע, אסתר רבה, ג׳ און אין ילקוט ראובני.
16 אין מיין ווערק „די באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעכער.
17 למהר״ר יחיא קרח, כתר תורה חומשים, ירושלים תש״ב.
18 ישעי׳, כ״ג, ח׳.
19 דאָרט, נ״ח, י״ב „און מ׳וועט דיך רופן פאַרמויערער פון בראָכן״ — יהואָש-איבערז.
20 נדה, ט׳, ע״ב.
21 בראשית, מ״ט, ח׳-י״א; דברים, ל״ג, ז׳.
22 בראשית, מ״ט, א׳.
23 אויפן אָרט.
24 דברים, ל״ג, ח׳-י״א.

ז

1 גור ארי׳, אויפן אָרט — אַז בנעני מיינט אַ סוחר. זע, זכרי׳, י״ד, כ״א; פסחים, נ׳, ע״א.
2 זע, משיבת נפש, לקוטים מספרי לקוטי מהר״ן, ניו-יאָרק, תשכ״ה.
3 יהושע, ט״ו, מ״ד.
4 בראשית, ל״ח, ז׳. אין די קבלה-ספרים ווערט גאָר אַ סך גערעדט וועגן עונש פון השחתת זרע.
5 יבמות, ל״ד-ל״ו, „מוחזקת היא זו שימותו אנשיה... הוחזקה לקטלנית...״
דער ענין „קטלנית״ וואָס מיר געפינען אין תלמוד און אין די ספרי הפוסקים, איז געוועזן שטאַרק אַנגענומען ביי די פעלקער אין אַלטערטום... צי דאָס איז סתם אַזוי אַן אַבערגלויבערישער מינהג, צי אַ פאַקטועלע זיכערקייט, קאָן קיינער נישט באַשטימען.
6 אין מיין ווערק „די באַציונג צו דער פרוי״, באַנד א׳, ז״ז 117-119; באריכות.
7 בראשית רבה, וישב, פ״ה, ז׳.
8 ספר חסידים, א׳, טורונטו, התשט״ו, דף קט״ז.
9 אין מיין ווערק — אויספירלעכער.
10 שו״ת, י״ח, י״ג.
11 זע, יבמות, נ״ט, ע״ז; קדושין, ע״ז, א״אַ מקומות.
12 הלכות איסורי ביאָה.
13 זוהר, וישב, הוצ׳ רוזנברג, פ״ה, ע״ב.
14 זע, יבמות, ק״ג, ע״א-ע״ב, תוספות אויפן אָרט; זע אויך, נזיר, כ״ג, ע״ב; הוריות, ו׳, ע״ב; א״אַ מקומות.
15 זע, ש״ז שרגאי, הקדמה בנתיבי חסידות איזביצא-ראַדזין, דעם בעש״טס אויסטייטש פונעם דאָזיקן מאמר.
16 אסתר ב׳, ט״ז-י״ז.
17 שופטים ד׳, י״ח-כ״א.
18 ויקרא רבה, כ״ג, י׳.
19 מגילה, ז׳, ע״ב. אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעכער.
20 סנהדרין, ע״ד, ע״ב. זע, תוספות אויפן אָרט, אָנהייב-וואָרט: „והא אסתר פהרסיא הואי״.
21 זע, כתובות, ג׳, תוס׳ אָנהייב-וואָרט „ולדרוש״, רמב״ם, יסודי התורה, ה׳, ד׳ בכסף משנה, דאָרט — די טעמע קידוש-השם איז אַן אומאויסשעפּלעכע.

22 אין די צוויי בענד „באַציונג צו דער פרוי" — גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג.
23 מכילתא, בשלח.
24 בראשית רבה און תנחומא, ויגש.
25 סוטה, ל"ו, ע"ב.
26 בראשית, מ"ט, ח׳; בראשית רבה, דאָרט.
27 בראשית, מ"ז, ט׳.
28 בראשית רבה, אָנהויב פרשת וישב.
29 זע, צבי יחזקאל מיכלזאָן, שו"ת תירוש ויצהר, סימן כ"ז און סימן נ"ט, טעמים און מנהגים בברית מילה.
30 גענוג צו דערמאָנען די ספרים פון ר׳ לייבעלע איגר: תורת אמת, אמרי אמת און אַנדערע; די ספרים פון ר׳ צדוק הכהן: פרי צדיק, ישראל קדושים, רסיסי לילה א"אַ; שבט מיהודה פון אדמו"ר ר׳ אברהם איגר.
31 בראשית, י"ב, ג׳.
32 דאָרט, י"ז, ד׳-ה׳.
33 דאָרט, י"ז, י"ט.
34 שמות, א׳, ט׳.
35 דברים ד׳, ל"ג.

ח

1 בראשית, ל"ד, ה׳.
2 דאָרט, ב׳.
3 דאָרט, ז׳-ל"א.
4 זע, סוטה, ל"ו, ע"ב. „יהודה שקידש שמים בפהרסיא נקרא כולו על שמו של הקב"ה — שם בן ארבע אותיות" — רש"י.
לויט רש"י איז דער קידוש שם שמים נישט געווען דירעקט פון יהודה, נאָר גאָר פון זיין אָפּשטאַמיקן נחשון בן עמינדב, ביים ים-סוף, וואָס האָט געבראַכט די גאולת מצרים: „קפץ נחשון בן עמינדב וירד לים תחילה.
אין אגדות, געפינען מיר אַז יהודה איז געליבט געוואָרן צוליב זיין כוח מודה צו זיין אויף זיין אינטימקייט מיט תמרן און ער האָט דאָס געטאָן עפנטלעך, דעריבער איז ער אַזוי געליבט געוואָרן.
5 בראשית רבה, פ"ד, י"ט א"אַ מקומות.
6 ויקרא, כ"ד, י׳.
7 שמות, ב׳, י"א-י"ב.
8 רש"י, שמות ב׳, י"ב.
9 ויקרא כ"ד, י"א.
10 רש"י, דאָרט.
11 רש"י אויפן אָרט.
12 רש"י, שמות ב׳, י"ב.
13 דאָרט.
14 שמות רבה, דאָרט.
15 צל"ח, ברכות, כ׳ ע"א.
16 זע, דאָרט באריכות.

קאַפּיטל פיר

ליבע און זנות אין תנ״ך

א. די ליבעס ביי דודן. — שמשון הגבור. — דוד אין דער יוגנט און אויף דער עלטער. — מענטשלעכע שוואַכקייטן. — שלמה המלך און זיינע ווייבער.

מיר האָבן אויף אַ צווייט אָרט באַהאַנדלט דעם ענין ליבע אין תנ״ך [1]; וואָס שייך דוד המלך מיט זיינע ליבע־אַפּערעס, מוזן מיר זיך האַלטן ביי דער תלמודישער וואָרענונג, אַז דער וואָס באַשולדיקט דוד המלך אין זינד, מאַכט אַ טעות.

די חז״ל האָבן נישט געקענט מסכים זיין, אַז ביי יידן, דערצו ביי די העכסטע און דערהויבנסטע, ביים מלך ישראל, זאָל קאָנען פאָרקומען אַזעלכעס, וואָס איז באַקעמפט געוואָרן פון בראשית אָן, געשטאָרקט געוואָרן ביים דור המדבר, געשטראָפט געוואָרן צוליבן קער צו די בנות־מדין און געהיט געוואָרן ביי די אָבות פון פאָלק.

ווען די חז״ל האָבן געוואָלט אָנווייזן פאַר וואָס תורת משה האָט אַזוי שטאַרק געוואָרנט קעגן האָבן פאַרקער מיט כנען, איז דער ענטפער געווען — צוליב זייערע מעשים און, דער עיקר, צוליב זייער זנות־פּראַקטיק:

„פינף זאַכן האָט כנען אָנגעזאָגט זיינען זין: זיי זאָלן זיך ליב האָבן; זיי זאָלן ליב האָבן צו גזלנען, צו רויבן; זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט זימה (אויס־געלאַסנקייט — נישט זיין געצוימט מיט מאָראַלישע פּרינציפּן); זיי זאָלן פיינט האָבן זייערע האַרן און נישט זאָגן דעם אמת״ [2].

פיר פון די פינף שטייען אין קעגנזאַץ צו דער תורה מסיני, צו די עשׂרת הדברות. דעם פאַרווער פון גלוי־עריות און גזל זענען דאָך אַפילו די בני־נח געווען געבאָטן אָפּצוהיטן. די שפּעפערס פון דער תורה־שבעל־פּה האָבן דעריבער נישט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז גדולי ישׂראל, פאַרהערלעכטע אויף אייביק ביים יידישן פאָלק, זאָלן גאָר געווען האָבן די דאָזיקע שוואַכקייטן. פאַקטן זענען אָבער פאַקטן און אין תנ״ך, „תורת אמת נתן לעמו״, ווערן אויך איבערגעגעבן פאַלן פון מענטשלעכע שוואַכקייטן.

שמשון הגבור, געבוירן און דערצויגן אין קדושה, ווערט אין זיינע רייפערע יאָרן פאַרכאַפּט פון דער שיינקייט פון צווייטן געשלעכט. וואָס פאַרלאַנגט ער פון זיינע עלטערן? — „גיב מיר די דאָזיקע פאַר אַ ווייב״... ער ווערט פאַרקאַכט און פאַרליבט אין די פלשתים־טעכטער ביז ער פאַלט אַריין צום טייוול דלילה, וואָס פאַרראַט אים אויפן ברוטאַלסטן אופן.

עלי הכהן, וואָס איז אויך געווען אַ נביא, האָט געוויס דערצויגן זיינע קינדער

מיט די הייליקסטע און ריינסטע מחשבות; די דינים פון זנות־אָפּגעהיטקייט האָט ער זיי אָן ספק געלערנט און דאָך האָט עס זיי נישט צוריקגעהאַלטן פון באַגיין די מיאוסטע מעשים: „ובני עלי בני בליעל"... [3] ווען דער פאָטער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן, האָבן זיי געוואַגט צו לעבן מיט די פרויען, וועלכע זענען געקומען מקריב זיין זייערע קרבנות: „אשר ישכבון את הנשים הצבאות פתח אהל מועד" [4].

(ווי באַקאַנט, גיבן די חז"ל אַ גאַר אַנדערן טייטש אויפן וואָרט „ישכבון" און במילא וואַרפן זיי אַ ניַי ליכט ווען די זינד פון עליס קינדער, נישט אַזוי האַרב ווי לויטן פשוטן טייטש).

ווען אונדזערע חכמים האָבן געוואָלט כאַראַקטעריזירן דעם אונטערשייד צווישן יעקבן און עשון, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף זייער באַציִונג צו תאווה און זנות. יעקב זוכט שלום און שלווה, בכדי צו געניסן פון אמתן עונג אין עולם־הבא. עשו, דאַקעגן, זוכט, ווי אַזוי זיך אָנצופילן מיט תאווה אויף דער וועלט, צו האָבן פאַר זיך „באַקעטע זונות, און ער וויל וויסן, צי אין דער צוקונפט־וועלט, אין עולם־הבא, וועט מען אויך קענען פון דעם געניסן" [5]. מיר וועלן נישט אויס־רעכענען אַלע באַרימטע תנ"כישע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן נישט איגנאָרירט דעם תענוג בשׂרים, דעם תענוג פון האָבן תאוות נשים, וועגן וועלכער ס'וואָרנט דער קליגסטער פון די קלוגע, שלמה המלך [6].

ביי דוד המלך זעט מען ווי מלכות־גרויסקייט און געניאַלקייט קאָן האַרמאָ־ניזירן מיט פשוטע מענטשלעכע שוואַכקייטן, מיט מענטשלעכער איינפאַכקייט.

ער, דער נעים זמירות ישׂראל, דער וואָס האָט געשאַפן דעם יסוד פאַר יידישע תפילות, דער וואָס האָט באַזונגען דעם קאָסמאָס, די יצירה, דעם באַשאַף מיט אַלע איינצלהייטן; ער, דער גרויסער לירישער זעער און באַזינגער; ער, דער פאָלקסהעלד פאַר אַלע דורות, די לעגענדאַרע פערזענלעכקייט, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר דעם צוזאַמענגוס פון די העכסטע רעליגיעזע געפילן — איז דאָך פול מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן און דערגרייכט, אין פשוטע ווערטער, צו דער נידעריקער שטופע גורם צו זיין, דורך אַן אינטריגע, צום פאַלן פון איינעם פון זיינע געטרייסטע גענעראַלן [7].

אויף אַן אַנדער אָרט, ווי געזאָגט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויספירלע־כער אויף דודס לעבן, וועגן זיינע אַכצן (כמנין ח"י) ווייבער און אומצאָליקע פילגשים, ווי דער שטייגער איז געווען ביי קעניגן פון יענער עפּאָכע און אין יענע לענדער. דוד איז דאָך געשטאַנען העכער פון וועלכן נישט איז מלך הן ביי די אומות העולם הן ביי די יידן. זיין גרויסקייט, ווי ער ווערט געשילדערט אין דער אגדה, באַשטייט אין זיין מענטשלעכקייט, און דערפאַר האָט ער זוכה געווען, אַז פון אים זאָל אָפּשטאַמען דער מלך־המשיח.

אין ספר שמואל און אין מלכים האָבן מיר ידיעות וועגן זיינע אייגענע ליבעס און וועגן די ליבע־אינטריגעס אין חצר המלכות; אַ קעניגלעכער הויף, ווי ביי אַלע קעניגן.

פריִער — די שטאַרקע ליבע צווישן אים און מיכל, די טאָכטער פון שאול און, שפּעטער, צוליב אירע אַ באַמערקונג אויף זיין אַדרעס — די דערווייטערונג, כּמעט שׂנאה, אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט מיט איר נישט געהאַט קיין געשלעכט־לעכע באַציִונגען און זי האָט קיין קינד נישט געהאַט.

עס איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם, וואָס עס ווערט געזאָגט וועגן אָט דער דערווייטערונג צווישן דודן און זיין יוגנט־ליבע.

דער תּנ"ך דערציילט, אַז צוליב מיכלן האָט דוד ממש איינגעשטעלט זיין לעבן, ביים ברענגען צו איר פאָטער צוויי הונדערט טויטע פּלשתּים [8]. נאָך שאולס טויט, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין איינשטעלן שלום צווישן „הויז" פון שאול און מלכות דוד, האָט דוד געשטעלט אַ באַדינג צו אבנרן און צו איש בושתן, מ'זאָל אים צוריקגעבן מיכלן, זיין ווייב: „לא תראה פני כי אם לפני הביאך את מיכל בת שאול... תנה את אשתי, את מיכל, אשר ארשׂתי לי במאה ערלות פלש־תּים"... [9] — אָבער צוליב אַ שפּעטערן „אינצידענט", איז די ליבע אָפּגעקילט געוואָרן און, ווי דער פּסוק דערציילט, „לא היה לה ולד עד יום מותה" [10]. נאָר וועגן דעם גייט אַן אַ דיסקוסיע.

אין אַ פריִערדיקן פּסוק, אין וועלכן ס'ווערן אויסגערעכנט די זין פון דודס ווייבער, ווערט דערציילט „והששי יתרעם לעגלה אשת דוד" — דער זעקסטער זון איז געווען יתרעם פון עגלה די פרוי פון דוד" [11].

ווער איז געווען יתרעם? ביז איצט האָבן מיר נישט געהאַט דעם נאָמען עגלה.

דערויף קאָמענטירט רש"י, לויטן מדרש, אַז עגלה איז געמיינט מיכל, אַז זי איז געווען געליבט ווי אַן עגלה, ווי אַ קעלבעלע. איז דאָך אָבער דאָ אַ סתּירה צו דעם וואָס עס ווערט ווייטער געזאָגט, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין קינדער! טייטשט מען אַזוי: אַז פון יענער מעשׂה, זינט איר גרינגשעצנדיקער באַציִונג צו דודן און די יידישע טאַנצנדיקע ווייבער, זינט דאַן האָט זי מער נישט געהאַט קיין קינדער פון דודן — אָבער פריִער האָט זי געהאַט דעם זון יתרעם... [12]

ראַציאָנעלע, מאָדערנע מפרשים, לערנען לויטן איינפאַכן טייטש: זי, מיכל, איז נישט אויסגערעכנט געוואָרן צווישן דודס ווייבער, ווייל זי האָט אים נישט געגעבן קיין קינד. פּרוכטלאָזע ליבע האָט נישט געקענט קומען אין חשבון פון דודס ווייבער. זי איז נעבעך געוואָרן צוליב איר סנאָביזם [13].

אין דודס לעבן פאַרנעמט אַ גרויס אָרט, די תּאווהדיקע, ביז גאָר קלוגע, אביגיל. מיט איר פאַרשייטקייט, אינטעליגענץ און גראַציעזקייט האָט זי געפּאַב־

געז זיין האַרץ. זי האָט אַפילו געוואָגט — לויט דער אגדה — אים צו ווייזן „בסתר ההר" וועגן דעם בלוט וואָס קומט פון באַהעלטענישן [14].

ליבעס אויף ליבעס ביים נעים זמירות ישראל, ביים באַזינגער פון וועלט־באַשאַף, קאָסמאָס און אוניווערסאַלע יצירות. ליבע מיט מעדיטאַציע, שירה און תפילה צום באַשעפער, און — מענטשלעכע שוואַכקייטן, ווי עס ווערט געזאָגט: „כל הגדול מחברו, יצרו גדול ממנו" [15]. גרעסער דער מענטש, גרעסער דער פאַרמעסט פון יצר־הרע. ביי דודן איז געווען דער גרעסטער געראַנגל צווישן די צוויי יצרים בעת ער האָט דערזען בת־שבען. ער האָט געדאַרפט לעגאַליזירן, אַפילו דורך גורם זיין דעם טויט פון איר מאַן, אוריה החתי, כדי דער קשר זאָל זיין אַ באַרעכטיקטער און פון דעם קשר זאָל געבוירן ווערן זיין יורש־עצר, זיין טראָן־נאָכפאָלגער, שלמה המלך. דאָס איז איינס פון די דראַמאַטיש־טראַגישע פרקים אין לעבן פון דוד המלך, אין דער געשיכטע פון מלכות בית דוד: דאָ האָבן עמאָציעס, אימפּעט, ברען פון יוגנט־ליבע, באַזיגט דעם „אדמוני עם יפה־עינים וטוב־רואי" [16].

די דאָזיקע ליבע־אַפּערע איז אייגנאַרטיק צוליב כמה וכמה טעמים און, דער עיקר, מיט איר אויסטערלישקייט. דוד המלך זאָל אין מלחמה־צייט באַצויבערט ווערן פון פרוי־נאַקעטקייט, זיך נאָכגעבן דעם יצר, אַרויסווייזן אַזאַ געפאַלנקייט, אַזאַ מענטשלעכע שוואַכקייט?...

„...עס איז געווען — לייענען מיר — אָוונטצייט, דוד איז אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער און איז אַרומגעגאַנגען אויפן דאַך פון מלכס הויז און געזען אַ פרוי זיך באָדן און די פרוי איז געווען זייער שיין"... [17]

די פרוי איז געווען בת־שבע. מיט איר אַנטבלויזט לייַב האָט זי געצויגן דודס בליקן. ער האָט דאַן פאַרגעסן אין דער לעבנסלוסטיקער אביגיל און אויפן ערשטן פאַרלאַנג האָט זיך בת־שבע, וועמעס מאַן האָט זיך געפונען אויפן פראָנט, אונטער־געגעבן... ביידע האָבן געפלאַמט פון ליבע. אוריה שטייט אָבער אין וועג... האָט מען זיך אַן עצה געגעבן: יואָב האָט אויסגעפירט דאָס מיאוסטע, מערדערלעכע שטיקל אַרבעט און באַפרייט דעם קעניג פונעם קאָשמאַר. די אומגעצוימטע תאווה האָט געזיגט און דערפירט דעם קעניג צום גרונט.

די חז"ל [18] זוכן מיט אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרטיידיקן דודן, צו באַרעכטיקן זיין טאַט און באַווייזן, אַז זיין זינד איז געווען בלויז צו לערנען און צו ווייזן די וועגן פון תשובה. זיי האָבן נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז דוד, דער מעדיטירער און הייליקער גאָט־געזאַלבטער קעניג, זאָל אַזוי אַריינפאַלן אין דער נעץ פון תאווה.

דערקלערן זיי אונדז, „ראויה היתה לדוד בת שבע אלא שאכלה פגה". זי איז לכתחילה געווען ראוי פאַר דודן, נאָר זי איז זיך אַליין שולדיק געווען. איינער פון

די מפרשים [19] גיט צו: „מצאתי בס׳ לקוטי הש״ס להאר״י ז״ל דבר נכון, וז״ל: „דע כי בלשון חז״ל נקראת התאנה בנות שבע, כמ״ש בריש מסכת שביעית, ולכן ארז״ל על בת שבע שאכלה פגה״... אַז איר הנאה איז געווען אומצײַטיק, אומרייף.

ס׳ווערט אויך אויסגעטייטשט דער פסוק „בדמעתי ארשי אמסה״ [20], אַז דוד האָט זיך באַקלאָגט אַז ס׳איז אים מיאוס דאָס בעט... האָט חרטה געהאַט אויף דעם יצר וואָס פאַרפירט אים — אָבער וועגן דעם באַזונדער.

די הויפטזאַך: דאָס שטעלן זיך פונעם נביא!

נתן הנביא קומט באַלד נאָך דער געשעעניש און זאָגט אים דעם משל [21] — אַ משל וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דודס מאָראַלישן פאַרברעך, ווי אַזוי דער רייכער טיראַניזירט דעם אָרעמאַן, נעמט אַוועק פון אים זיין איינציק שעפעלע פאַר זיין גאַסט.

דוד המלך, דער בעל־התהלים, דורכגעדרונגען מיט דער עטיק פון דער תורה, איז געוואָרן שטאַרק אין כעס און האָט, נישט אַריינגייענדיק אין דער הלכה, גע־פסקנט: טויטשטראָף פאַר באַגזלען אַן אָרעמאַן!

„דו ביסט דער מאַן״ — רופט אויס דער נביא און דער מלך דוד, בייגט דעם קאָפּ פאַר זיין אייגענעם אורטייל און זוכט תשובה און חרטה אויף זיינע זינד.

דער משל איז אפשר נישט אין גאַנצן ענלעך צום נמשל: אַוועקנעמען אַ ווייב און גורם זיין טויט איר מאַן, איז אַ ביסל אַ האַרבערע זינד, ווי אַוועקרויבן אַ שעפּסל פאַר אַן אורח. אין דער דאָזיקער מעשׂה איז כמעט דאָ די „תועבת מצרים״, פאַר וועלכער אברהם אָבינו האָט מורא געהאַט: „והרגו אותי ואותך יחיו״ [22]

דער נביא האָט צוגעגרייט דודן מקבל צו זיין באהבה דעם עונש וואָס וועט קומען אויף אים. און דער עונש איז געקומען, אַ גרויסער עונש: דאָס ערשטע קינד פון יענער זינדיקער ליבע איז געשטאָרבן; זיין עלטסטער זון האָט רעוואָל־טירט קעגן אים און געלעבט מיטן פאָטערס ווייבער און ביי זיין גסיסה־בעט איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף, ווער ס׳זאָל ירשענען דעם טראָן.

אויף דער עלטער איז דוד געשטראָפט געוואָרן מיט זקנה־קאַלטקייט. און ס׳קען געמאָלט זיין, אַז אויך דאָס איז געווען אַן עונש צוליב זיין יוגנטלעכער הייסקייט. ס׳איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג ווי צו דערוואַרעמען דעם קעניג, סיידן דורך אַ נערה־בתולה.

דערציילט אונדז דער פסוק: „והמלך דוד זקן״... [23] און זיינע באַדינערס האָבן קיין אַנדער מיטל נישט געפונען, ווי צו וואַרעמען דעם קעניג, ווי „יבקשו לאדוני המלך נערה בתולה... ותהי לו סוכנת ושכבה בחיקך״.

אבישג השונמית, דאָס שענסטע יונגע מיידל, האָט געדאַרפט דורכפירן די דאָזיקע פונקציע, געוויס נישט קיין אַנגענעמע פונקציע [24]; דערצו, אין די לעצטע

טעג פון זיין לעבן, זאָל ער נאָך דאַרפן באַווייזן, אַז ער פאַרמאָגט נאָך די פּאָטענץ צו קענען געניסן פון אַ פּרויס וואַרעמקייט; און נאָך מער: צו באַווייזן פאַר דער אַמאַליקער בילד־שיינער בת־שבע, אַז ער האָט נאָך „כּח גברא״ [25] און זיין ליבע צו איר איז נישט אָפּגעקילט געוואָרן. (זי האָט געקראָגן אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט, דערגרייכט די קרוינונג פון איר זון שלמה, אַלס מלך איבער ישׂראל ויהודה).

דוד המלך, ווי דער חשבון ווייזט, האָט געהאַט בלויז אַכצן ווייבער [26], אָבער אַ גרעסערע צאָל פּילגשים. אונדז, פּשוטע מענטשן, ווילט זיך כּסדר קאָמענטירן דעם דאָזיקן אַרט לעבן פון דעם מלך ישׂראל וואָס איז חי וקים, דעם באַזיגער פון אַ גלית, דעם באַזינגער פון דער געטלעכער יצירה — אָבער ווי מעג מען?

איינער פון די גדולי האדמו״רים דריקט זיך אויס זייער שאַרף: „התורה כּיסתוֹ ואתה מגלה אותו״? אין תּנ״ך, ווערט דאָס אַלץ פאַרדעקט, ווי וואָגסטו דאָס צו אַנטפּלעקן?... [27]

ר׳ נחמן בראַסלאַווער [28] עצהט פאַר אַ תּיקון צו „מקרה לילה״ צו זאָגן צען פּרקים תּהילים, ווייל תּהילים איז גימטריא „לילית״, וועלכע איז ממונה, לויט דער קבלה, איבער דער „טיפּה״ און מיט תּהילים זאָגן, פאַריאָגט מען די דאָזיקע קליפּה. דוד המלך, ווערט אויך געזאָגט, האָט מכוון געווען אין זיין מזמור „אשרי נשוי פשע״, דעם תּיקון אויף נאָף. תּהילים ווירקט צו טאָן תּשובה — דוד המלך איז דער פּראָטאָטיפּ פונעם בעל־תּשובה.

ווי דער גרויסער — לויט חז״ל דער גרעסטער — בעל־תּשובה, איז המלך דוד אימפּאָנירנדיק פאַר אַלע דורות מיט זיין תּשובה, נאָך דער מעשׂה בת־שבע און די מיסטעריע אַרום דעם דאָזיקן שענדלעכן „אינצידענט״. דער קעניג, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן פון גאָט און געזאַלבט געוואָרן מיטן „קרן שמן המשחה״, וואָס סימבאָליזירט אייביקע קדושה און אייביקן מלכות; ער, דער גרויסער סטראַטעג, פּאָליטישער און גייסטיקער פירער; ער, וואָס האָט געמאַכט ירושלים פאַר דער הייליקער צענטראַלער שטאָט; ער, דער וויזיאָנער, תּהלים־שעפער — ער זאָל האָבן צו טאָן מיט אַזאַ אַפערע? און אַלס קאָנסעקווענץ און עונש — פאַר־פלאָנטערנישן און אינטריגעס אין זיין הויף... דאָס אַלץ בלייבט פאַרהוילן פון אונדז און מיר האָבן נישט קיין רעכט דן צו זיין דעם מלך ישׂראל, וואָס איז געבליבן „חיי וקים״ לעולמי עד.

מעגלעך, אַז דערפאַר וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל התלהבות און ליבשאַפט צו השם־יתברך און צו זיין פאָלק ישׂראל; האָט זיך מוסר־נפש געווען צו צעמענטירן אחדות־ישׂראל און איינגעשטעלט פעסטע און נאַטירלעכע גרענעצן, אפשר דערפאַר האָט ער באַוויזן דעם גרויסן כּוח פון מעדיטאַציע און תּשובה און איז געבליבן דער אייביקער קעניג.

דוד המלך איז געווען דער קעניג, וואָס האָט געקענט רעדן די שאַרפסטע

ווערטער צו זיין יוגנט־געליבטער, פאַר וועלכער ער האָט ריזיקירט מיטן לעבן — צו דער סנאָבישער מיכל, די טאָכטער פונעם ערשטן קעניג, ווען זי האָט אים באַגעגנט מיט שטראָפרייד פאַר זיין באַווייזן זיך ווי איינער פונעם פאָלק, בעת ער האָט אַריינגעפירט דעם הייליקן אָרון מיט טיפער פרייד און הייליקן עקסטאַז:

„...פאַר גאָט וואָס האָט מיך, איידער דיין פאָטער, אויסגעקליבן צו זיין קעניג... פאַר גאָט וועל איך מיך פריילעך מאַכן און איך וועל זיך נאָך קלענער האַלטן... איך וועל זיין שפל אין מיינע אויגן און מיט די דינסטן, וואָס דו זאָגסט (זי האָט אָנגערופן די יידישע פאָלקס־פרויען דינסטן — נ. ש.) מיט זיי, טו איך זיך אָן כבוד...[29] אין דעם איז באַשטאַנען דודס גרויסקייט.

ב. די חכמי התלמוד האָבן פאַרענטפערט דודס מעשׂה מיט בת־שבען. — געזוכט צו באַווייזן זיין אומשולד. — ער האָט געוויזן דעם וועג פון תשובה.

די חכמי התלמוד האָבן מיט אַלע מיטלען און מעגלעכקייטן פאַרענטפערט דודס מעשׂים און אים אומשולדיק געמאַכט, באַטאָנענדיק, אַז דאָס איז געווען מאָמענטאַלע תאווה: „כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה"[1] — האָבן זיי קאַטעגאָריש דערקלערט. אויף אַן אַנדער אָרט[2] ווערט פאַרענטפערט, אַז זיין האַנדלונג איז געווען דער גרויסער נסיון; דער רבונו־של־עולם האָט אים געוויזן, אַז די אָבות האָבן אויסגעהאַלטן נסיונות — אָבער דו, דוד מלך ישׂראל, האָסט דעם נסיון נישט אויסגעהאַלטן.

אַז מען זוכט נאָך ביי די מפרשי התלמוד, געפינט מען אַ סיבה פאַר זיין נישט אויסהאַלטן דעם נסיון. דוד איז געווען הייסבלוטיק און האָט זיך נישט געקענט קאָנטראָלירן, ווען ס'איז געקומען צו אַזאַ תאווה ווי אין פאַל בת־שבע. ער האָט געזעטיקט זיין תאווה מיט איר ביי טאָג[3], דורך קוקן אויף איר, און ס'האָט נישט געהאָלפן. זיי ווייזן אָן אויף דער תאווה־שפּיל ביי דוד מלך ישׂראל חי וקים און תהלים־ליריקער. זיי ווייזן, ווי שווער עס איז אים געווען איינצוהאַלטן די תאווה. ווען ער האָט דערזען בת־שבען זיך באַהאַלטן הינטער אַ בינשטאָק, האָט ער געוואָרפן אַ פייל און די בינשטאָק איז אומגעוואָרפן געוואָרן; ער האָט זי דאַן דערזען נאַקעט. וואָס ווייטער עס האָט פּאַסירט ווערט שוין אין פּסוק איבערגעגעבן[4] מיט אַלע איינצלהייטן. די חז"ל אינטערפּרעטירן די דאָזיקע שפּיל, די שפּיל מיטן יצר, אַז דוד האָט זיך געלאָזט פון אים פירן, בכדי מ'זאָל נישט זאָגן, אַז ער האָט מנצח געווען דעם רבונו־של־עולם, „דלא לימרי עבדא זכי למרי"[5].

איניקע אמוראים פאַרנעמען זיך מיט דער גענעאָלאָגיע פון דוד און בת־שבע און באַמיִען זיך צו באַווייזן, אַז זי האָט לכתחילה געהערט צו דודן, „כי אני לצלע נכון"[6] איז געמיינט די דאָזיקע פרוי, נאָר ס'איז נגזר געוואָרן אויף אים, ער זאָל

זי דאַרפן נעמען בעבירה, ווי ער דריקט זיך אויס: „ומכאובי נגדי תמיד”[7]. ער האָט טייער באַצאָלט: ער האָט פאַרשעמט די סנהדרין וואָס האָבן אים געדאַרפט משפטן מיט חנק, ווייל ער האָט מזנה געווען מיט אַן אשת־איש; די שכינה האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן; ער איז קרעציק געוואָרן; זיין זון אבשלום איז געוואָרן אַ בן־סורר ומורה און געלעבט מיט דודס פילגשים.

דוד המלך — ווערט אויך געזאָגט — איז געשטראָפט געוואָרן פאַר זיין נעמען אַ יפת־תואר — מעכה, די טאָכטער פון תלמי דעם קעניג פון גשור, וואָס ער האָט גענומען אין מלחמה[8]. אַ יפת־תואר געפאַנגען אין מלחמה איז דערלויבט — אָבער פון אַזעלכע קומען אַרויס זין אָפּקערער, פאַרדאָרבענע קינדער, ווי אבשלום, וועלכער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט קעגן פאָטער.

דוד המלך, דער נעים זמירות ישראל, איז געווען מלך, דיין, געפּסקנט הלכות נידה, מסתמא אויך געפּסקנט אַנדערע הלכות און אין מיטן נאַכט פלעגט זיין פידעלע אָדער האַרף אים אויפוועקן צו זינגען לויבגעזאַנגען, „חצות לילה אקום להודות”... ער שעמט זיך גאָר נישט און מיט שטאָלץ דערציילט ער, אַז ער האָט זיך נישט צוריקגעהאַלטן צו האָבן אינטימע באַציִונגען מיט אַלע זיינע אַכצן ווייבער, אַפילו שוין אויף די עלטערע יאָרן: „אָמר רב יהודה אָמר רב, אַפילו בשעת חוליו של דוד קיים שמונה עשרה עונות” — מען לערנט עס אַרויס פונעם פסוק „יגעתי באנחתי אשחה בכל לילה, מטתי בדמעתי ערשי אמסה”[9]. דער אויספיר איז, אַז מ׳האָט אים מוחל געווען די זינד פון בת־שבע, ווייל בשעת שלמה, זיין זון, האָט אַריינגענומען דעם אָרון־הקדוש אין קדשי־קדשים, איז אין יענעם מאָמענט „נהפכו פני שונאי דוד כשולי קדירה וידעו כל ישראל שמחל לו הקב”ה על אותו עוון”...[10]

ווי ס׳לערנט די גמרא: „כל העושה עבירה ומתבייש בו מוחלין לו”[11] — דער וואָס באַגייט אַן עבירה, אָבער שעמט זיך דערמיט, איז מען אים מוחל. דוד המלך האָט זיך געשעמט, חרטה געהאַט און מתפלל געווען מ׳זאָל אים מוחל זיין. זיינע תפילות זענען אָנגענומען געוואָרן, ער זאָל ווערן דער אייביקער מלך־ישראל און פון אים זאָל אַרויסקומען דער מלך־המשיח.

דעם בית־המקדש, סימבאָל פון שלום און פון העכסטער הייליקייט, האָט מען אים אָבער פאַרווערט צו בויען, נישט געקוקט, וואָס ער האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר דעם דאָזיקן בית ד׳ און נישט געקוקט וואָס די מלחמות, וועלכע ער האָט אָנגעפירט זענען געווען מלחמות־מצווה. דער נביא זאָגט אים מיטן האַרבן וואָרט: „דם לרב שפכת ומלחמות גדולות עשית, לא תבנה בית לשמי, כי דמים רבים שפכת ארצה לפני” — אַ סך בלוט האָסטו פאַרגאָסן; גרויסע מלחמות האָסטו געפירט. קענסט נישט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען, ווייל דו האָסט צו פיל בלוט פאַרגאָסן...[12]

ביי דוד המלך איז געווען, דאַרף מען צוגעבן, נישט בלויז תשובה און חרטה אויף באַגאַנגענע זינד און פעלערן, נאָר ער איז אויך געווען, ווי ער ווערט גע־שילדערט אין דער אגדה, דורכגעדרונגען מיט תורה — און תורה ראַטעוועט!

אומצייליקע מאָל דערציילט ער ווי ער איז תמיד געווען אונטער תורה־השפעה: „לעשות רצונך אלהי חפצתי, ותורתך בתוך מעי" [13] — דיין תורה איז געווען אין מיין איינגעווייד. מען קאָן ציטירן צענדליקער און צענדליקער פסוקים וועגן זיין עניוות און וועגן זיין ליבע צו תורה.

מיר וועלן בלויז ברענגען מוסטערן:

„ואני בער ולא אדע בהמות הייתי עמך" [14] — ווייל איך בין געווען פאַרגרעבט (יהואש — נ. ש.) און פלעג נישט וויסן; ווי אַ בהמה בין איך געווען פאַר דיר.

וועלכער קעניג וואָלט דאָס געזאָגט אויף זיך, וועגן זיך?...

גיבן מיר אַ מיש אין די בלעטלעך פון „אשרי תמימי דרך" [15] — וויפל מאָל באַטאָנט ער און מעדיטירט וועגן זיין ליבשאַפט צו תורה:

„ואשמרה תורתך תמיד" [16] — און איך וועל תמיד היטן דיין תורה, און ווייטער; די בייזוויליקע האָבן געשפּאָט פון מיר, איך האָב אָבער פון דיין תורה נישט אָפּגענייגט — „מתורתך לא נטיתי" [17].

די תורה איז געווען זיין פרייד, זיין קוויקונג: „כי תורתך שעשעי" [18], און ווי ער דריקט זיך אויס, אַז ווען נישט די תורה וואָלט ער געגאַנגען פאַרלוירן, אונטערגעגאַנגען, נישט אויסגעהאַלטן די פּיין און לייד: „לולי תורתך שעשעי, אז אבדתי בעניי" [19] און נאָך און נאָך אַזעלכע פסוקים. די תורה האָט אים דער־הויבן, אים געגעבן חיות און אים געמאַכט פאַר דעם אייביקן מלך ישׂראל. נישט געקוקט אויף זיינע פעלערן, „כי אדם אין צדיק בארץ"... איז ער געוואָרן מלך חי וקים!

דוד המלך (געב. ב' תתנ"ד—906; נפטר בן שבעים, ב' תתקכ"ד), דער צוויי־טער קעניג אין ישׂראל, גרינדער פון מלכות בית דוד, דערהויבן (פון פּאַסטעך — אַ רועה־צאן), ווי משה רבינו צום העכסטן טיטל, סיי אַלס „נעים זמירות ישׂראל", וועמעס תּפילות עס זענען געבליבן אין דער יידישער אייביקייט, סיי אַלס חסיד, „שמרה נפשי כי חסיד אני" [20] — באַהיט מיין זעל, נשמה, וואָרום איך בין פרום. ער, דער מעכטיקער קעניג, דאַרף נישט מ'זאָל אים פאַרענטפערן, פאַרטיידיקן.

דוד המלך האָט פאַראייניקט און פאַרגרעסערט אונטער זיין פאָן די שבטים און דאָס לאַנד; ער האָט איינגעשטעלט אַ דיסציפּלינירטע אַרמיי, אַ סיסטעם פון ציווילער אָרדענונג און נאָך דעם, געקענט זיך באַווייזן הכנעהדיק צום פאָלק און גאָר באַשיידן, מיט יראה ופחד, זיך שטעלן פאַרן גאָט פון ישׂראל. ער האָט זיך מתוודה געווען אויף זיינע זינד און מקבל געווען באהבה די שטראָף אויף זיך און זיין פאַמיליע [21].

דוד המלך האָט באַוויזן, מער ווי וועלכע נישט איז אַנדערע פּערזענלעכקייט, מקבל צו זיין די אָנפאַלן פון זיינע אייגענע זין, ווי דעם אויפשטאַנד פון אבשלום, דאָס וועלן פאַרכאַפּן דעם טראָן דורך זיין זון אדוניה, דעם רעוואָלט פון געוויסע פירערס און דעם אָנזאָג פון טראַגעדיעס אין זיין מלכותדיקן הויף: „ועתה לא תסור חרב מביתך עד עולם"[22].

נישט געקוקט אויף די אַלע געשעענישן, איז ער געבליבן דער „נר ישראל" און „משיח אלקי יעקב" — ער איז דער לייכטטורעם פאַר אַלע צייטן און פאַר אַלע דורות, ביז משיח בן דוד וועט זיך באַווייזן אין זיין פולער פּראַכט.

נישט אומזיסט ווערט זיין נאָמען דערמאָנט אין תנ"ך מער ווי טויזנט מאָל: אַ זכות, צו וועלכן אַפילו די פּאַטריאַרכן — די אָבות פון יידישן פאָלק — האָבן נישט דערגרייכט.

ווי דער געזאַלבטער פון גאָט און אויסדערוויילט פונעם פאָלק[23], איז דוד המלך געבליבן דער סימבאָל פון מאַיעסטעטישער מלוכהשאַפט.

די פאַרהערלעכונג פאַרן קעניג דוד איז געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי ר' יוחנן גיט איבער אין נאָמען פון ר' שמעון בן יוחי, אַז דער גאַנצער ענין פון דער בת־שבע־זינד איז בלויז געווען „להורות תשובה", בכדי צו קענען זאָגן צו אַ מענטשן וואָס האָט געזינדיקט, ער זאָל נישט פאַלן ביי זיך, ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין עצבות און נישט וועלן טאָן תשובה. מען זאָגט צו אַזאַ מענטשן: זע, אַפילו דוד, דער מלך ישראל, האָט געזינדיקט און אַז ער האָט תשובה געטאָן, האָט מען אים מוחל געווען די זינד.

די גרויסקייט פון דוד המלך — ווי אַ צוגאָב צו געניאַלקייט אין פירערשאַפט, אין סטראַטעגיע, אין מלכות און, דערצו, דער מעדיטירער, ליריקער, דער „נעים זמירות ישראל" — איז אויך באַשטאַנען אין לערנען תורה, אין פאַרנעמען זיך מיט פּסקענען הלכות, אין זיין שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן בית־דין, און דעריבער איז ער פאַרוועבט געוואָרן אין דער יידישער אגדה אַלס מתמיד אין תורה און אַז דער מלאך־המוות האָט אים נישט געקענט בייקומען און געדאַרפט זוכן קונצן ווי אים צו כאַפּן, און הקב"ה האָט אים געלאָזט וויסן: „טוב לי יום אחד שאתה יושב ועוסק בתורה מאלף עולות שעתיד שלמה בנך להקריב לפני על גבי המזבח"[24].

דוד המלך איז געווען דער וואָס האָט זיך אויסגעדריקט: „זדים הליצנו עד מאד, מתורתך לא נטיתי" — די שלעכטע האָבן זייער געשפּעט פון מיר, פון דיין תורה האָב איך זיך נישט אָפּגענייגט"[25].

אין תנ"ך, וויסן מיר, באַהאַלט מען נישט די זינד אַפילו ביים גרעסטן מענטשן. מען ווייזט אָבער אויף דעם כוח פון תשובה וואָס ווישט אָפּ זינד. דעריבער: „כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה" (שבת, נ"ה, ע"ב). די גרויסקייט באַשטייט

אין דעם וואָס מען פּועלט ביי זיך, מתוודה זיין און חרטה האָבן (הרב ש. ק. מירסקי, ספר השנה, ז׳, ז״ז 163־164).

ווען די מטרוניתא האָט געפרעגט ר׳ יוסין, ווי איז דאָס מעגלעך, אַז יוסף, אַ זיבעצן יאָריקער בחור, אין זיין פולער צרייצטקייט, זאָל זיך קאָנען קאָנטראָלירן, האָט ער איר געענטפערט: די מעשה ראובן ובלהה, יהודה ותמר באַווייזט קלאָר, אַז די תורה האָט נישט פאַרדעקט זייערע מעשים... וואָלט די תורה אַוודאי נישט פאַרדעקט די מעשים פון יוסף „שהוא קטן וברשות עצמו...״ (בראשית רבה, פ״ז, ו׳) איז דערפון געדרונגען, אַז יוסף הצדיק האָט באַוויזן זיך צו קאָנטראָלירן, אויס־האַלטן דעם נסיון. אויף בועזן, וואָס רות איז געלעגן אַ גאַנצע נאַכט ביי זיינע פיס..., ווערט געזאָגט, אַז ער האָט זיך נאָך מער קאָנטראָלירט. ביים ערשטן איז געווען „שקר החן״ און ביים צווייטן „הבל היופי״ (סוטה, ל״ו, ע״ב; סנהדרין, כ׳, ע״א; ר׳ צדוק הכהן, צדקת הצדיק, אות נ״א).

ג. אויסגעלאַסנקייט אין דודס הויז. — די אמנון־תמר־טראַגעדיע. — שלמה המלך מיט זיינע ווייבער. ווי מיר האָבן פריִער אָנגעמערקט, האָט דוד זיך געגנוג אָנגעליטן צוליב זיין אַקט מיט בת־שבען: צרות אויף צרות האָבן אים באַגלייט זינט ער איז אַרויף אויפן קעניגלעכן טראָן. די צרות האָבן זיך גענומען מערסטנס צוליב זיין באַזאָרגן זיך מיט אַ גרעסערער צאָל ווייבער און, במילא, אַ גרעסערער צאָל קינדער.

דערציילט אונדז די גמרא [1], אַז דוד האָט געהאַט פרויען „בכתובה ובקדושין״ און פּילגשים, קעפּסווייבער, „בלא כתובה ובלא קדושין״ — אָן דער חתונה־צערע־מאָניע כּדת משה וישראל; און קינדער, ווייזט אויס, זאָל ער געווען האָבן פון אַלע: „אמר רב יהודה אמר רב: ד׳ מאות ילדים היו לו לדוד וכולן בני תואר...״ פיר הונדערט שיינע קינדער האָט דוד געהאַט. תּמר איז געווען באַזונדערס אויסגע־צייכנט מיט שיינקייט און אמנון, פאָלגנדיק די עצה פונעם קוזין יונדב, האָט זיך געמאַכט קראַנק, כּדי זי זאָל אים באַדינען — און ביים זיין אַליין מיט איר, האָט ער זיך געבעטן ביי איר — „בואי שכבי עמי״. ווען זי האָט אים אָפּגעזאָגט, האָט ער זי פאַרגוואַלדיקט און דערנאָך אָפּגעשטויסן, פאַרשעמט און פאַריאָגט...

תּמרס ברודער, אבשלום, דערהערנדיק פון אמנונס טאַט, האָט אויספּלאַנירט ווי אַזוי נקמה צו נעמען אין אמנונען, פאַר זיין מיסברויכן און פאַרשעמען זיין שוועסטער.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין פּסיכאָלאָגיש־פרוידיאַנישע אַנאַליזן. דער פאַקט איז: אין דודס הויז האָט פּאַסירט דער מיאוסער אַקט, אַ סאַדיסטיש־סעקסועלער אַקט — באַצווינגען אַ „הויז״־שוועסטער, אויב מ׳זאָל אַפילו אָננע־

מען, אַז זיי זענען נישט געווען לײַבלעכע שוועסטער־ברודער, אָבער דאָך אין מלך דודס הויז.

אבשלום האָט אויסגעפירט זיין מערדערלעכע נקמה. אַוועק אַ צעקריגטער פון דער היים און נאָך דעם, צוליב האַס און שׂנאה צו דער פירערשאַפט, באַשלאָסן אָוועקצונעמען די מלוכה פון זיין פאָטער. ער איז אַרויס אין אַן אָפענער מלחמה קעגן אים און דוד האָט געדאַרפט פאַרלאָזן ירושלים, זיין רעזידענץ.

ווי דעם ערשטן נקמה־אַקט אין פאָטער, האָט אבשלום באַוויזן צו פאַרכאַפן און באַצווינגען דעם פאָטערס עשׂר פלגשים [2]. דער סימן פון רעוואָלט זאָל גאָר זיין, לויט דער עצה פון אחיתופל, צו באַהערשן דודס ווייבער... אַ תאווה וואָס איז אַפילו ביי אַנדערע פעלקער נישט טאָלערירט געוואָרן. דאָס איז געווען נישט קיין קליינער עונש פאַר דודן.

אבשלום איז געטויט געוואָרן. געבליבן איז לזכּרון דער „יד אבשלום" און די געשיכטע פון אַ זונס פאַרמעסט קעגן פאָטער.

אין די לעצטע טעג האָט דוד געדאַרפט באַווייזן זיין כּוח פאַר בת־שבען, וועלכע האָט ביים אַריינקומען צו איר געליבטן מאַן, געטראָפן דאָס יונגע שונמית־מיידל אויף זיין שויס, וואַרעמען דעם אַלטן קעניג, וועלכער איז שוין שוואַך און האָט שוין נישט קיין כּוח זיך צו פאַרמעסטן אינעם פּאָליטישן געראַנגל צווישן זיינע גענעראַלן; דערצו דער „ריב אחים" וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין דער פולסטער שאַרפקייט. אין יענעם מאָמענט קומט בת־שבע און דערמאָנט אים וועגן זיין צוזאָג, אַז שלמה וועט זיין קעניג נאָך אים.

דער מלך דוד האָט צוריקגעקראָגן זיין גייסטיקע און פיזישע גבורה, פּראָ־קלאַמירט שלמהן אַלס טראָן־נאָכפאָלגער, קעגן דעם רעוואָלטירנדיקן אדוניה בן חגית און אָנגעזאָגט זיין זון, ווי אַזוי ער זאָל זיך פירן ביים איבערנעמען דאָס מלכות.

דער גורל האָט אָבער באַשטימט, אַז אָט דער שלמה המלך, דער וואָס האָט געקראָגן פון גאָט אַלץ וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, „חכמה לרוב"... ויחכם מכל האדם" [3], דער וואָס האָט געקענט די שפּראַך פון אַלץ וואָס האָט חיות [4] און גע־שאַפן 1005 געזאַנגען („ויהי שירו חמשה ואלף") — ער אַליין זאָל אַריינפאַלן אין אַ נעץ פון פרויען.

תורת־משה לערנט: „לא ירבה לו נשים" [5] — דער קעניג זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט מערן זיין צאָל ווייבער — אָבער שלמה המלך פאַרלאָזט זיך אויף זיין חכמה און דערלויבט זיך דעם דאָזיקן לוקסוסדיקן פאַרגעניגן, ביז ער באַ־שליסט זיך משדך צו זיין מיט פּרעהן, צו נעמען זיין טאָכטער, צוליב כּל־מיני טעמים און מאָטיוון; זי ברענגט אָבער אַריין די תּועבות מצרים אין הארץ פון „מצודת דוד וציון"...

מיר האָבן אין תנ״ך שילדערונגען פון מענטשלעכע שוואַכקייטן. אַפילו ביי משה רבינו ווערן אָנגעוויזן געוויסע מענטשלעכע פּגימות; ער, דער איש אלהים, מיט וועמען דער רבונו־של־עולם שמועסט „פּנים אל פּנים״ — אויך ער האָט זיך פאַרלוירן ביי „מי־מריבה״ און ביי נאָך אייניקע אומשטאַנדן; און זיין פאָלק — דער דור המדבר, דער דור הדעה, דער דור וואָס האָט אים געהאַט אַלס פירער און מחוקק, וואָס האָט מקבל געווען און איבערגעגעבן די תורה — האָט אים חושד געווען אין זנות [6].

און דאָ, שלמה המלך! אויף אים, דעם אַזוי קלוגן און געלערנטן, זאָל דער פּסוק זאָגן: „והמלך שלמה אהב נשים נכריות רבות... אכן יטו לבבכם אחרי אלוהיהם... בהם דבק שלמה לאהבה״ [7]. אויף דעם וואָרט לאהבה דריקט זיך אויס ר׳ שמעון בן יוחאי „ממש לזנות״ [8]; און ווייטער: די תורה וואָרנט קעגן האָבן פאַרקער מיט אַן אשת־איש וואָס די שטראָף דערפאַר איז אַ שרעקלעכע: „וצבתה בטנה״ [9] (און איר בויך וועט געשוואָלן ווערן) און ער, שלמה, פאַרגעסט דעם אָנזאָג. די תורה וואָרנט נישט צו טרינקען קיין וויין, ווייל אין שיכרות קאָן דער מענטש זיך פאַרגעסן און זיך פאַרנעמען מיט זנות — צעלאַזנקייט — און זנות מיינט, לויט אַ מדרש: נשים נכריות, פרעמדע ווייבער, לעבן מיט נישט־יידישע פרויען [10].

שלמה המלך, דער וואָס האָט דערגרייכט די דירעקטע פאַרזיכערונג פון הקדוש־ברוך־הוא: „הנה נתתי לך לב חכם ונבון אשר כמוך לא הי׳ לפניך ואחריך לא יקום כמוך״ [11] — ער זאָל זיין פאַרטאָן מיט ווייבער און ווייבער, ביז צו נעמען זיי אויך פון פרעמדע פעלקער, אַפילו פון די אַרומיקע פיינטלעכע פעלקער.

ער, דער קעניג וואָס האָט צוגעטראָגן צום תנ״ך די „כתובים״ משלי און קהלת, אין וועלכע ס׳רעדט זיך אַזוי פיל וועגן דערווייטערן זיך פון זנות און פון האָבן צו טאָן מיט ווייבער... אין זיין פּאַלאַץ זאָל גאָר אַ תאוהדיק לעבן געפינען דאָס באַקוועמסטע אָרט ?!

ער, דער קליגסטער מענטש, זאָל געפינען זיין גן־עדן אין פיזישער, לוסט־פולער תאווה, ווי ביי די פערסיער, מיט קעפּסווייבער, אָדער הינט, „והשגל יושבת״...

ס׳איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס ביי אים זאָל דער ערשטער משפּט זיין וועגן צוויי זונות [12]. אגב, ביים דאָזיקן משפט איז אויך באַוויזן געוואָרן, אַז אַפילו אַ פרוי מיט אַ „מצח אשה זונה״ [13], האָט נישט פאַרלוירן אירע מוטער־לעכע געפילן.

שלמה המלך, דורך זיין פאַרברענגען מיט פרויען פון כנענישן און אַנדערן אָפּשטאַם, האָט פאַרלוירן זיין חכמה, פאַרלוירן זיין קרוין. מיט זיין ברענגען פרעהס טאָכטער אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, האָט ער דערפירט צו אַ מאָראַלישער ירידה און עטישער פאַרדאַרבונג און לסוף גורם געווען צו דעם געבורט פון

רוים, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן יהודה און געבראַכט אויף יידן דעם קנאַפּן צוויי טויזנט יאָריקן גלות.

זיין אייגענע פּיין איז געווען, לויט דער אגדה[14], וואָס דער אשמדאי, דער קעניג פון די שדים, זאָל זיך האָבן פאַרשטעלט אין מלכס צורה, אין זיינע קעניג־לעכע מלבושים און געקומען צום מלכס פרויען[15]. זיין אומגעצוימטע ליידנשאַפט האָט דערפירט צו אָט דער ירידה. זיין פאַרשוועכן די תורה־מאָראַל מיטן דער־לויבן זיך צו האַנדלען אין קעגנזאַץ צו דער קאָנווענציאָנעלער איינשטעלונג פון יידישן לעבן, האָט דערפירט, אַז דער אשמדאי זאָל צעשטערן דעם קוואַל פון זיין יוגנטפרייד, ווען וועלכער ער דריקט זיך אויס: „יהי מקורך ברוך ושמח מאשת נעוריך"[16] — זאָל דיין קוואַל זיין געבענטשט און פריי זיך מיט דער ווייב פון דיין יוגנט, „באהבתה תשגה תמיד"!

מיר וואָלטן אפשר געדאַרפט, כדי צו דערגאַנצן דעם פּרק, ברענגען עפּעס וועגן זנות ביי יידן אין דער צייט פון ערשטן בית־המקדש; גענוג צו דערמאָנען מנשה בן חזקיה, וואָס האָט זיך אַפילו נישט צוריקגעהאַלטן פון לעבן מיט זיין שוועסטער[17] — און נאָך אַזעלכע תכשיטים צווישן די מלכי ישראל ויהודה. ווען חזקיה האָט אָבער געוואָלט זיך צוריקהאַלטן פון האָבן קינדער, ווייל ער האָט געזען אַז ער וועט האָבן שלעכטע קינדער, איז ער דערפאַר געשטראָפט געוואָרן: „בהדי כבשי דרחמנא למה לך". קיינער האָט נישט קיין רעכט זיך צו מישן אין די געטלעכע יצירה־סודות. דער מענטש דאַרף מקיים זיין די מצווה „פרו ורבו", אַפילו ווען דאָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ צעשטערונג — בפרט נאָך, ווען דאָס קאָן ברענגען דורות.

די בעלי־אגדה האָבן — ווי געזאָגט — זיך נישט אָפּגעהאַלטן צו דערציילן וועגן מענטשלעכע שוואַכקייטן, אַפילו ביי די גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. זיי האָבן זיך גאָר נישט צוריקגעהאַלטן צו דערציילן, אַז געוויסע פרויען האָבן בלויז מיט דערמאָנען זייער נאָמען דערוועקט חשק און תאווה: „רחב בשמה זינתה"[18] אביגיל — מיטן דערמאָנען איר נאָמען; די ערשטע איז געוואָרן דאָס ווייב פון יהושע בן־נון, וועלכער האָט כובש געווען דאָס לאַנד; די צווייטע האָט זוכה גע־ווען זיך צו פאַרבינדן מיטן מלך דוד.

פון די מואבים האָט מען זיך געדאַרפט דערווייטערן, אָבער רות המואביה, די קלאַסישע גרטע, איז געוואָרן די מוטער פון מלכות. ירמיה הנביא, לויט דער אגדה, איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון רחב הזונה.

ווען מען דערמאָנט די דאָזיקע נעמען, דאַרף מען דערביי דערמאָנען די הלכה (פאָרמולירט פון רמב"ם[19]), אַז די מילה, דער ברית־אברהם, איז געווען אָפּצו־זונדערן יידן פון אַנדערע פעלקער; דער וואָס פאַרברעכט דעם דאָזיקן ציל און

האָט אינטימע באַציִונגען מיט פרעמדע ווייבער, איז לויטן רמב״ם אַ פושע... אַ בוגד... וואָס ברענגט קינדער פאַר פרעמדע געטער.

דער רמב״ן שרייבט צו זיין זון יהודה אין קאַסטיליע: „זאָלסט וויסן, אַז אונדזער גאָט האָט פיינט זימה — אויסגעלאַסנקייט, און בלעם האָט נישט געפונען קיין אַנדער וועג צו לאָזן פאַלן יידן ווי דורך אַריינגאַרן זיי צו די מואַבטעכטער און דערמיט פאַרשוועכן דעם בונד פון אברהם אָבינו...[20]

אָבער מענטשלעכע שוואַכקייטן? ווער קאָן זיי בייַקומען און ווי אַזוי קען מען זיי קאָנטראָלירן?

הערות

א

1 זע, „באַציונג צו דער פרוי״, באַנד 1.
2 פסחים, קי״ג, ע״ב.
3 שמואל א׳, ב׳, י״ב-י״ז.
4 דאָרט, דאָרט, כ״ב.
5 עבודה זרה, ס״ה, ע״א.
6 „אל תתן לנשים חילך״ — זאָלסט נישט אַוועקגעבן אויף ווייבער דיין כוח — משלי, ל״א, ג׳.
7 זע, זאב משה (ראַביי ד״ר גאנטער וו.) פלאוט, האמנם, עם נבחר? ז״ז 14-15.
8 ויך בפלשתים מ אָ ת י ם איש... ויתן לו שאול את מיכל בתו לאשה... שמואל א׳, י״ח, כ״ז.
9 שמואל ב׳, ג׳, י״ג-ט״ז.
10 שמואל ב׳, ו׳, כ״ג.
11 דאָרט, דאָרט, ג׳, ה׳.
12 רש״י אויף ביידע פסוקים אין שמואל און אין דער גמרא.
13 של״ג, שמואל ב׳, ו׳, כ״ג.
14 זע, מגילה, י״ד, ע״א.
15 סוכה, נ״ב, ע״ב.
16 שמואל א׳, ט״ז, י״ב; סנהדרין, ק״ו, ק״ז.
17 שמואל ב׳, י״א, ג׳.
18 סנהדרין, ק״ז, ע״א.
19 ר׳ שלמה הכהן דומו״צ בווילנא, גיט צו אין זיינע הגהות: „דע כי בלשון חז״ל נקראת התאנה בנות שבע... ולכן אָרז״ל על בת שבע שאכלה פגה״. רש״י, דאָרט טייטשט מטתי — תשמיש המטה, געשלעכטלעכער באַציונג און טייטשט דעם „סחי ומאוס״... שבשעת דמעתי אני ממאיס את מטתי בתשמיש... זינדיקער „סעקס״ האָט דוד אין זיין ווידוי, געהאַלטן פאַר מיאוס, אומווירדיק.
20 תהלים ו׳, ז׳ — „איך מאַך צעגיין אין מיינע טרערן מיין בעט״ — יהואַש-איבערז.
21 שמואל ב׳, י״ב.
22 בראשית, י״ב, י״ב.

23 מלכים, א׳, פרק א׳.
24 דאָרט, רש״י: כי היא מחממת יותר מן הבעולה שבתוליה מחממים את בשרה... נערה דווקא ולא בוגרת... ס׳ווערט אָנגעוויזן אויף רש״יס שיטה אין כתובות, ט׳, ע״א, אַז אויך אַ בוגרת באַזיצט דם בתולים — זע שיטה מקובצת.
25 לויט די חז״ל, האָט די יונגע אבישג געטענהט, אַז ווייל ער איז אַלט און שוואַך, רעדט ער איר איין, אַז זי איז פאַרבאָטן צו אים, אַז ער טאָר נישט האָבן מער ווי די זעקס ווייבער... מיט בת שבעס אַריינקום, האָט ער איר איבערגעצייגט, אַז ער האָט נאָך כוח גברא: „באותה שעה קינחה בת שבע בשלש עשרה מפות״ און רש״י קאָמענטירט: ער איז געקומען אויף איר דרייצן מאָל און זי האָט זיך געדאַרפט ווישן דרייצן מאָל... אין מיין בוך „באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעכער.
26 סנהדרין, כ״א.
27 זע, ר׳ צדוק הכהן, פרי צדק, וישב, אות י״ב.
28 ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ר״ה.
29 שמואל ב׳, ו׳, כ״א-כ״ב.

ב

1 שבת, נ״ה, ע״ב-נ״ו, ע״א; זוהר, ב׳, ק״ז, ע״א.
2 אין אַ פריערדיקן פרק און אין מיין ווערק, „באַציונג צו דער פרוי״ באַנד 1 — אויספירלעכער.
3 אמר רב יהודה, „שהפך משכבו של לילה למשכבו של יום...״ פאַר וואָס האָט ער עס געטאָן? — דערקלערט רש״י, ער זאָל זיך זעטיקן בייטאָג מיט תאווה, וועט ער נישט טראַכטן דערפון ביינאַכט: „ולא יהרהר אחר אשה כל היום״. ס׳ווערט אָבער צוגעגעבן: „ונתעלמה ממנו הלכה״, ער האָט פאַרזען און פאַרגעסן. וואָס עס ווערט געזאָגט: „אבר קטן שבאָדם, משביעו — רעב; ומרעיבו — שבע״... ווי רש״י דערקלערט: שהמשביע אברו בתשמיש, רעב ומרבה תאווה... זע, סוכה, נ״ב, ע״ב.
4 שמואל ב׳, י״א.
5 סנהדרין, ק״ז, ע״א.
6 תהלים, ל״ח, י״ח.
7 דאָרט, ו׳, ז׳ „איך בין מיד פון זיפצן, איך באַוואַש אַלע נעכט מיין געלעגער, איך מאַך צעגיין אין מיינע טרערן מיין בעט״ יהואָש, יידיש-איבערזעצונג.
זע, סנהדרין, ק״ז, ע״א און ע״ב און רש״י, אויפן אָרט.
8 סנהדרין, דאָרט.
9 בראשית, מ״ט, י׳; סנהדרין, ה׳, ע״א; ברכות ג׳, ע״ב, וועגן זיין צדקות און באַנעמונג צום פאָלק. זע אויך, הרב שלום יחזקאל שרגא רובין-האַלבערשטאַם, המאור, כסלו-טבת, תשל״ג.
10 סנהדרין, ק״ז, ע״ב. מ׳האָט דוד המלך נישט געוואָלט לאָזן וויסן ביים לעבן, אַז מ׳האָט אים מוחל געווען אויף זיינע זינד, נאָר ערשט אין צייט פון זיין זון שלמה, „בחייך איני מודיע, אבל אני מודיע בחיי שלמה״.
11 ברכות, י״ב, ע״ב.
12 דברי הימים, א׳, כ״ב, ז׳.
13 תהלים, מ׳, ט׳.
14 דאָרט, ע״ג, כ״ב.
15 דאָרט, קי״ט.
16 דאָרט, קי״ט, מ״ד.
17 דאָרט, קי״ט, נ״א.
18 דאָרט, קי״ט, ע״ז.

19 דאָרט, קי״ט, צ״ב.
20 דאָרט, פ״ו, ב׳ — יהואָש-איבערזעצונג.
21 ראש השנה, כ״ה; זוהר, ויגש, ר״ז, פקודי, ר״ב.
22 שמואל ב׳, י״ב. י׳.
23 דאָרט, דאָרט, כ״ג, א׳.
24 ע״ז, ה׳, ע״ב — רש״י: „לתת פתחון פה לבעלי תשובה״. זע אויך, שבת, ל׳; שבת, קנ״א, ע״א; סוטה, מ״ט, ע״א.
25 תהלים, קי״ט, נ״א.

ג

1 סנהדרין, כ״א, ע״א.
2 זע, מנורת המאור, נר א׳, י״ד.
3 מלכים א׳, ג׳, י״ב-י״ג; כ״ד; ה׳, ט-י״ד.
4 דאָרט, דאָרט, ה׳, י״ב-י״ג.
5 דברים, י״ז, ט״ז; רמב״ם, ספר המצוות, ל״ת, שס״ד.
6 סנהדרין, ק״י, ע״א; מועד קטן, י״ח, עב.
7 מלכים, א׳, יא, א׳-ב׳.
8 במדבר רבה, י׳, ד׳.
9 במדבר, ה׳, כ״ב, כ״ז.
10 במדבר רבה, י׳, ד׳.
11 מלכים א׳, ג׳, י״ב. איך האָב דיר געגעבן אַ קלוג און פאַרשטאַנדיק האַרץ אַז אַזאַ ווי דו איז נישט געווען פאַר דיר און נאָך דיר וועט נישט אויפשטיין אַזאַ ווי דו — יהואָש-איבערזעצונג.
12 דאָרט, דאָרט, דאָרט, אויך ט״ז-כ״ו.
13 ירמי׳ ג׳, ג׳.
14 גיטין, ס״ח.
15 זע, משנת אברהם, סמ״ג, רמ״ד, אות ג׳ אין שייכות מיט אשמדאיס לעבן — באָ על נשי המלך, וועגן דעם איסור אשת-איש.
16 משלי, ה׳, י״ח-י״ט.
17 סנהדרין, ק״ג, ע״ב. זע, אברהם יצחק כ״ץ, וועגן מנשה בן חזקיהו, סיני, אָב-אלול, תשכ״ט.
18 מגילה, ט״ו, ע״א.
19 מורה נבוכים, ג׳, ל״ה.
20 סנהדרין, ק״ו, ע״א.

קאַפּיטל פינף

תאווה געבוירן מיטן מענטשן

א. די צוויי יצרים. — דער יצר - הרע באַלד פון געבורט. — ווי מ׳זוכט צו קאָנטראָלירן, באַקעמפן און דערשטיקן. — קדושה אין תאווה. — וואָס עס ווערט געזאָגט אין קבלה־ספרים.

דער יצר־הרע, אָדער ווי מיר רופן עס די תאווה, קומט צוזאַמען מיטן געבורט פונעם מענטשן און נאָך מער: דאָס געבורט פונעם מענטשן איז אַ רעזולטאַט פון תאווה און איז פאַרוואָרצלט אין אים אַזוי לאַנג ווי ער פילט זיך יונג, פיזיש און גייסטיק שטאַרק נאָכצוקומען די גלוסטונגען.

דעם פסוק: „כי יצר לב האדם רע מנעריו" — וואָרעם די טראַכטונג פון דעם מענטשנס האַרץ איז שלעכט פון זיין יוגנט, קאָמענטירן די חז"ל: „משננער לצאת ממעי אמו נתן בו יצר הרע" — ווען ער גיט זיך אַ טרייסל אַרויסצוקומען פון דער מוטער טראַכט, באַלד פון געבורט איז דער יצר אינעם מענטשן און לאָזט אים נישט אָפּ ביזן סאַמע סוף פון זיין לעבן [1].

די חכמי התלמוד לערנען אונדז, אַז ווי נאָר דער מענטש קומט אויף דער וועלט ווערט ער באַשאָנקען מיט צוויי יצרים: יצר־טוב און יצר־רע און דעריבער ווערט געזאָגט „וייצר" מיט צוויי יודן [2], צו ווייזן אַז דער באַשעפער האָט געגעבן דעם מענטשן צוויי טראַכטונגען און ביידע געפינען זיך אין די „כליות" — די אברים וועלכע גיבן דעם מענטש דעם כוח פון עצה, פון פאַרשטאַנד (די נירן־פונקציעס — לערנען זיי — איז עצה); דער גוטער יצר געפינט זיך אויף דער רעכטער זייט פון האַרץ — און דער שלעכטער יצר אויף דער לינקער זייט, און זיי פירן צווישן זיך אַן אייביקע מלחמה [3].

ר׳ שמעון בן פזי, איינער פון די תנאים, באַקלאָגט זיך אויפן ביטערן געראַנגל, וואָס דער מענטש דאַרף דורכמאַכן דעם גאַנצן לעבן: „אוי לי מיצרי ואוי לי מיוצרי" — וויי איז מיר פון דעם יצר און וויי פון באַשעפער, פאַר וועמען מען דאַרף אָפּגעבן אַ חשבון פון אַלע מעשים. דעם אָנזאָג — „לא יהיה בך אל זר" — ס׳זאָל נישט זיין אין דיר קיין פרעמדער גאָט, האָבן די בעלי־אגדה אינטערפּרעטירט, אַז דאָס מיינט צו זאָגן: ס׳זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן אין דיר די באַהערשונג פונעם יצר־רע, וואָס פאַרנעמט זיך צו באַהערשן דעם מענטש און פירט אים צום אָפּגרונט [4]. דער יצר־הרע לויערט אויף יעדן און נישט איין

מאָל געלינגט אים אַריינצוכאַפּן אין זיין נעץ דעם פרומען, דעם געלערנטן — „אַפילו חסיד שבחסידים, אין ממנין אותו אפטרופוס על עריות" [5].

אויב געוויסע תאוות זענען מיט דער צייט אָפּגעשאַפט געוואָרן, איז אָבער די סעקסועלע תאווה, די זנות־ליידנשאַפט געבליבן מיט דער פולער שטאַרקייט און איז עפעקטיוו ביזן היינטיקן טאָג, ווייל די דאָזיקע תאווה איז נייטיק פאַר דער וועלט, די מענטשהייט זאָל האָבן אַ קיום. דער וואָס האָט נישט חתונה געהאַט און האָט זיך נישט באַמיט צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, דער דאָזיקער איז נישט קיין מענטש. ער האָט געבראָכן די יידישע מאָראַל און עטיק וואָס לערנט, אַז „לא לתהו בראה"... [6] — אַז די וועלט איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו בלייבן אין ליידיקייט.

ווען די חכמי התלמוד האָבן זיך גענומען שילדערן דעם יצר־הרע, די תאווה, האָבן זיי אים געמאָלן אין די מיאוסטע, שוואַרצסטע קאָלירן און געזען אין אים דעם יצר כל־דאָס־בייז, אַז ער איז דער גורם פון שלעכטס אויף דער וועלט.

אין מיין ווערק וועגן דער „באַציִונג צו דער פרוי", האָב איך באַהאַנדלט די פּראָבלעם פון תאווה, זיך באַמיט איבערצוגעבן די השקפה פון די חכמי התלמוד און זייער מי צו קאָנטראָלירן תאווה, איינצוהאַלטן ליידנשאַפטן און צוריקהאַלטן זיך פון לוסט. אויב מען קאָנטראָלירט נישט דעם יצר, ווערט געזאָגט, ווערט ער שפּעטער דער שׂטן וואָס רעדט אָן צו שלעכטס און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מלאך־המוות [7]. דער יצר פאַנגט דעם מענטשן מיט תאווה, ער כאַפּט אים אַריין אין זיין נעץ און באַהערשט אים, און דערנאָך לאָזט ער אים נישט אָפּ, ביז ער וואַרפט אים אַריין אין שאול תחתיה. וואָס מער דער מענטש גיט נאָך, אַלץ מער ווערט ער באַהערשט פונעם יצר: „יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום" [8].

דער מענטש ווערט באַהערשט פון פאַרשיידענע תאוות, פון פאַרשיידענע באַגערן, אַפילו אַזאַ פשוטע תאווה — צו עסן פלייש: „כי תאווה נפשך לאכול בשר" [9]. אין מידבר, ווו ס'איז געווען פאַר די יידן אַ געפאַר אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין פלייש צו דער זעט, האָבן זיי געקריגט אויף משהן און פאַרלאַנגט פלייש... „התאוו תאווה... מי יאכילנו בשר", און זיי האָבן טייער באַצאָלט פאַר אָט דער תאווה: „כי שם קברו את העם המתאוים" [10].

ס'זענען פאַראַן פאַרשיידענע תאוות, ווי זיי ווערן קלאַסיפיצירט אין תנ"ך: „תאוות נפש" [11]; „תאוות לב" [12]; „תאוות רשע" [13]; און אויך „תאוות ענוים" [14]. ס'זענען פאַראַן שעדלעכע און אויך נוצלעכע תאוות: געפערלעכע און אומבאַדינגט נייטיקע. אויף איין אָרט אין „די לערעס פון די פאָטערס" ווערט געזאָגט, אַז קנאה, תאווה און כבוד־געיעג מאַכן אַ תל פונעם מענטשן, דערנידעריקן און דעגראַדירן אים. אויף אַ צווייט אָרט, אין „אָבות דרבי נתן" [15] ווערט גאָר געזאָגט, אַז קנאה, תאווה און רחמנות האַלטן אויף דעם קיום פון דער וועלט. פאַראַן

אויך אַן אגדה [16] וואָס באַטאָנט, אַז אַ דאַנק תאווה הערשט שלום צווישן מאַן און ווייב און דורות קומען אַרויס פונעם דאָזיקן שלום.

דער יצר־רע, ווי די חז״ל דריקן זיך אויס, איז בלויז ביים מענטשן, אָבער נישט ביי דער בהמה. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז צום יצר מוז מען האָבן מענטשלעך געפיל. אַ בהמה האָט דאָך אָבער נישט קיין געפיל — אַזוי האָבן, ווייזט אויס, געהאַלטן די חז״ל — הערשט נישט איבער איר דער יצר־הרע [17].

נאָך אַ זאַך: דער יצר מאַכט דעם מענטשן גלוסטן צו דעם וואָס עס איז אים פאַרבאָטן [18]. אַזוי ווי פאַר אַ בהמה איז דאָך נישטאָ קיין פאַרבאָטנקייט, איז במילא נישטאָ ביי איר קיין יצר־רע.

און נאָך עפּעס: דער יצר קומט צוליבן אויג, צוליבן זען דאָס פאַרבאָטענע: „עינא ולבא תרי סרסורי דחטאה״ [19]. דורך די אויגן באַהערשט דער יצר דאָס האַרץ [20] און, אַזוי אַרום, באַהערשט ער דעם מענטשס געפילן און מחשבות און פירט אים צו טאָן פאַרבאָטענע מעשים. ווען ער ווערט אַריינגעטאָן אין נאָכגעבן זיך דער תאווה, ווערט ער שוין פאַרבלענדט פון די מאָמענטאַלע הנאות, פון די מאָמענטאַלע באַגערן און פאַרגעניגנס, און דאַן, זעט ער שוין נישט דאָס וואָס איז ריכטיק און אויסגעהאַלטן. ער פאַרלירט דעם קאָנטראָל איבער זיך און במילא גיט ער זיך איבער צום טיוול...

אין נגלה און נסתר, אין מוסר־ספרים, אין חסידות, אין קבלה־ספרים — זעען אַלע דעם מקור פון תאווה אין דעם נחש, וועלכער האָט איבערגערעדט חוהן צו פאַרזוכן פון „עץ הדעת״... און אַלע באַמיִען זיך מיט אַלע כּוחות צו לערנען דעם מענטשן ווי אַזוי ער זאָל קענען מתקן זיין דעם דאָזיקן קלקול און דערמיט ברענגען פאַרלייכטערונג, רייניקונג און ליכט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט: אויסלייטערן זיך פון דער שלאַנג־„זוהמא״, וואָס האָט דערפירט מאַן און פרוי צום גייסטיקן נאָך זנות און הפקרות [21]. דער אָנהייב פון אַט דער תאווה איז אַ זיסער, אָבער דער סוף — אַ ביטערער, „ראשו מתוק וסופו מר״ [22]. די ירידה איז נישט בלויז אַ גייסטיקע, נאָר אויך אַ פיזישע; זנות ברענגט אויפן מענטשן קראַנקהייטן און אַלטקייט: „כל השטוף בזמה — זקנה קופצת עליו״ [23].

נישט בלויז קעגן אַקטועלער זנות וואָרענען די חז״ל, נאָר אַפילו קעגן מחשבות זרות. דאָס טראַכטן פון דער עבירה איז אַפילו ערגער פון דעם דירעקטן אַקט פון פאַרברעך — „הרהורי עבירה קשים מעבירה״ [24].

נאָך מער: די תאווה קען זיך אָנפאַנגען מיט מעשים וועלכע זענען יאָ דערלויבט — אָבער וואָס פירן צו נישט־דערלויבטע אַקטן. אַזוי שנעל ווי עס שאַפט זיך אַ תאווה, איז זי עלול צו פירן צו ערנסטע ליידנשאַפטן. אָנגעפאַנגען האָט זיך מיט דער תאווה פון אכילה. דער נחש האָט באַוויזן חוהן צו פאַרזוכן פון דעם

עץ־הדעת און זי האָט שוין צוגערעדט איר אָדמען... דערפון איז אַרויסגעקומען טויטשטראָף פאַר דער מענטשהייט.

די תאווה קומט, ווי געזאָגט, דורך הסתכלות, דורך זען: „אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות" [25], ווי דער פסוק זאָגט ביי דער תאווה פונעם נחש און זיין דערלאַנגען די פרוכט פון עץ־הדעת „וכי תאווה הוא לעינים" [26]. ווען מען לאָזט זיך אַריין אין תאווה, האָט זי נישט קיין שיעור: „אין אָדם יוצא מן העולם וחצי תאוותו בידו" [27]. דאָס ווערט געזאָגט ביי געלט אָבער פאַקטיש איז עס מיט יעדער סאָרט תאווה, גאַר באַזונדערס וואָס שייך תאוות נשים, אָדער ווי דאָס ווערט גערופן: „תאוות בשׂרים" — סעקסועלע תאווה.

די חז"ל דערציילן, אַז אַלע אַנדערע תאוות האָט מען געקענט אויסוואָרצלען אָבער די תאווה צו פרויען איז געווען אוממעגלעך צו באַקעמפן. מ'האָט דעריבער געשאַפן כל־מיני תקנות צו צוימען, אויב נישט עלימינירן די דאָזיקע תאווה; אומצייליקע תקנות זענען געשאַפן געוואָרן צו פאַרהיטן דעם מענטשן קעגן דעם פגם־הברית. ווייל דורך אָפּהיטן אין טהרה דעם ברית, האָבן די מאָראַליסטן אונ־דזערע געזען אַ מעגלעכקייט צו צוימען די דאָזיקע תאווה.

די חז"ל פאַרנעמען זיך מיט געבן עצות ווי זיך צו פאַרהיטן און זיך אויסהיטן פון „הרהורי עבירה", זעענדיק אין די דאָזיקע שלעכטע מחשבות אַ גרעסערע געפאַר פון עצם אַקט פון באַגיין דעם פאַרברעך. מחשבות זרות זענען נאָך ערגער ווי מאָמענטאַלע, עמאָציאָנעלע מעשׂים [28].

דער יצר־הרע — האָבן זיי געלערנט — גייט נישט זייטיק, אין באַהעלטעניש, בלויז ביי נישט־געלערנטע, נאָר ער באַהערשט די בעסטע עלעמענטן, ער גייט „באמצע פלטיא" [29]. בלויז אין דער קומענדיקער וועלט — האָבן זיי אונדז גע־לערנט — וועט דער יצר־הרע נישט האָבן קיין שליטה. ר' יהודה ב"ר אלעאי זאָגט, אַז מ'וועט אים שעכטן און ס'וועלן וויינען סיי די צדיקים און סיי די רשעים: די צדיקים וועלן וויינען פון גרויס שׂמחה, וואָס זיי האָבן דעם גרויסן באַרג באַזיגט און די רשעים וועלן וויינען, ווען מ'וועט זיי ווייזן דעם יצר־הרע דין ווי אַ האָר און זיי האָבן אים נישט געקענט בייקומען. אויף דער וועלט קומט אָן זייער שווער צו באַהערשן דעם יצר, ווייל ער איז געקומען באַלד מיטן מענטשנס באַשאַף.

דעם פסוק „וידע אָדם... עוד" [30] קאָמענטירן די בעלי אגדה, „נתוסף לו תאווה על תאותו"... אַז ס'איז אים די תאווה פאַרמערט און פאַרשטאַרקט געוואָרן: פריִער פלעגט מען האָבן תאווה בלויז ווען מ'האָט געזען, און נאָך דעם — סיי געזען און סיי נישט געזען [31].

דאָס אויג איז אָבער דאָך אָנערקענט אַלס סיבה פון ברענגען גלוסטונג אינעם האַרץ, ווי עס ווערט געזאָגט: „ועין נואף שמרה נשף" [32] — דאָס אויג פון נואף

וואָרט אויף פאַרנאַכט. די בעלי אגדה אינטערפּרעטירן, אַז דער וואָס וויל באַגיין אַן אויסגעלאַסענעם אַקט, זיצט און קוקט אויס ס׳זאָל שוין צופאַלן די נאַכט און דאַן וועט אים קיינער נישט זען וווען ער וועט זיך אויסזוכן אַ זונה. דער רבונו־של־עולם זעט אים אָבער אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש און נאָך דעם פאַדערט ער אַ חשבון אויף די באַהאַלטענע זינד[33]. דאָס אויג איז דער „סרסור״, דער מעקלער פאַר דער עבירה; דאָס אויג וואָס זוכט תאווה, הרגעט אַוועק סיי גוטע און סיי שלעכטע.

מיר געפינען דעריבער אַז דער תּנא ר׳ מתיא בן חרש, וועלכער האָט זיך געוואָלט אויסהיטן פון תאווה, פון קוקן אויף פרעמדע פרויען, פון בייזע מחשבות, איז דערגאַנגען צום עקסטרעם — זיך בלינד געמאַכט...

די אגדה דערציילט, אַז דער שׂטן האָט זיך פאַרלייגט אויסצופּרוּוון דעם צדיק ר׳ מתיא; ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ זעלטן שיינער פרוי און איז געקומען אים פרעגן אַ שאלה. איז ער פאַרבלענדט געוואָרן פון איר שיינקייט און האָט זיך דערשראָקן, מורא געהאַט געשטרויכלט צו ווערן... האָט ער אַ כאַפּ געטאָן צוויי נעגל, זיי אָנגעגליט אין פייער און צוגעלייגט צו זיינע אויגן, בעטנדיק מחילה פאַר דעם וואָס ער האָט באַשעדיקט די איברים... דער שׂטן איז פאַרציטערט געוואָרן... אין הימל איז אַ רעש געוואָרן... און, ווי די אגדה פירט אויס, האָט דער רבונו־של־עולם געשיקט דעם מלאך רפאל, ער זאָל אים היילן. ער האָט אָבער נישט געלאָזט זיך היילן. האָט דער רבונו־של־עולם ווידער געשיקט דעם מלאך רפאל ער זאָל אים זאָגן, אַז דער יצר־הרע וועט מער נישט האָבן קיין שליטה איבער אים — און ערשט דאַן, האָט ער זיך געלאָזט היילן און האָט צוריקגע־קראָגן זיין ראיה.

דאָס אויג — אין די ווערטער פון ר׳ לוי — געהערט צו די זעקס זאַכן וועלכע באַדינען דעם מענטשן און צו די דריי וועלכע זענען נישט אין מענטשנס רשות זיי צו קאָנטראָלירן[34]. שווער איז צו זעטיקן דאָס אויג מיט תאווה. אַפילו דאָס קול פון אַ פרוי וועקט תאווה: „קול באשה — ערוה״[35]. אַ שדיכע — ווערט דערציילט — האָט אַ מאָל שיר נישט פאַרנאַרט אַ גרויסן חסיד אום יום־כּיפּור[36].

מיר וועלן זיך דאָ באַנוצן מיט אַן אַקסיאָם פון ר׳ אברהם אבן עזרא (במדבר, ו׳), אַז אַלע מענטשן זענען פאַרשקלאַפט צו דער תאווה... די הויפּט־תאווה איז די געשלעכט־תאווה, די בהמהשע תאווה — אַ תאווה, וואָס איז נייטיק צוליבן קיום העולם; אַ תאווה וואָס ברענגט ליבע; אַ תאווה וואָס האָט פּאָזיטיווע עלעמענטן, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין „שיר השירים״; די ריינע און ערלעכע אהבה וועלכע קומט צוליב תאווה, וועלכע בעט זיך — „ישקני מנשיקות פיהו״; אַן אהבה וואָס האָט אין זיך די גלוסטונג פון געשלעכט־הנאה, פון אַ שיינער פיגור, אַ שיינעם קערפּער, שיינע איברים... אָבער ווייַט פון זנות, פון זימה, פון סתם

אַזוי תּאוות בשׂרים, פון אויסגעלאַסנקייט, און, באַזונדערס, פון פרויען־אויסגע־לאַסנקייט.

פּראָסטיטוציע עקזיסטירט, ווי באַקאַנט, זינט דער מענטש איז געקומען אויף דער וועלט. דער נחש מיט זיין באַציִונג האָט דאָס געבראַכט! אין שפּעטערדיקע דורות איז דאָס געוואָרן אַ פּראָפעסיע: פרויען פאַרקויפן זייערע קערפּערס צו געשלעכטלעכן פאַרקער מיט מענער פאַר באַלוינונג אָדער צו שטילן זייער אייגענע תּאווה.

מיר האָבן דאָס שוין אין דער תּורה פאַר און נאָכן מבול — און אויך אין דער צייט פון די אָבות און שבטים.

דאָס ערשטע מאָל געפינען מיר דאָס וואָרט „זונה" אין דער תּורה, ביי דינה, די טאָכטער פון יעקב אָבינו, ווען זי איז געכאַפּט געוואָרן פון שכם בן חמור און שמעון ולוי האָבן אַלס שטראָף גענומען טויט־נקמה אין די איינוווינערס פון שכם. ווען יעקב האָט זיי געטאַדלט, פאַר וואָס זיי זענען באַגאַנגען אַזאַ שטאַרקע שטראָף, האָבן זיי אים געענטפערט: „הכזונה יעשה את אחותנו"? — זאָל מען לאָזן באַנעמען זיך מיט אונדזער שוועסטער ווי אַ זונה?... און עס זעט אויס, אַז יעקב האָט געזען אַ געוויסע באַרעכטיקונג אין זייער האַנדלונג, נישט געקוקט וואָס ביי זיינע לעצטע ברכות האָט ער נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען זיין קעגנער־שאַפט צו זייער האַנדלונג און פאַרדאַמט זייער צאָרן וואָס איז אַזוי שטאַרק...

מיר געפינען נאָך אַ מאָל דאָס וואָרט „זונה" אויך אין שייכות מיט יעקב אָבינוס קינדער: יהודה, יעקבס זון, וועלכער האָט געראַטעוועט דעם יִנגערן ברודער, יוסף, האָט נאָכן פאַרלאָזן פאַר אַ צייט זיין היים, חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, בת־שוע, געהאַט פון איר דרייַ זין... ווען זיין ווייב איז אים געשטאָרבן און זיינע צוויי עלטערע זין זענען געשטאָרבן... ער איז שוין נישט געווען קיין יונגערמאַן, האָט ער באַגעגנט אַ פרוי, פאַרדעקט איר פּנים זיצנדיק אויף די „שיידוועגן", אויסקוקנדיק פאַר מענער... האָט ער זי באַטראַכט פאַר אַ זונה, „ויחשבה לזונה" — און נאָך דעם, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז תּמר, די אלמנה פון זיין פאַרשטאָרבענעם זון.

יהודה, ווערט דערציילט, האָט געהאַט מיט איר פאַרקער; זי איז געוואָרן מעוברת... און מ'האָט אים איבערגעגעבן, אַז זיין שנור האָט מזנה געווען, אַז זי איז געוואָרן אַ „קדשה", אַ פּראָסטיטוטקע... האָט ער אין איַילעניש געפּסקנט, אַז איר קומט שׂרפה — פאַרברענט צו ווערן — און נאָך דעם מודה געווען, אַז זי איז געווען גערעכט מיט איר האַנדלונג... יעדנפאַלס, ס'איז געבוירן געוואָרן אַ צווילינג — פּרץ און זרח — און פון זיי שטאַמט אָפּ מלכות בית דוד.

אין מיין ווערק „די באַציִונג צו דער פרוי" באַהאַנדל איך דעם תּמר־יהודה־„אינצידענט" גאָר אויספירלעך און ווייז אָן, ווי די מפרשים האָבן זיך אַזוי גע־

מאַטערט מיט אויפקלערן די דאָזיקע מיסטעריע, וואָס אין תּוך ווייזט עס אויף מענטשלעכער שוואַכקייט, אויף פאַרלוירנקייט אין מאָמענטן פון גייעג נאָך לוסט, וואָס באַהערשט זיינע געפילן.

כדאי צו באַמערקן, אַז די תּורה־קאָמענטירערס באַמיִען זיך צו באַווייזן, אַז תמר איז נישט געווען קיין זונה, אַז זי האָט נישט פאַרקויפט איר קערפּער ווי אַ פּראָסטיטוטקע, נאָר זי האָט געוואָלט ברענגען קינדער אויף דער וועלט פון דער משפּחה וועלכע זי האָט פאַרערט. דאָס איז נישט געווען קיין יצר־הרע־אַקט, נאָר אַ מענטשלעכער דראַנג באַהויכט פון ערלעכע כּוונות.

מ׳קען אָבער נישט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז תּאוות נשים איז אַזוי שטאַרק, אַז זי קאָן אַראָפּפירן פון גלייכן וועג, אַז אַפילו דער גבור פון די שבטים זאָל זיך פאַרלירן און זוכן „טרייסט" דורך סעקסועלער באַפרידיקונג. בלויז יוסף האָט זיך קאָנטראָלירט און זיך נישט געלאָזט איבעררעדן פון פּוטיפרס ווייב און זיך אויס־גערידיקט: „ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלהים" [37].

זיין האַנדלונג, זיין צוריקהאַלט, ווערט באַוואונדערט פון די חז״ל און געריִמט מיט די גרעסטע ליבגעזאַנגען.

דער כּוח פונעם מענטש — ווי די חז״ל האָבן עס געזען — ליגט אין זיין באַקעמפן די שעדלעכע כּוחות. די גבורה פון מענטש איז: „הכובש את יצרו"! אין זוהר־לשון: „כל מאן דאתגבר על יצרו איקרו איש" [38]. אַ מענטש איז דער, וואָס קאָן באַהערשן תּאווה.

דער מענטש מיט באַוווּסטזיין און אינטעלעקט מוז פירן ביי זיך, לויט זיין כאַראַקטער און אינדיווידואַליטעט, אַן אידעיִשן קאַמף צו קאָנטראָלירן מיט שׂכל דאָס געפיל, די עמאָציע, די תּאווה.

ב. אַקטיווע און פּאַסיווע תּאווה. — ווי אַזוי תּאווה קאָן אויסגענוצט ווערן פאַר גוטע צוועקן. — נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע תּאווה. — ווי פאַרברענט מען די תּאווה.

ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָבן די תּורה און די חז״ל נישט געוואָלט עלימינירן דעם יצר־רע, די תּאווה, דעם חשק. זיי האָבן אָבער געוואָלט אים געבן קדושה, אָפּשוואַכן די נחש־„זוהמא", אָפּשוואַכן די קליפּה פון תּאווה און אים צוימען אויף אַן אופן, אַז די תּאווה זאָל ברענגען גוטס, קיום און המשך פון יצירה. זאָגן דעריבער די חז״ל: „כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה — אתה מוצא קדושה".

מיר האָבן מאמרים אין תּלמוד וווּ תּאווה ווערט היפּשלעך געלויבט, ביזן דערקלערן אַז סעקסועלע הנאה האָט אין זיך דעם געניס פון עולם־הבא און ווען דער מאַן איז זוכה, איז די פרוי זיין בעסטער עזר: „דירה נאה ואשה נאה וכלים

נאים — מרחיבין דעתו של אָדם״[1]. די פרוי גיט אים פרייד, ברענגט אים הרחבת־הדעת, וואָס איז שטאַרק נייטיק צו עבודת השם און לימוד פון תורה[2]; אַזאַ פרוי איז די בעסטע מתנה, זי שטעלט מיט זיך פאַר זיין הויז, זי ווערט די עקרת הבית[3].

די תאווה טאָר אָבער נישט זיין תאווה לשם תאווה, די אַזוי גערופענע פלייש־תאווה, אָדער — ווי אייניקע רופן דאָס — בהמהשע תאווה; צופרידנשטעלן די חיהשע אינסטינקטן. אין אונדזער מאָדערנער צייט רופט מען אַזאַ תאווה — פרייַע ליבע. דאָס איז אַ תאווה וואָס שטעלט צופרידן דעם יצר, אָבער וואָס ברענגט מיט זיך כּל מיני פּראָבלעמען: פאַר יעדע מינוט פאַרגעניגן צאָלט מען טעג מיט יאָרן מיט באַדויער און חרטה.

אין איינעם פון זיינע עסייען באַרירט אהרן צייטלין[4] דעם ענין יצר־הרע, תאווה, זינד אאַז״וו. „פאַראַן זינד וואָס קומען פון דעם מענטשנס תאווה. די קראַפט פון תאווה איז אינדיווידועל און סוביעקטיוו. יעדער מענטש האָט זיין ליידנשאַפט, און איין מענטש איז נישט ענלעך צום צווייטן מיט דעם כאַראַקטער פון זיינע עבירות. די זינד פון דער תאווה זענען פאַרבונדן מיט דעם מענטשנס דראַנג ליב צו האָבן, וואָס זעט אויס צו זיין זיס און געשמאַק, כאָטש דער אויסלאָז איז אַ ביטערער...״

די תאווה וועגן וועלכער אהרן צייטלין רעדט דאָ, תאוות־בשׂרים, די געשלעכט־תאווה, תאווה וואָס איז, ווי ער דריקט זיך אויס, „פּסיכאָלאָגיש מאָטיווירט״. די דאָזיקע תאווה, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, האָט אין זיך נוצלעכע און פּאָזיטיווע עלעמענטן. די דאָזיקע תאווה איז נייטיק פאַרן קיום המין, פאַר לעבנס־עקזיס־טענץ. זי איז נייטיק כּדי צו ברענגען צוזאַמען מאַן און ווייב, וואָס דורך זיי ווערט פאַרזיכערט דער המשך פון לעבן. די דאָזיקע תאווה האָט אַ יסוד און איז באַ־זירט אויף דעם מקור פון דער בריאה, און איר אויפגאַבע איז ברענגען די צוויי יצירות — מאַן און פרוי — צום מאָמענט פון „ודבק באשתו והיו לבשׂר אחד״[5]. דאָס איז אַן אהבה וואָס ברענגט צוזאַמען מאַן און ווייב, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין תּלמוד: „כּי רחימתין הות עזיזא אפּותיא דספרא שכיבן, השתא דלא עזיזא רחימתין — פּוריא בר שתין גרמידי לא סגי לן״[6]. ווען מען האָט זיך געליבט, האָט מען אַפילו אויף דער שאַרף פון אַ שווערד געקענט ליגן...

מיר געפינען אויך שטעלן אין תּלמוד וועגן דעם אונטערשייד צווישן מענ־לעכער און ווייבלעכער תאווה: ביים מאַן איז די תאווה, די ליידנשאַפט, אַ פּאָזי־טיווע, אַקטיווע און ביי דער פרוי — אַ פּאַסיווע. דער מאַן איז דער „תובע בפה״, אָבער די פרוי איז אַ „תובעת בלב״[7]. נאָך מער ווערט געזאָגט וועגן די סעקסועלע חילוקים: „זה יצרו מבחוץ וזו יצרה מבפנים״[8]. דער יצר קאָן זיין ביי דער פרוי אַזוי שטאַרק ווי ביים מאַן — דער מאַן איז אָבער דרייסטער און האָט ווייניקער

בושה. דאָס צו באַשטעטיקן ווערן איבערגעגעבן אומצייליקע מעשׂיות צו באַווייזן ווי חסידים ואנשי מעשׂה, פרומע לייט, אַלטע לייט — אַלע יאָגן זיך נאָך דעם געשלעכטלעכן גענוס [9].

ס'איז קלאָר, אַז די חז"ל זענען געווען איבערגעצייגט אין די אומבאַדינגט נייטיקע עלעמענטן פונעם געשלעכט־יצר; זיי האָבן בלויז געוואָלט, מ'זאָל אים קאָנטראָלירן. די גרויסקייט פונעם צדיק האָבן זיי געזען אין זיין קאָנטראָלירן די עמאָציעס, די געפילן, בעת דער רשע וויל נישט און, במילא, קען ער נישט קאָנ־טראָלירן זיין תאווה. זיי האָבן דעריבער געלערנט, אַז „יצר, תינוק ואשה תהא שמאל דוחה וימין מקרבת" [10]. מיר געפינען אין דער אגדה אויף טריט און שריט טייטשן, קאָמענטאַרן און אָנמערקונגען וועגן קאָנטראָל איבער די ליידנשאַפטן. עס ווערט, למשל, אויסגעטייטשט דער פסוק „על־כן יאמרו המושלים בואו חשבון", אַז דאָס זאָל זיין אַ סימבאָלישער רמז וועגן די מושלים ביצרם... וועגן די וואָס באַהערשן די תאווה, זיי זאָלן וויסן, אַז מען פאָדערט אין הימל אויף יעדער זאַך אַ חשבון, דאָס גייט אַריין אינעם „חשבונו של עולם" [11].

די חכמי התלמוד האָבן אַזוי געוואָרנט קעגן דער גרענעצלאָזער, הפקרדיקער תאווה, ווייל זיי האָבן געזען צו וואָס דאָס דערפירט. אומבאַגרענעצטע תאווה דעגראַדירט מענטש און לאַנד. זיי האָבן געזען ווי זנות־הפקרות האָט דערפירט צום חורבן בית ראשון, און אויך ביים בית שני האָט דאָס מיטגעהאָלפן צום חורבן. הורדוס איז געוואָרן אַ פסיכאָפּאַט, אַ מטורף און רשע, יאָגנדיק זיך נאָך מאַכט, לוקסוס און פיל־ווייבעריי, געלעבט מיט אַן אשת־איש (די ווייב פון אלכסנדר ינאי — נ. ש.) און געהאַלטן אַ חשמונאים־טאָכטער באַלזאַמירט נאָכן טויט, כדי צו זעטיקן זיין תאווה מיט איר נאַקעטקייט.

די חכמי התלמוד האָבן גאַנץ קלאָר אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז די תאווה האָט אַ גאָר פּאָזיטיוון באַטייט, אַז זי ברענגט ליבשאַפט: „תאווה מביאה לידי אהבה" [12]. תאווה ביי צדיקים איז גאָר דערהויבן, ווי דער פסוק זאָגט: „תאוות צדיקים אך טוב" [13]. זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז די וועלט איז געגליכן צו אַ חתונה: „האי עלמא כבי הלולא דמי" [14] און יעדער דאַרף מיטמאַכן און דורכ־לעבן די דאָזיקע חתונה. זיי האָבן געוואָלט אַ שיינע, דערהויבענע חתונה, און דאָס קען געטאָן ווערן נאָר ווען ס'איז דאָ אַ פּלאַן, געצוימטקייט, עס זאָל נישט זיין „ונשים עד נופח", ווי אַ רבי האָט אַ מאָל געטייטשט בדרך הלצה: באַווייַבט ביז איבער דער נאָז (נאָשים — וואָרטשפּיל פאַר נשים און נופח — אַף, נאָז).

מען דאַרף נישט זיין קיין פּרוש, מ'דאַרף נישט מורא האָבן פאַר סעקסועלן גענוס. ס'איז אַפילו דאָ אַ מלאך וואָס העלפט אין דער דאָזיקער פונקציע... [15] דער מענטש דאַרף בכלל געניסן פון רבונו־של־עולמס פרוכט אויף דער וועלט: „עתיד אָדם ליתן דין וחשבון על כל מה שראתה עינו ולא אכל ממנו" [16] —

אָבער אַלץ מיט אַ מאָס: „יצר תינוק ואשה תהא שׂמאל דוחה וימין מקרבת"[17]. צניעות וואָלט מען געקענט לערנען פון אַ קאַץ, פון אַ האָן און טריישאַפט צום בן־זוג — פון אַ טויב, וועלכע איז אַ יונה תמימה, אָן אַ פגם אינעם ברית...[18] דער מענטש דאַרף אָבער זיין דערהויבן מער ווי אַ חיה, מער ווי אַ פויגל. נישט אומזיסט, לערנען חז"ל, איז די ברוסט פון דער פרוי ביים האַרץ (אַנדערש ווי ביי אַ חיה) — כדי צו ווייזן, אַז דאָס קינד זאָל אין זיך איינזאַפּן געפיל און חכמה באַלד ביים געבורט[19], כדי צו קאָנטראָלירן — ווען עס וואַקסט אויף — דאָס אויג וואָס זעט און דאָס האַרץ וואָס גלוסט...

די דינים פון עריות־פאַרבאָט זענען געבויט, כדי צו האַלטן תאווה אין קאָנטראָל, ווי עס דערקלערן מיט אַזוי פיל לאָגיק דער רמב"ם[20], דער רמב"ן[21] און אַנדערע: „כדי למעט המשגל"... נישט וויכטיק איז דאָ אַריינצוגיין אין די פּרטים פון דאָזיקן פאַרבאָט, צי עס איז אַ גזירה אָן אַ טעם, צי עס האָט אַ לאָגישן יסוד (דער רמב"ם באַמיט זיך צו געבן אַ נ אַ ט י ר ל ע כ ן מאָטיוו). וויכטיק איז דער קאָנטראָל און ציל כּובש צו זיין דעם יצר, וואָס איז פון די שווערסטע זאַכן פאַרן מענטש, דעם בשׂר־ודם.

ר' צדוק הכהן פון לובלין טייטשט דעריבער דעם תּלמודישן זאָג: „אלמלא הקב"ה עוזרו" — ווען נישט די הימלישע הילף, וואָלט דער מענטש נישט געקענט בייקומען דעם יצר; די הילף קאָן נאָר קומען דורך תּורה: דער מענטש זאָל אויסנוצן זיין חשק, זיין גלוסטונג אויף תּורה, „שיהיה לו חמודא דאורייתא". תּורה דערהייבט דעם מענטשן צו העכערע ענינים: זי רייניקט דעם מענטשנס מוח און מחשבה, הייליקט זיינע געפילן[22]. אויף „הלב חומד" זאָגט דער כּהן ז"ל, אַז דאָס איז געמיינט געוואָרן „גלוסטונג פון תּורה. ווייל תּורה מאַכט ליכטיק דאָס האַרץ און ברענגט ליכט אין דער מחשבה, לויטן טייטש פון „ואורה — זו תּורה"[23].

די תּאווה ביים מאַן איז אַנדערש ווי ביי דער פרוי: ער איז דער אַגרעסיווער און זי די פּאַסיווע (כתובות, ס"ד, ע"ב). זי ווערט געלויבט אין היטן צניעות, ווי אַ „מעין חתום" (כתובות, ג', ע"ב) און ער, מיט זיין קאָנטראָל, ווי אַ קדוש (ברכות, י', ע"ב) און צוליב די און אַנדערע מאָטיוון, ווי „דרכו של איש לכבוש ואין דרכה של אשה לכבוש" (יבמות, ס"ה, ע"ב) ליגט די מצווה „פּרו ורבו" אויפן מאַן. די ברכה פון פּרוכפּערקייט ליגט אויף ביידע: זי ברענגט די גראַציעזקייט, די ליבשאַפט, די פרייד — פון די דריי חנען, איז „חן אשה על בעלה" (דאָרט, ס"א־ס"ג; כתובות, ה', ע"א; סוטה, מ"ז, ע"א. זע, ר"צ הכהן, דברי סופרים, ג'). אויף אַזאַ זיווג, איז געזאָגט געוואָרן: „מצא אשה, מצא טוב" און זי ווערט „צלע מצלעותיו" (ברכות, ח', ע"א).

אין דעם זין קאָן מען פאַרשטיין, דעם זאָג: „ואהבת את ד' אלקיך — בשני

יצרים", מען זאָל ליבן דעם באַשעפער אי מיטן יצר־טוב און אי מיטן יצר־רע (ברכות, נ"ד, ע"א), ווייל דער תאווה־יצר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ יצר־טוב. ער ברענגט שעפערישקייט, פאַרזיכערט דעם קיום פון דער מענטשהייט.

אַנדערש איז, ווען מען לאָזט זיך אויף פרעמדע וועגן, מיט זנות, ווי דער נביא דריקט זיך אויס, אין זיינע שטראָף־ווערטער וועגן די אויסגעלאַסענע מעשׂים: „ילכו אל הנערה" — מאַן און זיין פאָטער גייען צו איין מיידל (עמוס, ב', ז'), אָדער ווי דער נביא יחזקאל זעט די אויסגעלאַסנקייטן, וועלכע זענען גורם אומריינקייט: „ויבואו אליה בני בבל למשכב דודים ויטמאו אותה" — די זין פון בבל זענען צו איר געקומען צום ליבשאַפט־געלעגער, און זיי האָבן זי פאַר־אומרייניקט מיט זייער זנות... (יחזקאל, כ"ג, י"ז, מ"ד) — אומריינע תאווה באַ־הערשט דעם מענטשן מיט יצר־הרע און וועגן דעם האָבן אונדזערע מאָראַליסטן געלערנט, געוואָרנט און געקעמפט.

ווי עס ווערט אָנגעוויזן אין חסידישע ספרים, האָבן די חשמונאים געקראָגן זייער התעוררות צו באַקעמפן די העלענער און העלעניסטן, צוליב זנות־פּרטקטי־צירונג, צוליב דער גזירה „תבעל להגמון תחילה" (זע, רש"י, שבת, כ"ג, ע"א; ר"צ הכהן, רסיסי לילה, אות נ"ז) און לויט מדרשים, איז דער וואָס פאַרברעכט קעגן דער יהדות־מאָראַל און פאַרנעמט זיך מיט לעבן אוממאָראַליש, זיך איבער־געבנדיק צו תאווה, איז ער עובר אויף די עשׂרת הדברות.

ווי אַזוי קען מען בייקומען דעם יצר-הרע?

אין זיין „בחינת עולם" ווייזט אָן ר' ידעיה הפניני־הבדרשי (1340—1270) אויף דעם מענטשנס געראַנגל אינעם ברוינזנדיקן ים פון תאווה און ליידנשאַפטן: עס איז דער אייביקער געראַנגל מיט די סטרא־אחרא־כּוחות, אָבער דער מענטש קאָן האָבן געגוג כּוח צו באַקעמפן, לכל־הפחות צו קאָנטראָלירן די תאווה־כּוחות.

די משנה [24] לערנט אונדז, אַז די גבורה פון אַ מענטשן באַשטייט אין קאָנטראָ־לירן זיינע תאוות: „איזהו גבור? הכובש את יצרו"! מען לערנט דאָס אַרויס פון אַ פסוק אין משלי: „ומושל ברוחו מלוכד עיר" [25] — דער וואָס באַצווינגט זיין געמיט איז שטאַרקער פון דעם וואָס נעמט איין אַ שטאָט. דאָס איז בן־זומאס מיינונג. אומגעהייער שווער איז איינצוהאַלטן די שלעכטע טענדענצן ביים מענטשן. אמתע שטאַרקייט קען נישט געמאָסטן ווערן מיט פיזישער, נאָר מיט גייסטיקער גבורה. פאַראַן גבורים וועלכע זענען אומבאַהאַלפן וואָס שייך זייער קאָנטראָל, און פאַרלירן זיך ווען ס'גייט עפּעס נישט כּשורה. אַ שטאַרקער מענטש איז דער, וואָס איז שטאַרק גייסטיק: שטאַרק אין כאַראַקטער, שטאַרק אין באַוווּסטזיין, שטאַרק מיט זיין געוואָגטקייט און מיט זיין מוט צו שטעלן זיך קעגן די וואָס

פאַרפירן; שטאַרק קעגן זיין אייגענעם יצר, וואָס וויל פאַרפירן און דערנידעריקן.

אין דעם זין דאַרף מען פאַרשטיין דעם תלמודישן זאָג: „אם פגע בך מנוול זה", וואָס מיינט — תאווה, נעם אים אַריין אין בית־מדרש, נעם דיך צום לערנען [26]. אַ באַוווסטזיניקער מענטש מוז האָבן שׂכל, ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן דעם יצר. אַזאַ מענטש קריגט שוין די הילף פון מלאך צו קענען קעגנשטעלן זיך אוןביישטיין די תאווה־נסיונות [27]. ווען מען פאַרנעמט זיך מיט העכערע ענינים, ווערן פאַריאָגט די שלעכטע מחשבות: „בראתי יצר הרע — בראתי לו תורה תבלין" [28].

די תורה, ווי עס ווערט געזאָגט, איז „מתשת כח", זי שוואַכט אָפּ דעם יצר און, במילא, קומט דער תיקון־הברית, ווי עס ווערט אַזוי שטאַרק באַטאָנט אין קבלה־ספרים. אין לשון פון זוהר: „לית לך מה לתקנא יצה"ר אלא באורייתא".

מיר געפינען אין תלמוד אויך אַנדערע עצות ווי אָפּצושוואַכן דעם תאווה־יצר, לכל־הפחות צו פאַרמיידן חילול השם. „אויב איינער זעט אַז דער יצר שטאַרקט זיך איבער אים — אם רואה אדם שיצרו מתגבר עליו", זאָל ער אַוועק אויף אַן אָרט, וווּ מ'קען אים נישט, זיך איינהילן אין שוואַרצן און טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט, אַבי נישט מחלל זיין שם שמים בפרהסיא [29]. אויף אַזאַ אופן וועט זיין זינד בלייבן אַ חטא יחידי און נישט מיטשלעפּן אַנדערע.

דער אמת איז, אַז דאָס קליידן זיך אין שוואַרצן, דאָס אַנטלויפן פון דער היים, וועט געוויס האָבן אַ ווירקונג אויף אים, זיך צוריקצוהאַלטן פון תאווה.

די תורה וויל נישט דער מענטש זאָל ווערן אַן אַסקעט, פון דעסטוועגן: הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין". דער מענטש דאַרף דערפילן אַז עפּעס פעלט אין אים, אויב ביי אים זאָל זיך קענען וועקן חשד אויף אַ ווייב... דאַרף ער נישט בלויז זען אָפּצוּוואַרפן דעם חשד, נאָר ער דאַרף זיך אַליין אַנהייבן צוימען, ער זאָל אין זיך דערפילן אַ מאָראַלישע ירידה און זוכן אַ תיקון דערויף.

נישט אַלע אונדזערע מאָראַליסטן האָבן מסכים געווען צו דעם אורטייל אויף דער פרוי, ווי עס האָט געטאָן ר' שם־טוב אבן פאלקיירא (1290—1225) מיט זיין באַהויפּטונג:

„באשה אַל תהי נפשך בטוחה
אשר רשת מזורה היא ושוחה,
ואיכה נאמין עוד כי ישרה,
תהי אשה ומצלע לקוחה...

(צלע מיינט ריפּ, ווייל די פרוי איז דאָך גענומען פון אָדמס ריפּ און צלע מיינט אויך, הינקען...) דער פּאָעט־פילאָזאָף האָט געזען אין דער פרוי הינקעדיקייט. אַ פּאָעטין, מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, האָט אויך געהאַט אויסצוזעצן

קעגן אירע שוועסטער, אַז זיי ווילן האָבן געשלעכטלעכע באַציִונגען מיט מענער, אָבער זוכן מיטלען ווי אַזוי אויסצוהיטן זיך פון שוואַנגערשאַפט, ווי אונדזערע הייַנטיקע פרויען: סעקס — אָן קינדער. רחל מורפורגו (1871—1790) דריקט זיך אויס אין אַ ליד:

„הקדמונים עברו, החדשים גברו
ובלשונם שברו גדרות צאן קדשים...
ועתה עומדים אנו לפני הגדרות הפרוצות!"

ווען מען ווייס נישט אַז דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, וואָלט מען זיכער געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ הייַנטצייַטיק ליד.

תאווה, ווי געזאָגט, איז אָנערקענט אַלס אַ פּאָזיטיווער עלעמענט פאַר דעם קיום פון וועלט און מענטש. בלויז פיש — ווערט געזאָגט — האָבן נישט קיין יצר־הרע: זיי פרוכפּערן זיך אָן וואַרעמקייט... אין פרט פון פאַרמערונג, איז ביי זיי דאָ די פולע ברכה פון באַשעפער. דעריבער, לערנען אונדז ספרים, האָט יעקב אָבינו געבענטשט זיינע אייניקלעך, אפרים ומנשה, זיי זאָלן זיך פרוכפּערן ווי פיש.

אויף ווי ווייט די חז"ל האָבן געוואָלט צניעותדיק מאַכן אָקטן פון תאווה, איז כדאי צו ברענגען אַ חסידיש וואָרט אויף דעם פסוק „וישק יעקב לרחל וישא קולו ויבך" [30]. פאַר וואָס האָט יעקב געוויינט?

רש"י דערקלערט עס דערמיט, ווייל ער האָט געזען (בנבואה) אַז ער וועט נישט ליגן מיט רחלן אין איין קבר... עס איז אַ ביסל שווער, אַז אין דער צייט פון דער ערשטער באַגעגעניש, ערשטן קוש, זאָל ער שוין געווען טראַכטן וועגן טויט. אַזאַ סאָרט קוש איז לויטער קדושה, אָבער נישט פאַר אונדזערע השׂגות!

דער גערער רבי, ר' אברהם מרדכי זצ"ל, האָט געטייטשט, אַז יעקב אָבינו האָט געוויינט ווייל ער האָט געוווסט, אַז ס'וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן אויסטייטשן דעם קוש ווי פשוטע תאווה און דעריבער האָט ער געוויינט.

די פרוי ווערט אין יהדות געשטעלט גאָר הויך. דער פאַקט איז, אַז אָדם און חוה זענען, לויט מעשׂה בראשית, באַשאַפן געוואָרן בי־סעקסועל [31]. די שכינה — לויטן זוהר — הילט זיך אין געשטאַלט פון אַ פרוי (וועגן דעם, פאַרשיידענע אויסטייטשונגען). די תורה האָט אָבער געוואָלט צוימען תאווה — און אויב ס'איז אַ מצווה צו וווינען מיט אַ פרוי, זאָל די מצווה ברענגען פרוכט. יעקב אָבינו האָט געהאַט פיר ווייבער און פון זיי האָט ער אויפגעשטעלט אַ פאָלק פון צוועלף שבטים — שבטי־י־ה, עדות לישׂראל.

עשׂו נעמט צוויי פרויען און סיי יצחק און סיי רבקה זענען גאָרנישט צופרידן פון זיינע ווייבער. די חכמי התלמוד גיבן צו: ווייל ער האָט איין פרוי געהאַט

אויף האָבן קינדער, און די צווייטע — פאַר תאווה, פאַר געשלעכט־גענוס. אין דער פאַר־מבול־תקופה האָבן זיך מענטשן אַזוי געפירט: זיי פלעגן איינע אָדער מער פון די בנות אָדם געבן אַ געוויסן סם (אַ מעדיצין — אַ „פיל" אין אונדזער לשון) זיי זאָלן בלייבן קינדערלאָז און אָפּהיטן זייער שיינקייט.

אין יהדות, ווערט געלערנט, האָט מען געהייסן חתונה האָבן יונג, כּדי נישט פאַרפירט צו ווערן פון תאווה און כּדי צו ברענגען קינדער אין דער צייט — „בן שמונה עשרה לחופה"[32], און אויב מ׳וואַרט צו לאַנג, לויט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען ביז נאָך צוואַנציק יאָר, איז — „תיפח עצמותיו", און אויב מ׳וואַרט נאָך לענגער, איז מען „כּל ימיו בעבירה"[33].

ווען מען האָט שוין חתונה און מ׳האָט שוין אַ ווייב, אויך דאַן לערנט מען דעם מאַן ער זאָל זיך באַנעמען איידל און מיט צערטלעכקייט אין זיין פאַמיליע־לעבן: „אָסור לאָדם שיכוף אשתו לדבר מצווה"[34]. די חכמי התלמוד וואָרענען, אַז אויב מען פאָלגט נישט די עצה און מען צווינגט די פרוי צו אַן אינטימען אַקט — כאָטש ס׳איז דאָך אַ מצווה — וועט די שטראָף זיין, אַז זי וועט אים געבוירן קינדער מיט דעפעקטן. אין די באַציִונגען צווישן מאַן־פרוי, מוז הערשן ליבשאַפט, האַרמאָניע און איבערגעגעבנקייט.

סתּם אַזוי צניעות וואָלט מען געקענט אָרויסלערנען פון חיות און עופות. פונעם האָן קען מען אַרויסלערנען דרך־ארץ „שמפייס ואח״כ בועל" (ער בעט איבער די הון, שפּילט זיך מיט איר, ביז ער באַהעפט זיך מיט איר). דער מענטש מוז זיך אָבער דערהייבן העכער פון די דאָזיקע באַשעפענישן. וועגן דעם ברייטער אין אַ ווייטערדיקן פּרק.

ג. די תּורה איז נישט געגעבן געוואָרן צו מלאכי השרת. — די ערשטע מצוה. — ווי אַזוי ווייס מען אַז דער מענטש איז אַ קדוש. — די תּאוותדיקע מחשבות. — ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן?

ס׳איז אַן אָנגענומענער כּלל, אַז די תּורה איז נישט געגעבן געוואָרן צו מלאכים: „לא נתנה תורה למלאכי השרת"[1]. צו וועמען איז די תּורה יאָ געגעבן געוואָרן? — צו בשׂר־ודם, צו מענטשן מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן. דער מענטש איז אַ באַשאַף פון קעגנגעזעצטע, דואַליסטישע כּוחות: פייַער און וואַסער, גוף און נשמה. וואָס גרעסער דער מענטש אַלס גרעסער זיין יצר[2].

גאָר אָפט, זאָגן די חז״ל, האָט מען נישט געפּסקנט לחומרה, כּדי ייִדן זאָלן נישט עובר זיין אויף אַ בפירושער און גרעסערער עבירה: „מוטב שיאכלו ישׂראל בשׂר תמותות שחיטה ואַל יאכלו בשׂר נבלה"[3].

ווען מ׳האָט געפרעגט רב האי גאון ער זאָל דערקלערן וואָס עס מיינען חז״ל

מיטן אָנזאָג: „יצר... תהא שמאל דוחה וימין מקרבת"[4], האָט ער געענטפערט, אַז דאָ איז געמיינט געוואָרן דער יצר וואָס מאָנט און רעגט אָן צו טאָן אַן עבירה, מ'זאָל אים נישט מיט אַ מאָל באַזייטיקן, ווייל דאָס וועט זיין צו שווער. אַ פלוצעמ־דיקע ענדערונג, אַ דראַסטישער צוריקצי, קאָן גורם זיין דאָס פאַרקערטע. דער מענטש וועט נישט קענען ביישטיין דעם נסיון. זאָל ער עס בכן טאָן ביסלעכווייז, עוואָלוציאָנעריש און במילא זיך צוגעוויינען צום נייעם דרך[5].

הרב ישראל שציפּאַנסקי, גיט אָן דעם וועג און די מיטלען, ווי אַזוי איינצוהאַלטן דעם יצר, אים צו מאַכן כבוש, אינעם זינען פון „איזהו גבור — הכובש את יצרו"[6], ער זאָל אים איינהאַלטן, ביז ער וועט אים פולשטענדיק באַזיגן[7].

אין דעם זינען קאָן מען פאַרשטיין דעם מאמר אין דער גמרא: „לעולם ירגיז אָדם יצר טוב על יצר הרע"[8]. מען זאָגט נישט ער זאָל אים ליקווידירן, נאָר פאַרפירן אַ קאַמף מיט אים, אַפשוואַכן זיין כוח. ווי אַזוי? — דורכן דערמאָנען אים דעם יום המיתה. ווען דער מענטש וועט זיך דערמאָנען אַז די וועלט מיט אַלע אירע פאַרגעניגנס איז בלויז אַ דורכגאַנג, אַז מען לעבט נישט אייביק, וועט זיך אים נישט פאַרגלוסטן אַזוי פיל נאָכצוגעבן דעם יצר.

ווי אַזוי קומט דער יצר?

ס'זענען דאָ די גורמים, די „סרסורי דעבירה": אויג און האַרץ. דאָס אויג זעט און דאָס האַרץ גלוסט; זאָל דער מענטש אויסנוצן זיין ליבע צום אייגענעם ווייב, צו דער פאַמיליע, זיך פאַרנעמען מיט תורה, וועט ער שוין במילא זיך צוריקהאַלטן פון תאוותדיקע מחשבות און מעשים. די שטאַרקסטע ליבע איז פרויען־ליבע, „כי עזה כמות אהבה". ווען ער וועט וויסן, אַז ער איז געצוימט, אַז זיינע יאָרן זענען נישט אייביק, וועט ער זיך במילא צוריקהאַלטן פון נאָכלויפן און נאָכיאָגן זיך נאָך פאַרבאָטנקייט, נאָך זנות. ער וועט וויסן אַז „באהבתה תשגה תמיד". די עצה פון חז"ל איז געווען, נישט אונטערצודריקן דעם יצר און די תאווה ביז גאָר טאָטאַל, נאָר צו טאָן דאָס בהדרגה, קאָנטראָלירן זיך אין די „פליישלעכע פאַרגעניגנס", אין די תאוות־בשרים.

אמת, די חז"ל זענען געווען איבערגעצייגט, אַז פון דריי זאַכן קאָן זיך אַ מענטש נישט אויסהיטן — „אין אָדם ניצול בכל יום"... און איינס פון די זאַכן איז „הרהורי־עבירה". אויף אַן אַנדער אָרט ווערט געזאָגט, אַז די הרהורי־עבירה זענען נאָך ערגער, ווי די עבירה גופא[10]. אויסמאָלן זיך אין געדאַנק געשטאַלטן פון פרויען, פון שיינקייטן, וועט אים פאַרפירן צו שאול תחתיה, ווער שמועסט נאָך צו זיין אַ „מסתכל בעריות", זיך פאַרקוקן אויף פרעמדע פרויען און זיי גלוסטן, דאָס איז פון די פיר און צוואַנציק זאַכן וועלכע זענען מעכב תשובה.

נישט בלויז אין פרעמדע פרויען טאָר מען זיך נישט איינקוקן, נאָר אַפילו אין דער אייגענער פרוי, ווען זי איז אין איר נידה־פעריאָד, ווען זי מענסטרויִרט

טאָר מען נישט צו פיל קוקן, און נישט נאָר דירעקט, אַפילו אומדירעקט — דורך אַ שפּיגל — טאָר מען זיך נישט צוקוקן, ווייל, לויט מוסר־ספרים, דורכן שפּיגלען זיך אין איר, קאָן זיך דער יצר־הרע שטאַרקן.

צו באַשטעטיקן די דאָזיקע וואָרענונג ווייזן זיי אָן אויף אברהם אָבינו, אַז ער האָט זיך אויסגעהיט פון הרהורי עבירה און נישט געקוקט צו פיל אויף זיין אייגענער שׂרה. כּדי אויסצומיידן דעם נסיון פון פאַרשטאַרקטן יצר, איז דאָ אַ מיינונג אין תּלמוד, אַז אַ מאַן זאָל זיך נישט אַרויפשטעלן אויף אַ בעט, ווו מאַן און ווייב זענען געשלאָפן [11].

יחזקאל הנביא האָט זיך באַרימט דערמיט, וואָס ער האָט נישט געטראַכט ביי טאָג (פון פרויען) כּדי נישט צו קומען צו טומאה ביי נאַכט [12]. ווי תּוספות קאָמענטירט, קען מען זיך נישט אויסהיטן פון אָט די מחשבות, מ׳דאַרף שטאַרק אַרבעטן אויף זיך כּדי צו קענען זיך אויסהיטן פון אומריינע מחשבות.

איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס אין משלי ווערן אַזוי פיל מאָל איבער־געחזרט די וואָרענונגען צו פאַרהיטן זיך פון סעקס־געיעג:

„נואף אשה חסר לב״ — דער וואָס איז מזנה מיט אַ פרוי האָט נישט קיין האַרץ און איז אַ נאַר [13]. „ורועה זונות יאבד הון״ — דער וואָס חברט זיך מיט אויסגעלאַסענע פרויען פאַרלירט זיין פאַרמעגן [14]. „להצילך מאשה זרה, מנכריה אמריה החליקה״ — כּדי דיך צו ראַטעווען פון דער פרעמדער פרוי, וועלכע האָט גלאַטיקע רייד... [15] „כּן הבא אל אשת רעהו, לא ינקה כל הנוגע בה״ [16] — קיינער וואָס רירט אָן דאָס ווייב פון אַ חבר, וועט נישט אָפּקומען גלאַטיק, און נאָך אַזעלכע וואָרענונגען.

מיר וואָלטן געקענט צוזאַמענשטעלן אַ גאַר גרויסע אַנטאָלאָגיע פון דעם וואָס עס ווערט געזאָגט אין תּנ״ך און אין תּלמוד וועגן דער געפאַר פון אַריינ־לאָזן זיך אין פרויען־געיעג, פון יאָגן זיך נאָך דער זיסער תּאווה. ווי אייניקע באַהויפּטן, זאָל דאָס וואָרט דבש (האָניק) האָבן די גימטריא אשה און, אויף אַן אַנדער אָרט, אַז: „שאור שבעיסה״ סימבאָליזירט תּאווה און חמדה — יצר הרע.

לויט מיין באַשיידענער מיינונג, איז דער צו שטאַרקער פאַרדאַכט קעגן פרויען, אַז אַלץ וואָס זיי רעדן איז אויסגעלאַסנקייט [17], געמיינט געוואָרן אָנצו־שרעקן מענער, זיי זאָלן נישט האָבן צו פיל צו טאָן מיט פרעמדע ווייבער.

ווער זענען די פרעמדע ווייבער? נישט וועלנדיק זיך אַריינלאָזן אין הלכהשע ענינים, איז אָבער זיכער, אַז דער גרעסטער פאַרבאָט איז צו האָבן צו טאָן מיט אַן אשת־איש, ווייל אַזעלכע מעשים געהערן צו די „דברים העומדים ברומו של עולם״ — אויף דער העכסטער הייך פון פאַרזיכערן ריינקייט און משפּחה־יחוס.

דער פאַרבאָט אשת־איש נעמט אַריין, ווי שוין דערמאָנט, דעם פאַרבאָט פון אַן ארוסה, פון אַזעלכער וואָס געהערט שוין צו אַ מאַן, אַפילו נאָך נישט פאַר־

הייראַט. אַז מ׳האָט געוואָלט כאַראַקטעריזירן עשׂון פאַר וואָס ער איז געווען אַזאַ רשע, האָט מען געזאָגט וועגן אים: „שבא על נערה המאורסה״! [18] פאַר וואָס דווקא אין דער פאַרבאָט אַזוי האַרב געווען, אַז נאָך אַ התראה, נאָך אַ וואָרענונג — זאָל אַ ייִדן קומען טויטשטראָף בלויז פאַר האָבן אַ געשלעכטלעכן פאַרקער מיט אַ ייִדישער פרוי? [19] דאָס אָבער געהערט צו הלכה — און גייט נישט אַריין אין אונדזערע ראַמען.

צו די זאַכן אויף וועלכע דאָס בית דין (של מעלה) האָט געהאַט אַ רעכט מנדה צו זיין געהערט אויך דאָס פאַרברענגען מיט אַ פאַרהייראַטער פרוי [20].

אין קבלה־ספרים ווערט שוין געזאָגט, אַז אַ גלגול כּלב קומט אויף דעם מאַן וואָס האָט צו טאָן מיט אַ פאַרהייראַטער פרוי, מיט אַן „אשת־איש״. ס׳ווערט דערציילט [21] וועגן אַ מאַן, מיטן נאָמען ר׳ אברהם פוא״ה, אַ גרויסער חסיד, אַ רייכער ייִד, אַ בעל צדקה און זיינס אַ שכן וואָס איז פּלוצעם געשטאָרבן. נאָך אַ צאָל יאָרן, איז געקומען אַ שוואַרצער הונט און נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס הויז ביז איין מאָל, ווען די טיר איז געווען אָפן, איז ער אַריינגעלאָפן, אַרויף אויף דעם חסידס פרוי, זי געביסן, געריסן און אַנטלאָפן.

ר׳ אברהם איז געקומען צום אר״י הקדוש פרעגן וועגן דעם עונש. האָט דער אר״י אים דערקלערט: דיין פרוי האָט געלעבט מיטן שכן. דער שוואַרצער הונט איז דער גלגול פון יענעמס נשמה... מ׳האָט די פרוי גענומען אויף אַ קרייצפאַר־הער. זי האָט זיך מודה געווען און דערציילט אַז איר שכן איז נאָך ביים לעבן צעפוילט געוואָרן (מסתמא פון אַ ווענערישער קרענק). דער חסיד האָט זי אַרויס־געיאָגט פונעם הויז. זי האָט תשובה געטאָן און איז אין איר איינזאַמקייט אויס־געגאַנגען.

דאָס אַלץ איז איבערגעגעבן געוואָרן כּדי אָנצושרעקן מענער און פרויען פון באַגיין זנות פאַרברעכנס; נישט צו פאַרראַטן מאַן אָדער פרוי; צו האַלטן גאַנץ דאָס משפחה־לעבן.

ס׳זענען פאַרוואָרט „עריות״ קרובות און קרובים. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט זענען פאַראַן פאַרבאָטן אויף וועלכע ס׳קומט כּרת — אַ הימלישע טויטשטראָף, און פאַראַן אַזעלכע פאַרבאָטן, אויף וועלכע ס׳קומט מלקות, אָדער מכּת מרדות, ווי אַ תּקנה פון רבנן [22]. אויף דעם פאַרבאָטענעם צוזאַמענלעב, אויף וועלכן ס׳קומט די שטראָף פון טויט לויטן בית דין של מטה, און כּרת, לויטן בית דין של מעלה איז דער דין, אַז אַ קינד וואָס איז פון אַזאַ צוזאַמענלעב געבוירן געוואָרן איז אַ ממזר לויט דער הלכה [24]: מ׳האָט געוואָלט אויף דעם מעגלעכסטן אופן וואַרפן אַ שרעק צו באַגיין אַזעלכע מעשׂים.

אין די מדרשים, ווו נאָר עס ווערט גערעדט וועגן זינד אין די „בראשית״־טעג, (ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן), גיט מען תּמיד צו, אַז די זינד זענען

געווען: פאַרבאָטענע געשלעכטלעכע באַציִונגען. אַזוי די „בני אלהים״, וועלכע האָבן זיך פאַרליבט אין די שיין־מענטשלעכע טעכטער[25]; אַזוי בכלל די עראָ־טישקייט וואָס האָט געברויזט ביי יענע „בראשית״־קינדער, און אַזוי אין די שפּעטערע תּקופות פאַר און נאָכן מבול.

ביים דור המבול, זענען די געשלעכט־באַציִונגען אָנגעגאַנגען אויפן ערגסטן, ווילדסטן אופן און צוליב דעם איז דער דור אָפּגעמעקט געוואָרן; ס׳איז געקומען די „אנדרלמוסיה״ וואָס האָט געהרגעט די גוטע, ווי די שלעכטע, ווי דער זאָג איז: „כיון שניתנה רשות למשחית אינו מבחין״.

ווען מען פאַרגלייכט אַלע סתירות אין די מדרשים, אין שייכות מיט די מבול־זינד, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז די ערגסטע זינד זענען געווען: חמס און גלוי עריות, רויב, „שטופין בגזל״ און עראָטישע פאַרדאָרבנקייט, וואָס האָט אַריינגענומען די אַנאָרמאַלקייט פון האָמאָסעקסואַליזם און לײַבלעכע באַציִונגען מיט בהמות און חיות...[26]

האָט מען געוואָלט שילדערן די שלעכטסקייט און פאַרדאָרבנקייט פון עשׂון, האָט מען אַריינגעטייטשט אין דעם וואָרט „והוא עייף״[27], אַז ער האָט געהרגעט אַ נפש און פאַרגוואַלדיקט אַ „נערה המאורסה״[28].

דער איסור ערוה, דער פאַרבאָט פון זנות, האָט אין דער בראשית־תּקופה דער עיקר געמיינט: פאַרבאָט צו האָבן פאַרקער מיט אַ פרוי וועלכע האָט אַ מאַן, חתונה געהאַט מיט אַ מאַן[29] און שליסט אויך איין אַ פרוי פון „אירוסין״[30] — אַ פרוי וועלכע איז בלויז פאַרקנסט געוואָרן...

אין די שפּעטערע צייטן, אין דער תּנ״ך־עפּאָכע און אין די נאָכפאָלגנדיקע פּעריאָדן, האָט אַ מאַן פריִער געפלעגט מקדש זיין אַ פרוי און ערשט מיט אַ יאָר שפּעטער חתונה האָבן. די כּלה פלעגט זיין ביי אירע עלטערן ביז דער חתונה, אָבער זי איז שוין באַטראַכט געוואָרן ווי אַן „אשת־איש״, נאָך אײדער זי איז דאָס געוואָרן „מן הנשואין״. וואָס שייך דעם עונש, איז דער מאַן וואָס האָט פאַר־גוואַלדיקט אַ פאַרקנסט מיידל ווען זי האָט אַפילו איינגעשטימט צו לעבן מיט אים פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט.

אַ פרוי וועלכע האָט מזנה געווען איז געקומען די גאַר האַרבע שטראָף. אויב אָבער די שטראָף האָט נישט געקאָנט צוליב געוויסע טעמים אויסגעפירט ווערן, איז געווען די אויפגאַבע פונעם בית־דין צו וואָרענען דעם מאַן ער זאָל מער נישט וווינען מיט איר, „כשם שאסורה לבועל כך אסורה לבעל״[31] — אָבער וועגן דעם באַזונדער.

דער געבאָט צו זיין געהיט אין פאַרקערן געשלעכטלעך מיט אַן אשת־איש, וואָרצלט אין בראשית־פּעריאָד. אַ בן נח, ווי אַ ישׂראל, איז געבאָטן צו זיין געהיט פון דעם סאָרט זנות: „ודבק באשתו״[32] לערנט מען אַרויס: „ולא באשת חברו״[33];

און נישט געקוקט וואָס עס איז געשריבן „על כן יעזוב א י ש״, איז אויך געמיינט — אשה, ווי דער אויספּיר איז: „והיו לבשׂר אחד״ — ווערט גערדרשנט: „השוה אותם הכתוב אשה לאיש״ [34].

רש״י קאָמענטירט אויף דעם „לבשׂר אחד״ — זיי ווערן איין לײַב, ווייל „הולד נוצר על־ידי שניהם״, דאָס קינד ווערט דורךביידע געבוירן. דער רמב״ן לערנט, אַז דערפאַר, וואָס די פרוי איז אַן „עצם מעצמי״ (ביין פון מיינע ביינער), ווערן די מענער באַהאַפטן מיט זייערע ווייבער... ביי חיות און בהמות און אַלע מינים באַשעפענישן האָט דער זכר קיין שום דבקות נישט צו דער ספּעציפישער נקבה, אין זיין לשון: „יבא הזכר על איזה נקבה שימצא...״

דערפאַר און צוליב די מאָטיוון, האָט מען געלערנט ווי אַזוי זיך צו באַנעמען מאָראַליש אין פאַמיליע־לעבן, אין דער אינטימקייט פון מאַן־ווייב, און אויב ס׳איז דאָ פאַרראַט, איז געזינטער און בעסער אַ שיידונג; דאָקעגן, אויב ס׳הערשט האַרמאָנישקייט, איז ווי ר׳ יוסי בן חלפתא האָט געלערנט דעם פסוק „בית והון נחלת אבות ומה׳ אשה משכלת״ — הויז און גוטס, איז אַ ירושה פון עלטערן, אָבער אַ געראָטן ווייב, איז פון גאָט (משלי, י״ט, י״ד; בראשית רבה, ס״ה, ג׳־ד׳) אין דער אויסברייטערונג פונעם עטישן דעוויז: „אשתך גצין... תלחיש לה״ — ווען אַפילו די ווייב איז קירצער... זאָלסטו דיך בייגן צו איר (בבא מציעא, נ״ט, ע״א).

פאַרשטייט זיך אַז ס׳זענען דאָ אומצייליקע דינים אין שייכות מיט די הלכות. אָבער מיר פאַרנעמען זיך נישט מיט פסק, מיט הלכה; מיר ווילן בלויז אָנווייזן, אַז דער זנות־פאַרבאָט איז חל סיי אויף דעם מאַן און סיי אויף דער פרוי. די פרוי איז בכלל געבאָטן אויף אַלע מצוות און דינים „לא תעשׂה״ אין דער תורה [35], אויסער געוויסע מצוות „לא תעשׂה״, פון וועלכע פרויען זענען פריי [36]. וואָס שייך איסור עריות, איז זי מחוייב אָפּצוהיטן אויפן שטרענגסטן אופן, נישט גע־קוקט וואָס מערסטנס קומען די געבאָטן אַלס אָנזאָג צום מאַן [37]. ווי מיר פאַר־שטייען, איז די סיבה — ווייל „האיש כובש״, דער מאַן האָט דעם כּוח פון באַ־הערשן די פרוי און ווייל די מצווה פון פריה ורביה איז אויך בעיקר אָנגעזאָגט געוואָרן צום מאַן. די אָנגענומענע הלכה איז, אַז אויף דער פרוי ליגט נישט פון דער תורה דער חוב מקיים צו זיין די דאָזיקע מצווה [38].

דער איסור עריות און ערוה נעמט אַריין, ווי געזאָגט, נישט בלויז דעם פאַרבאָט פון קרובות, קרובים, נאָר אויך — און גאָר שטאַרק — אַ נערה המאור־סה. אין אַזאַ פאַל קומט סקילה. אַ כּהנס טאָכטער, וועלכע באַגייט אַזאַ פאַרברעך, קומט שׂרפה [39].

פאַר וואָס האָט מען אַזוי געדאַרפט וואָרענען און שטראָפן, פאַר וואָס האָט מען גערדרשנט אויף דעם פסוק „ויהושע לבוש בגדים צואים״, אַז דאָס ווייזט, אַז אַפילו אַ כּהן גדול איז געווען באַקליידט מיט אומריינע קליידער. די אומריינקייט

איז באַשטאַנען אין זיינע קינדערס עריות־פּאַרברעכנס. די חכמי התלמוד, די אויסטייטשערס און נאָכפאָלגערס פון דער תורה שבכתב, האָבן געוווּסט ווי שווער ס׳איז פאַר ייִנגערע מענטשן זיך אויסצוהיטן פון דער תאווה, צו קאָנטראָלירן די ליידנשאַפטן, בעת די אַפּאַסטאַלן פון ליבע, די עמאָציעס, ווילן נישט וויסן פון קיין גרענעצן. די הנאה אינעם „פּרוזדור" איז אַזוי שטאַרק, אַז זי קען זיך גרענעצן מיט אייביקייט. האָט מען דעריבער צוגעגרייט תחומים וואָס זאָלן העלפן צוריקהאַלטן און דערווייטערן דעם בשׂר־ודם פון זנות, פון תאווה — די פראַגע איז, ווי אַזוי?

וועגן דעם אין קומענדיקן פּרק.

ד. פּח פון תאווה. — חשד אויף די גרעסטע מענטשן. — ווי אַזוי מ׳טייטשט אויס פּסוקים. — דודאים וואָס גיבן אַ גוטן ריח. — גייסטיקע שיינקייט.

מיר האָבן שוין אין פריִערדיקן פּרק און אין אַ פריִערדיק ווערק [1] אָנגעוויזן אויף דעם כּוח פון תאווה, וואָס קען אַפילו באַהערשן און פאַנגען די הערצער פון די גרעסטע מענטשן. מיר האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז די חז״ל האָבן נישט מינימיזירט דעם דאָזיקן כּוח און דעריבער האָבן זיי געשאַפן ספּעציעלע הלכות און רעגולאַציעס, ווי צו צוימען דעם דאָזיקן כּוח, וואָס איז אי שעפעריש־קאָנסטרוקטיוו, אי צעשטערעריש־פאַרדאַרבן.

אַז ייִדן האָבן זיך געוואָלט טשעפּן צו דעם אדון הנביאים, אבי הנביאים, מחוקק און גאָטס שליח אויסצולייזן זיין פאָלק, וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן געוואָרפן אויף אים אַ חשד אַז ער האָט צו טאָן מיט ווייבער, „קינא את אשתו ממשה" [2], און דאָס האָבן זיי גערעדט וועגן דעם גרעסטן פירער, אויף וועמען די תורה זאָגט עדות: „פּה אל פּה אדבר בו ומראה ולא בחידות" [3], דער איש האלהים, וועמענס פּנים האָט געשיינט מיט גייסטיקייט, „אשר ידעו ד׳ פּנים אל פּנים" [4], פאַר וועמען מ׳האָט געעפנט די מ״ט שערי בינה און זינט מתן תורה האָט ער זיך פּורש געווען פון אַ פרוי. אָט דעם גרויסן גייסטיקן מנהיג פון ייִדישן פאָלק, האָבן זיי חושד געווען, אויסגעטראַכט אַ בלבול אין שייכות מיט זנות, און ער האָט געדאַרפט שטעלן זיין געצעלט מחוץ למחנה, אַרויס פון דער מחנה, „ומשה נטה אהלו מחוץ למחנה" [5]. משה האָט זיך געוואָלט אויסהיטן פון די שלעכטע רייד אויף אים. ר׳ ברוך עפּשטיין איז מסביר, אַז דאָ ווייזט מען אויף דעם כּוח פון מחלוקת, אַז אַפילו אויף משה רבינו האָט מען אַזוינס געקענט אויסטראַכטן און אויפהעצן דעם עולם מיט אַזאַ סאָרט בלבול.

מיר דאַכט זיך אַז דאָ ווייזט מען, אַז אַפילו אויף אַזאַ הייליקן מענטשן,

אויסגעטאָן אין גאַנצן פון תאוות עולם הזה, אָפּגעשיידט פון זיין פרוי, ווי בכלל פון פרויען, „פירש מן האשה״, האָבן דאָך יידן געקענט גלייבן אַז ער איז נישט ריין פון מענטשלעכע שוואַכקייטן.

משה איז נישט דער איינציקער אויף וועמען מ'האָט אויסגעטראַכט אַזאַ חשד. דעם נביא ירמיהו האָט מען חושד געווען אין זנות, „שחשדוהו מאשת־איש״ [6].

עס זענען במילא נישט קיין וווּנדער די געשאַפענע דינים פון יחוד, צו וועלכע מיר וועלן זיך נאָך אומקערן און ס'איז נישט קיין וווּנדער דער דין, אַז צוליב דריי זאַכן זאָל מען נישט אַריינגיין אין אַ חורבה; איינס פון די זאַכן: צוליב חשד... און רש״י קאָמענטירט אַזוי פשוט, איינפאַך: „שלא יאמרו זונה מוכנת לו שם״ און גיט אָן דעם דין „אשה מתייחדת עם שני אנשים״ [7].

משה רבינו, וועגן וועמען די תורה זאָגט עדות: „מויל צו מויל רעד איך מיט אים און די געשטאַלט פון גאָט קוקט ער אָן״... ער פאַרמאָגט די העכסטע קדושה־אינטויִציע, אויסגעטאָן פון קערפּערלעכע תאוות, ער איז הימלדיק און פאַר־ברענגט אין הימל. ער איז אָבער דאָך געבליבן מענטש, „והאיש משה״. מ'האָט געקענט אָנרעדן אויף אים, אַז ער האָט נישט אויסגעוואָרצלט מענטשלעכע שוואַכ־קייטן, מענטשלעכע נייגונגען, מענטשלעכע גלוסטונגען.

„ששה דברים נאמרו בבני אָדם...״ זעקס אַטריבוטן געפינט מען ביים מענטש: דריי ווי אַ בהמה און דריי ווי מלאכי השרת... די דריי בהמהשע זענען: עסן און טרינקען ווי בהמות; פרוכפּערן זיך ווי בהמות; געבן אָפּפאַל („מוציאים רעי כבהמה״).

פאַר וואָס אַזוי? האָבן מיר אַ גענויען ענטפער: דריי שותפים זענען פאַראַן אינעם מענטש: „הקדוש־ברוך־הוא ואביו ואמו, אביו מזריע הלובן, שממנו עצמות וגידים וצפרנים ומוח שבראשו ולובן שבעין; אמו מזרעת אודם שממנו עור ובשר ושערות ושחור שבעין; והקב״ה, נותן בו רוח ונשמה וקלסתר פנים וראית העין... ודעת ובינה והשכל״... [8]

מ'קען זיך דעריבער פאָרשטעלן, אַז די חלקים אינעם מענטש וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים געגעבן זאָלן זיך וועלן פאַראייניקן, זאָלן ציִען צו זיך — אָבער אַ חשד אויף אַזעלכע גייסט־מענטשן ווי משה רבינו, וואָס ווערט געשילדערט מיט די העכסטע אַטריבוטן פון מענטשלעכער דערהייבונג [9], חושד צו זיין דעם נביא ירמיהו, און וואָגן מיט אַנצוהערענישן איבער דעם ליכטיקן, לעגענדאַרישן, קעמ־פערישן נביא אליהו, דער וואָס האָט געזאָגט „קנא קנאתי לד׳ אלהי צבאות״ [10], דער וואָס איז אַ פלאַם אין דער הימלישער אייביקייט — אויף אים וואַרפן אַ חשד?...

מילא, מיר פאַרנעמען זיך נישט מיט אַ מאָנאָגראַפישער אַרבעט וועגן נביא

אליהו. אַ רייכע ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן אַרום אים, צענדליקער ווערק פאַרנעמען זיך מיט דער דאָזיקער הימלישער פערזענלעכקייט. דאָ, אין שייכות מיט אונדזער אַרבעט, ווילן מיר זיך בלויז אָפּשטעלן אויף איין מאָמענט אין זיין לעבן — זיין אויפהאַלט ביי דער „אשה הצרפתית", וועלכע ער האָט געראַטעוועט פון הונגער און איר שטערבלעך קינד לעבעדיק געמאַכט.

ד"ר י. ז. לעווינזאָן־לביא פאַרנעמט זיך [11] דערמיט וואָס עס ווערט דער־ציילט אין ספר מלכים א' [12], וועגן דעם נס וואָס ער האָט באַוויזן דער פרוי פון צרפת, די „אשה אלמנה מקששת עצים", וואָס האָט מער נישט געהאַט ווי אַ „כף קמח" און אַ „מעט שמן" און ס'איז דורך אליהו הנביא געשען דער נס: „כד הקמח לא תכלה וצפחת השמן לא תחסר", ביז עס איז געקומען רעגן און שפע לרוב.

איז דאָך געווען אַזאַ סאָרט נס — ראַטעווען מענטשן פון הונגער!

איז באַלד געשען נאָך אַ נס: דער בן יחיד איז קראַנק געוואָרן, ממש אויס־געהויכט זיין נשמה, „חלה בן אשה בעלת הבית ויהי חליו חזק מאד, עד אשר לא נותרה בו נשמה" [13]. איז די פרוי געקומען צו אליהו מיט אַ ביטערער טענה: „מה לי ולך איש האלהים, באת אלי להזכיר את עווני ולהמית את בני"...[14] וואָס האָט אליהו געטאָן?

ער האָט מתפלל געווען און זיינע תפילות האָבן געפּועלט: ער האָט געקראָגן די „שליסלען פון תחיית המתים" און דאָס קינד איז געהיילט געוואָרן.

שטעלט זיך די פראַגע, פאַר וואָס האָט די צרפת־פרוי גערעדט מיט פאַרדרוס צום נביא וואָס האָט באַוויזן אַ נס, וואָס האָט אָנגעפילט אירע קרוגן און פלעשער מיט מעל און בוימל? ווי האָט זי זיך דערלויבט צו רעדן מיט אַזאַ דרייסטקייט און געוואַגטקייט צום הייליקן מאַן? וואָס פאַר אַ שייכות האָט זיין קומען צום קראַנק ווערן פונעם זון?...

די דאָזיקע און נאָך אַ ריי פראַגעס ווערן געשטעלט פון אַ צאָל מפרשים, און יעדער זוכט אַ תירוץ און וויל אויפקלערן די מיסטעריע אַרום דעם ענין אליהו און די נאָמענלאָזע פרוי. דער מלבי"ם דערקלערט עס אַז זי האָט מורא געהאַט, אַז צוליבן נס פון מעל און בוימל, האָט מען אַראָפּגענומען פון אירע זכותן, לויטן מאמר: „מנכין לו מזכיותיו", און אַז דעריבער איז געקומען אויף איר דער אומגליק [15]. רש"י דערקלערט עס אויף גאָר אַן אַנדער אופן — מ'האָט פון הימל אַזוי געפירט, כדי צו ווייזן, אַז מ'האָט די שליסלען פון לעבעדיק מאַכן די טויטע איבערגעגעבן צום נביא, וועלכער האָט זיך מוסר נפש געווען אין קאַמף פאַר דער ריינער אמונה: „חלה בן האשה כדי שיצטרך למפתח של תחית המתים, כדאיתא בשילהי אגדתא דחלק (סנהדרין), און אויפן אויסדרוק „להזכיר את עוני", טייטשט רש"י: „עד שלא באת אלי היו שוקלין מעשי ומעשה עירי והייתי ראוי

לנס, משבאת לכאן, לא נחשבתי לכלום ואין צדקתי ניכרת וכן בלוט הוא אומר — ואנכי לא אוכל להמלט ההרה אצל אברהם, שלא תהא זכותי נזכרת אצלו" [16].

רש"יס טייטש איז אַ קיצור אָדער תּמצית פון אַ מדרש [17]; ער פאַרגלייכט די רייד פון דער „אשה צרפתית" צו דער מעשה לוט — די מורא „פּן תדבקני הרעה" [18], ד"ה, אַז אין קעגנוואַרט פון אַ צדיק קאָן ווערן דערוועקט זינד ביי אַ קלענערן מענטשן. אין מדרש-קאָמענטאַר: „בואך אלי גרם להזכרת העון ועל ידי זה להמית את הבן".

ווי פאַרשערס ווייזן אָן, איז געווען דער גלויבן אַז מיתה קומט צוליב זינד. ווי עס זאָגט רב אמי: „אין מיתה בלא חטא ואין יסורין בלא עון" [19]. די דאָזיקע פרוי איז געווען זיכער, אַז צוליב דער גרויסקייט און וויכטיקייט פון אליהו הנביא, האָט מען אין הימל געוויגן אירע מעשים. זי האָט מורא געהאַט אַז צוליבן גאַסט איז זי אָפּגעבריט געוואָרן.

ווען איז זי געוואָרן צופרידן? ווען האָט זי דערזען, אַז זי איז נישט קיין זינדיקע, ווען איר זון האָט צוריקגעקראָגן זיין חיות, וואָס איז ביי איר געווען ווי תּחיית המתים. די דאָזיקע תּחיית-המתים-שליסלען, ווי די אגדה לערנט אונדז, זענען איבערגעגעבן געוואָרן צום דאָזיקן נביא [20].

איינער פון די גאָר נייע תּנ"ך-פאַרשערס און יידיש-איבערזעצערס, ד"ר שלמה סימאָן, וויל דאָ אָנווייזן אַז דער היסטאָרישער אליהו הנביא, ווי ער ווערט געשילדערט אין ספר מלכים, און דער אליהו הנביא פון מדרש זענען צוויי באַזונדערע געשטאַלטן. דער אליהו הנביא פון תּנ"ך איז אַ בייזער, אַ קפּדן, אַ קנאי, אַ קעמפער, און דער אליהו הנביא אין דער אגדה איז אַ גוטער, אַ האַר־ציקער, אַ ליבהאָבער פון יעדן נפש, אַ בשורה-אָנזאָגער... ער איז אַ ליבנדיקע לעגענדאַרישע געשטאַלט" [22].

איך וואָלט צוגעגעבן: אין תּנ"ך איז ער דער שטרענגער און אין דער אגדה דער מילדער; אין תּנ"ך איז ער מיט דין, און אין דער אגדה — מיט רחמים. איןביידע: לעגענדאַריש! אַרויף אין הימל לעבעדיקערהייט און פאַרבליבן אין דער יידישער מיסטעריע לעבעדיק.

אליהו הנביא איז דער טרייסטער און העלפער; דערמוטיקער און אויפריכ־טער; דער ווילער בשורה-אָנזאָגער און באַשיצער פון יידישע היימען. ער פאַר־איניקט אויך משפחות: „והשיב לב אָבות על בנים ולב בנים על אבותם" [23].

אין דער אגדה איז דאָס קינד וואָס ער האָט לעבעדיק געמאַכט — משיח בן יוסף, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין זכות פון דער אשה הצרפתית פאַר איר גרייטקייט צו שפייזן דעם נביא וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן די פאַלשע נביאים און קעגן דעם פאַרברעכערישן מלכות אחאב, וואָס איז דאָמינירט גע־וואָרן פון דער אכזריותדיקער איזבל. אין דער אגדה קומט אויס, אַז ס'האָט

אַנדערש נישט געקאָנט זיין, ווי נאָר אַז דער נביא פון מיסטישן מחיה נפשות זאָל זיין פאַרנומען מיטן מיסטישן משיח און ביים סוף פון די טעג וועט ער ברענגען דעם רעאַלן משיח בן דוד[24]. אָבער וועגן דעם, ביי אַן אַנדער גע־לעגנהייט.

אונדז אינטערעסירט גאָר אַן אַנדער אגדה, אַ ניי־אַנטדעקטער פירוש וואָס ווערט געבראַכט אין „ילקוט שמעוני״[25] און וואָס שטעלט אונטער אַ חשד דעם לעגענדאַרן נביא. ס׳זאָל הייסן אַז דער פרויס טענה צום נביא „כי באת אלי״ זאָל גאָר מיינען, אַז ער האָט מיט איר געהאַט אינטימע באַציִונגען: „אמרה לו האשה כי באת אלי בתשמיש המיטה והזכרת עוני״... אַן אויסטערלישער חשד? יאָ, אָבער פאַקטן באַווייזן דאָך, אויך לויט אגדות, אַז יידן האָבן געוואָרפן חשד אַפילו אויף משה רבינו, אויף ירמיהו הנביא.

לויט דער דאָזיקער ווערסיע, האָט די קלוגע אלמנה גערעדט אַזוי שאַרף צום נביא, פאַרלאַנגט אומבאַדינגט ער זאָל ראַטעווען איר שטערבלעכן זון, אים לעבעדיק מאַכן, כדי דערמיט זאָל ער זיך באַווייזן אַלס הייליקער מענטש און אָפּוואַרפן יעדן סאָרט חשד.

ד״ר לעווינזאָן־לביא ווייזט אָן מיט רעכט, אַז אין חשד פון אינטימקייט, ווי ער רופט עס — „קירוב בשׂר״, איז אוממעגלעך צו טראַכטן די אלמנה זאָל געוועזן וואָגן אים באַשולדיקן. אָבער אין אַזאַ פאַל איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, זי זאָל אים געוועזן פשוט שאַנטאַזשירן, אַז ער איז געווען מיט איר ביחוד...[26] מיר וואָלטן אפשר געקענט אַזוי טייטשן און אָפּוואַרפן וועלכן נישט איז חשד, אָבער, ווי ער זאָגט, אבל מה נעשׂה, וואָס זאָל מען טאָן, אַז דער מחבר פון „מגן אברהם״, ר׳ אברהם אבלי (שצ״ז־תמ״ג, 1683-1631) קאַלישער רב, נעמט אָן אין זיין פירוש „זית רענן״ די דאָזיקע אגדה ווי אַ נאָרמאַלע זאַך, אין גאַנצן נאָרמאַטיוו לויטן דעמאָלטיקן לעבן. ער באַמיט זיך צו פאַרענטפערן דעם נביא, אַז ער האָט געטאָן לויט דער הלכה. די דאָזיקע זעלטענע פאַסירונג ווערט נאָרמאַליזירט:

„באת אלי בתשמיש המיטה, מתוך צערה אמרה כך, כדמסיים ואזיל, ואפשר כדאמרינן ביבמות, דרבנן כי הוו אזלי לשום מקום היו מיחדים להם אשה, שאסור לאדם לעמוד בלי אשה, לכן אליהו אפשר שייחד לו האשה הזאת שתשמור שבעה נקיים ולכן אמרה כך״...

מיר וועלן ווייטער באַהאַנדלען די מעשׂה וואָס ווערט דערציילט: „רב כי איקלע לדרשיד מכריז ואמר מאן הויא ליומא. רב נחמן כי איקלע לשכנציב, מכריז ואמר מאן הויא ליומא״...[27] און מיר ווייזן אָן אַז, לויט מפרשים[28], האָט עס געמיינט, אַז זיי האָבן געשיקט שליחים זיי זאָלן פאַר זיי צוגרייטן פרויען כדי שטילן דעם יצר, וואָרעם: „אין דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו״...

ווי רש״י גיט צו: „ואין נזקקין להן אלא שהנשוי אשה אין מתאווה כמי שאין לו אשה״...

מיר ווילן זיך אָפּשטעלן באריכות וועגן אַט דעם מאָדנעם פאַרלאַנג: „ווער ווייס ווען זיין פאַר מיר בלויז אויף איין טאָג״. עס איז נישט אַזוי פּשוט, ווי דער גאונישער פוסק, דער בעל מגן אברהם, נעמט עס אָן אין בוכשטעבלעכן זין; עס איז אויך נישט פשוט אָנצונעמען די אגדה, אַז די צרפתית זאָל רעדן אַזוי שאַרף צו אליהו הנביא: „כי באת אלי בתשמיש המיטה״, אַז זי איז געקומען צו אים מיט אַ סאָרט דרינגענדיקער שאַנטאַזש-וואָרענונג, צו דעם מסתמא דאָן שוין באַקאַנטן פאַר יעדן איינעם, אויך פאַר דער אלמנה, אַז דאָס איז דער מאַן וואָס באַקעמפט די פאַלשע נביאים, די „פוסחים על שתי הסעיפים״. ס׳איז אויך נישט פאַרשטענדלעך, אַז נאָך דער וואָרענונג זאָל ער מתפלל זיין און מ׳זאָל אים, דעם, וואָס האָט געהאַט אינטימקייט מיט אַ פרעמדער פרוי, זאָל זיין אַן אלמנה, געבן די שליסלען פון „תחיית המתים״?...

ער, דער אָנזאָגער פון דער משיח-בשורה, דער נביא וועמעס עובדא וועט זיין צו שאַפן האַרמאָניע אין פאַמיליע-לעבן, „והשיב לב אבות על בנים״, אויף אים זאָל געוואָרפן ווערן אַזאַ חשד! עפּעס איז שווער אָנצונעמען אַזוי גלייכגילטיק די דאָזיקע אגדה, אפשר ווערט דורך דער אגדה געשטאַרקט די יידישע עטיק און מאָראַל — אָבער אַזאַ אגדה קאָן ווירקן אויך פאַרקערט.

ד״ר לעווינזאָן-לביא ברענגט די מיינונג פון אייניקע פאַרשערס, אַז דעם דאָזיקן מאמר-אגדה האָט עמעצער צוגעשריבן[29]. וואָס טוט מען אָבער אַז מיר געפינען געגנוי אַזאַ לשון אין פרקי דרבי אליעזר, מיט אַ מינדערוויכטיקן שינוי, „ואמרו״ — מענטשן ווילן זאָגן — אַנשטאָט „ואמרה״ — זי האָט געזאָגט. די דאָזיקע ענדערונג מינערט נישט פון דער קאַרדינאַלער פראַגע — ווי קומט עס מ׳זאָל גאָר האָבן אַ חשד אויף דעם הייליקן נביא[30] און אַז צוליב דער מורא וואָס מענטשן ווילן זאָגן, זאָל ער זיך נעמען ראַטעווען דאָס קינד פון דער צרפית, אָדער צרפתית?

דער חידוש איז אויך, וואָס אַזאַ פוסק ווי דער רדב״ז (ר׳ דוד בן זמרה) זאָל גאָרנישט זען אָדער פילן, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, נאָר ציטירט דעם פרקי דרבי אליעזר און גיט צו בלויז איין וואָרט ממש: „ואמרו העולם כי באת אלי ממש ועל ידי כך מת בני״[31]. אויב זי איז געווען אַן אלמנה און נישט קיין אשת-איש, איז עס דאָך נישט קיין פאַרברעך ס׳זאָל קומען דערויף טויט-שטראָף, און פאַר וואָס זאָל דאָס קינד פונעם פריִערדיקן מאַן קריגן דעם עונש?

נאָך אַלע דערקלערונגען איז אַלץ שווער צו גלייבן, אַז אָרנטלעכע מענטשן וואָלטן געוואָרפן אַזאַ חשד אויף דעם ריינעם מענטשן, סיידן די פאַלשע נביאים ווילן דאָס טאָן (ווי די וואָס האָבן, זיינער צייט, געקריגט אויף משהן),

וועלן אויסטראַכטן אויף אים אַ בלבול: זעט וואָס עס פּאַסירט מיטן קעמפּערישן נביא, אַ קינד איז צוליב אים געשטאָרבן... אַ סימן אַז מ׳יר זענען געגעכט און נישט ער; דערמיט וואָלטן זיי פּאַרפּירט די יידישע געזעלשאַפט, די פּשוטע ייִדן, וועלכע האָבן פריִער דערזען דעם נס „ותפול האש... וירא כל העם ויפלו על פניהם ויאמרו ד׳ הוא האלקים״...[32] די דאָזיקע ייִדן וואָלטן אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז דאָס אַלץ וואָס אליהו הנביא האָט באַוויזן, איז אפשר געווען כּישוף־מלאָכה...

אין מדרש[33] האָבן מיר די פאָלגנדיקע אגדה:

„ר׳ ברכיה ור׳ לוי בשם ר׳ חמא ב״ר חנינא: שני בני אָדם אמרו דבר אחד, לוט וצרפית. צרפית אמרה: עד שלא באת אצלי היה הקדוש ברוך הוא רואה מעשי ומעשה אנשי עירי, והיו מעשי רבים על אנשי בני עירי, והייתי צדקת ביניהם, עכשו שבאת אצלי[34], באת אלי להזכיר את עוני ולהמית את בני; לוט אָמר: עד שלא הלכתי אצל אברהם היה הקדוש ברוך הוא רואה מעשי ומעשי בני עירי, ואני צדיק ביניהם, עכשו שאני הולך אצל אברהם, שמעשיו רבים על שלי, איני יכול לעמוד בגחלתו״.

דאָ זעט מען פּשוט אַז אי לוט, אי די צרפתישע אלמנה האָבן געגלויבט, אַז צוליב זינד (אין פאַרגלייך מיט צדיקים) קאָן קומען אויף זיי אַן עונש. די פרוי האָט מסתמא געהאַט זינד, פּונקט ווי לוט, וועלכער ווייזט זיך נישט פאַר אַ צדיק, האָט זי מורא געהאַט, אַז אין דער אָנוועזנהייט פון אַ צדיק, ווערט זי אויס צדיקת און דער עוון איז געוויס נישט פאַרגעבלעך, בעת עס געפינט זיך אַ צדיק אין איר שכנות.

אין ספר חסידים ווערן געבראַכט אַלס משל די רייד פון דער צרפית־אלמנה:

„כּאותה אלמנה שלא שמעה לאליהו וכתיב כי באת אלי להזכיר עוני״[35]

ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי (חיד״א, התפ״ז־תקס״ו — 1806־1727) אין זיין פירוש „ברית עולם״ איז מסביר, אַז פריִער האָט אליהו זי געשטראָפט וועגן עפּעס אַ זינד, נאָר זי האָט זיך נישט צוגעהערט און איז דעריבער געווען אין כּעס אויף דעם נביא, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז פריִער האָט איר חטא געקענט באַטראַכט ווערן ווי אַ שוגג, אָבער נאָך זיין וואָרענונג איז עס געוואָרן אַ מזיד און אַלס אַ זינדיקע מ׳יט ווילן, איז איר געקומען אַן עונש. פאַר וואָס אַזאַ האַר־בער עונש, „מיתה בידי שמים״? אויף דעם, ווייזט אויס, האָט דער חיד״א נישט געקענט ענטפערן און עס איז אַלץ געבליבן אַ „חידה״, אַ רעטעניש; איז אפשר דער מדרש (ילקוט שמעוני) גערעכט געווען מיטן זוכן אַ חטא, פאַר וועלכן ס׳זאָל קומען אַ האַרבע שטראָף און געפונען דעם ענטפער אין זנות, נישט געקוקט דערויף וואָס קיין אמתער ניאוף איז דאָ נישט געווען, אָבער פאַר חילול השם — צוליב דעם וואָס דער קעמפערישער נביא זאָל געווען האָבן באַגאַנגען דעם דאָ־זיקן ניאוף־אַקט — איז שוין יאָ געקומען אַ שטראָף.

פון הימל האָט מען אָבער געפירט אַז די שטראָף זאָל קומען אויף דער פרוי בכדי דער נביא זאָל מתפלל זיין און דאָס קינד זאָל צוליב אים אויפשטיין תחיית המתים און ס׳זאָל נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט ווערן, אַז אליהו איז דער נביא אמת, דער איש האלקים און אַז „ד׳ הוא האלקים״.

ד״ר לעווינזאָן איז איבערגעצייגט, אַז דער ילקוט שמעוני האָט דאָס נישט געקענט ברענגען אַלס אַן אגדה און אַז דאָס איז צוגעשריבן געוואָרן, כדי צו פאַלסיפיצירן דעם כאַראַקטער פונעם לעגענדאַרן נביא. אין זיין לשון: הפיסקא הזאת היא נטע זר בכרם האגדות על אליהו הנביא והיא זרה לרוחו של איש האלקים״...

ס׳קען אויך מעגלעך זיין, אַז די אשה צרפתית האָט דאָס אויסגעטראַכט כדי אליהו הנביא זאָל איר מוזן העלפן, ער זאָל מוזן מתפלל זיין פאַר איר זון. זי איז געווען זיכער אַז דעם נביאס תפילות וועלן געהערט ווערן און אין דעם האָט זי קיין טעות נישט געהאַט.

וואָס מען דאַרף יאָ אַרויסנעמען פונעם ילקוט שמעוני איז, אין שייכות מיט דער פרויס אָנקלאַגע, אַז אַזעלכעס האָט געקענט פּאַסירן אַפילו צווישן הייליקע און גאַר גרויסע פערזענלעכקייטן און אַז דאָס איז איינע פון די סיבות, פאַר וואָס די השקפה פון די חכמי התלמוד אין ענין אישות איז געווען אַן אומגעווייגלעך שטרענגע: „אַל תרבה שיחה עם האשה״ [36] ווייל דער סוף וועט זיין — אינטימע באַציִונג, „שסופך לבוא לידי ניאוף״ [37]. דער וואָס האָט צו טאָן מיט פרויען זאָל זיך אויסהיטן פון יחוד, פון זיין אַליין מיט אַ פרוי [38], ווייל מ׳קען זיך אַ מאָל פאַרלירן און ווערן לייכטזיניק, וואָס קאָן ברענגען צו שווערע קאָנסעקווענצן.

די חכמי התלמוד, די וועלכע האָבן פאַרלייגט די פונדאַמענטן פון דער יִדיִ־שער מאָראַל, האָבן אָנגענומען כל מיני אָפּגעהיטנקייטן, כדי צו פאַרהיטן פון גרענעצלאָזער תאווה; וועגן דער פרוי, האָבן זיי אָנגעזאָגט: „כל כבודה בת מלך פנימה״ [39] — און וועגן דעם אין ווייטערע פרקים.

ה. וואָס הייסט זנות. — ווי זיך אויסצוהיטן פון געשלעכט-פאַרברעכן. — מוסר און נישט דאָגמע. — ווי מ׳האָט געמאָסטן קדושה אין פאַמיליע-לעבן.

אויף דעם פסוק „ותאמר אל אישה, הנה נא ידעתי כי איש אלהים קדוש הוא״ [1], וואָס די שונמית האָט איבערגעגעבן איר מאַן, שטעלט די גמרא די פראַגע: „מנא ידעה״ [2] — פון וואַנען האָט זי געוווּסט? ווי אַזוי, הייסט עס, האָט זי געמאָסטן הייליקייט ביי אַ מענטשן? גייט אָן אַ דיסקוסיע צווישן רב און שמואל. איינער זאָגט: „סדין של פשתן הציעה על מטתו ולא ראתה קרי עליו״ — אויף דעם וויסן ליילעך, וואָס זי האָט פאַר־

שפרייט אויף זיין געלעגער, האָט זי ביים פאַרבעטן נישט געפונען קיין „קרי" (מענלעכע זרע) און דאָס, ווייזט אויס ווערט פאַררעכנט פאַר קדושה, ווייל עס ווייזט, אַז ער האָט בייטאָג נישט געהאָט קיין תאווה־מחשבות, קיין הרהור־עבירה.

אין קבלה־ספרים ווערט דאָס אומנוציקע אַרויסלאָזן פון זרע דערקלערט ווי שפיכת־דם, ווייל די זרע האָט געקענט ברענגען קינדער; דאָס ווייזט אויך אויף קערפּערלעכע אומריינקייט. דער „והתקדשתם" ווערט אין חסידות־ספרים גע־טייטשט — „קדושת הברית"[3], ווייל די געוויינלעכע מצוות איז דאָך נישט שייך צו באַצייכענען ווי אַ באַזונדערע גרויסקייט, עס איז דער חוב פון יעדן זיי אָפּ־צוהיטן, מקיים צו זיין ווי געהעריק. קדושה אָבער קומט אין צוזאַמענהאַנג מיט „גדר ערוה" — מיט צוימען זיך און באַגרענעצן זיך אין געשלעכט־תאווה[4].

דער מאַן איז דער כובש און ער דאַרף כובש זיין דעם יצר, אַרויסווייזן גבורה אין קאָנטראָלירן תאווה. אין חסידות, האָט מען אויך געטייטשט דעם „כובש" — בינדן: מען דאַרף בינדן דעם יצר און אים אויסנוצן אויף גוטע זאַכן[5] און דאָס האָט אויך אַ שייכות צום זאָג, אַז בטלה, ליידיקגיין, פּוסטעווען, ברענגט צו שעמום, צו שטותערייען. תאווה געהערט אויך צו די עבירות, וואָס קענען קלאַסיפיצירט ווערן ווי „אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות"[6]; דורך זיין פאַרטאָן אין גוטע מעשים קאָן מען גובר זיין, איינצוימען, ענדערן די נטיות.

די פרוי רופט אָבער אַרויס די דאָזיקע כוחות. די „זוהמא" פונעם נחש וועקט דעם יצר ביים אַנדערן געשלעכט. דאָס זענען נאַטירלעכע כוחות, וועגן וועלכע אַ מאָדערנער דיכטער האָט אין אַ פּאָעמע[7] זיך אויסגעדריקט:

זך הייתי לא דלק הסער רגשותי הזכים
עד שבאת יפה־פיה וברוחך נשפת ונדלחתי

דער יונגער מענטש איז ריין ביז דער שטורעם פון שיינקייט קומט און אין האַרצן דערוואַכט דער יצר, וואָס איז פריִער געווען איינגעשטילט. ער פילט זיך דערהויבן, ער קוויקט זיך, איז זיך מחיה פון דער זיסקייט, פילט זיך פריי ווי אַ פויגל אין וואַלד, צוויטשעט און רופט צו ליבע... פאַר אָט דעם פּעריאָד זענען געשאַפן געוואָרן תקנות ווי צו באַהערשן דעם יצר און ווי אָפּצושוואַכן די אימ־פולסן וואָס רופן אַרויס תאווה. ווען מען דערגרייכט צום באַהערשן די תאווה איז מען אַ קדוש...

דער נביא אלישע ווערט דעריבער באַטראַכט ווי אַן „איש קדוש" און די חכמי התלמוד באַטאָנען שטאַרק דעם „הוא קדוש", אַז בלויז ער איז געווען אַ הייליקער מאַן, אָבער נישט זיין באַדינער. מען לערנט דאָס אַרויס פון דעם וואָס זי, די פרוי, איז געקומען בעטן ביי אלישען פאַר איר קראַנקן זון, מיט וועלכן ער, אלישע, האָט זי געבענטשט; ווערט געזאָגט: „ויגש גחזי להדפה"[8], גחזי

איז צוגעגאַנגען צו איר און זי געוואָלט אַוועקשטופּן, נאָר דער געטלעכער מאַן, אלישע, האָט אים געזאָגט, „הרפה לה״ — לאָז זי אָפּ, „כּי נפשה מרה לה״; דרשנט די גמרא, „שאחזה בהוד יפיה״, ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי איר מאַיעסטעטישער שיינקייט און רש״י קאָמענטירט: „בדדיה״ — אין אירע בריסט [9] און בעת מעשׂה געוואָלט הנאה האָבן פון איר פעמיניסטישער שיינקייט.

די חז״ל האָבן ביי אַ שפּעטערדיקער געלעגנהייט אויסגעדריקט זייער אַנטי־פּאַטיע צו אָט דעם „משרת״ (אַז ער איז געווען אַן „אוהב ממון״, אַ בעל־תּאווה־ניק) און דערקלערט, אַז ער געהערט צו די פיר „הדיוטות״ וועלכע וועלן נישט האָבן קיין חלק עולם הבא און איז געשטראָפט געוואָרן צוליב זיין לייכטזיניקייט. מ׳האָט אים פאַרשאָלטן: „וצרעת נעמן תדבק בך לעולם״; פונעם לעולם לערנט מען אַרויס, אַז דאָס איז געמיינט געוואָרן פון מחנה ישׂראל און אַז די פיר מצורעים, וועגן וועלכע ס׳ווערט דערציילט אין ספר מלכים [10], זענען געווען גחזיס זין [11].

זיין אַ „קדוש״ אין מחשבה און נישט געשטערט ווערן מיט הרהור, מיט טראַכטן תּאווהדיק, איז שוין גאַרנישט פון די לייכטע זאַכן. בלויז געציילטע זע־נען געוואָרן אויסגעהיט און במילא אין חלום נישט געזען קיין „קרי״, ווי דאָס ווערט גערופן אין תּלמודישן לשון.

דערציילט אונדז די גמרא [12] פון איינעם אַ חסיד, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער מצווה „פּדיון שבויים״ און אויסגעלייזט אַ יידישע טאָכטער, אַ יונג מיידל פון גוייִשע הענט. ווען עס איז געקומען נאַכט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַ נאַכטהויז, זיי האָבן אָבער נישט געקענט קריגן קיין צוויי בעטן, האָט ער דאָס מיידל געלייגט צו פוסנס („תּחת מרגלותיו״). אויף צו מאָרגנס, איז ער אַראָפּ און זיך טובל געווען און נאָך דעם, געפרעגט זיינע תּלמידים, אין וואָס האָט איר מיך חושד געווען ווען איר האָט געזען אַז איך לייג זי צו פוסנס?.. — איך פרעג אייך די דאָזיקע פראַגע, טאָמער געפינט זיך צווישן אונדז אַ נישט־אָרנטלעכער תּלמיד און מ׳קען אים נישט געטרויען...

ווען איך האָב זיך טובל געווען, אין וואָס האָט איר מיך חושד געווען?

— טאָמער צוליבן וועג, מפּני טורח הדרך, האָט זיך ביי אייך געטראָפן אַ „קרי״...

אַזוי איז טאַקע געווען — האָט ער זיי דערקלערט, און אַזוי ווי איר האָט מיך דן געווען לכף זכות, אַזוי זאָל דער אייבערשטער אייך תּמיד דן זיין צום גוטן.

ווי דער מהרש״א אין זיינע „חדושי אגדות״ גיט צו, איז דער חסיד געווען אָדער ר׳ יהודה בר אלעאי (תּלמיד פון רבי עקיבא און רבי טרפון, איינער פון די חכמי יבנה) אָדער ר׳ יהודה בן בבא (פון די „הרוגי מלכות״ אין דער צייט

פון חורבן בית שני). דאָס ווייזט, אַז אַפילו ביי אַזעלכע חסידים־תּנאים האָט אַזעל־נעס געקענט פּאַסירן. (ווי עס ווערט געזאָגט אין תּלמוד[13], ווערט „חסיד אחד" געמיינט איינער פון די צוויי תּנאים). די חז"ל האָבן נישט איגנאָרירט דעם כּוח פונעם יצר, פאַרקערט, אויב מען פאַרלירט דעם דאָזיקן יצר ווערט מען כאַראַק־טעריזירט ווי טויט... דער יצר מאַכט לעבן, ברענגט לעבן, נאָר מען דאַרף אים קאָנטראָלירן[14].

די פראַגע וואָס איז תּמיד באַהאַנדלט געוואָרן איז געווען: ווי אַזוי קען מען בייקומען דעם יצר־הרע? די עצה איז געווען: דורך תּורה, די „תּבלין", וואָס שוואַכט אָפּ די ליידנשאַפט[15]. וועגן דעם וועלן מיר זיך נאָך באַזונדערס אָפּ־שטעלן. ווען די חז"ל האָבן געוואָלט שילדערן אַ גרויסן מענטשן, האָבן זיי אָנ־געוויזן אויף יוסף הצדיק „שפטפט ביצרו"... ווייל ס'איז נישט לייכט זיך צוריק־צוהאַלטן פון תּאווה. דער „תּמוז" וואָס שטאַמט פון בבלישן גאָט און איז אַריין אין ייִדנטום ווי דער נאָמען פון אַ חודש, סימבאַליזירט פייער און היץ... און מען דאַרף אָט די היץ גובר זיין דורך יראה[16], וואָס פאַרברענט, לויט אַ חסידישן מאמר[17], די תּאווה. אָט דער סאָרט חסד — די תּאווה זאָל לחלוטין פאַרוואַנדלט ווערן אין דערהויבנקייט אין דאָס העכסטע און הייליקסטע — וועט קומעןביים סוף פונעם גלות... געמיינט אַוודאי, ווען דער מענטש וועט זיך אַרויסהייבן און זיין ח ס ד[18] וועט מיינען אַ חסד פון גוף און פון נשמה.

אַפילו ביי די גרעסטע מענטשן, אַפילו ביים דערלויבטן און פאַרלאַנגטן צוזאַמענבונד פון זכר און נקבה, צוליב דער מצווה פון פּריה ורביה, מוז זיין אַ ביסל תּאווה, הנאה אינעם מאָמענט פון „זריעה", ווי דאָס ווערט אַזוי פיל אַריינגעלערנט אין די ווערטער „אשה כי תזריע". דעריבער האָבן מיר די דינים פון טומאת לידה. אַפילו משיח מוז קומען דורך אָט דעם צונויפהעפט, דורך דעם „הן בעוון חוללתי". אַפילו ישי, דודס פאָטער, וועגן וועמען ס'ווערט געזאָגט אַז ער איז ריין געווען פון זינד, איז דער טויט געקומען אויף אים צוליב „עטיו של נחש"[19], וואָס מיינט, לויט ר' צדוק הכּהן, די הנאה פון תּאווה[20].

ווען דאָס צוזאַמענלעבן מיט אַ פרוי איז לויטן אופן פון דער ערשטער מצווה, לויטן געבאָט „פּרו ורבו", ווערט עס געלויבט, אָבער דערביי מיטן באַדינג פון טהרה און קדושה. אויב דאָס פאַרבינדן זיך מיט אַ פרוי איז בהיתר, דורך קידו־שין, חופּה, באַגלייט מיט ברכות אירוסין און נשואין, איז, ווי די חז"ל דריקן זיך אויס, „אילת אהבים ויעלת חן... דדיה ירווך בכל עת, באהבתה תשגה תּמיד". דער חתן איז צופרידן פון זיין כּלה, וועלכע איז געקומען צו אים מיט ברכת בתולים... „אשר צג אגוז בגן עדן... ואל ימשול זר במעין חתום"... אויב אָבער דער צונויפהעפט איז באַגלייט מיט פּריצות, מיט פרעכקייט, איז אַפילו דער געבאָט פון „קיום המין" געשטעלט אין סכּנה.

מיר האָבן שוין נישט איין מאָל אָנגעוויזן, אַז רב האָט געשלאָגן מלקות די וואָס האָבן געוואָלט קונה זיין זייערע ווייבער דורך ביאה[21], ווייל דאָס איז פּריצות און אין יִידנטום האָט מען זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון צניעות, אַפילו אין אָנגעלעגנהייטן „בינו לבינה״.

ווער ס׳האָט נישט חתונה איז אַ שופך דמים, איז גורם די שכינה זאָל זיך אָפּטאָן. די מצווה גייט אָן אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער. מען דאַרף נעמען אַ פרוי מיט וועלכער מ׳קען האָבן קינדער און אַפילו אַ בן נח איז מחוייב מקיים צו זיין די מצווה, און דער ייִד איז געבאָטן נישט צוריקצוהאַלטן אים, נישט אָפּהאַלטן אים פון דער דאָזיקער מצווה...[22] אָבער דאָס אַלץ מיטן תּנאי אָפּגעהיט צו ווערן פון לעבן געשלעכטלעך באיסור — מיט אַזאַ וואָס מ׳טאָר נישט חתונה האָבן מיט איר; אין אַזאַ פאַל, ביי גלוי עריות, שטראָפט מען אַפילו אויף מחשבה, ווען ביי אַנדערע איסורים שטראָפט מען נישט אויף מחשבה, אויף הרהור־עבירה[23].

ייִדן ווערן געלויבט פאַר אָפּהיטן די דינים פון עריות, פון נישט איבערגיין דעם פאַרבאָט פון אשת־איש, וואָס איז געווען די תּועבת מצרים. איין פרוי איז פאַרגוואַלדיקט געוואָרן — ווערט איר נאָמען דערמאָנט: שלומית בת דברי[24]; מסתמא האָט זי דערפירט דערצו, ווען נישט, וואָלט מען נישט אַריינגעטייטשט אַז זי האָט עס געהאָט דעם „בן אשה ישראלית״, וועגן וועמען ס׳ווערט דער־ציילט[25] אַז ער איז געווען דער „ויקוב... ויקלל״ און איז באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער.

בלעם, ווערט איבערגעגעבן, האָט ביים סוף געעצהט די זקני מואב: „אלהיהם של אלו שונא זימה הוא״... זאָלן זיך די בנות מואב איבערגעבן צו זיי, זיי אַרײַנ־נאַרן און האָבן מיט זיי אינטימען פאַרקער און במילא דינען עבודה זרה... וועלן זיי שוין באַקומען זייער שטראָף.

פון די פיר זכותן פאַר ייִדן אויסגעלייזט צו ווערן פון מצרים איז איינער געווען — דאָס אָפּהיטן זיך פון זנות; דאָס לשון פון מדרש: „ולא היו פרוצין בעריות״ מיינט צו זאָגן, אַז נישט בלויז זענען זיי אָפּגעהיט געווען פון זנות ממש, נאָר אַפילו אויסגעהיט פון פּרעכער אויפפירונג. זיי האָבן אָנגעהאַלטן צניעות לויטן שטייגער פון די אָבות.

ס׳איז כּדאי צו ברענגען דעם פולן מאמר אין שייכות מיט יציאת מצרים:

בזכות (אין טייל נוסחאות: בשביל) ארבעה דברים נגאלו ישראל ממצרים: שלא שינו את שמם, ולשונם ולא גילו מסתורין (סודות) שלהן ולא היו פרוצין בעריות״[26]. לויט דער דאָזיקער ווערסיע האָבן זיך צווישן דעם רבים נישט גע־פונען קיין פּרעכע מענטשן; לויט אַן אַנדער נוסח: „שלא נמצא בהן א ח ד פרוץ

בערוה" — אַפילו קיין איינער האָט זיך נישט געפונען וואָס זאָל זיין פרעך און אויסגעלאַסן... אָבער אויף אַן אַנדער אָרט, רעדט זיך: „שלא נחשדו על העריות"...

פון דעם אַלעמען איז צו זען ווי ווייט די יידישע טראַדיציע איז געווען אָפּגעהיט פון עריות.

ווי מיר האָבן פריִער געזען, האָט מען דוד המלך מוחל געווען אויף זיינע זינד מיט בת־שבען, ווייל תשובה פועלט — און דוד האָט תשובה געטאָן. דאַקעגן גחזין האָט מען נישט מוחל געווען, ער האָט פאַרלוירן זיין חלק עולם הבא, ווייל ער איז געווען אַריינגעטאָן אין זנות, אין תאווה פון „הסתכלות", פון אַרייַנ־קוקן דאָרט וווּ מען טאָר נישט צו פיל קוקן [27].

די חז"ל האָבן זיך גענומען אַריינלערנען אין אַ וואָרט, וואָס האָט אַ צווייד־ייַ־טיקן מיין, ווייל זיי האָבן געזען אין גחזין אַ שוואַכלינג, אַ מענטש וואָס פאָלגט נישט דעם באַפעל פונעם נביא און הייליקן נישט צו נעמען קיין מתנות; ער איז אַרויס לתרבות רעה, געהאָלפן ירבעם בן נבט אין זיין רעוואָלט קעגן מלכות בית דוד, געוואָרן, ווי ירבעם, אַ „חוטא ומחטיא את הרבים".

פון דעסטוועגן — פירט אויס די גמרא — האָט אלישע אים נישט גע־דאַרפט פאַרשטויסן און אלישע איז דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן [28]. אַפילו אַ מאַן ווי גחזי, וואָס יאָגט זיך נאָך תאווה, פרוי און געלט, דאַרף מען נישט מרחיק זיין. די חז"ל האָבן אָנערקענט און אָפּגעשאַצט דעם כוח פון יצר. ר' שמעון בן אלעזר האָט געזאָגט: „יצר, תינוק ואשה תהא שמאל דוחה וימין מקרבת" [29] און רש"י קאָמענטירט: אויב מען דערווייטערט אין גאַנצן די תאווה, איז מען ממעט דעם ישוב און קיום פון דער וועלט. אַזאַ וועט נאָך דעם זיך אַריינלאָזן אין פאַר־באָטענער תאווה... ד"ה, בכדי נאָכצוגעבן די תאווה, זאָל מען עס טאָן אויף דעם אופן וואָס איז דערלויבט מאָראַליש און עטיש, וועט מען במילא נישט צוקומען צו די עבירהדיקע תאוות.

דער דור המבול האָט נישט קיין חלק עולם הבא, ווייל זיי זענען באַגאַנגען אומנאַרמאַלע תאוות: געפּראַוועט אָרגיעס און דורכגעפירט תאווה־וואַקכאַנאַליעס אויף דעם מיאוסטן אופן: „שהרביעו בהמה על חיה וחיה על בהמה והכל על אָדם ואָדם על הכל..." איז דער עונש געווען „וימחו" — אָפּגעמעקט צו ווערן!

לויט איין מיינונג, איז דער גזר־דין געחתמעט געוואָרן צוליב גזילה און חמס (אינעם וואָרט „חמס" — לערנען מפרשים — ווערט שוין איינגעשלאָסן זנות) און די ראיה איז פון יחזקאל: „החמס קם למטה רשע" [30]. מיר האָבן אויך אַ מאמר אין דער גמרא „א"ר לוי: קשה עונשין של מידות משל עריות" [31] — אַז געבן אַ פאַלשע וואָג איז נאָך ערגער ווי די זינד פון אויסגעלאַסנקייט. מסתמא צוליב צוויי טעמים: א) ווייל וואָס שייך געשלעכטלעכער ליידנשאַפט איז שווער זיך צו באַהערשן, זיך צו קאָנטראָלירן, ווי עס ווערט דערציילט אין ירושלמי [32], וועגן

אַן אַלטן ייִדן, וואָס איז געווען זיכער ביי זיך, אַז ער וועט שוין נישט זינדיקן און ער איז גראָד פאַרנאַרט געוואָרן דורך אַ יפת תואר... ב) אויף די זינד פון עריות איז נאָך אַלץ מעגלעך צו טאָן תשובה, ווי עס האָט באַוויזן אליעזר בן דורדיא [33] — אָבער אין ענינים פון גזל מוז מען דאָך יענעם אומקערן וואָס מ׳האָט ביי אים געגזלט.

דאָ קומען מיר סומירן — אַז דערפאַר וואָס ס׳איז שווער צו באַקעמפן די תאווה, צו באַהערשן דעם יצר, האָט מען אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען צו פאַרהיטן און באַהערשן דעם „לא תחמוד״. מ׳האָט אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען קעגן פּריצות, קעגן סעקסועלער הפקרות. די גמרא [34] דערציילט וועגן איינעם וואָס האָט אַוועקגעלייגט („שהטיח״) זיין פרוי אונטער אַ פייַגנבוים, האָט מען אים געבראַכט צום בית־דין און געשלאָגן מלקות. דער אויספיר איז: אַז דאָס האָט מען געדאַרפט טאָן אין יענעם מאָמענט, ווייל מענטשן זענען געוואָרן אַריינגעטאָן אין ווילדער עראָטיק, „לא מפני שראוי לכך אלא מפני שהשעה צריכה לכך...״ און רש״י גיט צו — „שהיו פרוצין בעברות מחמת היוונים שהיו גוזרין שמד עליהן והיו מצוות בזויות בעיניהן״.

ביי ייִדן האָט מען אין אַלע דורות געזוכט די האַרמאָניע צווישן רוח און נשמה, חומר און גוף און דעריבער זענען געשאַפן געוואָרן כל־מיני גזירות, תקנות וועגן פרישות, אַפילו ווען דאָס איז בלויז געווען צוליבן „משמרת למשמרת״...

און אויב דאָס איז אַזוי אין דער הלכה, איז דער ענין פון פרישות נאָך שטאַרקער אין דער קבלה, אין די ספרי מוסר און אין חסידות. אויף אַ שוחט — וואָס דאַרף זיין אַ ירא־שמים — אויב מ׳האָט בלויז געהאַט אַ חשד אויף אים, אַז ער איז באַגאַנגען אַ ניאוף־מעשה, האָט מען אים מעביר געווען פון שחיטה, נישט געקוקט וואָס צו אַנדערע חשדים, וואָלט מען זיך נישט באַצויגן מיט דער פולסטער האַרבקייט.

אַ ייִד איז קראַנק געוואָרן אויף די פיס און זיך באַקלאָגט פאַרן אר״י הקדוש, האָט ר׳ יצחק לוריא, דער ראש המקובלים אין צפת, אים געפרעגט צי זיין בעט איז געווען נאָענט צום בעט פון זיין פרוי, בעת יענע איז געווען אין נידה־פעריאָד.

מ׳האָט שטאַרק געטאַדלט אַ מענטשן וואָס רעדט מיאוסע ווערטער, ווייל דאָס רעדן ברענגט צו שלעכטע מחשבות און פירט צו אויסגעלאַסענע מעשים: „כל המנבל פיו... אַפילו נחתם לו גזר דינו של שבעים שנה לטובה נהפך עליו לרעה״ [35]; אַזאַ מענטש האָט מען אָנגערופן „איש טמא שפתים״ [36] — אַ מענטש מיט אומריינע ליפן, אַ גבול־פּהניק!

דער היסטאָרישער נסיון האָט באַוויזן, אַז ייִדן קאָנען נישט און טאָרן נישט זיין „כגויים, כמשפחות הארצות״ [37] און נישט בלויז וואַכעדיקערהייט טאָר אַ ייִד נישט באַגיין קיין ניאוף־פאַרברעכנס, נאָר אַפילו אין חלום, האָבן אונדזערע מאָראַ־

ליסטן געלערנט, מוז מען זיין געהיט. חלום איז אַ רעזולטאַט פון טאָג־טראַכ־טעניש.

אין ש״ס — ווייזט אָן הרב ר׳ אברהם אהרן פּרייס — ווערן אויסגערעכנט אַכט פאַרבאָטן אויף וועלכע די רבנן האָבן געשלאָגן „מכּות מרדות״ [38] אָבער די נהרדעין האָבן געזאָגט, אַז רב האָט געשלאָגן מלקות, בלויז דעם מאַן וואָס האָט מקדש געווען בביאה, ווייל דאָס ווייזט אויף פּריצות און שטאַרקט פּריצות. מוז מען זיך צו אַזאַ חוטא באַציִען מיט דער פולסטער שטרענגקייט פונעם בית־דין.

ר׳ צבי אלימלך דינעווער (דער בני יששכר) — ווערט איבערגעגעבן — האָט אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, וואָס צוויי מאָל איז פון משה רבינו פאַרהוילן גע־וואָרן די הלכה: איין מאָל אין דין פון פּסח שני און דאָס צווייטע מאָל וועגן דעם פאַרלאַנג פון די צלפחד־טעכטער.

אין ערשטן פאַל האָט משה רבינו געזאָגט צו די פרעגערס: „עמדו ואשמעה מה יצוה ה׳״ — שטייט און וואַרט! ביי די בנות צלפחד ווערט געזאָגט — „ויקרב משה את משפטן לפני ה׳״. ער האָט מיט זיי נישט גערעדט, נישט גע־וואָלט צו פיל רעדן מיט פרויען. ער האָט זיי אַהיימגעשיקט... איז דערפון געדרונ־גען, ווי ריכטיק עס איז דער „אַל תרבה שיחה עם האשה״, ווייל אַפילו משה רבינו, דער הימלמענטש, האָט זיך נישט געטרויט צו פיל צו שמועסן מיט פרויען [39].

דער כהן פון לובלין, אין זיין באַהאַנדלען דעם כּוח פון חשק און תאווה, וויל געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן זיך. ער קומט צום אויספיר, אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן די תשוקה פאַר מעשׂים טובים, פונקט ווי די חכמי התלמוד האָבן געוויזן, אַז וויַין קאָן ברענגען שכרות, צו פאַרבאָטענער אהבה, צו עראָטישער לעבעדיקייט, קאָן ער אָבער אויך ברענגען גוטס, פריילעכקייט — פאַריאָגן עצבות און קריגן „דעת קונו״. נאָר וועגן דעם אין די ווייטערע פּרקים.

ו. „וקדשתם״. — ווי זיך צו הייליקן. — צניעות און קדושה. — אַ „פּרדס״ וואָס ווערט געהיט פון אַלע זייטן. — טומאה און טהרה אין פאַמיליע־לעבן.

אויף דעם וואָרט „וקדשתם״ [1] וואָס ווערט גע־זאָגט ביי קבלת התורה, זאָגט רש״י: „וזמנתם״ — איר זאָלט זיך גרייטן. מיט וואָס זיך גרייטן? זאָגן געוויינלעך די מפרשים, אַז דאָס גרייטן זיך איז געמיינט דורך טבילה, רחיצה און זיין אָפּגעשיידט פון דער פרוי אין די דריי הגבלה־טעג.

ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג [2] לערנט, אַז דאָס וואָרט קדושה מיינט דערהייבונג, דערהייבן זיך פון נידעריקע ענינים, זיך אָפּשיידן און זיך קאָנטראָלירן פון תאוות:

תּאווה פון זימה — אויסגעלאַסנקייט — און תּאווה פון מאכלות אסורות, צו אַנ־פילן דעם בויך מיט פאַרבאָטענע מאכלים. אַ מענטש וואָס היט זיך אויס פון אָט די תּאוות, איז אַ קדוש און דעריבער ווערט ביי די דאָזיקע פאַרבאָטן געזאָגט — „והייתם לי קדושים״ [3]. די קדושה באַשטייט אין דערוווייטערן זיך אַפילו פון תּאווה וואָס איז דערלויבט — פון „דברים המותרים״. נישט צו זיין קיין זולל וסובא, נישט רעדן ניבול־פּה, נישט צו זיין פאַרטאָן אין איינזאַמלען געלטער... נישט בלויז לערנען וועגן עטיק, נאָר לעבן עטיש... און שוין אָפּגערעדט פון האָבן פאַרקער מיט אַן אשת איש, וואָס דער פאַרברעך איז גאָר גרויס, נישט רעדנדיק פון דעם אָפיציעלן יורידישן עונש.

רב אשי (פערטער דור אמוראים, ראש־ישיבה אין מתא מחסיא, 427 — 352), דער וואָס האָט געשלאָסן דעם תּלמוד בבלי, פאַרגלייכט דאָס אויסהיטן זיך פון עריות צו אַ „פּרדס״, צו אַ וויינגאָרטן; מסתמא גענומען פונעם „גן נעול״ — „אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן איז מיין שוועסטער די כּלה״ [4]: אַ פּרדס, אַז מען היט אים פון דרויסן, ווערט ער אין גאַנצן געהיט, אויב אָבער מ׳היט אים בלויז פון אינעווייניק, „משמרו מבפנים״, ווערט ער געהיט בלויז אין אייניקע ערטער. אין עריות מוז די געהיטקייט זיין פון אַלע זייטן. דעריבער האָבן מיר עריות „דאורייי־תא״ און „עריות דרבנן״, „שניות לעריות״, סייגים מדברי סופרים א״אַ סאָרטן אָפּגעהיטקייט, כּדי נישט עובר צו זיין אויף עיקר עריות [5]. יהדות פאַרהיט פון די אַלע סאָרטן אויסגעלאַסנקייטן. די קאָדיפיקאַציע — דער שולחן ערוך און די נאָכ־פאָלגנדיקע פּוסקים — האָט דאָס באַזאָרגט ביים צוזאַמענשטעלן דעם קאָדעקס און די רעגולאַמינען פון יידישן מינהג און הלכה.

ס׳איז דאָ אַ סברא, אַז די קללה פון „בעצב תּלדי בנים״ [6], אַז די פרוי זאָל דאַרפן דורכמאַכן שווערע געבורטווייען, איז נישט בלויז צוליב איר פאַרזוכן פונעם עץ הדעת און דער נחש־אַפּערע, נאָר האָט אויך צו טאָן מיטן קאָנטראָל און אָפּ־געהיטקייט ביים פאַרקערן געשלעכטלעך מיטן מאַנצביל [7].

די טומאת לידה, דאָס ברענגען אַ קרבן נאָך אַ געבורט, איז, לויט ר׳ שמשון רפאל הירש (תּקס״ח — תּרמ״ט, 1888 — 1808), אַ דערציִונג־מעטאָד, ווי צו באַ־הערשן דאָס גופניותדיקע, דאָס פיזישע — צו קאָנטראָלירן תּאווה און סעקסועלע באַנעמונג [8].

דער „כּלי יקר״ (ר׳שלמה אפרים לונטשיץ, נפטר ז׳ אדר ב׳ השע״ט — 1619) געפינט אַ רמז אין דער תּורה אויפן קדמון־זינד אינעם פּסוק „וטהרה ממקור דמיה״ [9] — ממקור דמיה הראשונים... ווי ר׳ דוד צבי האָפמאַן (התר״ד — תּרפ״ב; 1922—1844) ווייזט אָן, איז די דאָזיקע אומריינקייט אַ רעזולטאַט פון דער ערשטער זוהמא. ווייל חוה האָט געזינדיקט, ליידן אַלע חוהס און דעריבער דאַרף די „געווינערין״ ברענגען אַ קרבן.

נאָכן געבורט, „אשה כי תזריע״, — דאַרף די פרוי זיין געהיט פון האָבן פּאַרקער מיט איר מאַן, ביי אַ בן זכר — אַ וואָך און ביי אַ מיידל — „שבועיים״ — צוויי וואָכן, ווי די טומאה ביי אַ מענסטרואַציע־פּעריאָד [10]. אייניקע קאָמענטירן אַז דאָס האָט צו טאָן מיט סכנה — שטעלן אין געפאַר סיי דעם מאַן און סיי די פרוי. אין אונדזער היינטיקן לשון וואָלט מען געזאָגט, אַז דאָס פאַראורזאַכט ווענערישע קראַנקייט.

פאַר וואָס איז אַ חילוק פון אַ זכר און אַ נקבה ביי אַ געבורט? אין ספרים ווערט אָנגעגעבן, אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס די יצירה־טעג פון אַ זכר זענען פערציק און ביי אַ נקבה — אַכציק; דעריבער זענען די ימי טומאה ביי אַ נקבה טאָפּל. צי די היינטיקע גינעקאָלאָגן וועלן דערמיט מסכים זיין, איז אַ פראַגע. אָבער אַזוי דערקלערן עס די מפרשי התורה.

רב אחא גיט צו [11], אַז דאָס וואָס מען שטעלט פעסט, אַז „פתיחת הקבר״ קען נישט זיין אָן בלוטיקונג, איז דווקא נאָך דעם פערציקסטן טאָג, ווען די פאָרעם פון יצירת הוולד איז פאַרענדיקט — אָבער וועגן דעם אין די הלכה־ספרים.

פאַר אונדז איז וויכטיק צו באַקענען זיך מיט די פאַרשיידענע מיטלען וואָס תורת משה, און די נאָכפאָלגערס פון תורת משה, האָבן אָנגענומען כדי צו היטן די ריינקייט פון פאַמיליאַרן צוזאַמענלעב. און דאָ רעדט זיך וועגן לעגאַלן צוזאַמענבונד. וועגן אומלעגאַלן פאַרקער, למשל, מיט אַן אשת־איש, האָבן מיר שוין געגוג גערעדט און אָנגעוויזן אויף די שטראָפן, כדי אויסצוהיטן פון שלעכטס די גאַנצע געזעלשאַפט [12]. מ'האָט אויך געוואָרנט, אַז אומלעגאַלער געשלעכטפאַרקער קאָן ברענגען צרות אויף קינדער וועלכע ווערן געבוירן פון אַזאַ קשר.

ווער איז אַן „עז פנים״? ר׳ יהושע זאָגט: דער זון פון אַ נידה; ר׳ עקיבא זאָגט,ביידע: ממזר און בן הנידה״ [13]. אין שייכות מיט דעם ווערט דערציילט: „פעם אחת היו זקנים יושבים בשער ועברו לפניהם שני תינוקות, אחד כסה את ראשו, ואחד גילה את ראשו. זה שגילה את ראשו, אמר ר׳ אליעזר — ממזר; ר׳ יהושע אמר: בן הנידה; ור׳ עקיבא אמר: ממזר ובן הנידה. ווי מיר זעען, האָבן די גרויסע תנאים געזען אין זיין אָפּגעדעקטן קאָפּ אַ סאָרט חוצפה, און אַ מחוצף, האָבן זיי געהאַלטן, איז אַ סימן פון געבוירן ווערן באיסור. האָט איינער געזאָגט, ער איז זיכער אַ ממזר; ר׳ יהושע האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ באַווייז, אַז ער איז אַ בן הנידה, ד״ה אַז זיין פאָטער האָט געלעבט מיט דער מוטער בעת איר מענסטרויִרן... אָדער פאַר טבילה... פון אַזאַ באַהעפטונג, האָבן זיי געהאַלטן, קאָן קומען געבורט. ר׳ עקיבא איז געווען איבערצייגט, אַז ער איז פאַרבונדן מיט צוויי אסורים: אַ זון פון אַ נידה און אַ ממזר...

די דיסקוסיע צווישן די תנאים איז געווען אַ גאַר שאַרפע, ווייל ס'האָט געהייסן, אַז ר׳ עקיבא באַליידיקט צו שטאַרק אַ מענטשן. איז רבי עקיבא אַוועק

צו דער מוטער, וועלכע איז געזעסן אין מאַרק און פאַרקויפט קטניות, אַרבעס. נאָך אַ לענגערן שמועס האָט זי זיך מודה געווען: בעת זי איז געגאַנגען צו דער חופה איז זי געווען אַ נידה, האָט דער מאַן זיך אָפּגעקערט פון איר... איז געקומען זיין „שושבין" (אונטערפירער) און געשלאָפן מיט איר, און פון יענער נאַכט איז געבוירן געוואָרן דער דאָזיקער זון. איז ער טאַקע אַ ממזר און אַ זון פון אַ נידה.

ראַ"ש קיידנאָווער (השע"ד—תל"ו; 1676 — 1614) ברענגט [14] אין זיינע דרשות אויפן פסוק — „אַל תהי צדיק הרבה" [15] וועגן אַ צאָל פּאַסירונגען אין שייכות מיט פאַרשטעלטער צדקות, ווי דער זאָג פון ינאי המלך [16]: „הזהרו מן הצבועים שדומין לפרושים, עושים מעשה זמרי ומבקשין שׂכר כפינחס"... און אין שייכות דערמיט, וועגן אַ רייכן אַלטן מאַן, וואָס האָט שטאַרק געוואָלט חתונה מאַכן זיין שיינעם און געלערנטן בן-יחיד. פאַר זיין טויט האָט ער אים אָנגעזאָגט: איך לאָז דיר איבער אַזוי פיל אוצרות, געדענק זיך אויסצוהיטן פון די וואָס באַווייזן זיך מיט אומנאַטירלעכער חסידות, עקסטרעם פרומע.

דער דאָזיקער בחור האָט גענומען פאַר אַ ווייב אַ בילד שיין מיידל, אָבער אַן אָרעמע יתומה, וועלכע האָט זיך באַוויזן ווי אַ געוואַלדיקע צנועה. איין מאָל זאָגט ער צו איר: קום, לאָמיר אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר; האָט זי אים איינגערעדט, אַז סתם אַזוי אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר, איז עלול צו שטרויכלונגען: אָדער זי וועט קוקן אויף אַנדערע מענער, אָדער אַנדערע מענער וועלן קוקן אויף איר און גערייצט ווערן צו תאווה...

דער בחור האָט זיך דערמאָנט, וואָס זיין פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט און גענומען טראַכטן, ווי אַזוי קען ער אויסגעפינען און איבערצייגט ווערן אין איר געטריישאַפט? איז ער געפאַלן אויף אַ געדאַנק: ער זאָל מאַכן צוויי שליסלען צו אַלע הויזטירן. ער זאָל איר איבערגעגעבן איין שליסל — און דעם אַנדערן האַלטן מיט זיך, זי זאָל דערפון נישט וויסן.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער איר געזאָגט, אַז ער דאַרף פאָרן אין מרחקים איינקויפן סחורה און זי זאָל אים צוגרייטן וואָס מיטצונעמען אויפן וועג. האָט די פרוי אַזוי געטאָן, זייענדיק זיכער אַז ער פאָרט אַוועק אויף אַ לענגערער צייט. ווען ער איז אָפּגעפאָרן פון שטאָט אַ האַלבן מייל, האָט ער געהייסן דעם בעל עגלה זיך אויסדרייען מיטן וועגעלע און צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין. נאָר אַנשטאָט גיין אַהיים, איז ער פאַרפאָרן אין אַ גאַסטהויז; ווען ס'איז געוואָרן פינצטער, איז ער אַוועק אַהיים: געעפנט איין טיר, נאָך אַ טיר, ביז ער איז צוגעקומען צום שלאָפצימער און ער איז אויפגעציטערט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען אַ מאַן מיט זיין פרוי אין בעט... זי האָט אָנגעהויבן שרייען צום מאַן וואָס איז מיט איר געשלאָפן — נעם אַ מעסער, דערהרגע אים, מאַך אַ סוף צו אים!... דער מאַן

האָט זיך אָבער דערשראָקן און אַנטלאָפן. איר אייגענער מאַן איז פון בושה און צער אַרויס אין מאַרק און איינגעשלאָפן!

אין יענער נאַכט, איז ביים קעניג צוגעגנבעט געוואָרן אַ גרויסער אוצר, ווערטפולע חפצים. האָט דער קעניג באַפוילן מ׳זאָל זיך אַרויסלאָזן זוכן דעם גנב. ווען די שומרים האָבן דערזען אַ מאַן ליגט אין גאַס, האָבן זיי אים באַשולדיקט אין דער גנבה, געפייניקט, כּדי ער זאָל זיך מודה זיין אין דער גנבה. דער סוף איז געווען — מען האָט אים פאַרמישפּט צום טויט.

בעת מ׳האָט אים געפירט צו דער תליה האָט ער געהערט ווי איינער פון די חברה זאָגט צום תּלין, ער זאָל אויסמיידן אים צו פירן אויפן מיסט, ווו ס׳זענען דאָ ווערים, ווייל מ׳דאַרף זיין פאָרזיכטיק נישט צו טויטן קיין לעבעדיקע זאַך, אַפילו ווערים. דער פּסוק זאָגט דאָך: „ורחמיו על כל מעשיו״.

אין יענעם מאָמענט, האָט דער תּלין זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון זיין אַלטן פאָטער, אַז מ׳דאַרף רחמנות האָבן אַפילו אויף ווערים... האָט ער אָנגעהויבן פאַרטראַכטן אַ פּלאַן, אַז ער מיטן מאַן, וועלכן מען פירט צו דער תליה, זאָלן האָבן געמאַכט די גנבה, וועט מען ביידע מישפּטן — אָבער שוין נישט פאַרמישפּטן צום טויט. דער קעניג האָט אָבער באַפוילן מ׳זאָל מאַכן ביי אים אַ רעוויזיע און מ׳האָט ביי אים טאַקע געפונען די גנבה.

אויף דער פראַגע, וואָס פאַר אַ שייכות ס׳איז דאָ צווישן די צוויי מענער, האָט דער נעבעכדיקער מאַן דערציילט די גאַנצע מעשׂה: די צוואָה פון זיין פאָטער; דער פאַרראַט פון זיין פרוי און אַז דער תּלין איז דאָס געווען דער נואף. מען האָט באַלד גענומען די פרוי און זי האָט זיך מודה געווען.

דער סוף פון דער מעשׂה: דעם מאַן האָט מען צוריקגעשיקט צו זיין וווינונג. די זונה מיטן נואף האָט מען פאַראורטיילט צום טויט.

דאָס אַלץ איז צו געבן אַ מוסר־השׂכל, צו באַווייזן, אַז פון „בראשית״ אָן איז די סעקס־תּאווה געווען גוואַלדיק שטאַרק און האָט רויִנירט היימען. דער סוף איז תּמיד געווען אַ ביטערער: פאַרראַט אין פאַמיליע־לעבן האָט געבראַכט שאַנד און אומקום. מאַן־פרוי דאַרפן אין זייערע האָבן ביי סעקסועלע באַציִונגען די וויכ־טיקייט פון פאַמיליאַרער ערלעכקייט, פון פאַמיליע־גאַנצקייט [17].

נישט אומזיסט איז אַזוי געלויבט געוואָרן אַ מענטש „שפּטפּט ביצרו יותר מיוסף הצדיק״, און דעם דאָזיקן אויסדרוק, געפינען מיר סיי ביי די חכמי התּלמוד, סיי ביי די ראשוני הפּוסקים און סיי ביי די אחרונים.

ר׳ יעקב עמדין (התנ״ז—תּקל״ו; 1697—1776), דער באַקעמפער פון מיס־טיציזם (אויס מורא פון שבתי צבי־געשטרויכלקייט), דער באַקעמפער פון ר׳ יהונתן אייבעשיץ (הת״ן — תּקכ״ד; 1690 — 1764) פאַר זיינע מיסטישע קמיעות, דער שטרענגער קפּדנותדיקער מחבר פון צענדליקער הלכה־ און פּירוש־ספרים,

מחבר פון סדר התפלות — אַט דער ר׳ יעקב עמדין האָט אויך אָנגעשריבן אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, אין וועלכן ער גיט איבער פּרטים פון זיין אינטימען לעבן זינט זיין קינדהייט ביזן טיפן עלטער.

דערציילט ער, אין זיין „מגילת ספר" וועגן זיין פאַמיליע־לעבן, וועגן זיינע ווייבער:

דריי מאָל האָט ער חתונה געהאַט; די ערשטע צוויי פרויען זענען אים גע־שטאָרבן און די דריטע איז געווען זיין ברודערס טאָכטער. אין חופה־טאָג, דער־ציילט ער, האָט ער פאַרענדיקט זיין ספר „שמש צדקה" און לסוף — שרייבט ער אַ ווידמונג לכבוד זיין נייער, געליבטער פרוי, „וזאת הפעם עצם מעצמי, בת־אחי מלומדת..."

ווי ער גיט איבער אין אָנהייב, זעט מען אַז דער דאָזיקער אומקאָמפּראָמיס־לעכער ר׳ יעקב איז געווען זייער ווייך, זייער זיס, זייער ראָמאַנטיש, האָט ליב געהאַט קונסט, געקוקט אויף בילדער, געווען אַ מבין אויף שיינקייט, יעדנפאַלס, זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אַזעלכע „אַטראַקציעס"; און ער שעמט זיך נישט צו דערציילן וועגן אַן עראָטישן נסיון און דעם נס וואָס איז אים געשען אין פּראָג, ווי ער דריקט זיך אויס, ענלעך און אפשר נאָך מער, ווי ביי יוסף הצדיק און דער תּאווהדיקער אשת פּוטיפר.

ער איז נאָך געווען יונג, אין פּולן ברעך, וויט פון דער היים און הונגעריק נאָך אַ פרוי... „ושם היתה מזדמנת לו אשה פנויה, ילדה, יפת תואר מאד, קרובתו, בת דודי מתייחדת עמי והעיזה פניה להראות לי חיבה יתירה להקריב אצלי, כמעט נשקה לי..."

וואָס פּאַסירט מיט אַזאַ יונגן־ברענדיקן בחור וועלכער פלאַמט פון ליבע און ראָמאַנטיק? דערצו נאָך, ווי ער דערציילט: ווען ער איז געלעגן אין בעט, איז זי צוגעקומען צו אים, מיטן אויסרייד אים צוצודעקן...

„ווען ער הערט זיך צו — שרייבט ער — צום יצר, וואָלט ער זי נישט אָפּגעשטויסן. קיינער איז נישט געווען אין הויז. אַלע זענען געווען פאַרנומען אויפן מאַרק. השם־יתברך — פּירט ער אויס — האָט אים געגעבן דעם כּוח צוריק־צוהאַלטן זיך... זי איז געווען שיין, ריין (נישט קיין נידה) און גרייט... ער האָט זיך אָבער קאָנטראָלירט און ער באַטראַכט עס פאַרן גרעסטן נסיון".

ער האָט דורכגעמאַכט אַ פּלאַטאָנישע ליבע מיט דער טאָכטער פון פּרנס אין זיין געבורטשטאָט עמדין: זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן מאַן און ער — מיט אַן אַנדער פרוי. זי האָט אָבער תּמיד — אַזוי שרייבט ער — אַרויס־געוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס און „ליבשאַפט" אין זיין לשון: „היתה לה חיבה יתירה כאחוה וקורבה־עצמית".

מ׳דאַרף אויך וויסן, אַז אַזעלכעס האָט ער געשריבן, שוין נאָך דעם, ווי ער

האָט געהאַט אַ ווייב וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. דער שטרענגער און אויבנאויפיקער קילער ר׳ יעקב עמדין האָט געהאַט אַ געוואַלדיק־ראָמאַנטישע נשמה.

ווען זיין ערשטע פרוי איז אים געשטאָרבן און שדכנים זענען געקומען פון אַלע זייטן, שעמט ער זיך גאָרנישט צו דערציילן, אַז ער האָט געהאַט אַ חלום: ער לעבט מיט זיין מוטער... חז״ל זאָגן אויף אַזאַ מאָדנעם חלום: „יצפה לבינה״ [18]. דער עראָטישער חלום איז אים באַלד באַשיידן געוואָרן — ער האָט געקראָגן אַ פרוי מיטן נאָמען שׂרה, זיין מוטערס נאָמען — „דמות אמו״ אין זיין פרוי!

אונדזערע מאָראַליסטן פון אַלע דורות האָבן אָנערקענט און גאָרנישט מיני־מיזירט דעם כּוח פון תּאווה און דעריבער זיך פאַרנומען מיטן דאָזיקן פּראָבלעם און געזוכט אַלערליי מיטלען צו קאָנטראָלירן און נישט לאָזן אויף הפקר תּאווה און תּשוקה. אין זייער שילדערן די תּאווהדיקע פאַרברעכנס, צוליב וועלכע ס׳זענען געקומען אומגליקן, האָבן זיי איבערגעגעבן: „שהיו מחליפין נשותיהן זה לזה... והיו מסריחין בעבירות את מטותיהן״ [19], אַן אָפּקלאַנג פון די שטראָפרייד ביים נביא עמוס: „השוכבים על מטות שן וסרוחים על ערשׂתם״ [20] און כּדי צו פאַר־היטן און אויסהיטן פון פּאַרראַט, האָבן זיי אַפילו געזאָרגט מ׳זאָל נישט חתונה מאַכן קיין מינדעריאָריק מיידל צו אַן עלטערן מאַן און אויך נישט פאַרקערט [21], מסתּמא, ווייל אַזעלכע זאַכן האָבן פּאַסירט אין יענע טעג, ווי אין אונדזערע, און די חכמים זענען נישט געווען צופרידן. נישט בלויז פאַרהיטן פון אַן איסור מדאורייתא איז געווען זייער ציל, נאָר אַפילו פון וועלכן נישט איז מאָראַלישן פאַרברעך, אָדער פון אַזאַ אויפפירונג וואָס קאָן פירן צו אַ מאָראַלישן פאַרברעך, האָבן זיי געלערנט זיך אויסצוהיטן.

מיר האָבן שוין גענוג אָנגעוויזן אויף דער שטרענגקייט פון דער תּורה און חז״ל נישט בלויז אין שייכות פון באַציִונגען מיט פאַרהייראַטע פרויען, נאָר אַפילו מיט אומפאַרהייראַטע [22] און, שוין אָפּגערעדט, פון די שפּעטערדיקע מאָראַליסטן [23]. גאָר שטאַרק זענען געטאַדלט געוואָרן ייִדן וואָס נעמען זיך גויִישע פרויען.

ר׳ שלמה קלוגער (באַרימטער בראָדער רב, נפטר ו׳ סיון, תרכ״ט־1869) שרייבט וועגן אַ רב אין דייטשלאַנד, וואָס האָט געגעבן קדושין אַ ייִדן מיט אַ נישט־ייִדיש מיידל. דער דאָזיקער ראַבינער איז, לויט זיין מיינונג, „אַ מומר להכעיס״ [24] און וועגן אַזעלכן איז געזאָגט געוואָרן: „תּועבה נעשׂתה בישׂראל״ [25].

דער פאַקט איז, אַז ווען כּזבי, די מדינית, און זמרי בן סלוא האָבן געהאַט צו טאָן אין געצעלט האָט פּינחס נקמה גענומען אין ביידן, און געקראָגן דעם גרעסטן דאַנק פון רבונו־של־עולם, ווייל דערמיט האָט ער אָנגעשראָקן די בעלי־תּאווה. דער פּסק איז געוואָרן באַשטעטיקט: „הבועל ארמית קנאין פּוגעין בו״. ס׳זענען געווען אויך אין אַלטערטום גענוג פון דעם טיפּ „נואפים״ און צוליב

זיי האָט מען אָפּגעשאָפּט דאָס געבן דער סוטה די „מים המאררים". אויך דעמאָלט האָט געטראָפן, אַז צען מענער זאָלן האָבן צו טאָן מיט איין פרוי און זי האָט גע־קענט זאָגן, אַז פון אירע צען זין האָט זי בלויז איינעם פונעם לעגאַלן מאַן [26].

די חכמי התלמוד, די גרונטלייגערס פון דער ייִדישער מאָראַל, האָבן געטאָן דאָס מעגלעכסטע צו פאַרשטאַרקן די חתונה־אינסטיטוציע, אין וועלכער זיי האָבן געזען אַ קוואַל פאַר מענטשלעכער צופרידנקייט. זיי האָבן מיט אַלע מעגלעכ־קייטן געשטאַרקט דעם משפחה־סיסטעם. זיי האָבן פאַרויסגעזען די געפאַר, קינ־דער זאָלן חלילה ניט אויסוואַקסן אָן אַ היים, אָן עלטערן, ווערן הפקר ווי חיות. זיי האָבן דעריבער געצוימט די פרייהייט פון געשלעכטלעכן פאַרקער און עס גע־האַלטן אין דער ראַם פון משפחה, פון בשותּפותדיק־אחריותדיקן צוזאַמענלעב. אין דער חתונה־אינסטיטוציע, אין משפחה־צוזאַמענבונד, האָבן די חז"ל געזען די גאַראַנטיע פאַר אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן: נאָכגעבן און פאַרזיכערן דעם געניוס פון דער מענטשלעכער נאַטור אויף אַ געזונטן יסוד, אויף אַ שטרענגער פּרינצי־פּיעלער הומאַניזאַציע, צו דער צופרידנקייט פון מאַן און פרוי. צו דעם וועלן מיר זיך ווייטער אומקערן.

דער פאַקט איז, אַז די גרונטלייגערס פון דער ייִדישער מאָראַל, האָבן אָנער־קענט, אַז אַ וועלט אָן יצר קען קיין וועלט נישט זיין. זיי האָבן אָבער געוואָלט, אַז דער יצר זאָל זיין לטובה, פאַר דעם קיום העולם, לטובת דער מענטשהייט.

רעדנדיק וועגן קדושה איז אינטערעסאַנט צו ברענגען אַ מעשׂה אין שייכות מיט מסירת־נפש אויף קדושת השם, ווי אַן אמורא האָט זיך איינגעשטעלט און באַצאָלט אַ טייערן פּריַיז ביים באַקעמפן אויסגעלאַסנקייט ביי ייִדן. רב פּפּא — דערציילט די גמרא — האָט געפרעגט אביין: פאַר וואָס ביי די ראשונים, די אַמאָ־ליקע אמוראים, האָבן פּאַסירט נסים און ביי אונדז נישט. מיר בעטן, שרייען און קיין נס געשעט נישט. אויב די סיבה זאָל זיין לערנען און וויסן, האָבן מיר ברייטערע ידיעות און מיר האָבן מער ישיבות: „בשני דרב יהודה כּולי תּנויי בנזיקין הוה, ואנן קא מתנינן שיתא סדרי... בעוקצין תּליסר מתיבתא"... האָט אביי אים געענטפערט: „קמאי הוו קא מסרי נפשייהו אקדושת השם". די אַמאָליקע האָבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם... אונדזערע דורות זענען זיך נישט מוסר נפש, און געבראַכט אַלס באַווייז די פאָלגנדיקע מעשׂה:

„כּי האי דרב אדא בר אהבה חזייה להיא כּותית דהות לבישא כּרבלתא בשו־קא, סבר דבת ישׂראל היא קם קרעיה מינה. אגלאי מילתה דכותית היא, שיימוה בארבע מאה זוזי. אמר לה, מה שמך? אמרה ליה: מאתן. אמר לה: מתון, מתון ארבע מאה זוזי שויא". רב אדא, דער זון פון אהבה, האָט געזען אַ נישט־ייִדישע פרוי אין גאַס אָנגעטאָן אין אַ „כּרבלתא" — אַ רויט קלייד [27], וואָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פאַרשייטקייט. ער האָט געמיינט אַז זי איז אַ ייִדישע,

איז ער געוואָרן אין כּעס, צוגעגאַנגען און אַראָפּגעריסן פון איר דאָס פּאַרשייטע מלבוש. האָט זי אים אָנגעקלאָגט און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז נישט קיין ייִדישע; האָט מען זי אָפּגעשאַצט (געמיינט אַן ספק איר בזיון) און ער האָט איר געגעבן פיר הונדערט גילדן, ווי אַ שטראָף פאַר באַליידיקונג און פאַרשעמונג. ער האָט זי נאָך דעם געפרעגט: ווי איז דיין נאָמען? האָט זי אים געענטפערט: מתון. וואָס מיינט צוויי הונדערט: מאתים. האָט ער זיך אויסגעדריקט: מתון, מתון — מיך קאָסט אַ טאָפּלטער מתון — פיר הונדערט.

רש״י קאָמענטירט, אַז ער האָט געמיינט צו זאָגן אַז דער נאָמען האָט גורם געווען ס׳זאָל אים קאָסטן אַזוי פיל... און נאָך אַ טייטש, אַז מתון מיינט אויך וואַרטן, סבלנות, געדולדיק! ווען ער וואָלט געווען מער געדולדיק, וואָלט ער זיך איינגעשפּאָרט די פיר הונדערט גילדן. דאָס באַוויזט אָבער דאָס מסירת נפש ביים מקדש השם זיין, ביים צוימען פאַרשייטקייט [28].

ס׳קאָן אויך זיין, אַז זיין קידוש השם איז באַשטאַנען אין זיין גרייטקייט צו אַ האַרבער שטראָף; ער האָט זיך געקענט איינברענגען הוצאות, ווייל בלויז ביי אַ ייִדישער טאָכטער, ווען מען פאַרשעמט זי, איז די שטראָף אַזאַ הויכע — אַ קאָמפּענסאַציע פון פיר הונדערט [29] — אָבער נישט ביי אַ כותית, נישט ביי אַ היידנישער טאָכטער... זי שעמט זיך גאַר ווייניק — ר׳ אדא האָט אָבער געוואָלט מקדש השם זיין, ער האָט געוואָלט ווייזן אַז יעדע פרוי וואָס מען פאַרשעמט, זאָל מען באַהאַנדלען, ווי זי וואָלט געווען אַ ייִדישע.

פאַרוואָס יוסף האָט געקראָגן דעם טיטל הצדיק

אַז מיר פאַרנעמען זיך מיטן טערמין קדושה אין פאַמיליע־לעבן, דאַרף מען אויך אַ בליק טאָן אינעם טערמין צדיק, וואָס גייט זאַלבענאַנד ביים ערשטן מענטשן, וואָס האָט זוכה געווען צום דאָזיקן טיטל — יוסף הצדיק, אַזוי ווערט ער טיטולירט אין תּלמוד, מדרש, זוהר און אין די תּפילות:

„...אָמרו עליו על יוסף הצדיק״ [30]; „יודע הי׳ יוסף בעצמו שצדיק גמור הי׳״ [31]. אין ברכת כוהנים — „כחלומותיו של יוסף הצדיק״.

דעם טיטל צדיק האָט ער געקראָגן, צוליבן כּוח זיינעם בייצושטיין דעם גרעסטן נסיון און דאָס ווערט באַטאָנט אין די ווערטער: „יוסף קידש שם שמים״. פאַר דעם יונגן יוסף צו קענען קילן און שטילן די הייסע בלוטן און אָפּצושטופּן די ליידנשאַפטלעכע ווייב פון פּוטיפר, איז געווען אַזאַ נסיון, אַז די חכמי התלמוד דריקן זיך אויס, אַז ער איז שיער אַריינגעפאַלן אין איר נעץ, ווען נישט דאָס וואָס ס׳האָט זיך פאַר אים באַוויזן דעם פאָטערס געשטאַלט, דער „דמות דיוקנו של אָביו״.

די דאָזיקע מצרישע ליידנשאַפטלעכע פרוי האָט אים געמאַטערט טאָג־טעגלעך מיט גוטן און מיט בייזן, זיך געבעטן בלויז אים אָנרירן, האַלדזן... און יוסף האָט

קיין אַנדער עצה נישט געהאַט, ווי זיך אַרויסצורייסן פון אירע הענט און אַנטלויפן: „בכל יום ויום היתה אשת פוטיפר משדלתו בדברים; בגדים שלבשה שחרית, לא לבשה ערבית... אמרה לו, השמע לי! אמר לה — לאו. אמרה לו, הריני חובשתך בבית האסורים, אמר לה: „ד׳ מתיר אסורים״ [32]. הריני כופפת קומתך — „ד׳ זוקף כפופים״ אאַז״וו.

ווען זי האָט געזען אַז אַלע אירע סטראַשונקעס העלפן נישט, האָט זי פּרובירט אים אונטערקויפן מיט אַ גאָר גרויסער סומע: „אלף ככרי כסף לשמוע אליה, לשכב אצלה, להיות עמה״ [33]. יוסף האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן, וועלכן נישט איז באַריר פון אינטימקייט, ער האָט נישט געוואָלט „לשכב אצלה בעולם הזה, להיות עמה בעולם הבא״.

אין זוהר ווערט כאַראַקטעריזירט די שטאַרקייט פון יוסף שפטפט ביצרו, מיט די ווערטער: „בעי לי׳ לבר נש למהוי תקיפא... בכל סטרוי, בגין דלא ישלוט עלוי סטרא אחרא״. יוסף האָט באַוויזן די דאָזיקע שטאַרקייט.

אין שייכות דערמיט, ווערט דערציילט וועגן אַ יונג פּאָרל אין צייט פון חורבן, וואָס האָט באַוויזן נאָך אַ שטאַרקערן אַקט פון קאָנטראָלירן זיך. חתן־כלה זענען געוואָרן געפאַנגען צווישן גוים, וועלכע האָבן זיי חתונה געמאַכט, זיי זאָלן ווינען צוזאַמען.

די כלה־ווייב האָט פאַרלאַנגט, בעת דאָס פּאָרל איז געווען אין אינטימקייט, דער חתן־מאַן זאָל זי נישט אָנרירן, ביז זיי וועלן באַפרייט ווערן און זי וועט האָבן אַ כתובה כדת וכדין. דער מאַן, ווי זי האָט איבערגעגעבן, האָט איר נישט אָנגע־רירט, ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן — „ולא נגע בה עד יום מותו״. די פרוי האָט פאַרלאַנגט, מ׳זאָל אים מספיד זיין מיט די ווערטער: „שפטפט ביצרו יותר מיוסף הצדיק״, ווייל דאָרט איז עס געווען בלויז אַ מאָמענטאַלע רייצונג... און דאָ אַ טאָג־טעגלעכע און ווי זי האָט דערקלערט: „בחדא מטה...״

ווען מיר וואָלטן געדאַרפט אורטיילן, וואָלט מען אַלץ געגעבן דאָס ערשטע אָרט יוסף הצדיק: דאָרט איז געווען די רייצונג פון דער ליידנשאַפטלעכער מצרית, וועלכע האָט גערעגט דעם יצר און אים פּראָוואָצירט און דאָ, האָט די פרוי צוריקגעהאַלטן און געשטילט.

ווי אַזוי יוסף הצדיק האָט זיך געקענט קאָנטראָלירן, איז געווען אויפן פּאָלע־מישן טיש ביי חז״ל. זיי האָבן דיסקוטירט די מעגלעכקייט פון אַזאַ סאָרט גבורה פון כיבוש היצר:

ר׳ יצחק גייט אַזוי ווייט אין זיין באַהויפּטונג: „נתפזר זרעו ויצא דרך צפרניו...״ רב הונאַ האַלט, אַז דערזעענדיק דעם פּאָטערס געשטאַלט, „איקונין של אביו ראה״ האָט עס געקילט זיינע בלוטן און ר׳ אמי דריקט זיך אויס: „איקונין של אמו ראה...״ אַז ער האָט פּלוצלינג דערזען, ווי די מוטער, די צניעותדיקע רחל,

שטייט אים פאַר די אויגן[34] און איך וואָלט געוואָגט צו זאָגן, אַז די געשטאַלט פון פאַטער־מוטער, די ליבשאַפט וואָס האָט געהערשט צווישן זיי, אַ הייליקע אהבה, ווי אין שיר השירים, און דאָס האָט אים צוריקגעהאַלטן פון וועלכן נישט איז אָפּנויג, וואָס קאָן פוגם זיין אין דער פאַמיליע־מאָראַל.

באַקאַנט איז דער מאמר: „כל הגדול מחברו יצרו גדול ממנו", גרעסער דער צדיק — גרעסער דאַרף זיין די אָפּגעהיטקייט, וואָס רעדט זיך וועגן דער־ווייטערונג פון אַ נדה, אָבער שליסט איין אַלע סאָרטן הרחקות פון עבירה[35]. די אנשי כנסת הגדולה האָבן באַוויזן מבטל צו מאַכן דעם יצר פון עבודה זרה, אָבער נישט דעם יצר פון תאווה — עס איז דעריבער געווען דעם אומגעהויער לויבנס־ווירדיקער אַקט פון יוספן זיך צו באַהערשן און דאָך —

די חז"ל האָבן געשטעלט יהודהס מודה זיין אויף זיינע באַציִונגען מיט תמרן ווי אַ גרעסערער קידוש־השם, פון יוספס קדושת השם; יהודה האָט עס געטאָן בפהרסיא, עפנטלעך, האָט ער זוכה געווען, אַז זיין גאַנצער נאָמען זאָל טראָגן די געטלעכקייט און יוסף, בלויז אַ צוגאָב פון „ה": „אמר רבי חנן בר ביזנא א"ר שמעון חסידא, יוסף שקידש שם שמים בסתר זכה והוסיפו לו אות אחת משמו של הקב"ה, שנאמר עדות ביהוסף, יהודה שקידש שם שמים בפרהסיא, זכה ונקרא כולו על שמו של הקב"ה"[36].

אין וואָס איז באַשטאַנען יהודהס גרויסקייט?

ווערט ווייטער געזאָגט: „כיון שהודה ואמר צדקה ממני, יצתה בת קול ואמרה, אתה הצלת תמר ושני בניה מן האור (שריפה — נ. ש.) חייך שאני מציל בזכותך ג' מבניך מן האור". מאן נינהו? חנניה, מישאל ועזריה"!

יהודהס אַקט און די פאַרגעבונג, איז צו ווייזן, ווי גרויס עס איז דער כוח פון תשובה.

די גמרא שטעלט אַזאַ שאַרפע פראַגע: „מנא ידע"? פון וואַנען האָט יהודה געוווּסט, אַז תמר איז פון אים מעוברת? אפשר האָט זי געהאַט געשלעכטלעכן פאַרקער מיט אַנדערע מענער? פשוט וואָלט מען געקענט זאָגן — ער האָט איר געגלויבט; ער האָט זי געקענט.

אין דער גמרא ווערט געזאָגט, אַז אַ הימלישער בת־קול האָט געלאָזט וויסן „מני יצאו כבושים", אַז דער אַקט איז פאַרהוילן פונעם מענטשן און בלויז אין די הימלישע הייכן ווייסט מען פאַר וואָס ס'האָט געמוזט אַזוי זיין, פאַר וואָס מלכות בית דוד האָט געדאַרפט קומען אויף אַזאַ שטייגער — פון אַזאַ באַהעפטונג אַרויסצורייסן די הייליקע נשמה. דאָס וואָרט „כבושים", ווערט פאַרשטאַנען, ווי דער טייטש, „בהדי כבשי דרחמנא" ביי חזקיה המלך, אָבער וועגן דעם איז נייטיק אַ ספּעציעלע דיסערטאַציע. דאָ, וואָלטן מיר געטייטשט, כבוש אין פאַראַלעל מיט כובש און יוסף הצדיק האָט באַוויזן כובש צו זיין דעם יצר.

אין דער גמרא ווערט אויך אָנגעוויזן אויף נאָך אַ מענטשן, וואָס האָט באַוויזן נאָך מער, ווי יוסף הצדיק. דאָס איז געווען פלטי (פלטיאל) בן ליש [37]. ס'האַנדלט זיך וועגן דעם, ווי האָט דוד געמעגט נעמען צוויי שוועסטער מירב און מיכל — שאול המלכס טעכטער:

די תּלמידים האָבן געפרעגט ר' יוסין, „היאַך נשׂא דוד שתי אחיות בחייהן?"

אין ספר שמואל א' (י"ח, י"ז־כ'; י"ח, כ"ז־כ"ח), ווערט דערציילט, אַז, ווען דוד איז צוריקגעקומען פון זיין זיג איבער דעם גלית הפלשתי, האָט שאול געזאָגט צו אים: אָט איז מיין טאָכטער מירב, זי וועל איך דיר געבן פאַר אַ ווייב... אָבער, בעת מ'האָט זי געוואָלט געבן צו דודן, כּמעט ווי אַ צוזאָג, פאַרקנסט, איז זי גאָר געגעבן געוואָרן צו עדריאל פון מחולה פאַר אַ ווייב און מיכל — האָט ליב געהאַט דודן, האָט שאול זי געגעבן צו דודן, „בשתים תתחתן בי היום" — האָט שאול געזאָגט צו דודן. די מפרשים שטעלן זיך אָפּ אויפן וואָרט בשתּים מיט צוויי? ווי איז דאָס מעגלעך?... קען מען דאָס וואָרט טייטשן: וועסט ווערן מיין חתן מיט דער צווייטער (און נישט מיט איינער פון די צוויי).

די פראַגע איז אָבער, אויב מירב איז פריִער געווען מקודש צו דודן, האָט ער דאָך נישט געטאָרט נעמען מיכלן, כּל־זמן די ערשטע, מירב, לעבט.

דער ענטפער איז: מירב איז פּלוצלינג געשטאָרבן, איידער דוד האָט גענומען מיכלן. איז דאָס שווער אָנצונעמען, ווייל לויט שפּעטערע מדרשים, האָט מירב געהאַט קינדער און מיכל האָט זיי אַדאָפּטירט... ס'איז דאָ נאָך אַ תּירוץ, אַז די קדושין מיט מירבן זענען געווען קדושי טעות און זיי זענען אַנולירט געוואָרן און דאָ קומט נאָך אַ שטאַרקערע פראַגע: ווי האָט שאול געמעגט געבן מיכלן צו פלטי בן ליש, בעת זי איז געווען דודס ווייב. ווי מיר לערנען ווייטער, האָט דוד זי אויפגעפאָדערט צוריק און זי איז צוריקגעקומען [38]. דוד, ווי ס'ווערט איבערגעגעבן, איז אַנטלאָפן און האָט זי, אין איילעניש נישט געקענט גטן; בעת ער איז אַרויס דורכן פענצטער, האָט ער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט דאָס צו באַווייזן, און דערצו, האָט מיכל אים אַזוי ליב געהאַט, זיך מוסר־נפש געווען אים צו ראַטעווען פון פאָטערס שליחים. ווי וואָלט ער געטאָן אַזאַ זאַך?

מיר האָבן דערויף צוויי ענטפערס: שאול האָט דאָ געהאַנדלט נישט לויטן דין, נישט לויט תּורה־פּרינציפּן. ר' יוחנן האָט נישט מסכּים געווען צו אַזאַ נעגאַטיווער שטעלונג און זיך אויסגעדריקט, אַז דער נאָמען פלטי זאָגט עדות, מיט די צוגאָב־ווערטער — פלטיאל, אַז דער רבונו־של־עולם האָט אים געהאָלפן און אַרויסגע־שלעפּט פון דער עבירה. פלטיאל, וויסנדיק, אַז זי איז אַן אשת־איש, אַז זי געהערט צו דודן, האָט מיט איר נישט געהאַט קיין געשלעכטלעכע באַציִונגען...

ס'ווערט דערביי געשילדערט, ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעהיט: „נעץ חרב בינו לבינה" — די שווערד (סימבאָלישע...) האָט אים אָפּגעהאַלטן פון באַגיין אַן

אומאָראַלישן אַקט און דערמיט — וואָלטן מיר צוגעגעבן — האָט ער מקיים געווען די מצווה פון „והתקדשתם”, וואָס ווערט אינטערפּרעטירט „קדושת הברית”, גדר ערוה אאַז”וו.

דער נזיר ווערט גערופן קדוש, ווייל ער פירט זיך אַסקעטיש, טרינקט נישט, שיכּורט נישט, ווייל דער איבעריקער טרונק קאָן ברענגען צו אַ „סוטה”־אַקט: „הרואה סוטה בקלקולה — יזיר עצמו מן היין” [39].

דער קדושה־געבאָט פאַרלאַנגט פונעם מענטשן זיך אויפצופירן הייליק, אַפילו אין דערלויבטע תענוגים: „קדש עצמך במותר לך”. די מלכים — מושלים ביצרם — קאָנען באַווייזן אַנשטאָט באַהערשט צו ווערן פונעם יצר, צו באַהערשטן און קאָנטראָלירן דעם יצר. דער בעל קרי, דאַרף האָבן טבילה, כּדי מ׳זאָל נישט זיין הפקר „כּתרנגולים” [40].

מיר האָבן אַ מאמר: „המרצה מעות לאשה מידו לידה כדי להסתכל בה”, אויב אַ מאַן ציילט געלט אין דער האַנט פון אַ פרוי כּדי זיך אַריינקוקן אין איר... זאָל ער אַפילו האָבן תּורה און מעשׂים טובים ווי משה, וועט ער נישט אַרויסגיין פון משפט־גיהנום [41]. לויטן ירושלמי, איז דאָס בלויז כּיעור, אַ מיאוסקייט אַזאַ תּאווה־דיקער קוק, ס׳איז אויך אַ פראַגע אויב ער אָדער זי טראָגן העגטשקעס... איז שוין נישטאָ דער דירעקטער באַריר און במילא נישט די תּאווהדיקע לוסט — און וועגן דעם פאַרנעמען זיך אונדזערע מאָראַליסטן.

ז. וואָס הייסט זנות? — פאַרבאָט פון גילוי עריות. — שטרענגסטער פאַרבאָט צו האָבן אינטימקייט מיט אַן אשת־איש. — ווי אַזוי די היינטיקע וועלט קוקט אויף די פאַרבאָטן.

אין אונדזער תּקופה, די תּקופה פון רעוואָלוציעס, מלחמות, שחיטות, באַלעבונג פון קאָנטינענטן, אויפקום פון נייע לענדער — די עפּאָכע פון רעווידירן לעבנס־שטייגער, קולטור־טראַדיציעס, געוווינהייטן, רעליגיעזע פּרינציפּן און דאָגמעס — אין אונדזער תּקופה רעווידירט מען אויך דאָס פאַמיליע־לעבן, דעם געזעלשאַפט־לעך־רעליגיעזן איינשטעל. ס׳ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז וואָס מער פּראָגרעס, אַלץ מער סכּנות פאַר די יסודות פון פאַמיליע־לעבן; אַלץ מער צעשטערונג פון שׂמחת החיים.

די מענטשהייט זוכט אויסדרוק פון בענקשאַפט, וויל זיך באַפרייען פון די ביזאַנטיקע סיסטעמען, וויל אַוועק פון די קאָנווענציאָנעלע סטאַנדאַרטן אין משפּחה־לעבן — אָבער וואָס מער מען וויל אַוועק, אַלץ אָפטער קומען אָן מיסטישע כּוחות און באַאײַנפלוסן דעם נייעם דור מיט עפּעס אַ רצון צו הפקרדיקייט, צו אַ לעבן פון מאָמענטאַלער באַפרידיקונג, וואָס פירט צו אומגעוווּנטשענע קאָנ־

סעקוועגצן, און דערווייל ווערט צעשטערט די מאָראַל און די עטיק, אויף וועלכע די מענטשהייט האָט זיך ביז איצט געהאַלטן.

וואָס זעען מיר אין אונדזער מאָדערנער צייט? די ליטעראַטור, דאָס טעאַטער, די פילמען — אַלץ איז איבערפולט מיט סעקס, פּאָרנאָגראַפיע. ס'איז כּמעט שווער מסביר צו זיין דעם היינטיקן מענטש, אַז „סעקס" איז נישט אַלצדינג. ס'איז שוין אוממעגלעך צו שטילן דעם אימפּולס ביים יונגערן און אַפילו מיטל־עלטערן מענטשן, ער זאָל זיך שאַפן אַן אַנדער אימאַזש פון אַ צופרידן לעבן.

וואָס זעען מיר אין די אַלטע בראשית־טעג פון אַ תורה־לעבן? די שטרענג־סטע סאַנקציעס קעגן די וועלכע ווילן לעבן הפקרדיק: אויף גלוי־עריות קומט טויטשטראָף! אויף אָפּהיטן זיך פון זנות, איז דער געבאָט: „יהרג ואל יעבור", און נישט בלויז אויף פאַרווערטע משפחה־באַציִונגען, אויף וועלכע אָדם הראשון איז שוין געבאָטן געוואָרן [1], נאָר אויף יעדער סאָרט געשלעכטלעכער הפקרות מוז מען גיין אויף מסירת־נפש.

אָדם הראשון, און נאָך אים די בני נח, זענען געבאָטן געוואָרן אויף אַ צאָל עריות, דער עיקר איז דער פאַרבאָט אויף אַן אשת־איש [2], לעבן מיטן פאָטערס וויב; שוועסטער פון מוטערס צד איז געווען פאַרבאָטן; פון פאָטערס צד — דערלויבט. דעריבער, וויזן אָן מפרשים און פוסקים, האָט יעקב געמעגט נעמען צוויי שוועס־טער און עמרם — זיין מומע יוכבד.

אויף די פסוקים „ואלה בני צבעון ואיה וענה..." (בראשית, ל"ו, כ'־כ"ד) קאָמענטירט ר' יוחנן בן זכאי, „מלמד שבא צבעון על אמו והוליד ענה". ענה, לויט דעם טייטש, איז געווען צבעונס זון און ברודער. אַ צווייטע אגדה לויטעט, אַז צבעון האָט געהאַט געשלעכטלעכע באַציִונגען מיט זיין באָבען און זי האָט אים געבוירן דעם ענה. רש"י אין חומש, גיט איבער, אויפן סמך פון אַנדערע מדרשים, אַז צבעון האָט גאָר געלעבט מיט זיין שנור און פון איר געהאַט דעם זון אהליבמאָ.

די תורה האָט דאָס פאַרבאָטן, ווייל עס שאַפט אַן אַנדרלמוסיה — אָבער אין דער תקופה פאַר מתן תורה, האָבן אַזעלכע זאַכן פּאַסירט. ביי די אָבות איז עס שוין דעמאָלט שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן. די אָבות פון יידישן פאָלק, פאַר מתן תורה, האָבן אָבער אַלץ געהאַט דעם דין בן נח און דעריבער איז זיי דערלויבט געווען אַ צאָל־משפּחהדיקע עריות, ווי נעמען אַ מומע פון איין פאָטער... דעריבער האָט עמרם געקענט נעמען „יוכבד דודתו לאשה" (סנהדרין, נ"ח, ע"ב), ווייל זי איז געווען „דודתו מן האב, אבל לא דודתו מן האם", זי איז געווען דעם פאָטערס שוועסטער פון איין פאָטער אָבער נישט פון איין מוטער, ווייל דאַן וואָלט זי געווען פאַרבאָטן, ביי די בני נח גייט אַן די קרובהשאַפט בלויז די מוטערלעכע: יוכבד

איז געווען די שוועסטער פון קהת פון איין פאָטער — לוי — אָבער נישט פון איין מוטער.

מיר האָבן די דערקלערונג פון רש״י אין חומש (בראשית, כ׳, י״ב) און אין תלמוד (אויפן אָרט), אַז אַפילו אַ שוועסטער פון איין פאָטער, איז ביי אַ בן־נח געווען דערלויבט, דעריבער האָט אברהם געזאָגט: „וגם אָמנה אחותי בת אָבי היא״, און אַפילו מ׳זאָל אָננעמען די מיינונג, אַז שׂרה איז נישט געווען תרחס טאָכטער, נאָר הרנס, האָט אברהם געקענט זי רופן „בת אָבי״, לויטן כלל: „בני בנים הרי הן כבנים״ (דאָרט — אויספירלעכער).

ר׳ ברוך עפשטיין אין זיין „תורה תמימה״ איז מסביר דעם ענין, פאַר וואָס ביי אַ בן־נח איז נישטאָ די פאָטערלעכקייט, ווייל ס׳איז ביי זיי נישט געווען קיין „יחוס אָב״, מען איז קיין מאָל נישט געווען זיכער ווער ס׳איז דער פאָטער, אָבער וועגן דער מוטער האָט מען געוווסט געַנוי. די חלוקי־דעות וועגן אַ שוועסטער פון מוטערלעכן צד, געפינט מען אין תלמוד. רבי עקיבא איז מיט דער מיינונג, אַז אַפילו אַ שוועסטער פון איין מוטער איז ביי אַ בן־נח געווען דערלויבט. רבי אליעזר האַלט, אַז בלויז פון איין פאָטער, אָבער נישט פון איין מוטער און ער ברענגט דעם באַווייז, וואָס אברהם אָבינו האָט געדאַרפט דערקלערן: „אחותי בת אָבי היא אך לא בת אמי״. רבי עקיבא פאַרענטפערט עס דערמיט, וואָס אברהם האָט געזאָגט דעם אמת, אָבער קיין גרויסע נפקא מינה איז עס נישט ביי אַ בן־נח.

ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז דאָ איז נישט געבליבן ווי רבי עקיבא, נישט געקוקט אויף דעם כלל: „הלכה כרבי עקיבא מחברו״, וואָס אומעטום ווו רבי עקיבא איז מחולק מיט אַ יחיד, בלייבט ווי רבי עקיבא. דאָ בלייבט דער דין, וואָס שייך דעם בן־נח, ווי רבי אליעזר (זע, יבמות, צ״ח, ע״א; ירושלמי, דאָרט, י״א, ב׳, ז׳; רמב״ם, מלכים, ט׳, ה׳ א״א פוסקים).

די געצנדינערישע פעלקער האָבן נישט געהיט קיין קרובהשאַפט פון פאָטער־לעכן אָפשטאַם; זיי האָבן נישט געוווסט פון יחוס־משפחה. דערפאַר האָבן זיך די יעניקע וועלכע האָבן שוין יאָ איינגעפירט משפחהשאַפט ווי אַ מאָראַליש־עטישן פרינציפּ, זיך נאָך אַלץ געקענט דערלויבן געוויסע געשלעכט־הייראַט־פאַרבינדונ־גען צווישן קרובים, וואָס שפּעטער איז דאָס פאַרבאָטן געוואָרן. נאָך מתן תורה, איז אַ מומע סיי פון פאָטערס צד, סיי פון דער מוטערס צד און אַוודאי אַ שוועסטער, סיי פון איין פאָטער און סיי פון איין מוטער איז געוואָרן פאַרבאָטן. אין דער הלכה ווערט אויף אַזוי ווייט געהיט דער פאַרבאָט פון קרובים, אַז מען באַהאַנדלט דעם ענין יחוד פון קרובים, צי ביי קרובים גייט אויך אָן דער דאָזיקער דין פון „לא יתיחד״... צי ביי קרובים, איז נישטאָ דער רייץ, ווי ביי פרעמדע. די משנה (קדושין, ד׳, י״ב; ע״ה, ע״א) לערנט אונדז: „לא יתיחד אדם עם שתי נשים... מתיחד אדם עם אמו ועם בתו... מיט פרעמדע, אַפילו מיט צוויי ווייבער איז פאַר־

באַטן, ווייל חז״ל האָבן זיך גערעכנט מיט דער לייכטזיניקייט פון דער פרוי זיך צו לאָזן איבעררעדן מיט אייגענע, דערצו נאָך מיט אַן אייגן קינד. אין זיין באַהאַנדלען דעם ענין יחוד פון קרובים און דאָס געווין אין מדבר „על עסקי משפחותיו״, האָט מיין רבי־מובהק רבי יהודה לייב גרויבאַרט זצ״ל, אַרומגערעדט אויספירלעך און פּרטימדיק (חבלים בנעימים, ב׳ ז״ז 120־122) — אָבער וועגן דעם ווייטער.

נאָך מתן תורה, האָבן מיר י״ט עריות (ניינצן פאַרבאָטענע צוזאַמענלעבן). ביי אייניקע קומט מיתה דורך סקילה, ביי אַנדערע — שׂריפה, חנק, אָדער כּרת [3]; די קלענסטע שטראָף אויף פּרעכקייט איז מלקות, אָדער אַ תּקנה פון די רבנן צו שלאָגן דעם מאַן וועלכער איז באַגאַנגען „פּריצות״; דאָס אַלץ כּדי צו פאַרהיטן ס׳זאָל נישט קומען צו אַ פאַרברעך פון עיקר עריות און צו זיכערן די לאָיאַלקייט, ריינקייט פון משפּחה־לעבן.

ר׳ יהודה בן פזי זאָגט: די פּרשה פון עריות (אחרי מות) איז געשטעלט געוואָרן פאַר דער פּרשה קדושים כּדי דיך צו לערנען, אַז אויף יעדן אָרט ווו ס׳געפינט זיך אַן אָפּצוים פון ערוה, דאָרט איז דאָ קדושה. דאָס אויסהיטן זיך פון עריות, ברענגט אַריין קדושה אין פּריוואַטן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַ פאָלק [4]; אַ שלומדיקע היים, איז אַ געזונטע היים. דאָס געזאַנג פון שיר־השירים צום מלך „שהשלום שלו״, אַ געזאַנג וואָס איז קודש־קדשים, פאַרמאָגט די העכסטע אויסדרוקן פאַר דער ריינער, אידילישער ליבע.

פון די פיר־און־צוואַנציק עבירות וואָס האַלטן צוריק פון תּשובה איז זנות־אויסגעלאַסנקייט איינע פון די פאַרברעכנס; און נישט בלויז אַקטיווע זנות, נאָר אַפילו אַ פּאַסיווע, ווי „המסתכּל בעריות״... ווייל שלעכטע מחשבות פירן אַראָפּ דעם מענטשן פון דרך הישר והיושר. ווען מען איז אַריינגעטאָן אין תּאווה פאַרגעסט מען זיך.

אמת, מען דאַרף פאַרשטיין וואָס די תּורה האָט געמיינט מיטן „ולא תתורו״ [5]: צי איז בכלל פאַרבאָטן צו קוקן?... ווי הרב רא״א פּרייס ווייזט אָן [6], איז דאָ געמיינט געוואָרן אַ סאָרט קוקן וואָס ברענגט צו תּאווה: זען מיט די אויגן אַזעלכעס וואָס פירט צו זנות, צו מחשבה פון אויסגעלאַסנקייט. דאָ איז די וואָרענונג אַ טאָפּלטע: א) נישט צו קוקן מיט תּאווה אין פּנים פון אַ פרוי און ב) נישט טראַכטן וועגן דער צורה פון אַ פרוי. סתּם קוקן, רעדן מיט אַ פרוי — איז נישט געאַסרט געוואָרן.

די תּורה האָט געזאָגט „מות יומת הנואף והנואפת״! דאָ איז געמיינט געוואָרן — אַן אשת־איש, אַ פאַרקנסטע, אָדער חתונה געהאַטע — לויט די שטראָפן וועלכע זענען אויסגערעכנט אין תּורת משה, אין תּלמוד און פּוסקים (אין די הלכהשע אַספּעקטן, טרעטן מיר נישט אַריין).

אינטערעסאַנט אַז אַ סאָוועטיש־ייִדישער פאָרשער ברענגט אין נאָמען פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער (1772—1811) וועגן דעם פאַרבאָט פון ייִדן אַריינצוגיין אין „טרינקהײַזער ווו הורן זיצן; הנאָה האָבן פון אַ יפת־תואר מחמת שײנקייט פירט צו משוגעת, צום אָפּגרונט״ [7].

ביי מתן תורה איז באַשטימט געוואָרן דער גייסטיקער און פיזישער מהות פון ייִדישן פאָלק. ביים מעמד הר סיני איז דורך קולות וברקים פּראָקלאַמירט געוואָרן די מאָראַל און די אויפפירונגען, סיי פונעם יחיד און סיי פונעם קאָלעק־טיוו. ס׳איז באַשטימט געוואָרן לדורות די ייִדישע אידענטיפיקאַציע, דאָס גע־שלעכטלעכע פאַמיליע־לעבן, און מיט דורות שפּעטער, באַלד פון די נביאים, איז צוגעקומען דער סאָרט „משמרת למשמרת״, צו פאַרהיטן פון זינדיקע מחשבות, פון פרעמדע גלוסטונגען, פון ווולגאַרע באַנעמונגען און געשלעכט־אַרגיעס.

אין די עשׂרת הדברות איז געזאָגט געוואָרן: „ לא תנאף״ [8] — אָבער וואָס איז ניאוף? אַ קלאָרע דעפיניציע פון ניאוף גיט אונדז די תורה אויף אַן אַנדער אָרט: „איש אשר ינאף את אשת רעהו מות יומת הנואף והנואפת״... [9] דערפון לערנט רש״י, אַז „אין ניאוף אלא באשת איש״.

ס׳טאָר אָבער נישט זיין ביי ייִדן קיין קדשה, אָדער אַ מאַן אַ „קדש״ — אַ מאַן אָדער אַ פרוי וואָס לעבן הפקרדיק סעקסועל: שטעלן אײַן זייער לעבן און חיונה אויף פּראָסטיטוציע [10]. די שטראָף אויף אַזאַ סאָרט הפקרות איז נישט קלאָר; דאָס געהערט שוין אָבער צו הלכה און מיר זענען בלויז אויסן אָנצוווייזן אויף דעם מאָראַלישן אײַנשטעל ביי ייִדן, זינט מעמד הר סיני: אַ זונה איז פאַר־ווערט חתונה צו האָבן מיט אַ כהן; אַ כהנס פאַרהייראַטע טאָכטער, אויב זי ווערט אַ זונה, קומט איר שׂריפה [11], און דעם מאַן וואָס האָט מיט איר פאַרקערט — די געוויינלעכע שטראָף — חנק.

ביי ייִדן איז זנות־פאַרבאָט שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן. ווען בלעם האָט גע־וואָלט ברענגען שטראָף אויף ייִדן האָט ער, ווי מיר האָבן דערמאָנט, קיין אַנדער עצה נישט געהאַט ווי ראַטן די מואָב־טעכטער, אַריינצונאַרן די ייִדן צו די „בנות מואב״, ווייל „אלהיהם של אלו שונא זימה״ [12]. ווען אַ מאַן ווייס אויף זיכער, אַז זיין פרוי האָט מזנה געווען, נאָר מ׳קען זי איבער געוויסע אומשטאַנדן נישט פאַרמישפּטן, באַזונדערס אין די שפּעטערדיקע גלות־יאָרן, טאָר ער מיט איר נישט וווינען; ער דאַרף איר געבן אַ גט.

דער ציל פון די אַלע וואָרענונגען און האַרבע שטראָפן איז געווען אָפּצור־שרעקן ייִדן פון באַגיין זנות־פאַרברעכערישקייט; פאַרהיטן די גאַנצקייט און ערלעכקייט אינעם משפחה־לעבן; דעריבער זענען די חכמים נישט געווען צו פיל צופרידן, ווען אַ מאַן גט זיין ווייב און וווינט מיט איר אין שכנות, אינעם זעלבן חצר, אָדער אין נאָענטע וווינונגען. אַזעלכע, דאַרפן דורכגיין נאָך אַ מאָל דעם

גט־ריטואַל, ווייל דער כּוח פון „מים גנובים" (וואָס שייך ליידנשאַפטלעכער תּאווה) איז אַזוי שטאַרק, אַז זיי קאָנען זיך פאַרגעסן. און אויב ער נעמט זי צוריק, איז דער דעת חכמים נישט סובל אַזעלכע אוממוטיקע און כאַראַקטערלאָזע לייט. ווי רש"י גיט צו, איז נישט קיין גרויסע שׂמחה ווען אַ מאַן נעמט צוריק זיין געגטע ווייב [13]. אויב די גרושה האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן, טאָר דער ערשטער מאַן זי נישט צוריק נעמען [14], אַפילו ווען דער צווייטער איז געשטאָרבן, אָדער געגט, כּדי דאָס חתונה האָבן זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שפּיל...

אין אונדזער מאָדערנער צייט, קאָנען מענטשן טראַכטן, אַז די דאָזיקע באַ־גרענעצונגען זענען אַלטמאָדיש, פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער היינטיקער געזעלשאַפט. ווען מען באַטראַכט אָבער דעם גאַנצן קאָנצעפּט פון יהדות אין דער ראָם פון פאַרהיטן דעם יִדישן צלם אלקים, וואָס מיינט דעם גייסט, דעם שׂכל און די אָנשטענדיקייט אין דער יִדישער געזעלשאַפט, דאַן קאָן מען געוויס מסכּים זיין, אַז די באַגרענעצונגען זענען שטאַרק נייטיק אויך אין דער היינטיקער צייט.

אין אונדזער צייט שטעלן פּסיכאָלאָגן די פראַגע צי איז נייטיק פאַר אַ מאַן, ווען ער גייט חתונה האָבן, צי וויסן וועגן בתולהשאַפט פון זיין באַשערטער. מיט יאָרן צוריק וואָלט אַן אָרנטלעכע פרוי נישט געטראַכט אַז דאָס איז נישט נייטיק. היינט דערוואַרט מען נישט קיין בתולים אַפילו ביי נישט רעבעלירנדיקע מיידלעך; היינטיקע מענער זענען גאָר ליבעראַל אין באַצוג צו דער דאָזיקער אינטימער אָנגעלעגנהייט.

ביי יִדן, נישט דווקא ביי שטרענג אָרטאָדאָקסישע, ווערט דער דאָזיקער פּרינציפּ נאָך אַלץ אָפּגעהיט, ווי מיר וועלן עס אין אַ ווייטערדיקן פּרק אָנמערקן, ווייל די יִדישע מאָראַל איז אין משך פון דורות געווען אַ שטאַנדהאַפטיקע. סעקסועלער פאַרקער פאַר דער חתונה איז געווען פאַרווערט און גאָר זעלטן האָט זיך עס געטראָפן. דעריבער האָבן יִדן, לענגער ווי ביי וועלכן נישט איז פאָלק, אָנגעהאַלטן די גייסטיקע און פיזישע טהרת המשפּחה.

יִדישע מאָראַליסטן האָבן זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכסטע מיטלען צו באַ־פעסטיקן דאָס צוזאַמענלעבן פון צוויי מענטשן פון קעגנגעזעצטע געשלעכטער און קעגנגעזעצטע כאַראַקטערן. זיי האָבן דאָס געטאָן יסודותדיק, אויף אַ פּראַקטישן אופן, דורך לאַנג־דויערנדיקער צופּאַסונג, געשטעלט אויפן פּרינציפּ פון „חן אשה על בעלה", וואָס מיינט פשוט: די גראַציעזקייט פון דער פרוי זאָל תּמיד זיין ביים מאַן, אָדער ווי דאָס יִדישע גלייכוועורטל האָט דאָס געטייטשט: „די ווערט פון אַ פרוי שאַצט מען וועדליק דעם מאַן אירן". האָבן זיי דעריבער געעצהט וואָס פאַר אַ פרוי מ'זאָל זיך אויסקלייבן; וועלכע פרוי מ'זאָל אויסמיידן; אַן אומפּאַסיקע פרוי וועט קיין פרייד אין זיין לעבן נישט ברענגען. אַ שלעכטע פרוי — האָבן זיי געוואָרנט — איז ווי אַ צרעת.

אין מיין ווערק וועגן דער באַציִונג צו דער פרוי, האָבן מיר גרינטלעך באַהאַנדלט דעם ענין פון פּאַסיקע און נישט־פּאַסיקע שידוכים און מיר ווילן זיך נישט איבערחזרן. אַז מען נעמט, למשל, אַ פרוי צוליב געלט, וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען פון אַט דעם זיווג [15]; אַז אַן עלטערער מאַן האָט חתונה מיט אַ יונג מיידל, וועט זי זיכער מזנה זיין מיט אַנדערע מענער. מען לערנט עס אַרויס פונעם פסוק „אַל תחלל את בתך להזנותה" [16]. ר' יהודה החסיד האָט גאָר אַ סך צוגעגעבן צו דער רשימה פון אומפּאַסיקע שידוכים; די מערסטע זענען באַזירט אויף מאמרים אין תלמוד און הלכות־מנהגים פון די ראשוני הפוסקים, אײַנשליסנדיק די פּסקים פון די גאונים און זייערע נאָכפאָלגערס [17].

די חכמי התלמוד האָבן כּסדר געזוכט ווי אַזוי צו שטאַרקן דעם קשר צווישן מאַן און פרוי, כּדי בשעת זייער ווינען צוזאַמען זאָל זיך נישט פילן קיין פּחד און ס'זאָל נישט דראָען קיין סכּנה אויף זייער צוזאַמענלעבן. זיי האָבן דעריבער געראָטן נישט צו נעמען קיין „קטלנית" — אַ פרוי וועמעס מענער זענען געשטאָרבן. אין דער משנה זענען פאַראַן חלוקי דעות — ווען ווערט זי אַ „קטלנית"? לויט רבי יהודה [18], ווערט זי אַ קטלנית, אויב צוויי מענער זענען ביי איר געשטאָרבן; ער לערנט עס אַרויס פון פּסוק, וואָס דערציילט, אַז יהודה האָט נישט געגעבן תּמרן זיין דריטן זון, שלה, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז אויך ער וועט שטאַרבן ווי די פריִערדיקע — „כי אמר פן ימות גם הוא כּאחיו" [19]. רבי שמעון בן גמליאל האַלט, אַז ערשט צום פערטן מאָל טאָר זי נישט חתונה האָבן [20].

דער רמב"ם, אין זיין פּסק הלכה [21] פּסקנט ווי רבי יהודה, נאָר אויב זי האָט שוין חתונה געהאַט צו אַ דריטן, זאָל ער זי נישט גטן און נישט צווינגען זי צו נעמען אַ גט, אויס דער מורא פון „חמירא סכּנתא מאיסורא".

דער ענין איז נישט אַזוי פּשוט און ס'איז דעריבער פאַראַן פּאָלעמיק אין דער הלכה. רבנים, פּוסקים זוכן אַלע מיטלען מקיל צו זיין אין אַזאַ פאַל, כּדי אַרויסצוהעלפן די פרוי, זי זאָל נישט בלייבן אַן אייביקע אלמנה.

אַז מיר רעדן שוין וועגן דין פון אַ קטלנית, איז וויכטיק צו ברענגען די באַהויפּטונג פון ספר חסידים [22] — (אַ געמיש פון מיסטיק, סימבאָליק און ראַציאָנאַליזם:) „וכל דבר שהוא שלש פעמים אע"פ שאין ניחוש, יש סימן, דוגמת ער ואונן [23], פן ימות גם הוא כּאחיו' וכת' ,גן נעול, גל נעול מעין חתום' — מעיין גורם שלש פעמים שלש עם גבר, אבל לחמישי אין מזיק". לויטן ספר חסידים, איז די סכּנה ביזן דריטן, אויב זי האָט געהאַט אַ הפסק, אַן אָפּשטעל פון טויט... און זי וויל חתונה האָבן צום פינפטן מאָל, איז שוין נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

אין די הערות ווערט אָנגעוויזן, אַז ר' יהודה החסיד (געלעבט אין 12טן און אָנהייב 13טן י"ה) האָט דאָס גענומען פון דער פריִער דערמאָנטער גמרא [24].

הרב ראַ״א פרייס [25] גייט דאָ אַריין אין אַ לענגערן הלכהשן אַנאַליז, שטעלנדיק די פראַגע, צי דאָס איז אַ תורה־פאַרבאָט, אסור מדאורייתא, אָדער אַ תקנה פון די רבנן. סכּנה — האַלט ער — איז מן התורה.

ער ציטירט פון מהר״י מיגאש (דתתל״ד־1072 ; תתק״א־1141) אַז אויב איינער וועט וואַגן און זאָגן: „איך וויל נעמען אויף מיר די סכּנה״ (אני רוצה לסכּן עצמי״), זאָל מען אים נישט הערן (אין שומעים לו״). מען דאַרף אים וואָרענען און צוריקהאַלטן פון טאָן אַזעלכע מעשים.

עס שטעלט זיך די פראַגע, צי בלויז ביי דער פּאַסירונג פון אַ „קטלנית״, ווערט אָנגענומען אָט די חזקה, צי איז דאָס אויך אַ פאַקטאָר אין גט־אָנגעלעגנהייטן: אויב אַ פרוי האָט זיך דריי מאָל געגט, איז זי אין דער חזקה להתגרש, מ׳זאָל זיך אויסהיטן מיט איר חתונה צו האָבן. דער בעל „משנת אברהם״ באַהאַנדלט דעם ענין לויט ערשטראַנגיקע מקורים און מיט זיינע אייגענע חידושים.

מערקווירדיק איז דער פּסק פון מהרלב״ח (הר״מ־1480 ; הש״א־1541). הרב פרייס ציטירט זיין תשובה, אין וועלכער ער באַהויפּטעט: „כּי בזמנינו זה אין מי שיחוש לאיסור קטלנית וסמכו על „שומר פתאים ד׳״ [26].

הרב פרייס אַנאַליזירט זיין שו״ת, פרעגט אָפּ דעם „בזמנינו זה״, וואָס מיינט עס אין אונדזער צייט נישטאָ קיין מורא, בעת עס איז אַ מפורשדיקע גמרא, וואָס זאָגט און וואָרנט נישט חתונה צו האָבן מיט אַ קטלנית?... [27]

די פראַגע איז, צי גייט אָן דער דאָזיקער דין ביים מייבם זיין אַ פרוי, וועמעס מאַן איז געשטאָרבן, נישט האָבנדיק מיט איר קיין קינדער און דער ברודער דאַרף מקיים זיין די מצוות יבום... אויב זי האָט שוין אָוועקגעהרגעט דריי מענער, איז דאָ די סכּנה במקום מצווה?

אין אַזאַ פאַל, פאַרשטייט זיך, אַז דער רלב״ח איז אָן ספק מתיר. דער חכם צבי (ר׳ צבי הערש אשכּנזי, הת״ר־1660 ; תע״ח־1718) איז מחולק אויף אים [28] און ער ווייזט אָן אויף דעם פאַקט, אַז דער גאַנצער ענין קטלנית, נעמט זיך פון דער מעשׂה יהודה ותמר און דאָרט רעדט זיך פון יבום און יהודה האָט מורא געהאַט שוין ביים דריטן זון אים לאָזן מייבם זיין...

אמת, לויט מפרשים, איז דער שולד נישט געפאַלן אויף תמר, נאָר אויף ער ואונן, ווייל זיי האָבן זייער זרע פאַרדאָרבן און צעשטערט [29].

אין דריטן חלק ספר חסידים [30], ווערט דער דין קטלנית, איבערגעחזרט און דער בעל „משנת אברהם״ איז דאָ מוסיף אייניקע חידושים און דער עיקר, אַ חקירה, צי דער פאַרבאָט חתונה צו האָבן מיט אַ קטלנית איז אַ תורהדיקער איסור, אָדער בלויז אַ תקנה פון די רבנן. אַ סכּנה, איז ער איבערצייגט, איז יאָ פאַרבאָטן פון דער תורה און ער האָט דערויף געגוגנדיקע באַווייזן.

אינעם לענגערן — און אויספירלעכן — פלפול, גייט ער אַריין אין אַ טיפערן

אַנאַליז און באַהאַנדלט יעדן פּרט און ניואַנס פון דעם דאָזיקן דין, צי מיינט עס, אַז אירע מענער זענען באַלד געשטאָרבן, צי מיינט עס געשטאָרבן אָן קינדער צו האָבן מיט איר אַאַז״וו.

ווי מיר זעען אין תלמוד [31] האָט אביי חתונה געהאַט מיט חומה, וועלכע איז פריִער געווען פאַרהייראַט צו רחבא פון פומבדיתא, דערנאָך צו ר׳ יצחק דעם זון פון רבה בר בר חנה און נאָך דעם האָט זי חתונה געהאַט מיט אביין און ער איז באַלד נאָך דער חתונה געשטאָרבן און דאַן האָט רבא זיך אויסגעדריקט, אַז אביי האָט זיך נישט געדאַרפט שטעלן אין סכנה. רבא, זעט אויס, האָט געהאַלטן אַז די סכנה פון קטלנית איז שוין צום צווייטן מאָל ווערן אַן אלמנה — אָבער זיין ווייב, האָט געזאָגט צו אבייס: „קטלית לך תלתא״ זעט אויס, אַז דער איסור איז ערשט נאָכן דריטן מאָל...

די דאָזיקע הלכה, ווי מיר זעען, איז היפּשלעך קאָמפּליצירט און בלויז בעלי הוראה־מובהקים, קאָמפּעטענטע רבנים, קענען זיך פאַרנעמען און אַרויסגעבן אַ פּסק־הלכה. מיר דאָ האָבן בלויז געוואָלט מעורר זיין וועגן די מאָראַלישע אַספּעקטן.

די חכמי התלמוד האָבן זיך באַמיט און זיך פאַרנומען מיט זיווג־פּראָבלעמען. זיי האָבן געזוכט צו באַאײַנפלוסן סיי דעם זכר און סיי די נקבה זיי זאָלן זיין פאַרזיכטיק ביים אויסקלייבן דעם מאַן אָדער די פרוי, מיט וועמען מ׳דאַרף לעבן און פירן אַ לעבן. זיי האָבן דאָס געטאָן כּדי צו פאַרזיכערן, אַז די הויז און דער בנין וואָס זיי פאַרנעמען זיך אויפצושטעלן, וועט זיין אַ בנין־עד, אַ וואַרעמע און ליבלעכע היים פאַרביידן; פאַר דעם היינט און פאַר דעם מאָרגן. זיי האָבן גע־לערנט, אַז פון אַ שלומדיקער היים, פון ווינען מיט אַן „אשה הגונה״, קאָן מען דערוואַרטן „בתים״ — גוטע הייזער, גוטע קינדער און אַ גוטע צוקונפט [32]. אויב חלילה פאַרקערט, איז ווי געאַקערט און געזייט אויף זאַלץ. אליהו, דער נביא השלום, דער מבשׂר בשׂורות, וועט זיי דערפאַר בינדן און אַפילו שלאָגן פאַר דער נישט־פּאַסיקייט אין זייער צוזאַמענלעבן, וואָס איז גורם אויפצובורענגען שלעכטע קינדער [33]. דער סוף פון אַ נישט־פּאַסיקן שידוך איז צעשיידונג אָדער אַ צע־בראָכענע משפּחהדיקייט. אויב מ׳האָט חתונה מיט אַ צניעותדיק־באַשיידענער פרוי, געפינט מען לויטער גוטס: „מצא אשה מצא טוב״; חלילה פאַרקערט — „צרעת לבעלה״... קאָנסעקווענצן: אַ קראַנקהאַפטע משפּחה. אין אַזאַ פאַל איז אַ מצווה זיך צו שיידן... [34]

ווען מיר האָבן אַרומגערעדט די שווערקייט ביים צוזאַמענפּאָרן צוויי גע־שלעכטער, האָבן מיר אָנגעוויזן אויף פאַרשיידענע מאמרים [35]. דער שטאַרקסטער זאָג איז: „קשין לזווגן כּקריעת ים סוף״ [36]; אויך וועגן פּרנסה ווערט געזאָגט „קשין מזונותיו של אָדם כּקריעת ים סוף״ [37], אַז ביים רבונו־של־עולם איז דאָס אַזוי שווער, ווי דאָס שפּאַלטן דעם ים!

אויף די דאָזיקע מאמרים ווערן געשטעלט אַ צאָל קשיות, און ס'ווערן געגעבן אַ צאָל תירוצים — אָבער דאָס גייט נישט אַריין אין אונדזערע ראַמען.

ס'איז אָבער דאָך שווער, וואָס מיינט מען מיטן וואָרט „קשה״? אויב ער, דער רבונו־של־עולם, האָט באַשאַפן דעם ים, איז פאַר אים שווער אים אויסצוטריקענען? מיר ווייסן דאָך אויך, אַז ביי ר׳ פינחס בן יאיר איז געשען אַ נס — דער טייך גינאי האָט זיך געשפּאָלטן, אָדער אויסגעטריקנט געוואָרן, כדי ר׳ פינחס בן יאיר מיט זיין אייזל זאָלן קענען אַריבער אויסלייזן די געפאַנגענע און דעם מאַן וואָס האָט געטראָגן מעל אויף מצות...[38]

ביים קריעת ים סוף — האָב איך געזען אין אַ ספר — איז די שווערקייט געווען, צוליבן קטרוג: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה״[39]. דער מידת הדין האָט זיך געשטעלט קעגן דעם דורכלאָזן די יידן און דערטרינקען די מצרים. איז זייער שווער געווען איינצושטילן דעם מידת הדין, וואָס האָט געפאָדערט גערעכטיקייט!

ביי פרנסה, דריקט זיך אויס דער מחבר, פאָדערט זיך בטחון; און איך וואָלט צוגעגעבן, אַז אויך ביי פרנסה זענען דאָ מקטרגים, דעריבער איז אַזוי שווער ווי ביי קריעת ים־סוף, אויב מ'פירט זיך נישט אויף ערלעך. ביים מזווג זיין זיווגים איז דער הויפּט־קטרוג, טאָמער איז מען נישט צוגעפּאַסט און ס'פעלט פאַרשטענדעניש. דאַן שטעלט מען אין געפאַר דעם זיווג מן השמים, וואָס איז פערציק טעג פאַרן געבוירן ווערן אויסגערופן געוואָרן.

דערפאַר טאַקע האָבן די בעלי המנהגים איינגעפירט, אַז אין די שבע ברכות זאָל מען ווינטשן חתן־כלה, „שמח תשמח רעים האהובים כשמחך יצירך בגן עדן מקדם״... מיטן צוגאָב פון „אהבה ואחוה״! דער סוד פון צופרידנקייט ליגט אין דער צוגעפאַסטקייט און אין פאַרשטיין זיך, מ'מוז אַ ביסל אַוועקגעבן פון אייגענעם איך, בכדי צו האָבן די פאַרערונג און די ליבשאַפט פון דעם, מיט וועמען מען איז געגאַנגען בויען אַ היים.

די חז״ל האָבן געזען אין אַ גוטן צוזאַמענלעב אַ געטלעכע מתנה און דעריבער דאַרף אַ ייד מתפלל זיין אויף דער דאָזיקער מתנה[40]. נישט געקוקט וואָס אין הימל האָט מען שוין אויסגערופן „בת פלוני לפלוני״, איז רחמים און תפילה פון גרויסער וויכטיקייט. זיי האָבן אָבער אויך געטרייסט די צדיקים וואָס פאַלן אַריין מיט אַ שלעכטער פרוי און ווילן זיך נישט גטן צוליב פאַרשידענע סיבות; זיי קומען שוין אָפּ אויף דער וועלט, אויב זיי האָבן זיך אין עפּעס פאַרזינדיקט, בכדי צו געניסן דעם פולן שכר אויף עולם הבא[41].

דאָס וואָכע געוויסן פון יידנטום, די חכמי התלמוד, האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז דער צוזאַמענלעב פון מאַן־פרוי זאָל זיין אויפן יסוד פון אהבה, פון רעספּעקט. דאָס איז מעגלעך, ווען זיי אַליין באַגרייפן דאָס און פאַרשטייען אַז פון הימל

ווערן באַשטימט די זיווגים, „מד' אשה לאיש"[42], ווי דאָס ווערט באַוויזן פון תּורה, נביאים און כּתובים. ווען מען קריגט דעם ריכטיקן זיווג דאַרף מען פּראַווען זיבן שׂמחה־טעג, ווייל דאָס פּאָרל איז געבענטשט מיט זיבן ברכות און זייער פרייד איז געגליכן צו דער פרייד פון דער קומענדיקער גאולה: „כּמשׂוש חתן על כּלה ישׂישׂ עליך אלהיך"[43] — און ווי די פרייד פון אַ חתן מיט דער כּלה, וועט זיך פרייען מיט דיר דיין גאָט".

דער צענטראַלער און השפּעהדיקער עלעמענט, אי אין די ספרי קבלה, אי אין די ספרי מוסר און אי אין חסידות, איז די באַנעמונג פון מענטש צו מענטש און, הויפּזאַכלעך, די באַנעמונג צווישן מאַן און פרוי. די ייִדישע מאָראַל, אָנגעפילט ווי אַ „מילגרוים" וואָס שייך עטיק און מוסר פון מענטשנס צוזאַמענלעבן, האָט געשטעלט דעם אידעיִשן יסוד אויף דער ייִדישער היים. די געשיכטלעכע פּאַנאָראַמע האָט זיך אַנטוויקלט און האַלט זיך אויפן דאָזיקן יסוד. דעריבער האָבן זיי געלערנט וועגן דעם אינטימען לעבן צווישן מאַן און פרוי, ווי אַזוי צו דערהייבן ייִדן צו דער הויכער מדרגה פון „קדושה מלמטה", וואָס פירט צו „קדושה מלמעלה". די קדושה פאַנגט זיך אָן בעתן חיבור, ביים באַהעפטן זיך מיט דער פרוי; און דעריבער ווערט געזאָגט „וידע", ווייל עס דאַרף זיין ידיעה, וויסן, ווי אַזוי און ווען זיך צו באַהעפטן. ווען ס'איז דאָ די ריכטיקע ידיעה בעתן חיבור, דאַן רוט די שכינה איבער דעם פּאָרל: „איש ואשה, זכן, שכינה ביניהם"[44]. ס'קומט די שותּפות פון באַשעפער, די קדושת המין, די קדושה פון יצירה. דער בורא עולם האָט נחת, שעפּט נחת פון אַזאַ פּאָרל, ווי עס ווערט געזאָגט: „לא איש בלא אשה, ולא אשה בלא איש ולא שניהם בלא שכינה" — און וועגן דעם וויטער.

הערות

א

1 זע, סוכּה, נ"ג, ע"א; חגיגה, ט"ז, ע"א; קדושין, ל', ע"א און רש"י — אויפן אָרט.
2 בראשית, ב', ז'.
3 ברכות, ס"א, ע"א.
4 שבת, ק"ה, ע"ב; סוכּה, נ"ב, ע"ב; בבא בתרא, ט"ז, ע"א; סנהדרין, ס"א, ע"א.
5 ירושלמי, כּתובות, א', ח'.
6 זע: בראשית רבה, ט'; שיר השירים, רבה, ז'; קהלת רבה, ז'; יומא, ס"ט, ע"ב; יבמות, ס"ג, ע"א א"אַ מקומות.

7 סוכה, נ״א, ע״ב.
8 דאָרט, נ״ח, ע״א.
9 דברים, י״ב, כ׳.
10 במדבר, י״א, ל״ד.
11 ידעי׳, כ״ו, ח׳.
12 תהלים, כ״א, ג׳.
11 ישעי׳, כ״ו, ח׳.
14 דאָרט, דאָרט, י״ז.
15 ב׳, ד׳.
16 ויקרא, רבה, י״ח.
17 זע, אבות דרבי נתן, ט״ז, ד׳; ברכות, ס״א, ע״א.
18 ירושלמי, יומא, ו׳, ד׳; נדרים, ט׳, א׳.
19 ירושלמי, ברכות, א׳, ה׳.
20 סוטה, ח׳, ע״א; סנהדרין, מ״ח, ע״ב.
21 שבת, קמ״ו, ע״א. זע, פרי צדיק פון אדמו״ר רבי צדוק הכהן מלובלין, וארא, אות י״ט; במדבר, ז׳; מסעי, י״ד א״אַ מקומות.
22 ירושלמי, שבת, י״ד, ג׳.
23 שבת, קנ״ב, ע״א.
24 יומא, כ״ט, ע״א.
25 סוטה, ח׳, ע״א.
26 בראשית, ג׳, ו׳.
27 קהלת רבה, א׳, ל״ד; ג׳, י״ב.
28 תנחומא, נשא; במדבר רבה, ט׳; נדרים, כ׳, ע״א-ע״ב.
29 בראשית רבה, כ״ב.
30 בראשית, ד׳, כ״ה.
31 בראשית רבה, כ״ג, י׳.
32 איוב, כ״ד, ט״ו.
33 ויקרא רבה, כ״ג.
34 בראשית רבה, ס״ז.
35 ברכות, כ״ד, ע״א.
36 תנחומא, בראשית, כ״ו; ירושלמי, שבת, א׳, ג׳.
37 בראשית, ל״ט, ט׳.
38 זוהר, תרומה.

ב

1 ברכות, נ״ז, ע״ב; שבת, קמ״ו, ע״א.
2 דאָרט, און שבת, קנ״ב, ע״א.
3 זע, יומא, ב׳, ע״א; יבמות, ס״ג, ע״ב.
4 אידישער קעמפער, פסח, תש״ך.
5 בראשית, ב׳, כ״ד.
6 סנהדרין, ז׳, ע״א.
7 עירובין, ק׳, ע״ב.
8 כתובות, ס״ד, ע״ב.
9 זע, ירושלמי, שבת, א׳, ג׳.
10 סוטה, מ״ו, ע״ב.
11 בבא בתרא, ע״ח, ע״ב.

12 מסכת כלה, ב׳.
13 משלי, י״א, כ״ג; זע, בראשית רבה, מ״א, א׳.
14 עירובין, נ״ד, ע״א.
15 מורה נבוכים, ב׳, ו׳.
16 סוף קדושין.
17 סוטה, מ״ז, ע״א.
18 זע, ברכות, נ״ג, ע״ב; עירובין, ק׳, ע״א-ע״ב.
19 ברכות, י׳ און ל״א.
20 מורה נבוכים, ג׳, מ״ט.
21 פרשת אחרי מות.
22 פרי צדיק, ר״ח אייר, אות ה׳.
23 מגילה, ט״ז, ע״ב.
24 אָבות, ד׳, א׳; אָבות דרבי נתן, כ״ג, א׳.
25 ט״ז, ל״ב.
26 שבת, קנ״ב, ע״א; סוכה, נ״ב, ע״ב.
27 זע, פרי צדיק, ר״ח אדר, אות ב׳.
28 קדושין, ל׳, ע״ב.
29 חגיגה, ט״ז, ע״א.
30 בראשית, כ״ט, י״א.
31 זע, ברכות, ס״א און עירובין, י״ח.
32 אָבות, ה׳, כ״א.
33 קדושין, ב״ט-ל׳.
34 עירובין, ק׳, ע״א; רש״י אויפן אָרט — סעקסועלע באַציונגען.

ג

1 ברכות, כ״ה, ע״ב; יומא, ל׳, ע״א.
2 זע, הרב ישראל שציפּאַנסקי, אור המזרח, ניו-יורק, טבת, תשל״ב, ז׳ 68.
3 קידושין, כ״א, ע״ב. זע צדקת הצדיק, אות קכ״ד, ציטירט פון תוס׳ סנהדרין, נ״ט, ע״ב.
4 סוטה, מ״ז, ע״א.
5 צבי הרכבי, תשובות הגאונים, סימן רמ״ו.
6 אָבות, ד׳, א׳.
7 זע, שציפּאַנסקי, דאָרט — באריכות; זיין אינטערעסאַנטן טייטש פונעם וואָרט כבוש ווי כבישה.
8 ברכות, ה׳, י״א.
9 בבא בתרא, קס״ד, ע״ב.
10 יומא, כ״ט, ע״ב.
11 שבת, ק״מ, ע״ב. דער אויסדרוק: „ווי ער וואָלט געשטאַנען אויפן בויך פון דער פרוי״ דאָס איז גורם צו מחשבות זרות ורעות — זע, ספר הזכרונות פון ר׳ צדוק הכהן — די דעה איז נישט אָנגענומען געוואָרן.
12 חולין, ל״ז, ע״ב. תוס׳ אויפן אָרט פרעגט: וואָס איז די רבותא פון יחזקאל — יעדער מענטש דאַרף זיך אויסהיטן פון אַזעלכע מחשבות. דער ענטפער, אַז קיין מאָן ווערט נישט ניצול דערפון, אָבער יחזקאל, צוליב זיין צדקות, איז יאָ ניצול געוואָרן.
13 משלי, ו׳, ל״ב.
14 דאָרט, כ״ט, ג׳.
15 דאָרט, ב׳, ט״ז.
16 דאָרט, ו׳, כ״ט.

17 „שכל שיחתן של נשים אינו אלא של דברי ניאופים" — דרך ארץ רבה, א׳.
18 בראשית רבה, ס״ג, י״ב.
19 לויטן דרש „אשר ינאף את אשת רעהו" (ויקרא, כ׳, י׳), אַז דאָ איז געמיינט געוואָרן צו מאַכן אַן אויסנאַם פון אַ נישט-יידישער פרוי, „פרט לעכו״ם (סנהדרין, נ״ב) תוספות אויפן אָרט באַהאַנדלט די דאָזיקע הלכה — הרב א״א פרייס, אין זיין מאָנו-מענטאַלן פירוש איבער דעם ספר חסידים, שטעלט זיך אָפּ אויף דער דאָזיקער הלכה, אין שייכות מיטן וואָרט „רעך" — זע, ספר חסידים, חלק ג׳, עמוד קמ״א.
20 זע, קב הישר פרק כ״ב, ז״ז 66-67.
21 די מעשה ווערט איבערגעגעבן אין די „כתבי האר״י" — און ציטירט פון אַ צאָל מוסר-ספרים.
22 זיי ווערן אויסגערעכנט אין דער תורה, אין ספר ויקרא (אחרי און קדושים) אין ספר דברים און אין אַנדערע מקומות. אין תלמוד: קדושין, יבמות, סנהדרין א״אַ.
23 משנה קדושין, ס״ו, ע״ב — גמרא אויפן אָרט.
יבמות, מ״ט, א״אַ.
24 אין תלמוד און אין פוסקים. זע, יבמות מ״ד-מ״ה-נ׳, ע״א.
25 ס׳זענען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען ווער די „בני אלהים" זענען געווען: מלאָכים, שרים, דיינים... זע, אונקלוס, תרגום יונתן, רש״י — בראשית רבה, כ״ו א״אַ.
26 בראשית רבה, ג׳, ל״א און תנחומאַ; סנהדרין, ק״ח, ע״א.
27 בראשית, כ״ה, ל׳.
28 בראשית רבה, ס״ג.
29 וועגן איסור ערוה — זע, יבמות, כ׳, ע״א.
ויקרא, י״ח, י״ט-כ׳ — קאָמענטאַרן און אויסטייטשונגען אין מדרשים און אין תלמוד.
30 כתובות, א׳, ע״ב וועגן איסור נערה המאורסה און עונש... אומצייליקע שטעלן אין תלמוד.
31 גיטין, מ״ה, ע״ב; סוטה, כ״ז, ע״ב; רמב״ם, סוטה, ב׳, י״ב — זע אויך, הרב ר׳ גדליה פעלדער, נחלת צבי, חלק ב׳, ז״ז 94-95.
32 בראשית, ב׳, כ״ד.
33 סנהדרין, נ״ח, ע״א; רמב״ם, מלכים, ט׳, ה׳ א״אַ.
34 דאָרט, נ״ז, ע״ב.
35 משנה, קדושין, א׳, ז׳; גמרא, כ״ט, ע״א; תוס׳ בבא קמא, ט״ו, ע״א; רמב״ם, הלכות עבודה זרה, י״א, ג׳ א״אַ.
36 זע, אנציקלופדיה תלמודית, ב׳, ז״ז רמ״ב - רמ״ג.
37 ויקרא, י״ח, כ; כ׳, י׳.
38 זע, משנה, יבמות, ו׳, ו׳; גמרא, ס״ה, ע״ב; רמב״ם, אישות, ט״ו, ב׳; טוש״ע, אהע״ז, א׳, י״ג.
39 סנהדרין, פ״ד, ע״ב; רמב״ם, סנהדרין, ט״ו, י״ג; איסורי ביאָה, א׳, ו׳.

ד

1 זע, „באַציונג צו דער פרוי", באַנד 2, ז״ז 26-28, 138.
2 „וישמע משה" — במדבר, ט״ז, ד׳; „ויקנאו למשה במחנה" — תהלים, ק״ו, ט״ז; מועד קטן, י״ח, ע״ב; סנהדרין, ק״י, עא.
3 במדבר, י״ב, ט׳.
4 דברים, ל״ד, י׳.
5 שמות, ל״ג, ז׳.
6 בבא קמא, ט״ז, ע״ב.
7 ברכות, ג׳, ע״א; קדושין, פ׳, ע״ב.

8 נדה, ל״א, ע״ב.
9 אין פאַרשיידענע אגדות, שילדערונגען וועגן גרויסקייט פון משה רבינו, דעם אבי הנביאים. זע אויך, שיר השירים רבה, ד׳, ב׳.
10 מלכים, א׳, י״ט, י׳.
11 מדרש אליהו, ספר השנה ליהודי אמריקה, כרך י׳-י״א, ניו-יורק, תש״ט.
12 י״ז, א׳-ט״ז. זע אויך, ד״ר י. ז. לעווינזאָן-לביא, ספר השנה ליהודי אמריקה, תרצ״ח, תש״א; התקופה, ל״ב-ל״ג; הדואר, תרצ״ג, גליונות ב״א-כ״ד; כ״ו-כ״ז-ל׳.
13 דאָרט, דאָרט, י״ז.
14 דאָרט, דאָרט, י״ח.
15 זע, מלבי״ם, אַנדערע מפרשים, אויפן אָרט.
16 בראשית, י״ט, י״ט.
17 בראשית רבה, נ׳, י״א.
18 בראשית, י״ח, י״ח.
19 ברכות, ל״ג, ע״א; תוספתא, ברכות, אויפן אָרט; שבת, נ״ה א״אַ.
20 זע, סנהדרין, קי״ג.
21 „אין די טעג פון די ערשטע נביאים״, בוענאָס-איירעס, תשי״ט, ז׳ 110.
22 דאָרט, ז״ז 98-154.
23 סוף מלאכי.
24 זע, מדרש אליהו; ספר האגדה, ח. נ. ביאַליק און י. ח. ראַבניצקי א״אַ.
25 מ״א-ר״ט — דער ילקוט שמעוני פון ר׳ שמעון פראַנקפאָרטער ווערט באַטראַכט אַלס אויטאָריטאַטיוו ווערק און מען פאַרלאָזט זיך שטאַרק אויף אים.
26 זע, הדואר, דאָרט, ז״ז 206-207.
27 יבמות, ל״ז, ע״ב.
28 רש״י אויפן אָרט. זע אויך, יומא, י״ח, ע״ב; יבמות, ל״ז, ע״ב.
29 לויט ר״ח בלוך, „ודע מה שתשיב״, איז אויך דער „מאַן הויא ליומא״ צוגעשריבן געוואָרן.
30 זע, פּרקי דרבי אליעזר, ל״ג, קאָמענטאַרן אויפן אָרט.
31 שו״ת חלק חמישי, ב׳ אלפים, ר״ג.
32 מלכים, י״ח, ל״ו-מ׳.
33 בראשית רבה, חלק ב׳, מפורש בידי א. מירקין, יבנה, 1957, פ׳ נ׳, סימן י״א.
34 מלכים א׳, י״ז, י״ח.
35 אין דער לעמבערגער אויסגאַבע פון שנת „הכתר״ געפינט זיך דאָס אויף סימן רט״ו; אין אייניקע אויפלאַגעס, — סימן קט״ו. אין ספר חסידים, משנת אברהם, על-פי נוסח כ״י אשר בפארמא — סימן רל״ו.
36 אָבות, א׳, ה׳.
37 נדרים, כ׳, ע״א.
38 קדושין, פ״ב, ע״א. זע אויך, סדר אלי׳ רבה, י״ח.
39 תהלים, מ״ה, י״ד. זע, אנציקלופדיה תלמודית, חלק ב׳, אשה.

ה

1 מלכים ב׳, ד׳, ט׳.
2 ברכות, י׳, ע״ב.
3 ר׳ צדוק הכהן, ישראל קדושים, אות א׳.
4 ברכות, כ״ט, ע״ב; סוטה, ב׳, ע״א; ז׳, ע״א.
5 נ. קראַוויץ, פרקי אָבות אַנטאָלאָגיע, פון כתר שם טוב.
6 ר׳ צדוק הכהן מלובלין, פרי צדק, במדבר, לחג השבועות, אות י״א — באַזירט אויף

מאמר אין מסכת סוטה, י״ג, ע״א.

7 דאַכט זיך פון חיים נחמן ביאַליקס פּאָעמע אָדער אפשר גאָר זלמן שניאורס.

8 מלכים, ב׳, ד׳, כ״ז.

9 זע, ירושלמי, יבמות, ב׳, י׳; סנהדרין, י׳, ד׳, שילדערנדיק די שטאַרקע תאווה: „אָמר ר׳ יוסי בר חנינא, שנתן ידיו בהוד שביפיה — בין דדיה״. די בריסטן זענען תמיד באַטראַכט געוואָרן אַלס שיינקייט פון פרוי, זיי רופן אַרויס רייץ און תאווה ביי מענער...

10 מלכים ב׳, ז׳ ג׳-י׳.

11 סנהדרין, ק״ז, ע״ב.

12 שבת, קכ״ז, ע״ב.

אין אָבות דרבי נתן, פרק ח׳, אַ ביסל אַנדערש די מעשה מיטן חסיד.

13 תמורה, ט״ו, ע״ב.

14 וועגן דעם באריכות — אין מיין ווערק „די באַציונג צו דער פרוי״.

15 אָבות דרבי נתן, ט״ז; בבא בתרא, ט״ז-י״ז און אַנדערע מקומות אין ש״ס און אין מדרשים.

16 אדמו״ר ר׳ צדוק הכהן מלובלין, פרי צדיק, דברים, אות ב׳.

17 שבט מיהודה, שמות, תרע״א.

18 דאָרט, לויטן פסוק אין משלי, י״ט, כ״ב.

19 שבת, נ״ה, ע״ב. זע, ר״צ הכהן, ספר הזכרונות, מהדורה שניה, תל-אביב, תשט״ז. ברענגט באַווייזן פון גיטין, מ״א, ע״ב; תוס׳ עבודה זרה, י״ב, ע״א; ספר המצוות, עשה א׳.

20 זע, ויקרא רבה, י״ד; עירובין, ק׳, ע״ב; פרי צדיק, בראשית, א׳, תזריע.

21 בראשית, א׳, כ״ח; קדושין, י״ב, ע״ב; מצוות עשה, תקנ״ב; רמב״ם, אָנהייב הלכות אישות.

22 שאילתות דרב אחאי, סימן קס״ה.

23 ציטירט פון קדושין, מ׳, ע״ב.

24 ויקרא, כ״ד, י״א.

25 דאָרט כ״ד, י׳-י״ב.

26 תנחומאָ, קי״ד, ד; תנחומאָ, פּ׳ בלק ט׳, ט״ז — שלמה באָבער הערות.

שמות רבה, א׳, כ״ח; ויקרא רבה, ל״ב, ה׳; מכילתא, בא, כ״ח; שיר השירים, רבה, ד׳ י״ב און אין אַנדערע מקומות.

מיר האָבן דאָ פאַרשיידענע נוסחאות און גירסאות — דער סך-הכל: דער זכות פון יידן איז באַשטאַנען וואָס זיי זענען געהיט מיטן מויל, מיטן אויג און מיט מעשים פון זנות. נישט גערעדט קיין לשון הרע, אָדער נישט דערציילט די מיסטעריע פון יידישער עקזיסטענץ אָדער ווי אַנדערע טייטשן — די כוונות פון „וישאלו״ פון באָרגן זיך טייערע חפצים ביי די מצרים — און גערעדט לשון הקודש... לויט אַן אַנדער גירסאָ: זיי האָבן נישט פאַרביטן זייער קליידונג, זיך געקליידט אין יידישע מלבושים — אָבער אַ פאַרשונג וועגן די נוסחאות געהערט נישט צו אונדזער אַרבעט.

27 ברכות, י״א, ע״א.

28 סנהדרין, ק״ז, ע״ב; סוטה, מ״ז, ע״א.

29 דאָרט, ק״ו, ע״א. — רש״י אויפן אָרט.

30 יחזקאל, ז׳, י״א.

31 יבמות, כ״א, ע״א; בבא בתרא, פ״ח, ע״ב.

32 זע, קב הישר לר״ש קיידנובר, פרק י״א, ז״ז י״ח-י״ט.

33 עבודה זרה, י״ז, ע״א; זע „יחוסי תנאים לר״י קלונימוס שפּיראָ, מוסד הרב קוק, ז״ז רס״ד - רס״ה.

34 סנהדרין, מ״ה, ע״ב און רש״י אויפן אָרט. פריער, מ״ד-מ״ה וועגן יצר און הרהור עבירה.

35 כתובות, ח׳, ע״ב.

36 ישעי׳ ו׳, ה׳.

37 יחזקאל, כ״א, ל״ב.

38 זע, משנת אברהם, סמ״ג, עמוד שכ״ט.
39 נ. אורטנר, תולדות ר׳ צבי אלימלך מדינוב, בעל בני יששכר, חלק ב׳, שס״ח, זע אויך „אגרא דכלה״, פ׳ פינחס.
ר׳ צבי אלימלך האָט שטאַרק פאַרבאָטן געמישטע טענץ (דאָרט, ז״ז צ״ט-ק״א) און גאָר שטרענג געווען אין די עניני אישות — ז״ז קל״ח-קמ״א.
דאָס אַריינקוקן זיך אויף פרויען גייט אַריין אין דעם פאַרבאָט פון „אבזרייהו דעריות״ זע, הפרדס, בעריכת הרב שמחה עלבערג, תשרי, תשל״ג.

ו

1 שמות, י״ט, י׳.
2 זע, הכתב והקבלה, שמות, י״ט, ז״ז 34-ל״ה.
3 קדושים, כ׳, ז׳, כ״ו.
4 שיר השירים, ד׳, י״ב.
5 יבמות, כ״א, ע״א.
6 בראשית, ג׳, ט״ז.
7 זע, פרי צדיק, תזריע, אות ה׳.
8 זע, עירובין, ק׳, ע״ב.
9 ויקרא, י״ב, ז׳.
10 ויקרא, י״ב, ד׳-ה׳; כריתות, י׳, ע״א רש״י אויף חומש.
11 נדה, כ״א, ע״א; כריתות, י׳, ע״א א״אָ מקומות.
12 זע, ספר חסידים, ג׳, קל״ג און משנת אברהם — באריכות, וועגן ישראלית הנבעלת לעכו״ם.
13 כלה רבתי, ב׳. זע, הרב ד״ר ישראל קאנוביץ, רבי עקיבא, ז״ז מ״ה-מ״ו.
14 קב הישר, פרק נ״א.
15 קהלת ז׳, ט״ז.
16 סוטה, כ״ב, ע״ב.
17 זע:

Sex and Family in the Bible, by Raphael Patai, Doubledale & Co., Garden City, N. Y., USA.
Birth Control and Love, a Complete Guide to Contraception and Sex, by Allan Guttmacher, published by MacMillan, in London, England, 1969.
Sex and Birth Control, by Rosalie Talor, published by Dickens Press, 161 Queen Victoria St., London E. C. 4, England.

18 ברכות, נ״ז, ע״א.
19 זע, במדבר רבה, י׳, ז; שבת, ס״ב, ע״ב.
20 עמוס, ו׳, ד׳.
21 שבת, מ״ז, ע״ב; סנהדרין, ק״ד, ע״א; חולין, מ״ט, ע״ב.
22 זע, קב הישר, פרק ח׳; שערים מצויינים בהלכה, (שלמה זלמן ברוין), חלק ד׳, ז״ז ק״מ-ק״נ א״אָ.
23 אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעכער.
24 זע, טיב טעם ודעת, רכ״ט.
25 מלכים ב׳, י״א.
25 סנהדרין, משנה, פרק ט׳, ו׳; גמרא פ״א, פ״ב.
26 סוטה, ט׳, ט׳; י״ג; קדושין, פ׳, ע״ב; סוף נדרים; בבא מציעא, פ״ה, ע״ב; מנחות, מ״ד, ע״א; נדה, כ״ה, ע״ב — אויספירלעך: מרן ר׳ יהודה לייב גרויבאַרט, ימין ושמאל, ז׳ צ״ה.

27 מסתמא אויך געווען דעקאַלטירט צו אַטראַקטירן מענער. רש״י גיט אָן אַ מקור אין דניאל (ג׳, כ״א) „...פטשיהון וכרבלתהון״, זייערע העמדער און מאַנטלען. דער ערוך טייטשט, אַז דאָס וואָרט קומט פון „כרבלתא דתרנגול״ (האָן-קרוין) און די פריצות באַשטייט, לויטן בעל „הפלאה שבערכין״, צוליבן רויטן קאָליר וואָס איז אַ צייכן פון פאַרשייטקייט. דער ערוך גיט צו: „שאין דרך בנות ישראל להתכסות בו שהיא פריצות ומביא לדבר עבירה״.

28 ברכות, כ׳, ע״א.

29 זע, מהרש״א, דאָרט. אין בבא קמא, דף צ׳, ווערט געזאָגט, אַז „פרע ראש האשה בשוק נותן לה ד׳ מאה זוזי״.

30 יומא, ל״ה, ע״ב.

31 כתובות, קי״א, ע״א.

32 תהלים, קמ״ו, ז׳-ח׳.

33 בראשית, ל״ט, ז׳-כ״ג; סוטה, ה׳, ע״ב; בראשית רבה, פ״ז, א׳-ט׳. אומצייליקע אגדות ווי אַזוי פוטיפרס ווייב האָט אים געוואָלט צוציען צו זיך און ווי ער האָט באַוויזן זי אָפּצושטויסן. זע, פירוש מ. א. מינקין — באריכות.

34 זע, סוטה, ל״ו-ל״ז; מ״ג, ע״א; גיטין, נ״ז, ע״א; ע״ז, ה׳, ע״א; בראשית רבה, פ״ז, ז׳; צ״ה, ג׳-ד׳; שיר השירים רבה, ר״ד; זוהר, וישב, מקץ און אין אַנד. מדרשים.

35 סוכה, נ״ב, ע״א; נ״ה, ע״ב; שו״ע יור״ד, קצ״ה, ב׳ און י״ד.

36 סוטה, י׳, ע״ב; ברכות, י׳, ע״ב, מכות, כ״ג, ע״ב, תוספות אויפן אָרט, אַז זיי האָבן דאָס געהאַט בקבלה און מהרש״א דערקלערט עס, אַז לאה האָט אים געגעבן דעם נאָמען וואָס איז געווען באַשטימט פון הימל און זי האָט געזאָגט „הפעם אודה את ד׳...״ הרב א״א פרייס, אין זיין „אמרי אברהם״, א׳, פ׳ ויגש, גיט אָן די פּאָלעמיק צווישן יהודה און יוסף וועגן קידוש השם.

37 סנהדרין, י״ט, ע״ב.

38 שמואל א׳, כ״ה, מ״ד; שמואל ב׳, ג׳, י״ג-ט״ז. זע ד. מ. הרדוף, ילקוט השמות, תל-אביב, 1964, ז׳ 146.

39 זע: ברכות, כ״ט, ע״ב; ירושלמי, יבמות, ב׳, ד׳; בבלי, יבמות, כ׳, ע״ב, תוספות אויפן אָרט; סוטה, ז׳, א׳; בבא בתרא, ע״ח, ע״ב; רש״י, פ׳ קדושים; ר׳ צדוק הכהן, ישראל קדושים, אות א׳; צדקת הצדיק, אות ס״ח.

40 ברכות, כ״ב, ע״א-ע״ב; ירושלמי, ברכות, ג׳, ד׳.

41 זע, ברכות, ס״א, ע״ב; סוטה, ג׳, א׳; ספר חסידים, חלק ג׳, סימן תתתס״ו, הרב א. א. פרייס, משנת אברהם, הערות, ווייזט אָן אויף תוס׳ סוכה, מ״ז, ע״ב און מנחות, ס״א, ע״ב.

ז

1 בראשית, ד׳, ט״ז; סנהדרין, נ״ו, ע״ב.

2 רמב״ם, מלכים, ט׳, א׳-ב׳.

3 נערה המאורסה קומט סקילה; אשת-איש געהייראַט דורך חופה-קדושין — חנק און בת-כהן, די טאָכטער פון אַ כהן, פאַרהייראַטע און באַגייט אויסגעלאַסנקייט — שריפה. אויף גלוי-עריות — איז דער דין יהרג ואל יעבור — פסחים, כ״ה, ע״א א״אַ מקומות.

4 זע, ויקרא רבה, פ׳ קדושים.

5 במדבר, ט״ו, ל״ט.

6 זע, משנת אברהם, סמ״ג א׳, מצוה לא תעשה, ט״ו, עמודים ס״ח-ס״ט; נאָכקוקן אין שייכות מיטן זנות-פאַרבאָט און עונש, סנהדרין — נ״ו; כתובות, מ״ו; ע״ז, כ׳; בית יוסף אבן העזר, כ״א, אין נאָמען פון רבינו יונה — פאַרבאָט פון „הסתכלות״, פון אַריינקוקן זיך מיט תאווה אין פרוי-פיגור...

7 זע „נאָטיצן פון אַ יידישן בוקיניסט״, פון ל. פּאָדריאַטשיק (איצט אין ישראל). אין „סאָוועטיש היימלאַנד״, נומ׳ 7, יולי, 1970.

8 שמות, כ׳, ט״ו; דברים, ה, י״ז.
9 ויקרא, כ׳, י׳.
10 דברים, כ״ג, י״ח; רמב״ם, ספר המצוות, לא תעשה, ל״ה און תק״ע.
11 ויקרא, כ״א, ז׳, ט׳; סנהדרין, נ״ד, און ס״א.
12 במדבר, כ״ד, רש״י; סנהדרין, ק״ו, ע״א.
13 זע, פסחים, קי״ג, ע״א און רש״י, דאָרט; טוש״ע אבן העזר, קי״ט, ז׳; רש״י, מועד קטן, ח׳, ע״ב שרייבט וועגן חתונה חול המועד: „מחזיר גרושתו דאינו שמחה כל-כך״. רדב״ז, סימן תקס״ז.
14 דברים, כ״ד, ד׳; יבמות, י״א, ע״ב; קדושין, ע״א, ע״א; ספר המצוות, ל״ת, תק״פ.
15 זע, אָבות דרבי נתן, כ״ו; קדושין, ע׳, ע״ב.
16 ויקרא, י״ט, י׳; זע, רמב״ם, איסורי ביאָה, כ״א א״אַ.
17 זע, משנת אברהם, ספר חסידים, באַזונדערס, הקדמה צום ערשטן באַנד.
18 זע, יבמות, ס״ד, ע״ב; הרב ג. פעלדער, נחלת צבי, חלק ב׳ — אויספירלעכער.
19 בראשית, ל״ח, י״א.
20 ספרי הפוסקים, ראשונים ואחרונים. זע אויך, שדי חמד, להגאון חח״מ, חלק ה׳ מערכת אישות.
21 איסורי ביאָה, כ״א, ל״א; טור שו״ע אבן העזר, ל״ט; ט׳ א״אַ.
22 על-פי נוסח כתב-יד פארמא עם משנת אברהם מאת ר׳ אברהם אהרן פרייס, חלק ראשון, תשט״ו, סימן שע״ז.
23 בראשית, ל״ח, י״א. שיר השירים, ד׳, י״ב.
24 יבמות, ס״ד, ע״א.
25 ז״ז ר״ד-ר״ז.
26 תהלים, קט״ז, ו׳.
27 דאָרט, באריכות, איז דוחה די ראיה פון רלב״ח, פאַרגלייכנדיק די דאָזיקע סכנה מיט דער סכנה פון „מים מגולים״...
28 זע, שו״ת סימן א׳.
29 הוצאת זרע לבטלה, אויף אַן אופן, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין תלמודישן אידיאָם: „דש מבפנים וזורה מבחוץ״.
30 סימנים, תתתתר״ע-תתתתרע״א, עמודים שכ״ד-שכ״ט.
31 ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין דער גמרא יבמות, ס״ד, ע״ב. זע אויך משנת אברהם, ספר חסידים, א׳, סימן שע״ז, עמוד ר״ו.
אין מיין ווערק „די באַציונג צו דער פרוי״ — וועגן דער דאָזיקער חומה.
32 במדבר רבה, אויפן פסוק „אלהים מושיב יחידים ביתה״ — גאָט באַזעצט די עלנטע אין אַ היים, תהלים,ס״ח, ז׳.
33 קדושין, ע׳, ע״א.
34 זען: ברכות, ח׳, ע״א; יבמות, ס״ג, ע״א-ע״ב; סנהדרין, ק׳, ע״ב א״אַ מקומות.
35 אין תלמוד, מדרשים, ספרי קבלה און חסידות.
36 סוטה, ב׳, ע״א.
37 פסחים, קי״ח, ע״א.
38 חולין, ז׳, ע״א.
39 הרב אפרים סוקולובר, פני אפרים, תל-אביב, תשכ״ו, ז״ז של״ב-של״ג. ער ציטירט פון ילקוט שמעוני, בשלח, רל״ד. דער מאמר געפינט זיך אומצייליקע מאָל, אין מדרש רבה, תנחומאַ א״אַ מקומות.
40 מועד קטן, י״ח; סוטה, אָנהייב פרק.
41 דאָרטן — באריכות; זע אויך מנורת המאור, נר ג׳, כלל, י׳, חלק ב׳.
42 מועד קטן, י״ח, ע״ב; סוטה, דאָרט.
43 ישעי׳, ס״ב, ה׳.
44 בראשית רבה, ח׳; יבמות, ב״ב, ע״ב; זע, יומא, ל״ט, ע״א; סוטה, י״ז און ע״י; מ״ז, ע״א א״אַ.

קאַפּיטל זעקס

תאווה ביי גאָטס קינדער

א. תאווה ביי די „בני אלהים". — יצר פון זנות ביי די „געפאַלענע". — קעניגן אין תאווה. — מלוכה־מענער ביי יידן און ביי די אומות העולם. — כהנים פאַרטאָן אין תאווה. — די יידישע מאָראַל.

צוויי יסודות האַלטן אויף דעם שלום־בית: „סעקס" און פאַרשטענדעניש. אַזוי איז עס געווען אין די אוראַלטע צייטן און אַזוי אין אונדזער צייט. בלויז צופרידנקייט אין געשלעכט איז אַ סכנה און בלויז פאַרשטענדעניש, אָן אהבה, איז אַ שטערונג אין פאַמיליע־לעבן;ביידע צוזאַמען, זיכערן אַ גוטן און צופרידן לעבן.

ווען אַ ווייב הייבט אָן טראַכטן און באַשולדיקן איר מאַן, אַז ער לעבט מיט איר בלויז צוליב „סעקס", צוליב געשלעכט־פאַרגעניגן און זי פילט, אַז זי קאָן אויסקומען אָן דעם פאַרגעניגן, איז דער שלום־בית אין סכנה. אויב ביידע זענען פון קעגנגעזעצטע נאַטורן און האָבן נישט קיין פאַרשטענדעניש צווישן זיך, איז דער בעסטער אויסוועג — אַ שיידונג. אַ פאַרפאַלק מוז האָבן ביידע: געשלעכט־באַציִונגען און פאַרשטענדעניש. אין ביידע פאַלן זענען נייטיק קאָמפּראָמיסן.

ווען אַ פאַרפאַלק לעבט בלויז צוליב געשלעכט, איז עס לעגאַלע פּראָסטיטוציע — אַ טראַגיש לעבן; פּונקט אַזוי, אויב אַ פאַרפאַלק לעבט בלויז צוליב אויסגערעכנטקייט, צוליב אויסערלעכע באַדינגונגען און ס'איז צווישן זיי נישטאָ קיין וואַרעמקייט, קיין נאָענטקייט; אויב זיי זענען צוזאַמען בלויז צוליב דער בושה זיך צו שיידן, אויס מורא פאַר צעשטערן אַ קאַריערע, צוליב קינדער, מעג אַפילו זיין צווישן זיי, צווישן דעם פּאָר, אַ גאָר גוטע פאַרשטענדעניש, אָבער קיין נאָרמאַל פאַמיליע־לעבן קאָן דאָס נישט זיין.

דער מענטשלעכער יצר איז גוואַלדיק שטאַרק און דער גייעג נאָך תאווה, ווי ביי אַלע באַשעפענישן, האָט זיך אָנגעהויבן באַלד אין באַגין פון זייער קומען אויף דער וועלט. דעם סטימול צו סעקסועלן גייעג געפינען מיר ביי די העכסטע און בעסטע באַשעפענישן, אַפילו ביי די וואָס זענען געקומען געהייליקט פון הימל.

ווי מיר האָבן אין אַ פריִערדיקן פּרק אָנגעוויזן, האָבן די „בני האלהים", געקומענע פון די הויכע הייכן, זיך נישט געקענט קאָנטראָלירן. ווען זיי האָבן דערזען די „בנות האָדם", געזען „כי טובות הנה", האָבן זיי זיך „געכאַפּט" ווייבער

פון צווישן זיי: „ויקחו להם נשים מכל אשר בחרו"... (דאָס האָט מיטגעבראַכט די שטראָף: „ויאמר ד' לא ידון רוחי באדם בשגם הוא בשר" [1]).

ווער זענען עס געווען די „בני האלהים", וואָס זייער זינד איז געווען דער לעצטער עטאַפּ אין ברענגען דעם מבול?

רש"י גיט אונדז צוויי מיינונגען: 1) זין פון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע, זין וואָס פירן אויס די שליחות פון אייבערשטע שיכטן, „בני השרים והשופטים. דבר־אחר: 2) בני אלהים, הם השרים ההולכים בשליחותו של מקום אף הם היו מתערבים בהם". אויך צווישן אַנדערע מפרשים געפינען מיר מיינונגס־פאַרשיידנ־הייטן וועגן די דאָזיקע בני האלהים. דער מקור פון ביידע טייטשן, איז אַ מדרש [2]: די מיינונג פון ר' שמעון בן יוחאי איז, אַז דאָס זענען געווען די „בני דיינאַ"... אין פרקי דרבי אליעזר [3] געפינט מען, אַז זיי זענען געווען די מלאכים וועלכע זענען אַראָפּגעפאַלן פון זייער קדושה, פון הימל... דערזעענדיק די קין־טעכטער־לעך, האָבן זיי זיך געצויגן נאָך זיי, געבלאָנדזשעט און געבראַכט אומגליק אויף דער וועלט; זיי האָבן געבראַכט די פאַרדאָרבנקייט אויף דער וועלט [4], געוואָרן די מלאכי חבלה, זיך צוגעכאַפּט צו נעמהן, דער שוועסטער פון תובל קין און צו ענלעכע טעכטער, עובר געווען אויף גילוי עריות מיט אַ צוגאָב פון רויב און פאַלשן מישפּט.

וועגן דער נעמה, זענען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען: לויט איין מיינונג, איז זי געווען די טאָכטער פון למך און צלה; אַז זי איז געווען ווי דער נאָמען זאָגט: „שהיו מעשיה נעים", אַז אירע אויפפירעכצן זענען געווען אָנגענעם. אַנדערע זאָגן, אַז זי איז נישט געווען בעסער פון די טעכטער פון איר דור, געדינט מיט איר פויק צו דער עבודה זרה, „שהיתה מנעמת בתוף לע"ז...". ס'איז דאָ אַ מיינונג, אַז זי איז געווען די שוועסטער פון תובל־קין, דעם רשע וואָס האָט געמאַכט כּלי־זיין פאַר רוצחים, אָבער זי איז געווען אַ צדיקת, צנועה במעשיה — די פרוי פון נח איש צדיק; אַנדערע האַלטן, אַז זי איז געווען ווי לילית פול מיט טומאה, פאַר־שייטקייט און פאַרפירעריש און גאָר אַנדערע זאָגן, אַז זי איז אַרויף אין הימל אַ בתולה, זי האָט נישט געוואָלט נאָכגיין איר געליבטן עזאל און זי איז געוואָרן דער מזל נוגה.

מיר וועלן אַריבערשפּאַנען אַ 25 הונדערט יאָר און אַ בליק טאָן אין דער יידישער געזעלשאַפט אין דער ערשטער תקופה פון קאָנסאָלידירן זיך אינעם לאַנד פון די אָבות, ווען דער משכן איז נאָך געשטאַנען אין שילה און יידן פלעגן קומען קיין שילה, ווי שפּעטער קיין ירושלים, צו פאַרנעמען זיך דאָרט מיט הייליקייט און מיט תפילה.

אין די צייטן פון שמואל הנביא, ווערט דערציילט, האָבן זיך עליס קינדער אויפגעפירט נישט ווי כהנים דאַרפן זיך אויפפירן: זיי האָבן געכאַפּט שטיקער

פלייש פון טאָפּ אַרויס, איידער מ'האָט ווי געהעריק דורכגעפירט דעם קרבן־ריטואַל; זיי האָבן פאַרשעמט דעם קרבן און במילא דעמאָראַליזירט די וואָס האָבן געבראַכט קרבנות.

שמואל הנביא (לויט חז"ל האָט ער אַליין געשריבן דעם ספר „שמואל": „שמואל כּתב ספרו" [5]), וועלכער ווערט געשטעלט אויף דער זעלביקער מדרגה ווי משה און אהרן: „משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו" [6], באַהאַלט לגמרי נישט די דעמאָראַליזאַציע אַרום דעם משכּן. „און די זינד פון די יונגען (כּהנים) איז געווען זייער גרויס". „ובני עלי בני בליעל לא ידעו את ד'... ובא נער הכהן כבשל הבשׂר והמזלג שלש השנים בידו והכה בכיור או בדוד, או בקלחת... כל אשר יעלה המזלג יקח הכּהן... ותהי חטאת הנערים גדולה מאד"... און ווייטער: „ועלי זקן מאד, ושמע את כל אשר יעשון בניו לכל ישראל, ואת אשר ישכּבון את הנשים הצובאות פּתח אהל מועד"... [7]

עליס זין ווערן אָנגערופן „נידערטרעכטיקע יונגען", זיי האָבן נישט געוואָלט וויסן פון גאָט. און זייער זינד איז געווען גרויס פאַר גאָט; זיי האָבן מבזה גע־ווען דעם קרבן; און עלי איז געווען זייער אַלט; און ער האָט געהערט וואָס זיינע זין טוען צו גאַנץ ישראל, און זיי ליגן מיט די ווייבער וואָס זאַמלען זיך איין ביים אַריינגאַנג פון אהל מועד [8].

עלי האָט דערפון געוווּסט, איז אָבער שוין געווען אַלט און שוואַך צו קענען זיי אָפּהאַלטן פון אָט די נידערטרעכטיקייטן און אוממאָראַלישקייטן. האָט קיין אַנדער אויסוועג נישט געקאָנט זיין, ווי די שטרענגסטע שטראָף, ווייל יהדות פאַר־טראָגט נישט קיין אויסגעלאַסנקייט. די שטראָף איז געווען אַ שרעקלעכע: „וגדעתי את זרועך מהיות זקן בביתך וכל מרבית ביתך ימותו אנשים" [9]. טעג וועלן קומען און איך וועל אָפּהאַקן דיין אָרעם, אַ זקן וועט נישט זיין אין דיין הויז און אַלע אויפגעוואַקסענע וועלן שטאַרבן יונגערהייט...

נישט אַלע מפרשים האָבן דאָ געקענט מסכּים זיין אַז די כּהנים, ביי וועמען די מאָראַל האָט געדאַרפט שטיין אויף דער העכסטער הייך, זענען אַזוי געזונקען.

אמת, עלי איז שוין געווען צו אַלט זיי צו שטערן און שמואל צו יונג זיי זאָלן זיך צו אים צוהערן. אָבער דאָך, ווי קומען עס אַזעלכע תּאוות צו כּהנים? מילא, אין די שפּעטערע תּקופות ווייסן מיר פון כּהנים גדולים, וועלכע זענען געווען פאַר־ברעכערס, גזאַפים און אַפילו רוצחים (זע ביכלער, הכּהנים), אָבער אין יענער תּקופה, די תּקופה פון דערהויבונג און געשטאַלטונג פון יידישן לעבן?

איז וועגן דעם פאַראַן אַ פּאָלעמיק צווישן די אמוראים. ר' שמואל בר נחמני האָט געהאַלטן, אַז ווער ס'מיינט אַז די בני עלי האָבן געזינדיקט מאַכט אַ טעות: „כל האומר בני עלי חטאו אינו אלא טועה" (שבת, נ"ה, ע"ב) אלא די פּסוקים וואָס זאָגן אַזוי אָפן און קלאָר וועגן זייער פאַרדאָרבנקייט? זוכן די חכמי התּלמוד

און די מפרשים צו פאַרענטפערן און צו דערקלערן: „אשר ישכבון" זאָל נישט מיינען ליגן, נאָר זיי האָבן אויפגעהאַלטן די ווייבער וועלכע האָבן געבראַכט זייערע קרבנות, זיי זאָלן זיך דאַרפן וואַלגערן און נעכטיקן ווייט פון זייערע היימען און אַזוי אַרום צוריקגעהאַלטן ייִדן פון מקיים זיין די מצווה פון פריה ורביה (זע רש"י מצודת־דוד מצודת־ציון און אַנדערע מפרשים).

אינטערעסאַנט איז דער אַריינטייטש פונעם מלבים — אַז זייער זינד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן גורם געווען די מענער זאָלן קומען צו די ווייבער, און זיי, די מענער (נישט די כהנים, עליס זין), האָבן נישט געקראָגן קיין בתי לינה, ווו איבערצונעכטיקן, זענען זיי געלעגן אומפאַרשעמט מיט זייערע ווייבער ביים חצר פון משכן און גאָר אָפט, ליגנדיק אַזוי צוזאַמען איז געקומען צו עבירות...

דער תנא ר' יוחנן תורתא, אַ געוואַגטער אין אַ סך ענינים, האַלט, אַז די בני עלי האָבן טאַקע געזינדיקט מאָראַליש און נידערטרעכטיק; זיי האָבן דערפירט צו חורבן שילה, „מפני מה חרבה שילה? — מפני שהיו בה שני דברים — גילוי עריות ובזיון קדשים" (יומא, ט', ע"א).

אויסגעלאַסנקייט האָט תמיד געבראַכט חורבן און אומגליק.

אין יהדות האָט מען געשטעלט דעם פרינציפּ פון מאָראַלישקייט, פון גייסטיקייט אין באַנעמונג און אויפפירונג, העכער פון דעם אינטעלעקטועלן און פילאָזאָפישן פרינציפּ. דער יצר איז וויכטיק ווען ער ברענגט מיט זיך פּאָזיטיווס, אָבער נישט ווען ער שטעלט אין געפאַר יצירה. אַזאַ סאָרט עבירה דעגענערירט, פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ פונעם מענטש [10] און ווערט באַטראַכט פאַר אַ נאַרישקייט מצד דעם פאַרברעכער, ווי די חז"ל דריקן זיך אויס: „אין אדם עובר עבירה אלא־אם־כן נכנס בו רוח שטות" [11].

ווי אַזוי אײַנצוהאַלטן תאווה? ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן דעם יצר? — דאָס איז געווען אַ פּראָבלעם פאַר די אַמאָליקע דורות און איז אַ פּראָבלעם פאַר אַלע דורות. דער געיעג נאָך תאווה כאַפּט אַרום אַפילו די יעניקע וואָס געניסן מיט דער פולער מאָס פון ליבע, פון געשלעכטלעכע באַציִונגען. ס'יאָגט זיי צו פאַרבאָטענער ליבע, צום געניסן פון פרעמדער פרוכט. אַזעלכעס האָט פּאַסירט נישט זעלטן אין אַלטערטום, אין מיטל־עלטער און אין דער נייער צייט. גרויסע מענער, פירנדיקע פערזענלעכקייטן, מלכים און שׂרים, פרינצן און גענעראַלן — אַלע יאָגן זיך נאָך דעם וואָס מען באַזיצט נישט.

מיר האָבן שוין אין אַ פריִערדיקן פרק אָנגעוויזן ווי אַזוי דער גרעסטער קעניג ביי ייִדן, דוד המלך, דער מלך חי וקיים, דער מלך פון וועמעס אָפּשטאַם ס'וועט קומען דער גואל, דער מלך המשיח, ער — דער נעים זמירות ישׂראל, דער בעל־התהלים — ער האָט געהאַט איבער גענוג ווייבער — אַ גאַנץ היפּשן האַרעם און דאָך איז ער אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון אַ פרוי.

שלמה המלך, דודס זון פון בת שבען, דער קליגסטער קעניג, דער וואָס האָלט אַז די גאַנצע יצירה, אַלע תאוות זענען „נישטיקייטן פון נישטיקייטן — אַלץ איז נישטיקייט, און וואָס פאַר אַ נוצן האָט דער מענטש פון זיין גאַנצער מי אונטער דער זון?"... אויך ער לאָזט זיך אַריין אין זוכן ווייבער אָן אַ שיעור, כּדי צו באַפרידיקן אָט די נישטיקייט...

דער קליגסטער פון אַלע מענטשן ווייסט, אַז וואָס געווען איז געווען; ער פאַרמאָגט אָבער אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן און קאָן זיך פון זיי נישט באַפרייען, קען זיך נישט באַהערשן און קען זיך נישט זעטיקן. ווען ער ניכטערט זיך אויס, אויף דער עלטער, פון זיינע שוואַכקייטן, איז שוין צו שפּעט.

מיט וואָס ענדיקט ער? ער ענדיקט דערמיט, וואָס דער אשמדאי, דער מלך פון די שדים, וואַרפט אים אַראָפּ פון זיין מלוכה-שטול און ווען ער לויפט אַרום און שרייט „אני שלמה" לויפט מען אים נאָך, ווי מען לויפט נאָך אַ משוגענעם. קיינער גלייבט אים נישט, קיינער נעמט אים נישט ערנסט. אשמדאי האָט אים באַשווינדלט און באַזיגט [12]. דריי יאָר האָט שלמה אַרומגעוואַנדערט ביז ער איז צוריקגעקומען און די חכמים האָבן אין אים דערקענט דעם אמתן שלמה.

(צוליב קיצור וועלן מיר אַרויסלאָזן די אומצייליקע אגדות אין שייכות מיטן אשמדאי, דעם קעניג פון די שדים און די בזיונות פון שלמה המלך).

שלמה המלך האָט זיך געוואָלט פאַרגינען דעם לוקסוס פון זיין ווי אַלע קעניגן, אָבער די יידישע מאָראַל האָט עס אים נישט דערלויבט און נישט דערלאָזט.

זיין פאָטער איז צוליב זיין אַפּערע מיט בת-שבען באַשטראָפט געוואָרן פער-זענלעך, האָט פריוואַט געליטן: זיין ערשט קינד (פון פאַרבאָטנקייט) איז גע-שטאָרבן; זיין עלטסטער זון אבשלום האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן אים, פאַרכאַפּט דעם פּאַלאַץ, פאַרנומען זיינע פּלגשים [13].

שלמה המלך האָט געזינדיקט נאַציאָנאַל, מיט זיין נעמען פאַר אַ ווייב פּרעהס טאָכטער; עס איז געווען אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעך. איז די שטראָף געווען נאַציאָ-נאַל: דאָס פאָלק האָט געליטן און נישט ווייניקער דאָס מלכות. רוים האָט חרוב געמאַכט ירושלים, די עיר דוד.

„אמר רב יהודה אמר שמואל בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים והעלה שׂרטון ועליו נבנה כּרך גדול שברומי [14]. דעם דאָזיקן מאמר האָט געזאָגט דער אַסטראָנאָמער שמואל ירחינאה וואָס האָט געלעבט אין נהרדעא: נהירין לי שבילי כּשבילי דנהרדעא" — ער האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט וועגן שלמה המלך און וועגן רוים. און וועמען האָט ער געזען אַלס מלאך פון באַשטראָפן? — גבריאלן. — דער מלאך גבריאל, וועלכער האָט זינט דעם גע-בורט פון משה רבינו געהאָלפן יידן, געגעבן זיי גבורה, מוט און קוראַזש [15], זיך באַוויזן ביים „סנה", געשיצט יידן ביים קריעת ים-סוף און האָט געגעבן יידן

גבורה אין אַלע צייטן, ביזן חורבן — האָט איצט געגעבן הילף די מלאכי חבלה[16].

די גרעסטע שטראָף פאַר מלכות יהודה איז געווען דער אויפשטייג פון מלכות רוים, די מלכות הרשעה וואָס האָט זיך פאַרנומען און פאַרמאָסטן צו צעשטערן יהודה, ברענגען די גבורי יהודה אין קייטן קיין רוים; און צוליב וואָס איז דאָס אַלץ געשען? — צוליב שלמה המלכס ליבע מיט פרעהס טאָכטער, צוליב זיין עובר זיין אויף דעם באַפעל: „לא ירבה לו נשים", צוליב זיין ווילן נאָכטאָן די אַנדערע קעניגן אינעם לעוואַנט.

מיר ווילן זיך נישט אַריינלאָזן אין געבן אַ רשימה פון ליבע־אַפערעס אין די הויכע פענצטער פון אַלטערטום ביז דער נייער צייט. נישטאָ אַזוי פיל פּאַפּיר און ס׳וואָלט נישט געסטאַיעט קיין טינט צו מאַכן אַזאַ רשימה. מיר האָבן בלויז קאַליידאָסקאָפּיש געוואָלט אָנמערקן אויף געציילטע, גאָר הויכע, די העכסטע פּערזענלעכקייטן, ווי פאַרטאָן זיי זענען געווען אינעם געיעג נאָך זייטיקע ליבעס, נאָך באַרייכערן זייערע האַרעמס מיט וואָס מער שיינע ווייבער, אין צוגאָב צו זייערע צענדליקער לעגאַל באַרעכטיקע, אַ געיעג נאָך „מים גנובים"!

דער דאָזיקער כּלל איז אַקסיאָמאַטיש גילטיק אין די העכערע שיכטן מער ווי אין די נידעריקע; אין די אַריסטאָקראַטיש רייכע, מער ווי ביי די אָרעמערע, ווייניקער מיוחסדיקע. אַפילו ביי די כּהנים, די, וועלכע האָבן געדאַרפט זיין די אמתע אָפּגעהיטע אין טהרה — אויך צווישן זיי האָט תּאווה געוועלטיקט. די כּהנים זענען געווען די, וועגן וועלכע משה רבינו דריקט זיך אויס אין זיין ברכה: „יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל"[17] און ווי דער נביא זאָגט וועגן דער צוקונפט־געזעלשאַפט ביי יידן, אַז די כּהנים וועלן פאַרנעמען די פּאָזיציע: „את עמי יורו בין קודש לחול ובין טמא לטהור"[18]; דער נביא מלאכי האַלט אַז לעתיד וועלן די כּהנים זיין אַזוי גרויס: „כּי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו"[14], — דאָך האָבן נישט אַלע אויסגעהאַלטן די פּראָבע.

די כּהנים האָבן אָנגענומען אומצייליקע חומרות, סיי וואָס שייך טהרה און קדושה און סיי וואָס שייך פאַמיליע־לעבן[20]. אויף ר׳ זכרי׳ בן הקצב, אַ כּהן, ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון זיין ווייב, ווייל זי איז געפאַנגען געוואָרן ווען ירושלים איז אָקופּירט געוואָרן פון די רוימער; נישט געקוקט וואָס ער אַליין האָט עדות געזאָגט „שלא זזה ידה מתוך ידו"...

דער זעלביקער זכריה בן הקצב זאָגט עדות אין נאָמען פון ר׳ יוסי הכהן[21] אויף אַ מיידל, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן אין אשקלון, אַז נישט געקוקט וואָס מ׳האָט געוווסט גענוי, אַז זי איז נישט פאַראומריייניקט געוואָרן, האָט מען איר נישט דערלויבט חתונה צו האָבן מיט אַ כּהן — „תינוקת (בת כהן) שהורהנה (געווען פאַרמשכּונט) באשקלון... אף־על־פי שהיתה עדות ברורה שלא נסתרה ולא נטמאה, ריחקוה בני משפחתה מלהינשא לכהונה". דאָך האָט זיך נישט אין

מאָל אַריינגעכאַפּט תּאווה-לוסט אַפילו אין כּהנים-משפּחות, באַזונדערס אין דער שפּעטערדיקער חשמונאים-תּקופה.

דער חורבּן פון לאַנד און פון בּית-המקדש איז געקומען, ווי מיר האָבּן שוין נישט איין מאָל אָנגעוויזן, צוליב זנות [22] — און וועגן דעם ווייטער.

ב. אָן אַ ווייבּ איז מען נישט קיין מאַן. — געוויין אין מדבּר. — הייליקייט אין פאַמיליע-לעבן. — שטרענגקייט קעגן ניאוף. —טהרת הגוף און טהרת הנשמה.

ביים אויסקריסטאַליזירן יהדות דורך די נביאים אין דער תּקופה פון ערשטן בּית-המקדש און דורך די תּלמוד-גרונטלייגערס ביים צווייטן בּית-המקדש זענען געשאַפן געוואָרן תּקנות, ווי אייַנ-צוהיטן און אייַנצוהאַלטן די שלימות אינעם משפּחה-לעבן. זיי האָבּן דאָס געטאָן נישט דורך דרשות, נישט דורך מוסר-רייד, נאָר דורך מע-שׂים. זיי האָבּן געהאַלטן פונעם כּלל: „לא המדרש עיקר אלא המעשׂה" [1], אַז נישט דאָס דרשענען איז וויכטיק, נייערט די טואונגען, דאָס פּראַקטיצירן די מצוות. צו דעם איז נייטיק אַ הלכה-רעגולאַמין, וואָס זאָל פעסטשטעלן כּללים פון משפּ-חה-באַנעמונג, וואָס זאָלן העלפן בּייצוקומען די טיפע זעלישע איבּערלעבּונגען בּיי יעדן מענטשן און שטאַרקן דעם יידישן שטייגער לעבּן אין די ראַמען פון דער משפּחה...

די נביאים און שפּעטער די חז"ל האָבּן זיך באַמיט צו געבּן ענטפערס אויף אַלע לעבּנס-פראַגן און דער עיקר אויף פראַגן וואָס האָבּן אַ שייכות צום תּנ"כישן אַקסיאָם, אַז גוף און נשמה איז איינס, לויטן באַגריף פון „ויפח באפיו נשמת חיים" [2].

דער מענטש איז געטיילט אין צוויי טיילן: גוף — מאַטעריע און נשמה — גייסט; ביידע מוזן אָבּער זיין צוזאַמען; האַרמאַניש געבּונדן. דאָס גופניותדיקע, ווי דאָס רוחניותדיקע אינעם מענטש איז געטלעכער באַשאַף; דער פּראָדוקט וואָס קומט פון געשלעכטלעכן באַהעפט, איז אַ רעזולטאַט פון געטלעכער יצירה.

די חז"ל האָבּן דעריבּער אָנערקענט די וויכטיקייט פונעם יצר, ווי דאָס ווערט געדרשנט אויפן פּסוק „והנה טוב מאוד — טוב, זה יצר טוב... מאוד — זה יצר רע... וכי יצר הרע טוב מאד... אתמהה". איז דאָס מעגלעך — פרעגט דער מדרש — אַז „זייער גוט" זאָל זיין דער יצר הרע? אַ וווּנדער? דער ענטפער איז: יאָ! תּאווה, לוסט, איז נייטיק, ווייל ווען נישט די תּאווה, דער פאַרלאַנג, וואָלט זיך גאָרנישט געשאַפן — „שאלולי יצר הרע לא בנה אדם בית ולא נשא אשה ולא

הוליד"... — ווען נישט דער יצר, וואָלט מען נישט חתונה געהאַט, וואָלט מען נישט געבויט קיין היים, נישט געהאַט קיין קינדער און די וועלט וואָלט געבליבן אַ ליידיקע.

דער יצר־הרע האָט אַ פּאָזיטיוו־קאָנסטרוקטיוון ווערט — אָבער נישט אַריינ־צולאָזן זיך אין תּאווה; נישט ווערן אין גאַנצן פאַרטאָן אין לוסט, ווייל אַ ווילדער געשלעכט־פאַרקער קאָן ברענגען חורבן, ווי אין נוחס צייט: „השחיתו את דרכם"... אָדער ווי דער דור פון איוב וואָס איז געווען, לויט דער אגדה, „שטוף בזימה"[4] און איוב האָט געטראָגן דעם עול פון זיין דור און געליטן צוליב אים.

דאָס פאַרקערן מיט פרויען וועלכע האָבן מענער ברענגט און פירט צו עבודה זרה, צו געצנדינערייַ: „כל הבא על אשת־איש ומוליד בן, סופו שהבן הולך ועובד עבודה זרה" און ער אַליין ווערט באַטראַכט ווי אַ „כופר בהקב"ה"[5], ווי אַ פאַר־לייקענער פון גאָטס באַשאַף.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, האָבן די חז"ל געזוכט צו באַשולדיקן יעדן פאַרברעכער, אין האָבן אויף זיך די עבירה פון פאַרבאָטענע געשלעכט־באַציִונגען. עכן בן כרמי האָט געהאַט אויף זיך אַ גרויסן חטא, און דער מחבר פון ספר יהושע דערציילט געגוי וועגן דעם חטא און וועגן דעם עונש. די בעלי אגדה האָבן אָבער דאָך געפונען נאָך אַ חטא אַלס צוגאָב: ער האָט פאַרגוואַלדיקט אַ פאַרקנסט מיידל — „מלמד שבעל עכן נערה המאורסה"[6]. צוליב דער דאָזיקער זינד אַליין איז אים שוין געקומען טויטשטראָף.

ביי יעדער צרה אָדער אומגליק האָבן די בעלי אגדה צוגעטשעפּעט אַ זנות־פאַרברעך[7]. די חז"ל האָבן אָנגענומען אַלערליי מיטלען צו פאַרהיטן דעם מענטשן פון אָט דער פאַרברעכערישקייט און צו קאָנטראָלירן די אברים, וועלכע זענען גורם די דאָזיקע זינד.

זייענדיק איבערצייגט, אַז די אויגן און דאָס האַרץ זענען די מעקלער פון זינד, ווי די באַהויפּטונג — „אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות" און ענלעכע אויסדרוקן[8] — האָבן זיי זיך באַמיט צו לערנען דעם מענטשן, ווי זיך צוריקצוהאַלטן פון אַזעלכע נסיונות און נישט קוקן וווּ מען דאַרף נישט.

זאָגט ר' יצחק „טפח באשה ערוה"[9] — אַן אויפגעדעקטער חלק (ביי אַ פרעמדער פרוי) פון די קערפּער־טיילן, וועלכע זענען געוויינלעך פאַרדעקט, אַפילו די האָר פון אַ פרוי, קאָנען אַרויסרופן תּאווה. ווען מען לייענט קריאת שמע, דאַרף אַפילו די אייגענע פרוי וואָס שטייט דערביי זיין פאַרדעקט צניעותדיק. ס'זענען געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע דינים ווען און ווי אַזוי דער מאַן קאָן זאָגן קריאת שמע, דאַוונען אין קעגנוואַרט פון פרויען, יינגערע, רייפערע מיידלעך, אָדער פאַרהייראַטע.

דער כלל איז: „אשתו כגופו" — אַ ווייב איז ווי אַ טייל פונעם מאַן, און דאָך

איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז זיי זענען צוויי געשלעכטער און מ׳האָט באַשטימט דינים אין התנהגות, וועגן די „שנים שיושבים במטה אחת״, וועגן „אשתו עמו במטה״. עס איז לעבן, לעבעדיקע פּראָבלעמען און מען דאַרף לערנען ווי צו לעבן...

די חז״ל האָבן זיך גאַרנישט אָפּגעהאַלטן פון רעדן אָפן וועגן דער הנאה וואָס אַ מאַנצביל האָט בשעת זיין באַהעפטן זיך מיט אַ פרויענצימער: „ג׳ אין נכנסין לגוף והגוף נהנה מהם״... איינס פון די זאַכן — „תשמיש המטה״... נישט בלויז דער מאַן האָט הנאה פון דער קערפּערלעכער אינטימקייט. ער האָט אויך הנאה פונעם פרויען־קול, „קולך ערב״ — אַן אָנגענעמע שטים פאַרן מאַן, איז דער פרויס שטים [10].

די חז״ל האָבן נישט מינימיזירט דעם כּוח פון תאווה, די גבורה פון יצר. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער רבונו־של־עולם, ווי דער בעל הרחמים, האָט רחמנות, האָט מיטלייד מיט די בעלי תאווה און וואַרט אויף זייער תשובה און זייער פאַר־טיידיקונג.

מיר קענען דעריבער פאַרשטיין די פּראָפּאַגירונג פון אונדזערע מאָראַליסטן: פון איין זייט — פריִע חתונות און פון דער צווייטער זייט — דערוווייטערן זיך וואָס מער פון נאָכקומען תאווה, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון דער זוהמא, וואָס דער נחש האָט אַריינגעלאָזט אין חוהן [11]. ווו נאָר מען געפינט די ווערטער „גדר ערוה״ — דעם צוים פון עריות, געפינט מען דאָס וואָרט קדושה, ווייל הייליק איז דער מענטש וואָס קאָן זיך דערוווייטערן פון געשלעכטלעכער תאווה [12].

בכדי צו פאַרהיטן פון עריות און פון תאוות נשים בכלל, האָבן זיי געראָטן — חתונה האָבן און לעבן מיט אַ פרוי לעגאַל, געהייליקט דורך דער חופה; אַ מאַן וואָס האָט נישט קיין פרוי איז נישט קיין מאַן. ער איז אַ „פלגא דגופא״, אַפילו אַ קרבן זאָל מען נישט נעמען פון אים, ווייל ער איז פּגום, ער האָט אַ פעלער [13]. מען לערנט עס אַרויס פונעם פּסוק „זכר ונקבה ב ר א ם... ויקרא את שמם אדם״ [14], און אויב מ׳האָט נישט דערפילט אָט דעם געטלעכן ווונטש, ווערט מען אויס מענטש.

בכדי אײַנצוהיטן דאָס געזונט און בכדי נישט צו זיין אין גאַנצן אַריינגע־לאָזט אין תאווה, אַפילו בהיתר (מ׳קען דאָך זיין, ווי דער רמב״ן דריקט זיך אויס, אַ „נבל׳ ברשות התורה״), האָט מען איינגעפירט פאַרשיידענע תקנות, ווען מ׳זאָל האָבן פאַרקער און אַז נאָכן פאַרקער זאָל מען דאַרפן האָבן טבילה, די תקנה פון עזרא־טבילה לבעלי קריין [15], און שוין אָפּגערעדט וועגן די דינים און שטרענג־קייט פון נידה־ריייניקונג.

ייִדן האָבן געוויינט אין מדבר ווען מען האָט זיי פאַרבאָטן „עריות״. דאָס האָט זיי שווער געטראָפן [16]. זייער געוויין האָט אָבער נישט געהאָלפן. עריות איז פאַרבאָטן געוואָרן מיט די שטרענגסטע שטראָפן. אַן „אתנן זונה״ — די מתּנה

פון אַ זונה איז שטאַרק פאַרבאָטן געוואָרן: „לא תביא אתנן זונה"... אין בית־המקדש [17].

אונדזערע חכמים האָבן שטאַרק מקפּיד געווען אויף צניעות, אין איר טאָפּלטן באַטייט: פרומקייט אין משפּחה־צוזאַמענלעב און באַשיידנקייט אין אויפפירונג, אין מצוות שבין אָדם למקום און מצוות שבין אָדם לחברו: „אין לך חביב לפני המקום מן הצניעות, שנאמר והצנע לכת עם ד' אלקיך" [18] — אומגיין שטיל און באַשיידן פאַר דיין גאָט.

דערביי האָבן זיי פאַרדאַמט דעם בעל גאווה, האַלטנדיק אַז זיין פאַרברעך איז ווי דינען אָפּגעטער און האָבן געשלעכטלעכן פאַרקער מיט אַ פרוי וואָס איז אים פאַרבאָטן: „כל המתגאה כאלו עובד עבודה זרה ובא על כל עריות שבתורה [19].

שונאי ישׂראל האָבן זיך באַמיט צו צעשטערן די ייִדישע מאָראַל און אויסזוכן כּל מיני בלבולים אויף ייִדן, באַזונדערס וועגן זייער אומאָנשטענדיקייט. ווען טיטוס הרשע איז אַריין אין קדשי־קדשים, האָט ער זיין גאַנצע אכזריות אויסגעלאָזט אויף דער הייליקייט אינעם קדשי־קדשים, ווו בלויז דער כּהן גדול האָט געמעגט אַריינגיין יום־כּיפּור. ער האָט אַרויסגענומען זיין שווערד, דורכגעשטאָכן דעם פּרוכת און אַריינגעכאַפּט צוויי זונות...[20] ער האָט אויסגעלאָזט זיין כּעס נישט בלויז אויף דעם בית־המקדש, נישט בלויז אויף די געפאַנגענע, נאָר אויך אויף דער ייִדישער מאָראַל, דעם ייִדן־גייסט וואָס איז געשטאַרקט געוואָרן דורך אַזוי פיל נאָרמען, זינט מעמד הר סיני און די תּקנות פון כּנסת הגדולה.

עס איז טיטוסן און זיינס גלייכן נישט געלונגען אויסצוּוואָרצלען דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער. אין קעגנטייל, עד היום פאַרנעמען זיך גייסטמענטשן ביי ייִדן אומעטום צו פאַרשטאַרקן און צו פאַרפעסטיקן צניעות. אונדזערע ספרים זענען פול מיט תּקנות וועגן צניעות און באַשיידנקייט.

דער מאַן וואָס האָט קיין הויז נישט געבויט, קיין ווייב נישט גענומען, קיין קינדער נישט געבראַכט אויף דער וועלט, ווערט שטאַרק געטאַדלט. אַזאַ פּרישות, גרענעצט זיך מיט זינדיקייט. ווען ער האָט שוין יאָ אַ ווייב און לעבט אַ נאָרמאַל לעבן, ערשט דאַן לייגט מען אַרויף אויף אַזאַ ייִדן צענדליקער פליכטן, וואָס שייך זיין באַנעמען זיך מיט זיין פרוי און מיט אַנדערע.

אַז מ'האָט שוין חתונה, זאָל מען זיך נאָך אַלץ אויסהיטן פון ווערן פאַרכאַפּט פון אַנדערע פרויען, דעריבער: „קול באשה ערוה" — אַ פרוי זאָל זינגען צווישן מענער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אומאָנשטענדיקייט; ס'קען זיין אַ שטערונג צו דער ליבשאַפט, וואָס דער מאַן דאַרף האָבן צו זיין אייגענער פרוי. אָפּצוגטן אַ ווייב, האָט תּמיד אַרויסגערופן צער און באַדויער, אַז אַפילו די שטיינער פונעם מזבח פאַרגיסן אויף דעם טרערן — אָבער „הרואה את אשתו יוצאת וראשה פרוע וטווה בשוק ופרומה משני צדדיה ורוחצת במקום שבני אָדם רוחצין — מצוה

מן התורה לגרשה" [21]. די פרעכקייט ביי אַ פרוי צו וועלן זיך באַווייזן אין נאַקעט־קייט ביי מענער איז אַ שטערונג, לויט דער יידישער מאָראַל, צו שלום־בית.

מיר האָבן, למשל, אין ספר חסידים, אַז אַ ייד זאָל נישט געבן קיין האַנט אַ גויע, אַפילו ווען די האַנט איז פאַרדעקט מיט אַ טיכל, ווייל דאָס איז דער ערשטער שריט צו מחשבה פון גלוי עריות. דער טעם פאַר וואָס דער פאַרבאָט איז שטאַרקער לגבי אַ נישט־יידישער פרוי איז ווייל זי איז ווייניקער געהיט אין צניעות.

ס'זענען אויך אַזעלכע חסידות־דינים נישטאָ אפשר קיין אסמכתא, קיין תנ"כישער אָנשפּאַר, אָבער אַן „אמתלא"; אַ שׂכל איז דערביי יאָ פאַראַן: דער לאָגישער שׂכל ליגט אינעם יסוד פון „טהרת המחשבה", וואָס זיכערט די טהרת המשפחה.

מיר לערנען, אַז ס'איז פאַרבאָטן משמש זיין דאָס בעט בייטאָג [22], ווייל אַזאַ אויפפירונג איז אַ שטערונג צו דער צניעות אין אינטימען לעבן און „ישׂראל קדושים ואין משמשין מטותיהן ביום" [23]. אין צניעות האָבן די חז"ל געזען קדושה, הייליקייט אין פאַמיליע־לעבן און אויב מ'האָט געפונען וועלכן נישט איז אָנשפּאַר צוצוגעבן צו די איינפאַכע כּללים פון מאָראַל, צו דער קדושה, האָט מען עס מוסיף געווען. איינער פון די וועלכע האָבן באַאַרבעט און צוגעגעבן צו דער יידישער מאָראַל־אָפּגעהיטקייט איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, ר' יהודה החסיד. „תשמיש המיטה" — שרייבט ער — דאַרף געטאָן ווערן בצניעות, אַז קיין לעבעדיק נפש זאָל נישט זען. אַ באַווייז — ר' אליעזר האָט משמש געווען בלויז אין מיטן נאַכט, כּדי זיין ווייב זאָל נישט הערן קיין שטים פון אַן אַנדער מאַן... די מחשבה זרה קאָן גורם זיין די קינדער זאָלן באַטראַכט ווערן פאַר ממזרים; עס דאַרף זיין „ואל אישך תשוקתך — ולא לאיש אחר" [24].

צו דער זעלביקער צייט האָט מען געלערנט, אַז דער וואָס האָט נישט קיין פרוי, וואָס האָט נישט חתונה געהאַט, איז אָן גוטס, אָן געהילף, אָן פרייד, אָן ברכה... און לויט ר' חייא בר גמדא — נישט קיין גאַנצער מענטש. ער לערנט עס אַרויס פונעם פסוק: „ויברך אותם ויקרא את שמם אָ ד ם" [25] — און ער האָט זיי געבענטשט, גערופן זייער נאָמען מענטש... כּל זמן, זיי זענען צוזאַמען זענען זיי מ ע נ ט ש.

אויב אָבער מען איז אַריינגעטאָן אין תּאווה, דאַן ברענגט מען אויף זיך אָנשטאָט ברכה — קללה.

רעדט מען שוין וועגן דערמוטיקן הייראַט־לעבן און דערביי נזהר זיין אין צניעות־אָפּגעהיטקייט, איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אין קריסטנטום האָט מען געוואָלט דערהויבן די מאָראַל אַזוי הויך, אַז מען זאָל בכלל עלימינירן און ליקווידירן תּאווה.

וואָס זעען מיר?

די אַלע וועלכע האָבן פאַרלאָזט די ייִדישע אמונה און זיך גענומען צו פּראָפּאַגירן קריסטלעכקייט, האָבן גאָר פאַרהייליקט תּאווה און מיט תּאווה געוואָלט אַריינכאַפּן ייִדישע יונגעלייט.

יעקב פראַנק (פולער נאָמען: לייבאָוויטש־פראַנק, געבוירן אין בוקאָווינער דאָרף קוראָלאָווקאַ [התּ"פ — תּקנ"א; 1791 — 1710]) אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָכן טויט פון שבתי צבי שר"י, האָט איבערגענומען נישט בלויז די לערעס, נאָר אויך די אויפפירונגען פונעם פאַלשן משיח: זיך פאַרנומען מיט פּרעכע אָרגיעס, געטאַנצט אַרום אַ נאַקעטער פרוי, זי געקושט, ווי אַ סימבאָל פון יחוד מיט דער הייליקער „מטרוניתא".

איך וועל דאָ נישט איבערגעבן וואָס די כראָניקערס פון יענער שוואַרצער תּקופה גיבן איבער וועגן דערווילדקייט וואָס ער האָט געפּראָוועט מיט די ווייבער, וואָס זענען געקומען צו אים און געבראַכט מיט זיך זייערע מענער; און אַז זיין אייגענע טאָכטער חיה, — אוויטא האָט ער זי גערופן — האָט געדאַרפט שטיין פאַרן עולם מוטער־נאַקעט און אַזוי אַרום ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די וואָס זענען געקומען צו אים פּראַווען גאָטסדינסט.

ס'איז נישט קיין וווּנדער, וואָס אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק האָט ער זיין חבֿרה געהייסן פאַרברענען דעם תּלמוד, די הייליקע ספֿרים, ווייל אין יהדות־מאָראַל האָט ער געזען די שטערונג צו זיינע פאַרדאָרבענע מעשׂים.

די ייִדישע מאָראַל וועט נישט דערלאָזן צו אַן אויפפירונג, וואָס עס שילדערט פיליפּ ראָט אין זיין „גודביי קאָלאָמבוס", אָדער „פּאַרטנאָיס באַקלאָגן זיך". ייִדישע מיידלעך וועלן נישט זוכן קיין סעקסועלע באַפרידיקונג פאַר און איידער זייער גיין צו דער חופּה און האָבן איבער זיך די זיבן ברכות.

מיר הערן כּסדר פון פּסיכאָלאָגן און סאָציאָלאָגן, אַז ס'וועט לאַנג נישט נעמען, און געשלעכטלעכע באַציִונגען וועלן פראַנק־און־פריי געפּראָוועט ווערן ביי שולקינדער. בתּולהשאַפט — באַהויפּטן זיי — וועט זיין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

ייִדישע מיידלעך וואָס וועלן דערצויגן ווערן אינעם גייסט פון יהדות, זיי וועלן אָפּוואַרפן אַזאַ באַנעמונג און וועלן זיך אויסהיטן פון אַזאַ סאָרט פרייהייט און גלייכהייט. זיי וועלן זוכן גלייכהייט און פרייהייט אויף אַנדערע געביטן.

ג. קיום המין. — פאַרהיט פון תאווה. — דינים פון טהרה. — ריינקייט און הייליקייט אינעם משפחה-לעבן.

ס׳זענען דאָ חלוקי־דעות צי דער פאַרבאָט פון זנות און אויסגעלאַסנקייט איז אַ ראַציאָנעלער, שׂכלדיקער פּרינציפּ, אָדער דורכויס אַ תורה־גזירה. פאַרשיידענע מיינונגען ווערן אויסגע־דריקט שוין ביי די תלמוד־גרונטלייגערס, אָבער דער אמת איז, אַז ס׳איז נישט קיין חילוק צי דער פאַרבאָט איז פון דער תורה, צי על־פּי שׂכל, און דער מענטש וואָלט אים אַליין מיט דער צייט פאַרשטאַנען און אויסגעפונען. די לאָגיק, ווי אַ באַגרינדונג פאַר דעם תורה־געבאָט און פאַר־באָט, געפינען מיר אין תלמוד[1]: „שאלו לא נכתבו ראויין הם להכתב" — ווען די פאַרבאָטן וואָלטן נישט געשריבן געוואָרן, וואָלט מען זיי געדאַרפט שרייבן.

מיר געפינען אָבער אויך אַ מאמר, וואָס זאָגט: „אל יאמר אדם אי־אפשי לבוא על הערווה — אלא אפשי, ומה אעשה — ואבי שבשמים גזר עליו"...[2]

די מפרשים באַמיִען זיך צו פאַרענטפערן די דאָזיקע סתירה. זיי באַהויפּטן, אַז ס׳זענען דאָ צווייערליי עריות: אַזעלכע, וואָס אַפילו ווען די תורה וואָלט זיי נישט פאַרבאָטן, וואָלט דער פּשוטער שׂכל פאַרשטאַנען מ׳זאָל זיך פון זיי אויס־היטן; די נאַטור פונעם מענטש איז צו דערווייטערן זיך פון אַזעלכע תאוות, אַלס מוסטער — אשת־איש! ווען די תורה וואָלט נישט אָנגעזאָגט אויף די עונשין וואָס קומען אויף אַזעלכע פאַרברעכנס, וואָלט דער מענטש אַליין פאַרשטאַנען די דאָזיקע מאָראַל, ווי דער אויסדרוק איז: „אלמלא לא נתנה תורה היינו למדים גזל מנמלה ועריות מיונה"[3] — אויב די ברואים, וואָס לעבן לויט אינסטינקט און נאַטור־אייגנשאַפטן, האָבן דעם דאָזיקן געפיל, וואָלט דער מענטשן־מין, וואָס פאַרמאָגט אינטעלעקט, „צלם אלקים", אַוודאי פאַרשטאַנען צו זיין אויסגעהיט פון אַזעלכע פאַרברעכנס.

אמת, מיר ווייסן, אַז אומציוויליזירטע פעלקער זענען נישט געווען נזהר אַפילו אין ראַציאָנעל־שׂכלדיקע געזעצן און אַוודאי נישט אין די אומראַציאָנעלע, געטלעכע געזעצן. דאָס זענען אָבער געבאָטן וואָס דער מענטשלעכער שׂכל קאָן באַנעמען און וואָלט געוויס געקומען צו דער באַפעסטיקונג פון אַזעלכע מאָראַלישע פּרינציפּן. ס׳זענען אָבער דאָ געזעצן וועלכע דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד וואָלט נישט לייכט באַנומען; די דאָזיקע געזעצן האָט די תורה געדאַרפט שטאַרק וואָרע־נען און אָנזאָגן. צו זיי געהערן די פאַרבאָטן נישט צו האָבן סעקסועלן פאַרקער צווישן נאָענטע משפחה־מיטגלידער. ווען דער פאַרבאָט איז געקומען, האָט ער געבראַכט צו טרערן ביים דור המדבר — דעם דור פון דעה וואָס האָט מקבל גע־ווען די תורה ביים באַרג סיני און געהאַט משה רבינו אַלס מנהיג און רבי. „וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו"[4] ווערט געדרשנט — „על עסקי עריות"... זיי

האָבן געווינט ווייל מ'האָט זיי פאַרבאָטן משפחהדיקייט אין אינטימען געשלעכט־לעבן. דאָס האָבן זיי מקבל געווען מיט געוויין...

דער רמב"ם[5] זעט אין דעם פאַרבאָט אַ ראַציאָנעלע באַגרינדונג — אַ ציל פון געזונטהייט: דער געיעג נאָך תאוות המשגל ברענגט מיט זיך ווענערישע קראַנקהייטן. ס'גייט אויך אָן אַ שאַרפע פּאָלעמיק, צי דער עריות־פאַרבאָט, דאָס היטן דעם ברית, איז בלויז על־פּי תורה, אָדער אויך אַ שׂכלדיקער.

אונדז גייט עס נישט אָן. פאַר אונדז איז געווּג, אין באַגרינדן אונדזער טעזע, אַז נישט געקוקט וואָס דער תורה־פאַרלאַנג איז: קיום המין, פּרו ורבו, יצירה פון בריאה, מוז די דאָזיקע יצירה זיין באַזירט אויף טהרה און קדושה אין פאַמיליע־לעבן. דער מאָנאָגאַמישער פאַמיליע־פּרינציפּ ליגט אַרויף אויף דעם מאַן, און נאָך מער אויף דער פרוי, צו זיין געהיט אין דער דאָזיקער הייליקייט, ווייל נאָר אַ דאַנק דער דאָזיקער הייליקייט איז דער מענטש געוואָרן דערהויבן און געלייטערט.

שווער איז געווען דער וועג צו דערציִען דעם מענטשן צו אָט דער התחייבות; ס'פאָדערן זיך דערצו גרויסע נסיונות. אָבער דאָס זענען די שטרענגע פאָדערונגען פון תורה־עטישער דיסציפּלין און זיי קומען צום אויסדרוק אין תורה און אין נביאים, ווייל נאָר דורך דער דאָזיקער דיסציפּלין — און ווי זי איז שפּעטער אויסגעברייטערט אין דער הלכה — קאָן דאָס פאַמיליע־לעבן קאָנטראָלירט ווערן. ווער ס'פאָלגט נישט, ווער ס'וויל מינערן פון אָט דעם הלכהשן איינשטעל, דער וועט צעשטערן דאָס הויז פון ישׂראל.

אין דער רבנות־ און מוסר־ליטעראַטור ווערט דער גרעסטער טייל געווידמעט דער קדושה אין פאַמיליע־לעבן, דער עיקר ווי דאָס איז איַינגעשטעלט געוואָרן אין די בראשית־טעג: „ודבק באשתו והיו לבשׂר אחד", וואָס איז דער באַדינג פאַר דער ערשטער מאַן־ווייב יצירה, פאַר דער אָדם־חוה נאָענטקייט, אַז נאָר מיט דער געאיינציקטער ווייב זאָל פאָרקומען די אינטימיטעט, אָבער נישט דורך באַהעפטונג מיט פרעמדע.

האָבנדיק פאַר זיך דעם דאָזיקן עיקר־פּרינציפּ, ווערט במילא דער עריות־פאַרבאָט אַ שׂכלדיקער, אַ פאַרשטענדיקער — קיום המין, וואָס פאַרהיט פון פּריצות, פון אויסגעלאַסנקייט, פון הפקרות און זנות. סעקסועלע באַפרידיקונג צווישן מאַן און פרוי קאָן אַזוי אַרום ברענגען צו דער באַרעכטיקטער און ראָמאַנטישער פּריה ורביה — די מצות „עונה" פאַר דעם מאַנס און דער פרויס הנאה וועגן. קינדער זאָלן קומען „כשהאיש והאשה אוהבים זה את זה",ביידע זאָלן זיך ליבן און ביידע זאָלן זיין געריינִיקט, סיי אין טהרת־הגוף און סיי אין טהרת־הנשמה. נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן די ליבע צו דער פרוי זיין שטאַרקער, ווי די ליבע צו

זיך, ווי די חז״ל לערנען: די ליבע צו דער פרוי דאַרף זיין „יותר מגופו...״ אונטער אַזעלכע אומשטענדן ווערן מאַן־פרוי איין גוף.

די ברכה — דער מענטש זאָל זיך מערן ווי פיש, די ברכה פון יצירה, דאָס פּאָרל זאָל זיך אויסלעבן ווי די יצירה „בגן עדן מקדם״ — דאָס איז נאָר מעגלעך, ווען די ליבע איז אַ ריינע, אַ געלייטערטע. אויב זי איז בלויז געצילט צו שטילן תאווה, ברענגט זי דאָס פאַרקערטע.

דאָס נעמען „פלגשים״ (קעפּסווייבער) איז ביי די אַלטע — און נישט ווייני־קער ביי די נייע — פעלקער געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. ביי ייִדן ווייסט מען, אַז קעניגן, שופטים און גענעראַלן, האָבן זיך דערלויבט דעם דאָזיקן תאווהדיקן לוקסוס.

מ׳האָט אָבער תמיד געקוקט אויף דעם מיט אַ ווידערווילן און מ׳האָט געזוכט מיטלען ווי צו באַגרענעצן די דאָזיקע פּאָליגאַמישע געוווינהייטן: „ולא ירבה לו נשים״ [6] זאָגט אָן די תורה און די נביאים מוסרן די וואָס לאָזן זיך אַריין אין תאוות נשים. משפחה־ריינקייט ביי די אָבות, ווערט באַטאָנט ביי יעדער געלעגנ־הייט [7]. אונדזערע מאָראַליסטן האָבן געזוכט מיטלען ווי אַזוי אָנצוהאַלטן רייץ, סטימולירן „סעקס״ און דאָך זיין געהיט מיט דער קדושה אינעם אינטימען לעבן צווישן מאַן און פרוי.

די שטראָפרייד קעגן פאַרנעמען זיך מיט תאוות־בשרים נעמען אַריין אויך פלגשים — און דער סוף איז, ווי דאָס ווערט געבראַכט אַלס טראַגישער פאַקט, די מעשׂה פלגש בגבעה... „ותזנה עליו פלגשו״ — און צו וואָס דאָס האָט געפירט [8].

די הלכה — לויט איר אויפגאַבע — האָט געהאַנדלט ראַציאָנעל, געבנדיק אַ רעלאַטיוו־יסודותדיקן פּסק וועגן פלגש און איר סטאַטוס אין דער ייִדישער געזעלשאַפט. זי איז טאַקע נישט קיין אָפיציעלע ווייב, זי דאַרף אָבער באַהאַנדלט ווערן מענטשלעך [9].

די מאָראַל־היטערס ביי ייִדן האָבן געוווּסט פון דער געפאַר: „שתי נשים צרות״. ביי דער דאָזיקער סכנה קאָן דאָך נישט זיין קיין חילוק, צי די צווייטע איז אַ „פלגש״, אָדער אַן אָפיציעלע ווייב. אויב זיין ווייב, די וועלכע האָט אים געשווירן געטריישאַפט, אויב זי וועט זען ווי ער באַנעמט זיך מיט דער אַנדערער און איר לאָזט ער בלייבן איינזאַם, פאַרנאַכלעסיקט, וועט זי אָן ספק זוכן מיט אַלע מיטלען אים צו פאַרראַטן, צו צעברעכן איר ערשטע שבועה און זוכן מזל מיט אַן אַנדערן...

מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין אַ פילאָזאָפיש־פּסיכאָלאָגישער שטודיע וועגן די שעפערישע אור־כוחות, וועגן דעם אינטויִטיוו־אַפעקטיוון לעבנסדראַנג וואָס עס טראָגט מיט זיך דאָס אינטים־געשלעכטלעכע, אַוודאי נישט וועגן דער

קאָמפּליצירטער פּראָבלעמאַטישקייט אין אָט דעם ליידנשאַפטלעכן דראַנג. דאָס אַלץ געהערט צום געביט פון פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע.

אונדז אינטערעסירט די ספערע פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע אין די ראַמען פון סאָציאַלן לעבן — דער עיקר, ווי אַזוי די באַגרינדערס און גרונטלייגערס פון דער יידישער מאָראַל האָבן דאָס פאַרשטאַנען און אויפגעפּאַסט, און ווי פּראַקטיש זיי זענען געווען ביים פאַרלייגן די יסודות פון פאַמיליע־לעבן.

אין שייכות דערמיט ווען מיר ברענגען די משנה וואָס לערנט אונדז: „המוציא את אשתו משום שם רע לא יחזיר״[10] — אַז איינער גט זיין ווייב, צוליב אַ שלעכטן שם (עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז זי האָט מזנה געווען) — טאָר ער זי קיין מאָל נישט צוריקנעמען. דער טעם, ווערט געזאָגט אין דער גמרא, איז: „משום קלקולא״ אָדער „משום פריצות״...[11] ראשית איז דאָ אַ מורא, טאָמער וועט זי חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן, דערנאָך וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער שלעכטער קלאַנג איז געווען פאַלש, און דער ערשטער מאַן וועט טענהן, אַז ווען ער וואָלט דאָס געוווּסט, וואָלט ער זי נישט געגט, און דער גט איז בכן נישט גילטיק, ווייל ער איז געגעבן געוואָרן צוליב פאַלשע קלאַנגען; וועט דאָך אויסקומען, אַז די קינדער וואָס זי האָט געהאַט מיטן צווייטן מאַן זענען ממזרים. דאָס איז דער טעם: „משום קלקולא״.

דער טעם „משום פריצות״ מיינט — ער זאָל נישט ווייזן פאַר דער וועלט, אַז ער גייט צוריק ווינען מיט אַ זונה... ווייל נישט יעדערער וועט דאָך וויסן, אַז דער קלאַנג איז געווען אַ פאַלשער. אַזאַ האַנדלונג נעמט אַוועק די קדושה פונעם פאַמיליע־לעבן.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן[12], איז צוליבן זעלביקן מאָטיוו שטאַרק פאַרבאָטן געוואָרן ניבול־פה, ווייל דאָס פירט, אויב נישט צו אומריינע מעשים, איז געוויס צו מחשבה־אומריינקייט. די חז״ל האָבן געזוכט און אויסגעפּרובירט אַלע מיטלען ווי צו פאַרהיטן פון ניאוף. זיי האָבן ניאוף באַטראַכט פאַר אַ שטות, ווי דער פּסוק זאָגט: „נואף אשה חסר לב״ — דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט זנות, האָט פּשוט נישט קיין האַרץ, ער האָט נישט קיין פאַרשטענדעניש[13].

די נביאים ישעיה, ירמיה, יחזקאל, עמוס און אַלע נביאים אין „תרי עשר״ וואָרענען קעגן זנות און זעען אין דעם אַ פאַרברעך, וואָס ברענגט אומגליק, חורבן, נישט בלויז אין פריוואַטן לעבן, נאָר אין גאַנצן, נאַציאָנאַלן בית ישראל.

ביים שיידן זיך מיט אַ ווייב, ביים שרייבן דעם „ספר כריתות״, האָט מען איינגעפירט כל־מיני חומרות, בכדי נישט צו פאַרשוועכן דעם הייליקן בונד פון „הרי את מקודשת״. שוין דער נאָמען ג ט טראָגט מיט זיך אַ מיסטיש, סימבאָלישע, הימלישע אויפבינדונג פונעם הייליקן בונד.

די בעלי־התוספות פאַרנעמען זיך מיט דערקלערן דעם מנהג פון שרייבן דעם

גט אין צוועלף שורות[14]; און נישט בלויז די בעלי־התוספות, די בעלי־הלכה; אויך אין דער קבלה האָבן מיר אויף דעם רמזים און דערקלערונגען.

ביים באַשטעטיקן אַ גט, דאַרף מען האָבן אַ מנין יידן, מ׳דאַרף שרייבן און באַהאַנדלען דעם גט בייטאָג, ווייל ס׳איז נישט אַנדערש ווי דיני נפשות — און נאָך אַזעלכע חומרות און רעגולאַמינגען.

און איצט קומען מיר צום ענין יפת־תואר.

די תורה דערלויבט דעם יידישן סאָלדאַט צו פאַנגען אַ „יפת־תואר״ אין מלחמות מיט אַנדערע פעלקער און, ווי מפרשים ווייזן אָן, זענען געווען דערלויבט אפילו כנענישע טעכטער.

ס׳זענען דאָ צענדליקער דערקלערונגען, פאַר וואָס און אונטער וואָסערע אומ־שטענדן דער דאָזיקער אַקט איז דערלויבט געוואָרן. דער אָנגענומענער תירוץ איז: „מוטב ישאנה בהיתר ולא באיסור״ — דעריבער דערלויבט מען אים דורכ־צוגיין די פּראָצעדור פון אַהיימנעמען און ערשט נאָך דעם אָפיציעל־לעגאַל לעבן מיט דער געפאַנגענער „יפת־תואר״. דאָס הייסט, אַזוי ווי מ׳קען דעם קריגסמאַן אין מלחמה נישט צוריקהאַלטן און מ׳קען נישט אויסמיידן זיין פאַרליבטקייט, זאָל מען עס לכל־הפחות צוימען מיט עטיש־מאָראַלישע צוימען.

לערנט אונדז די תורה: „וראית בשביה אשת יפת תואר וחשקת בה ולקחת לך לאשה, והבאת אל תוך ביתך... ואחר כן תבוא אליה ובעלתה והיתה לך לאשה״[15] — אָבער דער סוף פון אַזאַ כאַפּעניש איז הויז־שׂנאה, קריגעריי און ווי אַ רעזול־טאַט: אַ „בן סורר ומורה״, אַ ווידערשפּעניקער אין הויז. דאָס מיינט צו זאָגן: מ׳האָט דעם קריגסמאַן געלאָזט זיך פאַרנעמען מיט ל י ב ן אַ טאָכטער פון אַ פרעמד פאָלק, ווייל מ׳קען נישט צוימען זיינע ליידנשאַפטן אין אַ צייט פון קריג, אָבער דער עפילאָג איז שוין גאָרנישט קיין גלאָריפיצירנדיקער.

דאָס אַהיימנעמען אַ יפת־תואר, האָבן די חז״ל געלערנט און, אין זייערע טריט, אַלע מפרשים, איז געווען כדי צו קילן דעם קריגסמאַנס תאוות, כדי ער זאָל זען אַז זי איז גאָרנישט אַזוי שיין. ערשט נאָך דעם וועט קומען: „והיה אם לא חפצת בה״, ווי רש״י קאָמענטירט: „הכתוב מבשרך שסופך לשנאותה״... ער וועט זי אָבער נישט קענען אַזוי לייכט אַרויסוואַרפן, פאַרקויפן, אָדער האַלטן פאַר אַ שקלאַף — ער וועט זיך געווג אַנליידן פון איר און פון די קינדער וואָס זי וועט אים געבוירן.

דער מהר״ל מפּראַג (ה׳רע״ב־שס״ט; 1512־1609) אין זיין ספר „גור ארי׳״ און ר׳ מרדכי יפה (הר״צ־שע״ב; 1530־1612), אין זיין ספר „לבוש האורה״ פאַר־נעמען זיך מיטן אויסטייטשן רש״יס ווערטער: „אַז מען וועט זי אים נישט דער־לויבן, וועט ער זי נעמען פאַרבאָטענערהייט״... זיי פרעגן אויך, אויב ער טאָר נישט וווינען מיט איר, ווען ער איז אין מלחמה, נאָר ערשט ווען זי קומט אַהיים, ווען

ער נעמט זי אין זיין הויז, זי איז זיך מגייר, איז זי דאָך אַ גיורת, מעג ער דאָך מיט איר חתונה האָבן, מעג ער דאָך האָבן מיט איר נאָך דעם ריטועלן פּראָצעדור, אינטימע געשלעכט־באַציִונגען, זי איז זיין ווייב. ס'איז אויך אַ פראַגע, צי דאָ גייט אָן אישות, רש״יס באַהויפּטונג, „אַפילו אשת איש״! ביי אַ בן נח גייט דאָך אָן דער דין פון „ודבק באשתו ולא באשת איש״ וואָס איז געזאָגט געוואָרן ביים באַשאַף פון אָדם וחוה.

צו דער צאָל קשיות, וואָלט איך צוגעגעבן נאָך אַ פראַגע: דער דין איז דאָך „אין כופין יפת תואר להתגייר״, איז דאָך שוין גאָרנישט לייכט געווען דאָס מתיר מאַכן אַ „יפת תואר״ (זע, יבמות, מ״ח, ע״א; חבלים בנעימים למו״ר מהרי״ל גרויבאַרט, חלק ד׳, יו״ד, סימן ל׳).

דער ענין יפת תואר איז נישט פון די לייכטע, פשוטע ענינים. עס זענען פאַר־וועבט דערמיט, זייער קאָמפּליצירטע הלכהשע פּראָבלעמען. פאַר אונדז איז בלויז וויכטיק אָנצווייזן אויפן פאַקט, ווי אַזוי מען פאַרהיט פון הפקרדיקער געשלעכט־תאווה, ווי אַזוי מען וואָרנט אַפילו דעם היציקן סאָלדאַט און די מאָראַל, וואָס דאַרף געשיצט ווערן.

מיר זעען, אַז די תורה זוכט מיטלען ווי צו שטילן און צו קאָנטראָלירן דעם יצר און די תאווה און מען וואָרנט דעם בעל תאווה, אַז אויב ער וועט זיך נאָכ־געבן געשלעכט־תאווה, וועט עס אים ברענגען פאַמיליע־פּראָבלעמען, וועלכע ער וועט נישט זיין אין שטאַנד צו לייזן. די מאָראַל דערפון: דערוויטערן און זיך אויסהיטן פון תאוות.

די מצווה פון פריה ורביה איז די ערשטע מצווה אין דער תורה, געזאָגט צום ערשטנס צו אָדם הראשון און געטאָפּלט צו נחן, וואָס עס מיינט, אַז די מצווה איז געזאָגט געוואָרן צו אַלע מענטשן, צו דער גאַנצער מענטשהייט.

די תורה, געגעבן צו יִדן דורך משה רבינו, פאַרלאַנגט אָבער פונעם יִיד מער ווי בלויז ברענגען קינדער אויף דער וועלט (צי לויט בית שמאי — צוויי זכרים, צי לויט בית הלל — וואָס אַזוי ווערט אָנגענומען להלכה — אַ זון מיט אַ טאָכטער [16]). זי פאַרלאַנגט קדושה אין פאַמיליע־לעבן. נישט אומזיסט איז אָנ־גענומען ביי פוסקים, ביים רי״ף, רמב״ם און זייערע נאָכפאָלגערס, אַז אויב אַ מאַן לעבט מיט אַ פּרוי באיסור און ער ברענגט אַ ממזר אויף דער וועלט, האָט ער נישט מקיים געווען די מצווה פון פריה ורביה.

וואָס איז וועגן ממזר?

די פראַגע, צי „המוליד ממזר״ האָט מקיים געווען די מצווה פריה ורביה, איז אַ מחלוקת הפוסקים. דער רי״ט אלגזי אויף בכורות שטיצט זיך אויף אַ ירושלמי (יבמות, פרק ב׳), אַז ער האָט מקיים געווען די מצווה פון פּרוכפּערקייט. אין ספר חסידים (חלק ב׳, סימן תתשמ״ה) — ווערט געזאָגט, אַז אַזאַ סאָרט ברענגען קינדער,

ווערט נישט פאַררעכנט פאַר אַ מצווה (זע, מנחת חינוך, מצוה א׳; משנת אברהם אויפן ספר חסידים און אַנדערע).

אויב אָבער, ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, אַפילו פון אַ נידעריקערן שיכט אין פאַרגלייך צו זיין עשירות, אַריסטאָקראַטיע, ער נעמט אַן „אמה עבריה״, אַ דינסט־מיידל, וואָס איז געוועזן ביי אים אַ באַדינערין פאַר אַ צאָל יאָרן, האָט ער זיך איבערגעטראַכט און האָט מיט איר חתונה, מוז ער איר באַהאַנדלען, ווי די רייכסטע און אַריסטאָקראַטישסטע פרויען, אויך אין די אינטימע באַציִונגען.

מיר האָבן אַ צאָל תּלמודישע שטעלן, וועגן דער באַהאַנדלונג פון דער ייִדישער דינסט־מיידל וואָס איז געוואָרן דעם „האַרס״ ווייב:

„תנו רב יוסף, שארה זו קירוב בשר, שלא ינהג בה מנהג פרסיים שמשמשים בלבושיהם...״ עס ווערט געבראַכט אין נאָמען פון רב הונא, אויב ער אָדער זי, ווילן זיך פירן ווי די פּרסייער, זענען זיי באַרעכטיקט צו אַ גט — ביים באַהאַנדלען די פרוי, אַריינגערעכנט די אמה עבריה, דאַרף זיין „עולה עמו ואינה יורדת״ — זי דאַרף גרייכן העכער, לויט זיינע אומשטענדן, אָבער נישט נידעריקער (כתובות, מ״ה, ע״א; ס״א, ע״א) ווייל זי איז די „אם כל חי — לחיים נתנה ולא לצער״!

פאַר וואָס נישט דערמאָנען דעם פּרינציפּ: „לא ישא אדם אשה ודעתו לגרשה״, אַז אַ מאַן זאָל נישט נעמען אַ פרוי, ווען ער טראַכט, זי שפּעטער צו גטן. דער טו״ז (ר׳ דוד הלוי, שמ״ו־תכ״ז; 1586־1667) האַלט, אַז אַפילו ער האָט זי שפּעטער ליב, זי איז אַ ווילע פרוי, בלייבט אויף אים דער דאָזיקער פּגם אין דער חתונה־קדושה (זע, שו״ע, אבן העזר, גיטין, קי״ט, א, ט״ז; נחלת צבי, ב׳, ז״ז 224־248) א״אַ) — אָבער וועגן דעם אין די ווייטערע פּרקים.

ער, דער ממזר — לויט דער מיינונג פון די גדולי הפוסקים — דאַרף מקיים זיין די מצווה פרו ורבו. זיין ווייב ווערט באַטראַכט פאַר אַן אשת־איש לויט אַלע דינים און אין אַלע הינזיכטן, אַריינגערעכנט דינים פון סוטה: אויב אַ מאַן האָט אַ חשד, אַז זיין פרוי פאַרקערט מיט אַן אַנדערן זאָל ער זי וואָרענען; און אויב ס׳וועלן זיין עדות אַז זי האָט זיך דאָך באַהאַלטן מיט אַ צווייטן, דאַרף מען זי אָנטרינקען מיטן ביטערן וואַסער („מים המאררים״), בכדי צו באַווייזן איר אומ־שולד [17].

די מאַראַל דערפון: דער פאָטער וואָס האָט געבראַכט אין אומריינקייט אַ קינד, האָט דאָס געטאָן בכדי נאָכצוקומען זיינע ליידנשאַפטן, בכדי זיך נאָכצוגעבן די הנאה פון פאַרבאָטענע פרוכט — קענען די דאָזיקע פרוכט אים נישט באַרעכ־טיקן צו וועלכן נישט איז מצווהדיקן געניוס. דער ממזר אַליין איז אָבער נישט שולדיק אין זיין קומען אויף דער וועלט, ליגט אויף אים דער חוב וואָס אויף יעדן ייִד — מקיים צו זיין די מצווה פון פריה ורביה.

אין יהדות איז די קדושה אינעם פאַמיליע־לעבן קאַטעגאָריש און איז באַ־

פעסטיקט געוואָרן דורך פאַרשיידענע סייגים אין הלכה און קבלה לדור דורות.

וואָס שייך דעם עריות־פאַרבאָט, וועלן מיר ציטירן פונעם רמב״ם (ספר המצוות, שנ״ג, הוצ׳ ר׳ חיים העליר, מוסד הרב קוק, תש״י):

„שהזהירנו מקרוב לאחת מכל אלו העריות, ואפילו בלא ביאה, כגון חיבוק ונשיקה והדומה להם מפעולות הזונות...״ ציטירט פונעם פסוק (ויקרא, י״ח, ו׳) „איש איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו לגלות ערוה..״, אַז דאָס מיינט קיין שום תאווהדיקע דערנענטערונג (ציטירט פונעם ספרא) קיין כרת קומט נישט, סיידן ממש מעשׂים (זע אויך, פירוש המשניות, סנהדרין, ז׳, ד׳): מיר זאָלן נישט טאָן מעשׂה מצרים: „מה היו עושׂים? האיש נושׂא איש ואשה נושׂאת אשה ואשה נשׂאת לשני אנשים״ (יד החזקה, סנהדרין ז׳; זע, הערות פון ר׳ חיים העליר).

אויף אַן אַנדער אָרט (הלכות איסורי ביאָה) שרייבט דער רמב״ם: „ראוי לאדם להרגיל שמו בקדושה יתירה, ובמחשבה טהורה ובדעה נכונה, כדי להנצל מלהכשל בדבר ערוה...״

אַזוי זעען מיר, ווי די בעלי הלכה, ווי די בעלי מוסר האָבן געטאָן דאָס מעגלעכסטע פאַר דער הייליקייט און ריינקייט אין משפחה־לעבן. יעדער געשלעכטלעכע באַציִונג, אויף וועלכער ס׳קומט כרת אָדער טויטשטראָף, צי די מעשׂה איז באַגאַנגען געוואָרן ווילנדיק, צי אומווילנדיק, בשוגג, איז דאָס קינד וואָס ווערט געבוירן פון אַזאַ באַהעפטונג אַ ממזר.

ד. פאַר וואָס דער פאַרבאָט פון האָבן אַ סך ווייבער. — לוקסוס פון פרעהס טאָכטער. — ווי מ׳האָט באַשיינט און פאַרהייליקט פאַמיליע־לעבן.

ווי מיר וויסן, איז ביגאַמיע און פּאָליגאַמיע פּראַקטיצירט געוואָרן אין די מזרח־לענדער ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ נויטווענדיקייט: ס׳איז געוואָרן אַ פּראַקטיק לויטן פאַרמעג. קעניגן און פּרינצן האָבן זיך דערלויבט הונדערטער און מער ווייבער, ווייל זיי האָבן פאַרמאָגט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן; זיי האָבן זיך אויך געקענט דערלויבן אויפשטעלן ספּעציעלע בנינים פאַר אָט די ווייבער און מעטרעסעס, זיי באַזוכן ווען נאָר זיי האָבן געוואָלט. זיי האָבן אויסגעהאַלטן ספּעציעלע האַרעמס פאַר זייער תאווה.

אַנדערש איז געווען דער מצב ביי ייִדן, ווו מ׳האָט באַלד פון באַגין געוואָלט איינשטעלן אַ צניעותדיק פאַמיליע־לעבן — ווו תאווה, אין איינעם מיט כאַראַקטער, געטריישאַפט און פאַרשטענדעניש, זאָלן צוזאַמענשטעלן דעם הייליקן בונד.

אַ קעניג האָט געהאַט די פּריווילעגיע צו האָבן אַ גרעסערע צאָל פרויען —

אָבער מיט אַ באַוואָרעניש און אַ באַגרענעצונג, ווייל אַ סך ווייבער קאָנען האָבן אַ שלעכטע ווירקונג; בפרט נאָך, ווען מען זוכט זיי צווישן אַנדערע פעלקער; אַזעלכע קאָנען גורם זיין דאָס אַריינברענגען פרעמדע קולטורן, פרעמדע געטער און שטעלן אין געפאַר די מלוכה־פירונג דורך אַסימילאַציע.

די משנה [1] לערנט אונדז: „לא ירבה לו נשים — אלא שמונה עשׂרה". אַכצן ווייבער האָט מען דערלויבט אַ יידישן קעניג. די גמרא [2] גיט צו, אַז דאָס לערנט מען אַרויס פון דוד המלך. ער האָט זיך געהאַלטן ביי אָט דעם אימפּעראַטיוו. דער פאַקט איז, אַז אַ יידישער קעניג האָט זיך געקענט דערלויבן אַכט־און־פערציק (48) גוטע ווייבער און — ווי עס ווייזט אויס פון תנ"ך — האָבן זיך יידישע קעניגן פאַרגונען אָט דעם לוקסוס. שלמה המלך, דער „קליגסטער פון די קלוגע", האָט זיך דערלויבט אַ סך מער — טויזנט ווייבער, און געהאַלטן, אַז ער וועט פון זיי נישט באַאיינפלוסט ווערן, אַז ער וועט קענען היטן די ריינקייט אין קעניג־לעכן הויף. ער איז אָבער דורכגעפאַלן און טייער באַצאָלט.

שלמה המלך דריקט זיך אויס, און ווי מפרשים דערקלערן האָט ער דאָס געזאָגט פון אייגענער דערפאַרונג, אַז „פון טויזנט ווייבער האָט ער קיין איינע נישט געפונען, וואָס זאָל האָבן די מעלות וואָס ער האָט געזוכט". ער איז אָבער דורכגעפאַלן מיינענדיק, אַז ביי איינער האָט ער יאָ געפונען אַלע מעלות: ביי דער בת פרעה. צוליב איר אָבער האָט ער געבראַכט די שטראָף אויף גאַנץ ישׂראל — דעם חורבן בית־המקדש און חורבן יהודה.

„אמר רב יהודה אמר שמואל: בשעה שנשׂא שלמה את בת פרעה, הכניסה לו אלף מיני זמר ואמרה לו, כך עושין לע"ז פלונית..." אַנשטאָט צניעות, האָט זי אים געלערנט דעם קולט פון מצרישער געצן־דינערײַ, מצרישער פרעכהייט (ווי קלעאָפּאַטראַ האָט עס באַוויזן מיט אירע ליבע־אַפּערעס אין דער צייט פון רוימס אויפשטייג). דער סוף: „ירד גבריאל ונעץ קנה בים ועלה בו שׂרטון ועליו נבנה כרך גדול של רומי" [3]).

צוליב וואָס האָבן די חז"ל איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן פונעם דאָזיקן שידוך?

זיי האָבן, אָן ספק, געוואָלט ווייזן, אַז אַפילו אַ קלוגער קעניג ווערט באַצוי־בערט פון אויסערלעכן גלאַנץ און קען פאַרפירן אַ לאַנד; זיי האָבן געוואָלט ווייזן, אַז אַפילו אַ קעניג ווי שלמה המלך דאַרף געצוימט ווערן אין תאווה; אַז אַפילו אַ מאַן ווי שלמה המלך קאָן זיך פאַרלירן צוליב רייץ פון אַ פרוי.

נישט קיין וווּנדער וואָס אין יהדות, זינט דער תנ"ך־תקופה ביז אונדזער עפּאָכע, זוכן אונדזערע מאָראַליסטן צו שטעלן און צו באַפעסטיקן דעם יסוד פון דער פאַמיליע. מ'האָט געלערנט, אַז ביי דער חופה ווערט דאָס פּאָרל באַטראַכט אַלס יצירה־חדשה און מ'זאָגט די ברכה „יוצר האָדם" ווי ביי דער ערשטער יצירה,

ווען ס׳זענען בלויז געווען אָדם און חוה — און ביידע פון דער זעלביקער ריפּ, „עצם מעצמי״... דער מין האָדם איז אַ באַשאַף פון „וייצר״ מיט צוויי „יודן״ — קאָמענטירן חז״ל, אַז דאָס מיינט צו זאָגן — צוויי יצירות און, ווי רש״י טייטשט, — אַ יצירה פאַר עולם הזה און אַ יצירה פאַר עולם הבא. די האַרמאָנישע יצירה איז נישט אַ רעזולטאַט פון דער שיינער און באַקוועמער היים, נאָר פון דער קעגנזייטיקער ליבשאַפט און געטריישאַפט צווישן מאַן און פרוי, וואָס אויף זיי בויט מען דעם בית נאמן.

מיר האָבן אַ ברכה „שלא עשני אשה״ — אָבער דאָס רירט נישט אָן דעם כּבוד און די פּריווילעגיעס פון דער פרוי. אדרבה: די חכמי התלמוד באַטאָנען גאָר שטאַרק און גיבן איבער וועגן מעשׂים וואָס מ׳האָט געטאָן כּדי צו פאַרשאַפן אַ „נחת רוח לנשים״ (חגיגה, ט״ז, ע״ב; ספרא, י״ד, ב׳) און ווי מ׳האָט זיך תּמיד באַמיט צו פאַרזאָרגן פרויען מיט זייערע באַדערפענישן. ר׳ טרפון איז געווען אַ כּהן און אַ גאָר רייכער מאַן. ווערט דערציילט, אַז ער האָט געפּראָוועט חתונות, לאָמיר אָננעמען פיקטיוו, כּדי צו באַזאָרגן 300 ווייבער זיי זאָלן מעגן עסן תּרומה (ספרא, במדבר ע״ה; ירושלמי, יומא, א׳, ד׳; יבמות, ד׳, י״ב).

אין יהדות האָט מען געזוכט כּל־מיני מיטלען אויסצומיידן זנות, פאַרראַט און פּראָפאַנירונג אין משפּחה־לעבן. דעריבער האָבן מיר שטרענגע געזעצן וועגן אשת־איש, וועגן קרובים־הייראַט, „עריות״ וכדומה; און ווי אין אַלע הלכות, זענען מיט דער צייט אויך צו די משפּחה־תּקנות צוגעקומען סייגים און „משמרת למשמרת״ אין די שו״ת און שלחן־ערוך, פאַרפאַסט פון פּוסקים אין אַלע צייטן, שוין אָפּגע־רעדט פון מקובלים אין קבלה־ספרים און אין דער חסידות־ליטעראַטור.

געווען צייטן, באַזונדערס אין דער נייער צייט, ווען מ׳האָט אַפילו געשאַפן סגולות, ווי צו פאַרהיטן מענער און פרויען פון פאַרראַט, סגולות קעגן אַ פאַר־פירטער, אומגליקלעכער ליבע. אַזאַ סאָרט סגולה, גיבן איבער פאָלקלאָר־פאָרשערס, איז געווען זייער פּאָפּולער אין אוקראַינע [4]. צי ס׳האָט געהאָלפן צי נישט איז נישט באַקאַנט.

די פרוי איז געליבט געוואָרן דער עיקר צוליב איר צניעותדיקייט; ווען זי קוקט נאָך די הויז־ווירטשאַפט, זי באַהאַנדלט דעם מאַן מיט ליבשאַפט און מיט כּבוד, איז זי ווערט גערופן צו ווערן אַ „שיינענדיקע פּערל״, וואָס איז „רחוק מפּנינים מכרה״ [5]. נישט די פרויען וועלכע פּוצן זיך מיט אויסערלעכן חן און רייצן מענער. רב חסדא, דער פאָטער וואָס איז געבענטשט געווען מיט לייטישע טעכטער, האָט זיי געוואָרנט זיי זאָלן נישט פאַרלאַנגען צו פיל פון זייערע מענער, נישט זוכן קיין שטענדיקע אהבה, ווייל דאָס ווערט אויך מיאוס און דערעסן... אַזוי האָט ער טראַנספאָרמירט דעם זאָג אין „שיר השירים״ [6]: „אם תעירו ואם תעוררו את האהבה״...

דער פאַרבאָט צו האָבן באַציִונגען מיט אַן אשת־איש האָט אין אַלע צייטן פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין הלכה און נישט בלויז אין הלכה — אַלע מאָראַליסטן, אָריינגערעכנט אדמו״רים, האָבן זיך באַמיט אויסצואַרבעטן כל־מיני תקנות ווי אַזוי צו פאַרהיטן פון אָט דעם אוממאָראַלישן אַקט, וואָס פאַרשווערט די געהיימע־ניש צווישן מאַן און פרוי, געהייליקט דורך חופּה־וקדושין.

די דאָזיקע רבנים, שטרענג אין טהרה־אָפּגעהיטקייט, האָבן אָבער אַרויסגע־וויזן דאָס גרעסטע מסירת־נפש, אויב ס'האָט זיך געהאַנדלט אין אַ שאלה וועגן אַראָפּנעמען אַ חשד פון אַ ייִדישער טאָכטער. די חכמי התלמוד האָבן זיך אַפילו פאַרלאָזט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין כבוד פון אַ ייִדישער פרוי, זי זאָל אַליין זיין דער עדות אויף זיך און זאָגן: „טהורה אני״, זי זאָל מעגן חתונה האָבן אַפילו מיט אַ כהן. אַנצוווייזן אויף אַזאַ פאַל איז איבעריק, ווייל מיר גע־פינען עס אין אומצייליקע שטעלן.

די חכמי התלמוד האָבן גאָר אַ סך פון זייערע לערעס געווידמעט פרוי־אַנגעלעגנהייטן. אַלס רעזולטאַט האָבן מיר פון זיי הלכות (באַזירט אויף מעדי־ציניש פאָרשונגען), וואָס שייך מענסטרואַציע, געבורטן, בלוט־קראַנקייטן, וועגן מעגלעכקייט פון געבורט־אָפּגערוקטקייט; אַפילו וועגן אַזאַ פאַל, וואָס האָט גע־טראָפן ביי ר' חייאס ווייב. די צוויי זין, יהודה און חזקיה, זענען געוועזן אָפּגערוקט איינער פונעם צווייטן מיט צוויי און אַ האַלבן חודש און געלעבט ביז טיפער זקנה [7].

די חכמי התלמוד האָבן באַהאַנדלט דער פרויס טבע און דערקלערט, אַז צוליב איר כאַראַקטער, האָט מען זי באַשאָנקען מיט ספּעציעל צוגעפּאַסטע מצוות, ווי די אָפּגעהיטקייט אין הלכות נידה, די מצווה פון נעמען חלה, דאָס אָנצינדן די שבת־ליכט [8] — צוויי ליכט פאַר דער פאַמיליע.

הרב ר' גדליה פעלדער פאַרנעמט זיך אין זיין ספר „יסודי ישרון״ (ניו־יורק, תשי״ח, חלק ג', ז״ז קל״ד־קל״ה) מיט די מקורים און מנהגים אין שייכות מיט שבת־ליכט, מיט דער ראָל פונעם מאַן אין אָנצינדן און צוגרייטן שבת־ליכט, וואָס איז אַ סגולה פאַר שלום בית. אין אַ תשובה, וואָס איז נאָך אין כתב־יד, באַהאַנדלט ער גאָר אויספירלעך דעם מנהג פון צינדן צוויי ליכט, אַז דאָס מיינט סימבאָליזירן דעם „זכור ושמור״ ביי שבת. ער פירט אויס, אַז דערביי איז נאָך דאָ דער טעם פון עונג שבת און דעריבער דאַרף מען יום־טוב אויך צינדן צוויי ליכט. אָבער מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין אַן ענין, וואָס געהערט אויסשליסלעך צו בעלי הוראה.

דער עונש פאַר נישט זיין נזהר אין די דריי מצוות איז שרעקלעך: „על שלש עבירות נשים מתות בשעת לידתן״... ביים געבוירן, ווען די סכנה איז אַזוי גרויס, אַז „הונדערט זיפצן קומען אַרויס פון דער קימפּעטאָרין [9], דאַן ווערט געוויגן איר

גורל אין שייכות מיט איר אָפּגעהיטקייט אין ברענגען שלום־בית, אין זיכערן איר ריינקייט און דערלויבטע אינטימקייט און אין איר ברייטהאַרציקייט.

די חז״ל האָבן זיך גאָרנישט צוריקגעהאַלטן פון שילדערן דעם געבוי פון דער פרוי, איר פיגור, איר עלאַסטישקייט און אויסגעפורעמטקייט צו קענען קולט זיין זרע און אַרויסגעבן קינדער, בכדי די וועלט זאָל האָבן אַ קיום. „מלמד שבנאָה הקב״ה לחוה כבנין־אוצר, קצר מלמעלה ורחב מלמטה״...[10]

אמת, ס׳ווערן אויך אָנגעגעבן נעגאַטיווע אייגנשאַפטן ביי דער פרוי. גאָר אַ סך ווערט דערמאָנט דער פרויס טבע צו רעדן אַ סך, צו פּלוידערן[11]. דאָס ווערט אָבער נישט אָנגענומען ווי אַ כלל־זאַך, ווייל ס׳איז פאַר די חכמי התלמוד געווען קלאָר, אַז „לא כל הנשים שוין״, אַז נישט אַלע פרויען זענען גלייך און נישט אַלע קענען געמאָסטן ווערן מיט דער זעלביקער מאָס. מיר האָבן אין תנ״ך קלוגע פרויען און מיר האָבן אין תלמוד פרויען, וואָס זענען געלויבט געוואָרן פאַר זייער וויסן, טאַלאַנט און פאַרשטענדעניש. די „נשי דשכנציב״, די „נשי דמחוזא״ ווערן שטאַרק געלויבט און מ׳האָט פרויען געגעבן קרעדיט פאַר דער דערציִונג פון זייערע קינדער.

ווען ס׳איז געקומען צו צניעות, זענען אונדזערע מאָראַליסטן געווען שטרענג ביז גאָר. מעגלעך, אַז איינע פון די סיבות פאַר וואָס די חז״ל האָבן געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו בילד און סקולפּטור איז געווען, וואָס די קונסט האָט פון תמיד אָן אַרויסגעבראַכט די נאַקעטע, פיזישע נאַטור פונעם מענטש; האָט גערעגט צו תאווה, געווירקט אַרויסצורופן די נידעריקע אינסטינקטן, אַנטבלויזט די גע־שלעכט־אָרגאַנען; אויב נישט לעבעדיקן נודיזם, האָבן די קינסטלער אַרויסגע־בראַכט די פּלאַסטישע הוילע פיגור, אַראָפּגעוואָרפן די הלבשה פונעם מענטשנס קערפּער.

די מאָדערנע וועלט אידעאַליזירט די קונסט און יאָגט זיך נאָך נאַקעטקייט, בעת אין יהדות וויל מען צוימען, צודעקן דעם קערפּער, נישט גרויסן זיך מיט קערפּערלעכקייט.

וואָס שייך די רעכט און גלייכהייט פון דער פרוי, זענען אין יהדות פאַראַן אונטערשיידן, אָבער די אונטערשיידן האָבן לגמרי נישט פאַר אַ ציל צו דער־נידעריקן די פרוי, שטעלן זי שפּלדיק, נעגירן אירע מעלות, אירע פעיִקייטן. זיי זענען בלויז געצילט צו היטן איר צניעות, און במילא איר כבוד און איר מאָראַל.

אויב די יהדות־מאָראַליסטן האָבן געזען, אַז לויט דער צייט און לויט די אומשטענדן דאַרף מען צוגעבן תקנות לטובת דער פרוי, האָט מען דאָס געטאָן מיט די בעסטע כוונות. אַ „גט בעל כורחה״, אָן אַרויפגעצוווּנגענער גט איז פאַר־ווערט געוואָרן. אויב אָבער די פרוי פירט זיך אויף נישט אָנשטענדיק, זי איז אַ מורדת, זי לויפט אַרום מיט אַנדערע מענער, זי פאַרראַט איר מאַן, זי פאַר־

נאָכלעסיקט אירע פליכטן אַלס פרוי און מוטער, דאַן האָט מען דעם מאַן געגעבן רעכט צו געבן איר אַ גט, אַפילו קעגן איר ווילן; מחמת הפקרות ביי אַ פרוי איז עלול צו ברענגען מער שאָדן דער געזעלשאַפט, ווי הפקרות ביי אַ מאַן. אין פאַלן פון פאַרראַט, סיי פונעם מאַן און סיי פון דער פרוי, האָבן רבנים־מומחים געאורטיילט לויט זייער פאַרשטענדעניש און אין איינקלאַנג מיט דער תורה און טראַדיציע.

אין אַלגעמיין, איז דאָס יידישע געזעץ דאָס ליבעראַלסטע וואָס שייך משפחה־אַנגעלעגנהייטן. ווי ווייט ליבעראַל עס איז דאָס יידישע געזעץ, איז גענוג צו דערמאָנען דעם פאַקט: מען וואָרנט דעם יידישן מאַן ער זאָל זיין געהיט פון עריות, נישט האָבן קיין פאַרקער מיט פרויען און נישט ברענגען קיין אומלעגאַלע קינדער; אויב אָבער ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט אַזאַ פאַרגעניגן, איז דאָס קינד אַ יורש, באַרעכטיקט צו ירושה און אויסהאַלט...

מען וואָרנט דעם מאַן ער זאָל זיך נישט אַריינלאָזן אין שכרות, נישט אַריבער־גיין די מאָס פון טרינקען וויין: „לץ היין הומה שכר וכל שוגה בו לא יחכם״ [12] — אַ שפּעטער איז דער וויין, אַ ליאַרעמער דער טרונק און איטלעכער וואָס גיט זיך אָפּ דערמיט, איז ניט קיין חכם. אָדער: „זנות ויין ותירוש יקח לב״ [13] — זנות, וויין און טרויבנזאַפט באַנעמט דאָס האַרץ.

בושה האָבן די חז״ל באַטראַכט פאַר אַ וויכטיקן עלעמענט אין אויסהיטן זיך פון לוסט און פאַרשייטקייט. פאַר דעם חטא פון עץ הדעת האָט מען זיך נישט געדאַרפט שעמען. אָבער ווי נאָר די ערשטע מענטשן האָבן פאַרזוכט פון דעם טראָפּן וואָס האָט זיי געגעבן אַזוי פיל פאַרגעניגן, ווי נאָר זיי האָבן געזינדיקט, האָבן זיי זיך געמוזט אָנהייבן שעמען. און ווען די בושה איז אָפּגעטאָן געוואָרן האָבן זיי געבראַכט אויף זיך דעם מבול.

עס איז געוואָרן, ווי שמואל ניגער דריקט זיך אויס, אין איינעם פון זיינע ווערק [14]: „...דער מאַנצביל האָט ליב דער פרויס נשמה דורך איר קערפּער און די פרוי האָט ליב דעם מאַנצבילס קערפּער דורך זיין נשמה...״ און „ווילסטו אַ פרוי געפעלן — זיי העכער פון איר...״ נאָך מער:

יעדער זוכט ביי דעם אַנדערן, וואָס אים אַליין פעלט; דעם מאַנצביל פעלט שיינקייט — זוכט ער עס ביי דער פרוי; דער פרוי פעלט שטאַרקייט — מיינט זי עס ביים מאַנצביל געפינען...״

„דער פרויס נשמה, זאָגט מען, איז אַ סוד, ס׳איז אָבער אַ סוד נאָר ביז וואַנען מיר ליבן זי. ריכטיקער: מיר ליבן זי, נאָר ביז וואַנען זי איז אַ סוד פאַר אונדז...״

צו באַווייזן זיין טעאָריע, ברענגט ש. ניגער פון באַדלערס ביאָגראַפיע און מיר ציטירן:

„אַ לאַנגע צייט האָט ער דער שיינער אַריסטאָקראַטין מאַדאַם סאַבאַטיע,

וועלכע האָט אַ „סאַלאָן" אין פּאַריז, געשריבן לידער און ניט געחתמעט זיך אויף זיי...

„ווען ער איז באַרימט געוואָרן דורך זיינע ,בלומען פון בייז' און איר אויס־געזאָגט דעם סוד, אַז דער אויטאָר פון די אַנאָנימע שירים איז ער, האָט זי אים געשענקט איר ליבע. אויף מאָרגן האָט איר באָדלער געשריבן, אַז ער באַדויערט וואָס זי איז געוואָרן פאַר אים אַ פרוי... די ליבע איז אָפּגעקילט"... און ניגער קומט צום אויספיר:

„ליבע פאַראייניקט נישט נאָר דאָס סתירהדיקע אין צוויי פּערזאָן, אין צוויי מינים — דאָס מענלעכע און ווייבלעכע; זי פאַראייניקט אויך דאָס קעגנזעצלעכע אין יעדן פּערזאָן" [15].

זיין לעצטן אַקסיאָם קען מען אַפילו אָפּפרעגן. דער קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס, יצר טוב און יצר רע, איז אינעם מענטש ביז היינטיקן טאָג; ווען דער קאַמף ווערט פאַרענדיקט — בלייבט ער ווייט פון האַרמאָניע; עס איז דער אייבי־קער געראַנגל צווישן קדושה און טומאה, צווישן אַ ווילן פון אַסקעטיזם און דורשט נאָך עולם־הזה.

אין געוויסע שילדערונגען איז דער מאַן — דער זכר, דער שׂטן, דער אשמדאי, און די פרוי איז די מלאכטע, די איידעלע, די נשמהדיקע, די האַרציקע; אין אַנדערע שילדערונגען איז זי די לילית וואָס לאַכט מעפיסטאָפעליש, נאַרט אַריין דעם מאַנצביל אין איר נעץ פון תאווה, פירט אים אַרויף צו די הייכן און וואַרפט אים אַראָפּ צו די תהומען...

ש. ניגער פאַרצייכנט אין זיינע נאָטיצן:

„מיקעלאַנדזשעלאָ מאָלט די נאַכט אין דער געשטאַלט פון אַ פרויענצימער, דעם טאָג אין אַ מענער־געשטאַלט. די נאַכט איז טונקל און פאַרשטעלט און פול מיט סודות און חלומות — דער טאָג איז אָפן און ליכטיק און פול מיט קראַפט און טאַט; די נאַכט איז פּאַסיוו, דער טאָג איז אַקטיוו" [16].

אין מיקעלאַנדזשעלאָס אויפפאַסונג איז אפשר אַזוי, אָבער אין יהדות גיט מען דעם פּאַסיוון עלעמענט געוווג אַקטיווקייט, כדי זי, די פּאַסיווע, זאָל פאַרמאָגן מער „בינה" ווי דער אַקטיווער עלעמענט. חוה איז געווען גענוג אַקטיוו צו באַאיינ־פלוסן אָדמען, און זיין שטאַרקע ליבע צו איר האָט געבראַכט מחילה מצד אדם הראשון, וואָס האָט באַוויזן זי „צו דערקענען", שוין נאָכן חטא וואָס האָט געבראַכט טויט. אפשר האָט טאַקע דער באַשעפער באַשאַנקען די פרוי מיט שיינ־קייט, וואָס זאָל פאַרדעקן אַלע אירע דעפעקטן און וואָס זאָל וועקן ביים זכר גלוסטונגען איבער דער ראַציאָ, און מער ווי די לאָגיק קען עס באַגרייפן.

אין סומירן ווילן מיר בלויז צוגעבן, אַז די געוואַגטקייט פון שלמה המלך, לויט

דער תּלמודישער דערקלערונג, איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געמיינט, אַז ער פאַרמאָגט גענוג שׂכל און חכמה נישט באַאײַנפלוסט צו ווערן פון תאוות נשים. פאַקטיש איז ער מיטגעשלעפּט געוואָרן פון די פרעמד־געבוירענע ווייבער; ער האָט זיי געלאָזט אַרײַנברענגען זייער קולטור און געצנדינערײַ. אַ גאַר גרויסע השפּעה האָט געהאַט אויף אים פּרעהס טאָכטער, פאַר וועלכער ער האָט אויפגעבויט אַ ספּעציעל הויז, „ובית יעשה לבת פּרעה אשר לקח לו לאשה" [17].

ער האָט גענומען צענדליקער פרויען, פון די מואבישע, עמונישע, צדונישע און אַנדערע פעלקער. די מצרישע טאָכטער אָבער איז זיי אַלעמען איבערגעשטיגן מיט פאַרשייטקייט; ער האָט צוליב איר פאַרשלאָסן זיין פּאַלאַץ, כּדי נישט צו ווערן באַלאַסטיקט פון די מאַסן מענטשן וואָס זענען געקומען צו אים [18], איז נישט קיין חידוש די שטראָף וואָס איז געקומען צוליב דער בת פּרעה: זי האָט געבראַכט אומגליק און חורבן [19].

אין מדרש האָבן מיר מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אין דעם אויסטייטש פונעם וואָרט „לאהבה", צו ליבן; לויט ר' שמעון בן יוחאי, איז עס געווען לאהבה ממש, ביז זנות־אויסגעלאַסנקייט, און לויט ר' אליעזר, איז שלמה אַזוי באַהערשט געוואָרן פון דער תּאווה, אַז ער האָט געלעבט מיט פרויען אין זייער מענסטרואַציע־פּעריאָד... אָבער ר' יוסי בן חלפתא, פאַרטיידיקט אים און האַלט, אַז דאָס וואָס שלמה המלך האָט געהאַט צו טאָן מיט פרעמדע און אייגענע ווייבער, איז געווען מיט אַ גוטן ציל און כּוונה. שלמה המלך האָט געוואָלט מקרב זיין פרעמדע פעלקער, זיי זאָלן זיך מגייר זיין און לעבן לויטן יידישן שטייגער: „לאהבן ולקרבן ולגיירן ולהכניסן תחת כּנפי השכינה".

אין אַלגעמיין וויל די אגדה זיך באַציִען אָביעקטיוו צו זיינע מעשׂים. די אגדה לערנט אונדז, אַז אַפילו דער קליגסטער מענטש זאָל נישט זיין זיכער אין זיך. צוליב זיינע דרײַ עבירות, האָט ער געליטן דרײַ ירידות: די לעצטע ירידה — אַז אַפילו איבער זיין בעט, איז ער מער נישט געווען קיין מלך [20]. די גרעסטע עבירה — דאָס האָבן צו טאָן מיט ווייבער און תּאווה, פירט אַראָפּ צום תּהום, אַפילו אַ מענטשן, ווי שלמה המלך [21].

און צוריק צו דעם וואָס מיר האָבן פריִער אָנגעוויזן, זיין חטא איז געווען נישט בלויז אַן אינדיווידועלער, איבער וועלכן מ'קען תּשובה טאָן און מעדיטירן. זיינע מעשׂים זענען באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ נאַציאָנאַלן פאַרברעך; ס'איז אָפיציעל דערלויבט געוואָרן געמישטקייט, געמישטע חתונות, און דאָס שטעלט אין געפאַר די עקזיסטענץ פון יידנטום.

אין יידנטום האָט מען באַלד פון באַגין געוואַכט איבער משפּחה־ריינקייט, ווי מיר האָבן עס געזען ביי די אָבות, ביי די שבטים, און נאָכן גלות בבל —

די שטרענגקייט פון עזרא הסופר, אַ פּרינציפּ וואָס ווערט עד היום געהיט ביי יידישע גייסטיקע מנהיגים.

ה. כּוח פון יצר. — וויכטיקער כּוח־יצירה. — נישט נעגירן נאָר קאָנטראָלירן. — די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין פול. — פרוכפּערקייט און שעפערישקייט. — מיסטעריע פון געבורט.

ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעמערקט, זענען אין יהדות באַפּעסטיקט געוואָרן פאַרשיידענע דינים און הלכות, ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן פון טומאה אין די אינטימע באַציִונגען צווישן מאַן און ווייב; אַ געזעץ זיך אויסצוהיטן פון פאַרקער, בעת די פרוי איז אַ נידה און נאָך דעם — זיבן ריינע טעג (ז׳ נקיים). דערביי זענען פאַראַן צענדליקער דינים וועגן פרישה. ס׳זענען געשאַפן געוואָרן אומצייליקע חומרות צו פאַרהיטן פון אַט דער טומאה. ס׳איז דאָ אַ ספּעציעלע מסכת נידה; אַ גרויסער, אפשר דער גרעסטער טייל פון שלחן־ערוך איז געווידמעט די דינים וועגן נידה־אָפּגעהיטנקייט. דערצו קומט טומאת־לידה פון אַ יולדת, אַ קימפּעטאָרין (זיבן טעג פאַר אַ ייִנגל־ און פערצן טעג נאָך אַ מיידל־געבורט) און דערנאָך טהרה־וואָכן לויטן זעלביקן סדר.

ס׳זענען דאָ פאַרשיידענע טעמים פאַר די נידה־ און טומאה־הלכות, ראַציאָנעלע און אומראַציאָנעלע. ס׳איז אַפילו געשטעלט געוואָרן אַ שאלה וועגן אַ חולה שאין בו סכּנה, צי ער מעג זיך דערלויבן האָבן אינטימע באַציִונגען מיט אַ „נידה דרבנן״, אַ פראַגע — צי ער טוט עס „לשם חיבה ותאווה״ אָדער לצורך רפואה; ווייל אונדזערע מאָראַליסטן, סיי די מחמירים און סיי די מקילים, האָבן זיך גערעכנט מיט דער מענטשלעכער אייגנשאַפט און מענטשלעכער נייגונג.

האָבנדיק דאָס אין זינען, קאָן מען פאַרשטיין דעם מאמר:

„הנה טוב מאד — זה יצר הרע. וכי יצר הרע טוב מאד?״ — ווי קען מען אָנרופן דעם יצר־הרע „טוב מאד״ — וואָס פאַר אַ גוטס שטעקט אין דעם יצר־הרע, אין תאווה? דער ענטפער איז: אָן דעם יצר־הרע וואָלט אַ מענטש נישט געבויט קיין הויז, וואָלט נישט חתונה געהאַט, וואָלט נישט געהאַט קיין קינדער, וואָלט נישט געהאַנדלט, וואָלט נישט געאַרבעט... ס׳וואָלט געוואָרן אויס וועלט! [1]

מיר גייען אַ ביסל ווייטער און מיר געפינען, אַז באַלד ביי מעשה בראשית האָט מען געזען די וויכטיקייט פון די יצרים, באַהויפּטנדיק, אַז מען דאַרף דינען דעם אייבערשטן מיט ביידע יצרים: „ואהבת את ד׳ אלקיך בכל לבבך — בשני יצריך, ביצר טוב וביצר הרע״... [2] וועגן דעם וועלן מיר זיך ווייטער אָפּשטעלן. דער ציל פון בראשית — זעט מען — איז געווען יצירה!

אין אָנהייב פון יצירה־פּראָצעס איז אָנגעזאָגט געוואָרן די וועלט זאָל נישט בלייבן ליידיק, נישט באַאַרבעט, נישט קולטיווירט און נישט באַזעצט. די ערד דאַרף און מוז ווערן קולטיווירט און די מענטשהייט מוז זיך פּרוכפּערן, כּדי צו געניסן פון דער שפע וואָס ליגט אין ערד־פּלאַנעט.

אין דער מדרש־ליטעראַטור גיט מען דעם גרעסטן לויב דאָס פּרוכפּערן זיך פונעם מענטש, דאָס פאַרגרעסערן די מענטשלעכע ראַסע. די יִדישע פרויען אין מצרים ווערן געלויבט, וואָס נישט געקוקט אויף דער מורא (פּרעהס גזירות צו דערטרינקען זייערע קינדער), זענען זיי געלעגן מיט זייערע מענער אונטער עפּל־ביימער און זיך געפּרוכפּערט, לויט אייניקע אגדות — זעקס מיט אַ מאָל (ששה בכרס אחד) און, לויט אַנדערע, אַ סך מער.

דער רבונו־של־עולם בענטשט אַזוי פיל מאָל אברהם אָבינו. מיט וואָס בענטשט ער אים? ער וועט האָבן אַזוי פיל קינדער ווי די שטערן אין הימל און דער זאַמד ביים ים [3] און משה רבינו חזרט איבער די דאָזיקע ברכות [4].

וויפל קינדער דאַרף אַ מאַן האָבן? ווי גרויס דאַרף זיין דער וווּקס פון דער באַפעלקערונג? וואָס איז די געטלעכע ברכה?...

דער מאַן קען זיך קיין מאָל נישט באַפרייען פון האָבן קינדער — אָבער ס'איז דאָ אַ מינימום באַטראַכט צו ווערן אַלס קיום המצווה: לויט בית שמאי — צוויי זכרים און לויט בית הלל — זכר ונקבה, לויטן מוסטער פון יצירה־פּראָצעס: אָדם וחוה. דער ציל איז: „פּרו ורבו" און די ברכה — וואָס מער! די ברכה אין דער תּורה: „ד' אלקיכם הרבה אתכם" [5]. ירמיהו הנביא טרייסט די יִדן, וועלכע ווערן געפירט אין גלות, און זאָגט זיי אָן: „קחו נשים והולידו בנים ובנות" [6]. אַפילו בעתן חורבן, בעתן לעבן אין גלות, מוז מען אַלץ ממשיך זיין און פאַר־זיכערן די עקזיסטענץ.

ביי פּוסקים האָבן זיך געשטעלט אַ סך שאלות, אין שייכות מיט דעם יסודות־דיקן ציל: ווי איז דער דין, אַז מען האָט געבראַכט אויף דער וועלט אַ ממזר, צי האָט מען דערמיט מקיים געווען די מצווה פון פּריה ורביה? צי מעג מען חתונה האָבן מיט אַן עקרה? — אַ פּרוי וואָס מען ווייסט, אַז זי וועט שוין נישט האָבן קיין קינדער, אָדער האָט קיין מאָל נישט געקענט האָבן קיין געשלעכטלעכע באַציִונגען מיט אַ מאַן, אָדער אַן עקרה לויט אַ דאָקטאָרס דיאַגנאָז; דאָס זעלביקע: אַ מאַן — אַן עקר, אַן אימפּאָטענט, אַזאַ וואָס האָט אַ פעלער אדג"ל? ווי איז דער דין, צי קען מען מקדש זיין אַ קינד? צי אַ קטן, אַ מינדעריאָריקן?

לויטן רמב"ם [7], זאָל מען נישט נעמען קיין עקרה, סיידן ער האָט שוין מקיים געווען די מצווה „פּרו ורבו". לויט אַנדערע פּוסקים, טאָר מען דאָס נישט טאָן, אַפילו ער האָט שוין מקיים געווען די מצווה. לויטן ספר חסידים [8], האָט מען נישט מקיים געווען די מצווה פון פּריה ורביה, אויב מען האָט געבראַכט אַ ממזר אויף

דער וועלט, און מען זאָל נישט חתונה מאַכן קיין קטנה, סיידן זי איז שוין ראוי צו ברענגען קינדער [9]. — דער מינהג איז נישט אָנגענומען געוואָרן [10]

אויב מ׳גיט אויף דאָס נאַטירלעכע לעבן, איז דאָ אַ געפאַר, דער מענטש זאָל נאָר ברענגען אויף דער וועלט מזיקין און שדים.

ר׳ ירמיה בן אלעזר זאָגט: די אַלע יאָרן וואָס אָדם הראשון איז געווען „בנדוי״, אין חרם, צוליבן חטא פון פאַרזוכן דעם טעם עץ־הדעת, געוואָרן אָפּגעשיידט פון זיין חוה, האָט ער געבוירן רוחין, שדין ולולין (עירובין י״ח, ע״ב א״אַ מקומות).

איז דאָ נישט וויכטיק אַריינצוגיין אויף אַ „שדים״־טעמע. דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך. ס׳איז אָבער כדאי איבערצוגעבן דעם בליק פון אגדה וועגן דעם יצר־הרע. מיט אַלע זיינע מעלות, האָט די אגדה געזוכט אַ שעיר לעזאזל פאַר זיין עובדא און ס׳זענען געפונען געוואָרן די מלאָכים, וועלכע האָבן געהאַט די דאָזיקע פונקציע.

לויט דער אגדה, זענען עס געווען עוזאַ און עזאל די מלאכי חבלה, די וועלט־פאַרדאַרבערס וועלכע האָבן געגלוסט צו די טעכטער פון דער ערד און זיי, האָבן עס פאַרדאַרבן די וועלט (דברים, רבה, י״א).

די דאָזיקע צעשטערערישע עלעמענטן, האָבן געגנידערט פון די הימלען אין צייט פון דער שוועסטער פון תובל קין (יומא, ס״ז, ע״ב; רש״י אויפן אָרט), זיי זענען עס געווען די „נפילים בארץ״ — די אַראָפּגעפאַלענע און פון זיי האָט די נעמה, תובל קינס שוועסטער, געבוירן די שדים און מזיקים — די גייסטער וואָס פילן אָן דער וועלטס חלל (בראשית י׳, ד׳. זוהר, בראשית כ״ג, ע״י; תקוני זוהר, חדש, קט״ז) און פון זיי קען מען נעמען אַ מוסר־השכל: אויב מלאָכים, געקומענע פון הימל, האָבן אויף דער ערד זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיך גענומען זינדיקן, ווי קען אַ פשוטער מענטש, אַ בשר־ודם זיך קאָנטראָלירן. די ייִדישע מאָראַל האָט געזוכט און געפונען וועגן ווי צו קאָנטראָלירן תאווה.

דאָס קריסטנטום האָט געלערנט, אַז מען דאַרף „אָפּטויטן דאָס פלייש״, באַהערשן פולשטענדיק תאוות בשרים, אַרויסרייסן פון האַרץ און געפיל דעם נאַטירלעכן דראַנג. ס׳איז אָבער נישט געלונגען.

יהדות האָט געלערנט נישט מלחמה צו האַלטן מיט דער מענטשלעכער נאַטור, נאָר קאָנטראָלירן זי, האַלטן אין די ראַמען, מאַכן אַזוי, אַז די תענוגי העולם הזה, די תאווה זאָל אויך האָבן גייסטיקייט, צניעות ביי קירוב בשר. דער קירוב בשר איז אומגעהייער וויכטיק, ווייל אַזוי איז געווען דער רצון פון באַשעפער: „ודבק באשתו״ [11]; דאָס באַהעפטן זיך מיט אַ פרוי קאָן ברענגען זינד און, נישט ווייניקער, אַ סך מער גוטס, גליק און ריינקייט פון זינד.

בכדי צו קאָנטראָלירן תאווה זי זאָל זיין נאָרמאַל און ברענגען די געווונ־טשענע רעזולטאַטן, איז פאַרבאָטן געוואָרן עריות.

און דאָ קומען מיר צו דעם וואָס עס ווערט דערציילט וועגן אברהם און שׂרה.

די תּורה דערציילט: ווען אברהם איז געקומען קיין מצרים מיט זיין פרוי שׂרה, האָט ער מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זי פון אים אַוועקנעמען, ווייל זי איז געווען אַ „יפת תואר ויפת מראה", און אים וועלן זיי הרגענען. האָט ער זי געבעטן זי זאָל זאָגן, אַז זי איז זיין שוועסטער, וועט ער אַמווייניקסטנס געראַטעוועט ווערן: „אמרי נא אחותי את למען ייטב לי בעבורך"[12].

שטעלט זיך די פראַגע — ווי האָט ער, אברהם, דער „תּם וישר ירא אלקים וסר מרע", פאַרלאַנגט זי זאָל זאָגן אַ ליגן און ער זאָל זאָגן אַ ליגן...

די פראַגע ווערט אויך געשטעלט, ווי האָט ער דערלויבט אַן אשת־איש, זיין ווייב, צו גיין צו פרעהן?

די מפרשים שטעלן זיך אָפּ אויף ביידע פראַגעס. אויף דער ערשטער פראַגע, ווערט דערקלערט[13] אַז אַזוי ווי זי איז געווען זיין פלימעניצע, זיין ברודערס טאָכטער, האָט ער זי געקענט רופן שוועסטער.

פראָפ׳ א. ש. יהודה, אין זיין באַהאַנדלען מצרישע מנהגים[14], ווייזט אָן אויף דעם מנהג אין מצרים חתונה צו האָבן מיט שוועסטער, ספּעציעל ביי מלכים און שׂרים, און זיי זענען גערופן געוואָרן די „בנות האלהים" — האַרן־טעכטער.

דער מינהג איז געווען אַזוי פּאָפּולער און נאָרמאַל, אַז מען האָט אָנגעהויבן רופן יעדע כּלה מיטן נאָמען שוועסטער — „אחותי כלה", ווי אין שיר־השירים. דער אויסדרוק „שוועסטער" האָט געקראָגן דעם צווייפאַכיקן באַטייט: שוועסטער און כּלה — און דערמיט האָט זיך אברהם געראַטעוועט, נישט זאָגנדיק חלילה קיין ליגן.

ביי אבימלכן, דעם פלשתּים־קעניג, וווּ דער מנהג פון שוועסטער־ווייבער איז געווען פרעמד און דער נאָמען „שוועסטער כּלה" — אומבאַקאַנט, האָט אברהם געדאַרפט אויסטייטשן פאַר וואָס ער האָט זי גערופן שוועסטער: „וגם אָמנה אחותי בת־אָבי היא, אך לא בת־אמי, ותהי לי לאשה"[15].

אויף דער אַנדערער פראַגע ענטפערן מפרשים, אַז לויטן דין האָט ער דאָס געמעגט טאָן: ווייל ס׳איז ביי אים געווען אַ ספק, צי די מצרים וועלן זי בכלל כאַפּן צו פרעהן און צי דער קעניג וועט זי צווינגען צו האָבן מיט אים אַ געשלעכט־פאַרקער.

ר׳ מנחם מענדל כשר, אין זיין „תּורת שלמה" (חלק ג׳,ירושלים, תּרצ"ב) ברענגט מדרשים אין שייכות מיט דער דאָזיקער פראַגע און ער גיט אָן אויספיר־לעכן מאמר, וואָס ווייזט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין סתּירה צווישן דער האַנדלונג פון אברהם אָבינו און דער הלכה, אַז ביים עריות־פאַרבאָט גייט אָן דער דין פון „יהרג ואל יעבור" — לאָזן זיך הרגענען און נישט באַגיין דעם פאַרברעך. אָבער מיר

מוזן דאָס איבערלאָזן פאַר רבנים און פוסקים צו אַנטשיידן אויטאָריטאַטיוו, צי דאָ האָט געקענט זיין אַ פאַרבאָט פון אשת איש.

ס'איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם וואָס עס ווערט דערציילט וועגן אברהם אָבינוס געבעטן און פאַרלאַנגען צו האָבן אַ זון, אַ יורש, און אויף דער הבטחה פון רבונו־של־עולם צו דערפילן זיין פאַרלאַנג.

אויף דעם פסוק „ויוצא אותו החוצה"[16], דרשנט רב יהודה אין נאָמען פון רב, אַז דאָס מיינט נישט פשוט: ער האָט אים אַרויסגענומען אין דרויסן און אים געוויזן, אַז זיינע קינדער וועלן זיין ווי די שטערן אין הימל; דאָס מיינט גאָר, אַז ער האָט געזאָגט צו אברהם אָבינו ער זאָל נישט זיין פאַרצווייפלט און זאָל אַרויס פון זיין אצטגנינות (שטערנזעעריי), וואָס ווייזט אים, אַז ער וועט נישט האָבן קיין קינדער מיט שׂרהן: „צא מאצטגנינות שלך... אין מזל לישראל"; ווי דער פאָטער פון יידישן פאָלק, האָט דער רבונו־של־עולם אים געוואָלט ווייזן, אַז ער שטייט העכער און איבער דעם מזל און אַז דורך תּפילות וועט ער ברעכן דאָס מזלותדיקייט[17].

די געגועים פון אברהם אָבינו צו האָבן אַ זון זענען געווען אויסערגעוויינלעך. איז דערביי אינטערעסאַנט רש"יס פירוש צום פסוק: „ויהי אחרי הדברים האלה"[18]; נאָך דער עקידה ווען אברהם האָט זיך אומגעקערט פון הר מוריה, איז ער געווען שטאַרק באַזאָרגט, פאַר וואָס ער האָט פריִער, פאַר דעם עקידה־געבאָט, נישט חתונה געמאַכט יצחקן און זיך באַזאָרגט מיט קינדער־אייניקלעך: „היה אברהם מהרהר ואומר אלו הי' בני שחוט כבר הי' הולך בלא בנים, הי' לי להשיאו אשה... בשׂרו הקב"ה שנולדה רבקה"... דער רבונו־של־עולם האָט אים באַרויִקט, אַז רבקה, יצחקס בת־זוג, איז ערשט איצט געבוירן געוואָרן.

ווען משה רבינו האָט געבראַכט די תּורה צו די יידן, האָט ער ביים פאַרבאָט פון עריות זיי אָנגעזאָגט: „כמעשׂה ארץ מצרים לא תעשׂו", זיי זאָלן געדענקען נישט צו טאָן, וואָס זיי האָבן געזען אין מצרים. ער האָט פאַרבאָטן שוועסטער־חתונות, לעבן מיט דער מוטער און קרובים. די יוצאי מצרים האָבן אפשר דעריבער געוויינט בעתן עריות־פאַרבאָט, ווייל זיי זענען געווען צוגעוווינט צו אַזאַ דערפאַרונג[19], אָבער דער רבונו־של־עולם, דער נותן התּורה, און משה רבינו, דער מקבל און שליח איבערצוגעבן, האָבן געזען אין אָט די עריות־באַגרענעצונגען דעם בעסטן מיטל צו צוימען גרענעצלאָזע תּאווה און צו פאַרשטאַרקן דאָס נאָר־מאַלע פאַמיליע־לעבן.

דער ציל אין יהדות איז, ווי שוין פריִער באַטאָנט, נישט ליקווידירן דעם יצר, נישט אָפּטויטן גלוסטונגען, נאָר זיי קאָנטראָלירן. די חז"ל דרשענען אויפן פסוק „ואת הצפוני ארחיק מעליכם"[20], אַז דאָס מיינט מען דעם יצר־הרע, וואָס

ליגט באַהאַלטן טיף אין מענטשלעכן האַרץ, „שצפון ועומד בלבו של אָדם" [21].
מ'דאַרף אים אָבער קאָנטראָלירן.

פאַר מתן תורה זאָגט אָן משה רבינו: „היו נכונים לשלושת ימים — אַל תגשו אל אשה" [22] — זיך גרייטן צו אָט דעם גרויסן, הייליקן מאָמענט, קאָן מען נאָר דורך רייניקן זיך פון גשמיותדיקע תאוות — אָבער באַלד נאָך דעם: „שובו לכם לאהליכם"... גייט אַהיים און לעבט זיך אויס אַ נאָרמאַל פאַמיליע־לעבן; פאַרקערט גאָר, אויב אַ ייִד באַשליסט ביי זיך נישט האָבן צו טאָן מיט קיין פרוי, נישט חתונה האָבן, נאָר בלייבן אַ פרוש — איז ער זינדיק פאַר גאָט. חזקיה המלך האָט געוואָלט פראַווען בחורשאַפט, נישט האָבן קיין קינדער, מבטל מאַכן ביי זיך די מצווה פון פריה ורביה, האָט מען אים באַשטראָפט, סיי אויף דער וועלט און סיי אויף דער קומענדיקער וועלט. ישעיהו הנביא האָט אים געוואָרנט: „כי מת אתה ולא תחיה" [23] — „כי מת אתה בעולם הזה ולא תחיה בעולם הבא".

מיר לערנען אין דער גמרא [24] דעם אויסטייטש פונעם פסוק „מי כהחכם ומי יודע פשר"... [25] ווער איז נאָך, ווי דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער, וואָס ווייסט ווי צו מאַכן אַ פשרה צווישן צוויי צדיקים, צווישן חזקיהו און ישעיהו... ער האָט געבראַכט יסורים אויף חזקיהו און אָנגעזאָגט דעם נביא ישעיהו ער זאָל אים מבקר־חולה זיין.

ביים באַזוכן אים, האָט דער נביא געפרעגט דעם קעניג, פאַר וואָס ער האָט נישט חתונה געהאַט און אים אָנגעזאָגט דעם עונש: „מת אתה בעולם הזה ולא תחיה בעולם הבא", ווייל ער האָט נישט עוסק געווען אין דער מצווה פון פרוכ־פערן זיך, פון האָבן קינדער. האָט חזקיהו אים דערקלערט, אַז ער האָט געזען מיט רוח הקודש, אַז ס'וועלן פון אים אַרויסקומען נישט קיין אָרנטלעכע קינדער, „בנין דלא מעלי"... האָט ישעיהו אים געזאָגט: „בהדי כבשי דרחמנא למה לך" [26] — דו האָסט נישט קיין רעכט זיך מישן אין דער געטלעכער מיסטעריע; דו דאַרפסט טאָן דאָס וואָס מ'האָט דיך געבאָטן; און וואָס עס געפעלט דעם רבונו־של־עולם, איז עס זיין עסק — „ומה דניחא קמיה קודשא בריך הוא לעביד"...

האָט חזקיהו אויסגעפאָלגט דעם באַפעל און שטאַרק מתפלל געווען — האָט ער געבוירן אַ זון, מנשה, דעם בן־בכור און יורש־עצר, וואָס איז געוואָרן קעניג אין עלטער פון צוועלף יאָר (חזקיהון איז געגעבן געוואָרן נאָך פופצן יאָר, נאָך זיין קראַנקייט, ער זאָל חתונה האָבן און אויפשטעלן אַ פאַמיליע). מנשה איז גע־ווען דער מלך רשע, „שהעמיד צלם בהיכל"... די אייניקלעך האָבן שוין אָבער נאָכגעפאָלגט דעם זיידנס און נישט דעם פאָטערס דרכים.

אין ספר חסידים [27], ווערט צוגעגעבן צו אָט דעם פאַקט, אַז אַפילו ווען מען ווייסט געווי, אַז פון דעם זיווג וועלן קומען נישט קיין אָרנטלעכע קינדער, האָט מען נישט קיין רעכט אויף פרישות.

לויט געוויסע בעלי־מוסר, איז תּאווה בלויז אַ פֿאַרבייגייענדיקע זאַך און נישט קיין נאַטירלעך־פּסיכאָלאָגישע נויטווענדיקייט. די מערסטע פֿון אונדזערע מאָראַ־ליסטן האָבן אָבער געהאַלטן, אַז תּאווה איז אַ מענטשלעכע זאַך און גלוסטונג איז אַ נויטווענדיקייט. בלויז אין דער קומענדיקער וועלט, אין דער וועלט פֿון לויטער גייסטיקייט, וועט נישט זיין, נישט קיין אכילה און נישט קיין פּריה ורביה. אויף אונדזער וועלט איז פּריה ורביה פּונקט אַזאַ נויטווענדיקייט ווי אכילה ושתיה[28]. מען דאַרף אָבער מתפּלל זיין, צו זיין געהיט פֿונעם יצר־הרע, נישט פֿאַרפֿירט צו ווערן און זיין געשיצט פֿון אַ שלעכטער פֿרוי, וועלכע קאָן פֿאַרפֿירן און אַראָפּפֿירן פֿונעם גלייכן וועג.

אין ספר חסידים רעדט זיך גאָר אַ סך וועגן יצר, וואָס באַהערשט און ווי אַזוי מ׳קאָן אים בייקומען: „שלשה יצרים רעים הלוחצים את האדם על דברי אשה... שלשה יצרים על האשה... לראות ולראות... הרהור" און אַזוי ווייטער.

ווער איז דער גליקלעכער חסיד? — דער וואָס קריגט אַ גוטע, פֿיינע און אָרנטלעכע פֿרוי: „על זאת יתפּלל כּל חסיד אליך לעת מצוא"[29]; האָבן מיר איין טייטש, אַז דאָס מיינט מען תּורה און אַ צווייטן קאָמענטאַר: ר׳ חנינא זאָגט: דאָס מיינט מען אַ גוטע פֿרוי, ווי דער פּסוק זאָגט: „מצא אשה מצא טוב"[30]. אין ארץ־ישׂראל, במערבא, האָט מען געשטעלט די דאָזיקע פֿראַגע באַלד נאָך דער חתונה, צי האָט ער זוכה געווען צו גרייכן צום מצא, „כּי נסיב אינש איתתא, אמרו ליה הכי: מצא או מוצא? — מצא, דכתיב „מצא אשה מצא טוב ויפק רצון מה׳"; מוצא — דכתיב, ומוצא אני מר ממות את האשה"...[31]

אויב אָבער מען לאָזט זיך אַריין אין תּאווה, קאָן עס אַראָפּפֿירן אַפֿילו דעם קליגסטן און דעם פֿרומסטן, ווי מיר האָבן שוין אין די פֿריִערדיקע פּרקים אָנגעוויזן.

תּאווה איז פֿאַרוואָרצלט אינעם מענטש — און בלויז געציילטע האָבן זיך געקענט אויסהיטן נישט צו האָבן אַפֿילו קיין הרהור עבירה, נישט צו פֿאַרלירן קיין טראָפּן זרע מחוץ דעם זיווג.

דאָס זענען יחידי סגולה. ביים געוויינלעכן מענטשן דערוואַרט מען ער זאָל זיך ווי ווייט מעגלעך קאָנטראָלירן, נישט פֿאַרקויפֿן זיך צו דער תּאווה.

ווי האָט געזאָגט ר׳ לייבעלע קאָווגער, איינער פֿון די מוסר־אָנהענגער?: פֿאַר וואָס שטייט נישט אין הלל, „בית יראי ה׳" ווי „בית אהרן", „בית ישׂראל"? ווייל יראים זענען יחידים, געציילטע מענטשן און ס׳איז נישט לייכט צו פֿאַר־לאַנגען, אַז גאַנץ קהל זאָל זיך דערהייבן צו אָט דער מדרגה, דערצו נאָך אין עניני זיווג, אין עראָטישער תּאווה, וואָס האָט דעם שטאַרקסטן כּוח־השפּעה און ס׳איז נישט לייכט זיך אויסצוהיטן פֿון הרהור־זנות, ווען מ׳קוקט מיט אָפֿענע

אויגן — „ואחרי עיניכם — זו זנות". און נאָך שווערער איז זיך מקדש צו זיין „במותר לך".

אַ גאַנץ לעבן פירט מען מלחמה מיטן יצר, אָבער עוקר זיין מן השורש די „תאוות המשגל" איז נישט מעגלעך און איז נישט נויטיק, ווייל דאָס וואָלט גע־בראַכט חורבן און צוריקגעפירט צום עולם התוהו...

ווי האָט געזאָגט דער בעל־שם־טוב?

„אַלע תענוגים קומען פון גן־עדן. גשמיותדיקע תאווה איז אַן אינסטרומענט, דורך וועלכן מען קען קומען ליב צו האָבן גאָט... די תאווה, דעם יצר־הרע דאַרף מען אויפהייבן, נישט אויסראָטן"... [32]

ס'זענען תמיד געווען חלוקי־דעות, ווי אַזוי צו באַקעמפן דעם יצר־הרע, די תאווה: איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן, אָדער אים אויסוואָרצלען. די דאָזיקע מיינונגען קומען צום אויסדרוק אין חסידות. געווען אַ מילדערע באַציִונג צו גלוסטונגען און אַ שטרענגערע; אָבער אַלע האָבן אָנערקענט דעם כּוח פון דער יונגפרוי און די תאווה וואָס באַהערשט דעם יונגן מאַן.

לויטן מדרש הנעלם, אויפן פסוק „זה ספר תולדות אדם", האָט יעדער צורה וואָס איז געקומען ביי יצירה, געהאַט אין זיך די צורה פון זכר און נקבה: שמים איז זכר און ארץ — נקבה — ביים מענטש זענען ביידע צורות, פאַרמען, געקומען אינעם בי־סעקסועלן פאַרמאַט, זכר ונקבה און אַזוי ווערט פאַרמירט יעדער באַשאַף דורך ביידע געשלעכטער...

לויט קבלה, איז דער סדר פון די כ"ב אותיות (אַלף־בית) געשטעלט לויט זכר ונקבה: אלף — זכר, בית — נקבה, גימל, זכר; דלת — נקבה. דער תולדות שמים וארץ איז געשאַפן געוואָרן דורכן צירוף פון אותיות. דאָס איז געמיינט געוואָרן מיטן זאָג: „יודע הי' בצלאל לצרף אותיות שנברא בהם שמים וארץ"...

אַרויסקומענדיק פון אָט דער הנחה, האָט מען געשאַפן גרענעצן און דערוויי־טערונגען דורך וועלכע צו קאָנטראָלירן דעם תאווהדיקן יצר.

האָט אַ מאַן שוין מקיים געווען די מצווה פריה ורביה — טאָר ער אַלץ נישט זיין אַן אַ פרוי; ער קאָן געשטרויכלט ווערן, אויב נישט מיט מעשים, איז מיט שלעכטע מחשבות. די משנה (שבת, א', ג') פסקנט: „לא יאכל הזב עם הזבה מפני הרגל עבירה". אַפילו ווען ביידע זענען לויט די היגיענישע דינים אומריין, זאָלן זיי דאָך נישט עסן צוזאַמען, ווייל זיי זענען אַלץ עלול צו באַגיין דעם פאַרברעכן... און רש"י גיט צו: דערפון קאָן מען לערנען, אַז אַ ריינער מיט אַן אומריינע איז געוויס פאַרבאָטן, ווייל אַזאַ יחוד קאָן ברענגען צו אינטימקייט וואָס איז פאַרבאָטן.

די גמרא (דאָרט, י"ג, ע"א־ע"ב) פאַרנעמט זיך מיטן ענין פון הרחקה און ברענגט אין נאָמען פון ר' שמעון בן אלעזר, אַז דרך־אַגב, זעט מען פון דער משנה,

ווי שטאַרק ס׳איז טהרה געווען ביי ייִדן, סיי וואָס שייך מיט די מאכלים און סיי וואָס שייך דאָס לעבן מיט זייערע פרויען.

אין מסכת קדושין (ד׳, י״ג; פ״ב, ע״א) לערנט מען, „לא ילמד אדם רווק סופרים (מלמדי תינוקות) ולא תלמד אשה סופרים. ר׳ אליעזר אומר: אף מי שאין לו אשה לא ילמד סופרים״. אַ בחור זאָל נישט זיין קיין קינדער־מלמד, ווייל די מוטערס ברענגען די קינדער אין חדר און עס קען קומען צו אַן עבירה... אַ פרוי זאָל נישט זיין קיין קינדער־מלמד, ווייל טייל מאָל ברענגען די פאָטערס זייערע קינדער... ר׳ אליעזר זאָגט, אַפילו ער איז נישט קיין בחור, ער איז געווען פאַר־הייראַט, אָבער איצט איז ער אַן אלמן אָדער אַ גרוש, זאָל ער נישט זיין קיין מלמד. נאָך מער: „כל שעסקיו עם הנשים לא יתיחד עם הנשים״ — דער וואָס באַשעפטיקט זיך מיט אויסאַרבעטן זאַכן פאַר פרויען, זאָל נישט בלייבן אַליין מיט פרויען, אַפילו מיט מער ווי איין פרוי, ווייל ער שעמט זיך נישט... אָבער וועגן „יחוד״ — ווייטער.

ו. די לעגענדע וועגן דריַי און פיר. — פוח פון ליבע. — ווי אָפּצוהאַלטן און צוריקהאַלטן הפקרדיקע תאווה.

מיר האָבן שוין נישט איין מאָל אָנגעוויזן אויפן כוח פון ליבע, ווי זי ווערט באַזונגען נישט בלויז פונעם „קליגסטן פון אַלע מענטשן״, פון שלמה המלך, נאָר פון אַלע וואָס האָבן געזען אין איר דעם קאָנסטרוקטיוון כוח ממשיך צו זיין די יצירה, נישט איבערלאָזן די וועלט צו אַ מצב פון „תוהו ובוהו״.

„לבבתני אחותי כלה, לבבתני באחד מעיניך״ — האָסט ס׳האַרץ מיר גע־פאַנגען, שוועסטער מיין כלה, האָסט ס׳האַרץ מיר געפאַנגען, מיט איינעם פון דיינע אויגן, פון דיינע בליקן [1]. אין דער ליטעראַרישער שעפערישקייט, אָנהייבנ־דיק פון די נביאים, פון דער אגדה, ביז די סאַמע לעצטע דיכטערס און קינסט־לערס, ווערט די ליבע באַזונגען און אַריינגעוועבט אין זייערע הערלעכע פאָעטישע יצירות.

מיר מיינען דאָ די „אגדת שלשה וארבעה״, וועמעס מקור איז אַ פסוק אין משלי. אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער, חיים נחמן ביאַליק, האָט דער דאָזיקער אגדה, געגעבן אַ נייעם לבוש אין צוויי ווערסיעס, זי באַאַרבעט ווי אַ שטיק פאָלקלאָר, דורך וועלכן ס׳קומט צום אויסדרוק דאָס ייִדישע שטייגער־לעבן. אגב, איז דאָס געווען די לעצטע ליטעראַרישע שאַפונג פונעם דיכטער [2].

די אגדה, ווי געזאָגט, איז באַזירט אויף דעם פסוק „שלשה המה נפלאו ממני וארבעה לא ידעתים: דרך הנשר בשמים; דרך נחש עלי צור; דרך אניה בלב ים; ודרך גבר בעלמה — פאַראַן דריַי וואָס זענען פאַרהוילן פון מיר און פיר, וואָס

איך פאַרשטיי זיי נישט: דער וועג פון אָדלער אין הימל; דער וועג פון דער שלאַנג אויף אַ פעלדז; דער וועג פון אַ שיף אין מיטן ים און דער וועג פון אַ מאַן אין אַ יונגפרוי״ [3].

אויף דעם דאָזיקן פסוק איז דאָ אַן אגדה [4], וואָס דערציילט, אַז ס׳איז נישטאָ דער כוח צוריקצוהאַלטן פון ליבע. אין מדרש ווערט געבראַכט דער משל פון רבי יוסי צו דער מטרונה, וועלכע האָט פּרובירט מזווג זיין זיווגים און שטאַרק דורכגעפאַלן, אָבער הקדוש־ברוך־הוא, — האָט ער זי איבערצייגט, — זיצט אין הימל און איז מזווג זיווגים בעל כּרחם, מיט געוואַלד, „וקושר קולר בצואר זה ומביאו מסוף העולם ומזווג לזו בסוף העולם״ — ער פאַרט צוזאַמען פאַרלעך, פון איין עק ביז דעם אַנדערן עק וועלט, און מען ליבט זיך, מען האָט חתונה און מען שטעלט אויף דורות.

און דאָ קומט די אגדה וועלכע איז באַאַרבעט געוואָרן פון גרויסן דיכטער:

שלמה המלך האָט געזען דורך די מזלות, לויט אַסטראָלאָגיע (ער האָט דאָך אַלץ געקענט און פון אַלץ געוווּסט), אַז זיין ווונדער שיינע טאָכטער וועט חתונה האָבן מיט אַ נעבעכדיקן אָרעמען נפש, אַ בחור פון עלטערן אֶביונים און ער, דער חתן, גייט אַרום אָפּגעריסן און גייט אויס נאָך אַ ביסן... מיט אַזעלכן וועט זיין טאָכטער דאַרפן וווינען און אַזעלכער וועט זיין דער איידעם פונעם קעניג. וואָס טוט שלמה? ער איז דאָך דער קליגסטער פון אַלע מענטשן און ווייסט ווי צו באַזאָרגן און פאַרזיכערן, אַז זיין טאָכטער זאָל נישט אַריינפאַלן!...

האָט ער אויפגעשטעלט אַ הויכן טורעם אין מיטן ים; צוגעפירט אַהין זיין טאָכטער מיט אַ שיף און באַזאָרגט, אַז זי זאָל נישט קענען אַרויס און אַלע אירע באַדערפענישן זאָלן געבראַכט ווערן, נאָר אונטער זיין אויפזיכט, אַלץ כּדי די טאָכטער זאָל זיין איזאָלירט און אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט.

ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן!

דער אָרעמער פאַרליבטער בחור איז געבליבן ליגן אַ פאַרפרוירענער אינעם איינגעוויד פון אַ טויטער בהמה און ס׳האָבן אים געטראָגן: דער פויגל אין דער לופט, די שיף אין ים און די שלאַנג, וואָס איז תּמיד פאַרגעשטעלט אַלס סימבאָל פון רשעות, האָט דורכגעלעכערט די שטיינער פונעם טורעם און צוזאַמענגעפירט דאָס פאַרליבטע פּאָרל — ווייל שטאַרקער פון ליבע איז נישטאָ!

שלמה המלך שטייט און גאַפט און איז מודה, אַז דער וועג פון ליבע איז פון אים פאַרהוילן. אויך דאָ וואָלט ער געקענט זאָגן, פּונקט ווי די אגדה לערנט אונדז, אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט ביי דער פרה אדומה: „אחכמה והיא רחוקה״ — אַז ער האָט נישט דערגרייכט דעם פּופּציקסטן טויער פון חכמה.

ענלעכע לעגענדעס זענען פאַראַן ביי יעדן פאָלק, אָבער — ווי עס ווייזט אויס — זאָל די יידישע אגדה זיין דער ערשטער מקור.

אין ספר חסידים [5] ווערט גאָר אַ סך גערעדט וועגן די דריי יצרים וואָס דריקן אויפן האַרץ: דאָס איינקוקן זיך אויף דער פרוי; די ברִיסט פון דער פרוי; דער יצר פון הרהור־מחשבהדיקער גלוסטונג און „לראות וליראות ביי דער פרוי". די לייזונג קאָן נאָר זיין דורך אויסמיידן דאָס באַהערשט ווערן פון צווייטן געשלעכט. דורך באַגרענעצן זיך בשעת תאווה, נאָך מער, אויסמיידן זאַכן אין פאַמיליע־לעבן, וועלכע זענען די גורמים צו זנות, פאַרראַט און אויסגעלאַסנקייט.

די פאַרזיכערונג פון דער טרייהייט צווישן מאַן און פרוי, האָט די ייִדישע מאָראַל געזען איז מעגלעך נאָר אין שטרענגן פאַרבאָט פון לויזן, הפקרדיקן געשלעכלעכן פאַרקער, פון גלוי עריות, איבערהויפּט, האָבן פאַרקער מיט אַן אשת־איש. דעריבער איז, באַלד ביים באַגין, דער מענטש געבאָטן געוואָרן אויף דער דאָזיקער אָפּגעהיטקייט, „אָדם הראשון נצטווה על שבע מצוות" — און גלוי עריות איז פון די ערשטע [6].

אויב איינער לעבט געשלעכטלעך מיט אַן אשת־איש, און ס'זענען אויף דעם דאָ עדות און התראה, קומט אים טויטשטראָף (די מיתה איז דורך אַ בית־דין אורטייל). דאָס איז זיין כפּרה, זיין פאַרגעבונג, כּדי ער זאָל מער נישט ליידן אויף דער קומענדיקער וועלט [7]. אויב ס'זענען נישטאָ קיין עדות און זי, די פרוי, נאַרט דעם מאַן (ווייל ער טאָר דאָך נישט ווױנען מיט איר) — ווערט ער „נטרד מן העולם" — פאַרוואָגלט אין דער וועלט [8] — ער פאַרלירט זיין חלק עולם־הבא.

די פראַגע האָט זיך געשטעלט — ווי איז דער דין אויב דער מאַן טוט תשובה? האָבן מיר אין אַזאַ פאַל חלוקי־דעות, און ס'איז אָנגענומען ביי די חז"ל און שפּעטערע נאָכפאָלגערס, אַז תשובה, דאָס פייניקן זיך פאַר דעם פאַרגאַנגענעם פאַרברעך, ברענגט אים צוריק עולם־הבא, ווייל מען אָנערקענט די שווערקייטן ביים קאָנטראָלירן און צוריקהאַלטן זיך פון תאווה [9].

און איצט לאָמיר זען וואָס די תורה און די בעלי־התלמוד זאָגן וועגן אינטימען פאַרקער מיט נישט־ייִדישע פרויען.

מיר האָבן דעם דין „הבועל ארמית קנאין פוגעין בו" — אויב אַ ייִד האָט געשלעכטלעכע באַציִונגען מיט אַ נישט־ייִדישע פרוי, קאָן דער קנאי, וואָס האָט דאָס צוגעזען, אים, אָדער זיי ביידן, הרגענען... מען לערנט דאָס אַרויס פון דער מעשׂה זמרי בן סלוא און כזבי בת צור.

דערציילט אונדז די תורה:

„והנה איש מבני ישׂראל בא"... און געבראַכט מיט זיך די מדינית, פאַר משה רבינו אין די אויגן און אין פראָנט פון אַלע ייִדן, און זיי געוויזן — ער טוט עס אין דער עפנטלעכקייט... האָבן אַלע געוויינט און נישט געוווסט ווי צו רעאַגירן, פשוט פאַרגעסן די הלכה [10]: „הבועל ארמית קנאין פוגעין בו". פינחס איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געדענקט די הלכה און גענומען אויף זיך די איניציאַ־

טיוו דורכצופירן דאָס געזעץ: „ויקח רומח בידו וידקור את שניהם" [11]; אגב, האָט ער דערפאַר געקראָגן דעם ריכטיקן לוין [12].

די אגדה דערציילט, אַז צען נסים זענען אין יענעם מאָמענט געשען מיט פינחסן [13]. אין דער הלכה, ווערט אַרומגערעדט: ווען גייט אָן דער דאָזיקער דין; ווי אַזוי מעג מען נעמען די שטראָף אין אייגענע הענט; פאַר וואָס און אונטער וואָסערע אומשטענדן. ס'קומט אויס, אַז ווען זמרי נעמט זי בלויז פאַר דעם איינציקן מאָל צו שטילן זיין תאווה, איז דער פאַרברעך נישט אַזוי גרויס. זמרי האָט זיך געוואָלט רייצן און געוואָלט ווייַזן, אַז ער, דער נשיא פון אַ בית־אָב, קאָן זי האָבן לעגאַל אַלס ווייב... די מפרשים שטעלן זיך אָפּ, צי איז דער אַקט געווען פאַרברעכעריש צוליב דער אוממאָראַלישקייט בפרהסיא, צי איז עס געווען דער פאַרבאָט פון „לא תתחתן" — נישט חתונה האָבן מיט טעכטער פון די זיבן פעלקער צי איז אויך געווען דער עונש פון נידה — וואָס איז זיכער נישט געהיט געוואָרן [14]. מיר פאַרנעמען זיך אָבער נישט מיט הלכהשע אויספירן.

אונטערצושטרייכן איז דאָ די געוואַגטקייט פון פינחסן דורכצופירן דעם אַקט, „שהרג נשיא מישראל" וויסנדיק, אַז ער וועט דערמיט אַרויסרופן דעם אויפברויז און פראָטעסט מצד די נשיאים, דער עיקר פון שבט שמעון. ער איז געגאַנגען אויף קידוש־השם אין זיין קאַמף קעגן ניאוף, קעגן אויסגעלאַסנקייט און דערמיט איז ער באַלוינט געוואָרן מיט „ברית שלום" און „כהונת עולם".

„באותה שעה נתעלמה ממנו הלכה" [15] — משה רבינו האָט פאַרגעסן די הלכה און, ווי עס ווערט דערקלערט, איז עס געווען, כדי פינחס זאָל באַקומען דעם שכר: געדענקען דעם דין און דורכפירן דעם שטראָפאַקט.

אין תלמוד ווערט געשטעלט די פראַגע: ווי איז דער דין — „לא פגעו בו קנאין"? און נאָך אַ לענגערער שקלא וטריא, אויפן יסוד פון אַ פסוק [16] קומט מען צום אויספיר, אַז דעם דאָזיקן בעל־תאווהניק קומט כרת [17].

באַרירנדיק דעם ענין פון געשלעכטלעכן פאַרקער מיט פרעמדע טעכטער, איז כדאי, זאָל זיין דרך־אגב, נאָך אַ מאָל ברענגען דעם פאַקט, אַז די שבי הגולה, אין דער צייט פון עזרא הסופר, האָבן אויסגעפאָלגט די שטרענגע באַפעלן און אָפּגעשיקט זייערע פרעמדע ווייבער [18]; דערצו, האָבן זיי נאָך געבראַכט אַ קרבן אָשם פאַר דער זינד וואָס זיי זענען באַגאַנגען מיט געמישטקייט. זיי האָבן, הייסט עס, איינגעזען ווי געערעכט ס'איז געווען דער באַנייַער פון מלכות יהודה, מיט זיין פאַרווערן אַריינצוברענגען גויִשע ווייבער, און נאָך מער: זיי האָבן איַינגעזען די עוולה וואָס זיי זענען באַגאַנגען אין בבל, מיטן נעמען פרויען נישט־יִדישע.

ווי עס זאָל נישט זיין, ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'איז דאָן געשאַפן געוואָרן אַ נייער דין, אַז אַ „נושא נכרית", זאָל דאַרפן ברענגען אַ קרבן אָשם.

די שטרענגקייט צו נשואי־תערובת איז אַריבער דעם תחום פון „טעכטער פון די זיבן פעלקער״, וועגן וועלכע די תורה זאָגט אָן „לא תתחתן בם״[19]. עזרא הסופר האָט געזען די גרעסטע סכּנה אין געמישטקייט און דעריבער אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען קעגן דער דערשײַנונג — אָבער דאָס געהערט שוין צו אַ ברייטערער שטודיע, און וויפל מיר האָבן געשריבן וועגן דעם, איז נאָך אַלץ געבליבן וואָס צוצוגעבן צו די מאָטיוון פון דער דראַסטישקייט ביי עזרא הסופר[20] און זיין מי צו זיכערן משפּחה־ריינקייט ביי יידן.

ז. ווי אַזוי האָט חסידות זיך באַצויגן צו תאווה. — בעש״טס חסידות און קאָצק. — איזביצאַ וועיזט דעם נייעם דרך. — נישט איגנאָרירן נאָר אַפּשוואַכן.

„דער מענטש — שרייבט פּראָפ׳ יהושע העשל — איז געבוירן מיט טויזנטער גלוסטונגען און תאוות. פּאַרלאַנגט דען די תורה אַז מען זאָל זיי עוקר מן השורש זיין? אין משך פון דורות איז אַנטשטאַנען ביי אַ סך יידן אַ נטיה צו פּרישות און נזירות, צו אונטערדריקן די תאוות. איינער פון די חידושים פון דעם בעל־שם־טוב איז געווען, אַז מען דאַרף רחמנות האָבן אויפן גוף און זיינע גלוסטונגען „ומבשרך לא תתעלם״[1].

ווי מיר האָבן ביז איצט און אויך אין מיינע פריערדיקע אַרבעטן געזען, איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז באַלד פון באַגין, ווען יהדות איז געוואָרן דער קנין פון די זרע אברהם יצחק ויעקב, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז די תורה „לא נתנה למלאכי השרת״, אַז דער מענטש באַזיצט גופניות און נשמהדיקס; דער באַשאַפענער אינעם „צלם אלקים״, האָט אין זיך דאָס רוחניותדיקע און חומריותדיקע — דאָס בהמהשע און דאָס הייליקע — און ער דאַרף אַ גאַנץ לעבן זוכן צו שאַפן די האַרמאָניע צווישן דיביידע עלעמענטן. נאָך מער, אין עראָטישער ליבע, אין „תאוות המשגל״, ווי דאָס צוזאַמענפּאָרן מאַן־ווייב ווערט גערופן, איז וויכטיק אַפילו צו לערנען און דערגרייכן אהבת השם.

די פּאָלעמיק וועגן תאווה ווערט געפירט אין תלמוד, אין די ספרים פון דער נאָך־תלמוד־עפּאָכע און איז נישט אַראָפּ פונעם שלחן ביי מאָראַליסטן און גייסטיקע מנהיגים ביז אונדזער עפּאָכע.

דער בעל־שם, ווייזט אָן פּראָפ׳ העשל, האָט געהאַלטן, אַז תאווה איז געקומען פון השם־יתברך און מען דאַרף עס אָנערקענען. נאָך מער, די תאווה, דאָס אינטימע צוזאַמענלעבן, דאַרף זיין מיט ברען, מיט חשק און פרייד און פּונקט אַזוי זאָל דער מענטש זיך אויפפירן מיט עבודת־השם.

דער דאָזיקער געדאַנק איז נישט אין גאַנצן ניי. שוין דער גרויסער פילאָזאָף ר' סעדיה גאון שרייבט:

„ואילו היה המשגל דבר מגונה, היה הבורא מונע ממנו נביאיו ושלחיו"...[2] די מקובלים און חסידות־גרונטלייגער וואָס האָבן געהאַלטן פון אָט דער שיטה, האָבן זי פּאָפּולאַריזירט, פּראַקטיצירט און געזוכט תּורה־באַווייזן אויף צו באַגרינדן די אויסגעהאַלטנקייט פון אָט דעם צוגאַנג.

ס'איז נישט נויטיק זיך אַריינצולאָזן אין אַ טיפערער חקירה. גענוג צו באַזירן אונדזער טעזע אויף אייניקע ציטאַטן, כּדי צו באַשטעטיקן דעם בעש"טס איינשטעל בנוגע תּאווה און תּענוג.

„מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים"[3], ווי שיין ביסטו און ווי זיס ביסטו, ליבע אין תּענוגים — פאַרטייטשט דער בעל־שם: ווי שיין און ווי זיס איז עס, אַז עס איז גרינג צו קומען צו אהבת השם דורך פּראָסטע תּענוגים...

יעדע גלוסטונג — קאָמענטירט פּראָפ' העשל — איז, לויטן בעש"ט, אַ הילף וואָס קומט פון הימל, כּדי צו קענען דערגיין דורך דעם צו גלוסטן גאָט[4].

איך האָב שוין נישט איין מאָל אָנגעוויזן אויף דעם דאָזיקן טעאָרעטישן איינ־שטעל ביי אדמו"ר צדוק הכּהן מלובלין. ער באַווייזט דאָס אין זיינע ספרים און באַגרינדעט עס אין זיינע תּורה־שמועסן אויף אומצייליקע מקורים, סיי אין תּורת הנגלה און סיי אין תּורת הנסתּר. די דאָזיקע לערע איז אויסגעברייטערט געוואָרן דורך אַ צאָל פון זיינע נאָכפאָלגערס, און גאָר באַזונדערס דורך הרב מהרא"י קוק זצ"ל.

נישט סיגופים פאַרלאַנגט מען; מען פאַרלאַנגט חסידות און קדושה בעת דעם תּענוג, בעת דעם זיווג. דער חוזה מלובלין, ר' יעקב הורוויץ זצ"ל, האָט געהאַלטן, אַז פאַרלאַנגען פון אַ בשׂר־ודם נישט צו האָבן קיין הנאה בשעת הזיווג, איז פאַר־לאַנגען דאָס אוממעגלעכסטע. דער עיקר איז, די מחשבה זאָל זיין ריין.

ביים נעמען אַ פרוי זאָגט מען „הרי את מקודשת", וואָס דאָס מיינט — צוגעגרייט און אָנגעגרייט, פּשוט פאַרקויפט צו מיר: „כּי יקח איש אשה"... פאַר וואָס זאָגט מען פאַרט מקודשת? ווייל — האַלטן חסידים — מען איז מרמז דעם חתן, און נישט ווייניקער דער כּלה, אַז די אינטימע באַציִונגען דאַרפן זיין בקדושה ובטהרה.

מיר זעען דעריבער ווי ביים חוזה, ווו מען האָט ממשיך געווען דעם דירעקטן דרך פון בעל־שם אין נייע פאָרמען, מיט פאַרטיפן דעם חסידישן חידוש, מיט אויסברייטערן זיינע האָריזאָנטן, טעאָרעטישע און קאָנקרעטע, האָט מען נעגירט און אַפילו אַרויסגעוויזן קעגנערשאַפט צו איבעריקער נזירות. לויט אייניקע בעלי התּלמוד, איז דער נזיר גאָר אַ חוטא. אַ גרויסע צאָל פון חוזהס תּלמידים איז געווען אַנטי־אַסקעטיש. זיי האָבן געלערנט ביים רבין, אַז דער ברען אין עולם

הזהדיקע תענוגים קאָן צו נוץ קומען צו עבודת השם און זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז מיסטיקער האָבן פאַרגליכן ליבע צווישן מענטשן און גאָט צו דער ליבע צווישן מאַן און פרוי.

דער עיקר וואָס תלמידים פונעם חוזה האָבן געוואָלט איז געווען ריינע מחשבה.

אַנדערש איז עס געווען מיטן קאָצקער רביִן, ר׳ מנחם מענדל הײלפּערין־מאָרגענשטערן זצ״ל (תקמ״ז־תרי״ט; 1859־1781), ביי וועמען דער חוזה האָט לכתחילה געזען, אַז ער איז זיך אין גאַנצן מקדש „מלמעלה״ און „מלמטה״: דעם מוח, דאָס האַרץ, די צונג און אַ „נוטר הברית״ ביז צו פּרישות. ווי עס ווערט דערציילט, איז ער געווען אַ „פּרוש מן האשה״ פינף־און־צוואַנציק יאָר און ער אַליין האָט אויף זיך געזאָגט, אַז זיין בן־בכור פון דער ערשטער פרוי, אדמו״ר ר׳ דוד, איז געווען ווי ביי יעקב אָבינו „כּחי וראשית אוני״[5]. אַזאַ זאַג, איז פון דער גרעסטער געוואַגטקייט. בלויז געציילטע, האָבן זיך געקענט דערלויבן צו מאַכן אַזאַ דערקלערונג. געוויינטלעך זענען די אויגן, די „סרסורי עבירה״. אָבער דערצו נאָך באַהויפּטן, אַז מען איז געווען דעם גאַנצן יוגנטלעכן לעבן אויסגעהיט און נאָך דער חתונה אָפּגעשיידט, דאָס גייט שוין אַריבער די גרענעצן פון מענטשלעכע השׂגות. אָבער אַזאַ איז געווען ר׳ מענדל קאָצקער[6]. ער האָט געפּאָדערט פון זיינע חסידים זיי זאָלן אומבאַדינגט אָװעקוואַרפן אַלע תּאוות פון דער וועלט.

זיין תּלמיד־חבר וואָס איז אַוועק פון אים און אָנגעהויבן פירן זיין עדה, ר׳ מרדכי יוסף מאיזביצא, האָט נישט מסכּים געווען צו אָט דעם חסידישן קאָנ־צעפּט און געהאַלטן, אַז עס איז בעסער אַ „פּאַרפּלייצונג ווי אַ טריקעניש״[7]. ער האָט געזען אין תּאווה אַ חסד פון רבונו־של־עולם און אינעם צוועק פון פּריה ורביה — אַ הייליקייט וואָס ליגט אין האַרץ. נאָך מער: דעם מאַנס גלוסטונג צו אַ ווייב איז אַ מיסטעריע, פאַרמאָגט אין זיך אַ באַהאַלטענעם כּוח און דערין ליגט דער כּוח פון קדושה[8].

ר׳ מענדל האָט געהאַלטן, ווי עס ווערט געבראַכט אין מוסר־ספרים, אַז תּאווה נעמט זיך פון דער סטרא־אחרא און מען דאַרף שטרעבן זיך צו דערהייבן צו פּרישות, צו ווייזן אַ וועג דער תּאווה און אַלע תּענוגים. ר׳ מרדכי יוסף דאַקעגן, האָט גאָר געזען קדושה אינעם כּוח החשק והתשוקה, אויב ס׳ברענגט פּאָזיטיווס: יצר וואָס ברענגט יצירה!

די פּאָלעמיק אינעם קאָנצעפּט פון יצר קאָן מען זען אין דעם אויסטייטש פון „וחשקת״ ביי אַ יפת־תּואר.

מיר האָבן אין דער תּורה דעם דין פון אַ יפת־תּואר: „כּי תצא למלחמה על אויביך ונתנו השם אלקיך בידיך ושבית שביו, וראית בשביה אשת יפת תּואר וחשקת בה ולקחת לך לאשה״[9] — אַז דו וועסט אַרויסגיין אין מלחמה אַקעגן דיין פיינט און וועסט זען צווישן די געפאַנגענע אַ פרוי, שיין אין געשטאַלט, און וועסט

זי גלוסטן, און ווײסט זי ווײלן נעמען פאַר אַ ווייב. אין תלמוד און אין רש"י ווערט אויף דער דאָזיקער דערלויבעניש געזאָגט: „לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע" [10]. די תורה האָט מתיר געווען צו נעמען אַ יפת־תואר, ווייל די תאווה איז אַזוי שטאַרק און אַ פאַרבאָט וואָלט דעם מענטשן נישט אָפּגעהאַלטן, „ישאינה בהיתר ולא באיסור". ווי שוין אָנגעוויזן, האָט זי פריִער זיך געדאַרפט מגייר זיין [11].

דער קאָצקער רבי, אַ קאָמפּראָמיסלאָזער פּרינציפּיעלער מענטש צו זיך און צו דער וועלט, האָט דאָס נישט געקענט פאַרנעמען — די תורה זאָל מאַכן פשרות מיטן יצר־הרע?... וואָס הייסט די תורה זאָל נאָכגעבן תאווה?

ר' מענדל קאָצקער טייטשט דעריבער, אַז דער „לא דברה אלא כנגד יצר הרע" מיינט צו זאָגן, די תורה לערנט דעם מענטש, אַז דער וחשקת, דאָס גלוסטן, איז בלויז די אַרבעט פונעם יצר־הרע און אַז מיר דאַרפן זיין כנגד, זיך שטעלן קעגן דעם יצר, קעגן דער גלוסטונג, קעגן תאווה־לוסט. באַקעמפן די תאווה פון ווערן פאַרכאַפּט און אַנטציקט פון אַ „יפת־תואר".

ר' מרדכי יוסף זעט דאָס פאַרקערטע: די תורה איז מתיר, ווייל ער, דער מאַן, וועט האָבן אַ מעגלעכקייט דורך דער תאווה אַריינצוברענגען יידישקייט; אַנשטאָט אַנטקעגן צו שטעלן זיך, איז גלייכער צו קאָנטראָלירן דעם יצר און מאַכן אים נוצלעך פאַר אהבת השם־יתברך [12]. ס'איז צו שווער — האַלט ער — דער וועג אויף וועלכן ר' מענדל וויל פירן זיין עדה, צו מאַכן די ערד הימלדיק. דאָס קאָנען אפשר געציילטע, אָבער נישט די גאַנצע עדה. ר' מרדכי יוסף האַלט, אַז עס איז וויכטיק צו דערהייבן די גאַנצע עדה און צוזאַמענמישן ערד מיט הימל. נישט דערווייטערן זיך אין גאַנצן פון תאוות עולם הזה, נאָר צוימען זיי: „להיות מוטבע מעט בתאוות ולא יהי' יבש לגמרי" [13].

ווי געזאָגט, גייט דער כהן ז"ל אין גאַנצן נאָך דער דאָזיקער שיטה און רעדט וועגן דעם אין אַלע זיינע ספרים, אַזוי אין „פרי צדיק", אַזוי אין „צדקת הצדיק", אַזוי אין „ישראל קדושים" און אין אַנדערע ספרים.

פּראָפ' העשל ברענגט אַרויס אויפן קלאָרסטן אופן דעם צוגאַנג צום ענין תאווה ביים איזשביצער און זיינע תלמידים. ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף די אויסדרוקן פון זיין געטרייסטן תלמיד ר' צדוק הכהן [14]. איך וואָלט צוגעגעבן, אַז רמזים פון אָט דער שיטה געפינט מען אויך אין די ספרים פון „תורת אמת", „אמרי אמת" פון אדמו"ר ר' יהודה לייב איגר זצ"ל און פון זיין ממלא־מקום, ר' אברהם זצ"ל, אין „שבט מיהודה". און גאָר אָפט, מער ווי רמזדיק, ממש קלאָר און אויסגעשפּראָכן, וויזן זיי אַז מ'קען נישט ממאס זיין די תאוות היצר, ווייל אַזוי האָט דער בורא געוואָלט זאָל קומען יצירה, אַז תאווה גיט דעם מענטשן דעם התלהבותדיקן כוח, צו טאָן מצוות מיט ברען, מיט שטאַרקן רצון און נישט סתם אַזוי פלעגמאַטיש, „מצות אנשים מלומדה".

די תּאווה קאָן אפילו באַהערשן דעם חסיד שבחסידים און דעם סאַמע אָפּגע־היטענעם ייִדן: „אפילו חסיד שבחסידים אין ממנים אותו אפיטרופוס על העריות" [15], ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען. פאַרטאָן זיין אין תּאווה — איז פאַרברעכעריש, ווי עס ווערט געזאָגט אין חסידישע ספרים: בושה איז דאָ בעת הזיווג. ווען מען גייט מקיים זיין די מצווה, טוט מען עס אין געהיים, אין דער פינצטער, מיט בושה... ווייל ווען נישט בושה, וואָלט מען דאָס געטאָן אין דער עפנטלעכקייט. אָבער דער פּראָדוקט וואָס קומט פון אָט דעם „הסתר", קומט שוין בקולי־קולות... דאָס אַלץ ווייזט, אַז ווען די מעשׂה קומט אַרויס קאָנקרעט, קומט עס מיט פרייד, מיט פרסום, ווייל די מצווה האָט געבראַכט רעזולטאַטן. בעתן זיווג, ווען ס'איז דאָ דער טעם פון לוסט, מאַכט מען נישט קיין ברכה!.. [16] אַלע אונדזערע מאָראַליסטן האָבן אָבער מסכּים געווען אַז בעתן זיווג, מוז מען זיין באַהויכט פון ריינער מחשבה; אַ פּגם אין דער מחשבה, איז פּוגם דעם ברית און וואָס מער מ'קען צוריקהאַלטן דעם יצר, ווי דער גערער רבי האָט געלערנט, אַלץ חשובֿער איז מען אין הימל [17].

אויף וואָס אַלע שיטות זענען זיך צונויפגעגאַנגען איז אָן ספק דער פּרינציפּ, אַז זיווג, פאַרבונדן מיט תּאווה, זאָל ברענגען פּרוכט און אַז מ'זאָל חתונה האָבן יונג, בכדי נישט צו פאַרלירן קיין זרע.

אין די קבלה־ און מוסר־ספרים ווערן גאָר אַ סך געשילדערט די צרות וואָס מ'האָט אויסצושטיין פון „חטאת נעורים", פון וועלכע ס'איז זיך זייער שווער אויס־צוהיטן בחורווייז און נישט ווייניק, אַפילו ווען מען איז עלטער און מ'האָט שוין אַ ווייב. סיידן, מ'לעבט נאָרמאַל און מיט געוואַלדיקן קאָנטראָל.

דעריבער האָבן די חז"ל שטאַרק געוואָרנט קעגן פאַרלירן זרע און קעגן נעמען אַ פּרוי לשם זנות. רב האָט זיך אויסגעדריקט: „המקשה עצמו לדעת יהא בנידוי" [18]. אין די פּרקים פון דרך־ארץ לערנט מען, אַז דער וואָס נעמט אַ פרוי בלויז צוליב סעקסועלער באַפרידיקונג, איז פּונקט ווי ער וואָלט געפּעלשט אין גאָט חלילה [19]. דער ציל איז יצירה — ברענגען קינדער און אָנפילן מיט זיי די וועלט.

די מערהייט פון די חכמי התּלמוד זענען געווען קעגן נזירות און פּרישות. שמעון הצדיק, ר' שמעון און ר' אלעזר הקפר — האָבן געהאַלטן, אַז אַ נזיר איז אַ חוטא, אַ זינדיקער מענטש, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער הנאה פון וויַין [20]. דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט בלויז וועגן וויַין, נאָר פון אַלץ וואָס גיט דעם מענטשן פאַרגעניגן. רבֿ, דער גייסטיקער פירער פון בבלישן ייִדנטום, דער קדוש וטהור און אָנערקענטער אויטאָריטעט אויף אַ סך געביטן, דריקט זיך אויס: „עתיד אדם ליתן דין וחשבון על כל מה שראתה עינו ולא אכל" [21] — אָבער הנאה לשם זנות, סתם אַזוי געשלעכטלעכע באַציִונג, אָן וועלכע נישט איז קדושה־מאַטיוון, האָבן אַלע געהאַלטן, דאַרף ווערן פאַרוואָרפן.

פּראָפ' העשל אין זיין איבערגעבן דעם פאַרבאָט פון „הוצאת זרע לבטלה"

לויט חסידות, ציטירט פון זוהר, ווי מוראדיק עס איז די דאָזיקע עבירה, אַז ס׳העלפט אַפילו נישט קיין תשובה. נאָך מער: ר׳ יוסף קארו האָט עס אַריינגענומען אין שלחן ערוך, אַרויסרופנדיק אַן אימה אין יידישע נשמות[22].

אין מיין ווערק „די באַציִונג צו דער פרוי״, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויס־פירלעכער וועגן פאַרברעך פון פאַרלירן זאָמען און אַז דער פאַרבאָט איז על־פּי התורה: צוליב דעם זענען ער ואונן אומגעקומען, אַן עונש פאַר זייער פּראַקטיצירן — „וואַרפן זרע אויף דער ערד״... דער פאַרבאָט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן ביי די חכמי התלמוד און נאָך מער ביי די מקובלים.

פון די צען נסים וואָס זענען געשען אין בית־המקדש איז איינער פון זיי „ולא אירע קרי לכהן גדול ביום הכפורים״[23] וואָס ווייזט אויף דריי זאַכן: א) שווער זיך אויסצוהיטן פון קרי, און בלויז אַ נס האָט געראַטעוועט דעם כהן גדול; ב) ס׳ווענדט זיך אין דער מחשבה — ווען מ׳האָט ריינע מחשבות, קומט נישט קיין קרי. דער כהן האָט יום־כפור נישט געטראַכט פון קיין זאַך, אויסער דער עבודה און קדושה פון יום־כפור; ג) מ׳האָט דאָך פאַר אים געהאַלטן גרייט זיין פרוי. ער איז געווען אין דער בחינה פון „מי שיש לו פת בסלו״ און ד) מ׳האָט אים נישט געלאָזט איינשלאָפן. און נאָך דעם אַלעמען, נאָך די אַלע אויסהיטונגען, איז עס געווען אַ נס!

ווי געזאָגט, זענען די חכמי התלמוד גוואַלדיק מחמיר אויף „חטאת נעורים״ — דאָס אַרויסלאָזן אומזיסטע זרע, אַפילו אָן כוונה און אוודאי איז דער איסור גרויס ווען דאָס ווערט געטאָן בכוונה.

אין די ווערטער פון רמב״ם:

„...וכבר הזהירו חכמים הרבה... והאריכו לשון לאיים ולהפחיד כל המקשה עצמו לדעת והמוציא שכבת זרע לבטלה״[24].

דער זוהר גייט נאָך ווייטער אין באַהויפּטן, אַז ס׳איז נישטאָ דערויף קיין תשובה, „לית לך חובא בעלמא דלא אית ליה תשובה בר מהאי״[25] און אין דער דאָזיקער שיטה גייט דער שלחן ערוך און זיינע נושא כלים[26]. אין חב״ד־ספרים געפינען מיר גאָר שטאַרקע אויסדרוקן אין דעם ענין און ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, רעדט דערפון ר׳ צדוק הכהן אין אַלע זיינע ספרים.

אין קאָצקער חסידות האָט מען נאָכגעפאָלגט די שטרענגקייט פונעם זוהר.

מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל באַטאָנט, אַז די חז״ל האָבן נישט איגנאָרירט און נישט מבטל געווען דעם כוח פון יצר. זיי האָבן דעם יצר געוואָלט האַלטן אין די ראַמען, אויסהיטן די גזועלשאַפט פון געשלעכט־אַרגיעס און פאַרהיטן דאָס פאַמיליע־לעבן פון אומטריישאַפט.

רבי חוניא אין נאָמען פון רבי דוסא זאָגט: צוויי יצרים האָט דער רבונו־של־עולם באַשאַפן אויף זיין וועלט — דעם יצר־הרע פון עבודה זרה און דעם יצר

פון זנות; דער יצר־הרע פון עבודה זרה איז שוין אויסגעריסן געוואָרן, אָבער דער יצר־הרע פון זנות איז געבליבן. דער וואָס קאָן באַווייזן צו באַקעמפן דעם דאָזיקן איבערגעבליבענעם יצר, ווערט אים פאַררעכנט, ווי ער וואָלט ביידע באַזיגט[27].

די חכמים האָבן געוואָלט אַז די ליבע צו גאָט זאָל זיין, ווי די ליבע צווישן מאַן און פרוי. ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי געמאַכט דעם דאָזיקן פּאַראַלעל. אויפן פּסוק „אני לדודי ועלי תשוקתו"[28], רעכנט אויס דער מדרש די דריי גלוסטונגען, און באַטאָנט אַז ווי די גלוסטונג פון דער פרוי איז צו איר מאַן, (געמיינט אַן ערלעכע פרוי), אַזוי איז אויך די גלוסטונג פון כנסת ישראל צו הקדוש־ברוך־הוא, פאַרשטייט זיך ביי גלייביקע ערלעכע ייִדן[29].

דאָס לעבן צווישן מאַן און פרוי, די ליבע וואָס הערשט צווישן זיי, ווערט דעריבער נישט באַטראַכט פאַר אַ יצר־הרע, נאָר פאַר אַ נויטווענדיקייט און אַ נוצלעכקייט. מיר האָבן דעריבער חלוקי־דעות וועגן בעל־קרי. די תקנת עזרא איז, אַז נאָך דעם ווי מען גיט זרע (ביי אַ פאַרקער מיטן ווייב, אָדער די זרע קומט פון זיך זעלבסט), דאַרף מען האָבן טבילה, אַזוי דער מאַן און אַזוי די פרוי; אויב זרע האָט זיך אָפּגעשיידט פון איר — „פולטת שכבת זרע" — דאַרף מען האָבן טבילה, איידער מען זעצט זיך לערנען, „שלא יהו תלמידי חכמים מצויין אצל נשותיהן כתרנגולים". דאַקעגן די תקנה פון רבי יהודה בן בתירה איז געווען, נישט צו זיין שטרענג מיט דער טבילה[30], ווייל צו פיל שטרענגקייט וועט צוריק־האַלטן פון געשלעכטלעכע באַציִונגען און פאַרמיידן צו האָבן קינדער, פאַרמיידן די מצווה פון פריה ורביה...

הערות

א

1 בראשית, י', א'-ג'.
2 בראשית רבה, כ"ו, ה'.
3 זע, פרקי דרבי אליעזר, כ"ב; ילקוט שמעוני, בראשית, ו', רמז מ"ד.
4 יומא, ס"ז, ע"ב; נדה, ס"א, ע"א. אינטערעסאַנטער מאמר אין „כתלנו", ישיבת הכותל-אויסגאַבע, מנחם-אב, תשל"ב, ז"ז 14-18.
5 בבא בתרא, י"ד, ע"ב.
6 תהלים, צ"ט, י'.
7 שמואל א', ב', י"ב-י"ז; כ"ב.
8 זע, יהואש, איבערזעצונג.

9 שמואל, דאַרט, דאַרט, כ״ג-ל״ו.
10 יומא, ל״ט, ע״א.
11 סוטה, ג׳, ע״א.
12 זוהר, ויחי, ר״ן, ע״א א״אַ.
זע, ראובן מרגליות, מלאכי עליון, סטרא דשמאלאַ, הוצ׳ מוסד הרב קוק, ירושלים, תשכ״ד, ז״ז רט״ו-רכ״א.
13 שמואל ב׳, ט״ז, כ״ב.
14 סנהדרין, כ״א, ע״ב, א״אַ מקומות.
15 שמות רבה, א׳, כ״ו.
16 זע, ראובן מרגליות, מלאכי עליון, ז״ז כ״א-מ״ו.
17 דברים, ל״ג, י׳.
18 יחזקאל, מ״ד, כ״ג-כ״ד.
19 מלאכי, ב׳, ז׳.
20 כתובות, ב׳, ט׳.
21 עדויות, ח׳, ב׳, פסחים, ל״א, ע״א.
22 זע, אברהם ביכלער, הכהנים, ז״ז 139-140.

ב

1 אַבות, א׳, י״ז.
2 בראשית, ב׳, ז׳.
3 בראשית רבה, ט׳, ז׳ און אין אַנדערע מקומות.
4 ב״ב, ט״ו, ע״ב.
5 במדבר רבה, ט׳, ח׳; תנחומאַ, נשא, ב׳.
6 סנהדרין, מ״ד, ע״א.
7 דאַרט, ע׳, ע״א.
8 סוטה, ח׳, ע״א; ירושלמי, ברכות, ב׳, א׳.
9 ברכות, כ״ד-כ״ה; זע, רמב״ם, איסורי ביאָה, כ״א, ב׳; הלכות ק״ש; טור שו״ע, אהע״ז, כ״א, י״א; או״ח, ע״ה, א׳-ב׳; נודע ביהודה, צל״ח — אויפן אָרט.
10 ברכות, נ״ה, ע״ב — פּרטים.
11 שבת, קמ״ו, ע״א.
12 מהרי״ל איגר, תורת אמת, פ׳ חוקת: „גודל עוצם הקדושה לפי גודל הפרישה והרחקה מן העריות.
13 לויטן זוהר, ויקרא, דף ה׳.
14 בראשית, ה׳, ב.
15 ברכות, כ״ב, ע״ב.
16 במדבר, י״א, י׳; רמב״ם, איסורי ביאָה, כ״ב, י״ח.
17 דברים, כ״ג, י״ט.
18 מיכה, ו׳, ח׳; פּסיקתאַ רבתי, מ״ה. אויספירלעכער אין מאמר פון הרב ישראל שציפּאַנ-סקי, עיונים במוסר היהדות, אור המזרח, תשרי-טבת, תשל״ד, כרך כ״ג, חוב׳ א׳-ב׳, באַזונדערס ז״ז 25-26.
19 סוטה, ד׳, ע״ב.
20 קהלת רבה, ה׳, ט׳; איכה רבה און מסכת גיטין.
21 גיטין, צ׳, ע״ב.
22 נדה, י״ז, ע״א.
23 שבת, פ״ו, ע״א; לעמבערגער ספר חסידים „כתר״-אויסגאַבע, סימן, תתשט״ו.
24 בראשית, ד׳, ב׳.

ג

1 יומא, ס״ז, ע״ב.
2 ספרא און רש״י, קדושים, כ׳, כ״ו. אויך אין אַנדערע מקומות.
3 עירובין, ק׳, ע״ב.
4 במדבר, י״א, י׳, רש״י אויפן אָרט, ציטירט פון ספרי; זע, שבת, ק״ל, ע״א; יומא, מ״ה, ע״א.
5 מורה נבוכים, ו׳, מ״ט.
6 דברים, י״ז, י״ז.
7 שבת, נ״ה-נ״ו. וועגן דעם אין אַלע ספרים, איינשליסנדיק אויך גרויסע טיילן אין דער וועלטלעכער ליטעראַטור.
8 גיטין, ל׳, ע״ב; זע, דמשק, לאור האגדה, ז״ז קע״ט-ק״פ.
9 וועגן שאלת פלגש, זען: הרב ר׳ גדלי׳ פעלדער, נחלת צבי, חלק ב׳, 291-296, ז׳ 506 אא. צי אַ פּלגש קאָן ווערן אַ „סוטה״, צי דער וואָס וווינט מיט איר אָן קדושין, קאָן אַרויפּ־צווינגען אויף איר געטריישאַפט און פאַרראַט —פאַרדאַכט זאָל אַרויפלייגן אַ חוב צו טרינקען פונעם ביטערן וואַסער — זע, אנציקלופדיה תלמודית, ב׳, ז״ז 271-273.
10 גיטין, ד׳, ז׳.
11 דאָרט, מ״ה-מ״ו — באריכות.
אין שלחן ערוך, אבן העזר, אישות סימן י׳, ס״ק ג׳ חלוקי דעות צווישן ראַ״ש פון איין זייט, רמב״ן-רשב״א פון דער אַנדערער זייט און אַזוי בלייבט דער דין, „אַפילו לא כפל, חוששין ללעז...״ אַפילו ער האָט נישט געמאַכט קיין טאָפּלטן תנאי, ער האָט זיך נישט אויסגערעדט ווי געהעריק טאָר ער זי נישט צוריקנעמען, ווייל מ׳וועט שוין רעדן שלעכט אויף ביידן.
12 אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פּרוי״ — אויספירלעכער.
13 משלי, ו׳, ל״ב.
14 גיטין, ב׳, אָנהייב-וואָרט, „המביא״. זע אויך „מנחת חיי״, הלכות שונות, פון חיים יוסף באַראַז, ניו-יאָרק, תשל״ב, וועגן טעקסט און פּראָצעדור פון שרייבן און איבער־געבן דעם גט.
15 דברים, כ״א, י׳-כ״ג. אין דער יידישער איבערזעצונג, לויטן חומש-טעקסט: „אַז דו וועסט אַרויסגיין אין מלחמה אַקעגן דיין פיינט... און וועסט זען צווישן די געפאַנגענע אַ שיינע פרוי און וועסט זי גלוסטן און וועסט וועלן זי נעמען פאַר אַ ווייב. זאָלסטו זי ברענגען אין דיין הויז... זי זאָל באַווײנען איר פאָטער און מוטער אַ חודש צייט און דערנאָך זאָלסטו קומען צו איר, זי באַמאַנען, און זי זאָל דיר ווערן אַ ווייב...״
אין מסכת קדושין און רש״י, אויפן אָרט: „לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, שאם אין הקדוש ברוך הוא מתירה, ישאנה באיסור״.
16 מחלוקת בית שמאי און בית הלל — יבמות, ס״א, ע״ב.
17 זיי האָבן דערמיט נעגירט, אָדער געהאַלטן אַז די גירסא איז נישט ריכטיק אין ירושלמי, יבמות, פרק ב׳.
זע, מנחת חינוך און שאילת יעב״ץ, ב׳, סימן, צ״ז.

ד

1 סנהדרין, ב׳, ד׳; גמרא, כ״א, ע״א: „ר׳ יהודה אומר, מרבה הוא לו ובלבד שלא יהו מסירות את לבו. ר׳ שמעון אומר, אפילו אחת ומסירה את לבו...״
דער רמב״ם, הלכות מלכים, ג׳, ב׳ שרייבט: „לא ירבה לו נשים מפי השמועה למדו שהוא לוקח עד שמנה עשרה נשים ולא חילק בין מסירות ובין אין מסירות...
זע, זרח ורהפטיג, שר הדתות, זריחת השני, ז״ז 172-173.
2 סנהדרין, דאָרט.

3 דאָרט, עמוד ב׳.
4 זע, אברהם רעכטמאַן, ייד׳ עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר, ייוו״אָ, אַרגענטינע, 1958, ז״ז 120-122.
5 משלי, ל״א, א׳.
6 ב׳, ז׳; ג׳, ה׳.
7 נדה, כ״ז, ע״א. אין קאָמענטירן אויף דער משנה (דאָרט, ד׳, ו׳) „המקשה בתוך שמונים של נקבה״... דערקלערט רש״י: „שנתעברה בימי טוהר, או שנשתהה ולד אחר חבירו ב׳ חדשים וחצי, אחד נגמרה צורתו באמצע שביעי ואחד נגמרה צורתו לסוף תשיעי, כמעשה דיהודה וחזקיה בני ר׳ חייא (לעיל דף כ״ז).
8 שבת, ל״ג, ע״א.
9 „מאה פעיות האשה פועה בשעת לידה״ — הונדערט געשרייען לאָזט אַרויס די פרוי בעתן געבורט — תנחומאַ, תזריע, ד׳.
10 ברכות, ס״א, ע״א.
11 שבת, ל״ג, ע״ב; קדושין, פ׳, ע״ב.
„נשים דברניות הן״ — דברים, רבה, י״א; ברכות, מ״ח, ע״ב.
„גרגרניות הן...״ טהרות, י׳, ט׳.
„אשה דרכה לצוות״ — ירושלמי, ע״ז, ב׳, א׳.
„אשה מגלה את הקדרה לידע מה חברתה מבשלת״ — תוספתא, טהרות, סוף פרק ח׳; תמורה, ט״ז; בבא מציעא, נ״ט, ע״ב.
„אשה צרה עיניה באורחים ויותר מן האיש״ — ב״מ, פ״ז, ע״א.
„עצלניות הן״ — ירושלמי, פסחים, א׳, ד׳.
12 משלי, ב׳, א׳. יהואָש-איבערזעצונג.
13 הושע, ד׳, י״א.
14 ש. ניגער, „פון מיין טאָגבוך״, ניו-יאָרק, תשל״ג, ז׳ 144.
15 דאָרט, דאָרט, ז׳ 144.
16 דאָרט, דאָרט, ז״ז 153-54.
17 מלכים א׳, ז׳ ח׳.
18 דאָרט, י״א, כ״ז.
19 סנהדרין, כ״א, ע״ב; זע, יצחק ניסנבוים, מועדים, ירושלים, 1967, ז׳ 210.
20 שיר השירים רבה, כ״א, י׳.
21 מלכים א׳, י״א.

ה

1 קוהלת רבה, אין נאָמען פון רבי שמעון און אין בראשית רבה, אין נאָמען פון רבי נחמן.
2 ברכות, משנה ט׳, א׳ און גמרא, נ״ד, ע״א.
3 בראשית, ט״ו, ה׳.
4 דברים, ו׳, י״א.
5 דברים, א׳, י׳.
6 כ״ט, ו׳.
7 הלכות אישות, ט״ז.
8 סימן תתתשמ״ה; זע, משנת אברהם, אויפן אָרט.
9 ספר חסידים, ג׳, סימן תתתתרצ״ד; שו״ע אבן העזר, ל״ז, ח׳.
10 משנת אברהם, אויפן אָרט. דער טעם, פאַר וואָס אַנדערע פוסקים האַלטן אַז מען מעג מקדש זיין אַ קטנה, ווייזט אָן הרב פרייס, ווייל לויטן סדר עולם, האָט יצחק אָבינו גענומען רבקהן, ווען זי איז בלויז דריי יאָר געווען. ר׳ יהודה החסיד האַלט, אַז זי איז שוין געווען 14 יאָר.

אין אַ לענגערער הלכה-אָפּהאַנדלונג וועגן קדושי קטן, ברענגט אַרויס הרב פּרייס די חלוקי דעות און סומירט מיט זיין אייגענער אויספירלעכער מיינונג.
11 בראשית, ב׳, כ״ד; שבת י״ג, אָבות דרבי נתן און אַנדערע — נוסחאות.
12 בראשית, י״ב, י״ג.
13 מדרש און רש״י אויפן אָרט.
14 „מלים, משגים ומנהגים לאור שפת המצרים״. ספר השנה ליהודי אמריקה, כרך י׳-י״א, ז״ז 271-272.
15 בראשית, כ׳, י״ב.
16 בראשית ט״ו, ה׳.
17 שבת קנ״ז, ע״א.
18 בראשית, כ״ב, כ׳.
19 „וישמע משה בוכה למשפחותיו — על עסקי עריות שנאסר להם — סוטה. אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פּרוי״, מיינונגען פון מדרשים און מפרשים וועגן דעם געוויין ביים עריות-פאַרבאָט.
20 יואל, ב׳, כ׳.
21 סוכה, נ״ב, ע״ב.
22 שמות, י״ט, ט״ו.
23 מלכים, ב׳, כ׳, א׳.
24 ברכות, י׳, ע״א.
25 קהלת, ח׳.
26 כבשי דרחמנא — סתרים דקב״ה, רש״י. זע אויך מהרש״א אויפן אָרט.
27 סימן תתשמ״ו — משנת אברהם, דאָרט וועגן דעם פאַרגלייך וואָס דער בעל ספר חסידים האָט דאָ געמאַכט און ער פירט אויס, אַז דער פאַרגלייך איז, אַז אַפילו ווו עס איז דאָ אַ התנצלות, אַ פאַרענטפער, טאָר מען אַלץ נישט אָפּהאַלטן זיך פון מקיים זיין די מצווה פון פריה ורביה.
28 ברכות, י״ז, ע״ב. „מרגלאָ בפומי׳ דרב... העולם הבא אין בו לא אכילה ולא שתיה ולא פריה ורביה... פריער, פאַר דעם, ווערט דאָרט איבערגעגעבן, אַז מר בריה דרבינאָ פלעגט נאָך דער אָפיציעלער תפילה, צוגעבן: „ותצילנו מפגע רע... מיצר הרע... ומאשה רעה״.
29 תהלים, ל״ב, ו׳.
30 משלי, י״ח, כ״ב.
31 קהלת, ז׳, כ״ו, וועגן דעם: ברכות, ז׳-ח׳.
32 זע, אברהם יהושע העשל, „קאָצק״, צווייטער טייל, ציטירט פון גליקסמאַן, דער קאָצקער רבי, ז׳ 33.
דאָרט, ערשטער טייל, תל-אביב, תשל״ג-1973, ז׳ 23.

ו

1 שיר השירים, ד׳, ט׳ — יידיש, יהואָש-איבערזעצונג.
2 וועגן דער דאָזיקער אגדה און די באַאַרבעטונג פון ח״נ ביאַליק, אין צוויי ווערסיעס איינע אין תרע״ט און די צווייטע אין תרפ״ט) איז אַ סך געשריבן געוואָרן. פּראָפ׳ אפרים א. אורבאַך האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע און אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג אין „מולד״ פון תשי״ט (חוב׳ 131, ז״ז 266-274); אין זיין ווערק „על יהדות וחינוך״ (ירושלים, תשכ״ז, ז״ז 145-161); און אין „האוניברסיטה״ פון סיון, תשל״ג (כרך 18, חוב׳ ב׳ ז״ז 58-71).
3 משלי, ל׳, י״ח, י״ט.
4 געבראַכט אין „מבוא״ פון ר׳ שלמה באָבער צו מדרש תנחומאָ — דער משל איז צו ווייזן, אַז ליבע קאָן מען נישט צוריקהאַלטן — זע, אורבאַך אויספירלעך און די ציטירטע אגדות, מאמרים און הערות.

5 צו דערמאָנען אייניקע סימנים אין ספר חסידים, קע"ב, קע"ג, תקי"ט און אַנדערע.
6 שיר השירים רבה, ב׳, ט"ז. א"אַ מקומות.
7 סנהדרין, פרק מ"ג, ע"ב און יומא, פ"ה, ע"ב; ארבע מיתות מ"ט-נ"ח; בבא מציעא, נ"ט א"אַ מקומות.
8 חגיגה, ט׳, ע"ב. ספר חסידים, כתר-לעמבערגער אויסגאַבע, סימן קס"ז.
9 זע, דערמאָנטן סימן, ספר חסידים.
10 במדבר, כ"ה, ו׳. רש"י: „נתעלמה ממנו הלכה".
11 דאָרט, דאָרט, ח׳.
12 דאָרט, דאָרט, י"ב-י"ג.
13 במדבר רבה, אויפן אָרט; סנהדרין, פ"ב, ע"א.
14 זע, פרושים אויף רש"י: ר׳ אלי׳ מזרחי — רא"ם; מהר"ל מפראָג — גור ארי׳; ר׳ מרדכי יפה — לבוש האורה; ר׳ שבתי משורר — שפתי חכמים.
15 רש"י, ציטירט אין קיצור הדברים, פון סנהדרין, פ"ב, ע"א.
16 מלאכי, ב׳, י"ב.
17 סנהדרין, פ"א, ע"ב — פ"ב, ע"א.
18 עזרא, ט׳, י׳; י׳, י"ט.
19 דברים, ז׳, ג׳; הוריות, ו׳, ע"א.
20 זע, שמואל הכהן, קרבן אָשם על נושא נכריה, סיני, סיון, תמוז, תשל"ג, ז"ז קנ"ה-קס"ב.

ז

1 ישעיה, נ"ח, ז׳; זע, אברהם יהושע העשל, קאָצק, ערשטער טייל, ז"ז 235-248.
2 אמונות ודעות, י׳, ו׳; זע, העשל — באריכות.
3 שיר השירים, ז׳, ח׳.
4 זע, אברהם יהושע העשל, קאָצק, א׳, ז׳ 236 און אויך אין צווייטן טייל — ער פאַרנעמט זיך אויף אַן אויסשעפּנדיקער טעמע אין שייכות מיטן אויפנעמען תאווה אין חסידות בכלל און אין חסידות-קאָצק בפרט.
5 בראשית, מ"ט, ג׳.
6 זע, א"י, העשל, קאָצק, באַנד א׳, ז"ז 236; 241-246.
7 דאָרט, ב׳, ז"ז 269-681 און הערות, דאָרט, ציטירט פון „מי השלוח".
8 זע, דאָרט, ז׳ 630. הערות אויפן אָרט.
9 דברים, כ"א, י"א.
10 קדושין, כ"א, ע"ב; רש"י — אויפן אָרט.
11 ווי רא"א פּרייס, אין משנת אברהם אויף ספר חסידים, פירט אויס להלכה.
12 זע, מי השלוח, כי תצא.
13 זע: תענית, ו׳, ע"א; סוכה, נ"ב, ע"א; מי השלוח, נצבים וילך א"אַ.
14 זע, קאָצק, ב׳, ז"ז 681-683.
15 ירושלמי, כתובות, א׳, ח׳.
16 דאָס קלאַסישע וואָרט פון ווילנער גאון, אַז דערפאַר מאַכט מען נישט קיין ברכה אויף תשמיש המיטה, ווייל מען איז נישט זיכער צי די כוונה איז בלויז מצווה, און איז ריין פון תאווה... כי הזיווג למצוה ניתן, אבל לא להנאת הגוף... אגרא דפרקא, קצ"ז.
17 שפתי צדיק, דברים, ס"ח.
18 נדה, י"ג, ע"ב.
19 דרך ארץ זוטא, פרק י׳.
20 ירושלמי, נדרים, י׳, א׳.
21 ירושלמי, סוף קדושין.
22 זע, קאָצק, ז׳ 237.
23 אָבות, פרק ה׳, משנה ה׳.

24 פירוש המשניות.
25 זוהר, ויחי, רי"ט, ע"ב.
26 אָנהייב אבן העזר.
27 שיר השירים רבה, ז׳, י"ג. זע, פירוש מירקין.
28 שיר השירים, ז׳, י"א.
29 שיר רבה, אויפן אָרט.
30 זע, ברכות, כ"א-כ"ב.

ווי געזאָגט איז לויטן זוהר, די פאַרבאָטנקייט קעגן הוצאת זרע לבטלה — די „מקרה קרי" — אַזוי האַרב, אַז ס'זאָל נישט פועלן קיין תשובה. אין קאָצקער חסידות איז די דאָזיקע שטרענגקייט נאָכגעפאָלגט געוואָרן. אין דער הקדמה צום „אגלי טל" פון סאָכאָטשאָווער רב און אדמו"ר ר׳ אברהם באָרנשטיין, קאָצקער איידעם, ווערט גע-זאָגט, אַז דאָס קומט פון הרהור און איז גורם אַ פגם אין מוח (די פּרווידיאַנער בויען אַ גאַנצע וויסנשאַפטלעכע טעזע — און דאָ, ביי אַ רבין, בלויז אַ זאָג און געגוג).
די עצה אויסצוהיטן זיך האָבן מיר שוין אין תלמוד: „אַל יהרהר אָדם ביום ויבא לידי טומאָה בלילה", ווייניקער שלעכטע מחשבות, וועט זיין ווייניקער „נגעי... מקרה לילה" (אין לשון פון זוהר).
דער בעש"ט, ווי באַקאַנט, האָט געהאַט אַ תיקון אויפן דאָזיקן פגם, כדי נישט אַריינצופאַלן אין עצבות.

קאַפּיטל זיבן

תאווה אין אונדזערע טעג

א. הפקרות און סעקס-ווילדקייט. — מאַראַל-היטערס וועלכע מ'דאַרף היטן. — צי קען מען זיך אומקערן צום אַמאָליקן לעבנס-שטייגער? ווי מיר האָבן ביז איצט געזען, האָט דער יצר־הרע תּמיד געאַרבעט. דאָס איז די „מיסטעריע" פון לעבן, פון עקזיסטירן, פון שאַפן. געשלעכט איז אַ וויכטיקער, אפשר דער וויכטיקסטער, טייל פון מענטשלעכן לעבן, פון קיום המין. אין אַמאָליקע צייטן האָט מען געזוכט עצות ווי צו צוימען דעם יצר און ס'זענען געשאַפן און איינגעשטעלט געוואָרן געוויסע גדרים. דער שלאָפצימער איז געווען אַ טייל פון מענטשלעכער באַפרידיקונג, אַ לעגיטימער יסוד פאַרן מענטשלעכן ווילזיין — אָבער נישט ווי אין אונדזער צייט, ווען אַלע גדרים ווערן צענומען, צעלייגט, סעקס און עראָטיק פאַרנעמען דעם גאַנצן יש און זענען אַרויס מיט פולער הפקרדיקייט, מיט נאַקעטער פאַרשייטקייט.

„שיר השירים" איז דער העכסטער, אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון ליבע און מענטשלעכער ליידנשאַפט, אָבער נישט אין פאָרעם פון „סעקס-עקספּלאָזשן", ווי מיר האָבן עס אין אונדזער צייט. אונדזערע מעדיקער, פּסיכאָלאָגן און סאָציאָלאָגן, זענען כּסדר פאַרנומען מיטן פּראָבלעם, ווי אָפּצוהאַלטן די זכר־נקבה־באַציִונגען...

וויליאַם שעקספּיר (1616 - 1564) האָט אין „ראָמעאָ און דזשוליעט" אַרויסגעבראַכט דעם כּוח פון ליבע, „כּי עזה כּמות אהבה", אַז שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבע; אָבער דאָרט איז עס ריינע ליבע, די אידיליע און ראָמאַנטיק פון אַ פאַרליבט פּאָרל, נישט סתּם עראָטיק, נישט סתּם הפקרות צווישן אַן ער מיט אַ זי, ווי מיר זעען עס אין אונדזערע טעג. ווען די ליטעראַטור דערמוטיקט דעם געגנוס און די פילמען שטאַרקן די תּאווה. מ'יאָגט זיך אַרויסצוברענגען די נאַקעטקייט פון דער פרוי, צו רייצן די עמאָציעס דורך אויפדעקן און אָפּדעקן דער פרויס לײַב.

איז אַוועק מיט דער בושה! געוואָרן דער לאָזונג. די בושה וואָס איז געווען אַ באַווייז פון ראַפינירטקייט, פון עסטעטיש־עטישן פּרינציפּ, פון קולטור־אַנטוויקלונג, איז מיט אַ מאָל ווי אָפּגעשאַפט געוואָרן, צוליבן געגנוס פון „פלײשיקער תּאווה".

אין יהדות איז בושה אַ וויכטיקער עלעמענט אָפּצוהאַלטן מענטשן פון זינד. דאָס פאַרלירן די בושה האָט — לויט חז"ל — גורם געווען דעם חורבן ירושלים: „לא חרבה ירושלים אלא מפני שלא היה להם בושת פנים"[1]. מ'האָט פאַרלוירן די שאַנדע, מען האָט זיך גאָרנישט געשעמט מיט אויסגעלאַסנקייט, הפקרדיקייט און במילא איז מען אַרויס פון קאָנטראָל, פון צוריקהאַלט צו באַגיין זינדיקע מעשׂים.

אַ סימן אויף באַשיידנקייט, אָרנטלעכקייט, האָט מען געזען לויט דער ביישנות וואָס אַ מענטש באַזיצט — „סימן יפה באדם, שהוא ביישן"![2] נאָך מער, בושה ברענגט צו יראת חטא — „כל אָדם המתבייש לא במהרה הוא חוטא"[3]. בושה האַלט צוריק דעם מאַן פון נאָכלויפן און נאָכיאָגן זיך נאָך זנות־פאַרקער און פאַרבאָטענע געשלעכט־באַציִונגען.

דער מענטש וואָס האָט „בושת־פנים", איז פאַרזיכערט מיט גן־עדן[4], ווייל די בושה וועט אים אָפּהאַלטן פון טאָן שלעכטע זאַכן, פון באַגיין פאַרברעכנס.

דער נביא יחזקאל, אין זיין שטראָפן די זינדיקע פון פאָלק, זאָגט זיי: „בושו והכלמו מדרכיכם" — שעמט אייך פאַר אייַערע וועגן[5]. ירמיה הנביא זאָגט, אַז ער שעמט זיך פאַר די זינדיקע מעשׂים פון זיין פאָלק — „בושתי וגם נכלמתי"[6].

דער פרויס בושה איז גרעסער ווי דעם מאַנס[7]. אַ פרויס פאַרשייטקייט איז לגמרי נישט טאָלערירט געוואָרן. אַז דער נביא ירמיה האָט געוואָלט זיך באַנוצן מיט אַ גאָר שטאַרקן אויסדרוק וועגן דער פאַרשייטקייט וואָס הערשט ביים פאָלק, האָט ער דאָס אָנגערופן — „מצח אשה זונה"...[8] און דאָס איז שוין געוואָרן אַ פאָלקסוואָרט, אַ סינאָנים פאַר אַ מענטש וואָס האָט, ווי מען זאָגט, „פאַרשטאָכענע אויגן" — ער טוט אָפּ די גרעסטע פאַרברעכנס און שעמט זיך נישט.

די נביאים, אין זייער רופן צו תשובה, חרטה, געטריישאַפט צו תורה און צום בורא, האָבן געפאָדערט בושה ביים מאַן — און דורך בושה קומען צו תשובה. אומצייליק זענען די פאַרלאַנגען פון בושה ביי ישעיה, ביי ירמיה, ביי יחזקאל און ביי אַנדערע נביאים.

דער נביא הושע, אין זיין אויפדעקן דעם פאַרראַט און די געמיינקייטן אין ישׂראל, גיט דאָס איבער אין די ווערטער: „כי זנתה אמם, הובישה הורתם, כי אמרה אלכה אחרי מאהבי..." — וואָרעם מזנה געווען האָט זייער מוטער, פאַרשעמט (פאַרמיאוסט) האָט זיך זייער געווינערין. וואָרעם זי האָט געזאָגט: איך וועל גיין נאָך מיינע ליבהאָבערס, די וואָס גיבן מיר מיין ברויט און מיין וואַסער...[9]

דער נביא וואָרנט — אויב ישׂראל וועט נישט אָפּטאָן דעם זנות פונעם פנים און דעם ניאוף פון צווישן די בריסט, וועט ער זי אויסטאָן אַ נאַקעטע און זי לאָזן שטיין ווי אין טאָג פון איר געבוירן — „פן אפשיטנה ערומה והצגתיה כיום הולדה"[10]. אויסטאָן אַ נאַקעטע, איז געווען די גרעסטע פאַרשעמונג. דאָס אויסטאָן איז אין דער תלמודישער תקופה געניצט געוואָרן, צו קענען וויסן, צי

די פרוי האָט שוין יצר, צי זי באַזיצט שוין תאווה. וועלכע מיידעלע איז באַטראַכט געוואָרן אַלס מינדעריאַריקע? די — „שאינה בושה לעמוד לפניו ערומה" [11]. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז דאָס מיידעלע איז נאָך אַ קינד, האָט נאָך נישט קיין „טעם ביאה"... מיטן מאָמענט ווען זי הייבט זיך אָן שעמען מיט איר נאַקעטקייט פאַר אייגענע, איז עס אַ באַוויז אַז „יצר אלבשה".

וואָס זאָל נעבעך טאָן אַ מאַן, ווען ס'האָט אָנגעכאַפּט דער יצר און קען זיך נישט באַהערשן?...

איז די עצה ווי שוין דערמאָנט — ער זאָל אַוועק אין דער פרעמד, ווו מ'קען אים נישט. „אם רואה אדם שיצרו מתגבר עליו, ילך למקום שאין מכירין אותו וילבש שחורים ויתעטף שחורים ויעשה מה שלבו חפץ ואל יחלל שם שמים בפרהסיא" [12].

די מפרשים, ווייזט אויס, האָבן נישט געקענט מסכים זײַן צום פשוטן טייטש: אַוועק פון דער היים און פראַנק-און-פריי טאָן וואָס זיין האַרץ פאַרגלוסט זיך. האָבן זיי דעריבער געזוכט צו געבן אַ געוויסע אינטערפּרעטאַציע צו אָט דער עצה.

ווי דער טייטש זאָל אָבער נישט זיין, זעט מען ווי די בעלי התלמוד האָבן געזוכט מיטלען אָפּצוהאַלטן מענטשן פון עבירות און איינהיטן די בושה, וואָס העלפט דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל.

הנאה האָבן פון לעבן, געניסן פון אַלץ וואָס גאָט האָט געגעבן — אַוודאי! „עתיד אָדם ליתן דין וחשבון על כל שראתה עינו ולא אכל ממנו" [13]. אָבער די הנאה דאַרף קומען בהיתר פון מאכלים און זאַכן וועלכע זענען דערלויבט און זענען געהייליקט, בקדושה ובטהרה.

הנאה האָבן פון לעבן, מיינט נישט לעבן הפקרדיק; מיינט נישט אומקערן זיך צו חיהשקייט; מיינט נישט לערנען מיט זיבן יאָריקע קינדער וועגן „סעקס", ווי דאָס ווערט אַזוי שטאַרק פּראָפּאַגירט די לעצטע יאָרן.

די פּראָפּאַגירערס פון נאַקעטקייט, פון פרײַען געשלעכט-פאַרקער, פון אַרײַנ-ברענגען אינעם שולוועזן אַ לימוד וועגן סעקסועלער באַנעמונג, מיינען, אַז דערמיט האַלט מען צוריק זנות-אויסגעלאַסנקייט. פאַקטן אָבער באַווייזן דאָס פאַרקערטע: דאָס פאַרשפּרייטן פאַרנאָגראַפיע אויף דעם דאָזיקן דערצי׳עריש-לעגאַלן אופן, דעגראַדירט די פרוי און פירט צו די בראשיתדיקע אורטעג, וואָס האָבן געבראַכט מבול און אומקום.

די נאַקעטקייט-מגיפה האָט דערגרייכט צו אַזאַ שטופע, אַז אַ באַרימטע שוי-שפּילערין דאַרף דערקלערן פאַר דער וועלט, אַז זי האָט זיך נישט אויסגעטאָן נאַקעט פאַר מענער צוליב זייער פאַרגעניגן און איר פאַרדינסט...

קיין מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, האָט מען זיך נישט אָנגע-הערט פון אַזוי פיל פאַרגוואַלדיקונגען ווי אין אונדזער צייט: מען פאַרגוואַלדיקט

נישט בלויז דערוואַקסענע, נאָר אויך אַ גרויסע צאָל קינדער, מינדעריאָריקע. מיט מעסערס אין דער האַנט פֿאַרגוואַלדיקט מען מיידלעך אין די פּאַרקן, ביי שווים־פּלעצער, אין געבעט־הייזער — און ווו נישט?

קיין שום ספק, אַז שולדיק אין דער דאָזיקער מגיפה זענען די „עקספּערטן" וואָס האַלטן אין איין פֿאַרשפּרייטן ליטעראַטור, אַז סעקסועלע באַפֿרידיקונג איז געזונט פֿאַרן מוח, פֿאַרן גוף און פֿאַר דער נשמה. זיגמונט פֿרוידס טעאָריעס זענען אַרויס פֿון דאָקטוירים־לאַבאָראַטאָריעס און באַאײַנפֿלוסן יונג און אַלט, רעגן און רייצן צו פֿאַרבאָטענער פֿרוכט און אַזוי אַרום ווערט צעשטערט אויף אַ ברוטאַלן אופֿן די הייליקייט אינעם פֿאַמיליע־לעבן.

אַזעלכע ווערק, ווי פּיליפּ ראָטהס „גודביי קאָלאָמבוס", „פּאָרטנוים באַקלאָגן זיך" און ענלעכע פּאָרנאָגראַפֿישע ווערק, ווו איין שרייבער וויל איבעריאָגן דעם אַנדערן צוליב געלט און פּאָפּולאַריטעט, באַרעכטיקן פּערווערסן, שאַקירנדיקן געשלעכט־געיעג; שאַפֿן אַ נייעם סאָרט העלד — אַ געשלעכטהעלד אין די שלאָף־צימערן, באַשרייבן סעקסאָרגיעס און וועקן רייצנדיקע אינסטינקטן. אַזאַ זשורנאַל ווי „פּלעי־באָי", וואָס ווערט אויסגעכאַפּט פֿון מיליאָנען פֿאַר גאָר אַ גוטן פּרייז, לערנט, דורך בילד און וואָרט, ווי אַזוי מען קען זיך „ליבן", ווי אַזוי צו ברענגען זרע לבטלה, וואָס איז קעגן רעליגיע און מאָראַל. אַזעלכע זשורנאַלן דערהייבן נודיזם און גאַסן־פּרעכקייט און זענען גורם ווענערישע קראַנקייטן וואָס זענען עלול צו ברענגען חורבן פֿאַר דער גאַנצער ציוויליזאַציע, צו פֿירן די מענטשהייט צום תהום.

און נישט בלויז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער גיט מען זיך אָפּ מיט דער נייסטער סעקסאָלאָגיע. אויך אין סאָוועט־רוסלאַנד דערשיינען שוין ווערק מיט אַן אינהאַלט, וואָס שליסט אײַן עצות, ווי אַזוי צו פֿאַרשטאַרקן און אײַנהיטן דאָס פֿאַמיליע־לעבן. אויך די סאָוויעטישע וויסנשאַפֿטלערס שטיצן זיך אויפֿן פֿרוידיזם און גיבן סגולות „קאַלטע פֿרויען", ווי צו לייזן זייערע פֿאַמיליע־פּראָבלעמען.

איינער פֿון די אָנגעזעענסטע סעקסאָלאָגן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, פּראָפֿ' א. מ. סוויאַדאָשטש, ווייזט אָן אין זיין ווערק „סעקס און מאָראַל", אַז דאָס געשלעכט־לעכע לעבן פֿון אַ מענטשן באַווירקט זיין מאָראַלישע האַלטונג און די עטישע מאָטיוון וואָס פֿאָרמירן זיין פּערזענלעכקייט. ער גיט איבער אַ צאָל עצות, ווי אַזוי די סאָוויעטישע פֿרוי קען באַפֿרידיקן דעם מאַן. ער פֿאַרגעסט אויך נישט צו באַ־הויפּטן, אַז די סאָוויעטישע פֿרוי איז מער פּאַסיק, מער ראָמאַנטיש און דעריבער אָנגעפֿילט מיט אָרגאַזם, צופֿרידנשטעלנדיק זיך און איר בן־זוג.

ווי אַזוי מ'זאָל נישט אויסטייטשן זיינע באַהויפּטונגען און ווי אַזוי מ'זאָל נישט אויפֿנעמען זיינע סעקסאָלאָגישע עצות, איז קיין ספק נישט, אַז ער איז באַווירקט פֿונעם פֿרוידיזם, אַפֿילו ווען ער זאָל דאָס נישט צוגעבן.

אין יידנטום, אַפילו אין דער נייער צייט, מיטן אַנטשטיין פון באַוועגונגען פאַר אַן אַבסאָלוטער סעקולאַריזאַציע און נאָרמאַלקייט וואָס שייך מאָראַלישע און נאַציאָנאַלע פּאָלקס־אַספּיראַציעס, איז דאָך די באַזע פון משפחה־לעבן געבליבן מיט מער צוגעבונדנקייט צווישן מאַן און פרוי, אַ דאַנק די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן פון רעליגיעזן לעבן, ווי עטישע און מאָראַלישע פאַקטאָרן לדור־דורות.

און דאָ קומען מיר צו דעם תּמצית פון זיגמונט פרוידס טעאָריע אין שייכות מיט סעקס־פּסיכאָלאָגיע. דאָס איז דער ייִד פרויד, וואָס האָט געוואָלט אָוועקנעמען פון אונדז משה רבינו און אים פאַרוואַנדלען אין אַ מצרישן פּרינץ. זיין אַבסורדאַלע משה־שאַפונג איז שוין פון לאַנג אָפּגעפּרעגט געוואָרן — אָבער וואָס איז מיט זיינע פּסיכאָ־ווויסנשאַפטן?

זיגמונט פרויד האָט געשאַפן די וויסנשאַפט וואָס רופט זיך פּסיכאָאַנאַליז. זיינע אַנאַליטישע אַקסיאָמעס, זיינע טעאָריעס וועגן דעם דראַנג צו קערפּערלעך־סעקסועלן פאַרגעניגן זענען אָן ספק יסודותדיק. די פראַגע איז בלויז אויף וויפל יסודותדיק. אין זיין שטעלן אַלץ אין דער מענטשלעכער פּסיכיק אויף סעקס, איז ער אַריבער די גרענעצן פון יהדות. זיין פּסיכאָאַנאַליז איז געוואָרן פאַרפירעריש און האָט אים אַליין פאַרפירט. ווי אַ טייל פון זיינע ביאָגראַפן און תּלמידים דערציילן, האָט ער געפירט אַ ליבע מיט זיין פרויס (מאַרטאַס) שוועסטער. די לעצטע, האָט צוליב דעם נישט חתונה געהאַט, ווייל ער האָט זי צופרידנגעשטעלט.

די ייִדישע מאָראַל האָט דאָס געוואָלט פאַרהיטן, אויסמיידן, אַפילו פאַרמיידן אַ נסיון!

די וועלט איז טיילווייז אַוועק פון פרוידיזם אַלס אַ וויסנשאַפט. אָבער אין דער פּראַקטיק האָט מען גענומען פראַנק און פריַי אַגיטירן פאַר אַ פריַי סעקסועל לעבן, וועלנדיק דערמיט צופרידנשטעלן דעם תּאווה־רייץ, און לסוף, פאַרשאַרפט און פאַרשאַפט נאָך מער צרות צוליבן פאַרראַט און זנות, סיי פונעם מאַן און סיי פון דער פרוי. די בושה איז אָפּגעטאָן געוואָרן, אַ פרוי אָדער אַ מאַן קאָן דעמאָנסטראַ־טיוו זיך באַווייזן נאַקעט און נישט וואַרטן מיט זייער נאַקעטקייט אין אַ נודיסטי־שער קאָלאָניע ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש.

אַ וועלט אָן יצרים קען קיין וועלט נישט זיין. די באַשאַף־מיסטעריע האָט אויך געוואָלט פלייִשלעכע פאַרגעניגנס, פלייִשלעכע פאַראייניקונג — אָבער דאָס, ווי מיר זעען עס אין תּנ״ך און אין תּלמוד, טראָגט מיט זיך נאָרמאַליזאַציע פון פאַמיליע־לעבן.

אין אונדזער דור, באַזונדערס די לעצטע יאָרן, הערט מען נאָר די וויכטיקייט פון סעקס־דערציִונג. די פּעדאַגאָגן טוען דאָס מסתּמא מיט גוטע כוונות; די פּראָ־פּאַגירערס ווילן פאַרהיטן יוגנטלעכע פון שטרויכלונגען.

די רעזולטאַטן אָבער זענען פונקט דאָס פאַרקערטע: וואָס מער מען לערנט

און וואָס מער מען קנעלט מיט דער יוגנט, מיט די סטודענטן פוןביידע געשלעכ־טער, וועגן סעקס, ווי זיך אויסצוהיטן פון שוואַנגערשאַפט, אַלץ מער הפקרות, מער הפקרדיקע אויפפירונגען, מער „סעקס" און מער ליידיקע קלאַסן־צימערן.

מיטן אַריינגעמען פרוידס פסיכאָאַנאַליטישע טעאָריעס אינעם שול־קוריקולום, זענען די סעקס־סטאַנדאַרטן נישט פאַרבעסערט געוואָרן, די צוריקגעהאַלטנקייט פון ליידנשאַפטלעכע עמאָציעס זענען נישט געזיכערט געוואָרן. אין קעגנטייל: ס'האָט דערוועקט ביי מענטאַל־קראַנקהאַפטע נשמות אַ יאָגן זיך נאָך סעקס, פאַר־געסנדיק דערביי אַז דאָס ברענגט שוואַנגערשאַפט.

ווען מינדעריאָריקע קינדער דערוויסן זיך די „סודות" פון זיווג, ווילן זיי דאָס אויספּרובירן, דערקענען פּראַקטיש די דאָזיקע פאַרשריבענע לערעס, און די „עפּיזאָדן" ברענגען נישט לעגיטימע רעזולטאַטן.

די קלאַסישע ליטעראַטור, סיי אין אַלטערטום און סיי אין מיטלעלטער, האָט נישט ווייניק געוועקט די פאַרשלאָפענע כּוחות פון גוף־ליידנשאַפטלעכקייט. בכדי צו אילוסטרירן דעם חילוק פון ליבע אין תנ"ך און ליבע אין דער גריכישער קלאַסיק, איז גענוג אָנצווייזן אויף די ליבע־מאָטיוון אין „שיר השירים" און דאָס עראָטישע אין דער גריכיש־רוימישער פּאָעזיע. ביים אָנהייב פון אייראָפּעיִשן רענעסאַנס זוכט מיגעל דע סערוואַנטעס (1547־1616) אין זיין גרויסן ווערק „דאָן קיכאָט" אַרויסצוהייבן דאָס פּשוטע, רעאַלע לעבן קעגן דעם פאַלשן ריטער־לעכן לעבנס־שטייגער. ער בלאָזט אָבער אויף דעם כּישוף פון ראָמאַנטישער ליבע אין אומגעצוימטקייט. דערקעגן אין יהדות איז דאָ קאָנטראָל, צוים. — דאָס ערדישע מוז האָבן הימלישעס; דאָס רעאַלע מוז האָבן גייסטיקע געשטאַלטונג.

דאָס אַלץ האָט אָבער נישט קיין פאַרגלייך מיט דער סעקסמאַניע אין דער היינטיקער ליטעראַטור, וואָס פאַרשוועכט ממש דעם מענטשלעכן אינטעלעקט. ווען סטודענטן שטאָפּן אָן זייערע מוחות מיט דעם סאָרט ליטעראַטור, בלייבט פאַר זיי איבער בלויז איין שריט ווייטער — מקיים צו זיין דאָס וואָס עס ווערט געשילדערט.

וואָס מער סעקס־דערציִונג, אַלץ מער סעקס־ליטעראַטור, אַלץ מער פּאָרנאָ־גראַפיע. בתולהשאַפט ווערט אַ פאַרעלטערט וואָרט. סטודענטן און סטודענטקעס באַשליסן צו פאָרן זיך צוזאַמען אויפן קאַמפּוס און די באַלעבאַטישע עלטערן באַזאָרגן זייערע טעכטער מיט אויסהיטונג־מיטלען קעגן שוואַנגערשאַפט, מיט אַבאָרטפּילן. די דאָזיקע פילן פירן צום באַנוץ פון מאַריכואַנאַ און אַלערליי סאָרטן שעדלעכע און גיפטיקע נאַרקאָטיקס, ביז מ'ברענגט אויף זיך ווענערישע קראַנקייטן וואָס זענען געפערלעכער פון העראָיִן. די ווענערישע קראַנקייטן קאָנען חלילה רויִנירן די מענטשהייט.

די גורמים צו אָט דער פאַרשייטקייט זענען די סעקס־ליטעראַטור, די פּאָרנאָ־

גראַפישע בילדער, די נאַקעטקייט־פילמען. ווען יוגנטלעכע פאַרזוכן פריי דעם טעם פון סעקס און מען הילט דערצו נאָך אײַן די פרייהייט אין אַ הילע פון פראַגרעס, פאַרלירט מען די בושה און מען שטעלט במילא זיך אַרויס מיט נאַקעט־קייט, ווי דער פסוק זאָגט: „ערומים ולא יתבוששו"!

די כוואַליע פון נאַקעטקייט, ווי געזאָגט, האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע ציווי־ליזירטע וועלט. עס איז נישט קיין בושה דאָס אויסטאָן זיך... און דאָס איז אַ גורם צו אַ גייסטיקער אויסגעטאָנענקייט.

עס מערט זיך די סעקס־ליטעראַטור, עס מערן זיך די נאַקעטקייט־זשורנאַלן און מאַגאַזינען, עס וואַקסט פּאָרנאָגראַפיע. עס וואַקסט דער מיסחר מיט רייצן יונגע קינדער מיט נאַקעטקייט, מיט פּראָוואָצירנדיקע פּאָזעס, מיט שטאָפּן די מוחות פון יונגע קינדער מיט פּערווערסע געשלעכט־אַרגיעס; און דערמיט זינקט דער אינטעלעקטואַליזם.

די פּסיכאָלאָגן וואָס האָבן געמיינט, אַז מיט פרייער ליבע און מיט פרייהייט פון געשלעכט וועט מען פּטור ווערן פון פּראָסטיטוציע און פון פאַרגוואַלדיקונג, זעען שוין אײַן, אַז די ווירקונג גייט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. דאָס געזעץ איז צו שוואַך דאָס אָפּצושטעלן, צו קאָנטראָלירן.

יונגע מיידלעך אין די מיטלשולן — שוין אָפּגערעדט פון אוניווערסיטעט־סטודענטינס — פאַרלאַנגען מ'זאָל זיי געבן פריי די פאַרהיטונגס־פּילן קעגן שוואַנ־גערשאַפט; פרויען־אָרגאַניזאַציעס ווענדן זיך עפנטלעך מ'זאָל לעגאַליזירן אַבאָרטן, מאַכן צוגענגלעך פאַר יעדער פאַרהייראַטער און נישט־פאַרהייראַטער פרוי די מיטלען קעגן עיבור. אַפילו קאַטויליש־גלויביקע פרויען פאַרלאַנגען אַ דערלויבע־ניש, זיך צו באַנוצן מיט מיטלען קעגן שוואַנגערשאַפט.

ס'איז היינט נישט קיין סענסאַציאָנעלע נייס, אַז מיידלעך זאָלן גיין צום אַלטאַר מיט זייער באַשערטן, ווען זיי זענען שוין אין די הויכע חדשים. אדרבה, ס'איז לעצטנס שוין באַלד אַ בכבודיקער אַקט, אויסצופּרובירן צי מ'וועט זיך צופּאַסן געשלעכטלעך און דערווייל, בעת דער „פּראָבע", ווערט מען שוואַנגער און מען זוכט מיטלען ווי פּטור צו ווערן פון דעם אומגעוווּנטשן נפשל.

די ווילדע פרייהייט און פרעכע אויפפירונג ברענגען אָבער, חוץ קראַנקייטן, אַ מגיפה פון גטן. ס'העלפן נישט די עצות פון די עקספּערטן, סאָציאָלאָגן, גייסט־לעכע. אין איינלעניש איז מען טועם פון ביסל האָניק, אין איינלעניש האָט מען חתונה און אין איינלעניש גייט מען אײַן אויף אַ גט. דאָס ברענגט אַריין כאַאָס אין פאַמיליע־לעבן.

מען וויל מיט אַ מאָל אויסרייסן מיט די וואָרצלען דעם ביז איצטיקן לעבנס־שטייגער: מען וויל, אין נאָמען פון פּראָגרעס, מיט האַסטיקע, דראַסטישע און

שנעלע מיטלען ענדערן דעם אופן און באַגריף פון געשלעכטלעכע באַציִונגען. דאָס קאָן אָבער פירן צום פולשטענדיקן גייסטיקן רעגרעס.

די פרויען וועלכע פירן אָן מיט דער „ווימענס ליב" (פרויען־פרייהייט) דאַרפן, אַנשטאָט אַגיטירן פאַר געשלעכט־פרייהייט, וואָס שטעלט די פרוי, מער ווי דעם מאַן, אין סכּנה, בעסער זיך ווידמען אויסצוקעמפן פרויען־פרייהייט און גלייכהייט אויף געביטן פון רעכט. ממשיך זיין דאָס פאַמיליע־לעבן אויפן מאָנאָגאַמישן יסוד, איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר שלום־בית, פאַר לאַנג־דויערנדיקן צוזאַמענלעבן.

קאַרל מאַרקס (1818־1883), דער באַגרינדער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, האָט אין אַלע זיינע עוואָלוציאָנערע און רעוואָלוציאָנערע וואַריאַציעס און אין אַלע זיינע פאַזעס, דעמאָקראַטישע און דיקטאַטאָרישע, ראַדיקאַל געוואָלט ענדערן דאָס עקאָנאָמיש־סאָציאַלע לעבן, אָבער האָט שטאַרק געהאַלטן פון מאָנאָגאַמישן סיסטעם, ווי פון דעם ריינסטן און בעסטן אין פאַמיליע־לעבן. — און וועגן דעם ווייטער.

ב. קלאַסישע פּאָרנאָגראַפיע און מאָדערנע. — ליטעראַטור אָדער געלט. — פון „קינזי"־רעפּאָרט ביז דער „פּאָרטנוי"־שילדערונג. — די ייִדישע מאָראַל.

מיר האָבן אין דער קלאַסישער ליטעראַטור געגנוג פון דעם סאָרט וואָס מ'רופט פּאָרנאָגראַפיע, אָדער, ווי מיר האָבן זיך צוגעוווינט דאָס צו רופן, „סעקס"־ליטעראַטור. די „געליבטע פון ליידי טשעטערליי" אָדער אַנדערע ראָמאַנען פון סאָרט האָבן צוגעשטעלט סחורה צו האַלטן געשפּאַנט און צו פאַרוויילן דעם לייענער — און נישט וויניק, אַרויסצורופן ביי אים עמאָציעס אוןליידנשאַפטן. די היינטיקע ליטעראַטור פון דעם סאָרט, פאַרזיכערן די מחברים, איז רעאַליזם. די דאָזיקע ליטעראַרישע שאַפונגען האָבן אָבער בלויז איין ציל: דערפאָלג ביים לייענער צו ווערן אַ „בעסט־סעלער", צו פאַרקויפן מיליאָנען עקזעמפּלאַרן און מיט איין מאָל ווערן אַ מיליאָנער.

די דאָזיקע שרייבערס האָבן געכאַפּט דעם טאָן און וויסן ווי צו כאַפּן די פיש — די יוגנטלעכע. זיי קאָרמען די יוגנטלעכע פוןביידע געשלעכטער מיט לייענשטאָף וואָס איז געמישט און באַווירצט מיט נאַקעטקייט. „ווענוס" האָט ביי די דאָזיקע קינסטלערס פאַרלוירן אַפילו דעם פייַגנבלאַט־צודעק, ווי עס האָט זי געמאָלן לוקאַס גראַנאַך (1472־1553). זי ווערט אַנטפּלעקט אין פולער נאַקעטקייט מיט אַ צוגאָב פון רוף און רייץ צום סעקסועלן פאַרגעניגן.

די פּאָרנאָגראַפישע ליטעראַטור דרינגט אַריין אומעטום; ס'זענען מער נישטאָ גרענעצן אָפּצוטיילן קונסט פון פּאָרנאָגראַפיע. די געזעצן און די קריטיק וויסן שוין נישט ווי צו אורטיילן אַ ווערק און במילא ווערט די צענזור הילפלאָז; דער

ריכטער קאָן נישט געבן קיין פסק און די מחברים־מחבלים ווערן באַרימט מיט זייער שונד־ליטעראַטור.

מיט יאָרן צוריק האָט מען געקעמפט צו רעהאַביליטירן אַזעלכע ווערק ווי „געליבטער פון מאַדאַם טשעטערליי", אָדער „פאַני היל", וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק — אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגלייך מיט אַזאַ הוילע נאַקעטקייט ווי „אַ קאַלקאַטאַ", „גוד ביי קאָלאָמבוס", „פאָרטנויס באַקלאָגן זיך" — אַן אויסגעטראַכטער גן־עדן פאַר סעקס־הונגעריקע, וואָס זעטיקן מיט זייערע דאָלאַרן די מחברים־מחבלים.

אין שוועדן — דאָס לאַנד פון סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע — האָט זיך די סעקס־רעוואָלוציע אָנגעהויבן מיטן מיין — און לאָמיר אָננעמען מיט גוטע כוונות — אַז סעקס־פרייהייט וועט עלימינירן סאָציאַלע אומגלייכהייטן: פרוי און מאַן וועלן האָבן די זעלביקע פרייהייטן,ביידע וועלן געניסן פונעם „סעקס"־גן־עדן און עראָטיק וועט מער נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אוממאָראַלישע באַנעמונג, און נאָך מער — די דערשיינונג פון „מיידלעך מיט קינדער", וועט מער קיין שאַנדע נישט זיין.

דער פועל־יוצא פון אָט די אַלע פרייהייטן פירט אָבער צו הפקרות, צו דעגראַדאַציע פון דער געזעלשאַפט. די סעקסועלע פראָבלעמען ווערן מער פאַרשאַרפט, די געשלעכטלעכע פונקציעס, אָן וועלכער עס איז פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ברענגען נישט־לעגאַלע קינדער, וואָס וואַקסן אויס אָן דער השגחה פון עלטערן, און די רעגירונג בלייבט הילפלאָז.

מיטן אַריינברענגען נייע געזעצן (אָראָפּנעמענדיק די „קרוין פונעם מאַן"), איז די פרוי נאָך נישט געהאָלפן געוואָרן: זי טראָגט אין איר אינגעווייד קינדער; זי נעמט אַריין די זרע פונעם מאַן און נישט תמיד העלפט די „פיל" און נישט שטענדיק ווילט זיך איינשטעלן דאָס לעבן ביי אַן אַבאָרט.

די שוועדישע פילמען ברענגען אויפן עקראַן עראָטישע און סעקסועלע סצענעס; זיי ווייזן אין בילד ווי נישט חתונה־געהאַטע מיידלעך ברענגען קינדער, שעמען זיך נישט, ווערן נישט געטאַדלט, ווערן נישט באַטראַכט אַלס אויסגעלאַסענע. זייער געשלעכטלעך אויסלעבן זיך ווערט אָנערקענט ווי אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. אָבער די קאָנסעקווענצן?

וואָס מער מען ווייזט אַזעלכע פילמען, אַלץ מער ווערט די יוגנט געררייצט צו סעקסועלער תאווה; וואָס מער מען ווייזט פאַרן עולם די אינטימסטע סיטואַציעס, אַלץ מער פאַרשייטקייט. די סעקס־רעוואָלוציע פון שוועדן, וואָס טראָגט זיך אַריבער קיין מערב־אייראָפּע און אין די אַמעריקעס, גייט מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציעס און קיין אַדוואָקאַטן פאַר סעקס־פרייהייט פעלן נישט.

די וואולגאַרע סצענעס, די נאַקעטקייט־אינוואַזיע, וואָס ווערט גוטגעהייסן אַלס

סעקס־רענעסאַנס, ברענגט מיט זיך עראָטישע דעמאָראַליזאַציע און הפקרדיקע פּראָסטיטוציע. אומפּאַרהייראַטע מוטערס האַלטן זיך אין מערן און די צאָל פאַר־גוואַלדיקונגען ווערט גרעסער און גרעסער.

„סעקס״־דערציִונג: אינסטרוקציעס ווי זיך אויסצוהיטן פון שוואַנגערשאַפט, פון ווענערישע קראַנקייטן, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט די פּילן, אָבער וואָס מער סעקס־דערציִונג, אַלץ מער טוליען זיך די יונגע בחורים און מיידלעך און די ליבע קריכט דורך טיר־און־פענצטער און ווירקט פּסיכאָלאָגיש, סובווערסיוו־אוממאָראַ־ליש. די ליבעראַלע געזעצן, דאָס פאַרקלענערן די שטראָף האָט געבראַכט דערצו, אַז די צאָל פאַרגוואַלדיקונגען איז, ווי שוין געזאָגט, געוואַלדיק געשטיגן.

דער האַנדל מיט פאָרנאָגראַפיע — דער אינסטרומענט צו „שטאַרקן ליבע״ — ווערט פאַרשפּרייט אומעטום, נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן מצד די קאָנסער־וואַטיווע, פּוריטאַנישע קרייזן; מערסטנס גייט אָן דער האַנדל אין אַמעריקע.

אין אָט דער רייכסטער מדינה אין דער וועלט, האָבן מיר דעם העכסטן פּראָ־צענט פון צעבראָכענע פאַמיליעס. אין די רייכע הייזער, איז אפשר דאָס פּראָבלעם נישט אַזוי שאַרף, ווייל דער רייכער פאָטער, דער גרויסער געשעפטסמאַן, גרויסער אונטערנעמער, קען זיך פאַרגינען דעם לוקסוס פון אויסהאַלטן אַ געליבטע מיט כל־טוב, און דערביי באַזאָרגן פינאַנסיעל זיין ווייב מיט זיין פאַמיליע. אַנדערש איז דאָס פּראָבלעם אין אָרעמע היימען, ווו אַ פאָטערלאָזע פאַמיליע מוז אָנקומען צו שטיצע, צו הילף און ווו, אין בעסטן פאַל, די קינדער ווערן אויפגעהאָדעוועט אָן אַ געהעריקער דיסציפּלין, געפינען שוין זייער פּרנסה אויף דער גאַס און פאַר־ענדיקן אין די תּפיסות.

אין אַמעריקע האָט זיך געשאַפן נאָך אַ שלעכטס: אויב דער פאָטער, דער שפּייזער, פאַרלירט זיין פּאָסטן, דערפילט זיך דערשלאָגן, לאָזט זיך אַרויס די פרוי — ווייב און מוטער — זוכן באַשעפטיקונג. איר קומט אָן לייכטער פונעם מאַן צו קריגן אַ פּאָסטן; דער מאַן ווערט „סינגל״, מערסטנס פאַרלאָזט ער די היים און ווערט אַ פּוליאַק, אַ שיכּור און די פאַמיליע ווערט הפקר, פאַרלאָזט, שטעלט צו גאַסנמיידלעך און הפקר־בויאַנעס. קיין רעגירונג איז נישט בכּוח צו נאָרמאַלי־זירן אַ פאַמיליע־לעבן, ווי עס קאָנען טאָן טאַטע־מאַמע.

די צעבראָכענע פאַמיליעס שטעלן צו גענוג סחורה און נישט ווייניק קונים פאַר די „קוק־מאַשינדלעך״, פאַר ביכלעך פון כּל מיני נאַקעטקייט און פאַר אַלערליי פאַרברעכערישקייט פון סעקס און פאַרגוואַלדיקונג.

די פרויען־זשורנאַלן זענען איבערפולט מיט נאַקעטקייט: יונג און אַלט באַמיט זיך נאָכצויאָגן און איבערצויאָגן מיט „מיני״ און „האָט־פּענס״ ווי דאָס רופט זיך. די „פרייע״ פאַמיליעס וואָס לעבן אויף דער שטיצע פון דער רעגירונג, זענען די בעסטע קונים פון אָט דער סחורה צו שטילן זייער לוסט און גענוס. אויב די

נאַטור האָט אַזעלכע געבענטשט מיט שיינע פיגורן, שיינע פנימער, ווערן זיי די צושטעלערס פון אָט דער כּל־מיני נאַקעטקייט, וואָס גיט זיי אַ לייכט לעבן, וועגן וועלכן זיי האָבן אין זייערע היימען נישט געחלומט אַפילו.

די דאָזיקע היימען שטעלן אויך צו פּאָר די רייכע „קליענטן" די „גיישאָס". דאָס איז געוואָרן אַן אינדוסטריע אין אַמעריקע, אַזוי ווי דאָס איז געווען אין יאַפּאַן.

דער גרויסער אינדוסטריעלער, הויכער באַאַמטער, גרויסער געשעפטסמאַן האָט מורא (אפשר האָט ער נאָך אַ ביסל בושה) צו געניסן פון פּשוטער פּראָסטי־טוציע, בעט ער אַ „גיישאַ" וואָס זאָל מיט אים פאַרברענגען. דאָס יונגע מיידל גייט מיט אים אין רעסטאָראַן, האַלט אים געזעלשאַפט, איז אים אַ „קאָמפּאַניאָן" אין האָטעל, לאָזט אים נישט זיין איינזאַם, פאַרזאָרגט. ווען ער איז אויפגעלייגט, איז ער אַ בעסערער געשעפטסמענטש, אַרבעט בעסער — און דאָס אין אַ צייט, ווען פרויען פירן אָן אַ באַפרייַונגס־באַוועגונג און פאַרנעמען זיך צו שטורעמען די מענער־באַסטיאָנען.

די דאָזיקע מינהגים זעען אויס מאָראַליש אויסגעהאַלטן — אָבער די רעזול־טאַטן פון אַזעלכע אויפפירונגען שטעלן מיט זיך פאָר אַ געפאַר פאַר דער געזעל־שאַפט. דאָס איז אַ שריט צו לעגאַליזירן און באַרעכטיקן די לויזע צוגעבונדנקייט צום פאַמיליע־לעבן; צו לעבן פריי, אָן ליבע, בלויז צו געניסן פון פאַרבאָטענע, אָדער לכל הפּחות, באַהאַלטענע און פאַרדעקטע פרוכט. ווען יונגע קינדער קריגן אַ היתּר אויף געשלעכט־פאַרקער, ווערט עס נישט בלויז אַ פּראָבלעם פון מאָראַל, פון פאַמיליע־גאַנצקייט; עס ווערט אַ פּראָבלעם פון היגיענע, אַ פּראָבלעם פון ווענערישע קראַנקייטן, אַ פּראָבלעם פון אויסהיטן זיך פון אומגעוווּנטשענע שוואַנגערשאַפטן, אַ פּראָבלעם פון דערציִונג פון נייעם דור.

ווּו מען גייט און ווּו מען שטייט — איז „סעקס". אַלע געשעפטן דרייען זיך אַרום סעקס. ראַדיאָ און טעלעוויזיע, קינאָ און פילמען — אַלץ איז אָנגעפּילט מיט סעקס־אינהאַלט. צו דעם — טאָג־און־נאַכט־סימפּאָזיומס, צוזאַמענפאָרן און דיס־קוסיעס וועגן „סעקס". עקספּערטן אויף „געשלעכט"־געביטן, פילן אָן די זאַלן, די שולקלאַסן און מען רעדט וועגן געשלעכט־דערציִונג, ווי אָן דעם וואָלט קיין וועלט נישט געווען און קיין קינדער וואָלטן נישט געבוירן געוואָרן.

ס'קומען סעקסאָלאָגן מיט דאָקטאָר־טיטולן און ברענגען פאַרן עולם, יונג און אַלט, עצות וועגן סעקס, לערנען „פּעקטס אָוו לייַף". ס'קומען פאַרהייראַטע פּאָרלעך, אַזעלכע וואָס האָבן נאָך נישט קיין קינדער און אַזעלכע וואָס גרייטן זייערע קינדער צו דער חופּה. אַלע ווילן וויסן די תּורת־סעקס, ווי אַזוי צו לעבן מיט דער אייגענער פרוי, ווי אַזוי צו האָבן געשלעכט־פאַרקער — און וואָס מער מ'רעדט, אַלץ מער שטאַרקט זיך דער רייץ; אַלץ מער תּאווה. „קינזיס רעפּאָרט" וועט שוין באַלד זיין אַלט־פרענקיש.

אויב מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז ד״ר אַלפרעד קינזיס ווערק געווען די סענסאַציע פון טאָג און אויסגעכאַפּט געוואָרן, זענען לעצטנס דערשינען נאָך פּיקאַנטערע ביכער אויפן דאָזיקן געביט, וועלכע זענען באַלד ביים דערשיינען געוואָרן פּאָפּולער און פאַרשפּרייט אין די הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

אַזוי האָבן מיר אַ ווערק, אַ וועגווייזער ווי צו מאַכן ליבע, פון ד״ר אַלעקס קאָמפאָרט, וואָס ווערט פאַרקויפט פאַר אַ גאָר הויכן פּרייז און איז שוין באַלד אַריין אין יעדע היים ווו מען לייענט ענגליש.

אין איטאַליע האָבן צוויי גלחים אָנגעשריבן אַ ווערק אויפן סמך פון געזאַמלטע קאָנפעסיעס און די גלחים וועלן ווערן שטיין־רײַך, נישט געקוקט וואָס דער וואַטי־קאַן לייגט זיי אין חרם, פאַר אויסזאָגן סודות און דערציילן, לויט אַ רעקאָרד, ווי אַזוי פאַרשיידענע קאַטוילן האָבן זיך מתוודה געווען.

די גלחים ראָבערטאָ וואַלענטיני און קלאַראָ די מעגיליאָ האָבן געהאַט צוטריט צו די שטילינקע קאַטוילן, וואָס קומען צום גלח זיך מתוודה זיין, אין זייער פאַרהילטקייט און פאַרהוילנקייט — און דאָ, פּלוצלונג, אַזאַ עקספּאָזיציע! דאָס האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון וואַטיקאַן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַרבאָט צו לייענען דאָס בוך און די צוויי מחברים געלייגט אין חרם; אָבער די צוויי זענען געוואָרן די פּאָפּולערסטע גלחים אין איטאַליע. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז זייער „ווידוי־זאַמלונג״ וועט איבערגעזעצט ווערן אין אַ סך שפּראַכן. נישט בלויז דער אַלגעמיינער לייענער, נאָר זייערע קאָלעגן־גלחים, ווי די פּרעסע האָט איבערגעגעבן, קוויקן זיך מיט דער דאָזיקער „ליטעראַטור״, וואָס דערציילט זיי וועגן געשלעכט־לעכע באַציִונגען פון מאַנאַכן מיט מאַנאַשקעס, וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין די פאַרשיידענע „קאָנווענטס״, מאַנאַסטירן, „סעקס״ פאַר חתונה, פאַרהיטונגס־מיטלען, „מאַסטורבאַציע״ (הוצאת זרע לבטלה) אאַז״וו.

מיר דאַרפן נישט גיין זוכן אַזעלכעס אין איטאַליע. אין דער שטילער, פרומער טאָראָנטאָ האָט אַ פּראָסטיטוטקע אָנגעשריבן אירע זכרונות, און די אינטעליגענץ — ליבעראַלע מענטשן און רעכטקעמפערס — האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר איר, זי זאָל מעגן אומגעשטערט פאַרשפּרייטן איר פּאָרנאָגראַפיש ווערק, וואָס איז נישט ערגער ווי פיליפּ ראָטהס „פּאָרטנויס באַקלאָגן זיך״.

דער יִדיש־ענגלישער פּאָעט אירווינג לייטאָן, פּראָפעסאָר פון ענגלישער ליטעראַטור, איז אַפילו אויפגעטראָטן אין געריכט צו פאַרטיידיקן די פרייהייט צו פאַרשפּרייטן אַזאַ סאָרט ליטעראַטור און אַזעלכע פאַרשייטע „סעקס״־פילמען.

פיליפּ ראָטה האָט מיט זיין וווּלגאַרער ניבול־פּה און פּאָרנאָגראַפיע פאַר־שמוצט אַפילו זיין אייגענעם פאָטער צוליב געשעפט, צוליב מאַכן געלט... „פּאָרט־נויס קאָמפּליינס״ האָט געבראַכט דעם מחבר גרויס עשירות — אָבער נישט

ווייניקער חרפה פאַר דעם ייִדישן טאַטן! ער שילדערט אַ ייִדישן פאָטער וואָס יאָגט זיך נאָך „שיקסעס" און איז אַליין אימפּאָטענט אַפילו צופרידנצושטעלן זיין אייגן ווייב. די לייענערס און די סינעמאַ־באַזוכערס פאַסמאַקעווען זיך מיט דער נאַקעטקייט, מיט דער זנות און תּאווה, וואָס פּאָרטנוי האָט אַזוי פּרעך און אַזוי אומפאַרשעמט אַרויסגעבראַכט אויפן פּאַפּיר און וואָס די דראַמאַטורגן האָבן שפּע־טער אַרויסגעבראַכט אויפן לייוונט.

אַמאָל האָט מען געוווּסט, אַז נאַקעטקייט, אָנצי׳עוודיקייט, קאָן מען בלויז זען ביי די אַקטריסעס און אַקטיאָרן, וואָס זענען מקיים דאָס גטן זיך און חתונה האָבן, ווי אַ סאָרט אַקטיאָרישע שפּיל. ווען גרעטאַ גאַרבאָ אָדער מאַרלין דיטריך האָבן זיך באַוויזן אין הויזן, נישט רעכענענדיק זיך מיטן „לא יהיה כלי גבר על אשה"[2], האָט עס אַרויסגערופן קריטיק און מעי וועסט, אַן אַמאָליקער אידאָל פון פילם און טעאַטער, איז אַפילו אַרעסטירט געוואָרן אין 1927, צוליב איר „סעקס"־שפּיל. מ׳האָט זיי פאַרגעבן: דאָס זענען אַקטריסעס און אַרטיסטן און זייער „רייץ" גע־הערט צו דער אַקטיאָרישער שפּיל...

די הויזן־מאָדע האָט זיך אָנגעהויבן, ווען מאַרלין דיטריך האָט זיך באַוויזן אין אומצניעותדיקע הויזן אין דעם פילם „די טראַגעדיע פון ליבע" און ס׳איז באַלד געקומען צו אַ הויזן־מאָביליזאַציע.

די דאָזיקע געוואַגטקייט וואָלט היינט באַטראַכט געוואָרן ווי צניעות, און די דעמאָלטיקע פאַרשייטקייט ווי צוריקגעשטאַנענקייט, אין פאַרגלייך מיט דער נאַקעט־קייט אויף די „קאַמפּוסן", די „טאָפּלעס"־טענץ און סערווירערינס, שוין אָפּגע־רעדט פון די לעגאַלע „סטעגס", וואָס זענען געוואָרן נאָרמאַליזירט צו אַזאַ שטאַנד, אַז די אַמעריקאַנער „סיוויל ליבערטיס יוניאָן" — די באַוועגונג וואָס פאַרנעמט זיך מיט באַזאָרגן רעכט פאַר יעדן איינעם, פירט איצט פּראָצעסן, הלמאי מען דיסקרימינירט אין געוויסע שאַנדהייזער נעגער. זיי טוען דאָס מיט דער פולער ערנסטקייט אין קאַמף פאַר מענטשנרעכט.

איינס פירט צום צווייטן און ווייטערדיקן שריט: אין געוויסע שטאַטן איז פּראָסטיטוציע דערלויבט און די רעגירונג נעמט שטייערן פון „ליבע־געלטער". אין נעוואַדאַ (אַ צפון־אַמעריקאַנישער שטאַט) איז דאָס אַ פאַקט און אַ פאַקטאָר. די הומאַניסטן פאָדערן מיט רעכט, עס זאָל נישט פּראַקטיצירט ווערן קיין דיסקרי־מינאַציע קעגן וועלכן נישט איז קאָליר אָדער ראַסע.

פון מערב האָט זיך דער האַנדל מיט סעקס אַריבערגעטראָגן אויך צום מזרח — צו די קאָמוניסטישע לענדער און דאָרט, ווי אַלצדינג, איז עס אַריבער צום רעגירונגס־קאָנטראָל.

מיר האָבן לעצטנס געלייענט, אַז אין פּוילן פאַרנעמען זיך רעגירונגס־אַגענ־טורן מיט אָנשטעלן מיידלעך, וואָס זאָלן זיך אַנטבלויזן, אויסטאַן נאַקעט, בכדי

צו באַרייכערן די רעגירונגס־קאַסע פון „סטריפ־טיז״־געשעפט... אַ טייל פון דער פאַרווײלונג אינעם „סאַלאָן קאָנגרעסאָווי״ — אַ נאַכטקלוב — אינעם וואַרשעווער קולטור־פּאַלאַץ.

די פּוילישע רעגירונג, ווייזט אויס, וויל קאָנקורירן מיט אַמעריקע, שוועדן און נאָך לענדער פון מערב, ווו מען באַווייזט זיך מיט דער „קונסט״ פון נאַקעטקייט, און דערמיט שטילן דעם „קולטור־הונגער״ פון דער פּוילישער יוגנט, פון דער פּוילישער עליטע — און דער עיקר געניסן פון טוריזם.

דער „קינזי־רעפּאָרט״ האָט אין 1963 געבראַכט צום אויבערפלאַך דערציילונגען פון אַ גרויסער צאָל אַמעריקאַנער פרויען ווי אַזוי זיי האָבן „געזינדיקט״ און געהאַט אינטימע באַציִונגען פאַר און נאָך זייער חתונה. דער באַריכט האָט געוואָרפן אַ חשד אויף אַלע אַמעריקאַנער פרויען.

דער באַריכט איז אַוודאי איבערגעטריבן, ווייל אויסגעפרעגט געוואָרן זענען בלויז זעקס טויזנט פרויען, און זעקס טויזנט באַטרעפן דאָך אַ מיעוט פונעם פּרויענטום, וואָס ציילט צענדליקער מיליאָנען. ס׳ווייזט אָבער דאָך, ווי ווייסנשאַפטלערס שעמען זיך גאָרנישט אַרויסצוקומען מיט אַזאַ באַריכט, און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל אָנווייזן, אַז די דורכשניטלעכע אַמעריקאַנער פרוי לעבט אַ נאָרמאַל־אָרנטלעך לעבן און איז נישט גרייט צו פאַרראַטן איר מאַן צוליב אַן עקסטראַ־מינוט פון תאווה.

דער „אויסלייזער״, ווי די אַפּאָסטאָלן גיבן איבער, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פרויען, זינדיקע, מיט באַפלעקטע נעמען (איינע פון זיי — מרים מאַגדאַלענאַ). ער האָט זיי געוואָלט אַרויספירן אויף דרך־הישר, זיי צוגעזאָגט מלכות שמים, געהייסן מ׳זאָל זיי מקרב זיין. די התקרבות האָט געפירט צו דעם, אַז אַזעלכע זינד זענען כּמעט ווי גוטגעהייסן געוואָרן, ווייל נאָך זינד קומט ווידוי און תשובה, וואָס קריסטן האָבן פּראָפּאַגירט אַלס עיקרדיק אין זייער אמונה.

ווען שבתי צבי שר״י האָט געוואָלט באַווייזן אַז ער איז דער דערוואַרטער משיח, האָט ער פריִער געפּראַוועט אַ „גייסטיקע חתונה״: ער — דער חתן, און אַ ספר־תורה — די כּלה... אָבער באַלד זיך אָפּגעזוכט אַ כּלה, אַ מיידל פון ייִדישן אָפּשטאַם, דערצויגן אין קלויסטערס אַלס קריסטין, וואָס איז, נאָך יאָרן אויספירן זיך אַלס גאַסן־מיידל, געקומען ווערן דאָס ווייב פון משיח... דער דאָזיקער פאַלשער, זעלבסט־געקרוינטער משיח, האָט דערקלערט, אַז דאָס האָט גאָט אים געזאָגט חתונה צו האָבן מיט אַן אומערלעכער זונה־פרוי, ווי דער נביא הושע איז באַפוילן געוואָרן „קח לך אשת זנונים״ [3]. זיינע פאַלשע קאַבאַליסטן האָבן דערין געזען אַ טיפע געטלעכע מיסטעריע. די דאָזיקע „געטלעכע״ האָט צוגעצויגן מיט איר שיינקייט און לײדנשאַפט און מיט נאַקעטע זנות־אַרגיעס אומצייליקע נאָכפאָלגערס.

די ייִדישע מאָראַל האָט געזוכט מיט אַלע כּוחות צו דערווייטערן דעמאָראַלי־

זאַציע און אויסגעלאַסנקייט. נאָך איידער ייִדן זענען געקומען אֶל המנוחה ואֶל הנחלה, האָט מען פעסטגעשטעלט דאָס משפחה־לעבן, די ריינע געזעלשאַפט. דער גורל האָט געפירט אַז די „בת מלכה" זאָל פאַרטריבן ווערן פון איר היים. מען האָט איר צוגעזאָגט „פקודות", דערמאָנונג פון אויסלייזונג, ווען זי וועט זיך ליַיטערן און רייניקן.

אין דער נבואה שפּיגלט זיך אָפּ דער רוח החיים ביי ייִדן אין יהודה און אין ישראל, דער נביא זעט די ירידה, וואָס איז געקומען צוליב מאָראַלישער גע־פאַלנקייט.

וואָס זעט דער נביא?

דער נביא זעט דעם „אחרית הימים", די אוניווערסאַלע גאולה, ווען פאָלק קעגן פאָלק וועט נישט אויפהייבן קיין שווערד[4]; נישט וויניקער זעט ער די מאָראַלישע דערהויבנקייט, ווי דער נביא יחזקאל רופט אויס: „והעולה על רוחכם... אשר אתם אומרים נהיה כגויים"[5] — אַזוינס קאָן נישט זיין!

די מקובלים האָבן געזען, אַז די שכינה גייט מיט אין גלות, כּדי צו היטן די ייִדן זיי זאָלן נישט זינקען אין טומאה: „שכינתא בגלותא" איז אַ פאַקטאָר אין יהדות.

די טעזע גייט נאָך וויטער דערקלערנדיק, אַז אַפילו אין דער אומריינקייט רוט די שכינה, כּדי זיי אַרויסצוהייבן — „השוכן אתם בתוך טומאתם"[6], קאָמענ־טירן די חז"ל: „אַפילו כשהן טמאים"[7].

ר' שמעון בן יוחאי זאָגט: קום און זע, ווי געליבט ייִדן זענען ביי הקדוש־ברוך־הוא — וווּ נאָר זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן איז די שכינה געווען מיט זיי... און זי וועט זיין מיט זיי ביי דער קומענדיקער גאולה... „ואף כשהן עתידין להגאל — שכינה עמהם".

פאַר וואָס איז די שכינה מיט ייִדן? — ווייל, ווי עס זאָגט זיך אין אַ שאַרף חסידיש וואָרט: די שכינה דרינגט אַריין, ווו מען לאָזט זי אַריין; און ווי אַזוי לאָזט מען זי אַריין? — דורך תּורה, ווי דער נביא מלאכי זאָגט אָן ייִדן פאַר אַלע דורות: זכרו תורת משה עבדי"!

פון ייִדן פאַרלאַנגט מען „קדושים תהיו" — איר מוזט זיך האַלטן אָפּגעשיידט פון טומאָה, איר דאַרפט זיין הייליק... קדושה און הבדלה גייען זאַלבענאַנד, ווי אַ סינאָנים פון דערהויבנקייט (זע, „לקוטי אמרים", פרק מ"ו, מאדמו"ר הזקן מליובאַ־וויטש; „רסיסי לילה" לר' צדוק הכהן מלובלין, ז' קל"ו א"אַ).

ג. מאָראַל אין מדינת ישׂראל. — באַנייט מדינה־לעבן און באַנייט לעבנס־בליק. — עריות־געשעפטן און שטורמישע פּראָטעסטן. — דאָס אַלטע וואָרט: ווי ס׳קריסטלט זיך, אַזוי ייִדלט זיך. — ייִדישער לעבנס־שטייגער.

די געשלעכטלעכע מאָראַל מאַכט דורך גרויסע ענדערונגען. די אַלט־אָנגענומענע כּללים ווערן פאַרשוווּנדן און די נייע גייען אַרויס פון וועלכע נישט איז באַגרענעצונגען. אויב אין שוועדן קאָן מען טאָלערירן, געזעלשאַפטלעך און געזעצלעך „גרופּע־הייראַט״, פאַר וואָס נישט אין אַמעריקע, וווּ אין געווייסע יוגנטלעכע קרייזן האַלט מען שטאַרק פון אַזאַ סאָרט לעבן: פיר מענער, זאָלן האָבן פיר ווייבער און יעדן חודש זאָל מען זיך טוישן, אַזוי אַז יעדע פרוי זאָל לעבן מיט די פיר מענער און יעדער מאַן זאָל לעבן מיט די פיר פרויען — וחוזר חלילה! אַ מאַן־ווייב־ראָטאַציע.

מ׳דאַרף האָבן עקספּערטן, צו שטודירן דעם דאָזיקן עקספּערימענט און אור־טיילן צו וועמען די קינדער געהערן. אויב מ׳זאָל באַשליסן, אַז די קינדער געהערן בלויז צו דער מוטער פון וועמעס אינגעווייד זיי קומען אַרויס, דאַן גייען מיר צוריק צום אוראַלטערטום — אַ רעגרעס צו דער פּרעהיסטאָרישער צייט און לעבן.

איינס פירט צום צווייטן — נאָך אַ שריט אין דער ריכטונג פון הפקרות: „פרייע ליבע״. אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען איינגעזען אַז דאָס טויג נישט, וויל מען דאָס האָבן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

דער געציג נאָך תאווה האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט אין די גייסטלעכע קרייזן: מיידלעך קומען זיך מתוודה זיין — און די גלחים וואָס הערן אויס אַלע פּרטים, איידער זיי פאַרזיכערן פאַרגעבונג, מאַכן דערוויייל מעוברת די דאָזיקע מיידלעך... אין בעסטן פאַל, ווערן אַזעלכע מיידלעך באַזאָרגט מיט „פּילן״ צו פאַרהיטן זיך פון שוואַנגערשאַפט, נישט צו זיין אויסגעשטעלט אויף די געפאַר פון געבוירן קינדער.

איצט קומען מיר צו אונדזערע אייגענע עריות־פּראָבלעמען, נישט בלויז וועגן די „גרים״, אָדער „גרטעס״, „עריות״ — אַנשטאָט — „אריות״, נאָר וועגן די „עריות״־געשעפטן וואָס ייִדן ברענגען אַריין אין דער מדינה, פאַר וועלכער מיר האָבן געקעמפט טויזנטער יאָרן און אין וועלכער מיר האָבן געזען די רעאַליזירונג פון נביאישע זעונגען; אין דער מדינה וואָס איז דורכגעווייקט מיט קדושה, זאָל מען דאַרפן מודה זיין, אַז וואָס שייך „סעקס״, איז גילטיק דאָס אַלטע ווערטל: „ווי ס׳קריסטלט זיך, אַזוי ייִדלט זיך!״

די אַלגעמיינע, באַזונדערס די ענגליש־אַמעריקאַנישע ליטעראַטור, וואָס ווערט געליפערט קיין תּל־אביב, איז איבערפולט מיט „סעקס״ און נאַקעטקייט — פיליפּ ראָטהס געשלעכט־ליטעראַטור ווערט אויסגעכאַפּט, סיי אין ענגלישן אָריגינאַל און

סיי אין עברית־איבערזעצונג, און ווען העברעיִשע פּראָזאיִקערס זעען אַז דאָס איז די „בעסטע סחורה״, פּרובירן זיי נאָכטאָן, ווער מיט גרעסערן און ווער מיט קלענערן טאַלאַנט. אייניקע האָבן באַקומען פּאָפּולאַריטעט, נישט אַזוי צוליב זייער טאַלאַנט, ווי צוליב זייער שילדערן די „העלדן״ אין הוילער נאַקעטקייט, צוליבן באַווייזן דעם מענטש „כּי ערום הוא״. גענוג צו דערמאָנען איינעם פון די גרויסע ראָמאַניסטן, משה שמיר, וועלכער האָט פאַרכאַפּט דעם ביכערמאַרק מיט זײַנע ווערק: „מלך בשׂר ודם״, „כּבשׂת הרש״, „כּי ערום אתּה״ און ענלעכע ליטעראַרישע יצירות פון דעם סטיל און זשאַנער.

ווען מיר לייענען אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער און קינאָ, דערוויסן מיר זיך, אַז אייניקע אויפפירונגען — לעבעדיקע און אויפן לייוונט — גייען איבער די גרענעצן פון אָנשטענדיקייט, פון צניעות, פון ערנסטער ראָמאַנטיק... וויט אַפילו פון אַ „פעיר ליידי״ — בערנאַרד שאָוס „פּיגמאַליאָן״־אויפפירונגען. זיי ווייזן פאַרראַט, אומטרייהייט פון מאַן אָדער פרוי, אָנשטאָט צו ווייזן אַ שיין ייִדיש פאַמיליע־לעבן.

ווען מען לייענט אַזאַ ליטעראַטור, ווען מען זעט אַזעלכע בילדער, ווערט די ליבע נישט מער ווי „סעקס״ — אַ שפּיל צווישן זכר־און־נקבה־תּאווה וואָס איז גורם דערצו, אַז חתונה האָבן און באַלד זיך גטן, זאָל ווערן אַ טעגלעכע דער־שיינונג. דער שלייער פון מיסטעריע, דער צויבער פון קדושה ווערט אָפּגעטאָן — מען זוכט בלויז מאָמענטאַלע באַפרידיקונג.

ווען אַ יונגער בחור אָדער מיידל לייענט משה שמירס דראַמע „הלילה לאיש״, ווערט ער באַגייסטערט פון דער רות, די סימבאָלישע פרוי פון חסד, פון איבער־געגעבנקייט צו דער ייִדישער אמונה; ער זעט פאַר זיך דאָס געשטאַלט פון דער אידעלער, באַשיידענער פרוי, וועלכע איז געוואָרן די מוטער פון מלכות בית דוד. אָבער ווען דער שרייבער וויל באַפּוצן אָט די אידיליע מיט נאַקעטקייט, פאַר־שייטקייט, כּדי עס זאָל ווערן אַ גאַנגבאַרע סחורה, פירט עס נאָכצוטאָן אָט דעם לייכטן שפּיל פון אַראָפּוואַרפן פון זיך די הלבשה, אינערלעכע און אויסערלעכע, און דערביי אָפּטאָן די בושה.

דער וואָכן־זשורנאַל „העולם הזה״ שטעלט צו בילדער און עראָטישע מעשׂיות; דער טעאַטער כאַפּט אויף די אַלע תּאווהדיקע, שונדיסטיש־פאַנטאַסטישע מעשׂיות. די קאָנסעקווענצן: די יוגנט ווערט געפירט — אָנשטאָט צום עכט־ייִדישן פאַמיליע־לעבן — צו שאול תּחתּיה אין מאָראַלישן זין. ס׳ווערט אַ געפאַר פאַר דער קולטו־רעלער אַנטוויקלונג פון דער מדינה, אַלס אַ ייִדישע מדינה מיט ייִדישע אַטריבוטן.

מיר האָבן געזען צו וואָס עס פירן „עראָס״־געשעפטן אין תּל־אביב און אין ירושלים. אין תּל־אביב האָט עס געבראַכט צו אַן אומייִדישלעכער אינטערווענץ — אַ שׂרפה אונטערגעצונדן דורך רעליגיעזע און אַרעסטן מצד דער רעגירונג.

צי דאַרף אַזעלכעס פּאַרקומען אין דער אַזוי אויסגעטרוימטער יידישער מדינה?

אין ירושלים האָט דער געשלעכט־בוטיק געפירט צו שטרייטן, פּראָטעסטן צווישן דער רעליגיעזער יוגנט פון איין זייט און פרייע יוגנטלעכע פון דער אַנדע־רער זייט. ס'איז געקומען דערצו, אַז מ'האָט געמוזט שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, וואָס זאָל נעמען אַ שטעלונג צו די עראָס־עריות־געשעפטן, כּדי צו פאַרמיידן געשלעגן און הפקרדיקע אויפפירונג. די סוחרים ווילן זיך אָבער נישט אָפּזאָגן פון דער דאָזיקער סחורה פון עולם־הזהדיקייט וואָס פאַרזיכערט גוטע פּראָ־פיטן. זיי ווילן דווקא פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַ שוועדן, דענעמאַרק, אָדער פּאַריז.

אהרן ווערגעליס שילדערט אין אַ ליד, געווידמעט ניו־יאָרק [1], די פאַרגוואַל־דיקונגען וואָס קומען פאָר אין אָט דער אַמעריקאַנישער מעטראָפּאָליע:

„אין ניו־יאָרק קענען יונגע ווייבלעך שיסן.
יונגע ווייבלעך האָבן וואָס צו שיצן
נעכטן האָט מען אויף דער פינפטער עוועניו
די מיסיס בען פאַרגוואַלדיקט (אַזוינס האָט זי פאַר אירע זעקס און
אַכציק יאָר נאָך קיין מאָל ניט געהאַט)"

איך ווייס נישט צי אין זיין מאָסקווע איז די געפאַר פאַר יונגע ווייבלעך קלענער... צי די דאָרטיקע סאָלדאַטן, „קלערקס", שאָפערן, זענען בעסער ווי אין ניו־יאָרק און צי דאָרט קענען נישט יונגע ווייבלעך שיסן, ווייל זיי „האָבן וואָס צו שיצן"...

ישראל טאָר זיך אָבער נישט לאָזן אויפן וועג פון „נהיה ככל הגויים", וואָס שייך מאָראַל־געהיטקייט.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין די פריִערדיקע פּרקים — און אין אַ פריִערדיקן ווערק, אַז דאָס יאָגן זיך נאָך נאַקעטקייט, שורשט אין וועלן זיך אומקערן צו דער פּרעהיסטאָרישער צייט. שוישפּילערס און קינסטלערס פון באָרוף זענען שוין באַלד איבערצייגט, אַז דאָס אויסטאָן זיך נאַקעט בפני עם ועדה וועט קיין גוטס נישט ברענגען. דאָס עקספּלאָאַטירן נאַקעטקייט, פּאָרנאָגראַפיע, שטעלט אין געפאַר דאָס טעאַטער: דער נאַקעטער פרויען־קערפּער, אָדער נאַקעטקייט פונעם זכר — באַ־הויפּטן זיי — שטאַרקט נישט די קוואַליטעט פון דער פּיעסע. אדרבה, דער טעאַטער ווערט דעגראַדירט, און די נאַקעטקייט דאַרף איבערגעלאָזט ווערן פאַר די נודיסטן־קאָלאָניעס. די קונסט האָט דערפון גאָרנישט געוווּנען און אַוודאי נישט דער פּראָגרעס פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע, קולטור און מאָראַל.

נאַקעטקייט קאָן מען נאָר באַרעכטיקן ביים קינסטלער פון ריינער קונסט:

מאָלערס, סקולפּטאָרן — וואָס אויך ביי זיי וואָלט נישט געשאַדט אַ ביסל צוים!

אין איין נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן מיר באַמערקט סקולפּטורן פון אָגיסט ראָדען (1917-1840) צווישן זיי: אַ הייסער קוש צווישן אַ פאַרליבט פּאָרל; אָדם און חוה אין זייער נאַקעטקייט. דער קינסטלער האָט זיך באַמיט אַרויסצוהייבן די שטריכן, די פיגור, די גבורה, דעם שאַרם און גראַציעזקייט פון זכר און נקבה — דאָס איז קונסט; אָבער די שרייבערס וואָס מיינען, אַז מיט זייער „סעקס"-ליטעראַטור פירן זיי צו פּראָגרעס, באַקעמפן זיי דעם „עסטאַבלישמענט" און אַז אויף זיינע חורבות וועט מען קענען בויען שענערע געזעלשאַפטלעכע אינ־סטיטוציעס, מאַכן אַ טעות. זיי ברענגען אַ נייעם „עסטאַבלישמענט" פון קראַנקע גייסטער, פון אומנאַטירלעכעליידנשאַפטן, פון סעקס־אַרגיעס. זיי ברענגען אויף אונדז דעם קולט פון גרוילטאַטן און פאַרקריפּלען די יוגנט־פּסיכאָלאָגיע.

חיים נחמן ביאַליק האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט, אַז אַזוי לאַנג, ווי ס'זענען נישטאָ קיין יידישע פּראָסטיטוטקעס, איז ארץ־ישׂראל נאָך אַלץ נישט קיין מדינה, און דוד בן־גוריון, דער אַרכיטעקט פון מדינת ישׂראל, ווערט דערציילט, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אַזוי לאַנג ווי אין אונדזער מדינה זענען נישטאָ קיין גנבים, קיין פּראָסטיטוטקעס, איז עס נישט קיין מדינה... אויב דאָס איז אַ סימן פון מדינה־רייפקייט, זענען אַזעלכע שוין דאָ. דאָס „אתה בחרתנו"־פאָלק אויפן באָדן פון אָבות־אבותינו, לאָזט זיך באַאיינפלוסן פון פרעמדע לענדער, פרעמדער הפקרות און פאַרלירט דערביי אַ גרויסן חלק פון זיין נשמה יתירה.

עקזאָטיק־עראָטיק, נאַקעטקייט, אַראָפּנעמענדיק פון זיך אַפילו דעם פייגנבלאַט־צודעק, איז נישט אַ המשך פונעם טויזנט־יאָריקן טרוים: „ותחזינה"... ווייט פון דער בענקשאַפט צום קודש־קדשים מיט אַלע סימני טהרה, ווי די גרויסע וויזיאָ־נערן האָבן זיך פאַרגעשטעלט.

מיר האָבן שוין געזאָגט: ווי ס'קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך; ווי אין די פרייע, ליבעראַלע קריסטלעכע לענדער, האָט די „סעקס"־רעוואָלוציע באַפרייט די פרוי פון דער מורא צו האָבן פרייע געשלעכט־באַציִונגען, אַזוי טראָגט זיך דאָס אַריבער צו יידן און צו דעם עם היושב ביהודה ובגליל.

ביז די לעצטע יאָרן איז געווען אָנגענומען אין דער וועלט, אַז מער מענער האָבן געשלעכט־באַציִונגען מיט אויסגעלאַסענע פרויען, ווי פרויען מיט פרעמדע מענער. זינט דער רעוואָלוציע אין סעקס, האָט זיך אַ סך געענדערט; מער פרייהייט פאַר דער פרוי! זי דערלויבט זיך שוין אָבער צו פיל פרייהייט. אין געוויסע לענדער איז שוין באַלד אַ זעלטנהייט צו געפינען אַ מיידל אַ בתולה.

לויט פאָרשונגען האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז רעליגיעזע מיידלעך האָבן ווייניקער געשלעכט־פאַרקער פאַר דער חתונה, ווי נישט־רעליגיעזע. ס'קען זיין, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס זיי לייענען זיך נישט אָן אַזוי פיל מיט פּאָרנאָגראַפיע,

לויפן נישט זען די „נאַקעטע פילמען", און אפשר אויך צוליב דעם, וואָס די מאַמעס דערקלערן זיי די וויכטיקייט פון בתולהשאַפט, ביז מען האָט חתונה און מען לעבט מיטן באַשערטן „זיווג מן השמים".

אַ פאַקט איז אויך, אַז אַפילו אין די פרייע, דעמאָקראַטישע לענדער, איז שוין דערעסן געוואָרן די פּאָרנאָגראַפיע און ס'שאַפן זיך שוין גרופּירונגען פון יונג און אַלט, וועלכע פּראָטעסטירן און דעמאָנסטרירן קעגן דער הפקרדיקער פּאָרנאָגראַפיע. אַזוי ווי עס זענען פּאָפּולער געוואָרן גאַסן־דעמאָסטראַציעס, קען מען טרעפן: אויף איין זייט אַ דעמאָנסטראַציע קעגן בתולהשאַפט, פאַר לעגאַלי־זירן אַלערליי סאָרטן סעקס־פרייהייטן, אַריינגערעכנט האָמאָסעקסואַליזם — צו דערלויבן אַלץ וואָס דאָס אויג וויל זען און דער גוף וויל געניסן... אויף דער אַנדערער זייט: — פּרויען אַפילו פון „ליב"־באַוועגונגען, רעליגיעזע און אַטעיִס־טישע, מאַמעס און טעכטער, וואָס ווילן מ'זאָל אָפּשטעלן נאַקעטקייט, נישט דער־לויבן פּראָסטיטוציע און ברענגען די טבע צו מענטשלעכן קאָנטראָל.

דער רעליגיעזער איינשטעל, באַזונדערס ביי ייִדן, פון מאָראַל און עטיק קאָן צוריקהאַלטן פון אָט דער הפקרות. דער ייִדישער לעבנסשטייגער איז בכוח צו צוימען מאָמענטאַלע תאווה. ווען דער מענטש גלייבט, אַז זיין גייסטיקייט האָט אין זיך דעם פונק פון שכינה, פון קדושה, האָט ער מורא, יעדנפאַלס טראַכט ער, צי זיינס אַן אַקט, אַ האַנדלונג, קאָן נישט אַ מאָל גורם זיין צו אַ פאַרשוועכונג פון דער דאָזיקער קדושה.

ווי גייט דאָס ייִדישע ווערטל: „אַז מ'האָט טעכטער — פאַרגייט דאָס געלעכ־טער"... ווען אָבער די טאָכטער פירט זיך אויף אָנשטענדיק, האָט חתונה מיטן פּאַסיקן זיווג און שטאַרקט דעם דרך־ארץ צום פאָטער פון דער פאַמיליע, האַלט צוזאַמען מאַן־און־קינדער, דאַן ווערט זי די פרייד פון אַלעמען. עלטערן פרייען זיך מיט איר, דער מאַן האָט זי ליב און די קינדער האָבן פאַר איר דרך־ארץ.

נישט פּסיכאָלאָגן וועלן גאַנץ מאַכן דאָס פאַמיליע־לעבן, נאָר דער צוריקקער צום טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער, צו די עטישע ווערטן און צו די געהעריקע פונקציעס פון טאַטע־מאַמע.

די שטילע, באַשיידענע ייִדישע טאָכטער — זי שטעלט אויף די ייִדישע היים. זי דאַרף נישט לייענען דעם „יאַסמין"־מאַגאַזין, בכדי צו וויסן ווי צו לעבן אינטים מיט איר מאַן, און איר אַרט נישט די ברכה „שלא עשני אשה", ווייל זי ווייסט דעם מאָטיוו פון דער ברכה, זי נעמט אָן מיט פרייד איר גורל — אַ פרוי איז מער אויסגעשטעלט צו ליידן און צו ווייטיקן [2].

די דאָזיקע שטילע און באַשיידענע ייִדישע פרוי ווייסט, ווי געלויבט און געאַכט זי איז אין ייִדנטום, אַז אויף איר איז געזאָגט געוואָרן: „ביתו זו אשתו" [3]: זי ברענגט גליק און פרייד אין דער ייִדישער היים.

די שטילע, באַשיידענע פרוי ווייסט, אַז נישט די גאַנץ־דעמאָנסטראַציעס פאַר „סעקס״־פרייהייט וועלן איר ברענגען גליק. זי ווייסט אַז איר גליק איז נישט אין פאַמיליע־פלאַנירונג, נאָר אין דעם ריינעם געטרייען לעבן, באַזירט אויף מאָראַלישע פרינציפּן און מענטשלעכער אינטימקייט — און וועגן דעם דאַרף מען לערנען אין די בתי־ספר.

ד. געשלעכט-דערציִונג. — וואָס ברענגט עס? — אַנ-שטאָט פאַרבעסערונג הפק-רות. — קינדער לערנען זיך וועגן סעקס. — שז״ש אַנאַליז און טאַדל.

ווי אַ מגיפה האָט אונדזער וועלט אַרומגעכאַפּט די „סעקס־דערציִונג״ און אונדזערע דערציִונג־אויטאָריטעטן אין ישׂראל ווילן דאָס נאָכטאָן. דער פאַקט איז, אַז וואָס מער מען לערנט מיט די תּלמידים די דאָזיקע חכמה, אַלץ מער פירן מיר זיי צו מאָראַלישער דעגענעראַציע און די קאָנ־סעקווענצן זענען — מער ווענערישע קראַנקייטן.

ווען אַ לערער אָדער לערערין פאַרנעמען זיך אין קלאַס אויפצוקלערן דעם סיסטעם פון די אָרגאַנען, די אינטימקייט וואָס ברענגט קינדער, און מען ווייזט נאָך דערביי בילדער, ווי אַזוי ס׳אַנטוויקלט זיך דער עמבריאָן, ווי אַזוי עס אַרבעטן די האָרמאָנען — און נאָך מער, מען דערקלערט עטימאָלאָגיש דעם אָפּשטאַם פון די ווערטער זכר ונקבה, ווערט דאָס מיידל אַ „נקבה״ אינעם זין, ווי דאָס ווערט פאַרשטאַנען אין יידיש. דער זכר דערפילט זיינע עמאָציעס און יאָגט זיך צו אַנט־בלויזן די פאַרהוילנקייט — און ווען די מיסטעריע ווערט געלייזט, איז עס שוין אַ „מעוות לא יוכל לתקון״, איז שוין נאָך אַלעמען...

די גרויסע דערציִערס פונעם דור (אַריינגערעכנט די סאָציאָלאָגן און פסיכאָ־לאָגן), אַנשטאָט צו דערציִען דעם דור אויף הומאַניסטישע פרינציפּן, פאַרנעמען זיך מיט עצות, ווי צו קאָנטראָלירן געבורטן. זיי זענען גלייכגילטיק צו די סעקס־אָרגיעס און ווידמען זייער צייט, וויסן און ענערגיע דעם פּראָבלעם פון שוואַנגער־שאַפט; יעדער קומט אַרויס מיט אַן אַנדער עצה: אויב איינער וויל אַ געזעץ, אַז אַבאָרטן זאָלן לעגאַליזירט ווערן ביז דריי חדשים, קומען אַנדערע און זאָגן — ביז זעקס חדשים. מ׳האָט רק מורא פאַר דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל געבורטן.

מילא, דאָס פּראָבלעם פון יוגנט־קאָנטראָל איז אַ וועלט־פּראָבלעם. ווי קען מען זיך אונטערנעמען זאָגן דעות דער וועלט, ווי אַזוי צו לייזן אירע קאָמפּלי־צירטע פּראָבלעמען? אָבער ישׂראל, די מדינה וואָס האָט הינטער זיך אַ פיר טויזנט יאָריקע געשיכטע וועגן פאַמיליע־לעבן און ווערט געבויט אויף ס׳ניי, אַזוי פריש, אַזוי ניי, מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן טעמפּאָ אויף אַלע געביטן, ישׂראל האָט

נישט נייטיק, פאַר איר איז שעדלעך דאָס איינפירן געשלעכט־דערציִונג.

אויב ביז איצט האָט ישׂראל דעם קלענסטן פּראָצענט פון אומפאַרהייראַטע מוטערס — לויט דער סטאַטיסטיק בלויז איין פּראָצענט, בעת אין ענגלאַנד גרייכט דער פּראָצענט צו 7 און אין שוועדן צו 10 — קאָן דער פּראָצענט אַ סך זיך פאַר־גרעסערן אויב מ׳זאָל איינפירן „סעקס״־דערציִונג אין די קלאַסן.

ווי סטאַטיסטיקערס ווייזן אָן, איז אַ דריטל פון אומפאַרהייראַטע מוטערס אין עלטער פון 17 און וויניקער. פופציק פּראָצענט פון זיי האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן אַ מיטלשול. מיט די אומפאַרהייראַטע מוטערס פאַרנעמט זיך דער משׂרד הסעד (אונטערשטיצונג־מיניסטעריום). און איבער 70% פון אַזעלכע קינדער ווערן איבערגעגעבן „לאימוץ״ (פאַר אַדאָפּטירונג).

אין ישׂראל דאַרף אַ חתונה פון מינדעריאָריקע גוטגעהייסן ווערן פון דעם פאָטער, בעת אין אַנדערע לענדער איז גענוג די הסכמה פון דער מוטער. דאָס געזעץ דערלויבט חתונות אין עלטער פון 16 יאָר, און נישט דווקא ווען דאָס מיידל איז שוין פאַרגאַנגען אין שוואַנגערשאַפט.

די דאָזיקע געזעצן, דאָס דערלויבן פריִע חתונות, האָבן צו טאָן מיט אומשטאַנדן און קלימאַטישקייט. ס׳וועט נישט העלפן קיין חינוך פון געשלעכט! אַנשטאָט זיך אָפּצוגעבן מיט עצות ווי צו פאַרהיטן זיך פון געבורטן אומלעגאַלע, נישט־געזעצ־לעכע, אָדער געזעצלעכע, וואָלטן די מומחים פון דערציִונג געדאַרפט בעסער זען, ווי צו דערציִען די יוגנט און זי דערהייבן צום אַמאָליקן אידעאַליזם און הומאַניזם — מאַכן זי זאָל זיין געטריי דער מדינה, די אידעאַלן וואָס האָבן געבראַכט מדינה־שאַפט — און נישט וויניקער, געטריי די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטש־הייט, ווי עס האָט געלערנט ר׳ שמעון הצדיק די פּרינציפּן, אַ דאַנק וועלכע די וועלט קאָן האָבן אַ קיום: גייסטיקע אויסבילדונג — „על התורה״; אַרבעט, אָדער עבודת השם — „ועל העבודה״ און גוטע באַציִונגען צווישן מענטשן — „ועל גמילות חסדים״ [1].

די מדינה האָט גענוג פּראָבלעמען מיט אומלעגאַלע קינדער לויט הלכה (אויב אַפילו נישט הונדערט פּראָצענטיקע ממזרים), צוליב חתונות נישט לויט דת משה וישׂראל, ציווילע חתונות, פרייע „ליבע־קינדער״, געמישטע חתונות און נאָך מער קאָמפּליצירטע חתונות.

ייִדישע דערציִונג דאַרף זיין באַזירט אויף תּורה עם דרך־ארץ; מורא שמים כּמורא בשׂר ודם [2], כל הארץ של הקב״ה [3], אָדער דעם טיפן זין וואָס ליגט אין די ווערטער: „אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון את לבו לשמים״ [4] — דאָס הייסט לערנען, דאָס הייסט דערציִען, דאָס מיינט סטימולירן די מאָראַל ביי די בוני המדינה.

מיר וועלן זיך דערלויבן ציטירן פון תו״ע־טעאָרעטיקער שלמה זלמן שרגאַי [5]:

„...דער דערפאָלג פון לערנען און דערציִונג איז אַזוי שטאַרק, אַז די איינציקע זאָרג איז געבליבן נאָר אַריינצוברענגען אין די שולעס חינוך „מיני", סעקס־דער־ציִונג. אויף אַלע אַנדערע געביטן שטייט שוין אונדזער שול־סיסטעם אויף דער געהעריקער הויך, און וואָס עס פעלט איז נאָר לערנען די תּלמידים אַ ביסל „הפקר־לעבן", וואָס דאָס איז דער איינציקער רעזולטאַט פון חינוך מיני..."

און ווייטער:

„...אפשר וואָלט אונדזער מיניסטעריום זיך פאַרטראַכט, געזוכט עצות, ווי אַזוי צו לערנען און דערציִען יידישע קינדער אַלס יידן; יידישע קינדער מקיים צו זיין מצוות כּבוד אב ואם, ליב צו האָבן און זיין געטריי דעם יידישן פאָלק, זיין איבערגעגעבן דער יידישער אמונה, בכּבוד האַלטן לפּחות די יידישע תּורה, יידישן מסירת־נפש..."

חתונה מאַכן איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דער גרעסטער מצווה און פאַר דער גרעסטער שׂמחה — אָבער צוימען עריות דאַרף מען מיט אַלע מעגלעכקייטן.

אלישע בן אבויה, דער וואָס האָט געקראָגן דעם צונאָב־נאָמען אחר צוליב זיינע אפּיקורסישע געדאַנקען, האָט געפּרעדיקט קעגן חתונה... נישט צו האָבן קינדער — און די חכמי התּלמוד גיבן צו, אַז זיין שלעכטער סוף איז אויך געקומען אַלס רעזולטאַט פון זיין תּאוותדיקער אויפפירונג.

היטן פרויען־שיינקייט — אומבאַדינגט. פאַרשיידענע תּקנות און היתּרים פאַר דער פרוי, זי זאָל זיך פּוצן און צירן [6] — אָבער פאַרשייטקייט? דאָס נישט!

פאַראַן צייטן ווען ס'טאָרן נישט פאָרקומען קיין חתונות ווי, למשל, אין די טעג צווישן ראש־השנה און יום־כּיפּור. אין „מטה אפרים" פון ר' אפרים זלמן מרגליות, איינער פון די גדולי הפּוסקים, ווערט געזאָגט:

„נוהגין שלא לעשות נשואין בימים אלו, ומכּל מקום אם מחמת איזה אונס וסיבה אירע שעשׂו נשואין ביום צ"ג, אם הוא נדחה מותרים חתן וכלה לאכול אחר שיצאו מחופּתן"... [7]

קומען אַנדערע פּוסקים און זענען מתּיר, ווייל גרויס איז די מצווה פון זיווג...

ר' עוזיאל הילדעסהיימער שרייבט (או"ח ויו"ד, תּל־אביב, תשכ"ט, או"ח, סימן, תּר"ב): „ראיתי בקיצור שולחן ערוך שהביא בשם מטה סופרים שלא לעשות נשואין בעשי"ת, אבל במדינתנו אין נוהגין בזה כּלל ונשואי הרב הצדיק וכו' הי' בין כּסה לעשור".

מיר געפינען אַ תּוספת (תּוס' עירובין, מ', ע"ב) וואָס זאָגט: דעשׂו חופּה בעשרה בטבת".

חתונה ביי יונגע מענטשן סטימולירט זייערע געפילן, שטילט זייערעליידנ־שאַפטן. פּסיכאָלאָגן־קרימינאָלאָגן האָבן לעצטנס באַווירקט רעגירונגען, צו דער־לויבן פראַוען חתונות אין די תּפיסות, ווי אַ זשעסט און געזונטן צוגאַנג פון

הומאַניזם, מאַכן מענטשלעך אַפילו פאַרברעכערס, כדי זיי זאָלן זיך נישט לאָזן אויף שלעכטע וועגן, אָפּגעבן זיך מיט שונד, מיט פּראָסטיטוציע, איז בעסער, אַז נאָך זייער באַפרייונג זאָלן זיי האָבן אַ היים און קענען לעבן אַ נאָרמאַל, מענטשלעך ציוויליזירט לעבן.

אַנשטאָט פאַרשפּרייטן „מדריכים לאשה", איז בעסער צו לערנען מיט דער פרוי ייִדישע עטיק, ייִדישע מאָראַל און די דרכים ווי אַזוי אַ פרוי קאָן זיך דערהייבן צו די העכסטע הייכן, ביז נבואה און פירערשאַפט.

בשעת די ייִדן זענען אַרויס פון מצרים, האָבן די פרויען זיך נישט געלאָזט באַנוגענען מיט דעם וואָס די מענער האָבן געזונגען די שירת הים, נאָר אויך זיי זענען אַרויס מיט טענץ און מיט געזאַנג: „ותען להם מרים שירו לה'" [8]. מרים איז געווען נביאה און פירערין.

אמת, דער כבוד פון דער פרוי איז אַ הויזיקער, ווי אַ בת מלך, „כל כבודה בת מלך פנימה" [9]. זי האָט אָבער אַלע מעגלעכקייטן זיך צו דערהייבן צו די הייכן פון רוח הקודש און נבואה: „מעיד אני עלי את השמים ואת הארץ... בין איש בין אשה, הכל לפי המעשה שהוא עושה רוח הקודש שורה עליו" [10].

און אַז מען רעדט שוין וועגן חינוך און מען רעדט שוין וועגן דעם כבוד פון דער פרוי, ווי קען מען פאַרבייגיין און נישט אָפּשטעלן זיך מיט עטלעכע ווערטער, וועגן דעם ענין בת־מצווה, וואָס גייט ממש נישט אַראָפּ פון רבניש־הלכהשן טיש.

די משנה [11] לערנט אונדז, אַז די חכמים האָבן געזאָגט — אַ פרוי זאָל נישט לייענען אין דער תורה, צוליבן כבוד פונעם צבור.

„לא תקרא אשה בתורה, מפני כבוד הצבור..."

ס'ווערט אָבער געבראַכט פון דעם גרונטלייגער פון מינהגים ביי אשכנזים, מהר"ם מרוטנבורג (ד'תתקע"ה ־ ה'נ"ג; 1293 ־ 1215), אַז אין געוויסע פאַלן און אונטער געוויסע אומשטענדן, מעג אַ פרוי לייענען אין דער תורה פאַר אַ צבור, משלים צו זיין מנין שבעה קרואים, אָדער דריי קרואים [12].

די שאלה וועגן בת־מצווה האָט אַ דירעקטע שייכות, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן [13], צום ענין — צי אַ פרוי איז מחוייב, פינקטלעכער, צי ס'איז איר דערלויבט צו לערנען תורה. אָנגענומען איז, אַז אין אונדזער צייט איז וויכטיק אַ פרוי זאָל לערנען און זאָל זיך אויסלערנען דינים און מינהגים. דאָס איז די מיינונג פון די גדולי הדור [14]. אָבער עולה צו זיין און לייענען אין דער תורה, ווייזט אָן דער איש ירושלים ואיש התורה הרב מרדכי הכהן, אַז דער חידוש פון מהר"ם מרוטנבורג, איז נאָר געווען אַ טעאָרעטישער — אָבער אין דער פּראַקטיק האָט מען זיך תמיד געהאַלטן ביים מינהג חכמים: „אשה לא תקרא בתורה" [15]. ער פירט אויס, אַז דער ווונטש איז, אַז די ייִדישע טאָכטער זאָל גיין אויפן וועג פון ישראל סבא: „אם לא תדעי לך היפה בנשים — צאי לך בעקבי הצאן..."

די פרוי האָט אויך סימבאָליזירט די כּנסת־ישׂראל.

ס׳וועלט דערציילט אין אַ מדרש:

אַן אַלטע פרוי האָט געפרעגט איינעם פון די תּנאים: איך בין צו אַלט צו לעבן, איך קען אָבער נישט שטאַרבן, ווי אַזוי שטאַרבט מען?

האָט דער תּנא זי געפרעגט, ווי אַזוי זי האָט דערגרייכט דעם דאָזיקן עלטער. האָט זי געענטפערט: מיין פאָטער האָט מיט מיר געלערנט תּורה און איך לערן יעדן טאָג תּורה... האָט דער תּנא איר געעצהט זי זאָל אויפהערן לערנען דריי טעג...

די אַלטע פרוי האָט געפאָלגט, אויפגעהערט לערנען און אויף דעם דריטן טאָג איז זי געשטאָרבן [16].

די אַלטע פרוי, ווערט אָנגעוויזן, סימבאָליזירט די כּנסת־ישׂראל. אויב ייִדן זאָלן חלילה אויפהערן לערנען, ברענגען זיי אויף זיך דעם טויט. ייִדן קאָנען נאָר עקזיסטירן צוליב און אַ דאַנק תּורה — ישׂראל ואורייתא חד!

דער פאַקט איז אָבער, אַז דער מדרש באַנוצט זיך אין זיין משל מיט אַ פרוי וואָס לערנט תּורה.

די ייִדישע טראַדיציע האָט זיך געהאַלטן ביי דער שטרענגער מחיצה אין בית הכּנסת און אין רעליגיעזער פירערשאַפט; נישט צוליב וועלכער נישט איז דעגראַדירונג פון דער פרוי, נאָר צוליב די אייגנשאַפטן, כאַראַקטער־שטריכן און די ספּעציפישע פונקציעס פון דער פרוי. ועל כּולם: די פאַרהיטונג פון תּאווה און יצר־הרעדיקער מחשבה.

דער ראַבינאַט, אָדער הלכה־קאָמיסיע פון די קאָנסערוואַטיווע און ליבעראַלן, לויט די דענאָמינאַציע־איינטיילונגען, ווילן דווקא אַריינברענגען נייע תּקנות אין ייִדישן לעבן [17]; געבן דער פרוי רעכט צו אַן אַקטיוון אָנטייל, אין אַ מנין, עליה לתּורה אאַז״וו — וואָס אָרטאָדאָקסישע פירערס באַקעמפן, ווי מיר האָבן שוין אייניקע מאָל אָנגעוויזן, מיט אַלע כּוחות.

די נביאים און די חז״ל האָבן תּמיד אַפּעלירט און געוואָרנט קעגן זנות; געמאַכט תּקנות צו באַגרענעצן אויסגעלאַסנקייט: איינצוהיטן די מאָראַל ביי ייִדן און במילא שטאַרקן דעם פאַמיליע־צובונד. זיי האָבן געצילט מיט זייערע תּקנות צו פאַרהיטן, סיי די פרוי און סיי דעם מאַן, פון פאַרראַט.

אין אַ פריִערדיקער אַרבעט, האָבן מיר שוין אָנגעגעבן די מאָטיוון פון סוטה־ריטואַל [18] און זיין טאָפּלטן, צווייפאַכיקן צוועק: 1) אָנצוואָרפן אַ מורא אויף דער פרוי זי זאָל נישט פלירטעווען מיט אַנדערע מענער און 2) אַראָפּצונעמען פון איר יעדן חשד פון פאַרראַט, אויב זי איז געווען ריין און אומשולדיק.

דערציילט אונדז אָבער די משנה [19]: „משרבו המנאפין בטלו המים המרים ורבי יוחנן בן זכּאי הפסיקן, שנאמר: „לא אפקוד על בנותיכם כּי תזנינה ועל כּלותיכם כי תנאפנה כּי הם״ [20].

אין יידיש[21]:

זינט עס האָבן זיך פאַרמערט די נואפים, וועלכע זינדיקן מיט פרעמדע פאַר־הייראַטע ווייבער, האָט אויפגעהערט דאָס ביטערע וואַסער, האָט מען אויפגעהערט צו געבן די סוטות צו טרינקען דאָס ביטערע וואַסער, אויסצופּרובירן, צי זי האָט געזינדיקט צי נישט... צי מעג דער מאַן ווינען מיט איר אָדער ער מוז זיך אָפּשיידן פון איר. רבי יוחנן בן זכאי האָט אָפּגעשאַפט דאָס געבן די פאַרדעכטיקטע (סוטות) פּרויען צו טרינקען דאָס וואַסער, זיך שטיצנדיק אויפן פּסוק אין הושע: גאָט זאָגט, איך וועל נישט באַשטראָפן אײַערע טעכטער ווען זיי וועלן מזנה זיין און נישט אײַערע שנורן ווען זיי וועלן מזנה זיין, ווייל זיי אַליין, די מענער, זענען נואפים.

די גמרא לערנט עס אַרויס פונעם פּסוק — „ונקה האיש מעון"[22] — בזמן שהאיש מנוקה מעון, ווען דער מאַן איז ריין פון זינד, ווירקט דאָס ביטערע וואַסער צו באַווייזן צי די פרוי איז ריין און אומשולדיק; אויב אָבער דער מאַן באַגייט אויסגעלאַסנקייט, קאָן דאָס וואַסער נישט באַווייזן זיין פרויס שולד אָדער אומ־שולד — אַ שטראָף פאַר דעם מאַן!

מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין דעם קעגנשטאַנד און ברענגען די פאַר־שיידענע אויסטייטשונגען פון מפרשים.

אינטערעסאַנט איז רש"יס צוגאָב: „על ניאוף נשותיכם לבודקן ומפני מה, על בנותיכם כי תזנינה. ועוד כי הם עם הזונות יפרדו, הם עצמן נואפין כפרדים הללו". רש"י, ווייזט אויס, האָט פאַרשטאַנען אַז דער גמראס לימוד איז קלאָרער און נייטיקט זיך נישט אין קאָמענטירן; אָבער רבי יוחנן בן זכאיס צוגאָב פון הושע, נייטיקט זיך יאָ אין אַן אויפקלערונג צו באַפעסטיקן דעם דרש, און דעריבער ברענגט ער דעם אויספיר פונעם פּסוק, באַזונדערס דאָס וואָרט „יפרדו", וואָס פשוט מיינט עס, זיי שיידן זיך אָפּ, גייען אַוועק מיט זונות און מיט שאַנדווייבער[23].

דער מהרש"א[24] שטעלט זיך אָפּ אויפן לשון פון רש"י און איז דאָ מחדש אינעם איינטייטשן רש"ין און במילא די גמרא, אַז פּרד זאָל גאָר מיינען אַ מויל־אייזל, וואָס קומט אַרויס פון אַ מישלינג: פערד און אייזל, און דער מאַן וואָס פאַרלאָזט זיין פרוי און גיט זיך אָפּ מיט פאַרבאָטענער תאווה, צעשטערט דעם דערלויבטן זיווג און ברענגט דאָס פאַרבאָטענע — אַ פּרד... נאָך אַ טייטש — ער צעטיילט דעם זיווג, דעם צוזאַמענבונד, איבער וועלכן ס'הערשט דעם שם הויה און ברענגט אַריין פּייערדיקן צאָרן אין זיין פאַמיליע־לעבן.

אין זיין לשון:

פּרד יפרדו... מלשון פרוד, זנות הפרד מפורש, שבא מסוס וחמור ואסור בשניהם. ועי"ל, יפרדו מלשון פירוד ממש, לפי שזיווג איש ואשה קרוי דיבוק, כדכתיב ודבק באשתו והוא חיבור שם י"ה שבאיש ואשה כדאמרינן פרק הי'

מביא, והרועה זונות מפריד דבוקו מאשתו ומפריד שם י״ה שבחיבור איש ואשה, כדאמרינן שם״.

די גמרא [25] זאָגט אויך: „משרבו נטויות גרון ומשקרות עינים״ [26] — „רבו מים המרים״ — ווען ס׳האָבן זיך געמערט די פרויען וועלכע האָבן מיט זייערע אויפגעהויבענע העלדזער געזוכט צו פלירטעווען און ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון מענער, ווי ישעיה הנביא שטראָפט די ירושלים־טעכטער פאַר זייער פאַר־שייטקייט, האָבן זיך געמערט די פאַרדאַכטן אויף פרויען און ס׳האָט זיך געמערט דאָס געבן צו טרינקען די דאָזיקע פרויען ביטער וואַסער...

ה. אישות־מאָראַל־יסוד אין יהדות. — אַ נאָרמאַל צניעותדיק לעבן. — „פרו־שים״ און „פרושה״. — היידנישקייט און קריסט־לעכקייט.

מיר האָבן דאַכט זיך שוין גענוג אָנגעוויזן אויף ווי ווייט די חז״ל האָבן געשטעלט דעם יסוד פון יהדות אויף דער אישות־מאָראַל. גרויסע טיילן פון תנ״ך זענען געווידמעט דער קדושה אין משפחה־לעבן. ס׳ווערן אויסגעדריקט וואָרע־נונגען און ס׳ווערן אָנגעזאָגט שטראָפן און גע־פאַרן, וואָס קומען אַרויס פון אויסגעלאַסנקייט און „תאוות בשׂרים״, און נאָך מער ווערט וועגן דעם גערעדט אין דער תורה שבעל־פה. ס׳זענען דאָ ספּעציעלע מסכתות געווידמעט אָט די פּראָבלעמען און נישטאָ קיין מסכת ס׳זאָל נישט גע־לערנט ווערן וועגן באַשאַף פון מענטש, וועגן באַציִונג צווישן מאַן און פרוי, וועגן אָפּהיטן און אויפהיטן די יצירה־ווערטן, וואָס ווערן פאַרלאַנגט פונעם „יוצר האָדם״.

די חז״ל האָבן נישט נעגירט מענטשלעך לעבן, וואָס שליסט איַין תאווה, לויט יצירה־נויטן; זיי האָבן אָבער פאַרגעשלאָגן און אויפגעפאָדערט דעם מענטש — ביידע געשלעכטער — אַריינצוברענגען קדושה אין יצירה־הנאות, נישט פאַר־וואַנדלט צו ווערן אין אַ פּראָצעס פון „חטוף ואכול, חטוף ואשתי, דעלמא דאזלינן מיני׳ כהלולה דמיא״ [1]. עס דאַרף זיין קדושה, ווי דער קאָצקער רבי האָט גע־טייטשט דעם „ואנשי קודש תהיון לי״ [2] — איר זאָלט זיין מענטשלעך הייליק... אָדער אין דער ווערסיע: פריִער „ואנשי״ — מענטשלעך און נאָך דעם — „קודש״; ס׳מוז זיין אַ האַרמאָניע פון מענטש מיט קדושה, בכדי דער מענטש זאָל נישט ווערן אַ חיה וואָס לעבט הפקרדיק!

די יידישע פרוי איז באַלד ביים יצירה־פּראָצעס געווען אַן אָפּשיין פון אַן „עזר״, אַן אָפּשיין פון דעם ריינעם און ערלעכן צוזאַמענלעבן און די דאָזיקע ירושה טראָגט זי איבער אַלע דורות, שוין נאָך דעם נחש־איַינפלוס און שוין נאָך דעם עונש צוליב יענער „זוהמא״, אין תלמודיש־קאַבאַליסטישן באַגריף. ס׳איז

געבליבן די גאָלדענע ירושה פון פרוי־גוטסקייט, ביז דער לעגענדאַרישער שׂרה בת טובים, און דאָס אַלץ, צוליב דער ריינקייט און דעם ליריש־ראָמאַנטישן שטראָם, באַזירט אויף נאַטירלעכן רייץ און שיינקייט.

אויב דאָס נאַטירלעכע גייט אַוועק און מענטש לאָזט זיך אַריין אין פרעכער תּאווה, ווערט פאַרשיכורט פון אויסערלעכן פוץ און לוסט, דאַן קומט דער פּראַק־טישער אָנזאָג פון „שקר החן והבל היופי" [3].

די ערלעכע יידישע פרוי האָט געקראָגן די גרעסטע לויבגעזאַנגען, אַזוי אין תּנ"ך, אַזוי אין תּלמוד און גאָר באַזונדערס אין דער קבלה. די ערלעכע גרטע רות, וואָס נאָך מערער קאָן מען זאָגן וועגן איר, ווי זי זאָל האָבן די זכיה, אַז פון איר זאָל זיך אָנהייבן מלכות בית דוד און מלך המשיח? און וואָס איז וועגן שולמית אין שיר השירים? ביידע, סיי די יידישע שולמית און סיי די מואבישע רות, שטעלן מיט זיך פאָר די אידיליע פון אַ ריין, האַרציק יידיש לעבן.

אין דער יידישער טראַדיציע ווערט נישט פאַרהערלעכט די גראַציעזקייט פון אַ רייצנדיקער ווענוס, ווי אין דער קלאַסישער גריכיש־לאַטיינישער ליטעראַטור. נאָר אַ שולמית וואָס שטראַלט מיט ריינקייט און דערהויבנקייט, ליבט מיט האַרץ און נשמה — „כי עזה כמות אהבה" — און אַ רות, וועלכע איז איבערגעגעבן דער יידישער אמונה און שטעלט מיט זיך פאָר אַ כאַראַקטעריסטישע פרוי; אַ פרוי וואָס טראָגט מיט ווערדע און שטאָלץ איר טיף־מוטערלעכע אחריות.

ס'איז דעריבער נישט קיין חידוש וואָס אין יהדות, פון באַגין ביז אונדזערע טעג, איז נעגירט געוואָרן מאָלעריי, סקולפּטור. ערשט אין לעצטן יאָרהונדערט האָבן געוויסע יידישע קינסטלערס באַוויזן מייסטערשאַפט אין דער דאָזיקער קונסט.

ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז אין דער פּלאַסטישער קונסט וועט מען אידעאַליזירן עבודה זרה און ס'וועלן אַרויסקומען בילדער פון פּאַגאַניסטישער תּאווה: דאָס איז געווען די רעאַקציע קעגן געצן־מאָלעריי, אַפילו קעגן קריסטלעכע איקאָנעס און, נישט ווייניקער, קעגן דער רייצנדיקער נאַקעטקייט וואָס איז פאַרפירעריש; אָבער קונסט לשמה, ווי אַ מנורה און אַנדערע כּלים, נישט ווייניקער — געבויקונסט, וואַנט־מאָלערייען, קונסטאַרבעטן פון שער־בלעטער, אילוסטראַציעס, קופּערשטיק — אָט די סאָרט קונסט איז ביי יידן געשטאַנען אויף גאָר אַ הויכער מדרגה.

מיר האָבן נישט ווייניק שילדערונגען וועגן גרעאַנגל פון לעבן און ליבע, אָבער — ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן — אין די ראַמען פון קאָנטראָל איבער זיך. אויב מ'האָט זיך פאַרלוירן, זיך געלאָזט פירן פון עמאָציעס, איז געקומען די שטראָף און מען האָט טייער באַצאָלט — ביז עונש־מוות...

ריינע ליבע, וואָס איז שטאַרק געלויבט געוואָרן, זעען מיר ביים „בחיר האָבות" [4] — יעקב אָבינו. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט רחלען. דערציילט אונדז די תּורה, אַז ער האָט אָפּגעאַרבעט זיבן יאָר ביי לבנען צו קריגן זי אַלס זיין ווייב.

ווען לבן האָט אים אָפּגענאַרט און אים געגעבן לאהן, מיט די נישט־איבעריק שיינע אויגן (יעקב האָט נישט געהאַט דעם סימן פון „כלה שעיניה יפות אֵין כל גופה צריך בדיקה" [5]), האָט ער געהאַט אַ טענה צום שווער. האָט לבן אים געגעבן צו פאַרשטיין אַז אין זיין מקום טוט מען נישט אַזוי, צו געבן די יִינגערע פאַר דער עלטערער... פריִער דאַרף מען חתונה מאַכן די עלטערע טאָכטער און נאָך דעם די יִינגערע.

וואָס האָט יעקב געטאָן?

האָט ער אָפּגעאַרבעט נאָך זיבן יאָר און באַקומען דערפאַר רחלען, די וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, אַז איר זון יוסף, ווי אַ רעזולטאַט פון דער ליבע, האָט געהאַט ביי אים מער ליבשאַפט ווי די אַנדערע זין. לבן הארמי האָט אים נאָך געוווּג עקספּלואַטירט און אויסגענאַרט, אָבער רחלען האָט ער געקראָגן [6].

אַזוי האָבן מיר אומצייליקע שילדערונגען פון ליבעס, באַהערשט פון ריינע געפילן און הייליקע עמאָציעס.

און אַז מיר גיבן אַ שפּרונג אַריבער צו דער תקופה פון די עולי בבל, אונטער דער פירערשאַפט פון עזרא הסופר, וואָס זעען מיר? עזרא האָט איינגעפירט דרײַסיק תקנות פאַר דעם באַנייטן ישוב און צווישן זיי אַכט תקנות, וואָס רעגו־לירן די מאַן־פרוי־באַציִונגען:

1. די פרוי זאָל טראָגן אַ „סינר", אַ סאָרט גאַרסעט, נישט אַזוי צוליב פאַר־זיכערן אין ווייבלעכע פיגור, ווי צו פאַרהיטן זיך פון פאַרגוואַלדיקונג.

2. איידער די פרוי גייט צו טבילה, זאָל זי זיך גוט אַרומוואַשן, רייניקן, „חופפת", און ערשט נאָך דעם זיך טובל זיין.

3 הענדלערס זאָלן אַרומפאָרן אין די שטעט צו באַזאָרגן פרויען מיט קאָסמע־טיקס, צירונג און מיט אַלץ אין וואָס אַ פרוי נייטיקט זיך, כדי אײַנצוהיטן איר שיינקייט און יונגשאַפט; זי זאָל תמיד געפעלן איר מאַן.

4. טבילה פאַר בעלי קריין — מענער זאָלן זיין געצוימט אין זייער גע־שלעכטלעכער אינטימקייט מיט זייערע ווייבער [7].

5. אײַנפירן תקנות אָפּצושוואַכן דעם יצר פון זנות, ווייל דאָס קאָן צעשטערן דעם פאַמיליע־לעבן און במילא צעשטערן דעם קיום פון יִידנטום, ווי אַ המשך פון די אָבות [8].

6. מ'זאָל עסן קנאָבל (און אַנדערע שאַרפע מאַכלים) פרייטיק, כדי צו ווערן אויפגעוועקט געשלעכטלעך ערב שבת, ווייל די מצווה פון „עונה", פון לעבן מיט דער ווייב אינטים, דאַרף פאָרקומען פרייטיק־צו־נאַכטס, ווי דאָס ווערט געזאָגט אויספירלעך אין דער משנה און גמרא [9].

7. ביי פייערלעכקייטן, אָפּצוזונדערן פרויען פון מענער. אין דער עזרה זאָלן פרויען זיצן פון אויבן און מענער פון אונטן, ווי דאָס איז איינגעפירט געוואָרן

ביי דער שׂמחת בית השואבה און ווערט צוגערעכנט צו די תקנות פון עזרא הסופר [10].

8. באַזייטיקן פרעמדע פרויען פון געמישטע חתונות ביי די עולי בבל, ווייל עזרא האָט דערין געזען אַ דרינגלעכע נויטיקייט פאַרן קיום פונעם פאָלק [11].

באַהאַנדלען מיר די באַציִונגען אין שייכות מיט און וועגן אישות־תקנות, זעען מיר אַז נישט בלויז זענען די דאָזיקע ענינים געווידמעט געוואָרן ספּעציעלע מסכתות, ווי קדושין, גיטין, יבמות, סוטה, מסכת כלה אאַז״וו, נאָר כמעט אין יעדער מסכת האָבן מיר אומצייליקע דערציילונגען, יורידישע פּסקים און מאָראַלי־שע פאַרלאַנגען אין די דאָזיקע היניזיכטן.

שוין אין דער ערשטער מסכת פון ש״ס, אין מסכת ברכות, האָבן מיר וועגן דעם אומצייליקע מאָל, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין אין פאַמיליע־לעבן; וואָס פאַר אַ רעכט עס האָט די פרוי; ווי אַזוי האָבן זיך די אָבות באַצויגן צו זייערע פרויען און טעכטער.

די תלמוד־מאָראַליסטן זענען געווען איבערצייגט, אַז דערפילן דעם געבאָט פון פרוכפערן זיך, איז אַ יסוד אין יהדות; אָבער דאָס יאָגן זיך נאָך פרוי־אינטימ־קייט איז ביי זיי באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַנאָמאַליע, פון וועלכער מ׳דאַרף פּטור ווערן.

דער מאַן איז עלטער פון דער פרוי (לויטן חומש) מיט רגעס אָדער מינוטן, נאָר דער חשבון פון טעג, אַריינגערעכנט רגעים, איז דאָך נאָך אַלץ אַ מיסטעריע. וויכטיק איז, אַז דער מאַן, אין געשטאַלט פון אָדם הראשון, איז געווען פאַרלוירן אין איינזאַמקייט, נישט געקוקט וואָס ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט די שענסטע פלאַנצן, ביימער און בלומען און מיט חיות, בהמות און עופות מכל המינים. ער האָט אויפגעלעבט ערשט מיט חוהס קומען. זי האָט אים געבראַכט לעבנספרייד. ווען נישט דער נחש מיט זיין „זוהמא״ (אין קבלה־טערמינאָלאָגיע), וואָלטןביידע געלעבט אין אייביקן גן־עדן און זיך געפרוכפערט דורך ריינער ליבע.

די מאָראַליסטן פון אַלע צייטן זוכן דעריבער צוריקצוברענגען די אינטימקייט פון מאַן־פרוי צו אָט דער גן־עדנדיקער תקופה. זיי זוכן צו דערגאַנצן דעם געמיש פון מאַנס אַקטיווער און דינאַמישער אַגרעסיווקייט מיט דער פרויס שטילער און סענסיטיווער באַטייליקונג, פון וועלכער ס׳זאָל אַרויסשטראַלן פרייד און ליבע. זיי זוכן דעם תיקון פון אַ גן־עדן־לעבן, ווו דער שם הויה זאָל הערשן אינעם בונד פון מאַן און פרוי.

רב נחמן בר רב חסדא האָט געדרשנט: פאַר וואָס איז געשריבן „וייצר״ [12] מיט צוויי „יודן״? כדי צו ווייזן, אַז דער רבונו־של־עולם האָט באַשאַפן אינעם מענטשן צוויי יצרים: יצר טוב און יצר רע און ס׳איז דער אייביקער געראַנגל צווישן אָט די צוויי כוחות אינעם מענטשן. דער מענטש דאַרף זיך אָבער אָנשטרענ־

גען צו באַהערשן די שלעכטע אינסטינקטן.

ר׳ שמעון בן פזי האַלט, אַז די צוויי „יודן״ באַווייזן, אַז עס איז „אוי לי מיצרי ואוי לי מיוצרי״ [13], כמעט ענלעך צו רב נחמנס דערקלערונג, אָבער מיטן צוגאָב פונעם „וויי״... אַז עס איז שווער זיך צו קאָנטראָלירן און אוממעגלעך זיך אויס־צוהיטן פון שטראָף.

זיי גיבן עצות ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן פון יצר און תאווה און דערמאָנען פערזאָנען וואָס האָבן באַוויזן זיך צו קאָנטראָלירן און באַהערשן דעם אינערלעכן דראַנג צו שלעכטס. ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ פּאָלעמיק ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען די יצירה. לויט איין מיינונג, איז זי לכתחילה געווען „דו־פּרצופין״, צוויי־פּנימדיק, צוויי פערזאָנען זכר ונקבה פאַרצווייליגט און נאָך דעם איז פאָרגעקומען די אָפּע־ראַציע פון צעטיילן די צוויי צוזאַמענבאַהאַפטענע קערפּערס. לויט אַן אַנדער מיינונג איז עס געווען אַ יצירה פון איין קערפּער, איין פּנים מיטן צוגאָב פון אַ זײַט, אָדער „זנב״, און ערשט נאָך דעם, נאָכן שלאָף, איז ביי אָדמען געוואָרן פון דער „צלע״ אַ נקבה צו זיין דינסט [14]. ס׳איז פאַראַן אַ דריטע מיינונג צו פאַרענט־פערן די סתירות, אַז אין מחשבה איז געווען ביים בורא צו באַשאַפן „צוויי פּרצופין״, אָבער ביים באַשאַף זענעןביידע גופים געקומען אין איין גוף...

[אַז ביים רבונו־של־עולם, כביכול, קאָן מען זאָגן — חרטה, איבערקלערן און ענלעכס, האָבן מיר דאָך שוין אין בראשית: „וירא ד׳ כי רבה רעת האדם... וינחם ד׳ כי עשה את האדם״... [15]]

ווי שוין געזאָגט, האָט חוה געבראַכט המשך פון לעבן און נישט ווייניקער — אַ „חיויא״ — נחש — שלאַנג, וועלכע האָט צוליב אומפאַרזיכטיקייט געבראַכט טויט [16].

נישט בלויז פאַר דער זינד ביים עץ־הדעת איז די פרוי געטאַדלט געוואָרן. דער נביא שטראָפט די „פּרות הבשן״, וועלכע ליגן אויף די העלפאַנטביינער־בעטלעך און זענען פאַרטאָן אין תאווה [17]. די „נשי דמחוזא״, אין דער תלמודישער תקופה, ווערן געמוסרט פאַר זייער פוילקייט און לוקסוס־לעבן וואָס פירט די מענער צו גזילה און גנבה... צום שטרענגסטן ווערט די פרוי באַשטראָפט, אויב זי היט נישט די דינים פון נידה [18].

דעם מאַן האָט מען געלערנט, אַז נישט בלויז וואָס ער טאָר נישט אַקטועל — במעשה — נאָכגעבן דעם יצר, נאָר אַפילו במחשבה — טראַכטן תאווהדיק איז פאַרבאָטן: „הרהורי עבירה״, האָבן יידישע מאָראַליסטן געלערנט, זענען נאָך ערגער ווי די עבירה גופא: „הרהורי עבירה קשין מן העבירה״ [19]. זיי האָבן דעריבער נישט געקאַרגט קיין ווערטער אין וואָרענען מענער, ווי זיך אויסצוהיטן פון זינדיקע מחשבות, וואָס פירן, לויט תוספות, דעם מאַן צום גיהנום.

די אזהרה „לעקוב אחר ניאוף״ — געפינען חז״ל אינעם „לא תנאף״ [20]. זיי

טייטשן: „לא תנאף״ מיינט נישט בלויז אויסגעלאַסנקייט, נאָר די מעגלעכקייט צו קענען מזנה זיין [21].

ווער ס׳גייט נאָך אַ פרוי, אַפילו נאָך דער אייגענער, וועט ער ירשענען דעם גיהנום:

„תנו רבנן המרצה מעות לאשה מידו לידה, כדי להסתכל בה, אפילו יש בידו תורה ומעשים טובים כמשה רבינו לא ינקה מדינה של גיהנום״ [22].

מ׳טאָר נישט נאָכגיין נאָך דער פרוי, ווייל מ׳קען פאַרפירט ווערן פון תאווה־דיקע מחשבות. אלקנה איז נאָכגעגאַנגען זיין פרוי, ווערט ער דערפאַר גערופן „עם הארץ״ [23]. די וועלכע פאַרטיידיקן מנוחן טייטשן די ווערטער „וילך אחריה״ — אַז ער האָט נאָכגעפאָלגט איר גוטע עצות [24].

דער יצר־הרע, ווערט געזאָגט, איז אין אָנהייב קליין און שוואַך; איינער זאָגט, ווי אַ פליג און אַ צווייטער זאָגט, ווי אַ ווייץ (חיטה). מיט דער צייט, ווערט ער גרעסער און שטאַרקער. ביים עץ־הדעת האָט די „חיטה״ געבראַכט די שטראָף [25]. מ׳דאַרף אים באַלד פון אָנהייב נישט צולאָזן און מ׳דאַרף זיין געהיט אַפילו אין „ניבול־פה״, ווייל דאָס רעדן פאַרדאָרבענע רייד פירט צו מחשבה און מחשבה ברענגט צו מעשים: „כל המנבל את פיו, אפילו חותמין עליו גזר דין של שבעים שנה לטובה הופכין עליו לרעה״ [26]. נאָך ערגער, האָבן די חז״ל געלערנט, ווירקט ניבול־פה אויף פרויען און דערויף, זעט מיר אויס, האָבן זיי געזאָגט: „נשים דעתן קלות״ [27]. ניבול־פה מאַכט טיפער דעם גיהנום...

דער רמב״ן איז נאָך האַרבער מיט זיין באַהויפּטונג, אַז דער תורה־פאַרלאַנג „קדושים תהיו״, יידן זאָלן זיין הייליק, מיינט — הייליקן זיך אַפילו אין דעם וואָס איז דערלויבט. אין זיין לשון — מ׳זאָל נישט זיין קיין „נבל ברשות התורה״: „שאף מן הדברים המותרים על פי התורה צפויים לאדם קלקולים גדולים, לכן גזרה התורה: „קדושים תהיו״ [28], כי התורה הזהירה בעריות ובמאכלים האסורים והתירה הביאה באשתו ואכילת הבשר והיין, אם כן ימצא בעל התאווה מקום להיות שטוף בזמת אשתו או נשיו הרבות... וידבר כרצונו בכל הנבלות שלא הזכיר איסור זה בתורה, והנה יהי׳ נבל ברשות התורה, לפיכך בא הכתוב אחרי שפרט האסורים וצוה בדרך כללי שנהי׳ *פרושים* (מיין קורסיוו — נ. ש.) מן המותרות ימעט במשגל ויקדש עצמו בזה עד שיגיע לפרישות״ [29].

ס׳איז נישט צו שווער צו געפינען מקורים, פאַר דעם רמב״נס דאָזיקער אָנמערקונג וועגן קאָנטראָל, אַפילו אין זאַכן וועלכע זענען יאָ דערלויבט.

מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם זאָג: „קדש עצמך במותר לך״ [30], אַז אַפילו אין דעם וואָס איז דערלויבט מוז מען זיך הייליקן. און וואָס שייך תאווה, האָבן מיר די תקנה פאַר בעלי קרי זיי זאָלן זיך דאַרפן טובל זיין נאָכן זיין אינטים מיט זייערע פרויען, „כדי שלא יהיו תלמידי חכמים מצויין אצל נשותיהן כתרנגולים״ [31].

צו פיל פרישות — האָבן די חז״ל געלערנט — טויג נישט און שטעלט אין געפאַר דעם קיום־העולם; די וועלכע פירן זיך אויף דעם אופן, זענען „מבלי עולם״, אָבער קאָנטראָל איז וויכטיק אויך פאַר דעם קיום־העולם און דעריבער האָבן מיר אין תּלמוד אָנווייזונגען וועגן צו האָבן פאַרקער און ווי אַזוי צו האָבן אינטימקייט [32].

דעריבער האָבן די דאָזיקע מאָראַליסטן געוואָרנט, אַז „הרהורי עבירה קשים מעבירה״ [33] און געראָטן, ווי זיך אויסצוהיטן פון שלעכטע הרהורים, פון שלעכטע מחשבות.

דער פאַרבאָט פון ניאוף, ווי מיר האָבן נישט איין מאָל דערמאָנט, איז בלויז אויף צו האָבן באַציִונגען מיט אַן אשת־איש, מיט אַ פאַרהייראַטער פרוי: „אין ניאוף אלא באשת איש״... איז געקומען די משנה און געלערנט „אַל תּרבה שיחה עם האשה, באשתו אמרו קל־וחומר באשת חברו״ [34], ד״ה, אַז אַפילו סתם אַזוי שמועסן מיט ווייבער איז פאַרבאָטן, ווייל עס פירט צו זנות; אַפילו פון איבעריקע רייד מיט פרויען האָבן זיי געוואָרנט. די גמרא איז נאָך מער מחמיר: „אַפילו באיזה דרך נלך ללוד״, האָט ר׳ יוסי הגלילי חרטה געהאַט אויף זיין פרעגן זיך ביי ברוריה [35], ווייל די איבעריקע רייד קאָנען פירן צו שלעכטע מחשבות.

דאָס געשלעכטלעכע לעבן דאַרף, לויט דער יהדות־מאָראַל, זיין באַזירט אויף לויטערער קדושה און טהרה. די „פּרושים״, האָט מען טיטולירט מיטן דאָזיקן נאָמען, נישט צוליב פרישות און אַסקעטישקייט, נאָר צוליב קדושה אין פרישות.

עס איז נישט אונדזער אויפגאַבע זיך צו פאַרנעמען מיט דער עטימאָלאָגיע פון „פּרושים״, „פּרוש״, ווייל דער באַטייט פונעם דאָזיקן וואָרט איז ווייט נישט דער זעלביקער ווי אין אונדזער תּקופה — אַ פרוש איז דער וואָס לעבט אָפּגעשיידט פון זיין פרוי, אָדער אַ מאַן וואָס האָט קיין מאָל נישט חתונה געהאַט. הלל הנשׂיא האָט דאָך געלערנט „אַל תּפרוש מן הצבור״ [36]. דער „אַל תּפרוש״, זאָלסט דיך נישט אָפּשיידן, אָפּזונדערן, האָט אַ גאַר ברייטן פאַרנעם און שליסט איין — נישט אָפּשיידן זיך פון אַ פרוי... מ׳דאַרף לעבן נאַטירלעך לויט די תּורה־פאַרשריפטן.

מיטן נאָמען „פּרושים״ פאַרנעמען זיך אַ צאָל פאַרשערס, גאַר באַזונדערס פּראָפ׳ לואי פינקשטיין [37]. דער שרייבער מאיר מינקאָביץ האָט לעצטנס פאַר־עפנטלעכט אַ סעריע מאמרים אד״ט: „פּרושים... פּרושה״ אאז״וו [38]. ער שטעלט זיך אָפּ אויף „פּרושה״, אויף אַ פרוי וועלכע איז אַ „פּרושה״, וואָס אין דעם פאַל קען מען נישט טייטשן — אַ סעקטע וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון די צדוקים, אָדער ווי אייניקע באַהויפּטן, אַז די צדוקים און די ערשטע קריסטן האָבן די חסידים גערופן מיטן דאָזיקן נאָמען, וואָס זאָל גאָר מיינען פאַרלייקענערס — דאָ האָט עס געוויס צו טאָן מיט פרישות: מיטן זיין געהיט אין מצוות. די פרוי, „פּרושה״, פירט זיך נישט ווי אַנדערע פרויען, וועגן וועלכע ר׳ יהושע דריקט זיך אויס, אַז זיי ווילן זיך בעסער פאַרנעמען מיט נאַרישקייטן, איידער מיט אָפּגע־

היטנקייט און דערביי האָט ער זיך שאַרף אויסגעדריקט וועגן דער „אשה פרושה״:

„ר׳ יהושע אומר, רוצה אשה בקב ותפלות מתשעה קבין ופרישות. הוא הי׳ אומר: חסיד שוטה ורשע ערום ואשה פרושה ומכות פרושין, הרי אלו מבלי עולם״ [39].

מ. מינקוביץ גיט דאָ אַ הסבר צו דער משנה: ר׳ יהושע האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אַ פרוי איז מער צופרידן צו לעבן בדחקות, מיט ווייניק פרנסה, איידער אין רחבות, אָבער אָפּגעזונדערט פונעם מאַן [40]. אַזאַ ענלעכן אויסדרוק געפינען מיר וועגן פרויען-כאַראַקטער: „טב למיתב טן דו מלמיתב ארמלו״ [41].

דאָס וואָרט „פרושה״ ווערט אויך פאַרשטאַנען אין קעגנזאַץ צום וואָרט „אוכלת״, וואָס מיינט (אין אַ פאַרשטעלטן לשון) אינטימע באַציִונגען צווישן מאַן און פרוי [42] (אַזוי ווי מען נוצט דאָס וואָרט „תשמיש״ אין תלמוד און מפרשים, כדי אויסצומיידן ניבול-פה), ווי ביי יוסף ווערט געזאָגט — „כי אם הלחם אשר הוא אוכל״ [43], ווערט געטייטשט „תשמיש״ און אויך דאָס וואָרט ויאכל לחם [44] ביי יתרון ווערט אַזוי קאָמענטירט.

וואָס מ׳קען אַלץ אַריינטייטשן אין אַ וואָרט! אָבער צו אונדזער טעזע האָט עס נישט קיין שייכות. דאָס וואָרט „פרושה״ איז געוויס נישט, ווי פּראָפ׳ קלויזנער טייטשט, אַ סינאָנים פאַר חנופה, פאַרשטעלטקייט, ווייזן זיך צנועה און פראַווען אויסגעלאַסנקייט... [45] אָבער ס׳איז נישט אונדזער אויפגאַבע זיך אַריינצולאָזן אין אַ וואָרט-עטעמאַטיק, פונקט ווי דאָס וואָרט „שגל״ האָט אַזוי פיל טייטשן, נאָר דער הויפּט-טייטש איז — פרוי. די חז״ל האָבן אָבער דאָך געלערנט, אַז דערפאַר איז כּורש געוואָרן „נחמץ״, אַ רשע (נאָך דעם ווי ער האָט אַזוי פיל גוטס געטאָן פאַר יידן), ווייל ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין זנות — גענומען אַ הונט לעבן זיך... [46]

דאָס קריסטנטום, דאָס קלאַסישע, עוואַנגעלישע קריסטנטום, אַוועקגייענדיק פון יידנטום און פון ייִדישער מאָראַל, האָט נעגירט דעם „פרו ורבו״, פאַרמיאוסט דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי, און דערביי זיך נישט באַפרייט פון היידנישער פריצות, פון היידנישער לוסט און אויסגעלאַסנקייט, פון געצנדינערישער נזירות, געמישט מיט זנות-וואַקכאַנאַליע.

דער אַפּאָסטאָל שאול-פּאַולוס איז געווען, ווי באַקאַנט, דער ערשטער וואָס האָט זיך פורש געווען פונעם כלל ישראל, פון דער תורה פון יידנטום און געזוכט צוצופּאַסן די קריסטלעכע אמונה צו דער געצנדינערישער וועלט. ער האָט דערביי אַריינגענומען דעם געצנדינערישן קולט און אים באַצירט מיט קריסטלעכער גלייבעניש. די שפּעטערדיקע טעאָלאָגן, באַזונדערס די שטרענג-אָרטאָדאָקסאַלע, איבערנעמענדיק דעם קלאַסישן פּאַולישן קריסטנטום, האָבן פאַרמיאוסט דאָס לעבן פון מאַן-פרוי און געפירט צום פאַרקערטן: געציילטע האָבן זיך איבערגעגעבן דער נזירות, געהאַלטן פונעם זאָג: „טוב לאיש לבל יגע באשה״... די וועלכע האָבן

נישט קיין ווייבער, איז גוט זיי זאָלן בלייבן אַליין... אויב אַ פאָטער וויל לאָזן זיין טאָכטער חתונה האָבן, זאָל ער דאָס טאָן... ס'איז נישט קיין זינד... בעסער איז ווען ער קאָן זי צוריקהאַלטן פון דער חתונה [47].

דאָס חתונה האָבן און פירן פאַמיליע־לעבן איז דערלויבט בלויז ווען ס'איז נישטאָ קיין ברירה. אין קריסטנטום האָט מען געקוקט נעגאַטיוו אויף פאַמיליע־לעבן. לעבן מיט אַ פרוי איז באַטראַכט געוואָרן אַ מיאוסער אַקט, נאָר נישטאָ קיין ברירה...

אין יהדות — דאָס פאַרקערטע: די ראָמאַנטישקייט, די ליבע צווישן מאַן און פרוי, האָט אַ גאָר פּאָזיטיוון ווערט. דער באַשאַף פון דער פרוי, איז פונקט אַזוי וויכטיק ווי דער באַשאַף פונעם מאַן.

ביים קריסטנטום זענען די הייליקע — גלחים, נזירים, מאָנאַכן; ביי יידן — דאָס פאַרקערטע: די הייליקע זענען די וועלכע לעבן נאַטירלעך, האָבן דעם „עזר" אַרום זיך, כדי צו פאַרהיטן און פאַרמיידן שלעכטע מחשבות. די „אהבה גשמית", אָדער — ווי דאָס ווערט גערופן ביי מקובלים — „אהבה בתענוגים", איז וויכטיק כדי צו דערפירן דאָס געטלעכע געבאָט „פרו ורבו", ווייל „לא טוב היות אָדם לבדו". אויב בן עזאי האָט נישט חתונה געהאַט, האָט ער זיך געדאַרפט פאַרענט־פערן: „ומה אעשה שנפשי חשקה בתורה, אפשר לעולם שיתקיים על ידי אחרים" [48]. אויב אַ מאַן גט אַ פרוי, פאַרגיסט אויף אים דער מזבח טרערן [49].

ווילנדיק אונטערשטרייכן דעם ווערט פון אַ תלמיד חכם, האָט ר' יוחנן נישט געפונען קיין בעסערן זאָג, ווי חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ תלמיד חכם, אָדער חתונה מאַכן אַ טאָכטער מיט אַ תלמיד חכם: „כל הנביאים כולן לא נתנבאו אלא למשיא בתו לת"ח" [50].

און צום סוף — אַ חסידיש וואָרט פון מיין אייגענעם רבין, כ"ק אדמו"ר ר' שלמה איגר זצ"ל [51], וועגן דעם וואָס מען איז מקדש אַ פרוי מיט אַ „טבעת", אַ רינגל — אַז דאָס זאָל האָבן אַ שייכות מיטן פסוק וואָס רעדט וועגן באַשאַף פון דער פרוי: „ויסגור בשׂר תחתנה" [52], אויף וועלכן דער מדרש זאָגט, אַז ביז דעם פסוק געפינט מען נישט אין דער תורה דעם אות „ס מ ך". ער זעט דערין אַ רמז, אַז בעת מ'האָט געגעבן דעם מאַן, אָדם הראשון, דעם „עזר", די הילף פון אַ פרוי, האָט מען אים אויך צוגעזאָגט, הילף — „עזר וסמך" — קעגן תאווה, ווייל „יצרו של אָדם מתגבר... אלמלא הקב"ה עוזרו לא יכול לו" [53]. דער תרגום אונקלוס, גיט אין זיין פירוש־איבערזעצונג — „אעבד לו סמך כקבלי'".

ביזן באַשאַף פון דער פרוי האָט דער מאַן נישט געהאַט קיין יצר, און אויב ער וואָלט געקראָגן יצר־הרע, וואָלט ער זיך געקענט אַן עצה געבן. נאָכן באַשאַף פון זיין עזר כנגדו, איז שוין נישט לייכט צו קאָנטראָלירן דעם יצר. דערויף דאַרף מען האָבן געטלעכן אָנלען.

די „טבעת” איז, ווי דער אות „ס”, אַרומגענומען, צו ווייזן אויף דעם דאָזיקן אָנלען, ואיתעבידת עוזקתא ועל דא הרי את מקודשת לי... צורת סמך [54].

די ייִדישע מאָראַל האָט אָנערקענט די תאווה־האַרמאָנען און איבערגעגעבן דער השגחה צו העלפן מאַן און פרוי דערגרייכן דאָס אידעאַלע אינעם מענטשלעכן לעבן.

דאָס ייִדישע פאָלק איז געצייכנט מיד דריי סימנים: רחמנים, ביישנים וגומלי חסדים [55]. די מידה פון ביישנות האַלט צוריק פון פרעכקייט, פון אויסגע־לאַסנקייט — די מידה, וואָס האָט געפעלט ביי די בעסטע פון די היידנישע פעלקער.

און דאָ קומען מיר צום ענין כורש און דער שגל, וואָס איז געזעסן ביי זיין רעכטער זייט. כורש איז געווען דער מלך כשר און מלך חסד, דאָך האָבן די חכמים דערפילט ביי אים אַ ריח זנות און זיי האָבן זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון אַרויסזאָגן זיך וועגן זיין תאוותדיק לעבן.

כורש האָט אַרויסגעגעבן די היסטאָרישע דעקלאַראַציע און מעגלעך געמאַכט די עליה פון בבל. פון דעסטוועגן זוכן די חז״ל אַ פגם אין זיין שפּעטערער אויפ־פירונג: „כורש דמלך כשר היה מגלן דאחמיץ?” [56] און מען גיט איבער תקופות אין זיין לעבן: „כאן קודם שהחמיץ כאן לאחר שהחמיץ”, דאָס מיינט, ער איז געוואָרן אָנשטאָט ווייַן — עסיק, אַ רשע.

מיט וואָס איז ער געוואָרן אַ רשע?

איז ר׳ יוספס מיינונג, צוליב זנות: „והשגל יושבת אצלו” און דער שגל, זאָל האָבן געווען אַ צויג מיט וועלכער ער האָט געלעבט. לעבן מיט בהמות און חיות, איז אַפּילו אַ בן נח געבאָטן נישט צו פּראַקטיצירן.

ווער איז געווען דער כורש?

ס׳איז דאָ אַ מיינונג, אַז כורש, דריוש און ארתחשסתא איז איין פּערזאָן; עס זאָל הייסן, אַז דער דריוש איז אסתרס זון פון אחשורושן און אַז צוליב דעם וואָס ייִדיש בלוט איז געפלאָסן אין זיינע איברים, האָט ער אַרויסגעגעבן די דעקלאַ־ראַציע לטובת די ייִדן.

ווי קומט עס ער זאָל געווען לעבן מיט אַ הונט?

איז דאָ נאָך אַ מיינונג, אַז „שגל” מיינט פשוט — די מלכה, די קעניגין, מיט וועלכער ער האָט געלעבט, און זיין רישעות איז גאָר באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט שפּעטער געוואָלט צוריקציִען די פרייהייט־דעקלאַראַציע. רש״י האַלט זיך שטאַרק ביי דער מיינונג, אַז שגל, איז „כלבתא” [57].

ס׳איז אויך דאָ אַ טייטש, אַז שגל איז גאָר געווען זיין מוטער, אסתר, און זי האָט דאָס באַאייַנפלוסט דעם כורש־דריוש, צוצואייַלן מיט דער דעקלאַראַציע צו די „פחוות המלך” [58]. ווי עס זאָל נישט זיין, די חכמי התלמוד האָבן געפונען ביי

אים אַ ריח זנות און דעריבער אים גערופן מיטן נאָמען שהחמיץ, ער איז קאַליע געוואָרן: זנות, פאַרפירט דעם מענטשן!

הערות

א

1 שבת, קי״ט, ע״ב.
2 נדרים, כ׳, ע״א.
3 דאָרט, דאָרט. די גמרא גיט אָן עצות, ווי זיך אויסצוהיטן פון ניאוף, נישט נאָכלויפן און נישט צו פיל זיך אַריינקוקן אין פרויען...
4 אבות, ה׳, כ׳; מסכת כלה רבתי, ב׳.
5 יחזקאל, ל״ו, ל״ב.
6 ירמי׳, ל״א, י״ח; זע אויך, עזרא, ט׳, ו׳.
7 כתובות, פ״ז, ע״ב.
8 ירמי׳ ג׳, ג׳.
9 הושע ב׳, ז׳.
10 דאָרט, דאָרט, ה׳.
11 קדושין, פ״א, ע״ב.
12 מועד קטן, י״ז, ע״א: חגיגה, ט״ז, ע״א; קדושין, מ׳, ע״א: ערכין, ל׳, ע״ב.
13 ירושלמי, סוף מסכת קידושין. זע, ש. ז. שרגאי, בנתיבי החסידות, חלק ב׳, ז״ז 58-61, באַגרינדנדיק די דאָזיקע טעזע, אויף די געבאָטן „ובחרת בחיים״, „וחי בהם״ די תורה איז אַ לעבנס-תורה, אַ לערע ווי צו לעבן און געניסן און פאַרשאַפן תענוג דעם בורא.

ב

1 זע: The Joy of Sex; A Gourmet Guide to Love Making.
2 דברים, כ״ב, ה׳.
3 הושע, א׳, ב׳.
4 ישעי׳ ב׳, א׳-ד׳; מיכה, ד׳, א׳-ה׳.
5 יחזקאל, כ׳, ל״ב.
6 ויקרא, ט״ז, ט״ז.
7 יומא, נ״ו-נ״ז.

ג

1 זע, סאָוועטיש היימלאַנד, מאָסקווע, 1968, נומ׳ 11.
2 אין סידור „עבודת הלבבות״, צונויפגעשטעלט פון זאב יעבץ, הוצ׳ קריה נאמנה, ירושלים, תשכ״ו, ז׳ 8: „שלא עשני אשה, שהיא עלולה לפגעים יותר מן האיש, ככתוב „הרבה ארבה עצבונך״ (בראשית, ג׳, ט״ז).
3 זע, מסכת יומא, א׳, ע״א-ע״ב.

ד

1 אבות, א׳, ב׳.

2 ר׳ יוחנן בן זכאי, בעת פטירתו.

4 ברכות, י״ז, ע״א.

5 אונדזער וועג, פּאַריז, ער״ש תזריע, תשל״ג (נומ׳ 12).

6 יבמות, ל״ד, ע״ב — אַ פאַרבאַטענער מנהג... אָבער אויף אַנדערע ערטער, ווערט געלויבט און דערמוטיקט פוץ און רייץ פון דער פרוי.

13 אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי" — אויספּירלעכער.

8 שמות, ט״ו, כ׳-כ״א.

9 תהלים, מ״ה, י״ד.

10 תנא דבי אלי׳ רבא, ט׳.

11 מגילה, ב״ד, ע״א.

12 שו״ת מהר״ם מרוטנברג, סימן ק״ה. זע אויך: רמ״א, שו״ע יו״ד, רמ״ו; שלמה אשכנזי, האשה באספקלריה היהודית, חלק א׳, ז״ז מ״ח-נ״ג.

13 אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי" — אויספּירלעכער.

14 זע, הרב מרדכי הכהן, האם תעלה בת לתורה, פנים אל פנים, ירושלים השלימה, כ׳ בטבת, תשל״ב, גליון 655.

15 אין דערמאָנטן וונדערלעכן מאמר, באַזונדערס צייכנט זיך אויס די אָפּהאַנדלונג מיט חידוש און בקיאות. זע אויך, פּרק וועגן פרוי אין לימוד התורה, „באַציונג צו דער פרוי", באַנד 2.

16 ילקוט, ב׳, משלי, 943. זע,
The Rabbis Bible, by Solomon Simon, and Morrison David Bial, Vol. i, p. 218.

17 וועגן דער שטעלונג און פסק צום היתר, אַז פרויען זאָלן מעגן צוגערעכנט ווערן צום מנין און בכלל — ווערן ליבעראַליזירט אין שייכות מיט שול- און רעליגיעזע פונקציעס — צו האָבן פולשטענדיקע גלייכהייט מיטן מאַן, איז אַ סך געשריבן געוואָרן. אייניקע גייסט-פירערס שלאָגן פאָר, ווי לעצטנס, די רעפאָרם-ראַבינער, צו געבן סמיכה יידישע פרויען, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט שטודירן הלכה...
זע, Rabbi Phillip Sigal, Women in A Prayer Quorum, Judaism, Vol. 23, No. 2, Spring Issue, 1974.

אָבער וועגן דעם אויספּירלעכער ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

18 זע, „באַציונג צו דער פרוי", באַנד 2.

19 סוטה, ט׳, ט׳; גמרא, מ״ז, ע״א-ע״ב.

20 הושע, ד׳, י״ד.

21 ש. פעטרושקאַ, איבערזעצונג.

22 במדבר, ה׳, ל״א.

23 זע, תרגום אויפן אָרט. רש״י: מתחברין לשתות יין. פרודות, ברענגט רש״י אין נאָמען פון מנחם, מיינט פעסער ווײַן, לויט יואל, א׳.
מצודת דוד און ציון טייטשן אָ פּ ש יי ד ן, יפרדו, הפרשה — אָפּשיידן זיך פון זייערע ווייבער און לויפן אַוועק מיט אויסגעלאַסענע פרויען.
דער מלבי״ם איז עס מסביר: הזונות... שם הזונה נופל על אשת-איש... ילכו למקום סתר... הקדשות — ושם קדשה נופל על המזומנת למשכב כל אדם — פּראַסטיטוטקע.
ס׳איז אויך דאָ אַ טייטש, אַז יפרדו, זאָל גאָר מיינען, לויט אותיות מתחלפות י ר פ ד ו אויסבעטן... זיי פּייערן מיט זונות וועלכע גרייטן צו בעטן צו פּראַווען געשלעכט-אַרגיעס. זע, של״ג, הושע.

24 סוטה, מ״ז, ע״א.

25 דאָרט, ע״ב.

ה

1 עירובין, נ״ד, ע״א.
2 שמות, כ״ב, ל׳.
3 משלי, ל״א, ל׳.
4 זוהר, א׳, קי״ט און קס״ג. אויף יעקב אבינו, ווערט געזאגט, „לא ראה קרי מימיו״. זע: בראשית רבא, ע״ט, א׳, צ״ח, ה׳; יבמות, ע״ו, ע״א; רש״י אויפן אָרט, און ויחי, מ״ט, נ׳.
5 שיר השירים רבה, ד׳, ג׳; תענית, כ״ד, ע״א.
6 בראשית, כ״ט, א׳-כ״ח.
7 ברכות, כ״ב, ע״א-ע״ב; בבא קמא, פ״ב, ע״א-ע״ב. די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן: אַזא טבילה איז דאָך פון דער תורה — „ואיש כי תצא ממנו שכבת זרע״... ויקרא, י״ד, ט״ו-כ״א. דער ענטפער: מן התורה דאַרף מען זיך טובל זיין נאָכן אַרויסלאָזן זרע, ווען מען גייט עסן תרומה אָדער קדשים (געוויינלעך, כהנים) — די תקנה עזרא איז געווען אַפילו אויף תורה און תפילה, צוליב צניעות, צוליב נישט זיין פאַרטאָן אין תאווה... ר׳ יהודה בן בתירה האָט דאָס מבטל געמאַכט, צוליב דער מורא, אַז מען וועט גיין צום עקסטרעם!
8 יומא, ס״ט, ע״ב — שהחזיר עטרה לעושנה... וועגן דעם אין אַ צאָל מקומות אין ש״ס און אין מדרשים.
9 ירושלמי, מגילה, ד׳, א׳; כתובות, ה׳, י׳; ס״ב, ע״א-ע״ב; ב״ק, פ״ב, ע״ב.
10 סוכה, ה׳, ב׳; נ״א, ע״א-ע״ב.
11 עזרא, י׳; מגילה, ט״ו, ע״א: „ומאן אפריש נשים נכריות״ — עזרא.
12 בראשית, ב׳, ב׳, ז׳.
13 ברכות, ס״א, ע״א; ערובין, י״ח, ע״א אַ״אַ מקומות.
14 דאָרט, אויספירלעך מיט פרטים וועגן די מיינונגען, פאַר וואָס „וייצר״ מיט צוויי „יודין״. לויטן ירושלמי (יבמות, ד׳, ב׳) יצירה לשבעה, יצירה לשמיני, יצירה לתשעה... פאַראַן געבוירטן צו זיבן חדשים, פאַראַן צו ניין...
15 בראשית, ו׳, ד׳-ה׳. זע, תורה שלימה, עטלעכע טייטשן אויפן וואָרט „וינחם״. מהר״ם כשר ציטירט פון מדרשים, אַז דאָס מיינט חרטה.
16 בראשית רבה, כ׳, כ״ז.
17 עמוס, ד׳, א׳.
18 שבת, ב׳, ו׳; ל״א, ע״ב; ל״ב, ע״א.
19 שבת, ס״ד, ע״א; יומא, כ״ט, ע״א, תוספות און מהרש״א.
20 שמות, כ׳, י״ג.
21 שבועות, מ״ז, ע״א; זע, מבוא מאת שלמה כשר, צפנת פענח על התורה פון ר׳ יוסף ראָזין (ראָגאַטשעווער-דינאַבורגער-דווינסקער עילוי און גאון), ירושלים, תשכ״ט, ז׳ 41.
22 שבת, ל״ג.
23 ביי אלקנה איז געשריבן „וילך אלקנה אחריה״ — מלכים, ב׳, ד׳.
24 ברכות, ס״א, ע״א. זע, מהרש״ל אויפן אָרט און מהרש״א ביים סוף פון ערשטן פרק, מסכת סוטה.
25 מהרש״א וועגן אויסדרוק „ער איז איר נאָכגעגאַנגען״ און פאַר וואָס „חטא״, ווי אַ סינאָנים פון יצר-הרע...
26 וועגן שטראָף אויף ניבול פה: שבת, ל״ג, ע״א; קדושין, פ׳, ע״ב.
27 דאָרט, מפרשים.
28 ויקרא, י״ט, ב׳.
29 רמב״ן, אָנהייב קדושים, ויקרא, י״ט, ב׳. זע, הרב חיים דוב שעוועל, הרמב״ן און אין זיינע הערות אויף רמב״ן על התורה.
30 יבמות, כ׳, ע״א.

31 ברכות, כ״ב, כ״ב, ע״א.
32 בראשית רבה, ו', ז'; שמות רבה, א', ל״ט; כתובות, פ״ה, ע״ב א״א מקומות.
33 יומא, כ״ח, רש״י אויפן אָרט.
34 אָבות, א', ה'.
35 עירובין, נ״ג, ע״ב.
36 אָבות, ב', ד'.
37 זע, L. Finkelstein: The Pharisees and the Men of the Great Assembly. (6 Texts and Studies (J.T.S.) Vol. 15 (1950) p. XIV.
38 זע, הדואר, גליון ח', ז' טבת, תשל״ה.
39 סוטה, ג', ד'. ר' יהושע פלעגט זאָגן: אַ חסיד (פרומער מענטש) אַ נאַר, און אַ כיטרער רשע און אַ פרוי אַ פרושה — מערסטע מפרשים טייטשן, אַ פרוי וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פון זיין זייער אַ פרומע — און די שלעק פון די פרושים, זיי אַלע ברענגען אום די וועלט...
סוטה, כ״א, ע״ב.
40 אין ירושלמי, ווערט אַנדערש פאַרשטאַנען דער מיין פון וואָרט „פרושה". זע, מינקוביץ, הדואר, גליון ט', כ' טבת, תשל״ה.
41 יבמות, קי״ח, ע״ב.
42 משלי, ל', כ' — „אכלה ומחתה פיה"...
43 בראשית, ל״ט, ו'.
44 שמות, ב', ז' — מפרשים אויפן אָרט.
45 מ. מינקוביץ איז אָן ספק גערעכט אין זיין אָפּוועגדן י. קלויזנערס באַהויפּטונג — הדואר — באריכות.
46 נחמי', ב', ו'.
47 בריוו ז'; צו די קאָרינטער: „עס איז גוט פאַר אַ מאַן נישט צו באַרירן קיין אשה. דאָך, צוליב זנות, זאָל יעדער מאַן האָבן זיין אייגן ווייב און זאָל יעדע אשה האָבן איר אייגענעם מאַן... צו די אומפאַרהייראַטע... עס איז גוט פאַר זיי, אויב זיי פאַרבלייבן אַזוי ווי איך. אויב זיי קענען זיך נישט צוריקהאַלטן, זאָלן זיי חתונה האָבן... דער וואָס מאַכט חתונה זיין יונגפרוי, טוט גוט; און דער, וואָס מאַכט זי נישט חתונה, וועט טאָן נאָך בעסער...
48 יבמות, ס״ג, ע״ב.
49 גיטין, ד', א'.
50 ברכות, ל״ד, ע״ב. רש״י אויפן אָרט.
51 זון פון אדמו״ר ר' אברהם (בעל „שבט מיהודה") און אייניקל פון ר' לייבעלע איגר בעל „תורת אמת".
52 בראשית, ב', כ״א.
53 סוכה, נ״ב, ע״א; קדושין, ל', ע״ב א״א מקומות.
54 זע, הוספות צום ספר „אמרי אמת" למהרי״ל איגר, צוגאָבן (הוספות) ז', ט'.
55 יבמות, ע״ט, ע״א.
56 ראש השנה, ג'-ד'.
57 רש״י ברענגט ביידע טייטשן: „בשעה שדבר (נחמי') אל המלך, היתה אשתו המלכה יושבת אצלו. והשגל — אשתו המלכה כענין שנאמר (דניאל, ה', ב') שגלתי ולחנתי" — לשון מלכה בלשון ארמי. דער מצודת לערנט, אַז שגל ווערט גערופן די ווייב, וואָס האָט אים געדינט געשלעכטלעך. נאָך אַ טייטש גיט אָן רש״י: „כלבתא למשכב ובני נח הוזהרו על כך, שנאמר (בראשית ב',כ״ד) והיו לבשר אחד יוצאים בהמה חיה ועוף שאינן נעשין בשר אחד, שאין יולדין מן האדם.
58 זע, מלבי״ם — אויפן אָרט.

קאַפּיטל אַכט

תאווה און ליבע אין די הויכע פענצטער

א. לילית אין אַלטערטום און אין דער נייער צייט. — ליבעבריוו. — ריינע ליבע און תאווה־געיעג.

וועגן דער לילית אין אַלטערטום און אין מיטל־עלטער האָב איך שוין געשריבן אין פריערדיקע ווערק, אַריינגערעכנט אָנווייזונגען אויף איר אין איר היינטצייטיקער ראָל.

אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט י. ל. פרץ געשילדערט ווי די לילית, אין דער געשטאַלט פון מאַריאַ, באַווייזט זיך אין פענצטער און רופט מאַנישן מיט איר געזאַנג. זי שלעפּט אים אַראָפּ, דעם נאַיוון בחור, אין שאול תחתיה.

יצחק באַשעוויס־זינגער זעט שוין די לילית אין אַ ביסל העכערע פענצטער, אין נייע שלייערן, נייע קאָלירן, ביי פאַרשיידענע אומשטאַנדן — זי בליקט אין דער פינצטערניש, מאַכט ליכטיק הערצער פון אײדעלע מענטשן, פאַראומרייניקט מיט איר צויבער הייליקע נשמות, פאַרכאַפּט נאַיווע הערצעלעך...

די אומשולדיקע, אפשר שולדיקע, יונגפרוי פאַנגט דאָס האַרץ פונעם יידישן בחור, פאַרכישופט דאָס יידישע מיידל מיט איר שיינקייט און ביידע ווערן באַהערשט פון ריינע ליבע־געפילן. זי בליקט אַריין אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און מאַכט ליכטיק אַ יידישע נשמה. זי זוכט אַ תיקון אין דער הייליקייט פונעם אידיליש־נאַיוון יונגן־מאַן...

אין אונדזער צייט, זעט מען ווי די לילית דערגרייכט צו די הויכע פענצטער, צו לאָרדן, סענאַטאָרן און סתם גרויסע לייט: זי זוכט נישט קיין תיקון דורך זייערע הייליקע נשמות; זי זוכט צו שטילן זייער הייסן תאווהדיקן באַגער אין די רייכסטע היימען — זי רייסט אַראָפּ פון זייערע קעפּ די קרוינען און פון זייערע פנימער — די מאַסקעס.

וועגן אַט די תאווהדיקע נעצן אין די הויכע פענצטער שרייבט מען לעצטנס אומעטום. אויך אין יידיש, האָט לעצטנס יצחק קאַהאַן באַשריבן די דאָזיקע מאָמענטאַלע תאווה[1], ווי זי רופט זיך אָפּ אויף דער געזעלשאַפט — און אויף דעם ווילט זיך אָפּשטעלן; אָבער פריער ליבעבריוו פון באַרימטע לייט, פון דער עליטע אין דער פּאָליטיק, פון אינטעלעקטואַלן, אַקאַדעמיקער, אָבער מיט ווייניק אונטערשיידן אין אינטימען לעבן.

אין 1943 איז אין ניו־יאָרק דערשינען אַן אינטערעסאַנט ביכל — פּריוואַטע בריוו פון דער וועלטס גרעסטע ליבהאָבערס[2]. די מחברין וואָס האָט קאָמפּילירט די בריוו זאָגט אונדז, מיט רעכט, אַז די ליבעבריוו דערציילן אונדז די געשיכטע פון מענטשלעכע הערצער. דזשין געאָרגעט איז דער נאָמען פון דער מחברין. זי האָט זיך גענומען די מי אויסצוקלייבן בריוו פון קעניגן, פּרינצן, שטאַטסלייט, לאָרדן, שרייבערס און קינסטלערס און אויך פון פּשוטע מענער און פרויען. פון די טויזנטער בריוו האָט זי אויסגעקליבן די אינטערעסאַנטסטע און זיי צוזאַמענ־גענומען אין די ראַמען פון טאָוולען, זיי זאָלן בלייבן לדורות.

דער כּוח פון ליבע — שרייבט זי אין אַריינפיר־וואָרט — האָט נישט איין מאָל געענדערט דעם גאַנג פון דער געשיכטע; נישט איין מאָל געענדערט דאָס פּנים פון לענדער און נישט זעלטן געענדערט די מאַפּע פונעם ערדקיילעך, דעם אויסזען פון קאָנטינענטן. צוליב ליבע האָבן קעניגן אַבדיקירט, פּאַלאַצן אימפּעריעס און געזוכט שוץ אין פאַרוואָרפענע אינדזלען.

לייענט מען ערנסט די דאָזיקע ליבעבריוו, באַווייזט זיך פאַר אונדז, אויב נישט די קערפּערלעכע נאַקעטקייט, איז די גייסטיקע, די נשמהדיקע. די „נשמתא דערטילאַי" ווערט אויפגעדעקט אין געציילטע שורות.

פון די אַלע בריוו האָב איך אויסגעקליבן ממש געציילטע; און אָט טרעף איך אַן אויף אַ ליבעבריוו פון דייטשן שרייבער און הומאַניסט גאָטהאָלד אפרים לעסינג (1729־81). ער פאַרענדיקט זיין לאַנגן, צו לאַנגן בריוו צו זיין געליבטער, עוואַ קעניג (יאַנואַר 8, 1773): „דיין ליבע איז ביי מיר איבער אַלץ. איך נעם דיך טעגלעך אַריין אין מיינע מחשבות. טויזנט מאָל, האָב איך דיך אין זינען..."

אַ פראַנצייזישע ליבהאָבערין שרייבט צו איר געליבטן גראַף דע גיבערט:

„...דו קענסט געבן פאַרגעניגן אַלע ליבע פרויען, אַלע גראַציעזע פרויען... מיין טיר איז היינט נישט געעפנט געוואָרן — אָבער מיין האַרץ איז אָפן פאַר דיר... איך קאָן דאָס איבערגעבן אין בלויז דריי ווערטער: איך ליב דיך..."

דזשאָן טשערטשיל (1650 ־ 1722), דער זיידע פון גרויסן טשערטשיל פון אונדזער דור, אין זיין צייט אַן אָנגעזעענער שטאַטסמאַן און מיליטער־פירער — דער ערשטער הערצאָג („דיוק אָף") פון מאַרלבאָראָ — שרייבט צו זיין געליבטער, סאַראַ דזשעניגס, וועלכע איז געוואָרן זיין ווייב: „איך האָב היינט פרי דערהאַלטן צוויי פון דיינע טייערע בריוו... מיין פאַרגעניגן איז אוממעגלעך איבערצוגעבן... איך בין אין גאַנצן דיינער... ווען די גאַנצע וועלט וואָלט מיר געגעבן געוואָרן, וואָלט איך נישט געווען אַזוי צופרידן, ווי מיט דיין ליבע צו מיר (דאַטירט, האַג, אַפּריל 20, 1703). אין אַ שפּעטערן בריוו, רופט ער זי „די טייערסטע נשמה".

זשאַן זשאַק רוסאָ (1712 ־ 1778) שרייבט צו זיין געליבטער, אַז ער ווייסט איר נישט געבן קיין מנוחה, ווייל ער האָט נישט קיין רו: זיין האַרץ ווערט צעריסן

פאַר ליבע. „דו ביסט — שרייבט ער איר — די איינציקע, זיסע ליבע... דיין באַריר, דיינע אויגן, דיינע ליפן — מ׳ווערט פאַרברענט אין פייער פון ליבע"...

דאָס זענען ווערטער פונעם סאָציאַלן פילאָסאָף, דעם ראַציאָנאַליסט און פריי־דענקער. ווען ס׳קומט צו ליבע, איז דער באַריר פון צוויטן געשלעכט אַ מאַגנע־טישע קראַפט; מען ווערט ווייך־סענטימענטאַל און מען איז גרייט אַלץ אוועקצו־געבן, זיין אָדער איר פאַרמעגן, זיין אָדער איר אייגן לעבן פאַר דער הנאה פון ליבן און ווערן געליבט.

מיר האָבן אינעם דערמאָנטן ביכל בריוו פון אַזעלכע זשעניען ווי שילער, געטע, מאַדאַם דע סטאַעל (1817 - 1766) — די גרויסע פּאָעטן און שריפטשטע־לערס בעטן זיך, חלשן נאָך אַ ביסל וואַרעמקייט פון ליבע.

מאַדאַם דע סטאַעל שרייבט וווּנדערלעכע בריוו צו איר געליבטן בענזשאַמען קאָנסטאַן. עס איז טראַגיש צו לייענען בריוו פון איינער פון די אָנגעזעענסטע שריפטשטעלערינס אין אייראָפּע, דער הויך־אינטעלעקטועלע פרוי אין פראַנקרייך, דער פרוי וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל אָנזען אין אַלע קרייזן. ווו נאָר זי האָט זיך באַוויזן איז זי געווען בראש, און דאָ בעט זי זיך, גייט אויס נאָך אַ ביסל ליבע. זי שרייבט אַזוי אָפנהאַרציק, אַז זי גאַרט נאָך זיין באַריר, זי וויל זיין נאָענט צו אים... זי וויל, אַז אַמווייניקסטנס, זאָל ער זיין נאָענט מיט איר, זי האַלטן, בעת זי וועט אויסגיין — ער זאָל פאַרמאַכן אירע אויגן...

דע סטאַעל האָט שטאַרק געליובט און געגלויבט אין דער פרויס שאַפעריש־קייט און אין איר געניאַלקייט. זי האָט בכלל נישט געהאַלטן, אַז געניאַלקייט האָט צו טאָן מיט געשלעכט (Le génie n’a pas de sexe) אָבער אין אירע ליבע־בריוו איז דאָ דער אַראָמאַט פון פרויִשקייט, פון פעמיניזם.

און אָט לייען איך איינס פון די בריוולעך פון זשאָזעפין צו נאַפּאָלעאָנען, דעם צום מערסטן געהאַסטן — אין איין זייט — און צום מערסטן געליבטן ביי די ווייבער. די אימפּעראַטאָרין שרייבט אים, שוין נאָך דעם, ווי זי איז געגט פון אים. דער בריוו איז דאַטירט (1810). ביי יעדן וואָרט, שרייבט זי, גיסן זיך פון איר טרערן... „דו ביסט געווען — שרייבט זי — אַ באַלזאַם צו מיר... מיין גאַנץ האַרץ רעדט צו דיר... אַדיע מיין פריינד, מיין ליבע... איך וועל דיך שטענדיק ליבן". געחתמעט: דזשאָזעפין, נאַוואַראַ, אַפּריל, 1810.

נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט (1821 - 1769) איז געווען נישט בלויז אַ מיליטערישער זשעני, ער איז אויך געווען אַ ליבהאָבער און געליבטער, וואָס די בעסטע ראָמאַנען־שרייבערס האָבן אים אין זייער אימאַזש נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. ווו ער איז געגאַנגען, אויף אַלע פראָנטן און אויף אַלע שלאַכטפעלדער, אומעטום האָט ער זיך געפונען זיינע מעטרעסעס (די אָפיציעלע ווייבער האָט ער געהאַלטן אין זיינע פראַנצייזישע פאַלאַצן און ווילעס). ער איז פאַרכאַפּט געווען פון פרויען־שיינקייט.

אין אַ בריוו צו מאַדאַם וואַלעווסקאַ שרייבט ער:

„...נישטאַ קיין אָפּהאַלט. נאָר דו און בלויז דו קאָנסט אָפּווישן, באַזייטיקן אַלע מיינע צרות... מאַרי, מיין זיסע מאַרי... מיין ערשטער געדאַנק, איז דו; מיין ליבע — דו און נאָר דו!... ווען איך לייג צו מיין האַנט צום האַרץ פיל איך דיך... האָב מיך ליב, מיין זיסע, אָנגענעמע מאַרי...” (געחתמעט, נ. 1807).

די וואַלעווסקאַ, ווי זיינע ביאָגראַפן גיבן איבער, איז געווען דאָס ווייב פון אַ פּוילישן אָפיציר. ווען נאַפּאָלעאָן איז געווען אין וואַרשע — בעת זיין מאַרש אויף מאָסקווע — האָט ער זי דערזען אויף אַ סאָלדאַטן־באַנקעט, און, פון דער וויטנס, פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר שיינקייט. ער האָט פאַרגעסן, אַז זיין אַרמיי ליגט צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע פעלדער, ווערט געפרוירן און גייט אויס פון קעלט און פון הונגער; ער האָט פאַרגעסן אין דער רוסישער, דערפאַלגרייכער אָפענסיווע; זיין מפּלה איז געווען נאָענט אויפן מזרח און נישט ווייט די ירידה אויפן מערב; ער האָט דאָס אַלץ אין זינען נישט געהאַט, בעת ער האָט דערזען די פּוילישע שיינהייט. פון איר האָט ער געהאַט אַן אומלעגאַלן זון (אפשר מער ווי איין קינד), נישט געקוקט וואָס זי איז געווען אַן אשת־איש.

נישט ווייניקער ליבע־אַפערעס ווערן אָנגעגעבן וועגן זיינע מיטצייַטלערס. זיין באַקעמפער אויף די מערב־שלאַכטן, דער לאָרד נעלסאָן (1805 ־ 1758), וועלכער האָט באַזיגט דעם גרויסן נאַפּאָלעאָן, צעקלאַפּט זיינע אַרמייען און דעם אימפּעראַ־טאָר איבערגעגעבן אין די הענט פון ענגלישן געריכט, וואָס האָט אים פאַרמישפּט אויף אייביקע איינגעשלאָסנקייט; דער דאָזיקער גרויסער סטראַטעג האָט אָבער געהאַט גענוג צייט צו שרייבן ליבע־דערקלערונגען צו עמאַ, ליידי האַמילטאָן, און איז געווען מיט איר נאָענט בלויז אויפן פּאַפּיר.

אינעם ביכל זענען פאַרעפנטלעכט בריוו פון אַלעקסאַנדער פּושקין (1832 ־ 1799), דעם גרויסן רוסישן שריפטשטעלער, צו זיין געליבטער, וועלכע איז געוואָרן זיין ווייב. ער רופט זי: „האַרציקסטע, טייערסטע... מיין מלאך, איך קוש דיך!”

דער געניאַלער וויקטאָר הוגאָ (1885 ־ 1802) זשאַלעוועט נישט קיין ווערטער אין דערקלערן זיך אין ליבע, דאָס גלייכן — באַלזאַק (1850 ־ 1799). גרויסע מענטשן מיט גרויסע הערצער פאַר ליבע און ראָמאַנטישקייט.

די גרויסע מוזיק־מייסטערס האָבן אויך פאַראייביקט זייערע ראָמאַנען אין בריוו, אַזוי בעטהאָווען (1770 ־ 1827), וועלכער האָט געשריבן צו דער „אומשטערב־לעכער געליבטע”, אַזוי מאָצאַרט (1791 ־ 1756) דאָס וווּנדערקינד פון ווין. זיי האָבן געזוכט באַפרידיקונג אין ליבעס, ערלעכע, באַרעכטיקטע און געזונטע. געווען אויך אַזוינע וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ליבעס נישט באַרעכטיקטע, פאַלשע, זייטיקע, פאַראַטנדיק זייערע ווייבער, זייערע נאָענטסטע.

די אַלע גרויסע מענטשן, ווען עס איז געקומען צו אַט די פּשוטע נאַרמאַלע געפילן, האָבן זיך אָפּט פאַרלוירן, פאַרלוירן זייער בושה, זייער באַשיידנקייט, זייער ראָל און זיך צעפלאַמט מיט ליבע־געפילן. די עגאָצענטרישקייט, וואָס איז געוויינלעך צוגעדעקט ביי אַזעלכע פערזענלעכקייטן, ווערט אין אַזעלכע מאָמענטן אויפגעדעקט און אַנטפּלעקט. „האַרטלענד" (האַרצלאַנד) ווי עס איז דער נאָמען פון אַ נייעם שונדראָמאַן, האָט פאַרכאַפּט גאַר הויכע שטאַטסמענער און זיי אַזוי פאַר־פירט, אַז נישט איינער פון זיי האָט פאַרגעסן דאָס אייגענע לאַנד און זיך פאַרלוירן אין הייסע מאָמענטן.

די פרוי, וואָס ווערט געוויינלעך באַטראַכט אַלס „שוואַכער געשלעכט", איז מיט איר רייץ און צוציקראַפט אַ סך שטאַרקער פונעם מאַן, מעג ער זיין דער שטאַרקסטער. די יונגפרוי, אין דער „נאַכט פון ליבע", קאָן פאַנגען דעם באַרימטסטן העלד. זי קאָן זיך דערקלערן „כי חולת אהבה אני", זי איז קראַנק פאַר ליבע; איר נאַטור וואָס איז געבענטש מיט פּאַסיווקייט ווירקט אַקטיוו ביים שטאַרקן דעם מענלעכן אָרגאַזם. דער פרויס מיסטעריעזער אומראַציאָנעלער כאַראַקטער האָט מער השפּעה אויף מענער, ווי די סאַמע ראַציאָנעלע דענקערס.

ס'זענען אפשר דאָ נישט קיין סך פאַרהייראַטע פרויען, וואָס זוכן זייטיקע ליבעס און האָבן געשלעכטלעכע באַציִונגען מיט אַנדערע מענער. געוויינטלעך געשעט עס ווען די פרוי האָט אין געדאַנק אויפצולייזן איר צובונד צום אָפּיציעלן מאַן, צוליב אומצופרידענע און נישט געזעטיקטע געשלעכטלעכע באַציִונגען מיט אים, אָדער ווען זי ווערט פאַרכישופט פון אַ נייער ליבע.

געוויסע פרויען זעען אין פרייער ליבע אַן אידעאַל און ווילן זיך נישט רעכענען מיט די נאַטור־אייגנשאַפטן — זיי ווילן באַווייזן זייער גלייכהייט מיט די מאַנצבילן. ווען ס'קומט אָן די שוואַנגערשאַפט, וואַקסט אויס אַ פּראָבלעם פון אַבאָרט, פון אָפּוואַרפן, און זיי דערזעען דעם טעות פון שנעלער ליבע, ווי מען רופט עס אין ענגליש — „לאַוו ענד ראַן". אויב דער מאַן קאָן אַנטלויפן נאָך זיין געשטילטער ליבע, קען די פרוי נישט אָפּוואַרפן די זרע, וואָס איז קולט געוואָרן אין איר אינגעווייד. ביים מאַן איז סעקס בלויז אַן אַקט פונעם יצר; ביי דער פרוי הייבן זיך ערשט אָן נאָכן אַקט די קאָמפּליקאַציעס. בעתן אַקט פאַרלירן זיי זיך אין תענוג און פאַרגעסן די נאָכוויען. זיי פאַרגעסן, אַז פולשטענדיקע סעקסועלע פרייהייט איז אַן אוממעגלעכקייט. די פרוי מוז פאַרשטיין און מוז אָנערקענען, אַז אירע סעקסועלע תאוות מוזן באַטראַכט און געלייזט ווערן אַנדערש ווי די מאַנצ־בילישע.

ס'איז לייכט פאַר אָפּיציעלע פּראָסטיטוטקעס צו האָבן אַזאַ סאָרט פרייהייט. ס'קען זיך אויך טרעפן, ווי מיר האָבן לעצטנס געלייענט, אַז הונדערט כינעזישע מיידלעך, האָבן געמאָלדן אין דער פּרעסע, אַז זיי זענען שוין מיד און אַז עס זענען

זיי נמאס געוואָרן די קאַלטע, היימישע מענער און זיי זוכן שטאַרקע, סעקסועלע מענער אין ענגלאַנד.

ס׳איז אויך לייכט פאַר דער ראַדיקאַלער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער גרופּע אין איטאַליע אויסצואַרבעטן כּללים פון פרוי־מאַן־צוזאַמענלעב און צוגרייטן פאַר זיי אַ סעקסועלן פּראָגראַם. אין רעאַלן לעבן איז די זאַך גאָר אַנדערש. אויב די פרוי אָדער דער מאַן גייט איבער די מאָראַלישע גרענעצן, קען עס בלויז פירן צו פולשטענדיקער זנות־פאַרדאָרבנקייט, וואָס האָט שוין, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, געבראַכט אַ מבול און אָפּגעשווענקט די ציוויליזירטע מענטשהייט.

מאַן און פרוי, ביידע ווערן געיאָגט פון אַן אינערלעכן דראַנג צו באַפרידיקן זיך סעקסועל. נאָרמאַלע, געזונטע מענטשן, מיט די געהעריקע דריזן און האָרמאָ־נען, פאַרמאָגן אין זיך דעם דאָזיקן דראַנג און זוכן אויס אַלע מיטלען כּדי צו באַפרידיקן זיך. דעריבער דערשייַנען אַזוי פיל „סעקס״־ביכער וואָס ווערן פאַר־קויפט אין די מיליאָנען, נישט אַזוי צוליב דעם טאַלאַנט וואָס מ׳לייגט אַריין אין זיי, נאָר צוליבן דראַנג צו דערגיין די סודות פון אָט דעם צונויפבונד. סעקס, ווי אַלע גוטע זאַכן, איז אַ סם החיים און נישט ווייניקער אַ סם המות: לעבט מען געשלעכטלעך נאָרמאַל, לויט די מאָראַלישע פאָרשריפטן, שאַפט עס פאַרגעניגן, שטילט עס דעם רייץ און די תאווה; אויב אָבער מען גייט אָפּ די גאַנצע תאווה צום שפּיל פון סעקס־סימבאָל (ווי אַ מערילין מאָנראָ), אָדער מיט רעגן די אינ־סטינקטן דורך ווייזן די נאַקעטקייט פון שיינע פרויען — דאַן שאַפט זיך די פּערווערסע תאווה, וואָס פירט צו הפקרדיקייט, צו נשמה־קראַנקהאַפטיקייט. נישט ווייניק פון אָט דעם שיינעם געשלעכט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רייץ־סימבאָל, פאַרענדיקט דאָס לעבן ביז גאָר טראַגיש און זינלאָז.

ב. תאווה וואָס האָט נישט איין מאָל פאַרפירט גרויסע מענטשן. — קעניגן און לאָרדן אין מיטל-עלטער און אין דער נייער צייט.

וויל מען וויסן וועגן אָרט פון תאווה און יצר אין דער מיטל־עלטערלעכער אייראָפּע און מיטל־אַזיע (די אַממייסטן ציוויליזירטע לענדער, לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן), זאָל מען זיך באַקענען מיט די ווערק פון זשעפערי טשאָוסער (1400 - 1340), אַזוי אין זיינע „קענטערבורי דערציילונגען״, אַזוי אין זיינע אַנדערע גרע־סערע און קלענערע פּאָעטישע ווערק. מיר וועלן זיך נישט פאַרנעמען מיטן דאָזיקן ליטעראַרישן געביט, כּדי אַרויסצוברענגען די נאַקעטקייט אינעם לעבן פון די הערשערס, ווי דאָס האָט געזען אַזאַ גאוניש־בריליאַנטענער קינסטלער, ווי טשאָוסער. ער זעט די הפקרדיקע ליבע־אַרגיעס און נישט ווייניקער די אויסנאַמען פון ריינער ליבע — אַ ליבע פון שיר השירים־באַנעמונג.

ס׳איז אים זיכער געווען באַקאַנט די ליבע צווישן פּעטער אַבעלאַר (1142 ־ 1079) און העלאָיז (1164 ־ 1101), וואָס איז אונדז גוט באַקאַנט דורך די ליבעבריוו צווישן דעם פֿראַנצייזישן געלערנטן, פֿילאָסאָף און טעאָלאָג און דער תּמימותדיק־ראָמאַנטישער מיידל. די דאָזיקע בריוו זענען אַריין אין דער קלאַסישער ליטעראַטור און ס׳איז וועגן זיי, ווי שוין דערמאָנט, געשאַפֿן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור.

ס׳זענען געווען פֿרויען אין אַלע לענדער, וועלכע זענען, ווי מענער, געווען איבערגעגעבן צו אידעאַלן, געגאַנגען מיט שטאָלץ אויפֿן עשאַפֿאָט פֿאַר זייער גלויבן, פֿאַר זייער לאַנד, ווי זשאַן ד׳אַרק, די „אָרלעאַנישע בתולה״, וועלכע איז צוליב איר פּאַטריאָטישקייט פֿאַרברענט געוואָרן אויפֿן שייטערהויפֿן אין רואַן, פֿראַנקרייך; און אַזוי אַ סך אַנדערע מאַרטירערינס, ביז אונדזער צייט. ס׳זענען געווען אַזעלכע, ווי צוויי פֿון די אַכט ווייבער פֿון הענרי דעם אַכטן, וועלכע זענען אומגעקומען צוליב זייער ווילדקייט, הפקרות און ניאוף.

די „בלוטיקע מערי״ (1558 ־ 1516), הענריס טאָכטער, האָט זיך געפֿירט ווי איר פֿאָטער, און זיך נישט בלויז נאָכגעגעבן אַלע תּאוות, נאָר האָט אויך געוועלטיקט מיט אַן אייזערנער האַנט, באַהערשט אַלעמען מיט שחיטות און הריגות און, ווען זי האָט שוין חתונה געהאַט מיטן שפּאַנישן קעניג פֿיליפּ, איז עס געווען מיט דער כּוונה צו באַהערשן מיט כּוח ביידע אימפּעריעס. זי האָט לאַנג נישט געקעניגט — פֿיר יאָר נאָך איר חתונה (1554) איז זי געשטאָרבן.

די סקאָטישע קעניגין מערי (1587 ־ 1542) האָט חתונה געהאַט צו 16 יאָר מיט איינעם פֿון דער פֿראַנצויזישער קעניגלעכער משפּחה און געלעבט מיט אים אין פֿראַנקרייך. נאָך זיין טויט (1560) איז זי צוריקגעקומען קיין סקאָטלאַנד, חתונה געהאַט מיט אַ לאָרד און זיך געליבט מיט אַן אַנדערן. דער לאָרד איז געהרגעט געוואָרן און ס׳איז געווען אַ חשד, אַז דאָס האָט איר געליבטער אים אָפּגערוימט (לויט איר פּלאַן). דאָס האָט איר אָבער גאָרנישט געשטערט מיט אים חתונה צו האָבן, דריי חדשים נאָך איר מאַנס טויט (1567).

צוליב דעם אָפֿענעם סקאַנדאַל האָט די אַריסטאָקראַטיע פֿאַרלאַנגט, זי זאָל אַבדיקירן. דאָס איז זיי אָבער נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. דער סוף איז געווען, אַז די ענגלישע קעניגין, עליזאַבעט, האָט זי אָנגעקלאָגט אין קאָנספּיראַציע און אויף דער דאָזיקער אָנקלאַגע האָט די ענגלישע יוסטיץ באַרעכטיקט אַן אַרעסט. זי איז געהאַלטן געוואָרן פֿאַרשפּאַרט אין אַ שלאָס.

די מעשׂים פֿון הענרי דעם אַכטן זענען פֿאַראייביקט אין דער ענגלישער געשיכטע, אין דראַמע און אין פֿילם. דער מייסטער פֿון דער ענגלישער שפּראַך, האָט אים און זיין סביבה געשילדערט מיט אַלע פּרטים, און קינדער, פֿון אַלע טיפּן ענגלישע שולן, מוזן זיך גוט אויסלערנען שעקספּירס פֿאַראייביקטע כאַראַקטערן.

ד״ר יהודה ראָזנטאַל, שילדערט אין איינער פון זיינע שטודיעס [1], ווי אַזוי הענרי דער אַכטער האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש אָפּצוגטן זיין ווייב קאַטערינע מאַרגאַניע, די טאָכטער פון שפּאַנישן קעניג פּערדינאַנד און פון דער קעניגין איזאַבעלאַ — די וועלכע האָבן פאַרטריבן די ייִדן פון שפּאַניע. הענרי האָט זיך דאָ באַנוצט מיט די דינים פון יבום.

ווי ראָזנטאַל גיט איבער, האָט די קאַטערינע פריִער חתונה געהאַט מיט הענריס ברודער — ס׳איז געווען אַ קינדער־חתונה, ווי אַ קינדערשפּיל. דער ברו־דער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 15 יאָר, איבערלאָזנדיק זי אָן קינדער. אַזוי אַרום האָט הענרי געקראָגן די דערלויבעניש חתונה צו האָבן מיטן ברודערס ווייב, מקיים צו זיין די מצווה פון יבום און דערביי ירשענען דעם שפּאַנישן טראָן.

מיט דער שאלה האָבן זיך פאַרנומען נישט בלויז גלחים, גייסטלעכע, געלערנ־טע, נאָר אַפילו רבנים האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער אַנגעלעגנהייט. מיר זענען דאָ נישט פאַראינטערעסירט איבערצוגעבן איינצלהייטן וועגן דער שאלה און ווי זי איז געלייזט געוואָרן, כאָטש דערביי זענען פאַרגעקומען פיקאַנטע פּאַסירונגען. מיר ווילן בלויז אָנווייזן אויף דעם פאַקט, ווי קעניגן און קעניגינס זענען געווען אַריינגעלאָזט אין תאווה, אין אומגעצוימטע לײדנשאַפטן. נישט בלויז אַ מצרישע קלעאָפּאַטראַ און רוימישע הערשערס־צעזאַרן, ווי מאַרקוס אַנטאָניוס און זייערס גלייכן, נאָר ביי אַלע פעלקער האָבן מיר די דאָזיקע תאווה אין די העכסטע פענצטער פון מלכות.

מענער און פרויען, אין ווען מענטש העגט ס׳איז געלעגן דער גורל נישט בלויז פון זייערע אייגענע פעלקער, נאָר דער גורל פון דער מענטשהייט, האָבן אין די קריטישסטע צייטן, אין מיטן פון זייער אַנגעשטרענגטקייט, צי אויף שלאַכטפעלדער, צי אין פּאָליטישע קאַמפן, זיך פאַרדרייט מיט תאווה, פאַרכאַפּט פאַר זיך שיינע געליבטע, אונטערגעקויפט ווייבער פון אַנדערע מלכים, פון גענעראַלן און פון פשוטע בירגער.

אין דער מאָדערנער צייט, אונטער דעם מאָדערנעם שלייער, האָבן מיר גענוג טיפּן ווי הענרי דער אַכטער, אָדער נאַפּאָלעאָן דער גרויסער, נישט בלויז צווישן די איבערגעבליבענע מאָנאַרכן, נאָר אויך צווישן די בלוטיקע דיקטאַטאָרן פון רויט, שוואַרץ און ברוין. דער ערשטער האָט געהאַלטן אין איין ליקווידירן נישט בלויז קעגנערס, נאָר יעדן וואָס האָט נישט צוגעשפּילט צו זיין טאָן. ער אַליין האָט זיך געהאַלטן אין איין „שפּילן" מיט ווייבער. מ׳דאַרף דאָך נישט מער ווי זיך צוהערן צו דעם וואָס זיין טאָכטער, וואָס איז ווייט פון צו זיין אַן אשה צנועה, ווייט פון פירן אַ ריין ערלעך משפּחה־לעבן (חתונה האָבן און גטן און פירן זייטיקע ליבעס, איז ביי איר זיכער נישט געווען פון די גרויסע חטאים), דעקט אויף אין אירע „צוואַנציק בריוו צו אַ פריינד" די אינטימע רישעות פון איר פאָטער, זיין

ברוטאַלקייט, נישט בלויז צו זיינע אַמאַליקע שותפים צו דער רעוואָלוציע, נאָר צו זיינע אייגענע, צו זיינע פרויען, וועלכע האָבן אים געדאַרפט נאָכגעבן די אָרגיעס פון ליבע, לויט זיין ווילן.

דער דיקטאַטאָר פון דער „נאָבעלער גערמאַניע" — דער ברוינער דיקטאַטאָר ימח שמו, האָט געהאַט גענוג צייט צו שפּילן ליבע מיט דער נאַציסטקע עוואַ בראַון, וועלכע איז געווען ביי אים אַ שפּילצייג. ער האָט געלעבט מיט איר „פרייע ליבע" און פאַרענדיקט מיט איר אין בונקער. וועגן דער דאָזיקער „מיסטרעס" און איר לעבן מיטן ברוינעם אַדאָלף ימ"ש, איז לעצטנס דערשינען אַ ווערק פון עטלעכע הונדערט זייטן. דער מחבר, נערין ע. גאַן[2], האָט זיך גענומען די מי צו שילדערן די ליבע פון אַ דייטשישער „מעדכען" מיטן סאַמע גרויזאַמען דעמאָן — און איר געניסן פון אַט דער ליבע.

אין זיין כאַראַקטעריזירן די ליבע צווישן דעם אַרכי־רוצח און דער ברוינער עוואַ, קומט נערין ע. גאַן צום אויספיר, אַז ס'זענען דאָ פאַרשיידענע סאָרטן ליבע, אַזעלכע — ווי אַטעלאָ, ווי נאַפּאָלעאָן און דזשאָזעפין און אַזעלכע — ווי היטלער, וועלכער האָט בלויז געוואָלט זעטיקן זיין עגאָצענטרישע לוסט פון תאווה און רציחה (ווי אַזוי אַזאַ רוצח האָט געקענט ליבן, לאָזט ער איבער פאַר פּסיכאָלאָגן). נאָך צוועלף יאָר וווינען מיט דער עוואַ, האָט ער בלויז צוויי טעג פאַר זיין זעלבסט־מאָרד איר געגעבן דאָס רעכט צו ווערן „פראַו היטלער" מיט אַ חתונה־מתנה — אַ רעוואָלווער צו שיסן איר שוואָגער, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז מען וועט זיך מוזן אונטערגעבן, און זיך אַליין צו שיסן און אויפגיין אין פלאַמען פונעם באַהאַלטענעם בונקער...

גאַן דאַרף זיך נישט צו שטאַרק באַמיִען, כדי צו באַווייזן, אַז דאָס איז געווען אַן אומנאַרמאַלע ליבע, אַז זי, עוואַ, איז געווען היפּנאָטיזירט, פּונקט ווי מיליאָנען דייטשישע פרויען און האָט היטלערן געדינט ווי מ'דינט אַן אָפּגאָט. ער ברענגט דאָרט פאַקטן, וואָס באַווייזן ווי גרויזאַם ס'איז געווען דער דאָזיקער היפּנאָז, וואָס האָט געפירט צום גיהנום פון „דריטן רייך".

דאָס באַווייזט אָבער, אַז אַפילו אַזאַ באַנדיט, אַ ממזר, אַ רוצח וואָס האָט נישט זיין גלייכן אין דער געשיכטע, דער, וואָס האָט כסדר פּלאַנירט ווי אומצוברענגען פעלקער — אויך ער האָט זיך באַנוצט מיט דער שפּיל פון ליבע, כדי צו געווינען די הערצער פון די יִינגסטע און שענסטע דייטשישע מיידלעך און פרויען. אַפילו אין די קריטישסטע מאָמענטן, האָט ער די שפּיל נישט אויפגעגעבן, אַגיטירט קעגן לעגאַלע הייראַטן, פּראָפּאַגירט לעבן פריַי, און יעדע פרוי איז געווען גרייט צו קריגן דעם „ערן-טיטל" צו זיין היטלערס געליבטע, אַפילו פאַרן פרייז פון באַגיין זעלבסטמאָרד!

זיין חבר מוסאָליני, אין שוואַרץ־פאַשיסטישן אוניפאָרם, האָט געמאַכט דעם

איינדרוק אַז ער פירט אַ נאָרמאַל לעבן. אָבער פאַקטן האָבן באַוויזן, אַז ער האָט געפירט פאַלשע ליבעס, פאַרראַטן זיין פרוי און קינדער. און ווען ער איז געפאַלן, דער אַרכי־פאַשיסט, איז ער געלעגן אין די אָרעמס פון אַ געליבטער...

אַז מיר מאַכן אַ שפּאַן פון די דיקטאַטאָרן און מיר קומען צו דעם דעמאָקראַטישן לאַנדן־ענגלאַנד, האָבן מיר נישט כּסדר סקאַנדאַלן פון ליבע־אַפערעס?

אין 1963 איז אַ קריגס־מיניסטער אַראָפּ פון זיין גדולה, און נאָך מיטגעשלעפּט צום תּהום פון דורכפאַל זיין קאָנסערוואַטיווער רעגירונג און פּאַרטיי. דזשאָן פּראָפיומאָ האָט, צוליב זיין לינקער ליבע מיט קריסטין קילער, פאַרלוירן זיין אַמט. דער באַשיצער פון פאַראייניקטן קעניגטום האָט זיך גאָר פאַרנומען אויף סעקסועלע דרכים, אַנשטאָט אויף די דרכים פון אַ שוץ־מיניסטער. און מאָדנע, ווי דער כּוח פון ליבע ווירקט „כּי עזה כּמוות אהבה" — איר חברטע, די 21־יאָריקע מענדי רייס־דייוויס האָט חתונה געהאַט מיט אַ ישׂראלדיקן אָנגעשטעלטן ביי דער אל־על און זי שרייבט לידער און לויב־געזאַנגען פאַר ישׂראל.

אויך אין דער לעצטער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג, האָבנדיק פאַר זיך אַזוי פיל פּראָבלעמען — אינערלעכע און אויסערלעכע — האָט דאָס גאַרנישט אָפּגעהאַלטן ענגלישע, גאָר הויכע באַאַמטע, זיי זאָלן זיין פאַרמישט אין סעקס־סקאַנדאַלן. דער פּרעמיער־מיניסטער עדוואַרד היט (אַגב, אַ בחור) האָט דערקלערט אין פּאַרלאַמענט, אַז די מיניסטאָרן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט „קאָל־גערלס" (פּראָסטיטוטקעס אויף אַ שענערן אופן), דאַרפן רעזיגנירן, כאָטש ער איז איבערצייגט, אַז זיי האָבן נישט אַרויסגעגעבן קיין מלוכה־סודות, אַ זאַך, וואָס ביי פּראָפיומאָ איז מען נישט געווען זיכער.

דער פירער פון לאָרדן־הויז, מיניסטער אוירל דזשוליקאָו, האָט מודה געווען, אַז ער האָט געהאַט צו טאָן מיט פּראָסטיטוטקעס, און דער 50־יאָריקער לעמטאָן, וויצע־מיניסטער פון לופטפלאָט, האָט זיך מתוודה געווען און רעזיגנירט.

דער צוגאַב פון זייטיקע ליבעס איז במשך פון דורות פּראַקטיצירט געוואָרן אין גרויס־בריטאַניע. אַזעלכע אַפערעס זענען באַהאַנדלט געוואָרן בלויז דאַן, ווען זיי האָבן געשטעלט אין געפאַר די זיכערקייט פון לאַנד. אין אַלגעמיין זענען נואַפקציעס ביי פּאָליטישע פירערס געווען פאַרשטענדלעך, אַפילו אין דער דעמאָלטיקער נישט „פּערמיסיווער" געזעלשאַפט, ווייל דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט.

די ביאָגראַפן פון גרויסע ענגלישע שטאַטסלייט און גענעראַלן ווייסן צו דערציילן, ווי אַזוי לאָרד וועלינגטאָן פלעגט פאַרברענגען נעכט ביי אַ שווייצאַרישער פּראָסטיטוטקע, העריעט, וועלכע האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן צו דינען דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע. אירע געשעפטן זענען געווען אַזוי דערפאָלגרייך, אַז

זי האָט געדאַרפט ברענגען אירע שוועסטער, זיי זאָלן איר אַרויסהעלפן באַדינען אירע רייכע קליענטן.

ס'האָט אַ מאָל געטראָפן, אַז דער גרויסער גענעראַל לאָרד וועלינגטאָן איז צוגעפאָרן צו דער דאָזיקער באַרימטער פּראָסטיטוטקע. פּונקט דאָן איז געווען אַ רעגנדיקע נאַכט, ממש אַ מבול האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט איבער לאָנדאָן. די טיר איז אָבער געווען פאַרמאַכט און ער האָט נישט געקענט אַריין, ווייל די פּרוי איז געלעגן אין בעט מיטן הערצאָג („דיוק אָף") פון ארגיל — זיינעם אַ פריינד. איז ער אַ דורכגעווייקטער אַוועק אַהיים צו זיין פאַרנאַכלעסיקטער ווייב און קינדער.

די דאָזיקע העריעט האָט אויף דער עלטער שאַנטאַזשירט אירע קליענטן, געפאָדערט פון יעדן צו 200 פונט, אויב זיי ווילן זי זאָל נישט דערמאָנען זייערע נעמען אין אירע מעמואַרן. זיי האָבן באַצאָלט. נאָר דערנאָך האָט זי זיי אָפּגעטאָן, ווי מ'זאָגט, אויף טערקיש, און דערמאָנט די הויכע קעפּ פון ענגלאַנד, צווישן זיי לאָרד פּאַלמערסטאָן, געהילף־קריגס־מיניסטער, וועלכער האָט, אַלס צוגאָב צו דעם דאָזיקן לינק־סעקסועלן לוקסוס, געהאַט אַ צאָל געליבטע, צווישן זיי — ליידי דזשווירסי, די שיינע פרוי פון רוסישן אַמבאַסאַדאָר, די הערצאָגין ליעווען עמילי, די שוועסטער פון פּרעמיער־מיניסטער לאָרד מעלבוירן און אַנדערע.

מיט עטלעכע דורות שפּעטער איז נישט איין פּרעמיער פון דער גרויסער אימפּעריע געווען פאַרטאָן מיט לינקע ליבעס און מעטרעסעס. אַפילו דער גאָר איידעלער און נאָבעלער לאָרד באַלפור, אַ בחור זיין גאַנץ לעבן, מחבר פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע (וואָס האָט צום ערשטן מאָל, נאָך צוויי טויזנט יאָר, אָנער־קענט די יידישע רעכט אויף ארץ־ישׂראל) — אויך ער האָט געהאַט אַ געליבטע, און ווען זי איז מעוברת געוואָרן, האָט זי, מאַרי עלקאָ, באַשלאָסן פּטור צו ווערן פונעם קינד אין דעם עמבריאָן־פּעריאָד, און איז געפאָרן צוליב דעם אויף אַ ראָוווער.

דער פּרעמיער־מיניסטער אַסקוויט האָט געהאַט זיין געליבטע ליידי ווענעטיאַ סטענלי. און וואָס שייך דעם גרויסן לאָיד דזשאָרדזש, פּרעמיער פון דער אימפּע־ריע אין דער צייט פון ערשטן וועלטקריג, האָט ער זיך אויסגעדריקט — „ליבע איז אין אָרדענונג, אויב מען פאַרלירט נישט דערביי קיין צייט", ער האָט געלעבט מיט די גוווערנאַנטקעס אין זיין הויז. ער אַליין האָט זיך באַרימט, אַז ווען די וועלט ווייסט וואָס ער האָט אַלץ אָפּגעטאָן אין אַלטן מעטראָפּאָל־האָטעל, פאַר די 40 יאָר פון זיין פּאָליטישער קאַריערע, וואָלט ער שוין לאַנג געדאַרפט זיך צוריקציִען.

ווי געזאָגט, וועלן מיר זיך נישט פאַרנעמען מיט צונויפשטעלן אַ רשימה. נאָכן דורכמאַכן אַ געוויסע שטודיע, האָט דער שרייבער פון די שורות באַשלאָסן צו פאַרברענען דעם מאַטעריאַל און בלויז ווידמען עטלעכע פּאַראַגראַפן דעם

„דיוק אָף ווינדזאָר", וועלכער האָט געהאַט דעם כּוח צו אַבדיקירן פונעם טראָן, כּדי צו לעבן „מיט דער פרוי וואָס ער האָט ליב".

דער דאָזיקער יורש־עצר פון גרויס־בריטאַניע, דער וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון גרויס מלכות, גראָד פון גרויסע פרויען אין ענגלישן קעניגטום, ווי עליזאַבעט (1603—1533), וואָס איז אַרויף אויפן טראָן אין יאָר 1558 אין עלטער פון 25 יאָר, געפירט די מלוכה מיט שטאַרקייט אַרום 45 יאָר, פאַרצייכנט זיג נאָך זיג, איינגענומען לאַנד און וואַסערן, יבשה און ים. מיט איר צייט איז פאַרבונדן די גרויסע ליטעראַרישע ערע (וויליאַם שעקספּיר (1616—1564), דער ליכטיקסטער אָרנאַמענט אין דער ענגלישער ליטעראַטור איז צוגעשריבן צו איר ממשלה). און נאָך דעם אַ ריי גרויסע דערגרייכונגען און גרויסע פּערזענלעכקייטן פון ענגלישן מלכות: די קעניגין וויקטאָריאַ (1901—1819) און נאָך איר — עדוואַרד, וועמעס נאָמען דער יורש־עצר האָט געטראָגן; ער האָט געוואָגט, צוליב דער ליבע צו אַ צווייטמאָל געגטער פרוי, מוותר צו זיין אויפן טראָן.

מיר האָבן אַ גאַר רייכע ליטעראַטור וועגן דער דאָזיקער אַבדיקאַציע. ס'איז דאָך אינטערעסאַנט די באַשרייבונג אינעם מאָנאָגראַפישן ווערק „אַוועק מיט די ווינדזאָרס", אין וועלכן איילעס בראַדי שילדערט די דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט, אי אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, אי אין פּאַרלאַמענט, בעת דער דיוק אָף ווינדזאָר, עדוואַרד דער דריטער (פּריִער פּרינץ אָף ווילס), האָט געלאָזט וויסן די ענגלענדער און דער וועלט, אַז ער אַבדיקירט, גיט־אויף די קרוין, גייט אין גלות מיט פרייד — צוליב דער ליבע פון אַ פרוי, וועלכע האָט שוין געהאַט פאַר אים אָפיציעל צוויי מענער.

אין זיין ראַדיאָ־רעדע צו דער וועלט (דעם 11טן דעצעמבער 1936) האָט ער צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז ער גיט אויף דעם טראָן „צוליב דער פרוי וואָס איך ליב". סטענלי באַלדווין, דער דעמאָלטיקער פּרעמיער האָט עס געמאַכט אַזוי, אַז מיט איין מאָל איז עדוואַרד געוואָרן אויס אימפּעראַטאָר פון דער אימפּעריע און אויס פּאַטער פון אַ האַלבן ביליאָן מענטשן, וואָס די אימפּעריע האָט דאַן געציילט. עדוואַרד דער דריטער האָט דאָס געטאָן צוליב דער „פּאַם פּאַטאַל", אָן וועלכער נישט איז חרטה.

דער קעניג איז געוואָרן אַ פּריוואַטער מענטש. די אימפּעריע האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ. ווי ער אַליין האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט, איז ער געווען דער לעצטער קעניג מיט קעניגלעך־אימפּעריאַלן טאַקט. צוליב זיין וועלן זיין מיט דער גרושה, איז ער אַוועק אין איינזאַמקייט, פאַריאָגט פון דער היים, נישט צו קענען זיך אַפילו באַטייליקן אין דער קרוינונג פון זיין פּלימעניצע, עליזאַבעט דער צווייטער (1952). אַלץ צוליב זיין ליבע צו אַ פרוי, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז זי וועט אים קאָמפּענסירן פאַר אַלע זיינע ליידן.

אין אַ מאָנאָגראַפּיע וועגן דעם אַבדיקירטן קעניג וואָס איז לעצטנס פאַר־עפנטלעכט געוואָרן, דערציילט דער מחבר[5], ראַלף מאַרטין, אַז דער „דיוק" זאָל זיך געוועזן אויסדריקן, אַז די פרוי, וואַליס וואָרפילד סימסאָן, איז געוועזן די אײנ־ציקע וואָס האָט אים געגעבן סעקסועלע באַפרידיקונג. ער גיט איבער, אַז פריינד פונעם פּרינץ האָבן אים געזאָגט, אַז בלויז זי האָט אים געגעבן דאָס מענלעכע געפיל. ער האָט טאַקע ליב געהאַט טעלמאַ פורנעס, אָבער דאָס איז געווען פּיזיש. נאָך דעם ווי זיין ליבע־אַפּערע מיט איר האָט זיך געענדיקט, האָט זי דערקלערט, אַז דער פּרינץ אָף וויילס איז געווען אַן אומבאַפרידיקטער סעקסועלער שותף.

וואַליס סימסאָן האָט אים — ווי מאַרטין איז מסביר — געהאָלפן סעקסועל, און די תורה ווי צו באַפרידיקן אַזאַ מאַן, האָט זי געלערנט אין כינע, ווו זי האָט ביי די כינעזער איבערגענומען דעם קאָנצעפּט פון סעקסועלער באַפרידיקונג.

די דאָזיקע באַגליקטע און אומגעקרוינטע קעניגין איז געבוירן געוואָרן אין 1896 (טייל זאָגן אין 1890). כאָטש ביי אַ שטיפפאָטער, האָט זי דאָך דורכגעמאַכט אַ לעבן, ווי יעדע רייכע אַמעריקאַנער מיידל (איר פאָטער איז געשטאָרבן ווען זי איז אַלט געווען בלויז עטלעכע חדשים). זי האָט אַלס יונגע מיידל באַרייזט אַ וועלט. אין 1915 האָט זי חתונה געהאַט מיט אַן אָפיציר פון דעם אַמעריקאַנער לופטפלאָט מיטן נאָמען ווינפילד ספּענסער. דאָס איז געווען אַ פייערדיקע ליבע, באַגלייט מיט נסיעות — און לסוף, אין 1927, אַ גט!

אין יולי, 1928, אַ יאָר נאָכן גט, האָט זי חתונה געהאַט אין לאָנדאָן מיט אַ ניו־יאָרקער מיטן נאָמען ערנסט סימפּסאָן, וועלכער האָט צוליב איר געגט זיין ניו־יאָרקער פרוי. אַזוי אַרום איז זי געוואָרן מרס. וואַליס סימפּסאָן — און דאָ, אין ענגלאַנדס מעטראָפּאָליע, האָט זי זיך באַקענט מיטן עלטערן זון פון קעניג דזשאָרדזש און פאַרפירט מיט אים אַ ראָמאַן.

דער דאָזיקער פּרינץ האָט געהאַט אַ ברירה זיך אויסצוקלייבן די שענסטע פּרינצעסין. עס האָבן געזוכט זיין ליבע, יונגע מיידלעך פון מילך און פון לויטערן „בלויען בלוט" — די רייכסטע און שענסטע פּרינצעסינס האָבן אים געוואָלט צו־ציִען. זיי האָט געלאָקט די קרוין פון ענגלישן בחור, וועלכער וועט ווערן דער אימפּעראַטאָר פון אַן אימפּעריע — ווו „די זון פאַרגייט קיין מאָל נישט — און וואָס רעגירט איבער די וועלטכוואַליעס..." אים איז אָבער געפעלן געוואָרן די פרוי וואָס איז שוין איין מאָל געגט געוואָרן און איצט איז זי די פרוי פון אַ צווייטן מאַן. די שטאַרק פעמיניסטישע וואַליס, צוליב וועלכער אַ מאַן האָט פאַרלאָזט פרוי־און־קינד, איז אַריינגעלאָזט געוואָרן אין ענגלישן פּאַלאַץ, נאָך איידער זייער יורש־עצר איז געוואָרן איר אָפיציעלער מאַן.

דער פּרינץ גיט־אויף דעם טראָן צוליב דער דאָזיקער פרוי — אין מיטן פעריאָד פון דער דאָזיקער סעקסועלער ליבע, פאַרפירט ער אויך אַ ליבע מיט

אַדאָלף היטלער, מיט פאָן ריבענטראָפּ — מיטן נאַציסטישן דייטשלאַנד. אומלאָגישע ליבעס — אָבער איז דען ליבע באַזירט אויף לאָגיק ?...

די שרייבערס פון „סעקס און כאַראַקטער” האָבן דאָ געהאַט פאַר זיך אַן אויסערגעוויינלעכע טעמע וועגן דעם כּוח פון ליבע. אַז זי איז שטאַרקער פון טויט, די ליבע, האָט שוין אַמאָל געזאָגט דער קליגסטער קעניג — אָבער אַז זי איז שטאַרקער פון אַן אימפּעריע, האָבן מיר אַליין דערפאַרן.

נישט איין מאָל ציטירט מען וואָלטערס אַ זאָג וועגן לואי דעם פערצנטן, אַז ער האָט באַהערשט זיין ליידנשאַפטלעכע ליבע צו מאַרי מאַנסיני און חתונה געהאַט מיט מאַריאַ טערעזאַ צוליב זיין אימפּעריע. אין אים האָט מען געזען אַ שטאַרקן כאַראַקטער. אָבער אַ מער שטאַרקערן כאַראַקטער האָט מען געקענט זען אין דעם ענגלישן טראָן־באַזיצער, ווען ער האָט איבערגעלאָזט די אימפּעריע, אַלע וועלט־שיינהייטן, און געוואָלט דווקא באַזיצן די פרוי, וואָס האָט שוין געלעבט מיט צוויי אַנדערע מענער...

אומגעוויינלעכן קוראַזש האָט דער דאָזיקער דיוק אַרויסגעוויזן אין זיין ענט־פערן דעם פּרעמיער פון לאַנד, סטענלי באַלדווין — „איך גיב אָפּ מיין קרוין פאַר דער פרוי וואָס איך ליב”.

האָט ער אַ מאָל חרטה געהאַט אויף זיין אַקט ? ווער ווייסט ? ער האָט געלעבט אין עשירות ; ער האָט זיך און זיין לעבנס־באַגלייטערין געקליידט אין די טייערסטע און בעסטע קליידער, געוווינט אין די שענסטע פּאַלאַצן, האָטעלן, געפאָרן אויף יאַגד און יאַכט — אָבער פאַרטריבן פון זיין לאַנד, אין דער פרעמד, אין איינזאַמ־קייט — און געשטאָרבן אין איינזאַמקייט.

געבליבן איז מסתּמא געניג אויף צום לעבן פאַר דער אַטראַקטיווער פּעמי־ניסטקע, וועלכע האָט געפאַנגען דאָס האַרץ פונעם רייכסטן פּרינץ. ווי מ׳זאָגט אין די רכילות־מאַגאַזינען, איז זי קיין מאָל נישט געווען אַן אַ מאַן... געבליבן איז אויך דאָס טייערע, קאָסטבאַרע חתונה־קלייד, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן לזכּרון דעם ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטען־מוזעום — וחסל !

פון די קלענערע קעניגן וועלכע טוישן זייערע ווייבער, אָדער פאַרגרעסערן די צאָל פון זייערע פּלגשים, זענען די נאָך איבערגעבליבענע קעניגלעך פון מוזול־מעניש־מאַכמעדאַנישע לענדער, ווי דער שאַך פון פּערסיע, פייסאַל פון סאַודיע־אַראַביע און כוסיין, דער מלך פון ירדן. אין מיטן פון אַ קריזיס, סכּנה פון אויפ־שטאַנד, בירגערקריג — אין מיטן פון דעם אַלעמען, האָט כוסיין געהאַט געניג צייט אין דער שטיל אָפּצוגטן זיין ווייב, אַוועקצושיקן זי קיין ענגלאַנד מיט די פיר קינדער וואָס ער האָט פון איר. אגב איז זי שוין געווען זיין צווייטע ווייב !

אַזוי גיך ווי זי האָט דערגרייכט די ענגלישע גרענעצן, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ דריטער פרוי — אַ 24־יאָריקער עגיפּטישע בלאָנדינקע און מיט איר, דער

ניו־יאָרקער סטודענטקע, האָפּט ער צו האָבן מער לעבן, מער פרייד, מער תּאווה און זיך קענען לאָזן מער ווילגיין אין אַ צייט, ווען זיין מדינהלע ווערט צעריסן פון אַלע זייטן, און ער איז אַרומגערינגלט מיט קעגנערס אין זיין אייגענעם הויף. דאָס דאָזיקע קעניגל, שוואַך, קראַנק — אָבער מיט גרויסע אַפּעטיטן!

ס'איז גוט באַקאַנט דער ראָמאַן פון רומענישן קעניג, דעם לעביונג קאַראָל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט זיזי לאַמברינאָ, זי געגט אין 1921 און חתונה געהאַט מיט דער גריכישער פּרינצעסין העלענאַ, מיט וועלכער ער האָט געהאַט אַ זון, מיכאל, און דערנאָך אויפגעגעבן דעם טראָן און אַוועק מיט מאַגדאַ לופּעסקו קיין פּאַריז (1925). דאָס איז אָבער אַלץ נישט קיין פאַרגלייך מיט דער געוואַגטקייט פון עדוואַרד דעם 8טן. זיין אַקט פון ליבע איז געוואָרן די טעמע פון צענדליקער שרייבערס און דראַמאַטורגן; איז אַריין אין דער פילם־געשיכטע, מיט דער אויפֿפירונג „די געשיכטע פון אַ קעניג" (עי קינגס סטאָרי). דער דיוק אָף ווינדזאָר ווערט אין שפּיל דערהויבן, ווי דער מאַן וואָס האָט געוואַגט צו ברעכן די טראַדיציע פון באַקינגהעם־פּאַלאַץ, זיך קעגנגעשטעלט די מאַכטהאָבערס פון קעניג־לעכן הויף און אויסגעקעמפט דעם קאַמף פאַר פּריוואַטע פרייהייט.

דעם 20סטן יאַנואַר 1936 איז ער אַרויף אויף דעם ענגלישן טראָן. ער איז געווען אין זיין פולער גלאָריע, דער הערשער איבער דער דאַן מעכטיקסטער אימפּעריע; אָבער נאָך איידער ער איז אָפּגעזעסן אַ פול יאָר אויף זיין טראָן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער גדולה, צוליב בעסי וואַליס וואָרפילד ספּענסער סימפּסאָן, צוליב דער פייערדיקער ליבע מיט דער אַמעריקאַנער גרושה און איז אַוועק אין אַ פרייוויליקן גלות אַלס „דיוק און דאַטשעס אָף ווינדזאָר". זיין מוטער, קעניגין מערי, האָט דער דאָזיקער פרוי קיין מאָל נישט מוחל געווען פאַר צונעמען איר זון און דערפירן דערצו, ער זאָל אויפגעבן די קרוין פון ענגלאַנד.

דאָס איז געווען די ליבע פון יאָרהונדערט!

און צום סוף נאָך אַ וואָרט, וועגן דער דאָזיקער ליבע, שוין נאָכן טויט פונעם געוועזענעם קעניג און באַטיטלטן הערצאָג פון ווינדזאָר.

אַ שרייבער מיטן נאָמען ראַלף מאַרטין, האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך א"נ „דאָס ליבע־לעבן פון דער הערצאָגינע" [6] און אין איינעם פון די פרויען־זשורנאַלן איז דערשינען אַ קאַפּיטל פונעם בוך א"נ „די פרוי וואָס ער האָט געליבט". ער באַווייזט, אַז איר גרעסטע ליבע איז נישט געווען די דריטע, מיטן אָבדיקירטן קעניג עדוואַרד דעם 8טן, נאָר די פערטע ליבע — די ליבע מיטן אַרגענטינער דיפּלאָמאַט, פעליפּע עספּיל.

זי האָט נישט פאַרשוויגן און אַנגעקלאָגט דעם שרייבער אין געריכט און דער נומער פונעם זשורנאַל [7] איז אין פראַנקרייך פאַרבאָטן געוואָרן.

ווי עס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין דער פרעסע, האָט זי נישט געלייקנט,

אַז איר לעבן איז אויסגעפילט געווען מיט ליבעס. רכילות פון פּאַריז — אַפילו איצט, אין איר עלטער, האָט זי נאָך אַלץ כּוח צו פירן ליבעס און צו האָבן געליבטע. זי קאָן נאָך אַלץ באַצויבערן מענער.

ג. קעניגינס וואָס האָבן אַריינגעשריבן בלעטער אין דער געשיכטע פון וועלט-הערשערס. — ליבע-אַרגיעס און אכזריות. — ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע הערשערינס. — פון קלעאָפּאַטראַ ביז וויקטאָריאַ.

גרויס איז די רשימה פון קעניגינס, וואָס האָבן געשפילט אַ וויכטיקע ראָלע נישט בלויז אין ראָמאַנסירן, נאָר אין הערשן. קעניגינס, וואָס האָבן געהערשט מיט שטאַרקייט און קעניגינס — אונטערגעוואָרפענע דעם גורל פון זייערע יועצים. קעניגינס, וועלכע האָבן געוועלטיקט איבער זייערע אונטערטאַנען מיט אכזריות, אָנגעוואָרפן אויף זייערע איינוווינערס פּחד און מורא, און קעניגינס, וועלכע זענען געווען באַליבט און געאַכטעט פאַר זייער גוטהאַרציקייט.

מיר וועלן זיך נישט פאַרנעמען מיט געבן אַן אויסשעפּלעכע רשימה פון אָט אַזעלכע פרויען. דאָס קאָן געטאָן ווערן אין אַן ענציקלאָפּעדיש-לעקסיקאָגראַפיש ווערק.

פאַר אונדזער אַרבעט איז גענוג אַרויסצוהייבן אַ צאָל פון אַזעלכע פרויען־טיפּן.

די ערשטע ביז גאָר באַרימטע קעניגין איז געווען קלעאָפּאַטראַ, די פּאַגאַניש־עגיפּטישע פרוי, וועלכע האָט געקעניגט 22 יאָר און מיט איר שיינקייט און געשיקטקייט באַצויבערט גענעראַלן און מאַכטהאָבערס. זי האָט געפאַנגען דאָס האַרץ פון יוליוס צעזאַר, פון מאַרקוס אַנטאָניוס און פון אַנדערע רוימישע שׂרים. זי איז געווען פאַר די רוימערס — די אַפראָדיטע, די ווענוס, די געטין פון וויַין און געטין פון ליבע, די געטין פון באַקכוס און פון מינערוואַ — די געטין פון חכמה און פון אַלץ וואָס פאַרכאַפּט מענער־הערצער.

די דאָזיקע קלעאָפּאַטראַ (69 — 30 פּק״ע) האָט אין עלטער פון 17 יאָר חתונה געהאַט מיט איר ברודער תּלמי (פּטאָלמי), אָבער באַלד זיך אַרומגעריסן מיט אים וועגן דעם טראָן און געפירט אַ מלחמה פאַר דער קרוין. אַ דאַנק איר חכמה און שיינקייט, האָט זי געקראָגן די געהעריקע הילף פון יוליוס צעזאַר (44 — 100 פּק״ע) און פון אים געהאַט אַ זון, צעזאַריאָן.

נאָכן אַטענטאַט אויף יוליוס צעזאַר, ווען מאַרקוס אַנטאָניוס (31 — 83) איז געוואָרן דער מושל איבער רוים, האָט ער אויך געזוכט קלעאָפּאַטראַס ליבע. ער האָט פאַרראָטן זיין ווייב און איז אַריבער לעבן מיט דער דאָזיקער עגיפּטישער

שיינקייט, וואָס האָט אויך געטראָגן די עגיפּטישע קרוין. די דאָזיקע ליבע־אוואַנ־טורעס האָבן צעשטערט אי זיין ממשלה און אי איר ממשלה.

אין דער מלחמה מיטן רוימישן גענעראַל אויגוסטוס אָקטאַוויוס (31 פק״ע), ווען אַנטאָניוס האָט געזען זיין דורכפאַל און דעם פאַרראַט פון זיינע חברים ברוטוס און קאַסיוס, האָט ער זיך געוואָרפן אויף זיין שווערד און זיך גענומען דאָס לעבן. קלעאָפּאַטראַ האָט אים נאָכגעטאָן, איינגענומען סם און פאַרענדיקט איר הפקרדיק לעבן, וואָס איז געווען איבערפולט מיט ליבע־אינטריגעס און סעקס־אָרגיעס.

אַזוי האָט פאַרענדיקט די שיינע קלעאָפּאַטראַ, וועלכע האָט נישט פאַרמאָגט די איידלקייט און צאַרטקייט פון אַ פיינער פרוי, נאָר זיך געיאָגט נאָך אומגעשטער־טער תאווה, כבוד און מאַכט. איר ליבע איז געווען דער היפּוך צו דער רות־אידיליע, אין קאָנטראַסט צו שולמיתן (דער שטאַרק פאַרליבטער אינעם קעניג שלמה), און איז אויך נישט צו פאַרגלייכן מיט שעקספּירס „ראָמעאָ און זשוליעט״.

[וויליאַם שעקספּיר (1616 — 1564), דער גרעסטער ענגלישער פּאָעט, דראַמאַ־טורג און נאָוועליסט, האָט פאַראייביקט די ליבעס און די אויפפירונג פון יוליוס צעזאַר, קלעאָפּאַטראַ און אַנטאָניוס אין זיינע גרויסע ווערק „יוליוס צעזאַר״ און „אַנטאָניוס און קלעאָפּאַטראַ״].

דער רוימישער גענעראַל און אָראַטאָר קאַטאָ מאַרקוס פּאָרקיוס (324 — 149 נק״ע) האָט ריכטיק געוואָרנט די רוימישע הערשערס, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן באַ־איינפלוסן פון זייערע ווייבער, אויב זיי ווילן אַ שטאַרקע רוימישע אימפּעריע. ער האָט געוואָרנט קעגן לוקסוס־לעבן און ליבע־אינטריגעס פון די רוימישע צעזאַרן. ער האָט אין זיין וואָרענונג געמיינט אַפילו אַזעלכע ווי מאַרקוס אַנטאָניוס אורעליוס (121 — 180 נק״ע) — אַפילו ער, דער אינטעלעקטועלער אימפּעראַטאָר און נאָכ־פאָלגער פון די סטאָיִקער, איז צו פיל פאַרקאָכט געווען אין ליבעס און פאַרנאַכלע־סיקט זיין לאַנד.

אַז מען רעדט פון ריינער ליבע, דאַרף מען נאָך אַ מאָל דערמאָנען די הערלעכע ליבע צווישן פּעטער אַבעלאַר (1142 — 1079) און העלאָיִז (1164 — 1011) — די תמימותדיקע ליבע צווישן צוויי מענטשן, וואָס איז, ווי די גריכן וואָלטן געזאָגט, אַ מוסטער פון אַ ליבע־געטין.

די געשיכטע פון דער דאָזיקער ליבע — פון אַ פראַנצויזישן פילאָסאָף מיט אַ ראָמאַנטיש מיידל — איז אין יִידיש געקומען צום אויסדרוק דורך ה. לייוויק. ער האָט געווידמעט איינע פון זיינע דראַמעס דער דאָזיקער באַרימטער ליבע.

זייער ליבע איז געקומען צום אויסדרוק אין בריוו, וואָס זענען אַריין אין דער קלאַסישער ליטעראַטור. דער אינטערעס וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן איז אַזוי גרויס, אַז ס׳איז אַרום זיי געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור.

געוויינלעך איז אָנגענומען דער כלל פון „חכמת נשים בנתה ביתה״, אַז די

חכמה פון דער פרוי איז אַ הויזיקע — צו פירן איר הויז, איר פאַמיליע. מיר ווייסן אָבער פון פרויען, וואָס האָבן פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין לאַנד־פּאָליטיק, אין וועלט־פירערשאַפט און, אַ גרויסע צאָל, אין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, אַריינ־גערעכנט יידישע פרויען אין די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען פון אַלערליי צוויגן און שאַטירונגען.

מיר וועלן ווייטער אַ בליק טאָן וועגן דער ראָל פון דער פרוי אין „בונד" (אַ יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג) און דער פרויס בייטראָג צום אויפבוי פון מדינת ישראל, צום קיבוץ־לעבן און אַזוי ווייטער [1].

מיר האָבן אין אַן אַנדער אַרבעט געשריבן אויספירלעכער וועגן דער קאַריערע פון דער פרוי אין אונדזער צייט, וועגן איר ראָל אין דער ליטעראַטור, וויסנשאַפט, קונסט, מלאכה און האַנדל — און אַז נאָכן אויסגלייכן זיך מיטן מאַנצביל, זוכט זי נאָך אַלץ ליבע, אַ גוט פאַמיליע־לעבן, און טוט דאָס מעגלעכסטע איינצוהאַלטן און אָפּצוהיטן איר שיינקייט, איר ווייבלעכקייט — זי זאָל שמעקן און שימערירן.

מיר וועלן קאַליידאָסקאָפּיש אַ בליק טאָן אין ווינקעלע: קעניגינס וואָס האָבן געפירט בעסער און שטאַרקער ווי מענער.

אויב די פרוי איז אין דער פּאַגאַניסטישער תקופה געווען דעגראַדירט און, מיטן אויפקום פונעם רענעסאַנס, זיך געיאָגט נאָך הפקרות, זענען אָבער דאָך אין אַלע צייטן געווען פרויען מיט שטאַרקע כאַראַקטערן און קעמפערישע נאַטורן. אַזעלכע האָבן זיך אויך געפונען אין די „הויכע פענצטער".

פון די באַרימטע הערשערינס האָבן מיר שוין דערמאָנט די קעניגין עליזאַבעט די ערשטע (1603 — 1533), וועלכע איז אין עלטער פון 25 יאָר אַרויף אויפן טראָן. זי האָט אַרויסגעוויזן חכמה, געשיקטקייט, בראַווקייט און גרויס־פירערשאַפט. זי האָט געבראַכט גרויס ערע פאַר ענגלאַנד און פאַר דער וועלט בכלל.

קאָן זיך עמעצער פון די ענגלישע הענריס [2] פאַרגלייכן מיט איר? יענע האָבן אין זינען געהאַט די „פריילעכע ווייבער פון ווינדזאָר", אָדער פון אַנדערע מקומות, און זי האָט זיך געווידמעט צו האָבן אַ שטאַרק ענגלאַנד [3].

די גרויסע עליזאַבעט! איר יחוס, אירע הויף־סקאַנדאַלן און אירע אינטריגעס, זענען באַקאַנט. זי האָט אָבער געהאַט דעם זכות צו גרויסע געשעענישן: זי האָט געפירט די מלוכה מיט שטאַרקייט 45 יאָר, פאַרצייכענענדיק איין זיג נאָכן אַנדערן, האָט איינגענומען ים און יבשה און געשאַפן דאָס גרויסע ענגלאַנד. זי האָט אויך זוכה געווען צו דער גרעסטער ליטעראַרישער תקופה אין דער געשיכטע פון ענגלישן פאָלק. אין איר צייט האָט געלעבט און געווירקט שעקספּיר. אויך דאָס ווערט צוגעשריבן צו איר הצלחה.

איר האָבן נאָכגעפאָלגט די שפּעטערע קעניגינס — און, גאָר באַזונדער „קווין וויקטאָריאַ" (1901 — 1819), געוואָרן קעניגין (זומער 1837) מיט איר פּרעמיער־

מיניסטער בנימין (בענדזשאַמין) דיזראַעלי (1881 — 1804), איינער פון די גרעסטע שטאַטסלייט אין דער וועלט, באַרימט אַלס לאָרד ביקאָנספילד.

אין דער ריי פון קעניגינס געפינען מיר צענדליקער מאַריאַס, וואָס האָבן גע־שפּילט דאָמינירנדיקע ראָלעס אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך און ווו נישט? מאַריאַ טערעזאַ (1780 — 1717); מאַרי אַנטואַנעט (1793 — 1756); מאַרי דע מעדיסיס (1642 — 1573); מאַרי לואיז (1847 — 1791) און אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע דעה אין הויף־ און לאַנד־פּאָליטיק.

ווען מען רעדט וועגן באַרימטע פרויען, ווי קען מען פאַרבייגיין און נישט דערמאָנען אַזעלכע אימפּעראַטאָרינס, ווי יעקאַטערינאַ די ערשטע (1727 — 1679) און די צווייטע (1796 — 1762), וועלכע האָבן געפירט ביד־רמה מלכות־רוסלאַנד. יעקאַטערינאַ די צווייטע, די פרוי פון פעטער דעם דריטן, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן, האָט נאָך זיין טויט איבערגענומען די מלוכה און האָט זי געפירט מיט אַ גאָר שטאַרקע האַנט: איינגענומען טעריטאָריעס, פאַרגרעסערט די אימפּעריאַלע מאַכט און איינגעפירט רעפאָרמעס אין דער מלוכה־פירונג.

מיט נישט ווייניקער מאַכט האָט געפירט מלכות־פראַנקרייך קאַטרין דע מעדיסיס (1589 — 1519), דאָס ווייב פון הענרי דעם צווייטן. זי איז באַקאַנט אַלס אכזריותדיקע קעניגין. זי האָט זיך באַרימט מיט דער סט. באַרטאָלאָמיי־נאַכט־שחיטה אויף די פּראָטעסטאַנטן.

ס׳זענען אויך דאָ אומצייליקע געשיכטעס וועגן קאַמפן צווישן קעניגינס, וועל־כע זענען געפירט געוואָרן אכזריותדיקער ווי צווישן מענער. ס׳וועט זיין גענוג צו דערמאָנען דעם ביטערן קאַמף צווישן דער דערמאָנטער עליזאַבעט דער ערשטער און מערי, איר קוזינע, די קעניגין פון סקאָטלאַנד (1587 — 1542), די טאָכטער פון קעניג דזשיימס דער פינפטער. דאָ איז געווען קינאה און נקמה און דער סוף אַרעסט און טויטשטראָף...

גרויס איז געווען די צאָל פרויען וואָס האָבן געהאַט אַן איינפלוס אין רעגי־רונגס־קרייזן. מיר וועלן דערמאָנען פון דער גרויסער ריי דריי אַזעלכע פרויען: מאַדאַם מענטענאָן (1917 — 1635) אין פראַנקרייך און אין דער זעלביקער צייט די באַראָנעסע אָף מאַרלבאָראָ (1744 — 1660), טשערטשילס באָבע, וועלכע איז געווען פון די רייכסטע פרויען אין ענגלאַנד; מאַדאַם דע סטאַעל (אַננאַ לויזע), וואָס האָט חתונה געהאַט מיטן באַראָן דע סטאַעל האָלשטיין אין עלטער פון 20 יאָר און איז צוליב איר רעוואָלוציאָנערישקייט פאַרשיקט געוואָרן אין גלות, ווו זי האָט געשאַפן גרויסע ווערק.

ס׳פעלן אויך נישט קיין פרויען־העלדינס וואָס האָבן באַוויזן העראָאישקייט אינעם קאַמף פאַרן מענטשלעכן פּראָגרעס. די גריכישע שרייבערס דערציילן וועגן אַספּאַ־

סיאַ, דער פרוי פון פעריקלעס, פאַרערט פון סאָקראַטעסן. מיט איר שיינקייט און געלערנטקייט האָט זי שטאַרק אויסגענומעןביים גריכישן פאָלק.

וועגן קסאַנטיפּען, סאָקראַטעסעס פרוי, האָבן מיר שוין געשריבן. זי איז באַקאַנט אַלס מרשעת. לעצטנס האָט מען רעווידירט די דאָזיקע מיינונג און אָנגעוויזן, ווי שווער ס׳איז געווען פאַר איר צו וווינען מיט אַ מאַן, ווי סאָקראַטעס, אַ באַהעם, אַ פוילענצער, אַ שיכּור — און אַן אַרומלויפער מיט פרעמדע פרויען. די דאָזיקע פאַרשערס ווייזן אָן, אַז עס איז געווען די שולד פון סאָקראַטעסן, וואָס די שיינע פרוי האָט כּסדר געדאַרפט לעבן אין איינזאַמקייט, אין אָרעמקייט — און אַז זי איז אים געבליבן געטריי ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן.

קסאַנטיפּע — גיבן זיי איבער — האָט געאַרבעט זייער שווער, געטאָן אַלץ צו ראַטעווען איר מאַן פון תּפיסה און פון טויט, אָבער סאָקראַטעס איז געבליבן גלייכגילטיק צו אירע פאַרלאַנגען... ער איז בלויז געווען פאַראינטערעסירט אין זיינע פילאָסאָפישע חידושים און אַפילו פאַרן טויט אין דער תּפיסה, באַוויזן אַרייַנצוכאַפּן אַ שמועס מיט זיינע תּלמידים. ער האָט זיין פרוי קסאַנטיפּע איבערגעלאָזט מיט אַ קינד, אָן מיטלען אויף חיונה.

ס׳האָבן זיך מיט דער צייט באַוויזן אַזעלכע העלדינס ווי זשאַן ד׳אַרק (1431 — 1412), די העראָישע פראַנצויזין, באַוווּסט אַלס די „בתולה פון אָרלעאַנס" — זי האָט באַוויזן העלדישקייט, ווי די ביבלישע יעל, וועלכע האָט צעשפּאַלטן סיסראַס קאָפּ בעת ער האָט זיך געלייגט ביי אירע קני, אָדער ווי די לעגענדאַרישע יהודית, וואָס האָט דערהרגעט האָלאָפערנעסן צו באַפרייען יהודה.

גרויס איז די צאָל פון באַרימטע פרויען וואָס זענען אומגעקומען ווי מאַרטירערינס. גאָר באַזונדערס אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אין דער רעוואָלוציע קעגן דעם צאַריזם. פרויען זענען געגאַנגען בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט אויפגעהויבענע קעפּ צו דער גילאָטינע. גענוג צו דערמאָנען די 25־יאָריקע שאַרלאָט קאָרדע, וועלכע האָט צוזאַמען מיט די מענער געקעמפט אויף די באַריקאַדן (גיליאָטינירט דעם 17טן יולי, 1793) און אַ סך אַנדערע.

ווען מ׳רעדט וועגן טאַלאַנט, האָבן פרויען אַרויסגעוויזן טאַלאַנט אויף אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און קונסט — און אין אַלע ליטעראַרישע זשאַנערן. גאָר אָפט, ווי שותּפטעס צו זייערע מענערס קאַריערעס, ווי וויל און אַריעל דוראַנט, אין אונדזערע טעג מיט זייערע היסטאָריש־פילאָסאָפישע שריפטן. — אָבער וועגן דעם באַזונדער.

ד. ליבע אין אַמעריקע ווי אין ענגלאַנד. — אין די הויכע ווי אין די נידעריקע פענצטער. — ביי עלטערע ווי ביי יינגערע.

ווען ליבע־אַפערעס זענען אין ענגלאַנד אויפגעדעקט געוואָרן (ווי דער פּראָפיומאָ־סקאַנדאַל), האָט עס געפירט אַ מאָל צו דער דעמיסיע פון דעם ליבהאָבער, און אַ מאָל צום אַרעסט פון דער געליבטער, אויב ס'האָט זיך דערוועקט אַ חשד פון אויסגעבן סודות, וואָס שטעלן אין געפאַר די זיכערקייט פון לאַנד. אַזאַ פאַל האָט געפירט צום דורכפאַל פון דער פּאַרטיי, וואָס איר מיטגליד האָט זיך געשפּילט מיטן פייער פון לינקע ליבעס...

די מיידלעך, וואָס האָבן פאַרקויפט ליבע זענען גאָר אָפט געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז מ'האָט זיך געיאָגט צו געווינען זייער ליבע. מענדי דייוויס, האָט זיך באַקענט מיט אַן אַל־על־באַאַמטן אויף אַן עראָפּלאַן צווישן לאָנדאָן און לוד און מיטן ערשטן בליק זיך פאַרליבט אין אים. זי האָט זיך מגייר געווען, דורכגעדרונגען געוואָרן מיט ייִדישע נאַציאָנאַלע געפילן, דערלערנט ייִדישע געשיכטע, באַגייסטערט געוואָרן פונעם חשמונאים־קאַמף און אַפילו אָנגעשריבן אַ ליד לכּבוד חנוכּה (פאַרעפנטלעכט אין „דזשויש קראָניקל״).

די זונה, ווי דער אַלפאָנס, זענען נישט קיין זעלטענע דערשיינונג אין דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. די וועלט פאַרטראַגט אָבער נישט קיין סעקס־סקאַנדאַלן און דער סקאַנדאַליסט באַצאָלט טייער פאַר זיין מאָמענטאַלער הנאה.

אין אַמעריקע האָט די סעקס־תּאווה אַרומגעכאַפּט מער ווי 50 פּראָצענט פון די אוניווערסיטעט־קאַמפּוסן (לויט אַן אָפּשאַצונג פון גרעהעם ב. בלעין, פּראָפ׳ אין האַרוואַרד; לויט אַנדערע, איז דער פּראָצענט אַ סך העכער). וואָס שייך פאַרגוואַלדיקונגען, איז ממש שאַקירנדיק — בלויז אַ קליינער פּראָצענט מעלדעט דער פּאָליציי. דער גרויסער רוב איז שטיל. צוליב דעם, וואָס אַזוי פיל מיידלעך האָבן אינטימע באַציִונגען מיט מענער, וואַקסט די צאָל פון תּאווה־אַרגיעס נישט בלויז צווישן יוגנטלעכע נאָר אויך צווישן יונגע מיידלעך מיט עלטערע מענער.

וועגן אַקטיאָרן און אַקטריסעס איז שוין אָפּגערעדט. ביי זיי איז דאָך אַ חתונה אַזוי ווי קויפן אַ קלייד, אָדער אַן אָנצוג. אַ „מאָדעל״ פון אַזעלכע חתונות און גטן, איז די באַרימטע עליזאַבעט טיילאָר. זיי אַליין זאָגט אויף זיך, אַז זי איז אַ „סעקס״־סימבאָל: אַזוי פיל מאָל חתונה געהאַט (צווישן די מענער אויך ייִדן), זיך מגייר געווען און צוריק אומגעקערט זיך צום קריסטנטום, ווען זי איז געגאַנגען ווינען מיט ריטשאַרד בערטאָן.

נישט בלויז זי (און אַזעלכע פון איר כאַראַקטער און פּראָפעסיע) איז פאַרטאָן פון קינדהייט אָן מיט ליבעס. גאָר אָנגעזעענע פירערס, אַריינגערעכנט סאָציאַליסטישע לידערס, וואָס זענען געווען פאַרטאָן אין ראַטעווען די וועלט, האָבן אין

פריוואַטן לעבן געוואָלט זיך און נאָר זיך ראַטעווען, מיט נאָכגעבן זיך דער הנאה פון ליבע, נישט קוקנדיק צי די ליבע איז אַ לעגאַלע אָדער אַן אומלעגאַלע. גענוג צו דערמאָנען פערדינאַנד לאַסאַל (1864 — 1825), אַלעקסאַנדער הערצען (1870 — 1812) און אַ גרויסע צאָל שרייבערס שריפטשטעלערס, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרזיכערן דעם סאָציאַלן יושר, און אַליין זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון פאַרזוכן דעם טעם פון פאַרבאָטענער ליבע.

דער גרויסער פערדינאַנד לאַסאַל — דער שטאַרקסטער מאַן פון די דייטשישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פירערס — ביי אים איז געווען אַזוי שטאַרק די ליבע אַז ער איז צוליב איר אומגעקומען.

אַזאַ שרייבער ווי סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי, פון די אָנגעזעענסטע ליטעראַטן אין פוילן האָט, ביי זיין גרויסער פאַרנומענקייט, באַוויזן צו האָבן צוויי ווייבער אין דער זעלביקער צייט, איינע פון זיי — אַ ייִדישע טאָכטער, מיט וועלכער ער האָט געהאַט אַ זון.

און אין אונדזער תּקופה?

מיט אַ צייט צוריק האָט דער ייִדיש־אַמעריקאַנער שרייבער, נאָרמאַן מעילער, פאַרעפנטלעכט אַ בוך א"נ „מערילין", וועלכע איז געווען „סעקס־סימבאָל" ביז זעלבסטמאָרד. אין דער דאָזיקער ביאָגראַפיע שילדערט דער נאָוועליסט און מחבר פון באַרימטן ווערק „די נאַקעטע און די טויטע" (דהי נעיקעד ענד דהי דעד), ווי אַזוי זי האָט געוועקט תּאווה ביי די גאָר אָנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן אין די הויכע פענצטער פון פּאָליטיק און פון קונסט.

איז נישט אונדזער עסק, צי די פאַקטן וואָס ער גיט איבער זענען ראַיעלע אָדער אויסגעטראַכטע, פיקטיווע; צי די „פאַקטן" זענען רעאַליטעטן, צי מעדיטירטע פאַרשטעלונגען. דער פאַקט איז, אַז אַ שרייבער מיט גרויס טאַלאַנט האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַזאַ סאָרט ליטעראַטור און אַרומגעוויקלט זיין סעקס־העלדין מיט נאָך אַ גרעסערן ראָמאַנטישן באַציר — אַריינגעפירט זי אין די העכסטע פענצטער, ווו אין איר פלירטנעץ זענען אַריינגעפאַלן גאָר אָנשטענדיקע מענטשן.

איינע פון די באַרימטע ליבעס און חתונות איז געווען מיט צוויי יאָר צוריק, ווען דער 55־יאָריקער ד"ר יונה סאַלק, דער באַרימטער ייִדיש־אַמעריקאַנער מעדיצין־פאָרשער, וואָס האָט אַנטוויקלט דעם סאַלק־וואַקצין קעגן פּאָליאָ, האָט אין יולי 1970 חתונה געהאַט מיט דער 48־יאָריקער קריסטין פראַנסואַ זשוליאָ, דער געליבטער פון באַרימטן מאָלער און סקולפּטאָר פּאַבלאָ פּיקאַסאָ, פון וועמען זי האָט אַן אומלעגאַלן זון דער פאָטאָגראַפיסט קלאָוד רויִז פּיקאַסאָ און אַ טאָכטער — פּאַלאָמאָ — אַ געבוירענע אין די 12 יאָר וואָס זי איז געווען פּיקאַסאָס מעטרעסע.

די חתונה איז געווען די סענסאַציע פון טאָג: דער מעדיקער וואָס האָט

געוווּנען די העכסטע פּרייזן און אויסצייכענונגען (זיין סאַלק-איינשפּריצונג ווערט גענוצט איבער דער גאַנצער וועלט, ראַטעוועט מיליאָנען קינדער), דער דאָזיקער וועלט-באַרימטער דערפינדער האָט געהאַט געגוג צייט זיך צו פאַרנעמען מיט מאַכן אַ סוף צו זיין שלעכטן פאַמיליע-לעבן — גטן זיין פרוי (1966) מיט וועלכער ער האָט געהאַט דריי קינדער און צו פירן אַ ליבע מיט אַ פרוי, וואָס האָט אין עלטער פון 21 יאָר, ווען זי איז געווען אַ קונסט-סטודענטקע, זיך באַגעגנט מיטן באַרימטן מאָלער פּיקאַסאָ אין אַ רעסטאָראַן, אויף צו מאָרגנס געקומען אים זען אין זיין סטודיאָ, באַלד זיך פאַרליבט אין אים, פאַרלאָזט איר רייכן פאָטער און זיך פאַרבונדן מיט פּיקאַסאָן דורך „פרייע ליבע”, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז 1951.

ווען זי האָט אויסגעפונען, אַז דער גרויסער און רייכער מאָלער איז נישט ווייניקער גרויס און רייך אין ליבעס (לעבט מיט אַנדערע פרויען), איז זי אַוועק פון אים און חתונה געהאַט מיט לוק סימאָן — אַ מאָלער אין אירע יאָרן. געהאַט מיט אים אַ טאָכטער אַורעליאַ און אויך אים פאַרלאָזט; לסוף געקראָגן די ליבע פון דעם גרויסן מעדיציניש פאָרשער און דער פייער פון ליבע פלאַקערט נאָך אַלץ אין איר האַרץ.

מיר האָבן פריִער דערמאָנט, בחפזונדיק, דעם נאָמען פערדינאַנד (געבוירן פּייטל) לאַסאַל. ס'איז אָבער כּדאַי צו געבן אַ כאַראַקטער-שטריך פון אָט דער מערקווירדיקער פערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ בריליאַנטענער אָראַטאָר, אַ גע-ניאַלער פירער, אַ טיפער דענקער, און דאָך פאַרקאַכט און פאַרכאַפּט אין תאווה, מיט ליבעס, ראָמאַנטיק און לסוף באַצאָלט מיטן לעבן פאַר תאווה.

דוד שוב, אין זיין ווערק „סאָציאַלע דענקער און קעמפער”[1], ווידמעט אים אַ גרויס קאַפּיטל און גיט איבער, ווי דער גרויסער פילאָסאָף, יוריסט און גרינ-דער פון דער דייטשישער אַרבעטער-פּאַרטיי, האָט זיך דערווייטערט פון יידיש-קייט, נישט געקוקט וואָס זיין גייסטיקע אַנטוויקלונג האָט ער געקראָגן ביים ראַבינער (פון די ערשטע רעפאָרמער) אברהם גייגער (1874 — 1810).

„צו פופצן יאָר — שרייבט שוב — האָט דער הייס-בלוטיקער פערדינאַנד, אַ שיינער יונג, געהאַט גרויס דערפאָלג ביי פרויען”. אָבער, ווי לאַסאַל אַליין גיט איבער אין זיין „טאָגבוך”, איז ער דאַן געווען אַ פאַרברענטער יידישער נאַציאָ-נאַליסט. דאָס האָט אים אַוודאי, לויט אונדזער מיינונג, געשטערט אין זיין פּאָפּו-לערקייט צווישן נישט-יידישע מיידלעך, און אפשר איז דאָס געווען איינער פון די גורמים, וואָס האָט אים שפּעטער דערווייטערט פון יידן און יידישקייט.

„אין די שפּעטערע יאָרן — שרייבט שוב — האָט לאַסאַל זיך דערווייטערט פון יידישקייט. ער איז אַפילו געווען גרייט צו שמדן זיך, כּדי צו קענען חתונה האָבן מיט אַ קריסטלעך מיידל... ער האָט געהאַט אין זיין לעבן פיל ראָמאַנען מיט מיידלעך און פאַרהייראַטע פרויען...”

אין זיין טאָגבוך שרייבט לאַסאַל:

„איך וואָלט קיין מאָל נישט געקענט גיין צו אַ פרוי, וואָס פאַרקויפט איר קערפּער; איך מוז זיין באַצויבערט פון דער פרויס שיינקייט. איך דאַרף זי ליב האָבן, אָדער... מיינען, אַז איך האָב זי ליב...”

אין די ווערטער, מיינען אַז איך האָב זי ליב, קען מען אַ סך אַריינטייטשן, זיי שליסן נישט אויס פרויען, וועלכע האָבן צו טאָן מיט אַ סך מענער, דער עיקר איז — ער זאָל אַלץ מיינען, אַז ער האָט זי ליב!

יעדנפאַלס, ווי שוב גיט איבער, לויט לאַסאַלס ביאָגראַפיע און כאַראַקטער־אָפּשאַצונגען, האָט אַזאַ ליבע זיך אַנטוויקלט ביי אים, אין יאַנואַר 1846, ווען ער האָט זיך צופעליק געטראָפן מיט דער גרעפין סאָפיע האַטצפעלד, וועלכע האָט געפירט אַ קאַמף מיט איר טיראַנישן מאַן, פון וועמען זי האָט געפאָדערט אַ גט. זי איז דאַן אַלט געווען 39 יאָר און לאַסאַל איז געווען אַ סך יינגער. ווי ער זאָגט, איז עס געווען אַ פּלאַטאָנישע ליבע. ווי מיר זעען פון זיינע בריוו, איז ער געווען באַצויבערט פון דער שיינער און איידעלער — אויך אינטעליגענטער — פרוי, וואָס האָט שוין געהאַט אַ זון פון 14 יאָר, און ער האָט זיך אונטערגענומען צו פירן דעם פּראָצעס קעגן איר מאַן, וואָס האָט אויך געהאַט אַ געליבטע, אָבער נישט געוואָלט אויפגעבן זיין אָפּיציעלע פרוי.

דער פּראָצעס האָט זיך געשלעפּט יאָרן. מיר האָבן אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן דעם פּראָצעס און לאַסאַלס ראָל אַלס אַדוואָקאַט און פּאַרטיידיקער, ווי אויך וועגן די ליבעס, וואָס ער אַליין האָט ,אַפילו אין יענע יאָרן, געפירט מיט אַנדערע פרויען.

מיר פאַרנעמען זיך נישט מיט קיין ביאָגראַפישער אָפּשאַצונג. פאַר אונדז איז געווען אַנצוווייזן, ווי תאווה און ליבע פאַרנעמען אַ גרויס אָרט ביי אַזעלכע געניאַלע פּערזענלעכקייטן, ווי אַ לאַסאַל — אַ צוגאָב צו דער ריי פאַקטן, וואָס מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף זיי אינעם ווערק ”באַציִונג צו דער פרוי” [2].

אין שייכות מיט לאַסאַלס יידישקייט, האָט מיט אַ צייט צוריק א. ר. מלאכי פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט [3] ווו ער ווייזט אָן אויף אַ פאַרגעסענער קאָרעס־פּאָנדענץ פון ברעסלוי צום „המגיד” [4], אין וועלכער ס'ווערט געשילדערט לאַסאַלס טויט און דאָס פּראָבלעם ביים ברענגען אים צו קבר ישראל אויפן יידישן בית־עלמין, ווו ער רוט ביזן היינטיקן טאָג, דאַכט זיך, נישט ווייט פונעם קבר פון היינריך גרעץ (1891 — 1817). אַזוי האָב איך ערגעץ באַמערקט.

מלאכי ציטירט די קאָרעספּאָנדענץ, פון וועלכער מיר ברענגען בלויז אַ קיצור:

„ברעסלויא. עס איז נישט אַזאַ פּוסטע זאַך, וואָס משלים־שרייבערס זאָגן, אַז די ליבע איז שטאַרק ווי דער טויט, און האַרט ווי דער קבר איז אַ שיינע פרוי... אַ ייד פון דאַנעט, מיטן נאָמען לאַסאַל, וואָס איז באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט, האָט זיך באַזעצט אין שווייצאַריע. נאָך אַ קורצער צייט, האָט ער דאָרטן

געזען אַ יונגע, שיינע פרוי, זיין האַרץ איז פאַרכאַפּט געוואָרן און ער האָט זיך שטאַרק פאַרליבט אין איר.

די פרוי האָט אָבער געהאַט אַ פריינד פון פריִער, און ער האָט זי געוואָלט האָבן פאַר זיין פרוי... זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן צו גיין אויף אַ דועל. ווען דער שרעקלעכער טאָג איז געקומען, האָבן זיי אָנגעשטעלט זייערע רעוואָלווערן... אין איין סעקונדע איז לאַסאַל געפאַלן טויט... און מ׳האָט אים געבראַכט דאָ (ברעסלוי — נ. ש.) צו באַגראָבן לעבן די קברים פון זיינע עלטערן, אויפן ייִדישן בית־עולם. פּלוצלונג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז פאַר זיין טויט האָט מען אים געצווונ־גען זיך צו שמדן... טאָר מען אים נישט באַגראָבן אויפן ייִדישן בית־עולם...״

א. ר. מלאכי פאַרנעמט זיך מיט אויספאָרשן די פּינקטלעכקייט און נישט פּינקטלעכקייט פונעם „המגיד״־באַריכט, אַ זאַך וואָס גייט נישט אַריין אין אונדזערע ראַמען. מיר ווילן בלויז זען דעם פאַקט, אַז אַ מאַן וואָס איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט גאָר הויך וויכטיקע ענינים, אַ וועלט מיט מעשׂים האָבן געדאַרפט אויספילן זיינע טעג און נעכט. ער האָט דאָך געפונען צייט אויף ליבעס, ביז זיין לעצטער ליבע מיט העלענאַ פאָן דעניגעס, וואָס האָט דערפירט צום טראַגישן דועל.

מיר וועלן זיך אומקערן צו ד. שובס ביאָ־פּסיכאָגראַפישער אָפּהאַנדלונג, וואָס האָט אים געבראַכט צו די אויספירנדיקע ווערטער, אַז „די אַלע ליבע־געשיכטעס זיינע זענען פאַר אים געווען אַ מין אָפּרו פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, גע־ווידמעט די העכערע צילן פון דער מענטשהייט״ [5].

„אין אַכן — גיט איבער שוב — האָט לאַסאַל אין 1860, זיך באַקענט מיט אַ רוסישער פרוי סאָפיע סאָלנצעוואַ און האָט איר גלייך געלאָזט וויסן, אַז ער קען אָן איר נישט לעבן... דאָס פּראָבלעם איז געווען: ער איז אַ ייִד, זי — אַ קריסטין. אין רוסלאַנד האָט מען נישט דערלויבט געמישטע חתונות. האָט ער איר געשריבן: אויב דאָס איז אַבסאָלוט נייטיק, קען איך אייך ברענגען דעם קרבן און ווערן אַ קריסט. דאָס וואָלט געווען שווער פאַר מיר — שרייבט ער — און גיט צו, אַז ער האָט נישט ליב קיין ייִדן, ער באַטראַכט זיי „אַלס זין פון אַ גרויסער, אָבער לאַנג־פאַרשוווּנדענער פאַרגאַנגענהייט...״

די פרוי האָט אים אָפּגעזאָגט איר ליבע און נישט געוואָלט זיין קרבן (אינטע־רעסאַנט: איר מוטער איז געווען אַ ייִדישע און זיך געשמדט, כּדי חתונה צו האָבן מיט איר פאָטער).

ס׳האָט לאַנג נישט גענומען און ער האָט שוין געהאַט אַן אַנדער געליבטע — די בלאָנדינקע העלענאַ פאָן דעגינעס — און ביי דער דאָזיקער, האָט ער נישט בלויז זיין רעליגיע, נאָר זיך אַליין געבראַכט אַלס קרבן!

העלענאַס עלטערן זענען געווען קעגן אים. זיי האָבן געוואָלט פאַר זייער טאָכטער אַ חתן מיטן נאָמען יאַנקאָ פאָן ראַקאָוויצאַ. דאָס מיידל האָט אים אויך

שריפטלעך געלאָזט וויסן, אַז זי גיט זיך איבער צו יאַנקאָ... אָבער דער אַזוי קלוגער און געניאַלער לאַסאַל האָט דערפון נישט געוואָלט הערן און בשום־אופן זי נישט געוואָלט אויפגעבן, נישט געקוקט וואָס איר פאָטער און דער חתן האָבן אים גע־זאָגט, אַז זיי זענען גרייט צו גיין מיט אים אויף אַ דועל. דאָס מיידל, די טאָכטער, איז געווען גלייכגילטיק. ס'איז באַשטימט געוואָרן, אַז אַנשטאָט דעם פאָטער, זאָל דער חתן פאָן ראַקאָוויצאַ האָבן מיט לאַסאַלן אַ דועל און די דאַטע איז באַשטימט געוואָרן אויפן 28סטן אויגוסט 1864.

דער ערשטער האָט אויסגעשאָסן ראַקאָוויצאַ, מסתּמא געווען אַ בעסערער שיסער ווי דער ראָמאַנטישער און פילאָסאָפישער לאַסאַל. די וווּנד איז געווען אַ טויטלעכע. ער איז געשטאָרבן דעם 31סטן אויגוסט 1864 און דעם 14טן סעפּטעמ־בער געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין דעם פאַמיליע־קבר אויפן יידישן בית־עלמין אין ברעסלוי.

אויף זיין מצבה האָט מען אויסגעקריצט די ווערטער אין דייטש: „היר רוט וואָס שטערבלעך וואַר אין פערדינאַנד לאַסאַל דעם דענקער און דעם קעמפער".

זיין טויט איז געווען אַ וועלט־סענסאַציע. די געליבטע — דאָס ווייב פון ראַקאָוויצאַ — האָט אין 1879 פאַרעפנטלעכט אירע מעמואַרן און דערציילט, סיי וועגן דער ליבע און סיי וועגן דעם דועל.

אויך די ערשטע געליבטע, מאַדאַם האַטצפעלד, האָט איבערגעגעבן אַלע דאָקו־מענטן און בריוו וואָס זענען געווען אין איר באַזיץ — אָבער ווי געזאָגט, שרייבן מיר נישט די לאַסאַל־ביאָגראַפיע. עדואַרד בערנשטיין (1932—1850) שילדערט לאַסאַלן[6] אַלס גרויסן קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון די אַרבעטערס און פאַר סאָציאַלער דעמאָקראַטיע.

אַן אַנדערער פון יענעם דור סאָציאַליסטן, משה העס (1875—1812), אַן אָפּשטאַמיקער פון רבנים, האָט אויך, אין דער צייט פון זיין אויפשטייג אַלס סאָציאַל־דעמאָקראַט, געפירט ליבעס — און אויך מיט נישט־יידישע פרויען, אָבער גע־ענדיקט ווי דער פאָרגייער פון פּאָליטישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן ציוניזם, און זיין „רוים און ירושלים", איז אַריין ווי אַ קלאַסיש ווערק אין דער ציוניסטישער ליטע־ראַטור.

מאַקס נאָרדוי (1923—1849), הערצלס מיטהעלפער, טריבון פון די ציוניס־טישע קאָנגרעסן, אַ בן הרב, דערצויגן אין שטרענג רעליגיעזן גייסט, האָט אויך חתונה געהאַט מיט אַ נישט־יידישער פרוי — אָבער זיין גאַנצע פאַמיליע, די פרוי, מוטער און טאָכטער, האָבן נאָכגעפאָלגט די אַרבעט פון ציון־פירער און באַגרינדער פון „פּאַראַדאָקסן" (קאָנווענציעלע ליגנס ביי דער קולטור־מענטשהייט) אין דער געזעלשאַפט — אָבער וועגן זיי באַזונדער[7].

און וואָס איז מיטן גרויסן, אומשטערבלעכן אַלבערט איינשטיין (1955—1879)?

דער גרעסטער וויסנשאַפטס־מאַן פון אַלע דורות איז אין פּריוואַטן לעבן נישט געווען צו גליקלעך. ער האָט חתונה געהאַט און זיך געגט. איינשטיינס ערשטע הייראַט איז געווען מיט אַ קריסטין, די צווייטע — מיט אַ ייִדישער, אַ קרובה זיינער.

פּאַבלאָ פּיקאַסאָ (געשטאָרבן אין פראַנקרייך, אין עלטער פון 91 יאָר, זונטיק דעם 8טן אַפּריל 1973), איז געווען פון די גרעסטע קינסטלערס פון אונדזער דור און אפשר פון אַלע צייטן, דער שעפער פון אומצייליקע קונסטבילדער, זיכער אַ פאַרנומענער מענטש, אַ רעוואָלוציאָנער אויפן געביט פון קונסט (פיגוראַטיוו־רעאַ־ ליסטישע און פאַנטאַסטיש־מיסטישע נאַקעטע יונגפרויען), אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן פון אַנגיין מיט כּסדרדיקע ליבעס, לעבן אינטים מיט זיינע סעקרעטאַרינס, מאָדעלקעס און סתּם אַזוי פרויען, וואָס האָבן אַרויסגערופן ביי אים רייץ און תּאווה. בלויז איין פרוי — פון אַזוי פיל — האָט אָנגעוויזן, אַז זי איז געווען זיין לעגאַלע פרוי — די 46־יאָריקע אַלמנה דזשעקלין ראָק־פּיקאַסאָ.

בלויז איין קינד האָט אָנגעגעבן אַ ווענדונג ווי אַ לעגיטים קינד — וואָס איז שוין 52 יאָר אַלט.

אָרום און אַרום — פרויען, מעטרעסעס, סתּם געליבטע — און בלויז איינע, אַן אָפיציעל חתונה געהאַטע מיטן באַרימטן קינסטלער. צי ער האָט געהאַט מיט אַלע געליבטע קינדער, איז נישט באַקאַנט, ווייל בלויז דריי האָבן זיך געמאָלדן אַלס זיינע קינדער, פּאַולאָ, פּאַלאָמאַ, מאַיאַ, די איצטיקע מאַדאַם פּיער ווידמייער.

ווי ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן אין דער פּרעסע, ווערט דער ירושה־פּראָצעס געפירט פון זיין לעצט ווייב דזשעקלין; פּאַולאָ, זון פון דער ערשטער ווייב אָלגאַ; מאַיאַ — טאָכטער פון זיין מעטרעסע מאַריאַ טערעסאָ; פּאַלאָמאַ און קלאָוד, טאָכטער און זון פון זיין מעטרעסע פראַנק גילאָ, וואָס האָט געוווינען די ליבע פון באַרימטן ייִדישן מעדיצין־פאָרשער יונה סאַלק.

דאָס פראַנצויזישע געריכט האָט אָנערקענט די פינף יורשים פאַר דער ירושה פון הונדערטער מיליאָנען, אָבער צוגעפּסקנט דעם זון פונעם ערשטן ווייב, פּאַולאָן, אַ העלפט פון די בילדער, וואָס דער קינסטלער האָט געשאַפן אין יאָר 1935, ווען ער האָט זיך געשיידט מיט זיין ערשטע פרוי און געפירט אַ פּראָצעס אין געריכט ביז 1955, ווען זי איז געשטאָרבן, אָבער איבערגעלאָזט אַ זון, אַ יורש.

מ'קען נישט פאַרלאַנגען, אַז יעדער בשׂר־ודם זאָל זיך אויסלעבן הונדערט פּראָצענטיק עטיש־מאָראַליש און זיין אינטימקייט זאָל זיין ווי ראָבערט לואיס סטיווענסאָן ווייל האָבן אין זיין „ריינער בתולהשאַפט" (אַ ביכל, אַרויסגעגעבן אין צענדליקער אויפלאַגעס). מ'קען אָבער דערוואַרטן, אַז גרויסע מענטשן, פּערזענ־ לעכקייטן, וועלכע פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין דער געזעלשאַפט, זאָלן זיין געהיט פון פאַרבאָטענער תּאווה, זאָלן נישט זוכן באַפרידיקונג אין דער אינטימקייט פון תּאווה־סימבאָלישקייט, ווי אַ מערילין מאָנראָ, אָדער ווי דער פּראָפיומאָ־סקאַנדאַל,

וואָס האָט געבראַכט צו דער רעזיגנאַציע פון דער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג אין ענגלאַנד (ער האָט געהאַט חרטה, געטאָן תשובה און איז לעצטנס רעהאַביליטירט געוואָרן פון דער ענגלישער מלכה, באַקומענדיק דעם טיטל פון בריטישן אָרדן).

מ׳קען נישט פאַרלאַנגען, אַז אַ ליטעראַטור זאָל זיין ריין און נישט האָבן קיין עראָטישע לידער אָדער תאווה־דערציילונגען, דערציילונגען פון סאַטאַניש־חיהשער לוסט ביי פרוי און מאַן.

אַפילו די העברעיִשע ליטעראַטור פון די פייטנים, איז נישט ריין פונעם דאָזיקן געוויקס. אַזאַ דיכטער ווי עמנואל הרומי (1270־1335) וועמעס 700־יאָריקער געבוירן־טאָג, ווערט איצט געפייערט, האָט נישט ווייניק פון דעם וואָס מיר רופן „שירי עגבים" און ער איז נישט דער איינציקער, וואָס שילדערט ליבע און באַזינגט דעם קערפּער פון דער יונגפרוי. אין איינעם פון זיינע לידער, שילדערט ער דעם צוזאַמענטרעף פון אַ בחור מיט דער שיינער עפרה, ווי די ליבע צעשפּילט זיך אויף אַלע „סטרונעס" און זי גיט זיך איבער, ווייל, ווי זי זאָגט צו אים: „דו פאַרמאָגסט אַזאַ איידל האַרץ, קריגסטו ביידע מתנות" (צו זען, שאול טשערניכאָווסקיס „עמנואל הרומי, תולדותיו ומפעלו הספרותי", בערלין, 1925).

עמנואל הרומי איז באַהערשט פון די איטאַליענישע שריפטשטעלערס. ער באַנוצט זיך מיט עראָטישע אויסדרוקן: „רייף זענען מיינע ווינטרויבן, און נישטאָ ווער ס׳זאָל זיי פּרעסן..." * עראָס אין ליטעראַטור איז געוואָרן אַ פאַרשטענדלעכער פאַקט. ס׳זענען דאָ שרייבערס וואָס זענען באַרימט געוואָרן צוליב זייערע „סעקס"־ביכער. דאָס מיינט אָבער נישט, דערלויבעניש אויף הפקרדיקער פּאָרנאָגראַפיע און אַוודאי נישט אויף הפקרדיקער ליבע.

און אַז מיר וועלן גיין אַ ביסל ווייטער, געפינען מיר גענוג תאווהדיקע פּאַסירונגען, אַפילו ביי ייִדן אין דער תלמוד־תקופה. אונדזערע חכמים האָבן געזען אין עריות־געשעענישן אַ סיבה פאַר חורבן, ווי די גמרא (גיטין, נ״ח, ע״א) דערציילט וועגן דער מעשה פונעם מענטשן וועלכער האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן ווייב פון זיין מייסטער (אַ סטאָלער) און איין מאָל, ווען דער מייסטער האָט געדאַרפט באָרגן ביים געהילף געלט, האָט דער לעצטער געהייסן אים שיקן דאָס ווייב, וועט ער איר געבן די פאַרלאַנגטע סומע.

ווען זי איז געקומען צו אים, האָט ער זי פאַרהאַלטן דריי טעג... ווי די מעשה גייט האָט דער מלווה, נאָך לאַנגע און מאָדנע תירוצים, געזאָגט צו זיין געוועזענעם באַלעבאָס: „אויב דו ווילסט הערן מיין עצה, גט זי אַפּ"... דער סוף איז געווען: ער האָט זי געגט; דער געוועזענער געהילף האָט מיט איר חתונה געהאַט... און

---

* נישט אומזיסט פסקנט ר׳ יוסף קארו: „מליצות... ודברי חשק, כגון ספר עמנואל אסור לקרוא בהם בשבת, ואף בחול אסור..." (שולחן ערוך או״ח, ש״ז, ט״ז).

אַזוי ווי דער באַלעבאָס האָט נישט געהאַט קיין געלט צו צאָלן פאַר דער כתובה, האָט ער אים פאַרגעשלאָגן: „קום און אַרבעט ביי מיר פאַר דיין חוב...״

קיין עצה האָט דער אַמאָליקער מאַן און מייסטער נישט געהאַט. האָט ער געאַרבעט און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און אים אויך דערלאַנגט אַ ביסל משקה; פלעגן די טרערן פאַלן פון זיינע אויגן אין בעכער אַריין און צוליב די דאָזיקע טרערן, האָט מען אין הימל געחתמעט דעם גזר־דין.

דאָס איז יִדישע מאָראַל.

דער יִדישער גבור איז דער, וואָס איז „כובש דעם יצר״. מ׳זאָגט נישט „ההורג את יצרו״, ווייל אָן דעם יצר וואָלט קיין וועלט נישט געווען — אָבער כובש זיין, איינהאַלטן, קאָנטראָלירן דעם יצר — דאָס האָבן די אָבות פון יִדישן פאָלק געלערנט.

מ׳קען פאַרשטיין ליבעבריוו, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אויף עטלעכע עמאָציאָ־נעלע ליבעבריוו. ס׳איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, דער געניאַלער יאָהאַן וואָלפגאַנג פאָן געטע (1832־1749) וואָס האָט ביי זיינע אַכציקער געפירט אַ ליבע זאָל שרייבן זיין געליבטער, אַז „צעשיידן מיך מיט דיר קאָנען נישט, נישט דאָס לעבן און נישט די שאָפונג...״ אָדער אַזאַ בריוו ווי וואָלטער האָט געשריבן צו זיין געליבטער אָלימפּיאַ: „מ׳קען אָפּנעמען ביי מיר דאָס לעבן, אָבער נישט די ליבע״... אָבער ליבעס, ווי באַלזאַק (1850־1799) האָט געפירט? מיט איינער, עלטער פון אים מיט 20 יאָר; מיט אַ צווייטער, אַ הערצאָגין, מיט אַ דריטער אַ פּוילישער פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ מאַן און ערשט ווען ער איז געשטאָרבן, עטלעכע חדשים איידער באַלזאַק האָט זיך געזעגנט מיט דער וועלט, האָט זי מיט אים אָפיציעל חתונה געהאַט.

מ׳קען פאַרשטיין, אַז אַן אַמעריקאַנער אַדמיראַל זאָל זיך באַקענען אין רוסלאַנד מיט אַן אַקטריסע און האָבן פון דער „טרעפונג״ אַ טאָכטער. דאָס איז נישט פון די זעלטענע דערשיינונגען. אָבער גייסט־מענטשן, קינסטלערס, פילאָסאָפן, ווי אַ בערטראַנד ראָסל (געשטאָרבן אין עלטער פון 97 יאָר) זאָל האָבן געפירט אַזוי פיל ליבעס, אַז ער האָט מאַטעמאַטיש נישט געקענט זיי אויסרעכענען... מאַרק שאַגאַל, פון די באַרימטסטע מאָלערס, מיט וועלכע יִדן שטאָלצירן, זאָל נאָכן טויט פון זיין פרוי, די שרייבערין בעלאַ (בעלאָטשקאַ) פון דער היים ראָזנפעלד (1944־1895), אויף דער עלטער, חתונה האָבן מיט זיין סעקרעטאַרין? אפשר האָט זי אים באַ־איינפלוסט, ער זאָל באַשיינען די קרוציפיקס־וויטראַזשן פון דער קאַטוילישער קאַטעדראַלע אין רייִמס.

לעצטנס איז אַנטדעקט געוואָרן דער סוד פון „ליידי טשעטערליס געליבטן״ און דער ראָמאַן, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַ פיקטיווער, אויסגעטראַכטער אין די דמיונות פון אַ שרייבער, האָט געקראָגן אויטענטישקייט, אמתדיקייט. — איר געליבטער איז געווען אַ יונגער איטאַליענישער אָפיציר פּיעטראָ לעגאַראַ. דער

ענגלישער שרייבער ה. לאָרענס איז געווען יינגער פון זיין פרוי מיט 6 יאָר, אָבער אַ קראַנקער שוואַכער מאַן, איז זי, די 46־יאָריקע פרידאַ, געגאַנגען לעבן מיטן 33־יאָריקן אַפּיציר.

אין זיין ווערק „די געשיכטע פון אַ לעבן" (1883) שילדערט גי דע מאָפּאַסאַן (אַנרי רענע אַלבער, 1850־1893) די דעגראַדאַציע פונעם אַדלטום אין פראַנקרייך. אין אונדזער צייט, ווען דאָס ווייב פון אַ פּרעזידענט קען דערקלערן אין דער עפנטלעכקייט, אַז ווען איר 18־יאָריקע טאָכטער וואָלט געהאַט פאַר חתונה סעקסועלן פאַרברענגען, וואָלט עס אויף איר נישט געמאַכט קיין איינדרוק. נישט בלויז זוכן מיליאָנערסקע טעכטערלעך, ווי פּאַטרישאַ הירסט, באַפרידיקונג אין תאווה און רציחה, נאָר אַפילו אַזאַ פרוי ווי פּרינצעסין מאַרגאַרעט זוכט נאָך אַלץ תאווה־באַפרידיקונג.

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט זיך געטומלט מיטן ענגלישן פּרינץ־קעניג עדוואַרד דעם אַכטן, ווען ער האָט אַבדיקירט פונעם טראָן כדי צו קענען לעבן מיט דער גרושה. אָבער איצט: אַ מאַמע פון צוויי קינדער, אין עלטער פון 45 יאָר, די פאַרליבטע אינעם געוועזענעם פּאָטאָגראַפיסט, וועמען זי האָט נאָך דער גרויס־אַרטיק קעניגלעכער חתונה געמאַכט פון דעם טאָני אַרמסטראָנג דזשאָנס, אַ לאָרד סנאָודן, פאַרליבט זיך איצט אין אַן 28־יאָריקן בחורל... אַזוי פיל ליבעס, געפירט זינט איר עלטער פון 14 יאָר און איצט נאָך 16 יאָר פאַרהייראַט לעבן, זוכט זי נאָך אַלץ ליבע...

דער בשׂר־ודם־מענטש גייט צוריק צו די פּרע־היסטאָרישע צייטן, זיך איבער־צוגעבן צום אינסטינקט און זיך שפּייזן מיט „סעקס" ווי מיט „סיריעל" (פּרימאָרגן־שפּײַז) ווי אַ שרייבער האָט זיך לעצטנס אויסגעדריקט.

ס'איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס פראַנצויזישע גאַסן־פּרויען פאַר־לאַנגען כבוד און אָנערקענונג ביי דער געזעלשאַפט, ביי רעגירונגס־אַגענטורן און ס'האַלטן זיך אין מערן אומפאַרהייראַטע מוטערס און פאָטערס.

ס'איז נישט קיין ווונדער, וואָס לעצטנס ווערן פּאָפּולאַריזירט די ווערק פון דזשאָוואַני באָקאַטשיאָ (1313־1375), דער איטאַליענער וואָס האָט פּראָפּאַגירט די אידעע פון פרייער ליבע, וואָס האָט געמיינט הפקרות אין פאַמיליע־לעבן, וואָס אין יהדות וואָלט אַזאַ ווערק נישט געהאַט קיין אָרט.

אַזוי זעען מיר, ווי ליבע און תאווה מיידט נישט אויס, נישט די גרויסע געלערנטע, נישט די גרויסע קינסטלערס און נישט די גרויסע שטאַטסלייט, קעניגן און דיפּלאָמאַטן.

ה. תאווה ביי ייִנגערע און ביי עלטערע. — אוניווערסאַל און דאָך אַנדערש. — פּירנדיקע פּערזענלעכקייטן. — גייסטלעכע. — קאָנטראָל און ווירקונג פון מאָראַליסטן.

ווי מיר האָבן ביז איצט געזען, איז תאווה מענטשלעך. זי ליגט פאַרבאָרגן אין יצירה־פּראָצעס און ווי נאָר די האָרמאָנען הייבן אָן אַרבעטן אין זייער רייפקייט, אַזוי ברענגען זיי תאווה־לוסט און אויך פּרוכטן. אַפילו ביי מינדער־יאָריקע, קאָן אַ מאָל טרעפן אַ זעלטענע רייפקייט און, אין רעזולטאַט — אַפילו געבורטן. ביי אונדזער מוטער רבקה, ווי מיר האָבן שוין נישט איין מאָל אָנגעוויזן, זאָגן די חכמי התלמוד, אַז צו דריי יאָר איז זי שוין געווען רייף חתונה צו האָבן. אין תלמוד ווערט געזאָגט, אַז צו ניַין יאָר קאָן מען שוין ברענגען קינדער.

אין אונדזער צייט, ווי מיר האָבן נישט לאַנג צוריק געלייענט, האָט זיך געטראָפן, אַז אַ 5־יאָריק קינד האָט געבוירן אַ נפשל. דאָס האָט פּאַסירט אין לימאַ, פּערו, אין יאָר 1939, דאָס טראַגישסטע יאָר אין דער וועלט־געשיכטע — ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלטקריג, וואָס האָט געבראַכט דעם אומקום פון צענדליקער מיליאָנען מענטשן, און צו דער אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן ייִדן.

די דאָקטוירים האָבן דעמאָלט דערקלערט דעם ווונדער, ווי אַ זעלטנהייט. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז דאָס קינד איז געווען סעקסועל רייף, ווי אַ דערוואַקסן מיידל. זי האָט מענסטרויִרט חודשלעך. מ'האָט געמאַכט אַ קייזערשניט און אַרויס־גענומען דאָס קינד, אַ זון. די מוטער, לינאַ, איז געוואָרן מעוברת פון אַ צוריק־געשטאַנענעם שטיפברודער. אין לימאַ, האָבן דאָקטוירים צוגעגעבן, איז עס גאַנץ נאָרמאַל, אַז 12־13־יאָריקע מיידלעך זאָלן האָבן קינדער און גאָר אָפט אויך אַ ניַין־יאָריק מיידל. זיי ווערן פרי רייף סעקסועל און זענען אומקולטורעל צו באַגרייפן, מיט וואָס עס דראָען אַזעלכע באַציִונגען.

געווינטלעך קומט תאווה אין די נאָרמאַלע רייפערע יאָרן און לאָזט נישט אָפּ אַפילו אויף די עלטערע יאָרן. גאָר באַזונדערס איז די תאווה שטאַרק אין מיטעלן עלטער און מיידט נישט אויס קיין איין מענטש, נישט דעם זכר, אַלס אַקטיוון בעל־תאווה און נישט די נקבה — די פּאַסיווע[1]. בלויז ביי פעלקער ביי וועלכע די מאָראַל שטייט אויף אַ הויכן ניוואָ, ווערט תאווה קאָנטראָלירט און געצוימט.

מיר האָבן אין די פריִערדיקע פּרקים געזען, ווי אַזוי תאווה האָט, פון די פריסטע צייטן אָן, געשפּילט די גרעסטע ראָל אינעם מענטשלעכן לעבן און האָט נישט אויסגעמיטן, נישט דעם קעניג און נישט דעם פּראָסטן מענטשן, נישט דעם גביר און נישט דעם אָרעמאַן, נישט דעם פּאָעט און נישט דעם וויסנשאַפטס־

מאַן. פאַראַן תאווה ביי דערוואַקסענע, אַנטוויקלטע און באַוווסטזיניקע, ווי ביי סתם מענטשן, ווייניק אַנטוויקלטע, ווייניק געלערנטע. געווען תאווה אין דער ראָמאַנ־טישער תקופה, ביים אידילישן לעבן און אין דער תקופה פון הויכן קאַפּיטאַליזם און טעכנאָלאָגישער ציוויליזאַציע. אַפילו ביים אשמדאי האָט תאווה פאַרנומען אַן אָרט. איז אַ וווּנדער דער אויסדרוק פון אַ העברעיִשן פּאָעט: „אני מאמין באהבה, גם אם אינני מרגיש אותה״? (איך גלויב אין דער ליבע, אויב אַפילו איך פיל זי נישט).

דער פּאָעט וואָס האָט באַזונגען דעם „המתמיד״, דער נאַציאָנאַלער פּאָעט וואָס האָט געזונגען צום פייגעלע („אל הצפור״) פון וואַרעמען לאַנד, דער מבשׂר התחיה הלאומית, דער פּאָעט וואָס האָט געקלאָגט אויפן ייִדישן גורל — „אין שחיטה שטאָט״, האָט נישט ווייניקער באַזונגען ליבע, ריינע ליבע. „הכניסיני תחת כנפך״ איז פון די פּאָפּולערסטע שאַפונגען פון חיים נחמן ביאַליק (תרל״ג־תרצ״ד; 1873־1934) און האָט זוכה געווען צו אומצייליקע איבערזעצונגען אין ייִדיש און אויף אַנדערע לשונות [2].

<table>
<tr><td>הכניסיני תחת כנפך,
והיי לי אֵם ואחות,
ויהי חיקך מקלט ראשי,
קן־תפלותי הנדחות.
— — — — — — —
— — — — — — —</td><td>ועוד רז אחד לך אתוודה:
נפשי נשׂרפה בלהבה;
אומרים אהבה יש בעולם —
מה־זאת אהבה?
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —</td></tr>
</table>

דאָס ליד האָט דער פּאָעט פאַרעפנטלעכט י״ב אדר, תרס״ח (1908) אין עלטער פון 33 יאָר.

נישט איין מאָל האָט אָבער די תאווה (מיטן שענערן נאָמען — ליבע) פאַר־שאַפט משפחה־אומגליקן און נישט זעלטן פאַלקס־טראַגעדיעס. אויב אַ ליבע־אַפּערע איז פאַרבונדן געווען מיט פאַרראַט, האָט זי געבראַכט טרויער אַנשטאָט פרייד.

נישט אומזיסט האָבן די מאָראַליסטן און, גאָר באַזונדערס, די ייִדישע מאָראַל־היטערס געוואָרנט, געטאַדלט און געשטראָפט אַזעלכע ליבעס. ביי ייִדן איז די מאָראַל דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ הייך, אַז ס׳האָט גאָרנישט געקענט געמאָלט זיין, אַז גרויסע פירנדיקע פערזענלעכקייטן זאָלן געשטרויכלט ווערן אין שמירת־הברית, וואָס איז געוואָרן אַ יסוד אין יהדות.

אויב אין דער מלכות־תקופה, האָט זיך אַ קעניג פאַרגלוסט אַריבערצוגיין די גרענעץ, איז גלייך אויסגעוואַקסן דער נביא מיט זיין שטראָפוואָרט. דער נביא האָט קיינעם נישט געשאָנעוועט. אויב דוד המלך, דער גרעסטער מלך ביי ייִדן, האָט

געזינדיקט (אין דער בת שבע־אַפּערע), איז שוין געשטאַנען נתן הנביא און האָט אים געמוסרט מיט די האַרבסטע ווערטער [3].

דער מבול איז געקומען — „כי השחית כל בשׂר את דרכו״ [4]. דאָס ווערט קאָמענטירט, אַז די פאַרדאַרבנקייט איז באַשטאַנען אין איבעריקער, גרענעצלאָזער תאווה, איז דעריבער די וועלט חרוב געוואָרן, אַפּגעשווענקט געוואָרן. באַלד נאָכן מבול קומט דער באַפעל, אַז אַל דאָס לעבעדיקע זאָל זיך פאַרמערן אויף דער ערד און נחס קינדער זאָלן „פול מאַכן די ערד״ [5]. דאָס פרוכפּערן און מערן זיך, דאַרף אָבער זיין געהייליקט. אויב די תאווה ווערט הפקרדיק, איז נישט אויסגעשלאָסן אַ באַנייטע מבול־שטראָף. די שבועה מער נישט צו ברענגען קיין מבול, לערנען די מפרשים, איז געמיינט אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער אויף איין פאָלק, אויף אַ יחיד, קאָן ער יאָ ברענגען. כנען־חם זענען פאַרשאָלטן געוואָרן צוליב דער מיאוסער מעשׂה איבער נחן [6].

דער „לא תנאף״ און „לא תחמוד״ פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין יהדות [7]. יידישע ריזן זענען גייסטריזן אין מאָראַל און עטיק, און נישט קיין גבורים און ענקים, ווי ביי די פעלקער פאַר און נאָך אברהם אָבינו. אין יידנטום זענען די טרעגערס פון מאָראַל די גרויסע און שטאַרקע מענטשן, לויטן באַגריף פון „איזהו גבור? — הכובש את יצרו!״ [8] און „דרך ארץ קדמה לעץ החיים״ [9]. דאָס ערשטע, איז דער דרך־ארץ אין פאַמיליע־לעבן.

אויב די תורה דערלויבט דעם סאָלדאַט אויפן פראָנט אַהיימצונעמען די „יפיפותו של יפת״, די יפת־תואר וואָס ער האָט געקראָגן אין געפאַנגענשאַפט, דערקלערן חז״ל — „לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע״ [10]. אויב זי וועט וועלן דווקא בלייבן יידיש — „ולקחת לך לאשה״, ווייל זי וועט שוין בלייבן געטריי... ס׳איז אָבער דאָ אַ געפאַר, אַז פון אַזעלכע פרויען קענען קומען קינדער, ווי אַ „בן סורר ומורה״ [11].

דער קליגסטער פון אַלע קעניגן, שלמה המלך, האָט געגלייבט, אַז ער איז באַוואָרנט פון דער תורה־אזהרה: „ולא ירבה לו נשים ולא יסור לבבו״ [12] — ער זאָל נישט מערן קיין ווייבער, כדי זיי זאָלן נישט אָפּלענקען זיין האַרץ. „אמר שלמה אני ארבה ולא אסור״ — איך וועל מערן און וועל זיך נישט לאָזן פאַר־פירן. וואָס איז געוווען דער סוף? „ויהי לעת זקנת שלמה, נשיו הטו את לבבו״ [13] — אויף דער עלטער, האָבן די פרויען אָפּגעקערט זיין האַרץ. אַפילו דער קליגסטער פון די קלוגע איז פאַרפירט געוואָרן...

נאָך מער: נישט בלויז וואָס מען טאָר זיך נישט פאַרנעמען מיט „לינקע״ ליבעס בעת מ׳האָט אַ ווייב, נאָר אַפילו ווען אַ מאַן פאַרלירט זיין ווייב, ער ווערט אַן אלמן, טאָר ער נישט באַלד זיך אַריינעמען אַ נייע ווייב. צענדליקער הלכות

זענען אַריינגענומען געוואָרן אינעם פאַמיליע־קאָדעקס, אין שייכות מיט אַ צווייטער הייראַט.

אַן אלמן טאָר נישט חתונה האָבן איידער ס׳פאַרגייען דרייסיק טעג נאָכן טויט פון דער פרוי. ר׳ יהודה האַלט — ס׳דאַרפן פאַרבייגיין דריי יום־טובים. „עד שיעברו שלש רגלים" — אַן אויסנאַם איז, אויב ער האָט נישט קיין קינדער, אָדער ער איז געבליבן מיט קליינע קינדער.

ס׳ווערט דערביי דערציילט[14], אַז ר׳ טרפון האָט בעתן פאַרמאַכן דאָס קבר פון זיין פרוי געזאָגט צו איר שוועסטער: „הכנסי וגדלי את בני אחותך" — קום אַריין, האָב חתונה מיט מיר און טו אַכטונג אויף דיין שוועסטערס קינדער!
ס׳ווערט דערביי צוגעגעבן, אַז ער האָט זיך נישט געפּירט מיט איר ווי דער שטייגער פון דער וועלט, ביז איבער דרייסיק טעג: „ואף על פי שנכנסה, לא נהג בה דרך ארץ אלא לאחר שלשים"...

ביים בית־שני, ווי געזאָגט, איז פאַרלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון יידישן שטייגער־לעבן, אויסגעפורעמט צו דער העכסטער שטופע פון גייסטיקייט, מאָראַלישקייט, נישט געקוקט אויף דעם כסדרדיקן געראַנגל מיט די פרעמדע קולטורן, מינהגים און איינפלוסן, אויך אין די פאַמיליע־פּראָבלעמען.

אַוודאי זענען ביי יידן פאָרגעקומען ליבעס, לינקע, פרייע, פאַרבאָטענע. מיר האָבן אַ גאָר רייכע ליטעראַטור, סיי אין תלמוד, סיי אין די גאונים־ספרים, סיי אין דער דורותדיקער רעספּאָנסאַ, די שאלות ותשובות ספרים[15]. ס׳איז אָבער דאָך נישט רעקאָרדירט אַזאַ מעשה, וואָס האָט לעצטנס פּאַסירט אין פראַנקרייך מיטן פּאַריזער קאַרדינאַל זשאַן דאַניעלו, ראש פון די יעזויטן, הויפּט פון דער קירכלעכער היעראַרכיע, אויף וועמען מ׳האָט געזאָגט, אַז ער וועט גרייכן צום טראָן פון פּויפּסט אין רוים.

דעם דאָזיקן גרויסן גייסטלעכן, קרוב צו די זיבעציקער, האָט מען געטראָפן טויט ביי אַ קאַבאַרעט־טענצערין, ביי וועמען ער איז געווען, לויט די לעצטע ידיעות, אַן אָפטער גאַסט.

נישט וויכטיק איז דאָ צי ער איז געווען אומשולדיק — ווייל ער איז גאָר געגאַנגען צו דער טענצערין ראַטעווען אַ פריינד פון שאַנטאַזש, צי ער איז געווען זינדיק און איז אויסגעגאַנגען אין די אָרעמס פון אַ נאַכט־טענצערין. דערמיט וועלן זיך פאַרנעמען די אויספאָרשערס. וויכטיק איז, וואָס אַ גייסטלעכער פונעם העכסטן ראַנג האָט בכלל צו טאָן מיט פרויען פון אַזאַ טיפּ.

ווי האָט לעצטנס געזאָגט אַן אָנגעזעענער פּסיכאָלאָג און סאָציאָלאָג: ווען מען ווערט עלטער, נייטיקט מען זיך אין אַ געשלעכטלעך לעבן, פּונקט ווי אין דער יוגנט, און אַ מאָל מערער, און ער זעט נישט מיט וואָס צו קאָמפּענסירן עלטערע מענטשן, ווען זיי קענען שוין נישט האָבן קיין נאָרמאַל געשלעכטלעך לעבן מיט

זייערע ווייבער, ווער שמועסט קאַטוילישע גייסטלעכע, וועלכע האָבן בכלל נישט קיין ווייבער און ס'איז זיי נישט לייכט צו מאַסטורבירן...[16]

אָט די דאָזיקע זעטיקן זיך מיט פּאָרנאָגראַפיע, מיט נאָכקוקן שיינע פרויען און מיטן פאַרברענגען אין אינטימקייט פאַר גאָר הויכע פּרייזן.

ד"ר מאַריאַן פאַועל, אַ פרוי, ווייזט אָן, אַז פאַר פרויען איז לייכטער זיך אָפּצוזאָגן פון סעקסועלן לעבן, ווי פאַר מענער. כאָטש ס'איז אויך — האַלט זי — נישט לייכט פאַר אַ פרוי צו וואָלונטירן, און זוכן פּיקטיווע, פאַרפירערישע ליבע ביי מענער.

לויט איר מיינונג, דאַרף מען זוכן עצות ווי צו דערפילן די דאָזיקע פאַרלאַנגען און שטילן די געיעגן ביים עלטערן מאַן, נאָך אַ ביסל סטימולירנדיקער תאווה.

פון מעדיציניש שטאַנדפּונקט איז דאָס אפשר אַ גוטע עצה. אָבער, פון מאָראַלישן?

די וועלט, אַפילו די הויך־געשעצטע און גייסטרייכע, איגנאָרירט די מאָראַ־לישע פּרינציפּן, ווען זיי ווערן אַרומגעכאַפּט פון עמאָציעס. אַזוי איז עס געווען אין די גאָר אַלטע צייטן און אַזוי אין דער נייער צייט. די געשלעכט־תאווה דרינגט אַריין אין די העכסטע פענצטער, אַפילו אין די סאַמע מאַיעסטעטישע... אַפילו אינעם ווייסן הויז פון וואַשינגטאָן — און וועגן דעם לוינט צו ווידמען אַ טייל פונעם דאָזיקן קאַפּיטל.

ו. ווי די לילית ווירקט. — ר' שמואל זביטקאָווער אין וואַרשע. — קעניגן אין ענגלאַנד. — פּרעזידענטן אין אַמעריקע. — די וואַ־שינגטאָנס און רוזוועלטס. — די האַרדינגס און די קענעדיס.

מיר האָבן ביז איצט געזען, ווי ווייט און ווי הויך די לילית דערגרייכט מיט איר רייץ־געשלעכט און פירט נישט איין מאָל צו אויס־געלאַסנקייט. ס'וועט אָבער קיינער נישט פאַר־שלאָגן קאַסטראַציע, ווייל דער יצר האָט יצירה־פונקציעס און אַ געזעלשאַפט פון יעווונוכן מיינט: סוף פון דער מענטשהייט.

וואָס זעען מיר אין יהדות?

די "פּרושים" נעגירן "פּרישות". די יידישע מאָראַל האָט אַרויסגעשטעלט די אָבות האומה, ווי מוסטערן פון משפּחה־לעבן. לעבן נאַטירלעך און נישט יאָגן זיך נאָך תאווה־לוסט. די גדולי האומה אין אַלע צייטן האָבן געוויזן דעם דרך פון אַ נאָרמאַלן לעבן, און ווינד־און־ווי איז געווען דעם יידישן מנהיג, אויף וועמען ס'איז געפאַלן אַ חשד פון ניאוף.

אברהם רובינשטיין, אין אַן אַרבעט "חסידות וחסידים בוואַרשאַ"[1], שטעלט זיך אָפּ באריכות אויף דער ראָל פונעם לעגענדאַרישן ר' שמואל זביטקאָווער און

זיין משפחה — די גרעסטע נדבנים ביים פוילישן ייִדנטום.

„הדמות הבולטת בין יהודי ווארשא בשליש האחרון למאה הי"ח..." איז געווען דער באַוווסטער סוחר, פּאַבריקאַנט, ליפעראַנט... און גוט באַקאַנט אין קעניגלעכע הייפן.

שמואל יוסף בן אביגדור זביטקאָווער (פון דאָרף זביטקי) האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע, אין די יאָרן 1757־1756 און געוואָרן אַ לעגענדאַריש פּערזענלעכקייט...

ביי אַלע פאָרשערס ווערט ער טיטולירט אַלס חסיד!

א. רובינשטיין האָט געפונען ביי אים אַ פּגם: ער איז געווען אַ בעל־עבירה; דער קאָזשעניצער מגיד, ר' ישׂראל האָפּשטיין, האָט גענדאַרפט זוכן אַ תיקון פאַר זיין נשמה. ער פלעגט זינגען אַ ספּעציעלן ניגון צו פאַריאָגן די מלאכי חבלה, וואָס האָבן אויף דעם ר' שמואלן מקטרג געווען.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער קיטרוג?

אַ קיטרוג פון ניאוף [2] — מסתמא בלויז אַ חשד, ווייל ער האָט דריי מאָל חתונה געהאָט.

מיר ציטירן:

„...שלש נשים נשׂא שמואל זביטקובר בימי חלדו וכל ילדיו ונכדיו, פרט לשני בניו וילדיהם מאשתו הראשונה, המירו את דתם... בערקו (1822—1764) היה ראש למשפחת בערקזאָהן או בערגזאָן וזכה לצאצא מפורסם, הפילוסוף הצרפתי, אַנרי בערגסון היה נכדו" [3].

און ווייטער:

„...בערקו ואשתו טעמעריל ששמה נחרט בתולדות העם לא פחות משמו, היו נדבנים גדולים... את בתם פּעריל מירל השׂיאו לישׂכר בעריש הורוויץ, נינו של הצדיק ר' שמעלקא מניקלשפורג..."

עס איז נישט אונדזער עסק זיך צו פאַרנעמען מיט דער זביטקאָווער מאָנאָגראַפיע. דרך־אגב, יוסף פּערל דער משׂכּיל מאַכט חוזק פון דער טעמעריל, אויסדריקנדיק זיך — „ר' תמריל", ווייל תמר איז „דוכרא ונוקבא". זי האָט אים אָפּגעצאָלט מיטן ליקווידירן זיין „מגלה טמירין".

מיר ווילן אָנווייזן אויף צוויי פאַקטן: 1) די מעגלעכקייט חושד צו זיין אַזאַ ייִדן ווי ר' שמואל זביטקאָווער אין ניאוף; דאָס איז דער לעגענדאַרישער בעל־צדקה, וועלכער האָט, ווי זיין אייניקל, דער דערמאָנטער ר' ישׂכר בעריש, גיט איבער, אָוועקגעשטעלט — בעת דאָס רוסישע מיליטער האָט אין 1784 פאַרכאַפּט פּראַגע — צוויי פעסער מיט גאָלדענע רובל, אויסרופנדיק, אַז דריי רובל וועט ער געבן פאַר אַ לעבעדיקן ייִד און איין רובל פאַר אַ געהרגטן, כּדי אים צו ברענגען צו קבר־ישׂראל און האָט אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט טויזנטער ייִדן. אויף דעם ייִד

האָט מען געוואָרפן אַ חשד!... 2) דער קאָזשעניצער מגיד האָט געזוכט אַ תּיקון פאַר זיין נשמה, נישט געקוקט וואָס ער האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר הצלה...

ס'איז אויך כּדאַי צו באַמערקן די אָנווייזונג פון א. רובינשטיין, אַז ער האָט זוכה געווען צום גוטן נאָמען, אַ דאַנק זיין זון בערקו און זיין שנור, די באַרימטע חסידיתטע תּמרל. בערקו, דער זון, ווערט דערמאָנט אַלס „גביר אדיר, מוקיר רבנן, מרבה צדקה וחסד" [4] דער חשד פון ניאוף, די געשמדטע קינדער — אַזעלכע פּגמים האָט מען נישט געקענט אָפּווישן. דער קאָזשעניצער מגיד האָט געדאַרפט זוכן אַ תּיקון.

נחום סאָקאָלאָוו (1936-1861) אין זיינס אַן אַרטיקל „אַלט וואַרשע" („היינט"־יובילײ־בוך, 1928-1908) שילדערט דעם ר' שמואל זביטקעווער, ווי דעם שענסטן טיפּ פון אַ נדבן, בעל־צדקה; אַ מוסטער פון אַ שיינער יידישער פּערזענלעכקייט. מיט ליוב און באַגייסטערונג שילדערט ער די שנור תּמריל (טעמערל) — די ווייב פון „ר' בעריל", אין וועמעס הויז ס'פלעגן אויפגענומען ווערן באַרימטהייטן, מלכים, שׂרים און נאָך מער: אדמו"רים, רבנים און בכלל הויך־געבילדעטע יידן און נישט־יידן.

כּדאַי דאָ צו דערמאָנען צוויי גרויסע שעפערישע פּערזענלעכקייטן אין פּוילן: דעם דיכטער יוליוס סלאָוואַצקי און דעם קאָמפּאָזיטאָר פרעדעריק שאָפּען. ביידע געניוסן, און ביידע ליבן זיך אין איין צייַט מיט אַ פּשוט מיידל מאַריאַ וואָדזשינסקאָ[5] און דאָס שטערט איר נישט חתונה צו האָבן מיט אַ פּוילישן גראַף, זיך גטן און ווידער פירן ליבעס.

וועגן שאָפּענס ליבעס איז אַ סך געשריבן געוואָרן. ער האָט זיך געליבט מיט דער פראַנצייזישער שריפטשטעלערין זשאָרזש סאַנד און אין דער זעלביקער צייט געפירט ליבעס מיט אַנדערע. אָבער דאָס געהערט אייגנטלעך צו אַ באַזונדערער טעמע.

מיר ווילן קאַליידאָסקאָפּיש אַריינבליקן אין פאַמיליע־לעבן ביי מענטשן, אין וועמעס מאַכט ס'איז געלעגן דער גורל פון זייער פאָלק, פון זייער לאַנד, פון דער וועלט.

לאָמיר אַ בליק טאָן אין דער ביאָגראַפיע פון איינעם, אין וועמעס הענט און אין וועמעס מחשבה ס'איז געלעגן דער גורל נישט בלויז פון די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר דער גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט — פרענקלין דעלינאָ רוזוועלט (געשטאָרבן אַפּריל 12, 1945). ער איז געווען די וועלטפיגור פאַר אַ צוויי יאָרצענדלינגער. ער האָט אויסגעדריקט דעם צייטגייסט, ער האָט אויסגעדריקט די אידעען און אידעאַלן פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. דער נאָמען רוזוועלט האָט זיך שוין ביי זיין לעבן געטראָגן ווי אַ לעגענדע און זיין פּאָפּולערקייט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, באַזונדערס צוליבן פּראָקלאַמירן דעם „ניו

דיל" און שפעטער צוליב זיין שטעלן זיך אויף דער זייט פון די אַלייִרטע אינעם קאַמף קעגן נאַציזם־פאַשיזם. געגוג אַ בלעטער צו טאָן אין ראַביי סטעפן ווייזס אויטאָביאָגראַפיע[5]; מיט זיין באַגייסטערונג פאַר דעם דינאַמישן פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס ווערט באַטראַכט ווי דער דריטער אין דער ריי פון די גרויסע פרעזידענטן.

דער דאָזיקער מענטש האָט אַפילו באַוויזן גובר צו זיין אַ קערפּערלעכן פעלער — זיין פּאַראַליז, און אויסגעוויילט צו ווערן אַלס פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן צום דריטן מאָל, אין 1940 — אָבער נישט געקענט גובר זיין דעם אימפּולס פון יצר, און צוליב דעם געהאַט אַ צעבראָכן פאַמיליע־לעבן, וואָס ער האָט אויס־באַהאַלטן פון דער אויסערלעכער וועלט.

אינעם בוך „דער רוזוועלט וועמען איך האָב געקענט" פון פּרענצעס פּוירקינס, איינעם פון די נאָענטסטע מענטשן און פריינד פון די רוזוועלטס, ווייזט אָן די מחברין אויף דער קאָמפּליצירטקייט אין זיין לעבן: אַ פאָטער פון פיר זין און אַ טאָכטער, און אַ מאַן פון אַ פרוי — דער איידלסטער און אינטעליגענטסטער, איז אויסגעגאַנגען אין די אָרעמס פון אַ סעקרעטאַרין, מיט וועלכער, ווי די רכילות פון ווייסן הויז איז אָנגעגאַנגען, ער האָט געלעבט אַ סך יאָרן...[6]

ווען ער איז געשטאָרבן, האָט אַ גאַנצע וועלט באַוויינט זיין טויט. אין דער גאַנצער יידישער וועלט זענען דורכגעפירט געוואָרן הספדים, רבנים האָבן גע־זאָגט תפילות פאַר זיין נשמה און קיינער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ווען ער און נישט הערי טרומאַן איז פּרעזידענט, וואָלט אַמעריקע נישט מסכים געווען צו אַ ישראל־מדינה. ווען נישט זיין זון עליאָט, וואָלט קיינער זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז זינט 1928 איז מאַרגאַריט (מיסי) ליהאַרט געווען בלויז לפנים זיין סעקרע־טאַרין, אָבער פאַקטיש איז זי געווען זיין פּלגש און די טייערע עלענאָר, זיין קוזינע און ווייב, האָט געמוזט שווייגן און באַהאַלטן איר צער.

עליאָט רוזוועלט גיט אויס און דערציילט פון חדר, אַז ווען דזשאָ (דזשאָזעף) קענעדי (דער פאָטער פון די קענעדיס) איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד, האָט רוזוועלט פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל פריִער אויפגעבן זיין געליבטע, גלאָריאַ סוואַנסאָן, האָט אים קענעדי געענטפערט: „אויב דו וועסט אויפגעבן מיט ליהאַרט".

ווען קענעדי איז צוריקגעקומען פון ענגלאַנד צוליב דער מעשה... און מ'האָט אים געדאַרפט אָפּוואַרטן מיט כבוד, ווי מען איז זיך נוהג, האָט רוזוועלט געשיקט זיין געליבטע אים געבן דעם קבלת־פנים און זי האָט איראָניש געשמייכלט!

לויט רוזוועלטס זונס מעמואַרן, איז די פריילין ליהאַרט געווען די „ערשטע ליידי" און נישט זיין מוטער עלענאָר (די דאָזיקע מיס ליהאַרט איז געשטאָרבן, נאָכן צוריקציִען זיך, צוליב אַ „סטראָוק"־אַפּאָפּלעקציע, אין יאָר 1944).

ער גיט אויך איבער נעמען פון פריינד וועלכע האָבן געווירקט אויף דער גוטער עלענאָר, זי זאָל מאַכן אַ שוויגן, אַז זי קען נישט זיין אַ פולשטענדיק ווייב...

די פּאָליאָ־קראַנקייט האָט רוזוועלטן נישט געשטערט אין די געשלעכטלעכע באַציִונגען, וואָס ער האָט געהאַט מיט דער דערמאָנטער פריילין, וועמעס שלאָפ־צימער איז געווען לעבן זיינעם. דער זון וויל אָבער נישט וואַרפן די גאַנצע שולד אויפן פאָטער, נאָר דערציילט, אַז די מוטער, נאָכן געבוירן דאָס פינפטע קינד, אין 1916, האָט מער נישט געוואָלט האָבן קיין קינדער און נישט געוווּסט ווי זיך אויסצוהיטן פון שוואַנגערשאַפט. האָט דער פאָטער אָנגעהויבן דעמאָלט פירן אַ ליבע מיט עלענאָרס סעקרעטאַרין, לוסי מערסער, אָבער ער האָט די ליבע געמוזט אויפגעבן, ווייל עלענאָר האָט געסטראַשעט, אַז זי וועט איינגעבן אויף אַ גט. דאָס האָט דער פאָטער נישט געוואָלט.

אַ געוועזענער פּרעסע־סעקרעטאַר דזשאָנאַטאַן (יונתן) דעניעלס, דערציילט אין זיין בוך „די צייט צווישן צוויי מלחמות״ [8] אינטערעסאַנטע פרטים וועגן דער ליבע מיט דער דאָזיקער לוסי פּיידזש מערסער, וועלכע איז נאָך איר הייראַט געוואָרן אַ מרס. ווינטראָפּ רוטערפאָרד — אָבער די ליבע צו רוזוועלטן איז שוין קיין מאָל נישט אָפּגעקילט געוואָרן. אויף איר שויס איז ער אויסגעגאַנגען נאָך זיין פאַטאַלן מאָרד־שטורץ בעת זיין פאַרברענגען אויף וואַקאַציע.

רוזוועלט האָט חתונה געהאַט מיט זיין קוזינע עלענאָר אין 1905. פון 1913 ביזן טאָג פון זיין טויט אין 1945, געפירט ליבעס. עלענאָר איז געווען צוועלף יאָר (1933־1945) נישט בלויז די „פוירסט ליידי״ פון ווייסן הויז, פון די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר די „ערשטע פרוי״ פון דער וועלט — אָבער געלעבט איינזאַם, בעת דער פאַראַליזירטער מאַכטהאָבער האָט פאַרבראַכט מיט געליבטעס.

איינע פון זיינע געליבטעס האָט לעצטנס איבערגעגעבן אין אירע מעמוארן, וועגן איר אינטימקייט מיטן פּרעזידענט, בעת זי האָט געהאַט אַ מאַן און ער — אַן אָפיציעלע פרוי.

דאָראָטי, אָדער דאָלי, שיף, די אַרויסגעבערין פון „ניו־יאָרקער פּאָסט״ (איצט אַ 73־יאָריקע) דערציילט, ווי דער פּרעזידענט האָט איר צוגערעדט, אין 1936, צו לעבן מיט אים און זי האָט עס געטאָן, ווייל, ווער קען אָפּזאָגן אַ פּרעזידענט. זי דערציילט, אַז רוזוועלט איז געווען זייער שטאַרק סעקסועל. ער האָט געלעבט מיט איר ווי אַ צוגאָב צו זיין געליבטער לוסי פּיידזש מערסער, וועלכע איז געווען זיין געליבטע פון 1914 ביז צום טאָג ווען ער איז געשטאָרבן.

די דאָראָטי שיף, איז אַן אייניקל פונעם באַוווּסטן יידישן באַנקיר און פילאַנטראָפּ דוד שיף פון די שיף־וואָרבורג־פאַמיליעס.

רעדט מען שוין וועגן מאַדאַם רוזוועלט, דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז ביי יידן איז זי פאַרערט געוואָרן אַלס חסידת אומות העולם. ווו נאָר זי האָט געהאַט אַ

מעגלעכקייט, האָט זי דעמאָנסטרירט איר אויפריכטיקייט אַלס פריינד פון ייִדן, פריינד פון ציוניזם און ליבהאָבערין פונעם הייליקן לאַנד. אין פילם „דהי עלענאָר רוזוועלט סטאָרי" גיט איבער דער נאַראַטאָר אַרכיבאַלד מעקלעיש אַ טייל פון אירע גוטע מעשׂים, איר מוסטער־לעבן. ער הייבט אָן מיטן הספּד ביי איר קבר פון עדלעי סטיוועַנסאָן, אַז איר גרויסקייט איז באַשטאַנען אין איר פּשטות, גוטס־קייט און חוש פאַר יושר.

עלענאָר רוזוועלטס לעבן דאַרף בלייבן אַלס מוסטער לדורות פאַר אַמעריקע און פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר מענער ווי פאַר פרויען. זי איז געווען אויפ־ריכטיק אין מענטשן־ליבע און אין איר ליבע צו קינדער. איר פּנים האָט געלויכטן פאַר פרייד, ווען נאָר זי איז געקומען קיין ישׂראל, אין די קיבוצים, און באַגעגנט ייִדישע קינדערלעך. אין ישׂראל־אויפבוי האָט זי געזען דעם ווונדער פון דורות. אָבער איר מאַן, דער גרויסער רוזוועלט? ער איז געווען דער עיקר פאַרטאַן אין שאַפן אַ גרויסע, אימפּעריאַלע אַמעריקע און קיין מאָל נישט פאַרגעסן זיך נאָכ־צוגעבן זיינע אייגענע תאוות.

רוזוועלט איז נישט געווען דער איינציקער צו האָבן זייטיקע געליבטעס. אַפילו ביים פאָטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ביי דזשאָרדזש וואַשינגטאָן (1797—1732), האָבן גריבלער אויסגעגריבלט, אַז ער האָט אַ יובל יאָרן געפירט אַ ליבע מיט אַ פאַרהייראַטער פרוי. זיי גיבן אָן איר נאָמען — סאַלי קערי פעירפעקס. זי איז געווען אַ פרוי מיט אַלע מעלות: אַ שיינהייט לויט איר פיגור און שיין אין גייסט, אינטעליגענט און מיט גוטע מאַניערן. זי איז געווען פאַרהייראַט צו זיינעם אַ שטיפברודער. דעריבער האָט וואַשינגטאָן עפנטלעך נישט געקענט זיין אינטים־נאָענט מיט איר. האָט ער געפירט מיט איר אַ פּלאַטאָנישע ליבע דורך בריוו. ער האָט מיט איר אָנגעהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענץ דאָס גאַנצע לעבן, זיך אויסגעדריקט מיט די ליבסטע סענטימענטן און באַהאַלטן די בריוו פון זיין פרוי, מאַרטאַ, „דהי פוירסט ליידי".

דער סוד איז דאָך אויפגעדעקט געוואָרן. זיינע ביאָגראַפן דערמאָנען דעם פאַקט, אַז דער גרויסער גענעראַל, אָנפירער פון דער רעוואָלוציע קעגן דער קאָלאָ־ניאַלער מאַכט, דער וואָס האָט פאַרשריבן דאָס ערשטע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און זיין נאָמען איז אַריינגעשריבן אין איר מיט די ליכטיקסטע אותיות און מיט דער טיפסטער פאַרערונג — אויך ער איז געווען פון בלוט און פלייש.

ווי די ביאָגראַפן גיבן איבער, האָט ער געהאָפט אויף אַ נס, אפשר וועט די געליבטע סאַלי ווערן זיינע... ווען דער נס איז נישט געקומען, האָט ער חתונה געהאַט מיט מאַרטאַ און געהאַט מיט איר אַ טרוקן לעבן, אָן ליבע, און מיט דער אַנדערער — בלויז אַ פּאַפּירענע ליבע.

די רשימה פון פּרעזידענטן, וואָס האָבן געהאַט צייט אויף אַזאַ לוקסוס, איז היפּשלעך: גראָווער קליוולאַנד (1908—1837), האָט אַ שרייבער אויסגעזוכט אין באַהאַלטענע אַרכיוון, זאָל האָבן געלעבט מיט אַ פרוי, און אויסגעהאַלטן אַן אומ־לעגאַל קינד פון איר. וועגן גמליאל האַרדינג, דעם 29סטן פּרעזידענט, וועמעס בריוו־אַרכיוו וועט ערשט קענען געעפנט ווערן אין יאָר 2014, ווייזן אָן פאָרשערס, אַז פון די שוין אויפגעדעקטע דעשיפרירטע בריוו, ווייזט ער זיך אַרויס צו זיין אַ „דאָן־זשואַן". געפירט ליבעס, נישט איין מאָל געפראַוועט ליבע־אָרגיעס און פון איינער אַזאַ ליבע, מיט אַ געוויסער נען בריטאָן, האָט ער געהאַט אַן אומ־געזעצלעך קינד, אַ טאָכטער. די פרײלין בריטאָן האָט געוואָגט אָנצושרייבן אַ בוך און דערציילן סודות פון איר 18־יאָריקער ליבע מיט האַרדינגען און ווי אַזוי דער פאַרהייראַטער האַרדינג פלעגט זיך טרעפן מיט איר.

זי איז נישט געווען די איינציקע, מיט וועלכער ער האָט געפירט ליבעס אין איין און דער זעלביקער צייט, און נישט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט אַרויסרופן אַ סקאַנדאַל.

מיר פאַרנעמען זיך נישט מיט געבן אַ רשימה פון טראַגישע פאַמיליע־לעבנס אין ווייסן הויז. מיר האָבן בלויז געוואָלט דערמאָנען איינציקע און צו די דאָזיקע געהערט אויך בענדזשאַמין פרענקלין (1790־1930), איינעם פון די פאַרפאַסערס פון דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע און פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. ער איז צען יאָר געווען צעשיידט פון זיין ווייב דעבאָראַ און זיך אַ סך אַנגעליטן.

טאָמאַס דזשעפערסאָן (1743־1799), דער דריטער פּרעזידענט פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן, גרינדער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — ער האָט שטאַרק געליבט זיין ווייב מאַרטאַ ווײלס. זי איז געווען אַן אלמנה, ווען ער האָט מיט איר חתונה געהאַט אין 1772. ער האָט וועגן איר געשריבן: „זי איז געווען מיין טייער־סטע שותפטע אין לעבן". ס'ווערן אָבער פאַרשפּרייט „אַנטדעקונגען", אַז ער זאָל געווען זיין דער פאָטער פון „מולאַטאָ"־קינדער. אמת, די רכילות ווערט פאַר־אורטיילט און אָפּגעלייקנט. ס'זענען אָבער דאָ היסטאָריקערס וועלכע האָבן דאָס אָנגענומען ווי אַ פאַקט.

די וועלכע האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע פּאָזיציעס אין דער אַמעריקאַנער פירערשאַפט — די היעראַרכיע, לויטן אַמעריקאַנישן סטיל — און זיך געגעט מיט זייערע פרויען, געפירט ליבעס מיט זייערע סעקרעטאַרשעס — זענען דאָ גאָר אַ סך.

אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי עדלעי סטיווענסאָן, אַ פּרעזידענט־קאַנדידאַט, האָט פאַרלוירן זיין פּרעזידענטשאַפט צוליב דעם, וואָס פרויען אין אַמעריקע האָבן פאַר־שפּרייט די נייעס, אַז ער האָט אָפּגעגט זיין ווייב. ווי אינטעליגענט־אינטעלעקטועל

ער זאָל נישט האָבן געווען, אָבער אין פאַמיליע־לעבן, האָבן זיי געזאָגט, איז ער גאָר ווייט פון ווייזן אַ מוסטער פון אַ גוטער אויפפירונג.

דזשאָן ראָקפעלער, פון די רייכסטע מענטשן אין דער וועלט, פון די אייג־פלוסרייכסטע אין אַמעריקע, גאָווערנאָר פונעם גרעסטן שטאַט, ניו־יאָרק, איצט וויצע־פּרעזידענט, אויך ער האָט געהאַט געגוג צייט צו גטן זיין ווייב און נעמען אַ יינגערע, אַ מאַמע פון עטלעכע קינדער. (ער האָט באַצאָלט איר מאַן ער זאָל זי גטן).

און וואָס איז מיט די קענעדיס?

אַן אומגליקלעך טראַגישע משפּחה: איין ברודער אומגעקומען אין ערשטן וועלטקריג; צוויי ברידער, איינער אַ פּרעזידענט און דער צווייטער אַ סענאַטאָר — אומגעקומען דורך אַטענטאַטן. דער דריטער, דער וואָס האָט געוואַרט אויף דער פּרעזידענטשאַפט, האָט באַגלייט אין אַ פינצטערער נאַכט, נאָך אַ פריילעכער „פּאַרטי", דעם ברודערס יונגע סעקרעטאַרין. פאַרנדיק איז זיין אויטאָמאָביל אַריינגעפאַלן אין אַ טייך. זי, די בת־יחידה, איז דערטרונקען געוואָרן. ער איז אַרויס גאַנץ און געוואַרט ניין טראַגישע שעה, ביז ער האָט וועגן דעם געמאָלדן דער פּאָליציי. דאָס האָט אים געקאָסט די פּרעזידענטשאַפט. די לוסטיק־שיכּרות־דיקע נאַכט, וואָס האָט געבראַכט דעם טויט פון דער יונגער מערי דזשאָ קאָפּעקנע, האָט אויף אים געבראַכט צרות. ער איז געריכטלעך ריינגעוואַשן געוואָרן — אָבער די געשיכטע פון מאַרטאַ וויניאַרדס סוף־וואָך, יולי 18־19, 1968, איז שוין גע־בליבן אַ פלעק אין די קענעדי־אַנאַלן.

אויך די יונגע אלמנה, דעם פּרעזידענטס ווייב, די וואָס האָט געהאַלטן דעם פאַרבלוטיקטן קאָפּ פון איר גרויסן מאַרטירער־מאַן דזשאָן פיצדזשעראַלד, האָט נישט געוואַרט לכל־הפּחות אַ צענדליק יאָר צו טראָגן אין זיך דעם צער נאָך איר נאָבעלן מאַן, וואָס האָט איר געגעבן דעם טיטל — „ערשטע פרוי" פון לאַנד... דער יונגער אָדלער מיט זיינע אויסגעשפּרייטע פליגלען איז געפאַלן — און געפאַלן איז אַלץ מיט אים. די אשת־חיקו, די דזשעקלין, האָט געפונען דעם מיליאַרדער אָנאַסיס און אין זיינע ווילעס און יאַכטשיפן צוריק באַנייט איר זאָרגלאָזיקייט, און דאָס לעבן איז געגאַנגען נאָרמאַל! דער גריכישער מאַגנאַט קריסטאָפער אָנאַסיס האָט ביי איר — ביז זיין טויט — פאַרנומען דאָס אָרט פון גרויסן קענעדי, דער שטאָלץ פון אַמעריקע פאַר אַלע דורות [7].

דזשאָן פיצדזשעראַלד קענעדי, דער 35סטער און ייִנגסטער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אויך נישט געווען, ווי מ׳זאָגט, קאַלט און גלייכגיל־טיק צו שיינע מיידלעך. ווי זיינע ביאָגראַפן גיבן איבער, האָט ער אַפילו אין דער גרעסטער פאַרנומענקייט, געקענט זיך אָפּגעבן מיט אַ יפהפיה אויף אַ באַל אָדער

באַנקעט און זיך אויסדריקן הומאָריסטיש, ווי אין זיינע גוטע מיליטערישע יאָרן אַלס פלאָטן־אָפיציר.

נאָך יאָרן פון קענעדיס טויט האָבן פאָרשערס זיך גענומען צו נישטערן אין בריוו־אַרכיוון און מ׳וויל אַלץ באַוויזן, אַז פּרעזידענט קענעדי איז געווען אַ פרויען־ליבהאָבער, געפלירטעוועט מיט אַ סך פרויען, אַריינגערעכנט אַ פרוי, וועלכע האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער מאַפיאַ און אונטערוועלט־מענטשן.

אַמעריקאַנער קאָנגרעסלייט זענען נישט ווייניק פאַרנומען מיט פרוי־אַפּערעס, מיט זייערע סעקרעטאַרינס, טענצערינס און אַקטריסעס — געגנג די ווילבור מילס און פאַני פאָקס טומל — אָבער צו וואָס די אַלע פאַקטן?

לעצטנס איז אויך באַקאַנט געוואָרן, אַז אַפילו אַזאַ שטילער באַשיידענער מענטש, ווי גענעראַל דוויט אייזנהאַוער, דער גענעראַל וואָס האָט געוווּנען די צווייטע וועלט־מלחמה, געוואָרן נאָך דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ביים לעבן געהאַט די גרעסטע ליבע וואָס די וועלט האָט אים געקענט צוטראָגן נאָכן באַזיגן די נאַציס, איז אויך נישט געווען קיין צדיק בנוגע פרויען.

בעת ער איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די אַלייִרטע אַרמייען אין אייראָפּע, האָט ער פון צייט צו צייט געדאַרפט זיין אין לאָנדאָן, פּלאַנירן דעם גאַנג פון דער מלחמה. דאָרט האָט מען אים געגעבן אַ פרוי, וואָס זאָל אים דינען אַלס שאָפער, אַרומפירן — איז אים די פרוי געפעלן געוואָרן און ער איז צוליב איר גרייט געווען צו גטן זיין ווייב, מיימי. מ׳גיט אַפילו אָן דעם נאָמען פון דער פרוי, וועלכע וואָלט געוואָרן די „ערשטע ליידי" אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווען נישט?! ווען נישט די וואָרענונג פון דזשאָרדזש מאַרשאַל, דאַן הויפּט פון אַלע אַרמייען.

אין אַ בריוו, וואָס איז לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט אים מאַרשאַל געוואָרנט, אַז אויב ער וועט באַגיין די נאַרישקייט, וועט דאָס אים נישט בלויז שטערן אין זיין קאַריערע (אַרויסוואַרפן פון דער אַרמיי, אַראָפּרייסן זיינע עפּאָלעטן), נאָר זי וועט אים נישט לאָזן לעבן במנוחה (דער בריוו איז געבליבן אין מאַרשאַלס אַרכיוו אין פּענטאַגאָן). מ׳האָט געזאָגט, אַז אייזנהאַוערס ווייב טרינקט אַ סך... איז אַ וווּנדער? זי האָט אַוודאי געוואָלט פאַרטרינקען איר צער.

אין דײַטשלאַנד, אַז מ׳האָט געוואָלט אַראָפּזעצן ווילי בראַנד, דעם פּעיִקסטן און אפשר ערלעכסטן אַנטי־נאַצי פּרעמיער, האָבן די שׂונאים אים שאַנטאַזשירט, נישט בלויז מיט אַ שפּיאָן, וואָס איז געווען זיין געהילף, נאָר געסטראַשעט אים מיטן דערציילן וועגן אַ פרוי אין זיין פּריוואַטן לעבן. דער שפּיאָן האָט אים תּמיד געהאַלטן אין דער מורא, אַז ער וועט אויסזאָגן...

אין ישׂראל האָט זיך אין יאָר תּשל״ב (1971) געטומלט וועגן גט צווישן רות און משה דיין. דאָס זאָל האָבן געשען אין רעזולטאַט פון אַ סודותדיקער ליבע

צווישן דעם העלד פון צה״ל און פּאָליטישן פירער מיט אַ מיידל, אַ ליבע וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַרום אַכצן יאָר...

און אין אונדזער קאַנאַדע?

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זיך געטומלט מיט אַ סעקס־סקאַנדאַל אין די הויכע פענצטער. אינעם סקאַנדאַל זענען געווען פאַרמישט צוויי מיניסטאָרן און אַ באַאַמטער פונעם שוץ־מיניסטעריום. די „גרויסע לייט״ האָבן געזוכט ליבע ביי אַ פרוי, אַ גרושה פון אַ ניו־יאָרקער פּאָליציי־מאַן. די דײַטשישע פרוי, גערדאַ מוסינגער, האָט געאַרבעט אַלס סערווערין („ווייטרעס״) אין אַן אַריסטאָקראַטישן רעסטאָראַן און דאָרט האָט זי געקראָגן אירע קליענטן. ס׳איז אויף איר געפאַלן אַ טאָפּלטער חשד: שפּיאָנאַזש און פּראָסטיטוציע.

ס׳האָט געדויערט אַ שטיקל צייט און אַלץ האָט זיך איינגעשטעלט. די פרוי איז צוריק אין דייטשלאַנד.

דער קאַנאַדער פּרעמיער פּיער טרודאָ, אַ בריליאַנטענער קאָפּ, אַ שאַרפער דיפּלאָמאַט און אַ פעיִקער פּאָליטיקער, פאַרנומען איבערן קאָפּ, האָט געפונען גענוג צייט, אין זיינע בחורשע יאָרן, צו פאַרברענגען מיט שיינע מיידלעך, מיט שוישפּילערינס און אַנדערע.

נאָך זיין חתונה מיט מאַרגאַרעט — אַ סך יִינגער פון אים, אפשר מיט אַ דרײַ צענדלינג יאָר — איז ער געוואָרן דער סטאַטעטשנער יונגערמאַן: פירט אַ שטיל באַלעבאַטיש לעבן, לויט אַלע כללים פון פאַמיליע־אָפּגעהיטקייט. ער האָט אויפגעגעבן זיינע פילאָסאָפישע אַבסטראַקטן וועגן „שלאָפּצימער״ און זייער לעבן איז געוואָרן אַ מוסטער פאַרן לאַנד. ס׳קאָן זיין, אַז דאָס האָט אים געהאָלפן צו קריגן אַ מאַיאָריטעט צו זיין דריטן טערמין, אַלס פּרעמיער פון לאַנד.

נישט בלויז לייענען מיר וועגן אַ גערדאַ מוסינגער מיט מיניסטאָרן און גע־הילפס־מיניסטאָרן. אַפילו דער גרויסער סער ווילפריד לאָריע (1919—1841) פון די גרונטלייגערס פון דער קאָנפעדעראַציע און צווייטער פּרעמיער פון דער פאַר־איניקטער קאַנאַדע, אויך ער האָט געפונען צייט זיך צו ליבן מיט עמיליע, די פרוי פון דזשאָזעף לאַווערן און ביידע, סיי עמיליעס מאַן און סיי לאָריעס ווייב, האָבן זיך באַצויגן גלייכגילטיק צום דאָזיקן „ראָמאַן״, וואָס האָט זיך אָפּגעקילט מיט דער צייט.

אין איינעם פון די בריוו צו דער דאָזיקער פרוי, שרייבט לאָריע (אין 1891):

„...איך וויל זייער דיך זען מיין טייערע... בלויז דיך זען, דיך הערן, אַריינקוקן אין דיינע אויגן... דיך פילן...

ווי אַן איש מורם אויף אַ סך געביטן, איז ווינסטאָן ספּענסער טשערטשיל (1965—1874). ער איז אויך געווען הויך, ממש אַן אויסנאַם, אין פּריוואַטן פאַמי־ליע־לעבן. דער פּרעמיער פון גרויס־בריטאַניע, וועלכער האָט זיך באַוויזן ווי אַ

ליכטשטראַל אין דער פינצטערניש פון 1940, געראַטעוועט די וועלט, מנהיג פונעם יאַרהונדערט, דער גרויסער פּאָליטישער פירער, „סייפא וספרא", אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, האָט געוויזן אַ מוסטער, ווי מען דאַרף זיך פירן אין הויז.

ער האָט נישט געהאַט קיין צו פיל נחת פון זיינע קינדער. זיי האָבן נישט געקאָנט אַפילו נאָכגיין זיינע פוסטריט — די וועלט האָט אָבער געקענט לערנען פון אים. נישט בלויז צו באַוווּנדערן זיין טאַלאַנט, זיין אָראַטאָרישן כּוח, זיין גענים־אַלקייט אַלס שרייבער, היסטאָריקער, מאָלער און סטראַטעג, נאָר צו באַוווּנ־דערן זיין איינפאַכע היים־באַנעמונג. זינט ער איז געוואָרן אַ פאָלקספיגור, זינט 1900, ווען ער איז אויסגעוויילט געוואָרן צום בריטישן פּאַרלאַמענט, זינט זיין יוגנט איידער ער איז אַרויף אויף דער בינע פון פירערשאַפט, ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ער געוויזן אַ מוסטער אין פאַמיליע־לעבן.

ער האָט חתונה געהאַט אין יאָר 1908, און די ליבע צו קלעמענטין האָזיער, האָט אָנגעהאַלטן קנאַפּע זעקס יאָרצענדלינג, מיט דער פולער שטאַרקייט און וואַרעמקייט, ווי אין די יינגערע יאָרן.

טשערטשיל האָט די שיינקייט אין פאַמיליע־לעבן איבערגענומען פון זיין פאָטער. אַ גרויסע פאַמיליע — פינף זין און זעקס טעכטער — און תמיד האָט ביי זיי געהערשט די שלווהדיקייט וואָס איז וויכטיק פאַר אַ צופרידן לעבן.

אַלע זיינע ביאָגראַפן באַטאָנען זייער שטאַרק, אַז, צו אַלע זיינע מעלות, איז ער געווען אַ מענטש! אַ גרויסע לעבעדיקע געשטאַלט אין דער נייער צייט: אַ בשׂר־ודם, ווי אַלע מענטשן — אָבער מער ווי בלויז „פלייש און בלוט"; דעריבער האָט ער זוכה געווען צו אַ פאַרהערלעכונג ביים לעבן און נישט ווייניקער נאָכן טויט. דער גייסטיקער ריז, וואָס איז געוואָרן אַ סימבאָל פאַר מענטשלעכער דערהויבונג, איז אַוועק אין דער אייביקייט אין עלטער פון 90 יאָר (זונטיק, דעם 24סטן יאַנואַר 1965); און עד־היום, ווען די ענגלענדער ווילן זיך באַווייזן מיט זייער גרויסקייט, פאַרנעמט זיין נאָמען דעם סאַמע אויבן אָן.

ווינסטאָן טשערטשיל האָט דערפירט, אַ דאַנק זיין געניאַלקייט אַלס שטאַטס־מאַן און סטראַטעג, אַז היטלער ימ"ש זאָל פאַרשפּילן זיין „טויזנט־יאָריקן רייך". גענוג בלויז אַ בלעטער טאָן אין זיינע אייגענע מעמואַרן און אין די מעמואַרן פון זיינע פריינד און נאָענטע, מ'זאָל זען זיין גרויסקייט אַלס מנהיג אין אַ וועלט־מאַסשטאַב, קענער פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע און אומפאַרגלייכלעך געוואָגטער מענטש.

וואָס שייך יידן, מוז מען באַמערקן, אַז נישט געקוקט וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אַלס פריינד פון יידן, ממש פאַר אַ ציוניסט, האָט ער אָבער דאָס נישט דעמאָנסטרירט אין דער צייט פון דער מלחמה, בעת דעם אומקום פון מיליאָנען יידן. ער האָט זיך נישט איינגעשטעלט קעגן דעם מאַסנמאָרד. ער האָט געשוויגן

ווען ייִדיש בלוט האָט זיך געגאָסן איבער אייראָפּע און ייִדישע נפשות זענען פאַרברענט געוואָרן אין די גאַזאויוונס. ער האָט זיך אויך איין מאָל אויסגעדריקט, בעת די קאַמפן פאַר אַ ייִדנשטאַט אין דער דעמאָלטיקער פּאַלעסטינע אונטערן בריטישן מאַנדאַט, אַז ער וואָלט נישט וועלן די פריינדשאַפט זאָל זיך ענדיקן אויפן שאַרף פון דער שווערד...

ער בלייבט אָבער אַלץ, נישט געקוקט אויף די פּגמים, אַ גרויסער נאָמען אין דער געשיכטע; ער איז דער מאַן, וואָס האָט אַ דאַנק זיין עקשנות, געראַטעוועט די וועלט פון דער נאַצי־ממשלה.

וואָס שייך זיין פאַמיליע־לעבן, איז ער געווען, ווי געזאָגט, אַן אויסנאַם מיט זיין האַרציקייט, אַן אויסנאַם אַלס געטרייער, פאַרליבטער מאַן. ער בלייבט אַ מוסטער פון אַ לאָיאַלער, פּאָפּולערער אויטאָריטעט.

די בריוו פון טשערטשילן צו זיין קלעמענטין, אין די קריטישסטע יאָרן, אויף די געפּערלעכסטע פראָנטן, זענען אַן אוצר פון ראָמאַנטיק און שיינע פּאָעזיע — די העכסטע פּאָעטישע אויסדרוקן פון ליבע אין ענגלישן לשון. ער שרייבט אין איינעם פון זיינע בריוו: „דו האָסט מיך געלערנט, ווי נאָבל אַ פּרויס האַרץ קאָן זיין...״

אַנדערש אין כאַראַקטער און אַנדערש אין פּריוואַטן לעבן, איז געווען לאָיד דזשאָרדזש (1863 — 1945). דער גרויסער פּאַרלאַמענטאַריער, אָראַטאָר, ליבעראַל, באַרימטער פּרעמיער פון ענגלאַנד, וועלכער האָט אין 1919 אָנגעפירט מיט דער ווערסאַילער שלום־קאָנפערענץ נאָך דעם ערשטן וועלטקריג (1914 — 1918), האָט געפונען גענוג צייט צו פראַווען הוליאַנקעס. ער, דער אָפּשטאַמיקער פון אַן אָרעמער פאַמיליע, וועלכער האָט דורכגעמאַכט נויט און דחקות אין זיין יוגנט — ער האָט זיך גראַד, נאָך זיין עולה לגדולה זיין, פאַרנומען מיט לוקסוס — און מיט פרויען.

ווען מען לייענט זיינע מעמואַרן, זעט מען וואָס פאַר אַ גרויסער מענטש ער איז געווען, אַ חכם, אַ דיפּלאָמאַט, אַ שטאַטסמאַן פון העכסטן קאַליבער. פאַר טשערטשילן איז ער געווען דער מנהיג פון זיין דור — אָבער אַנדערש פון טשערטשילן וואָס שייך פאַמיליע־לעבן. ער איז געווען הונגעריק נאָך ליבע, האָט געזוכט געליבטע און אַ סך צייט אָוועקגעגעבן דער דאָזיקער לוסט, וואָס גייט נישט אָן הוליאַנקעס, אָן שיכּרות. ער איז תּמיד געווען אַרומגערינגלט מיט יפהפיות, מיט טונקעלע פאַרשוינען, וואָס האָבן אים צוגעשטעלט אַזעלכע נשים, און נאָכן דערפאָלג אין זיין פּאָליטישער קאַריערע, געזוכט פאַרגעניגן און תּאווה.

און צום סומירן:

אין מיין ווערק „באַציִונג צו דער פרוי״ האָב איך אָנגעוויזן אויף פאַרשיידענע פאַקטן, אין שייכות מיט געשלעכטלעכע באַציִונגען, אויף די חילוקים פון סעקס־

לוסט ביי מענער און ביי פרויען און ווי אַזוי די בעלי־התלמוד, די בעלי־אגדה און בעלי־הלכה און נאָך מער די מקובלים, האָבן אָנגעוויזן אויף דער מיסטעריע אין יצירה פון „דוכרא ונוקבה", זייערע פונקציעס און פאַרלאַנגען, אויף אַקטיווער און פּאַסיווער תּאווה. איך האָב אָנגעוויזן, ווי אַזוי זיי האָבן געזוכט צו שאַפן די האַרמאָניע צווישן די צוויי עלעמענטן אין יצירה פון מענטש, נישט געקוקט, וואָס אינסטינקטיוו איז דער גרייג פון זכר־און־נקבה־צוזאַמענבונד ביי אַלע בעלי־חי [8] און, ווי פאַרשערס האָבן שוין פון לאַנג באַשטעטיקט, איז עס פאַראַן אַפילו ביי דעם דומם, ביי אַלץ וואָס וואַקסט און שפּראָצט.

דאָס פּראָבלעם פון שאַפן די השלמה, די דערגאַנצונג צווישן מאַן און פרוי, ווערט אין יהדות נישט איגנאָרירט. אין קעגנטייל, עס פאַרנעמט אַ גרויסן טייל נישט בלויז אין דער עטיק, נאָר גאָר אַ סך אין דער הלכה, וואָס האָט געשאַפן אומצייליקע דינים, חוקים און פּרינציפּן צו באַפעסטיקן די דאָזיקע השלמה, און במילא פאַרהיטן פון זנות, פון איבעריקער תּאווה, פון פרויענרייץ וואָס דערוועקט די סעקסאַימפּולסן ביים מאַן. די דינים פון נידה־אָפּגעהיטקייט, האָבן, אָן צווייפל, אַ סך געהאָלפן צו פאַרהיטן די געזעלשאַפט פון כל־מיני ווענערישע קראַנקייטן — און נישט ווייניק פון פּראָסטיטוציע און פון לינקע ליבעס, וואָס קענען דערפירן צו רואין.

דאָס אָפּזונדערן פרויען פון מענער איז אויך געווען געצילט צו פאַרהיטן, אויב נישט פון דער פיזישער זנות, ווייל דאָס קאָן דאָך נישט פאָרקומען אין דער עפנטלעכקייט, אין דער אָנוועזנהייט פון מאַסן מענטשן (היינט איז שוין דאָס אויך מעגלעך), נאָר אויך פון מחשבההדיקער זנות. ביי אַנדערע פעלקער האָט מען דערויף ווייניק אַכט געלייגט און די קאָנסעקווענצן זענען גוט באַקאַנט.

הערות

א

1 „אונדזער צייט", ניו־יאָרק, נאָוו., 1974, וועגן דער לילית אין הויכע פענצטער אין ענגלאַנד, אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער.

2 זע, Private Letters of the World's Great Lovers, Editel by Jeanne Georgette, New York, 1943.

ב

1 פרשנות המקרא היהודית בהיסטורי' העולמית, גאָלאַמב יובל-בוך, ז"ז 765-770.

2 זע, Eva Braun, Hitler's Mistress, by Nerin E. Gun, Meredith Press, N. Y. 1968.

3 אַ מאַן, ווי דזשאָן דעניס פּראָפיומאָ, ענגלאַנדס קריגס-מיניסטער, איז ווענעס שוץ, ס'איז געלעגן דער גורל פון גרויס-בריטאַניע — אַ באַוויבטער מיט אַ שיינער יונגער אַקטריסע... פאַרליבט זיך און וויל האָבן אינטימע באַציונגען מיט אַ נאָך יינגערער און אַ נאָך שענערער, דער רויטהאָריקער קריסטין קילער. דערמיט ווערט באַשטעטיקט דער אַלטער זאָג: „כי השחית כל בשר את דרכו" — זוכנדיק הנאה אין אַ וועלט פון לוקסוס און פאַרדאָרבנקייט.

4 זע: Gone with the Windsors, by Isles Brody, 1953.

זע אויך: H. E. Marshall, Kings & Things, pp. 392-397.

5 זע: The Woman He Loved

6 זע: The Love Life of the Duchess of Windsor since her Childhood.

7 Ladies Home Journal.

ג

1 מער וועגן דער פּרוי און איר ראָל זינט דעם באַגין פון דער מענטשהייט, אינעם ווערק פון ד"ר מירא קאַמאַראָווסקי; אין די שריפטן פון פועה ראַקאָווסקי; אין די ווערק פון שלמה אשכנזי; אין מיינע אייגענע ווערק: „באַציונג צו אַרבעט און אַרבעטער" און „באַציונג צו דער פרוי", אין י. זמורהס „נשים בתנ"ך" און אין נאָך אַ גרויסער צאָל ווערק געווידמעט דער פרויס דערגרייכונג, אינטעליגענץ און שעפערישקייט.

2 אָפּשטאַמיקע פון דער נאָרמאַן-דינאַסטיע. וויליאַם דער ערשטער (1027-1087) איז געקומען פון נאָרמאַנדי, פראַנקרייך, אַלס דוכוס (הערצאָג) פון נאָרמאַנדי און געהאַט זיין טענה, אַז אים געהערט דער ענגלישער טראָן. ער האָט אים באַזעסן מיט געוואַלד. הענרי דער ערשטער, זיין ברודער און מאַן פון פרינצעסין מאַטילדאַ — טאָכטער פון שאָטלענדישן קעניג, איז געווען דער ערשטער נאָרמאַן-קעניג פון ענגלאַנד. מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן די יחוס-קייט פון די הענריס — דער באַרימטסטער פון אַלע, איז געווען הענרי דער אַכטער, צוליב זיין תאווה-לוסט.

צו אַכצן יאָר, איז הענרי דער 8ער, געוואָרן קעניג. ער איז שוין געווען „ראוי לחופה" — ער האָט אָבער געוואָלט פלירטעווען און לעבן „פרייע ליבע", וואָס ער האָט געמוזט טאָן אין געהיים, דאָס פאָלק זאָל נישט וויסן. אָפיציעל האָט ער געהאַט זעקס ווייבער, געהאַלטן אין איין טוישן — און קיין זון איז אַלץ נישט געקומען — און ס'האָט זיך געטאָן אין ענגלישן הויף, אין די דעמאָלטיקע גרויסע קעניגלעכע הויפן, און ביים פויפסט, וואָס האָט זיך באַטראַכט אַלס פאָטער פון אַלע קריסטן — זע:
H. E. Marshall, Kings & Things, Thomas Nekson and Sons, 1962

3 איר ראָל אין דער ענגלישער געשיכטע, אירע הויף-אינטריגעס — דאָס אַלץ איז גוט באַקאַנט. זע אויך די דערמאָנטע ווערק פון ה. מאַרשאַל, ז"ז 251-270.

ד

1 ערשטער באַנד, מעקסיקע, 1968, ז"ז 197-198.

2 נאָבקוקן איןביידע בענד.

3 אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע".

4 נומ' 40, 1864.

5 דאָרט, ז' 211.
6 זע, הקדמה צו לאַסאַלס ווערק, אַרויסגעגעבן אין 1919; זע אויך גוסטאַוו מאַיערס לאַסאַל-ביאָגראַפיע, אַרויסגעגעבן אין זעקס בענד.
7 זע, „באַציונג צו אַרבעט און אַרבעטער" און „באַציונג צו דער פרוי" — אויספירלעכער.

ה

1 א. א. ראָבאַק, אין זיין ווערק „דער פאָלקסגייסט אין דער יידישער שפּראַך", פּאַריז, 1964, ז"ז 20-691, 533, פאַרנעמט זיך מיט די עטימאָלאָגישע וואָרצלען פון די ווערטער, די מיינונגען פון געזעניוס, וואַגענזייל און אַנדערע און דעם באַנוץ פון זכר-נקבה אין יידישן פאָלקס-לשון.
2 אין מיין ווערק, „באַציונג צו דער פרוי", ערשטער באַנד, 353, 421, 415, אויספירלעכער. איך האָב זיך באַנוצט מיט י. י. שוואַרץ-איבערזעצונג. אין צבי שטאָקס איבערזעצונג: נעם מיך אונטער די פליגל דיינע/ און זיי אַ מאַמע, אַ שוועסטער מיינע; / אָן אַנטרינונג פאַר מיין קאָפּ זאָל זיין דיין שויס / די נעסט פאַר מיינע פאַרשטויסענע תפילות — דיין הויז... און נאָך אַ סוד זאָג מיר, און ניט פאַרזאַם / מיין זעל ווערט פאַרברענט אין איר פלאַם; / מ'זאָגט, ס'פאַראַן ליבע אויף דעם פלאַנעט, / וואָס איז עס אַזוינס ליבע? זאָג מיר, כ'בעט... א. פאַרשער (י. און ח. מלאַטעק) אין „פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע" ווידמען אַ צאָל נומערן „פאָרווערטס" די איבערזעצונגען פון ביאַליקס: „הכניסיני".
3 שמואל, ב', י"ב.
4 בראשית, ו', י"ב.
5 דאָרט, ח', י"ז; ט', א'.
6 וועגן דעם — אין ערשטן פּרק.
7 ווי מפרשים ווייזן אָן, האָט דער „לא תחמוד" דערהויבן דאָס יידישע פאָלק צו די העכסטע הייכן פון מאָראַל און עטיק, אָפּשוואַכנדיק דעם עגאָיזם און איינהאַלטנדיק דאָס גייעג נאָכן מאַטעריאַליזם. זע:
Cyrus H. Gordon, The Background and Character of Biblical Israel, Vol. II, Edited by Moses A. Shalvas, Chicago, 1966, pp. 8-9.
8 אבות, ד', א'. זע, פּראָפ' שמואל קרויס, גבורים וענקים, ספר השנה ליהודי אמריקה, כרך י'-י"א.
9 תנא דבי אלי' רבה, י'.
10 רש"י, לויט מדרשים און אגדה.
11 סנהדרין, פּרק בן סורר ומורה און רש"י אויפן אָרט.
12 דברים, י"ז, י"ז.
13 מלכים, א', י"א, ד'.
14 קהלת רבה, ט', י"א.
15 אין די שאלות ותשובות ספרים געפינט מען אויסטערלישע געשעענישן. וועגן אייניקע תאווה-געשעענישן, האָבן מיר אין פריערדיקן ווערק שוין דערמאָנט. ס'איז מיר אויסגעקומען לעצטנס צו בלעטערן אין נחום סאָקאָלאָווס „האסיף", „הצפירה", באַזונדערס אין „ספר השנה" פון יאָר תרס"א, פעלט דאָרט נישט קיין תאווה-שילדערונג, גאַרנישט היגטערשטעליק פון די הייניטיקע סעקס-ראָמאַנען. דערמאָנען אייניקע דערציילונגען: יהודי אוהב שפחות, עלמה להאהב, דרשות מני קדם (וועגן שיינקייט, עסטעטישקייט, שיינע פרויען) אאַז"וו.
16 אין אַן אַרטיקל אין ניו-יאָרקער „טיימס" (זונטיק, יאַנואַר 26, 1975), ראָבערט מ. קאַר, דירעקטאָר פון דער „מעטראָפּאָליטען ניו-יאָרק נוירסינג האָוס אַסאָס." (מושב זקנים),

אַז די אַדמיניסטראַטאָרן קוקן מיט אַ גוט אויג, ד״ה זענען מסכים און העלפן מיט „סעקס״ צווישן זקנים, אַלטע און קראַנקע מענטשן... די אַדמיניסטראַטאָרן באַנעמען און רעכענען זיך מיט דער וויכטיקייט פון דער סעקסועלער דימענסיע אין לעבן פון די עלטערע... לויט זײַנע ווערטער, דערמוטיקן זיי סעקס און דערלויבן עלטערע מענער און פרויען אין איין צימער אָן הייראַט...

אַ קאָמיטעט פון רבנים און באַלעבאַטים האָט פּראָטעסטירט קעגן אָט דער פּראַקטיק און קעגן פּובליצירן אַזעלכע נײַעסן (דער אַלגעמיינער זשורנאַל, ניו-יאָרק, פרײַטיק, יאַנואַר 31, 1975) דער פאַקט פון דערציילן אין דער עפנטלעכקייט וועגן „סעקס״-וויכטיקייט פאַר אַלטע לײַט, איז נישט אָפּגעלייקנט געוואָרן.

ג

1 סיני, בעריכת יצחק רפאל, ניסן-אייר, תשל״ד.

2 דאָרט, ז״ז ע״ד-ע״ו — אויך וועגן די פאַרשיידענע ווערסיעס אין שייכות מיטן קאַזשעניצער ניגון.

3 דאָרט, ז' ע״ט.

4 זע, ש. טענענבוים, אוצרות אין דער פינצטער, ז״ז 278-279.

5 Challenging Years, the Autobiography of Stephen Wise, G. P. Putnam's Sons, New York, 1949.

באַזונדערס דאָס קאַפּיטל „איך געדענק רוזוועלטן״, ז״ז 216-232. ער שטעלט אים אין איין רײַ מיט אייבערהעם לינקאָלן.

6 די אינטערעסאַנטסטע כאַראַקטעריסטישע שילדערונג פון רוזוועלט, איז געקומען פון מיס פּוירקינס — די אַרבעט-מיניסטאַרשע — וואָס האָט אים אָבסערווירט פון דער נאָענט. איר ווערק: The Roosvelt I Knew

כדאי אויך אַ בלעטער צו טאָן אין: The Time Between War

7 פּרעזידענט קענעדי איז געבוירן געוואָרן אין באָסטאָן, אין יאָר 1917, געווען פּרעזידענט אין די יאָרן 1963-1966; דערשאָסן געוואָרן דורך אַ מיסטעריעזן רוצח, פרײַטיק דעם 22סטן נאָוועמבער 1966 אין עלטער פון 44 יאָר.

8 „כל מה שברא הקב״ה, זכר ונקבה בראם״ — בבא בתרא, ע״ה, ע״א.

קאַפּיטל ניין

קדושה ביים נעמען אַ ווייב

א. „נעמען" אַ פרוי. — חתונה־אינסטיטוציע. — קדושין־צערעמאָניאַל. — „פלגשים"־דערלויבעניש. — רעכט פון אַ פרוי. — קדושה וואָס צוימט.

די תורה, דער תנ"ך, אָדער ווי ער ווערט גערופן ביי די סעקולאַריסטן, די ביבל, איז לכל־הדעות, אַפילו ביי די ראַדיקאַלסטע אַטעיִסטן, אַ קוואַל פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפונקט, אַ גרונט־דאָקומענט פאַר דער יידישער אמונה. זיי מוזן אויך צוגעבן, אַז דער תנ"ך איז דער יסוד פון דער מענטשלעכער עטיק אין דער ציוויליזירטער מאָראַל, שוין נישט רעדנדיק פון רעליגיעזער דערהויבנקייט.

די דאָזיקע סעקולאַריסטן און אַטעיִסטן מוזן אויך צוגעבן, אַז וואָס שייך משפחה־גאַנצקייט, איז יהדות באַזירט אויף תנ"ך און תלמוד, אַ יסוד אויף וועלכן ס'האַלט זיך דער בנין: די פרוי איז אַ „צלע", אַ „ריפּ" פונעם מאַנצביל און במילא איז זי גלייכבאַרעכטיקט מיטן מאַן; אויב דער מאַן האָט מער גבורה און איז צוליב דעם געוואָרן דער פּרנסה־באַזאָרגער, איז זי, די פרוי, די עקרת־הבית. זי בויט די היים, טוט אַכטונג אויף די קינדער אוןביידע צוזאַמען שטעלן אויף אַ משפחה־לעבן; ביידע האָבן די זעלביקע רעכט אויף אַלץ וואָס ליגט אין מענטשלעכן באַוווסטזיין און ווילזיין — און במילא אויפן סאָציאַלן, אַקאַדעמישן, ליטעראַרישן און פּאָליטישן געביט.

אין דער תורה, ווי באַקאַנט, ווערט די חתונה אָנגערופן „קיחה" — נעמען, „כי יקח איש אשה" [1]. די ליטעראַטור וועגן דעם לשון קנין, פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין תלמוד און אין די ספרי הפוסקים. אין אונדזער ווערק וועגן דער באַציִונג צו דער פרוי, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויספירלעכער אויף די אופנים פון קדושין און פאַרוואָס דאָס נעמען אַ פרוי ווערט גערופן קדושין [2]. ווי אַזוי מ'זאָל עס נישט וועלן דערקלערן [3], בלייבט אַלץ דער פאַקט, אַז דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי קומט פאַר נאָכן צערעמאָניאַל און ריטואַל פון קדושין, וואָס איז אָן ספק אַן אָנוווּנק, אַז דער זיווג דאַרף זיין געהייליקט. וואָס מיינט געהייליקט?

אויף דעם פּסוק „קדושים תהיו" [4] קאָמענטירט דער זוהר: „דכד מטאן חבריא לפרשתא דאָ הוו חדאָן" — ווען די הייליקע חברותא איז געקומען צו דער דאָזי־קער פרשה, האָבן זיי זיך געפרייט. וואָס איז געווען די פרייד?

רש"י לערנט, אַז דער פאַרלאַנג צו זיין הייליק מיינט — זיין געהיט פון עריות.

דער פירוש פון רש"י איז געבויט אויפן זאָג אין תורת־כּהנים אויף דער דאָזיקער פּרשה. דער רמב"ן גייט אַ ביסל ווייטער אין דער אינטערפּרעטאַציע פון קדושה: מ'זאָל זיך הייליקן אַפילו אין דעם וואָס איז דערלויבט, לויטן מאמר „קדש עצמך במותר לך". אין פּשוטע ווערטער — זיך קאָנטראָלירן, איבערהויפּט אין תאווה, אַפילו אַזאַ וואָס איז דערלויבט און פון וועלכער מ'טאָר זיך נישט אין גאַנצן צוריקהאַלטן.

אין חסידישע ספרים זוכט מען צו פאַרבינדן דעם געדאַנקען־גאַנג פון ביידע מפרשי התורה: רש"י און רמב"ן [5]; אויף ביידע קען מען זאָגן: „אלו ואלו דברי אלקים חיים". דער רמב"ן שטרעבט צו העכערער קדושה אין די דערלויבטע אָנגעלעגנהייטן, נישט זיין פאַרטאָן אין אכילה, אין טרינקען, איינזאַמלען וואָס מער געלט, וואָס מער פאַרמעגן. דער וואָס קאָנטראָלירט זיך, איז „קדוש יאמר לו".

דעם גרעסטן קאָנטראָל דאַרף דער מענטש אַרויסווייזן אין עסק „המשגל", אינעם לעבן צווישן מאַן און פרוי, אין געשלעכט־פאַרקער. די פרייד פון דער חברותא איז באַשטאַנען אינעם פאַרלאַנג צו זיין געהיט און אויסגעהאַלטן אין קדושת הברית, וואָס איז לויט קבלה: „גושפנקא דקדושה"... און ווען מען פאַרנעמט זיך מיט קאָנטראָלירן אָט די דאָזיקע תאווה, קומט שוין אָן גאָר לייכט דאָס קאָנטראָלירן זיך אין אַנדערע תאוות.

„בכל מקום שאתה מוצא גדר ערוה, אתה מוצא קדושה" — עס איז דער טויער צו הייליקייט, צו אַ הייליק לעבן.

נישט קיין וווּנדער איז די תקנה, אָדער מינהג, צו לייענען די פּרשה פון עריות יום־כּיפור צו מינחה, כּדי דער הייליקסטער טאָג אין יאָר זאָל זיין געווידמעט צום הייליקסטן געבאָט. ווי ד"ר יעקב נאַכט באַמערקט, האָט דער מינהג געהאַט צו טאָן דערמיט, וואָס יום־כּיפור איז געווען דער טאָג פון „מחולות", פון טענץ און בענקשאַפט צווישן יונגע פאַרלעך און כּדי אויסצומיידן הפקרות און „פּרצות" (אין זיין לשון), האָט מען באַשטימט צו לייענען די פּרשה פון עריות („אחרי מות"). אַ רמז צו באַשטעטיקן זיין השערה האָט ער געפונען אין דער מעשׂה, וואָס ווערט איבערגעגעבן: „אמר לי' אלי' לרב יהודה: אמריתו אמאי לא אתי משיח והא האידנא יומא דכפורי היא ואיבעיל כּמה בתולתא בנהרדעא" [6] און נאָך אַ מעשׂה: „שהוא ובנו בעלו נערה המאורסה ביו"כ" [7]. עפּעס גראַד אינעם הייליקן טאָג האָבן פּאַסירט אַזעלכע מעשׂים אשר לא יעשׂו; מעשׂים וועלכע פּאַסן זיך צו דער היינטיקער, פרעכער און פאַרשייטער וועלט. די יידישע מאָראַליסטן, ווילנדיק דאָס צוימען, ווילנדיק אַרויסרופן הייליקע תשובה־מאָמענטן, האָבן דעריבער איינגעפירט די דאָזיקע מינהגים.

ווי מיר האָבן געזאָגט, איז, לויט תורת־כּוהנים, דער פאַרלאַנג „איר זאָלט זיין הייליק", געמיינט — איר זאָלט זיך הייליקן און צוימען, נישט עובר צו זיין אויף

עריות־געבאָטן, און ווי ספרים גיבן צו, זיך בכלל צו קאָנטראָלירן אין תּאווה און אין געשלעכט־פאַרקער; דער זאָג „כּי קדוש אני" ווערט אינטערפּרעטירט: „שאָם אתם מקדשים עצמכם, מעלה אני עליכם כּאלו קדשתם אותי" [8]

די קדושה פונעם ייִד איז „מקדש שם שמים", דערהויבט און הייליקט די הימלישע פּירערשאַפט. רש"י שטאַרקט דעם דאָזיקן געדאַנק מיטן ציטירן פון מדרש: „שכּל מקום שאתה מוצא גדר ערוה, אתה מוצא קדושה". די שייכות פון פּרשת קדושים צו דער פריִערדיקער פּרשה, איז צוליב געהיטקייט ביים געשלעכט־לעבן פאַרקער; „ולא תעשׂו מכּל התועבות האלה", און ווי עס ווערט געזאָגט אין ירושלמי: „כּל הפּורש מן הערוה נקרא קדוש" [9].

אַזעלכע מאמרים וועגן קדושה, הייליקייט אינעם יחידיש־פּריוואַטן און ציבור־דיקן לעבן, געפינען מיר אין תּלמוד, מדרש, קבלה, ספרי חסידים, הלכה און דרוש, ווייל דאָס איז געווען אַ באַדינג פאַר קדושה אינעם ייִדישן און מענטשלעכן לעבן.

די עריות־פאַרבאָטן ווערן אויסגערעכנט אין דער פּרשה „אחרי מות" — אָבער אין דער ווייטערדיקער פּרשה, „קדושים", ווערן אָנגעגעבן עטלעכע עריות־פאַרבאָטן און צווישן זיי: נישט צו דערלאָזן די טאָכטער זאָל ווערן אויסגעלאָסן — „אַל תּחלל את בתּך להזנותה ולא תזנה הארץ" [10] און ווייטער: „ואיש אשר ינאף את אשת איש, אשר ינאף את אשת רעהו" און אַזוי אַנדערע פאַרבאָטן, אויף וועלכע ס'קומט טויטשטראָף, אויב ס'זענען דאָ עדות און ס'איז געווען „התראה" — וואָרע־נונג! אויף אייניקע פאַרברעכנס קומט די שטראָף פון „חנק" (אשת־איש); אויף אַנדערע — סקילה (אשת־אָביו); אויף אַנדערע — שׂריפה (אשה ואמה); אויף אַנדערע — כּרת און אויף אייניקע עבירות בלויז אַ „לאוו" — אַ שטראָף פון מלקות.

מיר מיידן אויס די הלכהשע אַספּעקטן, ווייל אונדזער אינטערעס איז דער עיקר די מאָראַלישע זייט און ווי רש"י קאָמענטירט, איז די פּרשה געזאָגט געוואָרן בהקהל, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען פאַרזאַמלט; סיי מענער און סיי פרויען, האָבן זיך געדאַרפט צוהערן צו די דאָזיקע געבאָטן. דער אבן עזרא דריקט זיך אויס, אַז דער כּל עדה האָט אייגעשלאָסן גרים: „להכניס את הגרים... שהם נזהרים על העריות... שישמרו כּל המצוות". דער רמב"ן אַנטוויקלט דאָ אַ גאָר נייעם געדאַנק, אַז קדושה מיינט זיך צו הייליקן אַפילו אין די הינזיכטן וועלכע זענען דערלויבט.

אין זיינע ווערטער:

„...אויב דער בעל־תּאווה וועט געפינען אַ וועג צו זיין אַריינגעלאָזט אין אומ־אויפהערלעכן פאַרקער מיט זיין ווייב, אין נעמען זיך אַ סך ווייבער און זיך איבערגעבן צו תּאווה, אַפילו דערלויבטע תּאווה — צו פרעסן און זויפן און, נאָך מער, צו זיין אַ „נבל ברשות התּורה"... אויף דעם קומט דער אַלגעמיינער געבאָט: „קדושים תּהיו" — איר זאָלט זיין הייליק, זיך קאָנטראָלירן און זיך באַגרענעצן

אַפילו אין זאַכן וועלכע זענען דערלויבט, ווי די חז״ל האָבן געזאָגט: „שלא יהי׳ תלמידי חכמים מצויין אצל נשותיהן כתרנגולין ולא ישמש אלא כפי הצריך בקיום המצוה״.

מיר וואָלטן באמת געדאַרפט ציטירן דעם דאָזיקן רמב״ן אין פולן, אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע מאָראַל־לערע, אָבער מיר מוזן אָפּשיקן דעם לייענער צו לערנען און שטודירן אַזאַ וויכטיקע אָפּהאַנדלונג אין אָריגינאַל, וואָס לויטן זוהר, איז עס „כללא דאורייתא״. די דאָזיקע קאָנטראָלירטקייט ברענגט אַריין קדושה אין יידישע הערצער. צוליב דעם שטאַרקן קאָנטראָל און אָפּהאַלט פון תאווה, זענען אַ צאָל תנאים און אמוראים געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל: קדוש. צוליב דעם ווערט רבי יהודה הנשיא גערופן „רבינו הקדוש״ [11].

ר׳ צדוק הכהן פון לובלין, אין זיין שמועס וועגן קדושה, איבערגעפּולט, ווי זיין שטייגער, מיט אומפאַרגלייכלעכער בקיאות, באַרירט דעם ענין פון מדרגות, שטאַפּלען אין קדושה [12]; ער ווייזט אָן אויף אַ מדרש, אַז דער פאַרלאַנג פון קדושה איז פאַרבונדן מיטן פאַרלאַנג, יידן זאָלן זיך דערהייבן מלכותדיק: „אני מלך ואת מלכה״... אָבער דאָס איז שוין אַ טיפער ענין, וואָס מיר וועלן נישט וואָגן אַריינ־צולאָזן זיך אין אים.

מיר האָבן פאַרשיידענע פּאַראַדיעס אַרום דער אַלעגאָריע: גאָט איז דער מאַן; כנסת ישראל — די פרוי. ביי די נביאים הושע (ב׳, כ״א־כ״ב) ירמיה (ג׳, י״ד; ל״א, ל״א) געפינט מען שוין אַזעלכע אויסדרוקן. שיר השירים, ווי געזאָגט, ווערט גערדרשנט — אַ דיאַלאָג צווישן געליבטן גאָט און דער געליבטער כלה, כנסת ישראל.

ר׳ ישראל נג׳ארה (1628־1555), פון די „גורי האר״י״ אין צפת, האָט פאַרפאַסט אַ „כתובה״ צו לייענען שבועות, דער טאָג פונעם שידוך ביים באַרג סיני. דער חתן זאָגט צו: אַ תוספות — כתובה — „מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש באורייתא, ספרא וספרי, אגדה ותוספתא...״.

די דאָזיקע כתובה האָט ר׳ חיים וויטאַל (1620־1543) שטאַרק קריטיקירט, זיך אויסדריקנדיק: „פיו דובר נבלה״. ס׳האָבן אָבער אַנדערע מחברים אים נאָכגע־פאָלגט מיט תנאים־ און כתובה־טעקסטן צווישן קודשא־בריך־הוא און כנסת ישראל, באַזירט אויפן מדרש: „ביום חתונתו — זה סיני וביום שמחת לבו — זה מתן תורה (זע, עקיבא בן עזרא, קריאת תנאים וכתובה בחג השבועות, הצופה, ה׳ סיון, תשל״ה).

די שטראָפן פון עריות־פאַרברעכנס זענען גאָר שטאַרקע: ס׳קומט כרת, אויב מען איז באַגאַנגען דעם פאַרברעך במזיד — ווילנדיק און וויסנדיק — און ביידע, מאַן און פרוי, הבועל והנבעלת... ביידע קריגן דעם דאָזיקן עונש [13]. שפּעטער קומען די אונטערשיידן: אויף אייניקע קומט בלויז כרת (הבא על אחותו ועל אחות אביו...) אויף אייניקע — טויטשטראָף: סקילה (אויב ער האָט אַ געשלעכטלעכן

פארקער מיט דער מוטער, אדער זיין פאטערס ווייב); שׂריפה (אויב ער האט פארקער מיט דער טאכטער פון זיין ווייב...); חנק — אויב מ'האט א פארקער מיט אן אשת־איש . ביי א כהנס טאכטער איז דער דין — אויב זיי באגייען דעם פאר־ברעכן ווילנדיק, קומט דעם מאן חנק און איר שׂריפה. ביי א כלה, א פארקנסטע, א נערה המאורסה — קומט ביידן סקילה[14].

דאס קינד וואס ווערט געבוירן פון חייבי מיתות בית־דין, איז לויט אלע דעות און מיינונגען — א ממזר און — „לא יבא בקהל ד׳" — טאר נישט חתונה האבן מיט א יידיש מיידל, אדער מיט א יידישן בחור. וועגן חייבי כריתות זענען שוין דא חלוקי־דעות, לויט ר׳ יהושע איז דאס קינד נישט קיין ממזר פון דער תורה...[15] ס'זענען דא חלוקי־דעות וועגן די פארבאטן, אויף וועלכע ס'קומט נישט קיין איינער פון די טויטשטראפן, אבער זיי זענען אין דער קלאסיפיקאציע פון „לאוו" — פאר־באטן. איז א פראגע, צי לויט דער רבנן־תקנה איז דאס קינד א ממזר אדער נישט[16]. ס'איז אויך א חילוק, צי די פרוי וואס האט מזנה געווען איז פארבאטן סיי צום מאן און סיי צו דעם געליבטן, אדער דער פארבאט איז בלויז צו א „מחזיר גרושתו" — אויב א מאן האט געגט זיין ווייב און זי האט נאך דעם חתונה געהאט מיט אן אנדערן, און שפעטער פארלאזן דעם אנדערן און צוריקגעקומען צום ערשטן. לויט רבי עקיבאן, איז א געבוירן קינד פון א געשלעכט־פארקער, וואס דער פארבאט איז פארזען אפילו בלויז מיט א „לאוו" — א ממזר[17].

ווי מיר זעען, איז רבי עקיבא פון די שטרענגסטע פוסקים וואס שייך פאמיליע־לעבן, וואס שייך פאמיליע־ריינקייט. ווען א יידישע טאכטער האט פארקער מיט אן עכו"ם, (מיט א נישט־יידן) אדער מיט א קנעכט, א כנעני, איז דאס קינד פגום, פסול חתונה צו האבן מיט א כהן.

ווו נאר ס'איז געווען א געפאר פון הפקרות, איז דער דין זייער א שטרענגער.

דאס אפהיטן ריינקייט אינעם פאמיליע־לעבן האט נישט צו טאן מיט קיין ראסיזם, אין דעם זין ווי מיר פארשטייען עס היינט. אין יהדות איז נישטא קיין ראסן־פאראורטיילן, אדער ראסן־טעאריעס, ווייל באלד ביים באגין האט מען גע־לערנט מיטן ייד, אז אלע מענטשן שטאמען פון איין מענטש און די גאנצע מענטשן־משפחה איז ווי איין ארגאניזם. עס איז אבער געווען דער ווילן פון באשעפער צו האבן אן עם־סגולה, א געלייטערט פאלק, א הייליק פאלק — און די זרע־אברהם זאל האבן די דאזיקע שליחות צו אלע פעלקער: א קאנצעפט וואס גייט דורך די קאנאלן פון אלע שעפערישע כוחות, זינט דער ביבלישער תקופה. די דאזיקע אויסדערוויילטקייט האבן יידן גענומען אויף זיך ביים מעמד הר סיני און איז עד־היום א לעבנס־נויטווענדיקייט.

סעקס, אויף א נאטירלעכן אופן, איז דערמוטיקט געווארן. מצווה פון פריה ורביה איז אפילו אויף דער עלטער וויכטיק — אבער סתם צעווילדעוועטער

תאווה־יצר צווישן אַ ער און אַ זי, — קעגן דעם האָבן די מאָראַליסטן שטאַרק געוואָרנט.

האַבנדיק דעם דאָזיקן מאָראַלישן יסוד, האָבן די חכמי התלמוד געאורטיילט: „אין קדושין לעכו״ם״ [18], אַז קיין לעגאַלקייט פון געמישטקייט אין פאַמיליע־לעבן זאָל נישט דערלויבט ווערן, כדי אַזוי אַרום אויסמיידן הפקרות. אַ ייִד וואָס לעבט מיט אַ נישט־ייִדישע פרוי, מיט אַ כנענישער, וועגן וועלכער ס׳ווערט געזאָגט „לא תתחתן״ [19], איז דאָס קינד אַ כנעניש־קינד און זיין מוטער איז נישט קיין געזעצלעכע פרוי.

די חכמי־התלמוד, ווילנדיק פאַרהיטן ייִדישע מענער זאָלן נישט חתונה האָבן מיט נישט־ייִדישע פרויען און ייִדישע פרויען זאָלן נישט חתונה האָבן מיט נישט־ייִדישע מענער, האָבן איינגעפירט די שטרענגסטע תקנות און אַנולירט אַזעלכע געמישטע חתונות באַהויפּטנדיק, אַז אַ נישט־ייִדישע פרוי ווערט נישט באַטראַכט פאַר אַן אשת־איש.

די אַלגעמיינע באַציִונג צו דער ערלעכער פרוי, אַפילו דער נישט־ייִדישער, איז תמיד געווען אַ דרך־ארצדיקע; דער דינסט ביי רבין האָבן די חכמים אַרויס־געוויזן דעם געהעריקן רעספּעקט און זיך גערעכנט מיט איר מיינונג [20]. גוטע נישט־ייִדישע מינהגים זענען געלויבט געוואָרן.

רבי עקיבא זאָגט: מיט דריַי זאַכן האָב איך ליב די מדיים (מעדיער): ...זיי קושן אין האַנט און נישט אין מויל. רבן גמליאל לויבט צוליב דריַי זאַכן די פּרסיים (פּערסיער) ווייל זיי זענען צניעותדיק אין זייער געשלעכט־פאַרקער — „וצנועין בדבר אחר״ [21], נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיי וועלן האָבן דאָס גיהנום צוליב אַנדערע זינד.

דרך־אגב: רש״י לערנט, אַז דאָס קושן אין האַנט איז חשובער ווי קושן זיך מויל צו מויל. דער מהרש״א האַלט, אַז דאָס קושן ליפּן צו ליפּן, ליבע־קושן, האָט צו טאָן מיט צניעות און בלויז צווישן מאַן און פרוי; און וואָס שייך דעם „למקודשי״ [22], האָט עס צו טאָן לויטן מאמר [23], אַז לעתיד לבוא, וועלן די פעלקער ווערן געמשפּט פאַר זייער חרוב מאַכן דעם בית־המקדש, און די פּערסיער, קומענ־דיק נאָך די בבלער, וועלן טענהן, אַז זיי, די בני־בבל, האָבן חרוב געמאַכט און די פּערסיער האָבן גאָר געהאָלפן אויפבויען דעם בית־המקדש, וועט עס זיי אָבער ווייניק העלפן, צוליב זייער אויסגעלאַסנקייט... דערפון איז צו דרינגען, אַז אַפילו ווען זייער קושן איז געווען צניעותדיק, ווי רבי עקיבא און רבן גמליאל האָבן זיי געלויבט, איז אָבער זייער לעבן ווייט געווען פון צניעות.

ס׳דאַרף אויך געזאָגט ווערן, אַז דער חורבן פון בית־ראשון איז געווען, ווי מיר זעען ביי די נביאים, צוליב עריות ביי ייִדן; אָבער ביים בית־שני זענען ייִדן געווען אויסגעהיילט פון דער פורעניות, פון עריות־יצר־הרע און גאָר געליטן

פון שׂנאת־חינם, ברידערקריג, סעקטעס און פּאָליטישע פּראַקציעס ביי די רעגירנ־דיקע מענטשן. היסטאָרישע פאַקטן ווייזן, אַז אויך די פאַרשייטקייט און סעקס־אָרגיעס זענען אָנגעגאַנגען ביי ייִדן ווי ביי די פּערסיער און רוימער. הורדוס איז דער פּראָטאָטיפּ פון אַ מלך וואָס האָט געהאַט געגוג פּראָבלעמען, און דאָך זיך גענומען צייט אויף נישט מאָראַלישע אָרגיעס.

אין זיין „סאַלאָמאַ״, די וואַנדערנדיקע ייִדישקע, שילדערט ווירעק [24] די הורדוס־תקופה, די הויף־סקאַנדאַלן, רציחות און זנות און ווי די פּרינצעסין סאַלאָמאַ־שולמית האָט נישט געקענט צוזען די פּרעכע אויפפירונגען פון איר זיידן, ווי ער הרגעט אייגענע ווייבער און קינדער און פּראַוועט האָמאָסעקסועלע מעשׂים מיט רוימישע גענעראַלן.

די ייִדישע מאָראַל האָט געלערנט, אַז מען דאַרף זיך לאָזן טויטן און נישט עובר זיין אויף שפיכת דמים, עבודה זרה און גילוי עריות [25]. מען טאָר נישט דערלאָזן ביי ייִדן אַ „קדשה״, אַ ייִדישע טאָכטער זאָל ווערן אַ זונה. יעקב אָבינוס קינדער שרייען אויס: „הכזונה יעשה את אחותינו״ [26]; דער „אַל תחלל את בתך להזנותה ומלאה הארץ זמה״ [27], איז אַ שטאַרקע וואָרענונג פאַר די וועלכע ווילן האָבן אַ לאַנד, לעבן אין שלום. די שיינע ייִדישע מאָראַל, ווי די חז״ל גיבן איבער, איז באַוווּנדערט געוואָרן פון נישט־ייִדן: דער גאָט פון די ייִדן האָט פיינט זנות — „אלוהיהם של אלו שונא זמה״ [28].

ס'איז דעריבער נאַטירלעך דער פאַרבאָט, אָדער, אַמווייניקסטנס דאָס אַנט־מוטיקן צו נעמען „פלגשים״ — פרויען אָן חופּה־קדושין — בלויז צוליב תּענוג און געשלעכט־תּאווה.

אמת, ביי די ראשוני הפוסקים, זענען אָנגעגאַנגען מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן נעמען פלגשים. דער רמב״ם פאַרבאָט צו נעמען פלגשים, ווייל דאָס פירט צו אויסגעלאַסנקייט; דאַקעגן דער ראב״ד, זיין בר פלוגתא, איז מתיר צו נעמען אַ „פלגש״.

דאָס איז אייגנטלעך אַ געביט אויף וועלכן ס'האָט רעכט זיך אַרויסצוזאָגן בלויז אַ רב־מומחה בטיב גיטין וקדושין, ווייל דאָס נעמען אַ פלגש, ברענגט מיט זיך נאָך אַ פּראָבלעם — צי זי דאַרף האָבן אַ גט, צי זי ווערט באַטראַכט פאַר אַן אשת־איש. לויט ר׳ שלמה חעלמא, דעם בעל „מרכבת המשנה״, איז זי אַן אשת־איש, ווי אַ לעגיטימע פרוי, און דאַרף האָבן אַ גט. ווי דער ערוך השלחן פּסקנט, דאַרף יעדעס מיידל וואָס לעבט מיט אַ מאַן, אַפילו בזנות, האָבן אַ גט, ווען זי וויל זיך באַפרייען פון אָט דעם אינטימען יחוד.

נעמט מען בלויז אַ ריר טאָן דאָס פלגשים־פּראָבלעם, שווימט מאָמענטאַל אַרויף די פראַגע פון ציווילע חתונות, ווי מען רופט עס אין די הוראה־ספרים, „נשׂואין אזרחיים״ — נאָך אַלץ אַ „ברענענדיקע״ פראַגע פאַר רבנים־פּוסקים:

אייניקע האַלטן ווי דער ריב"ש, אַז אַזעלכע דאַרפן נישט האָבן קיין גט ביים שיידן זיך. אַנדערע זאָגן זיך אַרויס מיט דער פולער אויטאָריטיווער שאַרפקייט, אַז זיי מוזן האָבן אַ גט.

די גדולי האחרונים, ווי ר' יצחק שמעלקעס [29] איז מסופק וועגן איר סטאַטוס און פירט אויס, „ויש לחוש לקדושי ביאה"... ר' חיים עוזר איז נוטה להקל, וויל מקיל זיין [30]. ר' יוסף ראָזן, דער דינאַבורג־ראָגאַטשעווער גאון, איז שטאַרק מחמיר, און אַזוי האַלטן די מערסטע רבנים. אייניקע ווילן דווקא, אַז יעדע שאלה אין דער הינזיכט זאָל באַהאַנדלט ווערן אינדיווידועל [31].

דער יידישער לעבנס־שטייגער האָט דערהויבן לעגאַלע־אָפיציעלע חתונות, געהאַלטן אַז דאָס צוזאַמענפירן בחור ובתולה איז פון דער סאַמער העכסטער פרייד און איינגעפירט פאַרשיידענע מינהגים צו שטאַרקן דעם צוזאַמענבונד, ווי אַ געטלעכע ברכה:

אַ חופה זאָל זיין אונטערן פרייען הימל — צו האָבן הימלישע ברכה און איבערדעקט פון הימלישע מזלות וכוכבים...

אַ חופה־רינגל אָדער אַ קדושין־רינגל מיט אַ כתובה — אַ צערעמאָניאַל וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן דורך אַ רב אַ מסדר־קדושין, וועלכער איז באַרופן צו אָט דעם צערעמאָניאַל און ריטואַל.

אַ כתובה וואָס זיכערט דעם צוזאַמענלעב און
שבע ברכות!

וועגן דעם נוסח פון קדושין, זיין אָפשטאַם און גלגולים דורך אַלע דורות און תפוצות, איז אַ סך געשריבן געוואָרן [32]. דער אָנגענומענער נוסח: „הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל". דאָס וואָרט „קדושין" מיינט צוגע־גרייט... אָבער זיין טאָפלטער מיין און באַטייט איז געהייליקט. די פרוי איז גע־הייליקט צום מאַן און ביידע זענען געהייליקט דורך דעם געטלעכן בונד און פאַר־לאַנג: „פרו ורבו" אויף דעם דערלויבטן אופן.

די כתובה האָט איינגעפירט שמעון בן שטח, דער ברודער פון דער קעניגין שולמית (שלומציון) אלכסנדרא. ער האָט דעם דאָזיקן דין איינגעפירט צוליב דער דעמאָלטיקער געפאַר, די פרוי זאָל, אין פאַל פון אַ גט, אָדער ווערנדיק אַן אלמנה, נישט בלייבן אָן וועלכע נישט איז לעבנס־מיטלען.

די פרוי איז געווען דעם מאַנס אייגנטום; אויב ער האָט אויף איר געוואָרפן אַן אומחן, האָט ער זי געקענט גטן אָן שוועריקייטן און נישט געהאַט קיין שום פאַרפליכטונגען לגבי איר... איז איר מאַן געשטאָרבן, האָט זי קיין ירושה נישט באַקומען. זי איז געבליבן עלנט, איינזאַם און פאַרלאָזט. ערשט שמעון בן שטח (מסתמא האָט ער געהאַט דערויף דעם פאַרלאַנג פון זיין שוועסטער, דער קלוגער קעניגין) האָט זיך גענומען דערצו, מיטן ציל צו פאַרבעסערן דער פרויס מערכה

און איינגעפירט די כתובה ביים חתונה האָבן — אַ פאַרפליכטונג פונעם מאַן. דער דאָזיקער דאָקומענט זאָל פאַרגעלייענט ווערן אונטער דער חופה, באַלד ביים מקדש זיין די פרוי: אויב ער האָט חתונה מיט אַ בתולה, זאָל זי קריגן צוויי הונדערט זוזים און אויב ער האָט חתונה מיט אַן אלמנה אָדער גרושה — הונדערט זוזים, בכדי אין פאַל ווען זיי קענען נישט אויסקומען צווישן זיך און ער וויל זי גטן, אָדער אין פאַל ווען דער מאַן איז געשטאָרבן, פאַלט זי נישט באַלד צו לאַסט און פאַרלירט נישט איר חשיבות[33].

די און ענלעכע געזעצן האָבן געשטאַרקט דער פרויס רעכט און איר חשיבות אין דער מאָנאָבילישער געזעלשאַפט — און וועגן דעם ווייטער.

ב. תקנות צו פאַרשטאַרקן דעם חתונה-אַקט. — ראָל פון דער פרוי אַלס „עקרת הבית“. — כּבוד און חשיבות פון דער פרוי.

די גרונטלייגערס פון דער יידישער מאָראַל — פון משה רבינו ביז די „משה־שפיר קאמר“ פון יעדן דור — האָבן איינגעפירט ספּעציפישע תקנות, צו זיכערן די גאַנצקייט און די האַרמאָנישקייט אינעם יידישן לעבן. איינע פון די תקנות איז געווען — די כתובה.

לויט דער מיינונג פון רבי שמעון בן גמליאל, איז כתובה מן התורה[1]: אַ תורה־באַדינג. די תורה האָט באַזאָרגט די יונגפרוי, די בתולה, מיט אַ „מ ו ה ר“ (נישט בלויז ווען דער מאַן האָט געלעבט מיט איר, נישט זייענדיק מאַן־און־ווייב־כנהוג), ווי אַ סאָרט קאָמפּענסאַציע; נאָר יעדע יונגפרוי איז באַרעכטיקט און דאַרף ווערן געזיכערט מיט אַ סאָרט מוהר, אַן אָפּצאָל, אויב ס׳קומט צו אַ צעשיידונג. די פרוי ווערט דורך דער כתובה פאַרזיכערט מיט די מינימאַלסטע נויטווענדיקייטן, ביז זי קען זיך אויסהאַלטן אָדער האָט חתונה און דער צווייטער מאַן פאַרזיכערט איר חיונה.

אין דער תורה רעדט זיך, ווי געזאָגט, וועגן מוהר פאַר אַ בתולה, וואָס האָט געהאַט אינטימע באַציִונגען מיט אַ מאַן, און דער מאַן איז נישט גרייט חתונה צו האָבן מיט איר. אָבער ס׳ווערט געזאָגט — „כמוהר הבתולות“[2]. קען מען דערפון דרינגען, אַז דער מוהר איז אַ תורה־געזעץ בלויז פאַר בתולות. דער מוהר אָבער פאַר אַן אלמנה, איז שוין אַ תקנה פון די רבנן.

ווי געזאָגט, איז אַ מחלוקת ביי תנאים, צי די כתובה איז פון דער תורה, צי אַ תקנה פון די חכמים ביים בית־שני. רבן שמעון בן גמליאל האַלט, אַז כתובה איז פון דער תורה. ער נעמט אַן אַלס יסוד דעם אָנווייז פון „מוהר הבתולות“[3].

אַנדערע תּנאים האַלטן, אַז די כּתובה איז ערשט איינגעפירט געוואָרן אין דער צייט פון די אנשי כּנסת הגדולה, פאַר דער פרויס טובה וועגן. ס'איז דאָ אַ דעה, אַז אפילו רבי שמעון בן גמליאל האָט בלויז געגעבן די שטאַרקייט פון אַן „אסמכתּא דאורייתא" [4], בלויז אַן אָנלען אויף דער תּורה, אָבער נישט קיין קלאָר, דעפיניטיוו תּורה־געזעץ.

אויף אַן אַנדער אָרט האָבן מיר אָנגעוויזן אויפן מאמר, אַז שמעון בן שטח איז געווען דער תּנא ביים צווייטן בית־המקדש, וואָס האָט איינגעפירט די כּתובה אַלס חתונה־אַקט און אַז ער האָט עס אויסגעאַרבעט דעם טעקסט פון דער כּתובה. ער, דער אומדערשראָקענער סנהדרין־פירער, וועלכער האָט זיך געשטעלט קעגן זיין שוואָגער ינאי המלך, וואָס האָט אויף דער מסירה פון אליעזר בן פועירה אויסגעהרגעט די חכמים און בלויז ער, שמעון בן שטח, איז על־פּי נס געראַטעוועט געוואָרן, האָט אין דער נייער עפּאָכע, נאָך ינאיס טויט, פאַרשטאַרקט דאָס ייִדישע לעבן און איינגעפירט נייע תּקנות, ווי עס ווערט געזאָגט: „עד שבא שמעון בן שטח והחזיר את התּורה ליושנה".

שמעון בן שטח האָט באַקעמפט די צדוקים, רעאָרגאַניזירט דעם סנהדרין, ליקווידירט די אָבערגלויבערישקייט, די געצן־דינערייַ און זיך פאַרנומען מיטן חינוך־וועזן, מיטן פאַמיליע־לעבן. איינס פון זיינע איינפירונגען איז געווען: צו פאַרזאָרגן די פרוי וואָס גייט צו דער חופּה, זי זאָל האָבן אַ בכּבודיקע פאַרזיכערונג, איידער זי פאַרבינדט זיך מיט אַ מאַן.

מיר זעען פון דער מחלוקת־התּנאים, אַז ס'איז נישט געווען קלאָר אין יענער תּקופה, צי כּתובה איז מן התּורה. מעגלעך, אַז דער טערמין „מוהר" איז נישט געווען באַשטימט. ווי פאַרשערס ווייזן אָן, איז געווען אַ מינהג ביי אַלע פעלקער צו געבן אַ געשאַנק, אַ מתּנה, דער יונגפרוי. ביי די אַראַבישע פעלקער גייט אָן דער דאָזיקער מינהג ביזן היינטיקן טאָג: דער מאַן קויפט זיך אַ ווייב און דאָס געלט וואָס ער באַצאָלט, ווערט גערופן מוהר...

לויטן לשון אין דער כּתובה: „כּסף זוזין מאתן דחזי ליכי מדאורייתא", ווייזט אויס, אַז מ'האָט אָנגענומען, אַז דער קנין־כּתובה, איז פון דער תּורה.

דער רמב"ם שרייבט [5] „מצוות עשׂה לקחת אשה בכתובה וקידושין", און ווייטער דריקט ער זיך אויס [6]: „חכמים הם שתּקנו עיקר כּתובה לאשה". ווערט דאָס אויסגעטייטשט, אַז דאָס געבן אַ כּתובה, ווי אַ וועקסל פאַר מוהר, איז, לויטן רמב"ם, פון דער תּורה; דער טעקסט, די סומע וואָס מ'שרייבט אַריין, איז אַ תּקנה פון חכמים, לויטן תּלמוד — תּקנה פון שמעון בן שטח.

רש"י, אין דער גמרא, האָט אויף זיין אופן, אין זיין קיצורדיקן לשון, אָנגעגערירט די דאָזיקע פראַגע און אויך בקיצור געגעבן דעם ענטפער, וואָס איז אויסגעברייטערט געוואָרן אין „תּשובת רש"י" [7] אויף אַ גאָר קלאָרן, עמפאַטישן אופן:

„כל ימיו של שמעון בן שטח לא נזקק לתקנות כתובתא, אלא מפני שלא היו כותבין אחריות לכתובה והי׳ מוכר נכסין״...

דאס מיינט צו זאגן, אז ביז שמעון בן שטח האט מען נישט געדארפט קיין ספעציעלע תקנה וואס שייך כתובה־קאנטראקטן. מ׳האט געגעבן דער פרוי ביים מקדש זיין זי א געוויסע צייגעניש, אז איר קומט „מוהר״, לויט ר׳ שמעון בן גמליאל, ווי די תורה האט פארלאנגט. שמעון בן שטח האט פארשטארקט דעם דאזיקן קאנטראקט מיטן צוגאב, אז דעם מאנס פארמעגן זאל זיין א גאראנטיע פארן קאנטראקט: „שיהא כותב לה אחריות כל נכסין״ און אין לשון פון רמב״ם: „וכותב לה כל נכסין דאית לי אחראין וערבאין לכתובתך דא״.

אויב ס׳קומט צו א שיידונג, אדער די פרוי בלייבט אן אלמנה, האט זי דאס רעכט, פריער פאר אלעמען, ארויסצוקריגן איר כתובה פונעם מאנס אלע פעלדער און פון זיין גאנצן פארמעגן.

דער מקור פון רש״י און פונעם רמב״ם, איז א תוספתא [8].

די רבנן־תקנה איז אויך געווען וועגן דעם סכום: „לבתולה מאתים ולאלמנה מנה״ [9], אז פאר א יונגפרוי שרייבט מען אריין 200 גילדן און פאר אן אלמנה — א העלפט דערפון — 100. אויב מ׳וויל מוסיף זיין, האט מען רעכט. אין יענע צייטן, ווייזט אויס, איז דאס געווען א גענוגנדיקע סומע: „בזמניהם היו עניים והיה זה הרבה״ [10], ד״ה, מ׳האט געוואלט באזארגן דעם נישט־פארמעגלעכן בחור צו קענען חתונה האבן. אבער א רייכער מאן קאן פארגרעסערן דעם סכום לויט זיינע אומשטאנדן.

די כתובה איז דעריבער פשוט א שטר, „שטר כתובתא דא״ [11], וואס טראגט מיט זיך קדושה, ווייל זי ווערט איבערגעגעבן בשעת דער חתן זאגט צו דער כלה, „הרי את מקודשת לי כדת משה וישראל״. אמאל, אין ווייטן אלטערטום, האט מען שוין געשריבן דעם סכום, אבער, ווייזט אויס, אן גאראנטיע. האבן מיידלעך מורא געהאט חתונה צו האבן, טאמער האט דער מאן חרטה, ווארפט אויף איר אן אומחן און זי ווערט געגט, אן וועלכע־נישט־איז לעבנס־מיטלען, האט שמעון בן שטח איינגעפירט די תקנה: „כל נכסיו אחראין לכתובה״ [12].

אז מען פארטיפט זיך אין אט די אלע תלמודישע שטעלן, זעט מען אז רש״י און רמב״ם האבן געהאט פאר זיך אלס מקור, נישט בלויז די תוספתא, נאר דעם גאנצן שקלא־וטריא אין תלמוד בבלי און ס׳איז נישטא קיין סתירה פון איין הלכה צו דער אנדערער. שמעון בן שטח האט בלויז צוגעגעבן פרטים צום כתובה־שטר, אויסגעארבעט דעם כתובה־טעקסט און פארשטארקט דעם מינהג וואס איז, אי נויטיק פאר דער געזעלשאפט, אי פאר דער פארזיכערונג פון דער פרוי...

ס׳איז געווארן א מינהג, אז די כתובה דארף צוגעגרייט ווערן, האבן די גע־העריקע חתימות פון די עדות, קבלת־קנין פון די צדדים און ערשט דערנאך פירט

מען צו דער חופה. רבי מאיר האָט גוזר געווען אַן איסור, צו וווינען מיט אַ ווייב אָן אַ כּתובה: „אסור לו לאדם שישהה אפילו שעה אחת בלא כתובה״ [13].

די באַגרינדערס פון אָט די אַלע תקנות האָבן אין זינען געהאַט דעם ייִדישן לעבנסוועג, די הייליקייט אינעם בונד צווישן מאַן און פרוי, אַז דער זיווג זאָל אונטער דער חופה באַהערשט ווערן פון אהבה און קדושה. נישט קיין וווּנדער זענען דעריבער די פאַרשיידענע מינהגים וועגן חופה, ברכּת־חתנים אאַז״וו [14].

ס׳איז אויך געוואָרן אַ מינהג, חתן־כּלה זאָלן שטיין אונטער אַ באַצירטער חופה. דער מינהג האָט אַ מקור אין תּלמוד [15], אין מדרש [16], אין דער אגדה [17] און אין זוהר [18]. דער רבונו־של־עולם האָט ביים ערשטן שידוך געמאַכט צען טייערע חופּות, דורך וועלכע ער האָט געפירט — אָדם וחוה — דעם ערשטן זיווג: „עשׂר חופות עשׂה הקב״ה לאָדם הראשון בגן עדן וכולן של אבנים טובות ומרגליות״.

ווי עס זאָל נישט זיין, ווערט די פרוי באַזאָרגט דורך דער כּתובה מיט חשיבות און ברכה. די חתונה־אינסטיטוציע איז נישט בלויז צו באַפרידיקן מענטשלעכע תּאווה, נאָר אַריינצוברענגען קדושה אינעם מענטשלעכן לעבן. דעריבער זענען איינגעפירט געוואָרן די זיבן טעג פון משתּה ושׂמחה, באַגלייט מיט שבע ברכות. די כּלה, אין אינטימקייט, אָן אַ ברכה, איז פאַרבאָטן ווי אַ נידה: „כּלה בלא ברכה אסורה לבעלה כּנדה״. ביי די ברכות איז מען משתּף דעם רבונו־של־עולם אינעם דאָזיקן הייליקן בונד, וויל ער איז דאָך דער שותּף ביים ברענגען פרוכט פון אָט דעם בונד צווישן מאַן און פרוי.

אין שייכות מיט די שבע ברכות איז מיר לעצטנס אויסגעקומען צו זען אַ שאלה, צי אַ פרוי קאָן באַטראַכט ווערן אַלס „פּנים חדשות״, נאָכקומענדיק דעם דין, אַז די זיבן ברכות קענען נאָר געזאָגט ווערן, ווען ס׳קומט אַריין אַ נייער מענטש, וועלכער איז צווישן די פריִערדיקע נישט געווען.

נאָך אַ לענגערן פּלפּול קומט דער רב צום אויספיר [19], אַז לויטן דין וואָלט מען דער פרוי געקענט געבן די דאָזיקע אָנערקענונג, אָבער אַזוי ווי דאָס קאָן פירן צו פּריצות, צו אויסגעלאַסנקייט, אַ פרוי זאָל זיצן מיט מענער, צווישן מענער, האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן פון פאַררעכענען זי אַלס „פּנים חדשות״.

ווו נאָר ס׳איז נישט געווען קיין מורא פון פאַרשייטקייט און אויסגעלאַסנקייט, האָט מען דער פרוי געגעבן יעדן סאָרט חשיבות און איר צוזאַמענלעבן מיטן מאַן — לויטערע קדושה, אויב די חתונה איז געווען לויט דער פּראָצעדור פון רעלי־גיעזן ריטואַל.

וואָס איז דער דין מיט „נשׂואים אזרחיים״, בירגערלעכע, אָדער ציווילע חתונות?... דאָס איז נישט קיין געהייליקטער בונד, אָבער די קינדער, געבוירענע פון אַזעלכע חתונות, זענען נישט קיין ממזרים. דעריבער, דאַרף די פרוי ביים צעגיין זיך, לויטן פּסק פון דער גרעסטער צאָל רבנים, באַקומען אַ גט. ד״ה אַז

מען באַטראַכט אַזאַ פרוי ווי אַן אשת־איש. מען טאַדלט און מען פאַרדאַמט אַ בונד, אַ חתונה וואָס איז נישט כּדת משה וישׂראל, נאָר סתּם אַ לעבן „בביאה״... זי איז אָבער דאָך אַ פרוי פון אַ מאַן און קען נישט ווערן פריי, סיידן דורך אַ גט, געשריבן כּדת וכדין.

ר׳ משה פיינשטיין, דער גדול הפּוסקים אין אונדזער צייט, איז דווקא מתּיר אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן, די פרוי זאָל מעגן חתונה האָבן אָן אַ גט... ער אַנערקענט נישט קיין ציווילע חתונות און אַנולירט די אַנערקענונג פון „ידועה בציבור״ אַלס אשת־איש — אָדער ווי מען רופט דאָס אין ענגליש „קאָמאָן לאָ ווײַף״ — וואָס איז אַזוי אַקטועל געוואָרן די לעצטע יאָרן.

די פראַגע שטעלט זיך ווי האָבן רבנים דאָס רעכט צו אַנולירן אַ חתונה־אַקט? אויף דעם איז דאָ אַ קלאָרער ענטפער; מיר האָבן שוין אין אונדזער ווערק באַהאַנדלט די רעכט פון „אפקעינהו רבנן לקידושין מיני׳״; איז אויב די רבנן האָבן דאָס רעכט מבטל צו מאַכן קדושין, געגעבענע לויטן פולן רעליגיעזן באַנעם און לויט דער פולשטענדיקער פּראָצעדור, האָבן זיי געוויס דאָס רעכט צו אַנולירן די „געזעצלעכקייט״ פון אַ „ידועה בציבור״.

דער יסוד „אפקעינהו רבנן לקידושין מני׳״ איז געבויט אויפן מאָטיוו פון „כּל המקדש אדעתא דרבנן מקדש״ — ער זאָגט דאָך: „כּדת משה וישׂראל״. אויב די קדושין זענען געווען בלויז אַ געלט־קנין, האָבן די רבנים אַ כּוח צו מאַכן הפקר זיין געלט, „הפקר בית דין — הפקר״ (זע, רש״י, יבמות, צ׳, ע״ב; תּוספות, כּתובות, ג׳, ע״א א״אַ).

וועגן דעם דין „אפקעינהו״ האָבן מיר אַ הלכה למעשׂה — די מעשׂה פון נרש[21], אַ שטאָט נישט ווייט פון סורא אין בבל, וועמעס איינוווינערס זענען געווען באַקאַנט מיט זייער נישט־אָרנטלעכער אויפפירונג: „נרשאה נשקיך, מני כּכיך״[22] — אויב אַ מאַן פון נרש, האָט דיך געקושט, צייל איבער דיינע ציין... איז געשען אַ מעשׂה:

אַ מאַן אין נרש האָט מקדש געווען אַ מינדעריאָריק מיידל. ווען דאָס מיידל איז געוואָרן רייף, גרייט חתונה צו האָבן, האָט מען זי אַוועקגעזעצט אויף דער כּלה־שטול אונטער דער חופּה; איז אונטערגעלאָפן אַ מאַן און האָט זי אַוועקגעכאַפּט... לויטן דין פון דער תּורה, איז עס אַן אָפּגעטאָענע זאַך, ווי דאָס לשון אין גמרא, „דמדאורייתא קידושין תּופסין בשני״, דאָך האָבן די רבנים זי אַוועקגענומען פונעם צווייטן מאַן, דערקלערנדיק אַז זיין „באַמאַנען זי איז געווען זנות־אויסגעלאַסנקייט.

ווי עס ווערט דערציילט, זענען עס געווען רב ברונא און רב חננאל — רבס תּלמידים — וועלכע האָבן געפּסקנט, אַז זי דאַרף נישט קיין גט פונעם צווייטן. אַ געוואָגטע רבנישע האַנדלונג.

ווען מ׳האָט געשטעלט די פראַגע, פאַר וואָס זיי האָבן דאָס געטאָן און פון וואַנען זיי האָבן געהאַט דעם כּוח צו מאַכן אַזאַ באַשלוס, האָט רב אשי געענט־פערט: „הוא עשׂה שלא כּהוגן, לפיכך עשׂו בו שלא כּהוגן״. — דער מאַן האָט נישט ריכטיק און נישט אָרנטלעך געהאַנדלט — אָוועקגעכאַפּט אַ פרוי, וועלכע האָט געהאַט אַ פאַרקנסונג פון אַן אַנדערן — האָט מען אים געמעגט אַזוי באַהאַנדלען, און די חכמים האָבן רעכט צו דערקלערן, אַז דעם אַנדערנס קדושין, אַפילו ווען ער האָט זי באַמאַנט, איז „בעילת זנות״ און במילא אַנולירן זיינע מעשׂים.

להלכה, ווערט אויף אַן אַנדער אָרט [23] געפּסקנט, אַז געצוווּנגענע חתונות זענען נישט גילטיק: „תּליוה וקדיש — לא הוו קדושין״. מ׳האָט די רבנים געגעבן דעם כּוח מבטל צו מאַכן קדושין, אויב די קדושין זענען געווען נישט מיט דער פרויס איינשטימיקייט, אָדער אויב ס׳וועט אַרויסקומען אַ רעה פאַר דער פרוי, אָדער ווען דאָס איז נייטיק כּדי אָפּצושטעלן אויסגעלאַסנקייט.

אַזוי האָבן די חכמי־התּלמוד געהאַנדלט ביי אַ גט אויף באַדינגונגען [24] און ביי צענדליקער אַנדערע פאַלן, ווען דאָס איז געווען נייטיק [25].

די גרונטלייגערס פון יידישן פאָלקס־לעבן האָבן געהייליקט דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי, אָבער נאָר דאַן, ווען דאָס טראָגט מיט זיך קדושה. ווען אָבער דער צוזאַמענבונד איז אַ שטער אין דער דאָזיקער הייליקייט, זענען שוין געווען גענוג סיבּות און מאָטיוון, צו באַרעכטיקן די אַנולירונג פונעם צוזאַמענלעב.

און צום סוף:

מיר האָבן אין תּלמוד אַ רשימה פון „מעשׂים״ פאַר דער פרוי — כּמעט אַלע — הויזיקע, סאָציאַלע און מענטשלעך־לעבעדיקע. זייער ציל איז סטימולירן פאַר שלום־בית. די אַלע פונקציעס און אויפגאַבעס זענען צוגעפּאַסט צו דער פרויס נאַטור און כאַראַקטער. אויב אָבער די פרוי טוט פאַרן מאַן מענלעכע פונקציעס, האָבן די רבנן, די חכמים פון אַלע דורות, זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן אַזאַ צוזאַמענבונד.

מיר וועלן בלויז ברענגען אייניקע אויסדרוקן:

„תּבא מארה למי שאשתו נאמנת והוא אינו נאמן״ [26];

„תּבא מארה לאדם שאשתו ובניו מברכין לו״ [27];

„תּבא לו מארה שאשתו ובניו מקרין לו את ההלל [28].

ס׳איז גוט צו האָבן אַ באַגלייבטע פרוי, אַ געלערנטע פרוי, אַ קלוגע פרוי; ווי איז אָבער צום מאַן וואָס אים גלייבט מען נישט, וואָס איז נישט באַגלייבט... און ווי צום מאַן, אַן עם־הארץ, וואָס דאַרף זיין אַזוי שפּלדיק פאַר דער פרוי, זי זאָל פאַר אים בענטשן, זאָגן פאַר אים הלל און אַזוי ווייטער.

די חכמים האָבן געטאַדלט אַזעלכע מענער, ווייל ס׳ליגט אַ חוב אויף יעדן מאַן צו לערנען תּורה, צו זיין ערלעך און צו וויסן יידישקייט. דערמיט וואָס ער שטעלט

זיך נידעריקער, ווירקט עס פּסיכאָלאָגיש שלעכט אויף זייער צוזאַמענזיין. ער קריגט אַן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, די פרוי ווערט זיין הערשערין און באַהערשט אים. אַזאַ מאַן געהערט צו די דריי, וועגן וועלכע ס׳ווערט געזאָגט: „חייהם אינם חיים״ [29].

ס׳זענען אָבער דאָ געוויסע אויסנאַמען. אויב אַ יונגערמאַן וויל חתונה האָבן און וויל ממשיך זיין אין לערנען, וויל האָבן השלמה אין לערנען, און די פרוי איז אַ מלומדת, מעג ער זיך אויסנעמען מיט איר זי זאָל מיט אים לערנען. ס׳איז דאָ אַ ירושלמי [30], וואָס זעט נישט קיין חסרון, ווען אַ יונגערמאַן וויל לערנען בהתמדה, וויל זיך פלייסן אין לערנען און דערביי זיך פאַרזיכערן מיט אַ געהעריקן סטימול און ריינע מחשבות; אין אַזאַ פאַל מעג ער זיך אויסרעדן מיט זיין באַשערטער זי זאָל אים שפּייזן און מיט אים לערנען.

די חכמים האָבן דאָך געעצהט: „נושׂא אָדם אשה ואחר כך ילמוד תורה״ [31] — אַ מאַן זאָל פריִער נעמען אַ פרוי, חתונה האָבן און נאָך דעם לערנען תּורה.

ג. די פּילגש אין דער הלכה. — וואָס איז געווען איר סטאַטוס? — ווי אַזוי פּראָבלעמען זענען געלייזט געוואָרן. — ציווילע חתונות. — די „ידועה בצבור״.

עס איז נישט אונדזער אויפגאַבע אויסצופאָרשן אַלזייטיק די ראָל פון דער פרוי אין אַלע צייטן און אין אַלע אַספּעקטן. אינעם תּחום פון אונדזער פאַרשאַרבעט האָט דאָס נישט געקענט אַריינגענומען ווערן. מיר האָבן בלויז — און אויך דאָס אויף אַ קאָנדענסירטן אופן — געוואָלט געבן אַן אַלגעמיינע אָפּשאַצונג פון דער ייִדישער (און דרך־אגב, אויך נישט־ייִדישער) פרוי אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן, סאָציאַל־עקאָנאָמישן, קולטורעלן און וויסנשאַפטלעכן לעבן, און נישט ווייניקער אָנווייזן אויף דעם עסטעטישן געניוס וואָס איז מיט איר פאַרבונדן, אויף די עטאַפּן פון אָנערקענען די שיינקייט פון דער פרוי פון „בראשית״ ביז „שיר השירים״ און ביז אונדזער צייט, מיטן אויפקום פון דער באַוועגונג פאַר פולשטענדיקער באַפרייִונג פון דער פרוי, זי זאָל נישט זיין קיין שפּילצייג פונעם מאַנצביל.

מיר האָבן אָנגעוויזן אויף קאָנקרעטע פאַקטן — נישט סומך געווען זיך אויף טעאָרעטיש־אַבסטראַקטע — ווי די פרוי איז קיין מאָל נישט דיסקרימינירט געוואָרן אין אירע רעכט אַלס גלייכער יצירה־שותּף. ווען ס׳איז געקומען דער „עת לעשות לד׳״, האָבן רבנים, פּוסקים און מומחים אין הוראה, געזוכט אַלע מיטלען צו געבן דער פרוי פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג, אין די ראַמען פון תּורה־הלכה. בלויז ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן כּבוד פון דער פרוי, וועגן עריות־

געפאַר, וועגן סכנה פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער משפחה־ריינקייט און משפחה־אָפּגעהיטקייט, דאַן זענען געקומען באַגרענעצונגען, נישט צו דער־לאָזן און נישט צו דערפירן צו ווייט־גייענדיקע סכנות.

אין איינעם פון מיינע ווערק [1] האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויספירלעך אויף די תקנות לטובת דער פרוי. איך האָב אָנגעוויזן ווי רבנים־פּוסקים האָבן זיך תמיד פאַרנומען מיטן פאַרלייכטערן דעם מצב פון דער יידישער פרוי, ווי אַזוי זי אויסצוהיטן פון עגונה־געבונדנקייט, ווי אַזוי זי צו באַזאָרגן נאָך אַ גט, אָדער ווען זי ווערט אַן אלמנה און ס'איז דאָ אַ ירושה פון איר מאַן [2] און אַזוי ווייטער.

ווען אין ארץ־ישׂראל איז געוואָרן אַקטועל דאָס פּראָבלעם פון בחירת נשים, די פראַגע וועגן אַקטיווער און וועגן פּאַסיווער באַטייליקונג אין וואַלן, די פראַגע, צי אַ פרוי קאָן ווילן און געווילט ווערן, האָבן אַ סך רבנים דערלויבט פרויען צו באַטייליקן זיך אין וואַלן און אייניקע האָבן אַפילו דערקלערט, לויט דער תורה, אַז אַ פרוי קאָן געווילט ווערן. דער הרב הראשי, ראשון לציון ר' מאיר חי עוזיאל, האָט דערלויבט „לבחור ולהבחר", און ביי זיין פּסק האַלט זיך די מדינה.

דער פאַקט איז, אַז זינט די מדינה איז געשאַפן געוואָרן, האָט גאָלדע מאיר פאַרנומען די וויכטיקסטע רעגירונגס־אַמטן, ביזן הויכן אַמט פון ראש־הממשלה. זי איז געווען די איינציקע פרוי אין דער רעגירונג; אָבער ס'גלייבט זיך נישט אַז דאָס איז בלויז אַ צופעליקייט... אויב ס'זענען דאָ ווייניק פרויען אויף די פּאַרטיי־ליסטעס, איז עס צוליב כמה וכמה סיבות און ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, רייסן זיך נישט די פרויען צו דער כנסת. זיי ווילן בעסער טאָן פאַר דער מדינה, פאַרן ישוב, נישט מישנדיק זיך אין פּאָליטיק. די איינציקע פרוי ביים מפד"ל, טובה סנהדראי האָט זוכה געווען ביי דער פערטער כנסת, געווילט צו ווערן אַלס ח"כ. 14 יאָר איז זי געווען דעפּוטאַטין, דערונטער 10 יאָר „סגנית יו"ר הכנסת". ביי דער זיבעטער כנסת האָט מפד"ל געווילט בלויז 10 מאַנדאַטן און זי איז אַרויסגעפאַלן. די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פרויען־באַוועגונג פילט זיך באַעוולט...

די פרויען ציילן נישט אַפילו קיין צען פּראָצענט פון דער צאָל כנסת־דעפּו־טאַטן. דאָס איז מסתמא צוליב דער זעלביקער סיבה — זיי ווילן זיך נישט צו פיל מישן אין פּאָליטיק; זיי פילן און זענען זיכער, אַז זיי קענען מער אויפטאָן אויסער די ראַמען פון פּאָליטיק. דער פאַקט איז — שולמית אלוני האָט געוואָגט, געשאַפן אַן אייגענע ליסטע — האָט זי באַלד ביים ערשטן מאָל געהאַט גרויס דערפאָלג.

אין די תפוצות־ישׂראל פאַרנעמען פרויען גאָר הויכע אַמטן אין דער פירער־שאַפט פון יידנטום אויף אַלע געביטן.

מיר וועלן זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיטן פּראָבלעם בחירה פאַר דער פרוי. מיר האָבן וועגן דעם שוין געשריבן אויספירלעכער [3] און מיר האָבן אָנגעגעבן די פאַרשיידענע מיינונגען פון די גדולי־הפוסקים, ווי דער באַרימטער רב ר' דוד צבי־

האַפּמאַן: ער האָט מתיר געווען בחירה אקטיבית (פרויען זאָלן זיך באַטייליקן אין וואַלן), אָבער פאַרבאָטן בחירה פאסיבית (געווילט צו ווערן), דאַקעגן הרב עוזיאל, ווי געזאָגט, האָט דערלויבט „לבחור ולהבחר" — צו ווילן און געווילט צו ווערן.

ווען ס'האָט זיך אָבער געהאַנדלט אין געשלעכט־ענינים, פאַמיליע־אַנגעלעגנ־הייטן, דאַן האָבן רבנים־מאָראַליסטן אָנגענומען אַ האַרבערע שטעלונג. די הלכה האָט זיך דאַן פאַרנומען מיטן אַקסיאָמירן די נאָרמעס, דורך וועלכע ס'איז מעגלעך אָפּצוהאַלטן הפקרות און דורך וועלכע די פרוי איז באַשיצט געוואָרן פון דער מעגלעכקייט צו ווערן עקספּלואַטירט גייסטיק און פיזיש, קערפּערלעך און פינאַנ־סיעל. מיט דער צייט זענען געשאַפן געוואָרן דינים קעגן פּאָליגאַמיע; דינים ווי צו באַפרייען די פרוי פון עגונהשאַפט; דינים ווי אָפּצוהיטן דעם כּבוד פון דער פרוי.

די פרוי — ווי מיר האָבן שוין נישט איין מאָל אָנגעוויזן — איז מחויב אין אַלע מצוות. זי איז מחויב, ווי דער מאַן, אין ברכות איידער זי נעמט עפּעס אין מויל און זי איז מחויב אין ברכּת־המזון, נאָך דעם ווי זי האָט זיך באַפרידיקט מיטן מאַלצייט און געשטילט איר הונגער. די פרוי איז באַגלייבט אין אַלע איסורים, ווי דער אויסדרוק פון פּוסקים: „ומעשים בכל יום שסומכין עליה בניקור הבשר ומליחתה, מצה בפסח", און דער מקור איז אַ תּלמודישער[4].

די פרוי איז בדרך־כּלל באַגלייבט. בלויז אין קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען האָט מען זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף איר, אָנגעבנדיק דעם טעם — „נשים דעתן קלות"; „קלות", לויט מיין מיינונג, איז נישט געמיינט געוואָרן לייכטזיניקייט, נאָר סענסיטיוויקייט. די פרוי — האָבן די חז"ל געהאַלטן — וועט נישט האָבן קיין קוראַזש צו זיין שטאַרק, שטייף... און וועט וועלן אויסמיידן שוועריקייטן. דער פאַקט איז, אַז אַפילו ביי קאָמפּליצירטקייטן אין דורכפירן אַ ריטואַל, האָט מען געזוכט צו געבן דער פרוי די זעלביקע רעכט ווי דעם מאַן, ווי, למשל, דאָס צונויפנעמען דאָס אַש פון דער רויטער קו (אפר פרה אדומה); קידוש און אסיפה, ווערט געפּסקנט, איז כּשר מיט דער פרוי[5].

וואָס שייך די צייט־מצוות, די „מצות עשה שהזמן גרמא", פון וועלכע די פרוי איז פּטור, האָבן מיר נישט איין מאָל אָנגעוויזן אויף די צענדליקער אויסנאַמען אין געבן דער פרוי די פולע רעכט פון באַטייליקונג.

גאָר אַן אַנדער ווענדונג איז געשען בעת ס'האָט זיך געהאַנדלט אין פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן. דאָ האָט מען באַגרענעצט די פרוי. אָבער אַנאַליזירנדיק די באַ־גרענעצונגען זעט מען, אַז דאָס איז איינגעפירט געוואָרן לטובת דער פרוי, פאַר איר ווילזיין, בכדי דער זיווג זאָל עולה יפה זיין, מאַן און פרוי זאָלן לעבן אין האַרמאָניע, בשלום ובאהבה. מיר זעען די שטרענגע תקנות אין שייכות מיטן כּתובה־טעקסט, מיט די געהעריקע עדות, און עדות קדושין, און עדות נשואין,

אָפּגעהיטקייט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט און, נאָך מער, ביים גטן אַ פֿאַר־פֿאַלק, ביים אויפֿלייזן די קדושין־נשואין.

אין יאָר תשט״ו, ווען דער קאָנסערוואַטיווער ראַבינאַט האָט געוואָלט אַריינ־ברענגען שינוים אינעם טעקסט פֿון דער כּתובה, איז די אגודת הרבנים אַרויסגע־קומען מיט אַן איסור, געחתמעט פֿון זקן־הרבנים הרב אליעזר סילווער ז״ל, וואָס אין דער יִידישער איבערזעצונג האָט זיך דער פֿאַרבאָט געלייענט:

„ב״ה, אור ליום ה׳ פ׳ וישלח, תשט״ו.

באַטראַכטנדיק די רעפֿאָרמען און תּיקונים בדת... באַטראַכטנדיק זייער (קאָנ־סערוואַטיווע — נ. ש.) איצטיקע רעפֿאָרמירטע כּתובה... דערקלערט די אגודת הרבנים צום כּלל־ישׂראל, אַז על־פּי דין האָבן קאָנסערוואַטיווע ראַבינער דעם דין פֿון רעפֿאָרמער און פֿון פּורשים מדרכי הצבור.

דער אַזוי גערופֿענער בית־דין און די רעפֿאָרמען און פּסקים פֿון דעם בית־דין, זענען נישט גילטיק און מען טאָר זיך אויף זיי נישט פֿאַרלאָזן אונטער קיינע אומשטאַנדן. די רעפֿאָרמירטע כּתובה איז אָסור, און יִידן טאָרן זיך מיט איר נישט באַנוצן.

דער „בית־דין״ און די רעפֿאָרמירטע כּתובה ווען פֿירן צו איסורי עריות און ממזרות, ברענגען אַ שפּאַלטונג אין יִידישן פֿאָלק און צעברעכן דאָס יִידישע משפּחה־לעבן.

קיינער טאָר זיך נישט באַטייליקן אין נשואין (חתונה־צערעמאָניעס) מיט אַזאַ כּתובה... דער איסור איז חל אויף די מסדרים, אויף חתן־כּלה און אויף די אונטער־פֿירערס.

קיין רב טאָר זיך נישט באַטייליקן — אָדער שטיין דערביי — אין אַ סידור־גטן אָדער אַן ענין פֿון הוראה פֿון איסור והיתר, אין וועלכן עס באַטייליקט זיך אַ קאָנסערוואַטיווער ראַבינער״.

— —

„אין עניני נישׂואין האָבן די חכמי־ישׂראל פֿון אַלע צייטן, אָנפֿאַנגענדיק מיט די פּוסקים און גאונים פֿון ועד ארבע הארצות און פֿון די שפּעטערדיקע דורות, געמאַכט די שטאַרקסטע איסורים והתראות אויפֿצוהאַלטן די דיני התורה.

„מיר האָפֿן און דערוואַרטן, אַז די יִידן פֿון אַמעריקע וועלן אויספֿאָלגן אונדזער פּסק און דורך דעם פֿאַרזיכערן דעם קיום פֿון משפּחות כּשרות בישׂראל״.

פֿאַרלייכטערן אַזעלכע קידושין, אָדער לגמרי זיי נישט צו אָנערקענען, האָט מען נישט באַשטימט. מען האָט נישט געוואָלט און נישט געטראַכט מתיר צו מאַכן אַזאַ פּרוי, אַ חתונה געהאַטע דורך אַזאַ כּתובה, זי זאָל נישט באַטראַכט ווערן פֿאַר אַן אשת־איש. אַפֿילו ציווילע חתונות, „נישׂואין אזרחיים״, איז אַ מחלוקת, צי די פּרוי ווערט אָנערקענט אַלס פּרוי פֿון אַ מאַן; די מערהייט פּוסקים האַלטן, אַז

לכל־הפחות דאַרף אַזאַ פּרוי באַטראַכט ווערן ווי אַ פּלגש און זי מוז האָבן אַ גט.

די פּירערס פון דעם קאָנסערוואַטיוון סעמינאַר, ווי דער גאונישער פּראָפ׳ שאול ליבערמאַן, (איידעם פון ר׳ מאיר בערלין־בר אילן און קוזין פון חזון איש) דער קאַנצלער פּראָפ׳ אליעזר (לואיס) פינקלשטיין, פילאָסאָף און חסידות־קענער פּראָפ׳ אברהם יהושע העשל (נפטר, ש״ק ויחי, ח״י טבת, תשל״ג — 23.12.1972) — באַרימטע מחברים, יעדער אויף זיין געביט און בעלי מחשבה — זענען פאַר דעם צוועק אַוועק צום רבנות הראשית און פאַרלאַנגט מ׳זאָל אָנערקענען אין ישראל גטין פון קאָנסערוואַטיווע רבנים. די אָרטאָדאָקסישע רבנים האָבן געשטורעמט קעגן אַזאַ אָנערקענונג. די פראַגע איז געווען פאַר די אָפיציעלע ישראל־אינסטאַנצן, וועלכער דרוק איז שטאַרקער, וויכטיקער...

דאָס רבנות הראשית האָט זיך געטאָן אַן עצה און פאַרמיטן אַ מחלוקת: ס׳איז אָנגענומען געוואָרן דער כּלל פון „כל שאינו יודע בטיב גיטין וקדושין אל יהא לו עסק עמהן״ (קדושין, ו׳, ע״א). אַ גט דאַרף געמאַכט ווערן כדת וכדין; אין יעדער שטאָט האָט דער הויפּט־ראַבינאַט געפונען אַזעלכע אויטאָריזירטע אויף מסדר זיין אַ גט, אויסגעהאַלטן פון אַלע הלכהשע שטאַנדפּונקטן.

וואָס שייך די „כתובה״, אין וועלכער ס׳זענען צוגעגעבן געוואָרן ווערטער און אַ „תנאי״ — אַזעלכעס האָבן אַלע אָרטאָדאָקסישע רבנים צוריקגעוויזן, באַטראַכטנדיק אַזאַ צוגאָב, ווי אַ רעפאָרם קעגן דער יידישער טראַדיציע. אויב מ׳געפינט אין תלמוד, אַז שוין אין צייט פון דוד המלך, האָט מען געשריבן גיטין „על תנאי״ (שבת, נ״ו, ע״א) — אָבער נשואין על תנאי, אַזאַ אַקט איז נישט דערלויבט געוואָרן (זע, שו״ת דברי מלכיאל, ה׳, קונטרס, „אין תנאי בנישואין״; אליעזר ברקוביץ, תנאי בנישואין ובגיטין, ירושלים, תשכ״ז) — די נייע כתובה האָט בכלל פאַרלוירן איר פּאָפּולערקייט און במילא אַראָפּ פונעם טאָג־אָרדענונג, ווי אַ „סלע המחלוקת״ צווישן אָרטאָדאָקסישע און קאָנסערוואַטיווע רבנים.

וואָס שייך גטן, ווייסן מיר דאָך אַז די הלכה האָט דערביי געהאַט דעם ליבע־ראַלסטן צוגאַנג און תמיד געהאַט פאַר זיך די טאָפּלטע אויפגאַבע פון פאַרזאָרגן די פרוי און צוריקהאַלטן פון הפקרות. אָבער איידער מיר פאַרנעמען זיך מיט גטן, לאָמיר זען ווי אַזוי די באַציִונג איז געווען צום ענין פּלגש, אָדער „פּלגשות״ — די דערלויבעניש אָדער פאַרבאָט צו נעמען, אַלס צוגאָב צום אייגענעם ווייב, אַ מעטרעסע, אַ קעפּסוויב, ווי מ׳רופט עס אין אַלטיידיש.

אין תנ״ך געפינען מיר, נישט אַזוי אָפט, די דערלויבעניש צו נעמען פאַר זיך אַ פּלגש. אָבער גאָר אָפט האָבן די אָפיציעלע פרויען פאַרגעשלאָגן צו נעמען אַ „פּלגש״. אַזוי ביי אברהם אָבינו און אַזוי ביי יעקב אָבינו.

הגר, די שפחת שרה, ווערט אַ מאָל דערמאָנט אַלס „אשת אברהם״ [6] און אַ מאָל אַלס „שפחת שרה״ [7] און נאָך אַ מאָל אַלס „אשת אברהם״ [8], לויטן מדרש,

אַז קטורה איז הגר. עס איז נישט קלאָר, צי אַ פּלגש האָט געהאַט דעם סטאַטוס פון אַ ווייב, אָדער פון סתּם אַ צוגאָב־געליבטע.

ביי עשׂו געפינט מען, אַז תּמנע איז געווען די פּלגש פון אליפז (דער זון פון עשׂו [9]); קאָמענטירט דערויף דער מדרש: רבי שמעון בן יוחאי האָט געלערנט, אַז דאָס קומט צו לאָזן וויסן אַז תּמנע האָט געהאַלטן, אַז אויב זי איז נישט ווערט צו זיין אַ ווייב, זאָל זי זיין אַ פּלגש צו דעם אָפּשטאַמיקן פון זרע אברהם: „להודיע שבחו של ביתו של אברהם אָבינו... אמרה: הואיל ואיני כּדאי להנשׂא לו לאשה, אהי׳ לו לשפחה״... [10]

ביי דוד המלך, ווערט געזאָגט: „ויקח לו דוד עוד נשים ופ ל ג ש י ם בירו־שלים״ [11].

מיר האָבן חלוקי־דעות אין בבלי און אין ירושלמי [12] וועגן די רעכט, סטאַטוס און לעגאַליטעט פון האָבן אַ פּלגש, און וואָס פאַר אַ התחייבות דער מאַן האָט צו אַזעלכער, אין פאַרגלייך מיט דער אָפיציעלער ווייב. דער אַלגעמיינער כּלל איז: „נשים בכתובה ובקידושין — פלגשים בלא כתובה ובלא קידושין״.

פון אַלע מקורים ווייזט זיך אַרויס, אַז מ׳האָט דערלויבט צו נעמען פּלגשים — אָבער אין דער פּראַקטיק, לויטן יידישן לעבנס־שטייגער, איז „אשת נעורים״ געווען דער דערהויבנסטער אידעאַל און בלויז קעניגן האָבן זיך געקענט דערלויבן דעם דאָזיקן „פּלגשים״־לוקסוס.

אַ יידישן קעניג האָט מען דערלויבט אַכצן ווייבער און צוליב דעם דאָזיקן פאַרבאָט, נישט צו האָבן מער ווי אַכצן, האָט דוד נישט געקענט חתונה האָבן מיט דער שיינער און יונגער אבישג, ווייל ער האָט שוין געהאַט די צאָל אַכצן און ער האָט נישט געוואָלט גטן קיין איינע פון זיינע ווייבער [13]. דערפון לערנט מען אַרויס, אַז עס איז גלייכער צו האָבן יחוד מיט אַ מיידל, איידער גטן אַ פרוי; לויט רש״י [14], איז דער איסור יחוד מיט אַ „פּנויה״ (אַן אומפאַרהייראַטע מיידל) בלויז אַן איסור מדרבנן, אַ תּקנה פון די חכמים, כּדי נישט צו קומען צום איסור אשת־איש וואָס איז מן התּורה.

די פראַגע שטעלט זיך, צי אַ פּלגש איז אַריינגערעכנט אין דער צאָל אַכצן, אָדער, ווייל זי איז נישט קיין אָפיציעלע פרוי, האָט זי נישט דעם זעלביקן סטאַטוס, און אַ קעניג מעג זיך פאַרגינען ווייבער וויפל זיין האַרץ גלוסט.

דער רמב״ם האַלט, אַז די צאָל אַכצן איז כּולל, שליסט איין אויך פּלגשים, און דוד המלך האָט נישט געוואָלט אַוועקשיקן אַפילו אַ פּלגש, בכדי צו קענען חתונה האָבן מיט אבישגן. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אַ פּלגש ווערט פאַררעכנט פאַר אַ ווייב. מיר האָבן אַן אגדה וואָס דערציילט, אַז דאָס וואָס עס ווערט געזאָגט „ואתנה לך את בית אדוניך ואת אשת אדוניך בחיקך״ [15], איז געמיינט געוואָרן רצפה בת איה, שאולס פּלגש, ווי דער פּסוק דערציילט: „ולשאול פלגש ושמה

רצפה בת איה״[16], ווייל אַנדערש וואָלט דוד זי נישט געקענט נעמען. אין די „עריות דרבנן״ איז די פרוי פון אַ שווער פאַרבאָטן — מ׳זאָל נישט מיינען, אַז מען מעג חתונה האָבן מיט אַ שוויגער.

הרב אלינסון ווייזט אָבער אָן מיט רעכט, אַז דערפון קאָן מען נישט ברענגען קיין ראיה, אַז דער סטאַטוס פון אַ פלגש איז נישט דער זעלביקער ווי פון אַן אמתער פרוי. ווייל דער גאַנצער פאַרבאָט — נישט צו נעמען דעם קעניגס אלמנה — איז חל געווען בלויז אויף אַ הדיוט און נישט אויף אַ קעניג. אַ קעניג מעג נעמען די אלמנה פון אַ קעניג[17]. מיר האָבן דעם דין מפורש אין ירושלמי[18]. „ר׳ יודן אומר: נושא המלך אלמנות המלך״... און די ראיה איז פון דוד המלך, וואָס האָט גענומען די אלמנה פון שאול המלך.

פאַר אונדז איז וויכטיק די אָנערקענונג פון רצפה, די פלגש, אַלס פרוי און אלמנה פון שאול המלך. מיר דאַרפן זיך נישט אַריינלאָזן אין אַנאַליזירן די קאָמפליצירטקייט, וואָס איז פאַרוויקלט אין דער דאָזיקער הלכה און מיר קאָנען לכל הדעות אָננעמען, אַז דער חילוק צווישן פלגש און אשת־איש איז לויטן כלל פון דעם אמורא־תנא רב: פלגש בלא כתובה וקידושין, ד״ה זי איז די געאייניקטע ווייב צום דאָזיקן מאַן, מיט וועמען זי וווינט — אָבער נישט מיטן פולן סטאַטוס פון אַן „אשת־איש״, וואָס שייך דאָס שיידן זיך מיט איר, גטן זי, אויסהאַלטן אדג״ל.

ס׳איז גאַנץ מעגלעך אַזאַ פרוי צו קלאַסיפיצירן מיט אַ פרוי, וועלכע איז געוואָרן מקודש צום מאַן בלויז דורך ביאָה, דורך לעבן מיט איר; דער דין איז: ס׳קומט מלקות דעם ייִדן, וואָס איז מקדש אַ פרוי דורך ביאָה... אָבער זי בלייבט זיין פרוי: „מי שבא על אשה ואמר לה הרי את מקודשת לי בביאה זו — היא אשתו לכל דבר וצריכה גט אם רוצה לגרשה״.

פון אָט די אַלע דינים האָט זיך געשאַפן אין ישׂראל דאָס געזעץ פון „ידועה בצבור״, אַז זי זאָל באַטראַכט ווערן „כאשתו״ און זאָל האָבן לעגאַלע רעכט אויף ירושה און אויסהאַלטונג. צי מיר ווילן, אָדער נישט, ווערט אַזאַ אינסטיטוציע געשאַפן און די פרוי ווערט נישט באַטראַכט פאַר אַ זונה, אַזוי לאַנג ווי זי האַלט זיך ביים איינציקן מאַן. פריצות? — יאָ! אָבער נישט אין דער קאַטעגאָריע פון ניאוף, פאַרוואָס עס קומט טויטשטראָף; קינדער, געבוירענע פון אַזאַ סאָרט צוזאַמענלעבן, ווערן נישט באַטראַכט פאַר ממזרים. אַ ממזר איז דער וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך פאַרבאָטענעם זיווג. מיר האָבן נייַנצן עריות־געבאָטן און מ׳האָט צוגעגעבן די יעניקע, אויף וועלכע ס׳קומט כרת אָדער מיתה... ר׳ שמעון בן עזאי גיט איבער: „מצאתי מגילת יוחסין בירושלים וכתוב בה: איש פלוני ממזר מאשת איש[19] און די הלכה איז: „כל שחייבים עליו כרת בידי שמים הוולד ממזר״.

אַז מיר רעדן שוין וועגן דעם ממזר, איז כדאי נאָך אַ מאָל צו באַטאָנען, אַז

נישט געקוקט דערויף וואָס דעם ממזר איז פאַרבאָטן „לבא בקהל", פאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט אַ ייִדישער טאָכטער, ווערט ער דאָך אָנערקענט אַלס ישׂראל; ער ווערט פאַררעכנט צום יחוס פונעם פאָטער און איז אַ ברודער צו זײַנע כשרע ברידער; ער נעמט ירושה ווי זיינע כשרע ברידער. ער ווערט אָבער באַשטראָפט מיט דער ערגסטער שטראָף צוליב די זינד פון זיינע עלטערן — „אין לו תקנה לעולם", ווי עס ווערט געזאָגט, „גם דור עשׂירי לא יבוא לו בקהל ד'" [20]. ווען אָבער ס'טרעפט, אַז אַ ממזר האָט זיך אויסגעמישט אין ייִדנטום, בלייבט ער שוין געכשרט אַלס ייִד [21].

באַרירנדיק דעם ענין „פלגש", איז כדאי איבערצוגעבן דאָס לשון פון רמב"ם [22], און מפרשים ווייזן אָן, אַז עס איז אַ שווערער לשון און באַמיִען זיך צו געפינען אַ מקור, פאַר אָט דעם אויטאָריטאַטיוון פסק:

„וכן לוקח מכל גבול ישׂראל נשים ופלגשים, נשים בכתובה וקדושין ופלגשים בלא כתובה ובלא קדושין, אלא ביחוד קונה אותה... ההדיוט אסור בפלגש, אלא באמה העבריה בלבד אחר יעוד".

1) ווי האָט דער רמב"ם געפונען, אַז נאָר אַ קעניג מעג זיך נעמען פלגשים און אַז אַ פשוטער ייִד האָט נישט די דאָזיקע רעכט?

2) אַ ייִדיש דינסטמיידל איז נישט קיין פלגש; דער „יעוד", דאָס באַשטימען זי מיט איר גוטן ווילן, פאַר זיין ווייב, ווערט דאָך באַטראַכט ווי קדושין־ריטואַל?...

3) מיר ווייסן, אַז כלב, גדעון און אַנדערע האָבן געהאַט פלגשים. די מעשׂה פלגש בגבעה זעט אויס ווי אַ געוויינלעך־נאָרמאַלע דערשיינונג, אַ ייִד זאָל זיך געווען מעגן נעמען אַ פלגש, אַ קעפּסווייב [23].

מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין אַ טיפערן אַנאַליטישן פלפול. ס'איז גענוג אָנצוווייזן אַז אין ירושלמי [24] גייט אָן אַ דיסקוסיע, ווי אַזוי מען האָט רעכט אויף אַ פלגש. לויט רבי מאירן, איז אַ פלגש אַ פרוי וואָס לעבט מיט אַ מאַן אָן אַ כתובה, אָן אַ חתונה־אַקט. לויט רבי יוסי, דאַרף אויך אַ פלגש האָבן אַ כתובה. זי האָט בלויז נישט קיין רעכט אויף „תנאי"־כתובה, אויף אַריינצושרייבן צוגאָב־באַדינגונגען צום אָפיציעלן כתובה־טעקסט.

דער רמב"ם, זעט אויס, האָט זיינע אויספירן באַזירט הלכהדיק אויף מקורים אין בבלי און אין ירושלמי און נאָך דעם צוגעגעבן זיין אייגענע טעזע.

די פלגש, לויט אַלע דעות, איז בלויז אַ קנין הגוף און באַפרייען זיך פונעם דאָזיקן קנין קען זי דורך אַ גט. זי איז אָבער נישט קיין אשת־איש, אַז ס'זאָל איר קומען טויטשטראָף, אויב זי האָט אינטימע באַציִונגען מיט אַן אַנדער מאַן, איידער זי איז געגט. אַ פרוי, איז אַ קנין נפש, אַ פאַרפאַלק איז נשמהדיק פאַרבונדן... דעריבער די האַרבקייט און די שטרענגקייט פון דין. ביי דער ערשטער (פלגש) זענען די קדושין אַ סאָרט צוגעגרייטקייט, מזומנת פאַר דעם מאַן; ביי דער צווייט־

טער, די אשת־נעורים, אשת־חיקו, איז עס אַ הייליקער בונד, אין בוכשטעבלעכן זין קדושין.

מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דעם ענין. מיר ווילן ביים ענדיקן די טעזע אָנווייזן אויף דעם פאַקט, אַז וואָס שייך אָפּגטן אַ ווייב, האָט מען זיך נוהג געווען מיט אַלע חומרות, בכדי אָפּצוקילן די פאַראינטערעסירטע צדדים פון שיידן זיך צוליב אַ מאָמענטאַלן פאַרדרוס, וואָס די נאָכפאָלגן האָבן געדראָט צו זיין טרויעריקע — צעשטערן שלום־בית.

די משנה גיט איבער די פּאָלעמיק צווישן בית שמאי, בית הלל און רבי עקיבא:

לויט בית שמאי, האָט אַ מענטש דאָס רעכט צו גטן זיין ווייב בלויז אין פאַל פון „ערוות דבר", ווען זי פירט זיך אויף אומאָנשטענדיק, זי פאַרראַט אים. לויט בית הלל: אַפילו „הקדיחה תבשילו", זי האָט אים צוגעגרייט שלעכטע, צוגע־ברענטע מאכלים... די ווערטער „הקדיחה תבשילו" האָבן פאַרשיידענע טײַטשן און וואַריאַנטן. רבי עקיבא נעמט אָן דעם ענין זייער לייכט: אַפילו מצא אחרת נאה הימנה[25]. אין מײַן ווערק[26] האָב איך זיך באַמיט צו געבן אַ הסבר אין שייכות מיט רבי עקיבאס באַהויפּטונג, וויסנדיק וואָס פאַר אַ גוט און אידעאַל לעבן ער האָט געהאַט מיט זיין ווייב.

דער רמב"ם[27], שטעלט די קאַרדינאַלע פראַגע, פאַר וואָס האָט רבי עקיבא געפּסקנט, אַז יעדער ייִד זאָל קענען גטן זיין ווייב אָן אַ סיבה. ער האָט דאָך געקענט נעמען נאָך אַ פרוי און נישט גטן די ערשטע???

די מפרשי הש"ס און דער רמב"ם באַמיִען זיך צו פאַרענטפערן די דאָזיקע האַרבע פראַגע.

ר' ארי' לעווין, באַקאַנט אַלס „נזיר" פון ירושלים, פאַרענטפערט דערמיט וואָס מיר לערנען[28], אַז רבי עקיבא זאָגט: ווער איז אַ רייכער מאַן? — דער וואָס האָט אַ שיינע פרוי... שיין מיט מעשׂים; און דער מהרש"א קאָמענטירט — אַ פרוי וועלכע איז אַ „מסתפקת במועט"... אַ פרוי וואָס לעבט באַשיידן און לאָזט זיך באַגנוגענען, מיט וואָס עס זאָל נישט זיין...

דערמיט איז שוין קלאָר; רבי עקיבא, וואָס איז געבענטשט געוואָרן מיט אַזאַ טייערער, באַשיידענער און איבערגעגעבענער פרוי, ווי רחל, האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן וואָס האָט אַ פרוי וואָס איז גאָר נישט אַזוי שיין במעשׂים, וואָס באַפרידיקט זיך נישט מיט אַ „מועט", וואָס דאַרף מער ווי דער מאַן קאָן איר נאָכגעבן, אַזאַ מאַן מעג נעמען אַ צווייטע, אַ באַשיידענע; ער וועט דאָס אָבער נישט קאָנען טאָן, ווייל די ערשטע וועט אים נישט לאָזן. האָט ער דאָך נישט קיין אַנדער עצה, ווי זי גטן און לעבן מיט אַ באַשיידענער, איידעלער פרוי[29].

די שפּעטערע נאָכקומענדיקע דורות, האָבן אָבער איינגעשטעלט כל מיני

חומרות כדי אָפּצושרעקן דעם מאַן אָדער די פרוי פון שיידן זיך — אויף אַזוי ווייט, אַז גט איז באַטראַכט געוואָרן ווי דיני נפשות און אַזעלכע משפטים טאָרן נישט געטאָן ווערן בייגאַכט, ווייל לויטער דאַרף זיין דער דעת פון די חכמים, ביים פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע משפטים [30].

אינטערעסאַנט איז, אַז אויך ר׳ יהושע, דער זון פון רבי עקיבא, האָט געהאַט די זכיה צו האָבן אַ ווייב, וואָס זאָל זיין געראָטן אין זיין מוטער: זי האָט פאַרערט תורה־לערנערס און זיך מוסר נפש געווען פאַר איר מאַן ער זאָל לערנען תורה.

בעת ער איז געגאַנגען חתונה האָבן, האָט ער זיך אויסגענומען, זי זאָל זיין די פרנסה־פאַרזאָרגערין און זי איז באַשטאַנען צו זיין די שפּייזערין, כדי ער זאָל זיין פריי צו לערנען [31].

האָט מען דערמאָנט דעם ענין פלגש, קומט צום אויבערפלאַך די מיאוסע מעשׂה „פלגש בגבעה" (שופטים, י״ט), וואָס איז באַקאַנט יעדן קינד און מפרשים מאַכן אַ פּאַראַלעל צווישן דער סעקסועלער אָרגיע אין גבעת בנימין (אַ פאַרברע־כערישער אַקט ביים ווינקטיקן שבט פון די בני ישׂראל) און די מעשׂה סדום, ווען לוט האָט זיי געוואָלט אַרויסגעבן זיינע טעכטער, נאָר זיי האָבן דווקא געוואָלט די געסט, בכדי צו האָבן מיט זיי האָמאָסעקסועלן פאַרקער. די פראַגע ווערט גע־שטעלט: פאַר וואָס ביים שבט בנימין, ווען די אנשי גבעה זענען באַגאַנגען דעם שרעקלעכן פאַרברעך, זענען זיי נישט געשטראָפט געוואָרן, און די סדום־מענטשן זענען אָפּגעווישט געוואָרן, ווען פאַקטיש זענען זיי דעם פאַרברעך נישט באַגאַנגען, נאָר בלויז געוואָלט אים באַגיין.

דער שבט בנימין, ווי עס ווערט איבערגעגעבן, איז פון הימל נישט געשטראָפט געוואָרן פאַר דעם פאַרפּייניקן די פלגש און, בכלל, פאַר ברענגען בושה אויפן יידישן פאָלק. בלויז דעמאָלט ווען די פירערס פון שבט האָבן נישט געוואָלט באַ־שטראָפן די וועלכע זענען באַגאַנגען דעם פאַרברעך, זענען אַלע שבטים אַרויסגע־טראָטן מלחמה האַלטן מיטן שבט בנימין. צוויי מאָל האָבן די שבטים פאַרלוירן. 40 טויזנט פון זיי זענען געפאַלן אין דער מלחמה, ערשט צום דריטן מאָל זענען די בני בנימין באַזיגט געוואָרן און פאַרלוירן 25 טויזנט מאַן. דאָס איז געשען נאָך תפילות און בקשות, ביז גאָט האָט זיי געהאָלפן מנצח זיין די בני בנימין, פון וועלכע ס׳האָט שפּעטער געשטאַמט דער ערשטער קעניג און אויף וועמעס באָדן ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער בית־המקדש.

ס׳זענען דאָ פאַרשיידענע דערקלערונגען וועגן דעם שטראָף־קאָמפּלעקס אין די דאָזיקע פאַלן. פאַר אונדז וועט זיין גענוג צו ברענגען די מיינונג פונעם רמב״ן, און ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי דער פּוסק, מפרש און מקובל, פאַרענטפערט דאָס הימלישע געריכט.

די גבעה־ליַיט — האַלט דער רמב״ן — זענען אין תוך געווען גוטע מענטשן:

זיי האָבן נישט פאַריאָגט קיין אָרעמעלייט פון זייער אָרט; זיי זענען געווען גוט־האַרציקע מענטשן. זיי זענען אָבער געווען „שטופי זימה״, פאַרטאָן אין „סעקס״, פאַרקאָכט אין תאווה. ווען זיי האָבן געקראָגן די פּלגש, האָט אַ העליש פייער זיי אַרומגעכאַפּט און נאָכן האָבן מיט איר אַן אַרויפגעצוווּנגענעם פאַרקער האָבן זיי זיך אָפּגעקילט...

די „פּלגש״ — האַלט דער רמב״ן — האָט אויך נישט געהאַט דעם דין פון אַן „אשת־איש״. האָט מען דעריבער נישט געקענט פּסקענען טויטשטראָף, לויטן יורידיש־קרימינאַלן קאָדעקס פון אַ בית־דין. ס'וואָלטן דערביי אַרויפגעשווומען אַ ריי הלכה־פּראָבלעמען אינעם קאָמפּלעקס פון אַרויסגעבן אַ טויטאורטייל. די פּלגש איז דאָך געווען אַ זונה, זי האָט דאָך פריִער מזנה געווען, ווי עס ווערט דאָרט געזאָגט, „ותזנה עליו פּלגשו״... ס'איז אויך נישט געווען פאַרמישט די גאַנצע שטאָט, נאָר בלויז אַ צאָל הפקר־מענטשן.

ס'איז אָבער געווען אַ מאָראַלישער פאַרברעך. און ווען די פירערס פונעם שבט האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו משפּטן די וועלכע האָבן אָפּגעטאָן דעם שאַנדהאַפטן אַקט, האָבן די אַנדערע שבטים זיי געוואָלט ווייזן, אַז ביי ייִדן קען מען נישט טאָלערירן אַזעלכע מעשים־תּעתּועים.

אין סדום אָבער איז די גאַנצע שטאָט געווען פאַרזונקען אין רשעות און אַלע האָבן זיך געריסן צום משכּב זכר; „מנער ועד זקן כּל העם מקצה... אנשי העיר אנשי בליעל״, דעריבער איז געקומען די הימלישע שטראָף און ס'האָבן נישט געהאָלפן די תּפילות פון אברהם אָבינו, ווייל ס'זענען אַפילו נישט געווען קיין צען אָרנטלעכע מענטשן.

ס'זענען דאָ נאָך הסבּרים און דערקלערונגען אין שייכות מיט סדום און „פּלגש בגבעה״, אָבער דאָס גייט שוין אַריין אין פּלפּול וואָס מיר ווילן אויסמיידן.

עפנטלעכע אויסגעלאַסנקייט ווערט שטאַרק באַשטראָפט. עבודה זרה, זנות און שפיכת־דם, ווערט אין יהדות געקייטלט און פאַרבונדן. אויפן פּסוק „ויקומו לצחק״ (שמות, ל״ב, ו׳), וואָס פּשוט וואָלט מען געטייטשט, זיי האָבן זיך געפרייט, געלאַכט, געווען אין עקסטאַז... מיטן גאָלדענעם קאַלב, אָבער די חז״ל דרשענען: „אין צחוק אלא גלוי עריות... עבודה זרה... שפיכות דמים... (סוטה, ו׳, ו׳).

ווען אליהו האָט געפרעגט, פאַר וואָס משיח קומט נישט אום יום־כּיפּור ווען אַלע ייִדן טוען תּשובה, האָט מען אים געענטפערט, ווי קען משיח קומען, ווען ס'געפינט זיך איינער וואָס האָט אום יום־כּיפּור, אינעם „צומא רבא״, געפייניקט, פאַרגוואַלדיקט אַ נערה המאורסה, אַ פאַרקנסט מיידל... אַנשטאָט מקיים צו זיין דעם ריכטיקן ענוי, האָט אַ ייִד גאָר געפּראַוועט אַן אַנדערן סאָרט ענוי... (זע, יומא, י״ט, ע״ב; בעל הטורים, שמות, ל״ב, י״ח). ווער דער דאָזיקער אליהו איז געווען, איז

נישט קלאָר און ס׳זענען דאָ חלוקי־דעות. לויט איין מיינונג איז עס געווען אליהו הנביא, וועמעס הלכות זענען נתגלה געוואָרן צו רב׳ן (כתובות, ק״י, ע״א); לויט אַן אַנדער מיינונג, איז עס גאָר געווען אַ תנא וואָס האָט געלעבט אין צייט פון בית שני — פאַר אונדז איז בלויז וויכטיק, די האַרבקייט פון אויסגעלאַסנקייט, אַז דאָס האַלט אויף די גאולה.

מ׳האָט געמאַכט אַלערליי חומרות אין ענינים פון זנות־אויסגעלאַסנקייט, אַפילו ביים האָבן פאַרקער מיט אַ פנויה, מיט אַן אומפאַרהייראַט מיידל, וואָס אַפילו לויטן רמב״ם, אַז עס איז דערביי יאָ פאַראַן דער תורה־פאַרבאָט, אָבער בלויז צו באַשטראָפן דעם פאַרברעכער מיט מלקות, צוליבן „קדשה״־פאַרבאָט, האָט מען זיך באַנומען הלכהדיק מיט דער פולער האַרבקייט. ווען אַ מאַן פאַרליבט זיך אין אַ מיידל, „שנתן עינו באשה והעלה לבו טינא״, אַזש צום קראַנק ווערן און דאָקטוירים באַשטעטיקן, אַז ער איז אין גרויס סכנה, אויב ער וועט נישט האָבן אינטימקייט מיט דער דאָזיקער פרוי, האָבן די חכמים געפּסקנט, אַז אַפילו אָנצורירן זי, זאָל מען נישט נאָכגעבן זיין תאווה... (זאָל ער אויסגיין, און נישט דערלויבן אים אַזאַ אוממאָראַלישקייט, זע סנהדרין, ע״ה, ע״א). ווער שמועסט מזנה צו זיין מיט אַ ווייב, וועלכע האָט אַ מאַן, „כל הנואף באשת חברו...״ איז ווי ער וואָלט פאַר־לייקנט אין הקדוש־ברוך־הוא (במדבר רבה, ט׳, ח׳ א״אַ מקומות).

פרויען, ביי וועלכע גויִים האָבן געפאָדערט: גיט אונדז אַרויס איינע פון אייך צו לעבן מיט איר, אויב נישט, וועלן מיר אייך אַלע טמא מאַכן... זאָלן זיי אַלע ווערן פאַרגוואַלדיקט... און נישט אַרויסגעבן אַ נפש פון ישׂראל, אַפילו אַ „פנויה״, אַן אומפאַרהייראַט מיידל... אויב זי אַליין, די פנויה, שלאָגט פאָר, זיך איבערצוגעבן, כדי צו ראַטעווען די אַנדערע איז עס שוין אַ קאָמפּליצירטער ענין. ס׳קומט אַריין דער מאָטיוו פון „קרקע עולם״, די פרוי איז דער פּאַסיווער עלעמענט...

מיר האָבן וועגן דעם שוין געשריבן אין די פריִערדיקע בענד און מיר וועלן נאָך אומקערן זיך וועגן דעם. אין תלמוד (מגילה, ט״ו, ע״א) ווערט געשטעלט די פראַגע, פאַר וואָס ס׳איז געשריבן „ותלבש אסתר מלכות״ און נישט „בגדי״ מלכות און דער ענטפער: זי איז געוואָרן באַקליידט („שלבשתה״) מיט רוח הקודש, זי זאָל נישט פאַלן ביי זיך, וואָס זי האָט זיך געדאַרפט איבערגעבן צו אחשורושן. נישט געקוקט וואָס זי איז נישט געווען מחוייב זיך מוסר־נפש זיין, ווייל זי איז דאָך געווען קרקע־עולם... (סנהדרין, ע״ד, ע״ב). קיין מידת חסידות איז נישט — ווייזט אָן ר׳ צדוק הכהן — צניעותדיקע פרויען זענען זיך יאָ מוסר־נפש (זע, תוס׳ גיטין, ב״ז, ע״ב) — אויף דערויף איז זי געוואָרן געהילט אין רוח הקודש, וואָס האָט איר געזאָגט, זי זאָל זיך נישט שרעקן פאַר אחשורושן.

אין ספר חסידים (חלק א׳, סימן רנ״ב) ווערט דער דאָזיקער מאָטיוו באַרירט

און ברייט באַהאַנדלט אין משנת אברהם (אות א׳ און ב׳) אין „חבלים בנעימים״, ווערט אָנגעוויזן, אַז דער דאָזיקער פּרעצעדענט, ווי אסתּרס האַנדלונג, כּדי צו ראַטעווען איר פאָלק, איז דאָך געווען קאַטעגאָריש „אנוסה״, אַ געצוווּנגענער אַקט...

ד. די ספּעציפישע תּקנות אין דער צייט פון די גאונים. — ווען זענען חל קדושין. — די רעכט פון רבנים. — מנהג און הלכה.

אין דער צייט פון די גאונים האָט מען זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיטן פאַמיליע־לעבן. מ׳האָט איינגעפירט ספּעציפישע תּקנות ביים מקדש זיין אַ פרוי, ביים גטן, אויב דער זיווג האָט זיך נישט איינגעגעבן. אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיטן ציל צו פאַרזאָרגן די פרוי, זי זאָל זיין געזיכערט מיט פּרנסה.

און נישט בלויז אין שייכות מיטן פאַרזאָרגן זי מיט חיונה איז דאָ געגאַנגען. שוין באַלד ביים מקדש זיין אַ פרוי, האָבן די גאונים געמאַכט תּקנות זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין אומפאַראַנטוואָרטלעכע הענט.

דער דין איז, אַז אַ פרוי ווערט מקודש באַלד פון דער צייט, ווען דער מאַן גיט איר אַ פּרוטה, אַ שווה פּרוטה, אָדער, ווי דער מינהג איז, ווען ער טוט איר אָן אַ רינגל און זאָגט איר בעת מעשה — „הרי את מקודשת לי כּדת משה וישראל״! די גאונים האָבן געזוכט כּל־מיני עצות, ווי אָפּצוהאַלטן „כאַפּערס״ פון ווייבער. זיי האָבן געוואָלט אויסמיידןליידן און פּיין פון אַן אומשולדיק שיין מיידל, עס זאָל נישט אַריינגענאַרט ווערן אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן.

רבי יהודה (יהודאי) גאון, דער זיידע פון רב שרירא גאון און הויפּט פון דער גאונים־דינאַסטיע — ווילנדיק פאַרמיידן אַלע מכשולים וואָס קומען אין רעזולטאַט פון געאײַלטע און אַרויסגעצוווּנגענע קידושין — האָט אײַנגעפירט מ׳זאָל אינעם ריטואַל און טעקסט פון צערעמאָניאַל צוגעבן, אַז די רבנים האָבן דאָס רעכט, אויב דער ריטואַל איז נישט דורכגעפירט געוואָרן ווי געהעריק, די קידושין צו אַנולירן, לויטן תּלמודישן יסוד פון „כּל המקדש אדעתא דרבנן מקדש״, מיט „רבנן״ מיינט מען — די רבנים־פּוסקים אין אַלע צייטן, ווייל אויך זיי, האָבן דאָס רעכט פון „כּל המקדש אדעתא דרבנן״... און „אפקעינהו רבנן לקידושין מיני׳ ״.

אין שפּעטערע צייטן, ווען דער מכשול פון געאײַלטע קידושין איז מער נישט געווען קיין אָפטע דערשיינונג, האָט מען דאָס געבן רעכט די רבנן צו אַנולירן קידושין באַטראַכט אַלס סכּנה, און מען האָט די דאָזיקע תּקנה אָפּגעשאַפט.

אין דער גאונים־תּקופה איז אויך איינגעפירט געוואָרן (צוליב ריינקייט־און־לאָיאַלקייט־מאָטיוון), אַז אויב אַ פרוי איז אַ „מורדת״, פאַרראַט איר מאַן, פירט

זיך אויף נישט אָנשטענדיק, ווײַל נישט אויספּירן אירע פרוי־פונקציעס, ווײַל נישט לעבן סעקסועל מיט איר מאַן — זאָל מען צווינגען דעם מאַן זי צו גטן.

אין יענער צײַט איז דאָס געווען אַ נײַטיקע תקנה. זי איז וויכטיק געווען, ווײַל די סביבה אין וועלכער ייִדן האָבן זיך געפונען, די פּאָליגאַמיע־דערלויבעניש און תאווה־געלויף פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, האָט געהאַט אַ ווירקונג אויך אין דעם ייִדישן תחום המושב. אָבער שפּעטער, ווען ייִדן האָבן אין זייער צעשפּרייטקייט זיך באַזעצט אין איראָפּעיִש־קריסטלעכע לענדער, ווו מאָנאָגאַמיע איז אַ לעבנס־סיסטעם, זענען זיי געשטעלט געוואָרן אונטער אַ נײַעם משפּחה־סיסטעם; לויט רבינו גרשמס תקנות, איז אויך אין דער דאָזיקער תקנה פון אַרויפצווינגען אַ גט, ווען די פרוי איז אַ מורדת, פאָרגעקומען אַן ענדערונג.

די דאָזיקע תקנה איז פאַרלייכטערט געוואָרן: מ׳האָט געגעבן דעם מאַן צוועלף חדשים צײַט, אפשר וועט די פרוי זיך איבערבעטן, אפשר וועט זי אײַנגיין אויף אַ שלום און באַנײַען איר נאָענטקייט צום מאַן. נאָך אַ צאָל יאָרן איז די תקנה אין גאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן; מ׳האָט אָנגענומען אַ באַשלוס נישט צו צווינגען דעם מאַן צו גטן זײַן פרוי, סײַדן ער אַליין ווײַל מער נישט וווינען מיט איר.

דער רא״ש (רבינו אשר ב״ר יחיאל, ה״א, י׳ ־ הפ״ח; 1327 ־ 1250) פּסקנט מ׳זאָל דערווײַטערן מיט אַלע מעגלעכסטע הרחקות דאָס צווינגען אַ מאַן צו גטן זײַן פרוי, וועלכע, ווי ער טענהט, דינט אים נישט ווי געהעריק און ער באַטראַכט זי ווי אַ „מורדת״: „...בהכרחת נתינת גט ראיתי לרבותינו חכמי אשכנז וצרפת מתרחקין עד הקצה האחרון מכל מיני הכרחות כפיית האיש לגרש בעסק מרידת האשה... ועוד אני אומר, שהגאונים שתקנו תקנה זו, תיקנוה לפי הדור ההוא (מײַן קורסיוו — נ. ש.), שהי׳ נראה להם לפי צורך השעה בשביל בנות ישראל, והאידנא נראה הדבר להיפך: בנות ישראל בדור הזה שחצניות (קורסיוו — נ. ש.) הן; אם תוכל האשה להפקיע את עצמה מתחת בעלה באמרה לא בעינה ליה (קורסיוו — נ. ש.), לא הנחת בת לאברהם אבינו יושבת תחת בעלה, ויתנו עיניהן באחר וימרדו בבעליהן, על כן טוב להרחיק הכפייה״[1].

די הלכה בלײַבט ווי דער רא״ש, ווײַל די נאָכפאָלגנדיקע פּוסקים זענען אײַנשטימיק מיט דער דאָזיקער אויטאָריטאַטיווער מיינונג.

אין דער איטאַליענישער רענעסאַנס־תקופה, האָט דאָס פאַמיליע־לעבן פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט בײַ רבנים און רעליגיעזע פירערס. מען האָט זיך כסדר פאַרנומען מיט פאַמיליע־פּראָבלעמען: געמישטע חתונות, מינדעריאָריקע פאַרלאָבונגען, אַרויפגעצווונגענע און איבערגעאײַלטע שידוכים און אַזוי ווײַטער. מיר געפינען זייער פיל שאלות ותשובות בנוגע כתובה, נדן און בכלל משפּחה־צוזאַמענלעב. עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, מסתמא צוליב סאָציאַלע אומשטענדן, דער קשר צווישן מאַן און פרוי, און אויב דער קשר האָט געמוזט אויפגעבונדן ווערן,

האָט מען באַזאָרגט, ווי ווייט מעגלעך, די פרוי זאָל נישט פאַלן צו לאַסט, זי זאָל זיך קאָנען אויסהאַלטן בכּבוד און נישט דאַרפן אָנקומען צו נדבות.

די איטאַליענישע ייִדן, ווי די ספּרדישע, האָבן נישט אָנגענומען דעם חרם פון רבנו גרשם נישט צו האָבן קיין צוויי ווייבער. די רבנים האָבן אָבער אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען — און גאָר אָפט זיך באַנוצט מיט שטרענגע מיטלען — נישט צו דערלאָזן פּראַקטיצירן ביגאַמיע. אין די תּקנות פון קהילות, און אין די ספרים פון רבנים, געפינט מען אַזעלכע תּקנות און פאָדערונגען, צו האַלטן גאַנץ און האַרמאָניש דאָס פאַמיליע־לעבן.

ביים איטאַליענישן, ווי ביים אַשכּנזיש־מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, האָבן רבנים נישט דערלאָזט, מ׳זאָל מקדש זיין מינדעריאָריקע; מ׳האָט געלייגט אין חרם די יעניקע וועלכע האָבן געוואָגט מקדש צו זיין אַ קטנה, זייענדיק איבערצייגט, אַז דאָס וועט צעשטערן די מאָראַל און דעם איינגעשטעלטן סדר אינעם משפּחה־לעבן.

ס׳האָט זיך נישט זעלטן געטראָפן, אַז אַ מאַן איז אַנטלאָפן פון זיין פרוי, אָדער פאַרקערט; אַ מאָל האָט אויך געטראָפן, אַז אַ מאַן אָדער אַ פרוי האָבן זיך געשמדט. די גייסטיקע פירערס האָבן זיך פאַרנומען מיט אָט די פּראָבלעמען און געזוכט וועגן איינצוהיטן און איינצוהאַלטן דעם משפּחה־סדר [2]; דער עיקר, ווי צו באַזאָרגן די פרוי זי זאָל נישט בלייבן קיין עגונה, זי זאָל נישט ליידן צוליב אַ מאַן אַ שאַרלאַטאַן, זי זאָל נישט ליידן צוליב אַ געאײַלטן שריט [3]. וואָס שייך גטן, האָבן זיי געטאָן דאָס מעגלעכסטע אין די ראַמען פון דער תּורה, צוריקצוהאַלטן פון געאײַלטע גטן, געזוכט מיטלען צו מאַכן שלום בין איש לאשתּו, זיך באַציִגן מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט און פּינקטלעכקייט, איידער מען האָט באַשטעטיקט דעם „ספר כּריתות״.

אין די שו״ת ספרים, ווערן באַהאַנדלט אומצייליקע אישות־פּראָבלעמען פון מאָראַליש־עטישן, יורידישן און סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, דער עיקר פון הלכהשן אַספּעקט און קעגנשטאַנד. פרוי־און־מאַן־באַציִונגען זענען תּמיד געווען אַקטועל און במילא — אַ קאָמפּלעקס פון שאלות ותשובות: פרויען וועמעס מענער האָבן פאַרלאָזט, אַוועק אין מרחקים, ווי אויפצובינדן זייער עגונהשאַפט; פרויען וועלכע האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז זייערע מענער וועלן זיך אומקערן, געלעבט מיט אַנדערע מענער, געהאַט קינדער... אַמאָל האָט זיך געטראָפן, דער ערשטער מאַן איז צוריקגעקומען, געלעבט מיט ביידע, געהאַט קינדער פון ביידע מענער, פּראָבלעם פון ממזרים, וועגן חתונה האָבן מיט אַ דריטן — אַ קאָמפּלעקס פון קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען (זע, יבמות, פ״ז, ע״ב) און גדולי הפּוסקים, ווי ר׳ עקיבא איגר, ר׳ משה סופר (חתם סופר) און אומצייליקע ראשונים און אחרונים, פאַרנעמען זיך מיט לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמען.

ס׳איז צו באַוואונדערן, ווי גאונישע רבנים גייען אַריין אין אַנאַליזירן כל מיני פּאַרפּלאָנטערנישן און ברענגען אַרויס קלאָרע הלכהשע פּסקים און נאָך מער, זייער אָנשטרענג צו פאַרשטאַרקן שלום־בית, ביים אַרויסברענגען דעם משפּט צדק.

ס׳איז למשל, אוממעגלעך, אַפילו קאַליידאָסקאָפּיש איבערצוגעבן די אַלע שאלות, וועלכע ווערן באַהאַנדלט אין „חתם סופר״. מיר האָבן אַזאַ שאלה, ווי „חופּת נדה״, דער חתן האָט די ערשטע נאַכט נישט געקענט האָבן געשלעכטלעכע אינטימקייט; נאָך דער חתונה איז דער חתן קראַנק געוואָרן און זיין שווער האָט געוואָלט אַנולירן דעם חתונה־אַקט, ווי אַזוי דער פּרעסבורגער רב האָט זיך אָפּ־געגעבן מיטן דאָזיקן פאַמיליע־פּראָבלעם! פאַר אים איז ממש געשטאַנען פאַר די אויגן די מאמרים: ביים גטן אַ ווייב, פאַרגיסט דער מזבח טרערן (גיטין, צ׳, ע״א) ווייל די שטיינער פון מזבח, ברענגען שלום „בין ישראל לאביהם שבשמים״ (רש״י, שמות כ׳, כ״ב) ווילן זיי אַוודאי שלום ביי ייִדישע פאַמיליעס און נאָך אַ מאמר: דער וואָס איז נישט מקיים די מצווה „פּריה ורביה״, איז ער ווי אַ שופך דמים (יבמות, ס״ג, ע״ב) און נישט ווייניקער — די פליכט פונעם מנהיג איינצוהיטן די צניעות אין פאַמיליע־לעבן.

ס׳האָבן קיין מאָל נישט געפעלט קיין משפחה־פּראָבלעמען. אַפילו אין דער געשלאָסענער ייִדישער געטאָ, האָבן זיך געטראָפן זנות־אינצידענטן. מיר געפינען אין שו״ת חת״ס, וועגן אַזעלכע פאַלן, ווי אַ מאַן האָט געלעבט מיט דער פרוי פונעם פעטער; אַ שוחט האָט זיך מתוודה געווען, אַז ער האָט געלעבט מיט אַ גויה; אַ חזן — מיט זיין שוועגערין און ענלעכע שאלות וועגן „אינצידענטן״ וואָס האָבן געשטערט די ריינקייט אינעם פאַמיליע־לעבן.

גיט מען אַ שפּרינג אַריבער די גרענעץ, מען בלעטערט אין „אבני נזר״ פון הגאון אדמו״ר ר׳ אברהם באָרנשטיין (סאָכאַטשעווער רב און רבי — תקצ״ט־תר״ע; 1838־1910) און ווידער באַווייזן זיך פאַר אונדז ענלעכע שאלות, וועגן אוממאָראַלישע אויפפירונגען, וועגן רייסערייען, אומטרייהייט, גטן, אויסגעלאָסנ־קייטן, אַפילו אַזאַ שאלה (שו״ת, אהע״ז, סימן ב׳): אַ פרוי האָט געהאַט אַן אומ־לעגאַל קינד, ערגעץ אויף אַ פעלד, האָט זי דאָס קינד דערהרגעט. דאָס קינד איז געפונען געוואָרן דורך אַ חזיר וואָס האָט עס אַרומגעשלעפּט... אַ שאלה: אַ מאַן איז געגומען געוואָרן אין תפיסה... אין משך פון זיין „זיצן״ איז די פרוי געווען מיט אַן אַנדער מאַן... פּראָבלעמען וואָס האָבן פאַרמאַטערט דעם צדיק, וועלכער האָט געזוכט צו לייזן די פּראָבלעמען אין הלכהשע אַספּעקטן. אַ פּיקאַנטע שאלה: אַ מיידל איז געשלאָפן מיט איר פעטער... נאָך דער חתונה האָט איר מאַן דאָס אויסגעפונען, איז אַ פראַגע צי דער מאַן דאַרף זי גטן... אַן אשת־איש האָט געלעבט מיטן אַרבעטער און דער לעצטער איז געקומען זיך מתוודה זיין, ווייגט און בעט מ׳זאָל אים ווייזן דעם וועג פון תשובה...

די צאָל פון אַזעלכע געשעענישן איז צו גרויס מ׳זאָל זיי קענען אויסרעכענען. אויף דערויף פאָדערט זיך אַ באַזונדער שטודיע. אין די שו״ת פון מהרי״ל גרויבאַרט, האָבן מיר צענדליקער אַזעלכע און ענלעכע שאלות — דער רב אַנאַליזירט און באַהאַנדלט יעדן פרט, בכדי צו געפינען וועלכן נישט איז היתר צו קענען זיך סומך זיין לקולאַ.

מיר האָבן אַזאַ שאלה: קאַזאַקן זענען באַפאַלן אַ שטעטל, אַריין אין אַ שטוב, געטראָפן דאָרט אַ מוטער און אַ טאָכטער, די פרוי פון אַ כהן; די מוטער האָבן זיי דערהרגעט, די טאָכטער האָט זיך געראַטעוועט — מעג זי וווינען מיטן כהן?... ער פילט זיך דערהויבן, געפינענדיק אַ היתר. אין זיינע ווערטער: „וע״כ לדעתי יכול בעלה להיות עמה ואין להרוס את הקן וה׳ ירחם על עמו ממלכת כהנים״ (חבלים בנעימים, אהע״ז, ג׳, סימן ע״א).

ווז נאָר און ווען נאָר מען עפנט אויף אַ רבניש ספר, געפינט מען דעם אָנשטרענג פון די מחברים, צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון דער פרוי, נישט צעשטערן דעם בנין פון אינטימקייט צווישן מאַן און פרוי און וואָס שייך עגונה־פּראָבלעמען, האָבן זיך גדולי הפוסקים איינגעשטעלט, אַפילו אַריין אין מחלוקת, מיטן ציל צו העלפן דער עלנטער פרוי, ווי מיר האָבן דאָס שוין אָנגעוויזן אין די פריערדיקע ווערק.

איינער פון די פוסקים ביים ספרדישן ייִדנטום, ר׳ אברהם די בוטין (ש״ה־שס״ג; 1545־1603, בערך), דער מחבר פון „משנה למלך״, פירוש אויפן רמב״ם, האָט אויך אַ ווייניק באַקאַנט ספר „לחם רב״, שאלות ותשובות, געפינט זיך דאָרט אַ שאלה, אַ מאַן האָט געשיקט אַ גט צו זיין פרוי, אָבער איידער דער שליח האָט איבערגעגעבן דעם גט, איז ער דערטרונקען געוואָרן אין „מים שאין להם סוף״, וואָס דער דין איז, אַז די פרוי בלייבט אַן אייביקע עגונה, טאָמער לעבט ער...

אין דעם פאַל, האָט ר׳ אברהם די בוטין געפסקנט, מ׳זאָל איר איבערגעבן דעם גט; לעבט ער נישט, דאַרף זי נישט קיין גט... די רבנים האָבן נישט מסכים געווען צו זיין פסק, ווייל, האָבן זיי באַזירט זייער קעגנערשאַפט, מען וועט זאָגן: „יש גט לאחר מיתה״, אַז מען קען געבן אַ גט נאָכן מאַנס טויט, וועט מען דאָך מבטל מאַכן די דיני יבום וחליצה... ער האָט אָפּגעפרעגט מיט די שאַרפסטע ווערטער זייער איינשטעלונג. ער האָט זיך איינגעשטעלט, זיין כבוד און פרנסה און אַלץ לטובת אַ ייִדישער פרוי, זי זאָל נישט בלייבן קיין עגונה.

רבנים־פוסקים זענען געווען זייער שטרענג אין פאַרזיכערן און אָפּהיטן די ריינקייט און גאַנצקייט פון משפחה־לעבן. געגוג צו דערמאָנען די מסירת־נפש פון ר׳ יחזקאל לאַנדאַ, דעם בעל „נודע ביהודה״ (תע״ג־תקנ״ג; 1713־1793) און זיינע קאַמפן קעגן פראַפאַגירונג פון דער קדושה אין פאַמיליע־לעבן. אַ רב און רבי, ווי ר׳ צבי אלימלך מדינוב, דער מחבר פון „בני יששכר״ (תקמ״ג־תר״א; 1783־

1841), האָט אַלאַרמירט וועגן הפקרות: „על זה לבי דוי, אשר בכל המקומות שבהישובין התירו לעצמן איסור דאורייתא לחול במחולות וריקודין עם נשים ובתולות נשואות ופנויות. שומו שמים על זאת...״

אין תּלמוד האָבן מיר אומצייליקע מעשׂיות, ווי אַזוי די חז״ל האָבן באַקעמפט פּרעכקייט: „מעשׂה באָדם אחד שהטיח באשתו תחת התאנה... והלקוהו״ (יבמות, צ׳, ע״ב). מ׳האָט געוואָלט איינהיטן בושה און דורך בושה — די צניעותדיקייט, אָפּילו ביי אַ טויט־אורטייל: „האיש נסקל ערום ואין האשה נסקלת ערומה...״ (סנהדרין, מ״ד־מ״ה; סוטה, כ״ג, ע״ב; נדה, מ״ז, ע״א; זע, חבלים בנעימים, א׳, א׳, י״ב, ז״ז 45־49) — בושה פאַרהיט פון הפקרות...

פון דעסטוועגן, ווערט דערציילט, אַ יונג מיידל איז געקומען צו ר׳ חיים בריסקער סאָלאָווייטשיק, תּרי״א־תּרע״ה; 1851־1915) און זיך פאַרטרויט פאַר אים מיט גרויס צער, אַז זי האָט זיך געלאָזט איבררעדן און איז שוין נאָענט צום געבן געבורט...

ר׳ חיים האָט אַריינגערופן די רביצין, געהייסן האָבן רחמנות אויף איר, אַריינ־נעמען אין הויז... זי אויסהאַלטן פאַר צוויי יאָר, ווען זי דאַרף זייגן דאָס קינד... זי האָט געבוירן אַ בן זכר און ר׳ חיים האָט געפּראַוועט דעם ברית... (זע, הרב ש. י. זעווין, אישים ושיטות, ז׳ 70; שלמה אשכנזי, דורות בישׂראל, ז״ז 125־126 א״אַ).

דער כּלל איז, „בעריות החמירו״ (חגיגה, י״א, ע״ב), פון דעסטוועגן האָבן רבנים זיך גערעכנט מיטן מצב פון דער פרוי, לטובת דער פרוי, אויב ס׳איז געווען אין די ראַמען פון הלכה. דאַקעגן, ווען אַ פרוי קומט מיט אַ טענה, אַז זי וויל אַ גט, ווייל „אֵין לו גבורת אנשים״, ער איז אימפּאָטענט, דאַרף מען דורכפירן אַ דרינגלעכע דרישה וחקירה, ווייל נישט תּמיד קען מען איר גלייבן (חבלים בנעימים, ב׳, סימן צ״ז; „באַציונג צו דער פרוי״ — באריכות).

די מצוות „עונה״, צו זיין אינטים מיט דער פרוי, איז אַ פליכט אינעם פאַמיליע־לעבן: „שארה כסותה ועונתה לא יגרע״ (שמות, כ״א, י׳; רש״י אויפן אָרט). דאָס וואָרט שארה ווערט געטייטשט געשלעכטלעכע באַציונג, „דבוק בשׂר״. באַלד ביים בראשית־פּראָצעס, איז עס אַזוי געווען די יצירה. „והנה טוב מאד״, ווערט געדרשנט — זה יצר הרע. אין די ווערטער פון ר׳ צדוק הכּהן, האָט אַנדערש נישט געקענט זיין; ס׳מוז זיין, פריִער פינצטער און נאָך דעם ליכט, „בתחילה חשוכא והדר נהורא״ (שבת, ע״ז, ע״ב; רסיסי לילה, אות י״ד). אויב מ׳גיט זיך איבער צום נחש, ווערט די ליכט פאַרטונקלט, ברענגט עס קללה (פּרקי דרבי אליעזר, י״ג; זוהר בראשית אויפן אָרט; אברבנאל און אַנדערע). אַזאַ אינטימקייט איז אַ קללה... די „עונה״ איז באַגרענעצט געוואָרן, ס׳זאָל נישט

הערשן קיין הפקרות און אַפילו דערלויבטע, מצווהדיקע, זאָל האָבן איר צייט — שבת! (זע, כתובות, ס״ב, ע״ב).

מיט פאַרשיידענע לויב־געזאַנגען און סופּערלאַטיווע אויסדרוקן, ווערט גע־שילדערט די וויכטיקייט פון זיווג: דער עושר וואָס האָט נישט קיין ווייב, האָט נישט קיין היים... ביידע, מאַן און ווייב שטעלן צוזאַמען די הויזלעכע מלכות (זע, משלים אין מדרש תנחומא, ויקרא און קדושים). די צוויי לוחות סימבאַליזירן הימל און ערד, חתן און כלה; הקב״ה איז פאָטער, ישראל — מוטער און די תורה — טאָכטער (תנחומא, עקב; פרי צדיק, אחרי, אות ז׳).

אויף דעם פּסוק „בעטרה שעטרה לו אמו״ — די קרוין וואָס זיין מוטער האָט אים באַקרוינט (שיר השירים, ג׳, י״א), ווערט אינטערפּרעטירט אַז דאָ איז געמיינט געוואָרן כנסת ישראל, די בת־יחידה ביים מלך העולם. די פרוי איז די עקרת־הבית און די „קורות הבית״, ווייל דורך איר ווערט באַפעסטיקט דער בנין.

גרויס איז די פרייד פון זיווג, אַז מען האָט זיך דערלויבט טאַנצן פאַר דער כלה און מיט דער כלה, ווי רב אחא האָט דאָס געוויזן, זייענדיק אויסגעטאָן פון תאווה (כתובות, ט״ז־י״ז; מהרש״א אויפן אָרט). דער זיווג דאַרף אָבער זיין גע־הייליקט, „מקדש עמו ישראל...״ אַ הייליקייט מיט שמחה; „וילכו לאהליהם שמחים וטוב לב״ (מלכים א׳, ח׳, ס״ו) ווערט געטייטשט: „שמצאו נשותיהן בטהרה... שנהנו מזיו השכינה... שנתעברו נשותיהן וילדה זכר... (שבת, ל׳, ע״א).

אויב מ׳פירט זיך אויף מאָראַליש דערהויבן, ס׳הערשט ליבשאַפט צווישן מאַן און פרוי, דאַן איז שולט די ברכה אין הויז. אין אַזעלכע היימען הערט מען נישט פון פאַמיליע־פּראָבלעמען. אויב אַ מאַן אָדער אַ פרוי וויל אָפּשאַפן דעם „שאר״, קירוב בשר, איז דאָס אַ סימן, אַז ס׳וועט ביי זיי נישט זיין קיין שלום־בית, איז דער דין „יוציא ויתן כתובה״ (כתובות, מ״ח, ע״א; רש״י, שבת, י״ג, ע״א).

מ׳האָט אויך געלערנט פּראַקטישקייט ביים חתונה האָבן: דער מאַן דאַרף זיך פריִער עטאַבלירן, באַזאָרגן מיט פּרנסה (לויטן פּסוק, דברים, כ׳, ה׳־ז׳); ער זאָל נישט פלירטעווען, אַפילו ווען ס׳איז אים דערלויבט... „ולא יספר עם אשה בשוק, ואפילו היא אשתו...״ (אבות, א׳ און ד׳; יומא, פ״ו, ע״א; יבמות, ס״ה, ע״א; קידושין, מ״ג, ע״א; מ״ח; רמב״ם, מדע, ה׳ ז׳ א״אַ).

, אויב אַ מאַן אָדער אַ פרוי באַקלאָגן זיך, אויף אומצופרידנקייט אין געשלעכט־לעכן לעבן, זאָל מען דורכפירן אַ געהעריקע חקירה ודרישה איידער מען באַ־וויליקט זיי אַ גט. די קידושין, דאַרף מען לערנען סיי דעם מאַן און סיי דער פרוי, זענען נישט קיין שפּיל, אַ טעאַטער־שטיק. ווי איז צו די וועלכע האָבן חתונה צוליב געוויסע סיבות און טראַכטן פון גטן זיך (זע, יבמות, ל״ז, ע״ב). ווי איז צו דעם, וואָס מאַכט חתונה זיין יונגע טאָכטער צו אַן עלטערן מענטשן — אַזעלכער איז מעכּב די גאולה.

אויב מען געפינט אויס, אַז די טענות זענען באַרעכטיקטע, ווי למשל די טענה „אין לו גבורת אנשים" און ענלעכע פעלערן, איז איידער אַרויפצווינגען אַ צוזאַמענלעבן, איז שוין בעסער אַ שיידונג (זע, משנה יבמות, סוף המדיר; מהרש"ם, ג׳, ט"ז; הרב יצחק אהלבוים, המאור, תשרי־חשון, תשל"ו, ז"ז 15-18).

ווו נאָר מען עפנט אויף אַ ספר, הלכה צי אגדה, ווערט שטאַרק באַטאָנט צניעותדיקייט אינעם פאַמיליע־לעבן, אַפילו ביים באַנעמען זיך אין דער אינטימקייט. רבן גמליאל דריקט זיך אויס, אַז ער איז באַגייסטערט פון די פערסיער, ווייל זיי זענען „צנועין בדבר אחר", ווי רש"י טייטשט: „תשמיש" — געשלעכטלעכער באַהעפטיקונג (ברכות, ח׳, ע"ב).

מען וואָרנט סיי דעם מאַן און סיי דער פרוי נישט אַריינצולאָזן זיך אין אויסגעלאַסנקייט, „אל תתן לנשים חילך" — זאָלסט נישט אָוועקגעבן אויף ווייבער דיין כּוח (משלי, ל"א, ג׳) און דאָס זעלביקע איז געזאָגט געוואָרן צו דער פרוי, ספּעציעל וואָרנט מען קעגן שכרות, ווייל דאָס פירט צו דער עבירה... (במדבר רבה, י׳, א׳), אַפילו ווען זיי טוען עס פאַרבאָרגנערהייט, וועלן זיי געמישפּט ווערן ליום־הדין. אויב אַ פרוי איז עובר, זי האָט חתונה מיט אַ צווייטן, בעת זי האָט נישט געהאַט קיין גט פונעם ערשטן, איז דער דין „אין קדושין תופסין", דאָך אויב זי וויל חתונה האָבן מיט אַ דריטן, מוז זי האָבן אַ גט פונעם צווייטן — אַלע חומרות צו פאַרהיטן פון הפקרות. מען רעכנט זיך אָבער מיט אומשטענדן!

מיר וועלן אַריבערשפּרינגען אַ צאָל תּקופות, דורות און אַ בליק טאָן אין די ספרים וועלכע זענען לעצטנס דערשינען, שו"ת־ספרים געשריבן אין צייט פון חורבן, פון רבנים וועלכע האָבן מיטגעמאַכט דעם חורבן. צו דערמאָנען איינעם פון אַ גרעסערער צאָל, אַ בלעטער טאָן אין „מקדשי השם" פון הרב צבי הירש מייזלס, וואָס פאַר אַ שאלות ס׳זענען געפרעגט געוואָרן און ווי דער רב האָט געענטפערט, תּמיד לטובת דער פרוי.

די חז"ל און זייערע נאָכפאָלגערס האָבן געמאַכט תּקנות מיטן ציל צו פאַרבעסערן און פאַרשטאַרקן דאָס פאַמיליע־לעבן, ווייל אין פאַמיליע־שלום האָבן זיי געזען דעם שלום און די גאַנצקייט פונעם פאָלק. אַפילו אין שבת־רו, אין אַראַנזשירן דעם שבתדיקן טיש, אין ליכטבענטשן און געזאַנג „אשת חיל", איז געווען די זאָרג אָנצוהאַלטן די ליבע און די געהעריקע אָפּשאַצונג פאַר דער פרוי [4].

מיר וועלן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט אָנווייזן אויף די מאָטיוון פון די שבת־רו־געזעצן, וואָס זענען איינציקאַרטיק און טראָגן אַ קאָסמיש־טעאָלאָגישן כאַראַקטער. דער עיקר וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם סאָציאַל־עטישן הינטערגרונט פון דער מנוחת הנפש אין דעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער. די ל"ט מלאכות וואָס זענען פאַרבאָטן צו טאָן אום שבת סימבאָליזירן די הייליקייט פון פאָלקס־היגיענע; דעריבער — הייליקייט און ריינקייט אין דעם אינטימסטן לעבן צווישן

מאַן און פרוי, וואָס ווערט פראַקטיצירט גראַד אין שבת מלכתא: די מלכה שבת דערוועקט חן און ליבשאַפט צו דער מלכה פון הויז. שבת איז געוואָרן אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע, אַ רוטאַג וואָס נעמט אַריין אין זיך, אי דאָס טעאָלאָגישע און אי דאָס סאָציאַל־עטישע אינעם מענטשנס לעבן.

די חז״ל און זייערע נאָכפאָלגערס האָבן אין די תורה־ראַמען געגעבן דער פרוי חשיבות אין משפחה־לעבן, אין דער דערציִונג פון דעם אונטערוואַקסנדיקן דור, אין דעם לעבנס־שטייגער וואָס נעמט אַריין די צוגעבונדנקייט פון מאַן און פרוי, און אין סטאַביליזירן די יִידישן היים, לויט די יסודות פון דער יִדישער געזעל־שאַפט.

אין תלמוד ווערן איבערגעגעבן אומצייליקן מעשׂים פון יִדישע טעכטער, וועלכע האָבן זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דער יִדישער אמונה, זענען געגאַנגען אויף קידוש־השם און קדושת האומה. רעליגיעזע פירערס אין אַלע צייטן האָבן אָנערקענט אַזאַ מסירת־נפש און זיך באַצויגן פּאָזיטיוו ווי נאָר און ווען נאָר זיי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצודריקן די דאָזיקע אָנערקענונג.

אַזוי אין תלמוד, אין דער הלכה און אין דער אגדה, און אַזוי אויך אין די ספרי הפּוסקים (שוין אָפּגערעדט פון קבלה און חסידות), ווערט די פרוי הויך געשעצט פאַר אירע אַקטיווע מעשׂים לטובת היהדות.

ר׳ יוסי בן חלפתא שטעלט זיך איַין פאַר דער פרוי אויף אַזוי וויט, אַז דער רבונו־של־עולם — לויט זיין מיינונג — פאַרנעמט זיך מיטן מזווג זיין זיווגים און צופּאַסן שידוכים [5]. די פרוי פאַרגלייכט ער צו אַ „פונט גאָלד״ און זאָגט, אַז מען דאַרף איר אָנטאָן „נחת רוח״ [6]. אליהו הנביא האָט געזאָגט צו ר׳ יוסי בן חלפתא, אַז אַ פרוי - „עזר״ מאַכט ליכטיק זיין לעבן און שטעלט אים אויף די פיס [7].

וועגן ר׳ עקיבאס ווייב, רחל, האָבן מיר שוין אומצייליקע מאָל אָנגעוויזן, ווי חשוב ס׳איז געווען איר טאַט צו פאַרלאָזן די רייכע היים פון איר פאָטער כלבא שׂבוע — פון די רייכסטע יִידן אין ירושלים בעתן חורבן, אָפּשערן אירע שיינע האָר, זיי פאַרקויפן, און פון דעם געלט אויסהאַלטן איר גרויסן מאַן רבי עקיבא, „דהוות מזבנת מקלייתא דרישא ויהבה לי׳ והוא לעי באורייתא״ [8].

ריש לקיש האָט געהאַלטן, אַז די זכיה צו האָבן אַ גוטע, איבערגעגעבענע פרוי איז „על פי מעשׂיו״; זיין איבערצייגונג: „אין מזווגין לו לאָדם אשה אלא לפי מעשׂיו״ [9]. ער, ר׳ שמעון, איז געוואָרן דער שוואָגער פון רבי יוחנן, און האָט זוכה געווען צו אַן אויסערגעוויינלעך שיינער פרוי [10].

רב חסדא האָט זוכה געווען צו אַ ווייב מיט אַלע מעלות און איז געווען שטאַרק צופרידן וואָס ער האָט יונג חתונה געהאַט. האַלטנדיק אַז ער האָט געדאַרפט נאָך יִנגער חתונה האָבן. ער האָט געדרשנט דעם פסוק „ובחוסר כל״, אַז דאָס איז געמיינט געוואָרן „בלא אשה״ [11], ווייל די פרוי גיט ליכט, גיט לעבן, גיט שלום

אין גייסטיקן און אין פיזישן פאַרלאַנג פונעם מענטש.

ס׳זענען פאַרשטענדלעך די וואַרעמע געפיל־אויסדרוקן פון ייִדישע גייסט־מענטשן פאַר זייערע געטרייע פרויען און טעכטער; ס׳איז פאַרשטענדלעך די ליוב פאַר אינטעליגענטע פרויען, פאַר שאַפערישע פרויען־פּערזענלעכקייטן. ס׳איז נאַטירלעך די ליוב פון בעל „הרוקח״ ר׳ אלעזר בן יהודה, אין זיין קלאָגליד אויף זיין ווייב דולצע און זיינע טעכטער; ער ליובט זיי פאַר זייער וויסן און צניעות. ער איז נישט דער איינציקער פון די גדולי הפוסקים, וואָס האָבן גערעדט און געשריבן מיט ליוב וועגן זייערע פרויען און טעכטער [13], נישט געקוקט וואָס לויט דער הלכה באַשטימט מען נישט קיין פרוי פאַר אַ פירערין, אָדער פאַר אַ חבר אין בית־דין. אויך וועגן עדות זאָגן האָבן מיר אַ גאַר רייכע ליטעראַטור, ווען מ׳קאָן יאָ און ביי וואָס מ׳קאָן זיך נישט פאַרלאָזן אויפן עדות זאָגן פון אַ פרוי [12] — אָבער וועגן דעם באַזונדער.

ה. גלייכהייט פון דער ייִדישער פרוי. — תקנות לטובת דער פרוי. — איר חלק אין דערציִונג. — רע־נעסאַנס פון דער ייִדישער פרוי.

מיר האָבן פריִער שוין אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, אַז די ייִדישע פרוי איז מחויב אויף אַלע תורה־געבאָטן און אויב מ׳האָט זי באַפרייט פון צײַט־מצוות, „מצות עשה שהזמן גרמא״, האָט מען איר געגעבן, ווי אַ קאָמפּענסאַציע, אַנדערע מצוות. אויך אַ גרויסע צאָל פון די מצוות, באַ־זירטע אויף צייט, האָבן זי פאַרפליכטעט [1]; געגנוג צו דערמאָנען: פסח — די פרוי איז מחויב צו טרינקען פיר כוסות; זי איז מחויב צו דערציילן וועגן נס יציאת מצרים; זי איז אַ פולשטענדיקער מיטגליד פון „בני ישׂראל״.

וואָס שייך די מצוות דרבנן, זענען פרויען און מענער פאַרפליכטעט, אָן וועלכן נישט איז אונטערשייד [2]: אַזוי פורים, חנוכה — אומעטום, וווּ דער פרויס באַ־טייליקונג האָט זיך אָנגעזען, איז זי אַ גלייכער מיטגליד.

וואָס שייך פסח, איז דאָ דער כלל: „אף הן היו באותו הנס״; לאָמיר ציטירן, וואָס עס ווערט געזאָגט:

„ואמר ר׳ יהושע בן לוי, נשים חייבות בארבע כוסות, שאף הן היו באותו הנס״ [3] אין די ספרי הפוסקים: „נשים חייבות בסיפור יציאת מצרים״ [4]. מיין רבי, הרב ר׳ יהודה לייב גרויבאַרט זצ״ל, שטעלט די פראַגע, צי „נשים חייבות בברכת החמה״ [5].

מיר קענען אָבער נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט, וואָס דורות נאָך דורות זענען פרויען, אויסער מיט געוויסע אויסנאַמען, געווען הינטערשטעליק אין בילדונג. די פרוי איז בלויז געהאַלטן געוואָרן אַלס „עזר״ צום מאַן, ווי חוה, וועמעס

יצירה איז געווען „עזר כנגדו" און לסוף באַוויזן, אַז זי איז מער ווי סתּם אַן עזר. נאָר אַז זי קאָן באַאײַנפלוסן דעם מאַן און דורך אים די געזעלשאַפט.

די ייִדישע פרוי האָט נישט געקראָגן די זעלביקע דערציִונג ווי דער מאַן, האָט נישט געלערנט קיין תּורה, האָט נישט געלייענט קיין העברעיִש; מ'האָט זיך געהאַלטן ביים אַקסיאָם פון ר' אליעזר הגדול, „כּל המלמד את בתו תּורה, כּאלו מלמדה תּפלות". די גורמים: געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע און נישט ווייניקער מאָראַלישע. די פרוי האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו שטודירן און דעריבער איז זי געבליבן די הויז־זיצערין, די עקרת הבית, די „דאָמעסטיק"־צוגעבונדענע. בלויז געוואָגטע זענען אַרויס פונעם ענגן שטוביקן תּחום, ווי אַ ברוריה אָדער ילתה אַמאָל און, אין דער מאָדערנער צייט, אַ גליקל פאָן האַמעלין און נאָך איר אַ ריי שרייבערינס, מלומדות־פרויען, ביז דער נייער צייט מיט אירע אומצייליקע פּאָעטינס, וויסנשאַפטלערינס און שרייבערינס, פּירערינס [6]. וואָס שייך דער ייִדישער ליטעראַטור אין ייִדיש, האָט שוין די פרוי גאָר גרויסע פאַרדינסטן, אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. זי איז מיט דער צייט געוואָרן נישט בלויז די לייענערין, נאָר אויך די שאַפערין פון גרויסע ווערק. דער מצב האָט זיך אַ סך געענדערט נאָך דער תּקופה פון דער השׂכּלה־ליטעראַטור: ציוניזם־אויפלעבונג, מאָדערנע ייִדישע באַוועגונגען, סאָציאַליסטישע, וועלטלעכע און נישט ווייניק רעליגיעזע; מיט דער צייט האָט זיך געשאַפן אַ נייער צוגאַנג, אין די ראַמען פון הלכה און שלחן ערוך, צו דער פּאָזיציע פון דער ייִדישער פרוי.

ד"ר חוה שפּירא, אין אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן דער ראָלע פון דער פרוי [7], באַקלאָגט זיך, אַז אונדזער ליטעראַטור פאַרנעמט זיך נישט מיט דער געשטאַלט פון דער פרוי. ביי אַנדערע פעלקער — שרייבט זי — שילדערט מען דאָס „שיינע געשלעכט". דיכטערס, קינסטלערס, מאָלערס, סקולפּטאָרן, ברייטערן אויס זייער אימאַזש אין שילדערן די פרוי, אָבער נישט ביי אונדז; נישט אין דער העברעיִשער און נישט אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווערט דער געביט פון פרויען־באַטייליקונג און פרוי־געשטאַלט געשילדערט ווי געהעריק.

אַז דאָס איז נישט אַזוי איז איבעריק צו פּאָלעמיזירן. פון „בראשית", דורך „שיר השירים", משלי און אַזוי ווייטער, ווערט די ייִדישע פרוי אַרויסגעהויבן צו די העכסטע פאָרמען פון שיינקייט, ערלעכקייט, איבערגעבנקייט, העלדישקייט און... אויך דאָס פאַרקערטע.

אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, אַזוי אין דער העברעיִשער און אַזוי אין דער ייִדישער, הערן מיר אַ לויב צו דער ייִדישער פרוי; מיר לייענען אויך וועגן דער טראַגישקייט פון דער ייִדישער פרוי. אויב אברהם מאַפּו (תקס"ז־תרכ"ח; 1807־1867) האָט זיך בעיקר פאַרנומען מיט שילדערן די העלדישקייט פון דער אַמאָליקער ייִדישער פרוי, האָט יל"ג, דער דיכטער פון השׂכּלה־דור, געשילדערט דאָס

לעבן פון דער יידישער פרוי אין זיין צייט. ער איז געווען דער ערשטער זיך אויס־צודריקן: „אשה עבריה; מי ידע חייך, עצבך ומשושך, שברך, מאווייך"... ער איז אָבער אַריבער די מאָס אין זיין „שומרת יבם", וואָס ציטערט צוליבן נישט האָבן קיין קינד מיט איר מאַן, אַז זי וועט דאַרפן וואַרטן אויף דעם „ילד קטן", ביז דאָס קליינע יינגעלע, וועט אונטערוואַקסן און איר געבן חליצה.

יל"ג רופט אויס:

„צר לי עליך אחותי, יונתי הכן פקד אלי, צותה תורתי?.." ער איז אָן ספק אַריבער די מאָס אין שילדערן אכזריות ביי רבנים. מיר ווייסן ווי אַזוי רבנים האָבן זיך פאַרנומען מיט אַלע כוחות צו העלפן עגונות[8].

יהודה לייב גאָרדאָן (יל"ג; 1892 — 1830) האָט אין זיין „קוצו של יוד" פאַר־אייביקט דעם שאַוולער רב, ר' יוסף זכרי' שטערן (מחבר פון שו"ת ספר „זכר יהוסף"). זיין ציל איז געווען צו באַשמוצן דעם ליטווישן רב; ער רופט אים אָן — „ופסי הכוזרי" און, דורך אים, אַלע רבנים וואָס האַלטן זיך ביי דער שטרענגער הלכה.

ער האָט אָבער ווייניק ווירקונג געהאַט. דער שאַוולער רב ווערט פאַרערט ביי רבנים, לומדים און ביי יעדן ווו תורה און הלכה איז פאַרהייליקט.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף יל"גס צוגאַנג צו די סאָציאַלע פּראָבלעמען און, גאָר באַזונדערס, וועגן זיין באַציִונג צו דער יידישער פרוי; און מיר וועלן זיך נאָך אומקערן אין באַהאַנדלען זיין נעגאַטיווע באַציִונג צו די שומרי החומות, די היטערס פונעם יידישן דין און יידישן מינהג.

יהודה לייב גאָרדאָן איז דער וויכטיקסטע העברעיִשער פּאָעט פון דער השכלה־צייט. ער ווערט ביי ליטעראַטור־קריטיקערס פאַרגליכן צום רוסישן דיכטער ניעקראַסאָוו („סאָוועטיש היימלאַנד", נומ' 12, 1971). ער איז אָבער געווען באַ־הערשט פון השכלה־גייסט און זיך באַצויגן מיט שפּאָט צום רעליגיעזן יידישן פאָלקסטימלעכן שטייגער.

כמעט אַלע שרייבערס פון נאָך דער גאָרדאָן־תקופה פאַרנעמען זיך מיטן גורל פון דער יידישער פרוי. געגנוג צו דערמאָנען פרץ סמאָלענסקין, מענדעלע אין זיין „האָבות והבנים" — און ווער נישט?

און אַז מיר גיבן אַ בליק אין די ווערק פון די יידיש־קלאַסיקערס, לאָמיר דערמאָנען אייזיק מאיר דיק (1893 — 1814), וואָס האָט גוט געקענט דעם יידישן שטייגער־לעבן און האָט געוואָלט אַריינברענגען אין אים רעפאָרמען. דאָס ערשטע וואָס ער האָט געוואָלט איז געווען באַפרייען די יידישע פרוי פונעם עול פרנסה. אין זיינע מעשה־ביכלעך, וועלכע זענען געלייענט געוואָרן פון ווייבער, האָט ער אַרויסגעהויבן די פרוי און אָפּגעלאַכט פון דעם סיסטעם דער מאַן זאָל זיך וואַרע־מען ביים אויוון אין בית־מדרש און זי, די פרוי, האָבנדיק דעם עול פון קינדער

און שטוב־ווירטשאַפט, זאָל שטיין און ווערן געפּרווירן אין געוועלבל אָדער ביים קלייטל.

י. ל. פּרץ פילט דעם צער פון דער ייִדישער פרוי. ער קאָן די פרוי פונעם שטעטל און נישט ווייניקער די פרוי פון דער שטאָט, מיט אירע גרויסשטאָטישע באַגריפן. ער קאָן נישט פאַרטראָגן דעם גלייכגילט, די אַפּאַטיע צו דער פרוי, וועלכע דינט און ווערט גענוצט בלויז אַלס פרוי, געניסט נישט פון קיין ברעקל ליבע און האָט בלויז צער אין האַרצן.

מיר ווייסן אָבער, אַז תמיד, אין אַלטערטום ווי אין דער נייער צייט, האָבן רבנים, גדולי תורה געזוכט אַרויסצוהייבן די פרוי, איר העלפן, און ס'זענען גע־שאַפן געוואָרן תקנות לטובת דער ייִדישער פרוי.

וואָס שייך תקנות־עגונות, האָבן רבנים־פּוסקים תמיד געזוכט צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון דער עלנטער אלמנה. אַלע פּוסקים ראשונים און אחרונים פאַרנעמען זיך, ווי שוין פריִער דערמאָנט, מיטן עגונה־פּראָבלעם. כּדי אַ פרוי זאָל מעגן חתונה האָבן, האָט מען אויסגעזוכט אַלע מעגלעכע „קולות" (פאַרלייכטערונגען).

מיר לערנען [9], אַז רבי עקיבא האָלט מ'זאָל נישט בודק זיין „עדי נשים". עדות וועלכע באַשטעטיקן, אַז זיי האָבן געזען ווי דער פרויס מאַן איז אומגעקומען, פאַרלאָזט מען זיך אויף זיי, אָן דרישה וחקירה, וואָס עס פאָדערט זיך ביי עדי־נפשות. רבי טרפון דאָקעגן האָלט — ווייל דאָס האָט צו טאָן מיט מתיר מאַכן אַן אשת־איש צו קענען חתונה האָבן — איז דאָס ווי דיני נפשות. דער דין בלייבט ווי רבי עקיבא און דער מאָטיוו, ווי דער רמב"ם דערקלערט, „שלא תשארנה בנות ישׂראל עגונות"... [10]

אויב עדות האָבן געזען, אויף וועלכן נישט איז אופן, אַ שאָטן פון איר אומ־געקומענעם מאַן, איז איר שוין דערלויבט געוואָרן חתונה צו האָבן, ווייל זיי האָבן זיכער געזען איר מאַן און נישט קיין שד, פאַרשטעלט ווי איר מאַן [11].

ר' אפרים זלמן מרגליות (תקכ"א ־ תקפ"ח), האָט מתיר געווען אַן עגונה, אויפן סמך פון געפונענע ביינער און קליידער, אָנערקענענדיק דאָס אַלס „סימנים מובהקים" [12].

און נישט בלויז וואָס שייך עגונה, נאָר אויך אין אַנדערע פאַמיליע־אַנגעלעגנ־הייטן, ווי, למשל, קדושי קטנה (וואָס איז אין דער צייט פון תלמוד געווען אַ רעגולערע פּראָצעדור) „ממאן" צו זיין, ד"ה — ווען דאָס מיידל וואַקסט אונטער האָט זי דאָס רעכט צו פּראָטעסטירן און אָזוי אַרום אַנולירן וואָס איר מוטער אָדער ברידער האָבן פאַר איר צוגעגרייט (אַ חתן, אַ מאַן). אַזאַ פּראָצעדור, איז אין די שפּעטערע תקופות, אָפּגעשאַפן געוואָרן און „מיאון" איז נישט דערלויבט געוואָרן. פון דעסטוועגן, האָט אַזאַ גדול בישׂראל, ווי ר' יעקב פּאָלאַק, זיך איינגעשטעלט און מתיר געווען אַ קטנה (זיינע אַ שוועגערין), וועלכע האָט געוואָלט מ'זאָל

אַנולירן אַ חתונה, וואָס אירע ברידער האָבן דורכגעפירט בעת זי איז געווען אַ מינדעריאָריקע יתומה[13].

וואָס שייך דערלויבן אַ מאַן צו נעמען נאָך אַ ווייב, עובר צו זיין אויפן חרם דרבנו גרשם, אויב זי איז אַ מורדת (דינט נישט ווי געהעריק איר מאַן), איז דאָס נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. אַזאַ סאָרט דערלויבעניש איז געווען פאַרבונדן מיט באַווייזן אַז די פרוי איז גייסטיק קראַנק; אַז ער קען מיט איר נישט לעבן; אַז זי פאַרראַט אים, און ענלעכע באַשולדיקונגען. אין אַזאַ פאַל האָט דער מאַן געדאַרפט אָנקומען צו היתר מאה רבנים — הונדערט רבנים זאָלן מסכים זיין צו דערלויבן אים נעמען אַ צווייטע פרוי... ס׳איז דאָ אַ דעה, אַז ביי אַ „מורדת" דאַרף מען נישט האָבן קיין היתר מאה רבנים[14].

הרב ר׳ חיים קאַרלינסקי, דער ביאָגראַף פון דער וואָלאָזשינער דינאַסטיע, דערציילט וועגן אַ שאלה ביים נצי"ב (מיר, תקע"ז — וואַרשע, תרנ"ג; 1893 — 1817) וועגן אַ מאַן וואָס זיין ווייב איז פון אים אַנטלאָפן, אַוועקגעגנבעט אַ סומע געלט ביי איינעם, ביי וועלכן זי האָט געאַרבעט אַלס הויז־אויפזעעריך, און מ׳האָט זי נאָך אַ גאַנץ יאָר אַרומזוכן נישט געפונען; און דער מאַן האָט געוואָלט חתונה האָבן, בויען אַ היים (זיי האָבן נאָך נישט געהאַט קיין קינדער).

דער נצי"ב איז זיך דאָ שטאַרק מפלפל, ציטירט פון די גדולי הפוסקים און פירט אויס הלכה למעשה, מ׳זאָל דעם ר׳ יצחק אהרן דערלויבן חתונה האָבן מיט אַן אַנדער פרוי, בתנאי אַז ס׳וועט מסכים זיין צו דעם פסק מהר"י דוב (הגאון ר׳ יוסף דוב סאָלאָווייטשיק) און נאָך איין גדול הדור, ד"ה דריַי רבנים פוסקים מובהקים[15].

דער דין איז, אַז אַן אלמנה, וואָס דער מאַן האָט זי איבערגעלאָזט מיט אַ פּיצל קינד ביי דער ברוסט, דאַרף וואַרטן צוויי יאָר צו מעגן חתונה האָבן. ווען אַזאַ זאַך האָט פּאַסירט אין ישׂראל, אַ סאָלדאַט אין „מילואים" — אַ רעזערוויסט — איז געהרגעט געוואָרן, איבערלאָזנדיק אַן אלמנה, האָבן די רבנים נישט געוואָלט איר מתיר מאַכן חתונה צו האָבן צוליבן דין — „מינקת חברו" און געהייסן וואַרטן אַן ערך פון נאָך 17 חדשים. ווען זי איז געקומען צום רב ראשי, ר׳ עובדי׳ יוסף און אים דערציילט, אַז דער מאַן קאָן דורך דער צייט חרטה האָבן אויפן שידוך, האָט הרב יוסף געפונען אַ וועג מתיר צו מאַכן דעם שידוך.

און נישט בלויז ביי אַזעלכע אומשטאַנדן האָט מען געזוכט פאַרלייכטערן דער פרוי. אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן האָט מען זיך באַמיט צו געבן איר גלייכע רעכט מיטן מאַן.

די ברכה „שלא עשני אשה" האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, האָט נישט צו טאָן מיטן וועלן דערנידעריקן דעם כבוד פון דער פרוי. אדרבה, די חכמי התלמוד האָבן דאָ אין זינען געהאַט די פליכטן פונעם מאַן. די פרוי איז פּריווילעגירט און

קאָמפּענסירט מיט די ספּעציפישע מצוות, ווי נדה־אָפּגעהיטקייט, חלה און שבת־ליכט.

אויב ר׳ אליעזר בן הורקנוס, גערופן הגדול, האָט געהאַלטן אַז פרויען־חכמה איז בלויז „בפלך״ אין הויז־אַרבעט, אין שפּינען און אין וועבן, האָט זיין גרויסער תּלמיד ר׳ עקיבא געהאַלטן, אַז זיין תּורה איז געקומען אַ דאַנק זיין פרוי, „שלי ושלכם שלה״!

נישט ווייניק תּקנות זענען איינגעפירט פאַר דעם „נחת רוח לנשים״ (חגיגה, ט״ז, ע״ב). די פרוי ווערט באַטראַכט פאַר דער דערגאַנצונג פון אָדם־יצירה און מען האָט וועגן איר געזאָגט, אַז זי פאַרמאָגט מער „בינה״, מער פאַרשטאַנד פונעם מאַן (בראשית רבה, י״ח א״אַ). ווער שמועסט וועגן ס׳האַנדלט זיך וועגן שלום־בית, וואָס אַפילו ביי אַ סוטה, אַ פרוי אונטערן חשד פון פאַרראַט, האָט מען געזאָגט, אַז כּדי צו באַווייזן איר אומשולד זאָל אַפילו דער הייליקער נאָמען אָפּגעריבן ווערן אין ביטערן וואַסער, „גדול השלום, שהשם הקדוש שנכתב בקדושה ימחה על המים, כדי להטיל שלום בין סוטה לבעלה״ (במדבר רבה, י״א, ט״ז; חולין, קמ״א, ע״א א״אַ).

די חכמי התּלמוד, באַגרינדערס פון יהדות־מאָראַל, האָבן פאַרשטאַנען און אָנערקענט די אַרבעט פונעם יצר, אַז אַפילו ביי מינדעריאָריקע וועקט עס די תּאווה, ווי דאָס ווערט געשילדערט אין דער היינטיקער מאָדערנער ליטעראַטור (צו דערמאָנען אַ שילדערונג פון יחיאל שריבמאַן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״, אָקטאָבער 1975).

אין שיר השירים, ווי מיר וועלן ווייטער זען, ווערט געשילדערט דער אויסערלעכער אויסזען פון דער פרוי, איר שלאַנקע פיגור, וווּקס, גאַנג, דאָס קושן פון די ליפּן. די קרעפּטיקסטע שילדערונג, וואָס ווערט אויסגעטייטשט, ווי סימבאָליש פאַר דער ליבע צווישן כּנסת ישראל און הקדוש־ברוך־הוא, אַריינגערעכנט אויך דאָס קול פון אַ פרוי.

דער קול אשה, ווי באַקאַנט, איז לויט הלכה, פאַרווערט, ווייל ס׳רעגט תּאווה: „אמר ר׳ יוסף, זמרי גברי ועני נשי פריצותא; זמרי נשי ועני גברי, כאש בנעורת״ (סוטה, מ״ח, ע״א; רש״י אויפן אָרט). דער חתם־סופר איז שטאַרק מחמיר אין ענינים פון קול באשה... אָבער דאָס מיינט נישט חלילה צו דעגראַדירן די פרוי, נאָר פאַרקערט, זי צו דערהייבן; דאָס איז אַ רעאַליסטישער צוגאַנג און מענטשלעכער כאַראַקטעריזאַציע — אַז אויך דאָס שיינע, זיסע און אָנגענעמע קול פון דער פרוי איז עלול צו דערוועקן מענטשלעכע תּאוודיקע ליידנשאַפטן.

אין מיין ווערק „באַציִונג צו דער פרוי״ [16], האָב איך זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויפן „גיוס נשים״ — פרויען־מאָביליזאַציע אין דער אַרמיי, וווהין, לויט דער תּורה, בלויז זכרים זענען גענומען געוואָרן: „כל זכר עשׂרים שנה ומעלה, כל

יוצא צבא" [17]. רש"י און דער בעל „החינוך" דערקלערן, אַז די דאָזיקע מצווה איז לדורות, נאָר מענער זאָלן גענומען ווערן אין דער אַרמיי.

דער רמב"ם — ווייזט אָן ד"ר שמעון פעדערבוש [18] — האָט געהאַלטן, אַז בלויז אין „מלחמות הרשות" זאָל די פרוי זיך נישט באַטייליקן. אָבער אין מלחמות מצווה דאַרפן אויך פרויען זיך באַטייליקן [19] און אַלס מקור גייט ער אָן די משנה אין מסכת סוטה [20], וואָס זאָגט: „אבל במלחמת מצוה הכל יוצאין, אפילו חתן מחדרו וכלה מחופתה"; ווייזט אויס, אַז אין מלחמות־מצווה זענען פרויען יאָ מחוייב צו נעמען אָן אַקטיוון אַנטייל.

די פראַגע איז: וועלכע מלחמות גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון מלחמת־מצווה? וועגן דעם האָבן מיר אַ גאַר רייכע ליטעראַטור.

דער פאַקט איז, אַז אין ישׂראל האָבן אַלע רבנים־פּוסקים לחלוטין פאַרבאָטן גיוס נשים און די רעגירונג האָט אָנגענומען דעם באַשלוס, אַז רעליגיעזע מיידלעך זענען פריי פון מיליטער־דינסט.

די יידישע מאָראַל האָט זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ און ביים קאָנצעפּט פון „איש דרכו לכבוש ואין אשה דרכה לכבוש" [21]. דעריבער זאָל זי נישט געשיקט ווערן אויף פראָנטן, באַטייליקן זיך אין קאַמפן אויף שלאַכטפעלדער. ס'איז אויך דאָ אַ פאַרבאָט אויף אַ פרוי אַרויסצוגייען מיט „כלי זיין", ווייל דאָס גייט אַריין אינעם פאַרבאָט: „לא יהיה כלי גבר על אשה" [22]. דאָ האָבן מיר שוין אַ מאָראַל־צניעותדיק פּראָבלעם.

לויט פעדערבושס הנחות, דאַרפן פרויען זיין מחוייב אין מלחמת מצווה, ווען דער ישוב איז אין סכנה. ווען אָבער ס'איז בלויז אַ מלחמת הרשות, אַ פראַגע פון העלפן אַרמייען בשעת זייער אומקערן זיך פון אַ מלחמה, אָדער ווען מען פאַר־נעמט זיך צו אַטאַקירן אַנדערע בכדי אויסצוברייטערן די גרענעצן, דאַן זאָל די פרוי נישט מאָביליזירט ווערן צום אַקטיוון דינסט; אַרויסהעלפן אָבער אין שפּיטע־לער, אין ביוראָען, אין קיכן אאַז"וו — קאָן מען יאָ פאַרלאַנגען די פרוי זאָל זיין אַן „עוזרת".

יהושעס מלחמות איינצונעמען דאָס לאַנד פון די כּנענים־פעלקער, זענען אַלע מסכּים אַז דאָס זענען געווען מלחמות מצווה, נישט געקוקט, וואָס לויט מפרשים, האָט יהושע זיך געווענדט צו זיי מיט שלום־פאַרשלאָגן.

און דאָ קומען מיר צוריק צו דער אָנהייב־טעזע וואָס פאַר אַ זכות און וועלכע פונקציעס האָט מען געגעבן דער פרוי?

מען האָט איר געגעבן אַ גאַר וויכטיקע פונקציע: אויסער צו זיין פרוי צום מאַן, אויסער גרייטן מאָלצייטן פאַר דער פאַמיליע, אויסער אַכטונג געבן אויף ריינקייט, פאַרבעטן און אויסבעטן, האָט די פרוי — די תורה־און דערציִונג־פונק־ציעס [23]. אויב מען האָט געשטעלט די פראַגע: זי איז דאָך נישט „מצווה ועושׂה"?

האָט מען געענטפערט: „נהי דפקודי לא מפקדא, באגרא דמקרין ומתניין בנייהו ונטרן להו לגברייהו עד דאתי מבי מדרשא, מי לא פלגאן בהדייהו"... זיי זענען נישט געבאָטן צו לערנען תורה, זיי האָבן אָבער דעם שׂכר, וואָס זיי פאַרנעמען זיך מיט העלפן זייערע קינדער און מענער צו לערנען תורה; זיי באַמיִען זיך צו ברענגען זייערע קינדער אין שולן צו לערנען תנ"ך און משנה. זיי האָבן אויך דעם זכות מיט דעם וואָס זיי דערמעגלעכן אַז זייערע מענער זאָלן קענען לערנען. זיי וואַרטן מיט גרויס געדולד אויף די מענער ווען זיי פאָרן אַוועק לערנען תורה, ווי רש"י איז עס מסביר: „ממתינות לבעליהן שיוצאין לעיר אחרת ללמוד תורה". דער מהרש"א גיט צו [24], אַז די פרוי איז וויכטיק אין דער דערציִונג פון אירע קינדער דערפאַר, ווייל זי איז אַ הויזמענטש און האָט מער השפעה. ער האַלט בכלל, אַז דער פרויס השפעה איז שטאַרקער ווי די פון מאַנס. אַלס פאַקט ברענגט ער, וואָס ביי קבלת התורה ווערט פריִער געזאָגט: „כה תאמר לבית יעקב", וואָס ווערט געטייטשט: „אלו הנשים", ווייל זי, די פרוי, איז די עקרת הבית, און ערשט נאָך דעם — „ותגיד לבני ישראל"... פריִער דאַרף מען איבערצייגן די פרוי און די מענער וועלן שוין במילא ווערן איבערצייגט.

דער זעלביקער מאמר ווערט געבראַכט אין אַן אַנדער ווערסיע [25]. רב האָט געשטעלט די פראַגע זיין פעטער ר' חייא: „נשים במה זכיין?" האָט ער אים געענטפערט: „באקרויי בנייהו לבי כנישתא ובאתנויי גברייהו בי רבנן ונטרין לגברייהו עד דאתו מבי רבנן.

דאָ רעדט זיך שוין נישט פון מענער וואָס פאָרן אַוועק לערנען, נאָר פון מענער וואָס זיצן לענגער אין בית־מדרש און די פרויען וואַרטן אויף זיי אין דער היים און לייגן זיך שפּעט שלאָפן. רש"י לערנט: „לבי כנישתא: תינוקות של בית רבן היו רגילין להיות למדים לפני רבן בבית הכנסת" (ווי היינט, „קאָנגרעגאַציע"־שולן פאַר קינדער). „בי רבנן: בית המדרש, ששם שונים משנה וגמרא" (זיי האָבן געלערנט תלמוד און אַלע לימודים אין בית־מדרש). „ונטרן לגברייהו: ממתינות לבעליהן ונותנות להם רשות ללמוד תורה בעיר אחרת". רש"י, ווי מיר זעען, גייט לויט זיין שיטה, אַז דער שׂכר קומט די ווייבער דערפאַר, וואָס זיי לאָזן די מענער אַוועקפאָרן אין אַנדערע שטעט לערנען תורה.

מיר זעען אָבער פון נאָכפאָלגנדיקן מאמר:

„כּן יתן לידידו שנא" [26], וואָס פשוט וואָלט מען געטייטשט דעם פסוק: „אומזיסט אייך, איר, וואָס פעדערן זיך אויפצושטיין, וואָס זיצן אויף שפּעט, וואָס עסן ברויט מיט מאַטערניש, ...וואָס אַזוי גיט ער זיין באַליבטן אין שלאָף [27]. רב יצחק טייטשט דעם פסוק, אַז דאָ זענען געמיינט געוואָרן די פרויען פון תלמידי חכמים, וועלכע פאַרוואָגלען זייער שלאָף, בכדי צו זען זייערע מענער פאַרברענגען אין לערנען, זיי גיבן אויף דעם עולם־הזה, כּדי צו געניסן פונעם עולם־הבא: „אלו

נשותיהן של תלמידי חכמים שמנדדות שינה מעיניהם בעולם הזה ובאות לחיי העולם הבא"[28].

ס'קומט אויפן געדאַנק וואָס דער מאָדזשיצער רבי, ר' ישׂראל טויב זצ"ל, גיט איבער אין זיין ספר „דברי ישׂראל"[29]: אַז ווען זיין מוטער, די צדיקת מלכּה, איז אַוועק צו איר וועלט און איז געלעגן אויפן בית־עלמין פאַר קבורה, האָט זיין פאָטער — ר' שמואל אליה זצוק"ל (זוואָלינער רבי) — געזאָגט צו זיין חסיד ר' משולם פלינצקער ז"ל, ער זאָל צוגיין איר איינרוימען אַז ער גיט איר אַ האַלבן חלק פון זיין תורה ועבודה.

אין זיין לשון:

„כשנפטרה אמי הצדיקת הקדושה מרת מלכּה זצוק"ל לעולמה, בשעה ששכבה על הבית־עלמין, קודם הקבורה, אמר אאמו"ר זצוק"ל להחסיד הישיש ר' משולם פלינצקער ז"ל שילך וילחוש לה באזנה שהוא נותן לה חלק החצי מתורתו ועבודתו".

אין תלמוד האָבן מיר צענדליקער מעשׂיות פון פרויען געלערנטע און פון פרויען וועלכע האָבן געהאָלפן די מענער זאָלן זיצן אין לערנען, זיך פאַרפולקאָמען אינטעלעקטועל. איינע פון די דאָזיקע פרויען קאָן ווערן געבראַכט אַלס מוסטער־פּראָטאָטיפּ, די טאָכטער פונעם רייכן כּלבא שׂבוע, וועלכע האָט אויפגעגעבן איר פאָטערס רייכע היים, חתונה געהאַט מיטן אָרעמען ר' עקיבא און, נאָך 24 יאָר, זייענדיק אַ „לעבעדיקע" אלמנה איז זי אויפגעריכט געוואָרן און געקראָגן איר באַלוינונג, אַ צירונג, ווי אַ גאָלדענעם מעדאַל „ירושלים דדהבא"[30].

פרויען געלערנטע האָבן מיר געהאַט אין אַלע צייטן, און אַזעלכע געפינען מיר אין דער נייער צייט, סיי צווישן וועלטלעכע און סיי צווישן רעליגיעזע, סיי צווישן מתנגדים און סיי צווישן חסידים.

אין מיין ווערק וועגן דער פרוי האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט אַ טייל פון אַ רשימה — פרויען געלערנטע — און ס'ווילט זיך נישט איבערחזרן. וואָס שייך פרויען אין משפחות פון חסידישע רביים־מנהיגים, האָבן מיר דערמאָנט צווישן אַנדערע די טאָכטער פון קאָזשעניצער מגיד. ס'איז כּדאי צו דערמאָנען די פרוי פון זיין נאָענטסטן חבר, דעם „חוזה" פון לובלין, אדמו"ר ר' יעקב יצחק הורוויץ זצוק"ל. זי איז געווען באַוווּסט מיט לומדות און בקיאות[31].

אין דער חסידישער וועלט איז גוט באַקאַנט די טאָכטער פון בעלזער רבין, ר' שלום רוקח (שׂר שלום), איידל. זי האָט גענומען „קוויטלעך" ווי אַ רבי. איר פאָטער האָט וועגן איר געזאָגט: „מיין איידלען פעלט בלויז אַ שטריימל"...

מלכּהלע, די טאָכטער פון טריסקער מגיד, ר' אברהם טווערסקי, איז געווען באַוווּסט ווי אַ קענערין, אַ למדנית און אַן אַלגעמיין געלערנטע. אַזוי איז אויך געווען נחמה, די טאָכטער פון ר' חיים צאַנזער און אַזוי אַ צאָל טעכטער ביי אַנדערע אדמו"רים.

די „לודמירער מויד", חנה רחל ווערבערמאַכער, האָט געפירט רביסטווע, זיך געהילט אין אַ טלית, געדאַוונט מיט כוונה און געפירט טישן... זי האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן, ר' מאָטעלע טשערנאָבילער האָט אויף איר משפיע געווען זי זאָל חתונה האָבן, זי האָט אָבער נישט געקענט לעבן מיט אַ מאַן און זיך געגט. זי האָט נאָך דעם עולה געווען קיין ארץ־ישראל, ווו זי איז נפטר געוואָרן, אין יאָר תקע"ה.

וועגן דער פרוי און חב"ד, ביי דער ליובאַוויטשער אדמו"רים־דינאַסטיע, האָבן מיר שוין געשריבן.

אין דער לומדישער וועלט איז באַקאַנט געווען רבקה, די טאָכטער פון ר' יואל סירקיס (ב"ח, לעמבערגער רב) און פרוי פון ר' דוד הלוי סג"ל (ט"ז, שמ"ו - תר"ז). זי איז געווען אַ גרויסע תנ"ך־קענערין. ס'קורסירן אומציילקע אגדות וועגן איר תנ"ך־קענטשאַפט.

פון די באַקאַנטע ירושלימער פרומע און געלערנטע פרויען איז געווען לאה געגענדל, די טאָכטער פון ר' יוסף חיים זאָנענפעלד, ירושלימער הויפּט־רב פאַר דער עדה החרדית. אויף איר האָבן גדולי ירושלים געזאָגט, אַז זי איז ראוי ממלא־מקום זיין איר גאונישן פאָטער [31]א.

די פרוי איז נישט געשטעלט געוואָרן אויף דער זעלביקער מדרגה וואָס דער מאַן אין ענינים, וועלכע קענען גערירט ווערן דורך סענטימענטן און סענב־סיטיווקייט און אויך, ווען דאָס קאָן אָנרירן און מינערן פון דער פרויס כבוד. אָבער תמיד איז די פרוי באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גלייכער שותף אין דער געזעלשאַפט.

פון דער פרוי האָט מען געלערנט דעם סיסטעם פון תפילה [32]. פון דער פרוי, חנה, האָט מען אויך געלערנט, אַז אויב מ'האָט כוונה, נעמט מען די תפילה אָן, אַפילו ווען זי איז געזאָגט געוואָרן מיט געוואָגטקייט — „חנה הטיחה דברים כלפי מעלה"... וואָס האָט זי געזאָגט ? זי האָט פאַרלאַנגט, אַז די בריסט וואָס דער באַשעפער האָט איר געגעבן, זאָלן האָבן אַ פונקציע — צו זייגן אַ קינד ! זי האָט געזאָגט : „כל מה שבראת באשה לא בראת דבר אחד לבטלה... — דדים להניק בהן, דדים הללו שנתת על לבי למה, לא להניק בהם ? תן לי בן ואניק בהן" [33].

נישטאָ זיך וואָס צו וווּנדערן אויף די שאלות — צי אַ פרוי איז כשר צו שרייבן אַ מגילה, צי איז זי מחוייב עולה רגל זיין [34], צי איז זי עובר אויף דעם געבאָט „לא תאחר" — נישט צו פאַרשפּעטיקן זיך מיט אַ צוזאָג צו ברענגען אַ קרבן, אָדער אַן אַנדער סאָרט נדר ; צי ליגט אויף דער פרוי דער חיוב פון שמחה ביום־טוב [35] און נאָך און נאָך אַזעלכע שאלות, איינשליסנדיק די שאלה, צי אַ פרוי מעג אויפטרעטן פאַר אַ בית־דין אַלס עדות וכדומה ; דער מאָטיוו פון די שאלות איז נישט אויסן געווען קיין דיסקרימינאַציע, נאָר אָנשטענדיקייט — „שאין

דרכה של אשה לחזור על בתי דין״, אמת, דאָס ווערט געזאָגט וועגן אַ גאַנץ אַנדער ענין[36], אָבער קאָן אויך חל זיין אויף אַלע געביטן פון יורידיש־לעגאַלער באַשטימונג.

מיר ווילן דאָ ווידמען עטלעכע פּאַראַגראַפן דער עדות אשה; לויטן תורה־געזעץ טאָר אַ פרוי נישט זאָגן עדות, און דאָך האָבן די חכמים, ווי שוין דערמאָנט, געזוכט מיטלען, אין געוויסע אויסנאַמען, צו פאַרלאָזן זיך אויפן עדות זאָגן פון אַ פרוי.

וועגן „עדות אשה במשפט העברי״ איז אַ סך געשריבן געוואָרן. פון די מער אַרומנעמענדיקע רעספּאָנסאַ, געהערט די אַרבעט פון גרשון האַלצער [37] און זיין אַנאַליטישע אָפּהאַנדלונג.

מיר האָבן אַ פּסוק אין דער תורה: „לא יקום עד אחד באיש... על פי שני עדים... יקום דבר״ [38]. די חכמי התלמוד [39] לערנען דערפון, אַז בלויז מענער קאָנען דינען אַלס עדות און נישט פרויען.

מיר ווילן אָבער אָנווייזן אויף דעם ליבעראַלן צוגאַנג פון די חז״ל, וואָס שייך צוטרוי און פאַרלאָזלעכקייט אויף דער פרוי. נישט איין מאָל איז מען אָוועק פון דער קאָנווענציאָנעלער איינשטעלונג, געזוכט חידוש און נייע אַנטדעקונגען אין דער הלכה; וואָס שייך דאָס פּסלען אַ פרויס עדות־באַשטעטיקונג, איז עס נישט געווען קיין פּסול־מוחלט ביי אַלץ און ביי אַלעמען; אויסנאַמען זענען געמאַכט געוואָרן, און אַזאַ מעגלעכקייט איז געשאַפן געוואָרן.

ג. האַלצער, אין זיין באַהאַנדלען די פראַגע פון עדות־אשה, גיט אָן, שטיצנדיק זיך אויף מקורים, דריי מאָטיוון. לויט אונדזער מיינונג, איז דער הויפּט־מאָטיוו געווען: כבוד פון דער פרוי. מ׳האָט זי געוואָלט שיצן קעגן וועלכער נישט איז אומאָנגענעמלעכקייט און עפנטלעכער באַליידיקונג. מ׳האָט זיך געהאַלטן ביים כלל: „כל כבודה בת מלך פנימה״ [40]. דעריבער, ווייל דאָס איז געווען די סיבה, ווען מ׳זאָל אַפילו צוגעבן דעם מאָטיוו פון „נשים דעתן קלות״, אַז זייער סענטימענטאַלקייט קאָן זיי אַ מאָל פאַרפירן נישט צו זיין פּינקטלעך, האָט מען דאָך תמיד געהאַט דעם פולסטן צוטרוי צו דער פרוי, וואָס שייך באַגלייבקייט אויף טהרת־משפחה, יחוס־משפחה און אַלץ וואָס גייט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון נאמנות״ [41].

דער דין „עד אחד נאמן באיסורים״, שליסט איין אויך אַ פרוי; ווי אַן עדות, איז זי באַגלייבט אין נידה־אָפּהיטונג, „וספרה לה שבעת ימים״ — ווערט קאָמענטירט: „לה — לעצמה״, אַז מ׳גלייבט איר אין אָפּהיטן ריינקייט כדי צו קענען זיין אינטים מיט איר מאַן [42]. מ׳גלייבט דער פרוי ביי אַזעלכע אַנגעלעגנהייטן, ווו דער שיקול־הדעת פונעם דיין קאָן באַשטעטיקן; דאָס ווערט אָנגערופן אין תלמוד „שודא דדיינא״.

דאָס ביבלישע געזעץ זאָגט קלאָר, אַז אַ פרוי קאָן נישט אויפטרעטן אין אַ

גערינכט אַלס עדות. די תּורה שבעל־פּה האָט אָבער איר געגעבן מעגלעכקייטן אויפצוטרעטן מיט באַהויפּטונגען אויף וועלכע מ'זאָל זיך קענען שטיצן.

פונדאַמענטאַלע ענדערונגען, ווי פּרויען־„ליבעריישאַן" אין אונדזער צייט, האָבן די היטערס פון דער ייִדישער מאָראַל נישט גורס געווען. פּרויען זאָלן אָנפירן מיט רבנות, מסדר זיין גיטין־קדושין — אַזוי ווייט איז מען נישט געגאַנגען. באַטראַכטן אָבער די פרוי ווי אַ שותּף אין אויפשטעלן דעם ייִדישן בנין, דערויף האָבן אַלע מסכּים געווען און אין די דאָזיקע ראַמען האָבן ייִדישע דורות ממשיך געווען.

געזעצן, וואָס די חז"ל האָבן איינגעזעצן, ווערן געשטאַרקט ווי תּורה־געזעצן. „אשר יורוך" — דרשנט די גמרא — „זו מצות עשה"... דער וואָס פאָלגט נישט אויס די מצוות פון דער תּורה, ווי חז"ל האָבן געלערנט, איז עובר אויף אַ „לא תעשה", ווייל די תּקנות חז"ל זענען געשאַפן געוואָרן פאַרן תּיקון העולם.

אמת, וואָס שייך אָנערקענען די דברי סופרים ווי תּורה שבכתב, איז דאָ אַ מיינונגס־פאַרשיידנהייט צווישן די צוויי גדולי הפוסקים. לויטן רמב"ם, איז דער מענטש וואָס פאָלגט נישט אויס תּקנות חכמים עובר אויף אַ „לא תעשה שבתּורה"; זיין מקור איז באַזירט אויף אַ תּלמודישן מאמר [43]. דער רמב"ן [44] איז מחולק אויפן דאָזיקן דין און האַלט, אַז דברי סופרים זענען גרינגער ווי תּורה־געבאָטן, אַז דער „לא תסור" איז בלויז געקומען צו געבן חיזוק, שטאַרקייט די רייד פון די חכמים, צו געבן די דברי חכמים — סמכות התּורה, ווי די גמרא דריקט זיך אויס: „אפילו מה שתּלמיד ותיק עתיד להורות, כּבר נאמר למשה מסיני" [45].

אָנגענומען איז: אַז תּורה שבעל־פּה איז אַ פּירוש אויף דער תּורה שבכתב, און ביידע גייען צוזאַמען, ווי עס האָט געדרשנט ר' שמעון בן לקיש דעם פּסוק — „ואתּנה לך את לוחות האבן והתּורה והמצוה אשר כּתבתּי להורותם" [46]; לוחות — איז געמיינט די עשׂרת הדברות; תּורה — מיינט מקרא־חומש, והמצוה — משנה; אשר כּתבתּי — נביאים און כּתובים; להורות — זה גמרא" [47]

תּורה שבעל פּה גייט צוזאַמען מיט תּורה שבכתב: „לא כּרת הקב"ה בּרית עם ישׂראל אלא בשבׂיל דברים שבעל פּה" (גטין, ס', ע"ב). ר' יוחנן טייטשט דעם פּסוק „כּי טובים דודיך מיין" — וואָרום בעסער פון וויין איז דיין ליבשאַפט (שיר השירים, א', ב'), אַז דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דברי סופרים זענען זיסער, ווייל — וואָלט איך פאַרשטאַנען — זיי מאַכן זיס און אָנגענעם צו פאַרשטיין תּורה שבכתב (שיר השירים רבה, א'; עבודה זרה, ל"ה, ע"א).

מיר האָבן אומצייליקע מאמרים צו באַשטעטיקן די פאַרבינדונג פון תּורה שבכתב מיט תּורה שבעל־פּה. גענוג צו דערמאָנען אַ מאמר וואָס דריקט זיך אויס, אַז דער רבונו־של־עולם האָט איבערגעגעבן משה רבינו אַלצדינג וואָס די שפּעטערע דורות וועלן מחדש זיין אין תּורה: „מלמד, שהראהו הקב"ה למשה דקדוקי

תורה ודקדוקי סופרים — ומה שסופרים עתידים לחדש" [48]. די תקנות חז"ל זענען געווען צו זיכערן דעם קיום היהדות, דעם קיום פון ייִדישן פאָלק, דעם „נצח של ישראל" און די האַרמאָנישקייט אין ייִדישן משפחה־לעבן.

די חז"ל האָבן געזאָרגט, סיי וועגן דעם איינצלנעם מענטשן אין דער געזעל־שאַפט, סיי וועגן דעם כלל, סיי וועגן די יחידישע און סיי וועגן די צבורדיקע ענינים. זיי האָבן געזוכט אַריינצובריינגען צופרידנקייט אין קאָנקרעטן סאָציאַלן תחום, ווי אין גייסטיקן לעבן פון פאָלק. דעריבער האָבן זיי געשאַפן דעם סטאַנ־דאַרט און די הנחות פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר דער פאַמיליע, און, גאַר באַזונדערס, וואָס שייך דער מאָראַל.

מיר האָבן למשל אַ דין, אַז אויב אַ פרוי געפינט עפּעס, געהערט עס צום מאַן און, אויב זי אַרבעט און פאַרדינט, איז „מעשה ידיה לבעלה" [49]. דער טעם איז, צו פאַרמיידן „איבה", ס'זאָל הערשן ליבשאַפט צווישן מאַן און פרוי. דער פאַקטי־שער מינהג איז אָבער צו משפּטן „לפנים משורת הדין" און מ'דאַרף איינזען, ווי אַזוי צו פאַרמיידן א י ב ה.

ביי ייִדן וואָלט נישט מעגלעך געווען אַזאַ „ווערדיקט", ווי עס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אין אַ קאַנאַדער געריכט. פויערים האָבן אָפּגעגט זייערע פרויען — ווייבער, וועלכע האָבן באַאַרבעט און קולטיווירט זייערע פאַרמס; ווייבער, וועלכע האָבן געאַרבעט מער ווי די מענער, געבוירן קינדער, זיי דערצויגן, צוגע־גרייט מאָלצייטן, געאַרבעט אויף די פעלדער, אַכטונג געגעבן אויף בהמות, חיות און עופות — און לסוף האָט דאָס געריכט געפּסקנט, אַז בעת דער מאַן האָט געענטפערט אויף דער פראַגע: „בעמסטו די פרוי" („דו יו טייק דהיס וואָמאַן"), האָט עס געמיינט, אַז ער נעמט אַלצדינג פון איר, אַלצדינג וואָס זי פאַרמאָגט איז זיינס... אַ בית־דין, וואָלט אָבער געזוכט צו דערפילן דעם „ועשית הישר והטוב" [50]...

דאָס קאַנאַדישע געזעץ איז לעצטנס געענדערט געוואָרן לטובת דער פרוי. זי ווערט אָנערקענט אַלס „שותפטע" צום דערגרייכטן פאַרמעגן.

די רבנים האָבן נישט קיין רעכט „לעקור דבר מן התורה", אויסצורייסן עפּעס פון דער תורה; אָבער צוצוגעבן, צו מאַכן אַ „משמרת"... פאַרן ווילזיין פון דער געזעלשאַפט, דערצו נאָך אין הלכות אישות, דערויף האָט מען געגעבן רשות די רבנישע אויטאָריטעטן, וועמעס פּסקים זענען דורכגעדרונגען מיט קדושה.

די רבנים האָבן דאָס רעכט מחדש צו זיין אין דער הלכה, אָבער קיין חידוש וואָס זאָל שטעלן אין געפאַר די ייִדישע מאָראַל, די צניעות־אָפּגעהיטקייט, ווי עס ווילן לעצטנס געוויסע גייסטיקע פירערס — ענדערן די כתובה, אָפּשאַפן חליצה [51] און נאָך אַ צאָל שינויים וואָס קענען אפשר צופרידנשטעלן „ווימענס ליבעריישאַן"־אָרגאַניזאַציעס, אָבער זענען ווייט נישט אויסגעהאַלטן, לויט דער דורותדיקער טראַדיציע און יהדות־השקפה.

ר׳ מאיר איז דער תּנא וואָס האָט צוגעגעבן צו די ברכות השחר, די ברכה „שלא עשׂני אשה״ (מנחות, מ״ג, ע״ב) וואָס ווערט געטייטשט, ווייל פרויען זענען פריי פון צייטיקע מצוות (שהזמן גרמא), וואָס שייך אַנדערע מצוות און פאַרבאָטן, זענען פרויען מחויב ווי מענער: „השוה הכתוב אשה לאיש לכל עונשין שבתורה״ (סוכה, כ״ח). מיר האָבן אַ דעקלאַרירטן אַקסיאָם: „מעיד אני עלי, את השמים ואת הארץ, בין לוי בין ישׂראל, בין איש בין אשה... הכל לפי מעשׂיו של אָדם רוח הקודש שורה עליו״... ווער עס דערמאָנט עקידת יצחק וועקט ער רחמים ביים באַשאַפער — נישטאָ קיין דיסקרימינאַציע (זע, ילקוט שופטים, ד׳, ד׳). די גאולה, ווי געזאָגט, איז געקומען אַ דאַנק און אין זכות פון די נשים צדקניות אין מצרים: מיט מסירת־נפש האָבן זיי געשפּייזט, גערייניקט, געוואַשן זייערע מענער, זיך געלייגט מיט זיי „בין שפתים״ — צי ווילט איר ליגן צווישן די שאַפגעהעפטן (תהלים, ס״ח, י״ד, יהואש־איבערזעצונג) און געבראַכט קינדער אונטער די עפּל־ביימער צו זיכערן דעם קיום פון די בני ישׂראל.

וואָס שייך גטן, האָבן מיר אין דער הלכה, מיינונגען פון בית שמאי, בית הלל און רבי עקיבא. דער לעצטער דריקט זיך אויס — ווי שוין אַזוי פיל מאָל דער־מאָנט — אַז אויב ס׳איז נישטאָ קיין צופרידן לעבן צווישן מאַן און פרוי, זאָל מען עס דערליידיקן דורך אַ גט. פון דעסטוועגן, האָבן מיר די אָנגענומענע מיינונג פון רב שמן בר אבא, אַז גטן, גירושין, איז גאָר שווער ביים רבונו־של־עולם וואָס האָט לכתחילה באַשאַפן אָדם הראשונען און אים געגעבן אַן „עזר״, וואָס זאָל זיין מיט אים „לבשׂר אחד״: „בא וראה, כמה קשה גרושין, שהרי דוד המלך, התירו לו לייחד ולא התירו לו לגרש״ [52] — און וועגן דעם ווייטער.

ו. תּנאים און אמוראים העלפן פרויען. — אַ גוטע פרוי און אַ שיינע פרוי. — שיינקייט פון גוף און שיינקייט פון כאַראַקטער. ווי מיר האָבן ביז איצט געזען, איז ביי אַנדערע פעלקער, אין אַלטערטום און אין מיטל־עלטער, פּראַקטיצירט געוואָרן פּאָליגאַמיע אויף אַן אי־בערנאַטירלעכן און אומנאַראַמן אופן. אין די אַלטע אמונות ביי די געצנדינערס, ווי ביי די דענקערס וועלכע האָבן פילאָסאָפירט וועגן אמונה, איז די דערשיינונג פון פיל־ווייבעריי געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. מיטן אָנקום פון קריסטנטום, איז פיל־ווייבעריי אָפיציעל פאַרבאָטן געוואָרן. אין דער נייער צייט, אין די מערב־ציוויליזאַציעס, וואָס האַלטן זיך ביי אָט דער קריסטלעכער דאָגמאַטיק און פּרינציפּ, ווערט פּאָליגאַמיע פּראַקטיצירט אויף אַן אומלעגאַלן אופן: ליבע־אַרגיעס זענען געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג.

אין יהדות איז פּאָליגאַמיע סאַנקציאָנירט געוואָרן [1], אָבער מיט אַ באַדויער און אומצופרידנקייט, ווייל דער באַגין פון דער מענטשהייט, ווי די תּורה דער־ציילט אונדז, איז באַלד באַזירט געווען אויפן מאָנאָגאַמישן יסוד: אָדם און חוה; אַזוי פּאַר דעם חטא און אַזוי נאָכן חטא. מעגלעך, אַז צוליב דעם וואָס חוה האָט פאַרפירט דעם שמועס מיטן נחש, איז זי געשלאָגן געוואָרן מיט אַן אינפעריאָרי־טעט־קאָמפּלעקס, און דער מאַנצביל איז געוואָרן דער האַר און באַהערשער: „והוא ימשול בך” [2]. אָבער באַלד אין באַגין איז געזיכערט געוואָרן דער פרויס רעכט. אין תּנ״ך, שפּעטער אין תּלמוד, איז דאָס דאָזיקע רעכט פאַרגרעסערט און אויס־געברייטערט געוואָרן.

די פרוי ווערט אַן אָנגעזעענע באַטייליקטע אין דער געזעלשאַפט. ביי די אָבות פון ייִדישן פאָלק פאַרנעמען די אמהות כּמעט דאָס זעלביקע אָרט, ווי די אָבות אַליין. זייער לעבן, זייערע ליידן ווערן באַשריבן צו גלייַך מיטן לעבן פון די מענער. ביי יציאת־מצרים פאַרנעמט די שוועסטער, מרים, אַ חשוב אָרט ביי דער זייט פון אירע גרויסע ברידער, משה און אהרן, די פירערס פון פאָלק. מיר האָבן דאָך אַזוי פיל אגדות וועגן דעם זכות פון דער פרוי ביי יציאת־מצרים.

דער מאַנצביל, דער זכר, דער גבר — האָט אפשר די אויבערמאַכט צוליב זיין גבורה. ער איז געוויינלעך געבענטשט מיטן אַקטיוו־אָרגאַן און איז בכּוח צו זיין אַ כּובש; אָבער די פרוי פאַנגט אים, נעמט זיין האַרץ מיט איר שיינקייט און נאָך מער מיט איר צניעותדיקייט, מיט איר ערלעכקייט, מיט איר לאָיאַלקייט: „אשת חיל — בטח בה לב בעלה”.

ביי יעדן קריזיס אין ייִדישן לעבן זעט מען ווי די פרוי האָט געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין ראַטעווען איר פאָלק, אין ברענגען די גאולה. ווי מיר האָבן שוין צום ווייפלטן מאָל אָנגעוויזן, האָבן די חז״ל זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז אין זכות פון די נשים צדקניות זענען ייִדן אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות־מצרים — „בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותנו ממצרים” [3].

די חז״ל האָבן שטאַרק געהאַלטן וועגן דער חשיבות פון דער פרוי. אומצייליק זענען די אגדות און נישט ווייניקער די הלכות, ווי צו פאַרהיטן די פרוי פון וועלכער נישט איז דעגראַדירונג. דערביי האָבן זיי נישט פאַרזען די נעגאַטיווקייט אין פרוי־כאַראַקטער, ווי „נשים דעתן קלות”, אַז זיי זענען לייכטזיניק, באַריידעוו־דיק, אייפערזיכטיק וכדומה.

מיר ווילן זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיט אויסרעכענען אַלע מיינונגען וועגן דער פרוי ביי די גרונטלייגערס פון דער תּורה שבעל־פּה, די וועלכע האָבן פעסט־געשטעלט און איינגעפונדעוועט דעם ייִדישן לעבן־שטייגער. ס׳וועט גענוג זיין צו דערמאָנען איינעם פון די גרעסטע, וועמעס נאָמען ווערט געשטעלט אין דער ריי פון משה רבינו. מיר מיינען דאָ רבי עקיבא בן יוסף. ער האָט זיך איינגעשטעלט

פאַר דער יידישער פרוי, נישט בלויז פאַר זיין פרוי רחל, דער טאָכטער פון רייכן כּלבא שׂבוּע, נאָר פאַר יעדער פרוי און ער האָט געזוכט כּל מיני היתרים פאַר דער פרוי, זי זאָל זיך מעגן פוצן און זאָל זיין פריילעך [4].

רבי עקיבא, ווי מיר ווייסן, האָט געהאַט די זכיה צו האָבן אַ פרוי, וועמעס ליבע צו אים איז געווען גרענעצלאָז. זי האָט פאַרלאָזט איר רייכן פאָטער, אַלע אירע באַקוועמלעכקייטן און געלעבט יאָרן לאַנג אין נויט און אין דחקות; פאַר־קויפט אירע האָר בכדי צו שפייזן איר מאַן, אים געלאָזט אַוועק פון איר גאַנצע פיר און צוואַנציק יאָר צו לערנען תּורה, ביז ער איז געוואָרן דער גדול הדור [5]. נישט אומזיסט האָט ער געזאָגט: „שלי ושלכם — שלה", אַז אַ דאַנק איר האָט ער דערגרייכט אין לערנען. ווען ער איז רייך געוואָרן, האָט ער פאַר איר געמאַכט אַן „עיר של זהב" — אַ גוואַלדיק־קאָסטבאַרע צירונג [6].

און זיין תּלמיד־חבר ר' טרפון?

ר' טרפון (וואָס לויט אייניקע איז ער געווען רבי עקיבאס רבי און לויט אַנדערע — רבי עקיבאס חבר, האָט אָבער זייער שטאַרק געהאַלטן פון אים [7]) דריקט זיך אויס: „כּל הפורש ממך כּפורש מן החיים" [8]; ער האָט רבי עקיבאן געקושט און אים גערופן „רבי בחכמה ואלופי בדרך ארץ" [9]. מסתּמא האָט ר' טרפון מסכּים געווען מיט ר' עקיבאן, אַז דער וואָס נעמט אַ נישט־פּאַסיקע פרוי, איז עובר אויף פינף לאווין [10], ווייל אין אַזאַ פאַל וועט דאָך דער מאַן זי פיינט האָבן, בעטן אויף איר דעם טויט... און דאָס טאָר מען נישט! ר' טרפון האָט זיך אָבער איינגעשטעלט צו העלפן אָרעמע פרויען, אַפילו ווען ער האָט צוליב דעם געמוזט פּראַווען אַ סאָרט פיקטיווע חתונה. ווי עס ווערט דערציילט [11], האָט ער, אין אַ צייט פון הונגער, חתונה געהאַט מיט דריי הונדערט פרויען, בכדי זיי זאָלן קענען געניסן פון תּרומה (אַ פרוי פון אַ כּהן, מעג עסן תּרומה). פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט געמאַכט קיין מאַסן־פּאָליגאַמיע און מסתּמא נישט געהאַט קיין אינטימע באַציִונגען מיט זיי. בכדי צו ראַטעווען יידישע פרויען פון הונגער, האָט דער רייכער ר' טרפון דורכגעפירט פיקטיווע חתונות און אויף אַזאַ אופן, חוץ זיין טיילן צדקה, געקענט העלפן נאָך מער די אָרעמע פרויען.

פון דער דאָזיקער מעשׂה לערנט מען אַרויס, אַז אין פאַל פון פיקטיווע חתונות (אויב ס'איז נישטאָ קיין פאַרויסיקע באַוואָרעניש), ווערן די פרויען אָנער־קענט אַלס פאַרהייראַטע, האָבן דעם דין פון „אשת־איש" און דאַרפן האָבן אַ גט, ביים באַפרייען זיך פון געהערן צו די מענער וואָס האָבן דורכגעפירט מיט זיי אַזאַ סאָרט חתונה.

אין זיין „יחוסי תּנאים ואמוראים" [12] גיט איבער ר' יהודה ב"ר קלונימוס שפּירא (רבי פון רבי אלעזר מוורמיזא־וואָרמס, דעם בעל „הרוקח"), אַז ר' טרפון איז געווען דער צענטער דור פון עזרא הסופר, „עשׂירי לעזרא" [13] און אַז ער איז

געווען אַ רייכער כהן. ער זעט די באַהאַנדלונג פון די דרײַ הונדערט פרויען אין יענע הונגער־יאָרן, בעתן חורבן, ווי אַ גרויסע זאַך מצד ר׳ טרפון.

מיר געפינען אויך וועגן אַן אַנגעזעענעם אמורא־תנא, בר קפרא, אָדער, ווי עס ווערט אָנגעוויזן, איז עס געווען שמעון בר קפרא [14], אַז פרויען זענען געווען אַזוי באַגייסטערט פון זיין חכמה, אַז זיי האָבן זיך אונטערגענומען אים אויסצו־האַלטן. דער דאָזיקער בר קפרא — ווערט דערציילט — האָט פאַרקויפט ווערטער פאַר דינרים און געהאַט צוועלף ווייבער, וואָס האָבן גענומען אויף זיך אים צו שפייזן און קליידן, כּדי ער זאָל מיט זיי חתונה האָבן.

ווען מען רעווידירט די דאָזיקע מעשׂה, זעט זיך קלאָר אַרויס, אַז דער בר קפרא, וואָס איז געווען אַזוי קלוג, האָט נישט חתונה געהאַט מיט אַ טוץ ווייבער צוזאַמען און זאָל געווען לעבן מיט זיי געשלעכטלעך אין דער זעלביקער צייט.

ס׳לייגט זיך בעסער אויפן שׂכל, אַז דאָס זענען געווען פרויען מעצענאַטינס, וועלכע האָבן אים אויסגעהאַלטן, כּדי ער זאָל לערנען און שטודירן און זיך טיילן מיט זיין וויסן און מיט זיין קלוגשאַפט. אפשר האָבן אייניקע געוואָלט, אויף אַזאַ שטייגער, אים געווינען פאַר זיך, נושׂא־חן זיין ביי אים און חתונה האָבן מיט אים.

ס׳ווערט איבערגעגעבן אַז בר קפרא איז געווען אויף אַ חתונה פון רבי יהודה הנשׂיא; האָט ער ביי יעדן „תּבשיל״, ביי יעדן מאכל, וואָס מ׳האָט דער־לאַנגט די געסט, געזאָגט דריי הונדערט משלים; האָט דאָס פאָלק איבערגעלאָזט די באַטעמטע מאכלים און זיך בעסער צוגעהערט צו די משלים. ער איז געווען פון די גרעסטע וויצלערס און הומאָריסטן [15]. ווען מ׳האָט אָבער געדאַרפט מספּיד זיין אַ גרויסן מענטשן, איז בר קפרא געווען פון די ראשי המספּידים.

ס׳ווערט איבערגעגעבן, אַז ער האָט זיך תּמיד געפונען אין רבּיס ישיבה, אין צפורי. ווען רבנו הקדוש איז נפטר געוואָרן, האָט ער געהאַלטן דעם גרויסן הספּד אין צפורי, געריסן „קריעה״ און געזאָגט; „אראלים ומצוקים אחזו בארון הקודש״ [16].

און דאָ קומען מיר צו זיין בן־דור, ר׳ אבא בר איבו, וואָס איז באַרימט געוואָרן אַלס רב, דער ראש חכמי בבל, וועלכער איז פריִער געווען אַ תּלמיד פון זיין פעטער ר׳ חייא און פון די ערשטע גרעסטע תּלמידים ביי רבי יהודה הנשׂיא; רב ווערט באַטראַכט אַלס תּנא, ווייל ער איז געווען דער לעצטער פונעם דור תּנאים און דער ערשטער פון דער אמוראים־תּקופה.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין ביאָגראַפישע שטריכן וועגן דעם רבן של כּל בני הגולה וואָס האָט נישט ווייניק השפּעה געהאַט אין ארץ־ישׂראל. ס׳איז וועגן רבן געשריבן געוואָרן מער ווי וועגן וועמען נישט איז פון די חכמי בבל. ער האָט געהאַלטן אַז פּרוי־תּאווה, אויב אַפילו ס׳זאָל נישט ווירקן דער מאַן זאָל זיך פאַרלירן און באַגיין אַ זנות־פאַרברעך, קען אָבער די מחשבה באַווירקט

ווערן און מען דאַרף זיך פאַרהיטן, ווי וויט מעגלעך, פון מחשבת-זנות. ווי מיר ווייסן, איז קיין שטאַרקער שלום-בית נישט געווען ביי אים. ער האָט זיך דאָך נוהג געווען, ווען ער פלעגט אַרויספאָרן קיין תּרשיש, אויסצורופן — „מאן הוה ליומא״ [17], ווער וויל זיין מיין פרוי בלויז אויף איין טאָג. אַזעלכע קדושין אויף איין טאָג, זענען זיכער געווען פיקטיווע; זיי האָבן באַצוועקט צו ווייזן, ווי ער האָט געהאַלטן, אַז מ׳טאָר נישט נעמען אַ פרוי, סיידן דורך שידוכין, נישט דורכגייענ־דיק דעם פּראָצעס פון האָבן פריִער גערעדט און זיך באַקענט מיט איר, ווייל מ׳טאָר נישט מקדש זיין אָן שידוך און באַקאַנטשאַפט [18]. נאָך אַ מאָטיוו: ווען ס׳איז דאָ פּת בסלו, ווערט די געפאַר פון שלעכטע מחשבות רעדוצירט... ווען מ׳האָט גרייט אַ ווייב, קען מען זיך אויסהיטן פון „הרהורי עבירה״ [19] און מען ווערט נישט אויסגעשטעלט אויפן גרויסן נסיון.

די ביאָגראַפן פון דעם תּנא־אמורא גיבן אויך איבער וועגן זיינע מידות און וועגן זיין אָפּגעהיטקייט — „שלא שׂח שׂיחה בטילה כּל ימיו״ [20], אַז אַפילו אַן איבעריק וואָרט צווישן מאַן־און־פרוי איז פאַרבאָטן; די דברים בטלים דערמאָנט מען דעם מת בעת ער גייט אַוועק פון דער וועלט. אָט דער קדוש וטהור האָט אַזוי מורא געהאַט פאַר אַ מחשבה זרה!... [21]

ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין מיין פריִערדיק ווערק, האָט רב נישט מצליח געווען מיט זיין זיווג. ער האָט שטאַרק געליטן פון זיין ווייב. ער האָט דעריבער געהאַלטן, ווי רב יהודה זיין תּלמיד זאָגט אין זיין נאָמען, אַז מ׳טאָר נישט פאַרקנסן אַ פרוי, סיידן מען זעט זי פריִער און מען באַקענט זיך מיט איר כּאַראַקטער: „אסור לאדם שיקדש את האשה עד שיראנה״ [22]. ר״מ לייטער [23] איז דאָס מסביר דערמיט, וואָס רב האָט זיך אָנגעליטן פון זיין פרוי און האָט זיך אויסגעדריקט: „כּל רעה ולא אשה רעה״ [24]. ער האָט אָנגעזאָגט, אַז איידער מ׳האָט חתונה, זאָל מען זיך גוט אַרומקוקן און באַקענען זיך מיט דער פרויס געוווינהייטן, מיט איר אויסזען, מיט איר פאַרשטענדעניש, מיט איר באַנעמונג.

רב האָט אויך געהאַלטן, אַז דאָס וווינען מיט אַ פרוי, לעבן מיט איר אינטים, מוז זיין דורך ליבשאַפט; אויב ס׳איז נישטאָ קיין ליבע, איז ביי אים געווען אַ פראַגע, צי מעג מען וווינען מיט איר. ער האָט זיך דעריבער באַמיט — וויפל צרות און ליידן ער האָט נישט געהאַט אויסצושטיין פון זיין פרוי — אַרויסצוווייזן איר ליבשאַפט, שאַפן צופרידענע מאָמענטן, בכדי צו האָבן פון איר אַ פיינע פאַמיליע [25].

די תּלמידים האָבן נאָכגעפאָלגט רבן מיט זיינע הלכות און תּפילות און זיך באַמיט צו גיין אויף זיין וועג אין מידות און אין פירערשאַפט. דאָך האָט איינער פון זיינע תּלמידים, רב כּהנא, געהאַלטן אַנדערש פון זיין רבין. ער האָט געהאַלטן,

אַז מ׳קען צווינגען אַ פרוי זי זאָל לעבן געשלעכטלעך מיט איר מאַן און מען דאַרף נישט באַנוצן קיין ספּעציעלע מיטלען אַרויסצורופן ליבע־געפילן...[26]

וועגן רבן, ווערט געזאָגט: „החזיר עטרה ליושנה" — ער האָט צוריקגעבראַכט דעם כבוד התורה פאַר אַלע צייטן. ער האָט אויפגעשטעלט טויזנטער, צען־טויזנטער תלמידים און „מפיו אנו חיים כהיום הזה"... ס׳ווייזט אָבער אויס, אַז ער האָט זיך שטאַרק געשראָקן פון אַריינפאַלן ביים טאָן אַ שידוך. פאַר וואָס האָט ער זיך מער ווי אַנדערע געשראָקן, איז נישט באַקאַנט.

דער פאַקט איז, אַז ווען רב האָט צום ערשטן מאָל פאַרלאָזט ארץ־ישׂראל צו גיין קיין בבל און זיך געזעגנט מיט זיין פעטער און רבין, ר׳ חייא, האָט דער לעצטער אים געווונטשן, ער זאָל האָבן הצלחה און טאָן אַ גוטן שידוך: „רחמנא ליצלך ממידי דקשה ממותא" — דאָס האָט ער געמיינט, ער זאָל ניצול ווערן פון אַ שלעכטער פרוי[27]. רב האָט קאָמענטירט דעם פּסוק: „בגוי נבל אכעיסם — זו אשה רעה"[28].

ר׳ חייאס ברכה איז נישט מקוים געוואָרן און רב, בעת ער האָט זיך אַ צווייטן מאָל געזעגנט מיט זיין רבין, האָט זיך מסתמא באַקלאָגט אויף זיין גורל. האָט רבי חייא אים געטרייסט, אַז ער דאַרף זיין צופרידן, ווייל זי גיט אים קינדער. רב האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט אָט דער טרייסט — זי האָט אים געבוירן טייערע דריי זין און דריי טעכטער[29], פון וועלכע ער האָט געהאַט אַ סך נחת.

איז נישט קיין וווּנדער וואָס ער האָט געראָטן מ׳זאָל זיך אַ ביסל אַראָפּלאָזן ביים טאָן אַ שידוך, „נחות דרגא ונסיב אתתא"[30] און שטאַרק געוואָרנט, נישט אָפּצונאַרן די פרוי, נאָר באַגיין זיך מיטן לויטערן אמת, באַהאַנדלען זי אויפריכטיק און מיט דער פולער ערלעכקייט, „לעולם יהא אדם זהיר באונאת אשתו"[31], ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז אין זכות פון דער פרוי קומט שלום ושלוה אין הויז, אין זכות פון דער פרוי האָט מען לייטישע קינדער.

רב איז נישט דער איינציקער, וואָס האָט אַרויסגעהויבן די חשיבות פון דער פרוי און ער איז נישט דער ערשטער, וואָס האָט געגעבן רעכט דער פרוי זיך צו פּוצן, כּדי צו רייצן דעם מאַן און אַרויסרופן ביי אים ליבשאַפט.

דער תנא רבי שמעון בן מנסיא האָט אויסגעטייטשט דעם פּסוק — „ויבן ד׳ אלקים את הצלע"[32] — און גאָט דער האַר האָט געבויט די ריפּ, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון אָדמען פאַר אַ פרוי... „מלמד שקלעה הקב"ה לחוה והביאה לאדם"[33]. דאָס מיינט נישט אַזוי פּשוט, אַז דער רבונו־של־עולם האָט זיך פאַרנומען מיט אויסצוואָגן און אויסקעמען די חוה...[34] עס מיינט, אַז די יצירה פון דער פרוי איז געווען אויף אַזאַ אופן, זי זאָל אַרויסרופן און וועקן דעם חשק ביים מאַן: גאָט האָט זי געבענטשט מיט בויגזאַמקייט, עלאַסטישקייט און מיט אַלע סאָרטן שיינקייטן, אַפילו מיט אַ שענער קול — „קול באשה ערוה"... „קול עבה באשה", אַ

גראַב, הייזעריק מענעריש קול ביי אַ פרוי איז פאַררעכנט פאַר אַ מום, פאַר אַ פעלער [35], זי מוז האָבן אַ שיין פנים, אַ שיינע פיגור, שיינע אויגן — אָבער וועגן דעם באַזונדער.

ז. תורה דערלויבט אַ „יפת תואר" אין מלחמה. — רעכנט זיך מיט אומ-שטאַנדן. — עצות ווי צו-ריקצוהאַלטן תאווה. — דער ציל פון אויפריכטי-קער ליבע. — סוף פון „יפת תואר" — אַ זון אַ „סורר ומורה".

דער דין „יפת תואר" [1] וואָס די תורה האָט דערלויבט — נישט בלויז אַ מיידל נעמען אין געפאַנגענשאַפט, נאָר אַפילו אַן אשת־איש — ווי עס זאָגט זיך: „ושבית שביו" [2], פאָדערט אַן אינטערפּרעטאַציע.

פאַר וואָס האָט מען מתיר געווען אַ פרוי וואָס איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט? האָבן מיר אַ דערקלערונג אין דער גמרא: „מלמד שלא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, מוטב שיאכלו בשר תמותות, שחוטות, ואל יאכלו בשר תמותות, נבלות" [3]. רש"י, ברייטערט אויס דעם דאָזיקן הסבר: „לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע שאם אין הקב"ה מתירה, ישאנה באיסור, אבל אם נשאה סופו להיות שונאה, שנאמר אחריו: „כי תהיין לאיש וגו' וסופו להוליד ממנה בן סורר ומורה"... [4]

ווי רש"י איז עס מסביר, האָט מען דעם דאָזיקן הייס־בלוטיקן בעל־תאווה דערלויבט זי צו נעמען אַהיים צו זיך, בכדי ער זאָל נישט טאָן געאײַלט, מזנה זיין, לעבן געשלעכטלעך מיט אַן ארמית; ווען ער וועט וויסן, אַז ער וועט זי קאָנען האָבן בהיתר, דערלויבט — וועט ער זיך דערווייל אָפּקילן; זי וועט באַוויינען איר גורל, זי וועט אָנהייבן אײַנזען זײַנע מעלות, די גוטסקייט וואָס זי וועט האָבן ביי אים און זי וועט זיך מגייר זיין, חתונה האָבן און מיט אים לעבן.

אָבער פון אַזאַ ליבע, וואָס איז לכתחילה געווען אַן אַרויפגעצוווּנגענע, קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען און זיין עונש וועט זיין — אַ פאַרדאָרבענער זון.

די מפרשים שטעלן דאָ אַ שטאַרקע קשיה [5]: אויב מ'זאָל זיך באַנוצן מיט אַזאַ היתר, לויטן כלל — אויב מ'וועט אים נישט מתיר זיין וועט ער עס טאָן פאַרווערטערהייט, אויב אַזוי, לאָזט מען דאָך נישט איבער קיין קיום פון מצוות; מ'וועט תמיד זיך קענען באַנוצן מיטן דאָזיקן היתר ביי אַ סך אַנדערע ענינים.

אייניקע מפרשים פאַרענטפערן עס דערמיט, וואָס בלויז אין מלחמה־אומ־שטאַנדן האָט מען געגעבן אַזאַ דערלויבעניש. זיי ווייזן אָן, אַז אין מלחמה־צייט, האָט מען דערלויבט „קותלי דחזירי" [6], ווייל ס'איז שווער צו קאָנטראָלירן יצר און תאווה בעת מען איז אויפן פראָנט אין קריגס־צושטאַנד. דער מענטש איז דאָ נישט אין שטאַנד זיך צוריקצוהאַלטן און פירן זיך ווי אין אַ נאָרמאַלער לאַגע.

מ׳האָט דעריבער זיך שטרענג באַצויגן צו דער באַטייליקונג פון דער פרוי אין מלחמה; אַ יידישע טאָכטער זאָל נישט זיין אויסגעשטעלט צו אַ זנות־לעבן: „לא יהיה כלי גבר על אשה ולא ילבש גבר שׂמלת אשה״ [7], לערנט מען דערפון אַרויס, אַז די פרוי זאָל נישט טראָגן קיין וואָפן, קיין כּלי־זין, זי זאָל נישט ווערן אויסגעמישט מיט מענער, ווייל ס׳וועט נישט זיין מעגלעך פאַר איר זיך אויסצוהיטן פון האָבן פאַרקער מיט מענער אין דער אַרמיי. דער מאַן זאָל נישט פאַרבן זיינע האָר, זאָל נישט אַראָפנעמען די האָר פון די אינטימע טיילן פונעם קערפּער, „שלא יתקן איש בתקוני אשה״ [8].

די פרשה, ווי מיר זעען, פאַרנעמט זיך שטרענג מיט די דינים, געבאָטן אין שייכות מיט זנות־אָפּגעהיטקייט און מיט פאַמיליע־גאַנצקייט, אַריינגערעכנט די באַציִונג צו קינדער און ווי אַזוי אויפצובריענגען קינדער.

וואָס שייך אַ בן סורר ומורה, פאַרנעמען זיך דערמיט די פּרשנים רש״י, ר׳ אלי׳ מזרחי, דער מהר״ל מפּראָג (גור ארי׳), ר׳ מרדכי יפה (לבוש האורה) און אַנדערע.

דער מהר״ל האַלט, אַז דער דין יפת־תואר־דערלויבעניש איז אַ חידוש. ער איז מסופק, צי דאָ רעדט זיך, אַז דער ייִד האָט געהאַט רעכט צו האָבן מיט איר אינטימע באַציִונגען איידער זי האָט זיך מגייר געווען, אָדער ער האָט געמוזט וואַרטן ביז זי וועט זיך מגייר זיין. דאָס זאָל הייסן, אַז די תורה האָט זי אים דערלויבט נאָכן גירות, נישט געקוקט וואָס די גירות איז נישט געווען לשמה, נאָר כּמעט אַ גירות בעל־כּרחה, אַן אַרויפגעצוווּנגענע גירות, אַ רעזולטאַט פון גע־פאַנגענשאַפט: „כּיון שבעל כּרחה נתגיירה, לא נקרא גיורת גמורה אלא כּמו בשׂר תמותה״.

דער „לבוש האורה״ ברענגט אַ טיפערן פּלפּול פון מהרש״ל. אין זיין לשון: „שמעתי פירוש מפּי רבינו שלמה לורי׳ ״... אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ מלחמת הרשות, ווייל ביי די מלחמות־מצווה מיט די כּנענים האָט דאָך מחייב געווען דער געבאָט „לא תחיה״. דאָס גייט שוין אַריין אין אַ טיפזיניקן הלכה־שמועס, מיט אַ באַנוץ פון אומצייליקע באַווייזן פונעם ים התלמוד און די מפרשי התלמוד. לויטן מהרש״ל מעג מען נעמען אַ „יפת־תואר״, אַפילו ווען בלויז אין זיינע אויגן איז זי אַ שיינע, נאָר אַז די דאָזיקע דערלויבעניש איז גילטיק בלויז אויף געפאַנ־גענע אין אַ מלחמה.

ווי מיר זעען, האָבן זיך אַלע מפרשים געמאַטערט איבער אָט דער דערלוי־בעניש צו נעמען אַ יפת־תואר און צווינגען זי חתונה צו האָבן מיטן פאַרכאַפּער. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דער היתר איז געגעבן געוואָרן נאָר אין פאַל פון געשלעכט־לעכער תאווה צו אַ פרוי וואָס איז געפאַנגען געוואָרן אין אַ קריג [9]. אַזאַ סאָרט דערלויבעניש איז ביי אַנדערע איסורים נישט מעגלעך.

די תורה און די חז"ל האָבן זיך גערעכנט מיטן מענטשנס עמאָציעס וואָס שייך „סעקס", און אַז ער וועט זיך נישט קענען קאָנטראָלירן און זיי האָבן אים געוואָלט אויסהיטן פון ערנסטער זנות און פון פאַרגוואַלדיקונג.

אויב דער סאָלדאַט האָט געוווּסט וועגן אַן אויסזיכט צו באַזיצן די געפאַנגענע אויף אַ דערלויבטן אופן, האָט ער שוין געהאַט אַ מעגלעכקייט צו שטילן זיין תאווה און, אין משך פון דער צייט, זיך צו באַזינען, באַטראַכטן און אָפּט מאָל זיך איבערצוטראַכטן און, מיט דער געהעריקער געלאַסנקייט, פאַרמיידן אויסגעלאַסנקייט.

די שטראָף פון אַ „בן סורר ומורה", ווערט געזאָגט[10], האָט קיין מאָל נישט געקענט אויסגעפירט ווערן, צוליב די פאַרשיידענע באַגרענעצונגען און כללים, און דעריבער קומט מען אין תלמוד צו דער מסקנא: „לא היה ולא יהיה". צו וואָס איז די פרשה געשריבן געוואָרן? — צוליב דערציִערישער נאָרמאַליזירונג: אויב מ'האָט בלויז אין זינען, ביים לעבן מיט אַ פרוי, זנות, ברענגט עס צו אַן אומצופרידן לעבן און אויב ס'איז נישטאָ קיין צופרידנקייט און האַרמאָנישקייט צווישן מאַן און פרוי, איז דער רעזולטאַט און קאָנסעקווענץ — ווילדע, אויסגעלאַסענע, פאַרדאָרבענע קינדער.

דאָס לעבן פון טאַטע-מאַמע האָט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די קינדער.

הערות

א

1 דברים, כ"ב, י"ג.
2 זע, פרופ' שלום אלבק, לשון קנין באשה, סיני, תשרי-חשון, תשל"א — פאַרנעמט זיך מיט די טערמינען מכר און קנין ביים נעמען אַ פרוי, אַנשטאָט לשון קדושין.
3 זע, אברהם חיים פריימן, סדר קדושין ונשואין, הוצ' מוסד הרב קוק, ירושלים, תשכ"ה; דרכי קנין בקדושין, סיני, אב-אלול, תשכ"ט.
4 ויקרא, י"ט, ב'.
5 זע, אדמו"ר מהרי"ל איגר, תורת אמת, קדושים.
6 יומא, י"ט, ע"ב.
7 גיטין, ע"ח, ע"ב; ב"מ, פ"ג, ע"ב; זע, הרב ד"ר יעקב נאַכט, סיני, ל"ג (תרצ"ח).
8 ויקרא רבה, פ' קדושים.
9 יבמות, ב', א.
10 ויקרא, י"ט, ט', כ'; כ"ט; כ', י'-כ"א.
11 שבת, קי"ח, ע"א.
12 פרי צדיק, פ' אחרי-קדושים...

13 רמב״ם, אישות, א׳, ה׳.
14 זע, סנהדרין, נ״ג; ס״ו; רמב״ם, אישות א״אַ.
15 אנציקלופדיה תלמודית, י״ד, הלכהשע פּרטים.
16 זע, יומא, פּ״ו, ע״א. אנציקלופדיה תלמודית, י״ד, ז״ז תקס״ג-תק״פּ — אויספירלעך.
17 יבמות, נ״ב, ע״ב; ע״ט, ע״ב; סוטה, י״ח, ע״ב; סנהדרין, נ״ג, ע״ב א.אַ. מקומות.
18 קדושין, ס״ח, ע״ב.
19 דברים, ז׳, ג׳.
20 מועד קטן, י״ז, ע״א. זע אויך, שבילי החינוך, קיץ, תשכ״ט, ז׳ 237.
21 ברכות, ח׳, ע״ב; רש״י און מהרש״א — אויפן אָרט.
22 ישעי׳, י״ג, ג.
23 ע״ז, ב׳, ע״א-ע״ב.
24 זע: Saloma, The Wandering Jewess, by George Sylvester Viereck and Paul Eldridge, New York 1930.
25 פּסחים, כ״ה, ע״א-ע״ב.
26 בראשית, ל״ד, ל״א.
27 ויקרא, י״ט, כ״ט.
28 סנהדרין, צ״ג, ע״א; ק״ו, ע״א, א״אַ מקומות.
29 בית יצחק, אבן העזר, סימן כ״ט.
30 זע, הפרדס, תשרי, תשכ״ו.
31 הרב רב״צ עוזיאל, שו״ת משפטי עוזיאל, אבן העזר, סימן נ״ט; הרב הרל״פּ, בית זבול, כ״ו. אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי״, באַנד 1 און באַנד 2.
32 זע: קדושין, ט׳, ע״א; ירושלמי, כתובות, ז׳, ו׳; רש״י, ספר האורה; תוספות גיטין, ל״ג, ע״א; אברהם חיים פריימאַן, סדר נשואין וקדושין; הרב ר׳ גדלי׳ פעלדער, נחלת צבי, חלק ב׳.
33 אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעכער.

ב

1 דער דין, ווי תוספות, כתובות, י׳, ע״א — אָנהייב-וואָרט „אָמר רב נחמן״ ווייזט אָן, בלייבט ווי רבי שמעון בן גמליאל, לויטן כלל: „קי״ל הלכה כרשב״ג, חוץ מערב וצידן וראינה אחרונה״.
2 שמות, כ״ב, ט״ו-ט״ז.
3 משנה, כתובות, י׳, א׳-ב׳; גמרא, נ״א, ע״א-נ״ד, ע״ב — די גאַנצע סוגיא.
4 זע, יעקב ורדיגר, עדות לישראל, תשכ״ח, ז״ז ט׳-י״א.
5 אָנהייב, הלכות אישות.
6 דאָרט, י״א, י״א-י״ב-י״ד.
7 זע, עדות לישראל — באריכות.
8 כתובות, פרק י״ב; רמב״ם, אישות י׳ — די מפרשים אַרום דעם רמב״ם.
9 כתובות, נ״א-נ״ד; פּ״ב, ע״ב.
10 שו״ת ריב״ש, סימן קנ״ג.
11 זע, גיטין, ק״ב, ע״ב; קדושין, ט׳, ע״ב; מ״ח, ע״ב; בבא בתרא, קס״ז, ע״ב.
12 שבת, י״ד, ע״ב.
13 כתובות, נ״ז, ע״א; רמב״ם, אישות, י׳, ו׳.
14 כתובות, נ״ו, ע״א א״אַ מקומות אין ש״ס. וועגן חופּה-קנין, זע, כתובות, ז׳ ע״ב; רש״י — אויפן אָרט. רמב״ם (אישות, י׳, ו׳) און תוספות — יחוד מאַכט די נשואין: „אירס וכינס לחופה ולא ברך ברכת חתנים הרי זו נשואה גמורה״.

15 ירושלמי, סוטה, ט׳, ט״ו.
16 איכה, כ׳, ט״ו.
17 בבא בתרא, ע״ה, ע״א.
18 זוהר, תרומה, קס״ט, ע״א; ויחי, רט״ו, ע״א א״אַ.
19 הרב ר׳ אברהם מאיר איזראַעל, המאור, תמוז-אָב, תשל״ד, ז״ז 11-12.
20 וועגן דעם: אגרות משה, א׳, ה׳, ז״ז 74-75; הרב א. י. אונטערמאַן, שבט מיהודה, ד׳, 13. זע, אוצר הפוסקים, 10, ז״ז 8-18; י. י. וויינבערג, שרידי אש, ג׳, שו״ת — חלוקי דעות. זע:
Getsel Ellinson, Civil Marriages in Israel: editor Walter S. Wurzburger, Tradition, Vol. 13, No. 2, Fall 1972.

21 יבמות, ק״י, ע״א.
22 חולין, קכ״ז, ע״א.
23 בבא בתרא, מ״ח, ע״ב.
24 כתובות, ו׳, ע״א.
25 גיטין, ל״ג, ע״א, תוספות, דאָרט, ע״ב; ע״א א״אַ.
26 ירושלמי, דמאי, ב׳, ב׳.
27 ברכות, כ׳, ע״ב, א״אַ.
28 סוכה, ל״ח, ע״א — רש״י אויפֿן אָרט.
29 ביצה, ל״ב, ע״ב.
30 כתובות, ה׳, ב׳.
31 יומא, ע״ב, ע״ב; קדושין, כ״ט, ע״ב.

ג

1 „באַציונג צו דער פרוי״, צוויי בענד.
2 זע: אברהם חיים פריימאַן, קדושין ונשואין, הוצ׳ מוסד הרב קוק, ירושלים, תש״ה; יצחק זאב כהנא, ספר העגונות, הוצ׳ מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי״ד.
3 זע, „באַציונג צום פרעמדן״ און „באַציונג צו דער פרוי״ — צווייטן באַנד.
4 פסחים, מ׳, ע״א; חגיגה, ה׳, ע״א.
5 פרה, ה׳, ד׳; יומא, מ״ג, ע״א; רמב״ם, פרה אדומה, ד׳, י״ז; ו׳, ב׳, א״אַ.
6 בראשית, ט״ז, ז׳.
7 דאָרט, ח׳.
8 דאָרט, כ״ה, ו׳; דברי הימים, א׳, א׳, ל״ב.
9 בראשית, ל״ו, י״ב.
10 בראשית רבה, ב׳, י״ד.
11 שמואל ב׳, ה׳, י״ג; סנהדרין, כ״א, ע״א.
12 ירושלמי, כתובות, ח׳, ב׳.
13 מלכים, ג׳, ב׳. זע, אליקים ג. אלינסון, הפלגשות בספרות התלמודית, סיני, סיון-תמוז, תשל״ג, ז״ז קל״ד-קל״ו.
14 ירושלמי, יבמות, ב׳, ד׳; רש״י סנהדרין און כתובות — דאָרט.
15 שמואל ב׳, י״ב, ח׳.
16 שמואל ב׳, ג׳, ז׳.
17 סיני, דאָרט, ז״ז קל״ד-קל״ה.
18 סנהדרין, ב׳, ג׳.
19 יבמות, ד׳, י״ג.
20 דברים, כ״ג, ב׳.
21 זע, רש״י קידושין, ע״א, ע״א: „המטומעים בישראל מחמת ממונם (אויסטייטשנדיק

דעם אויסדרוק „כסף מטהר ממזרים״): שלעתיד לבוא אין הקב״ה מבדילם, מאחר שנדבקו בהם משפחות ישראל הרבה...״

22 מלכים, ד׳, ד׳.

23 זע, רמב״ן, שו״ת סימן רס״ד; בראשית, י״ט, ה׳.

24 כתובות, ה׳, י״ב.

25 זע, גיטין, צ׳, ע״א.

26 „באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעך.

27 אין פירוש המשניות.

28 שבת, כ״ה, ע״ב.

29 שנה בשנה, תשל״א.

30 זע, אור זרוע, שו״ת סימן תשמ״ה; ישראל תאָ שמע, סיני, תמוז, תשכ״ט, ז״ז ר״ג-ר״ה.

31 זע, משה לייטער, זוטו של ים, זז׳ 224-223.

ד

1 שו״ת הרא״ש, מ״ג, ח׳.

2 אין שו״ת מהרי״ק (סימן ק״ס) געפינען מיר גאָר אַ סך, וועגן אַזעלכע פּאַסירונגען און ווי אַזוי צו לייזן אַזעלכע פּראָבלעמען.

3 זע, ד״ר משה אביגדור שולוואַס, „חיי היהודים באיטליה בתקופת הריניסאנס״, „ניו-יאָרק, תשט״ו, חיי המשפחה, ז״ז 174-146. אין ענגליש:
The Jews in the World of the Renaissance, by Moses A. Shulvass, 1973, pp. 159-168.

4 זע, הרב ר׳ גדלי׳ פעלדער, נחלת צבי, חלק ב׳, ז״ז 328-296 — וועגן קדושין-נשואין, נשואים אזרחים, ציווילע הייראַטן; וועגן שרייבן נעמען און בכלל פּראָצעדור פון אַרויסגעבן אַ גט — ז״ז 390-366; 411-410; 459-455; ז׳ 475 א״אַ.

5 בראשית רבה, י״ז, ס״ח; סנהדרין, י״ט, ע״ב.

6 חגיגה, ט״ז, ע״ב; נדרים, ס״ג, ע״ב.

7 יבמות, ס״ג, ע״ב.

8 כתובות, פ״ד, ע״א; ירושלמי, שבת, פרק י׳; סוטה, ט׳, ט׳.

9 סוטה, ב׳, ע״א.

10 בבא מציעא, פ״ד, ע״א.

11 נדרים, מ׳, ע״א.

12 תענית, כ״ג, ע״א-ע״ב; ברכות, נ״ד, ע״א; ראש השנה, י״ב, ע״א.

13 אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי״ — אויספירלעך.
זע, ספרי אויפן פסוק „לא תוכל לתת עליך איש נכרי״ (דברים, י״ז, ט״ו) — „איש ולא אשה״ און אין אַנדערע מקומות.

ה

1 אויספירלעכער אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי״.

2 ברכי יוסף, צ״א, ח׳.

3 פסחים, קי״ח, ע״ב.

4 ספר החינוך, מצוה, כ״א, זע, מנחת חינוך — אויפן אָרט.

5 זע, חבלים בנעימים, ג׳, סימן ח׳.

6 וועגן דעם שוין געשריבן און אין ווייטערן קאַפּיטל, וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.

7 „דמות האשה בספרותנו", התקופה, גליון כ"ו-כ"ז, ברלין-תל-אביב, תר"ץ, ז"ז 617-633.
8 וועגן דעם אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי". זע, הרב י. ל. מימון, „שרי המאה", חלק ו', ז' 37 ; הרב חיים קאַרלינסקי, הראשון לשושלת בריסק, הדרום, תשרי, תשל"ה, ז' 180, הערה 349.
10 סוף פרק י"ג, הלכות גירושין. זע, רנ"א ראַבינאָוויטש, הדר איתמר, ז"ז צ"ב-צ"ח.
11 יבמות, קכ"ב, ע"א. זע, ד"ר ישראל ווינטשוק, האָדם וצלו, היכל שלמה, ירושלים, תשכ"ב, ז' 266.
12 זע, סיני, תמוז, תשכ"ט (כרך ס"ה, חוב' ד') ז"ז קצ"ג-קצ"ט — אַן אָפדרוק פון אַ געפונענעם כתב-יד.
13 ר' יהודה מינץ (געב. מיינץ, 1408 ; געשט. פאַדווע, 1509) האָט אין זיין ספר „שאלות ותשובות מהר"י מינץ" אַ גרויסע תשובה וועגן ר' יעקב פּאָלאַק אין צוזאַמענהאַנג פון זיין היתר מיאון.
14 ש"ך, אהע"ז, סימן פ"ט.
15 זע, הדרום, ניסן תשל"ג, ניו-יורק, חוב' ל"ז, ז' 182 ; שו"ת „משיב דבר", חלק ד', סימן ה'.
16 צווייטן באַנד, קאַפּ.
17 במדבר, א'.
18 ספר השנה ליהודי אמריקה, בעריכת מ. ריבולוב, ניו-יורק, תש"ה, כרך ז'.
19 זע, ספר המצוות, שורש י"ד.
20 ח', ז' ; און גמרא, מ"ד, ע"ב. מלחמת יהושע — חובה ; מלחמות בית דוד — לרווחה דברי הכל רשות.
21 יבמות, ס"ה, ע"ב ; קדושין, ב', ע"ב.
22 זע, נזיר, נ"ט ; ע"א ; ספרי און ירושלמי, שביעית, ו' ; דברים, רבה, שופטים און רמב"ם, הלכות מלכים, י', ז'.
23 סוטה, כ"א, ע"א.
24 דאָרט, אויפן אָרט.
25 ברכות, י"ז, ע"א ; כ', ע"א.
26 תהלים, קכ"ז, ב'.
27 יהואַש-איבערזעצונג.
28 כתובות, ס"ב, ע"א.
29 לובלין, חלק א', תרס"א-תרס"ד (1901-1904) ; חלק ב', וואַרשאַ, תרע"ב (1912). איבערגעדרוקט, ניו-יאָרק, תשכ"ז.
30 גיטין, נ"ו, ע"א ; כתובות, ס"ב, ע"ב ; נדרים, נ', ע"א א"אַ.
31 זע, י' אלפסי, „החוזה", קצ"ג.
31 א) זע המאור, זכרון בספר, יובל ב', ז' תרי"ט.
32 ברכות, ל"א, ל"ב ; מהרש"א — אויפן אָרט.
33 אשה שכתבה מגילה — פראַגע ביי ראשוני הפוסקים.
34 זע, הדרום, ניסן, תשל"ב.
35 ר"ה, י', ע"ב — אשה מהו בבל תאחר — זע, תוספות, דאָרט.
ר' ירוחם פישל פערלא, אין זיין פירוש צום ספר המצוות שטעלט די פראַגע : אשה בשמחה...
36 גיטין, מ"א, ע"א.
37 גרשון הולצר, עדות אשה במשפט העברי, סיני, בעריכת יצחק רפאל, אייר-סיון, תש"ל, כרך ס"ז, חוב' ב'-ג', ז"ז צ"ד-קי"ב.
38 דברים, י"ט, ט"ו.
39 ספרי, שופטים ; בבלי, שבועות, ל', ע"א ; ירושלמי, סנהדרין, ג', ט' ; שבועות, ד', א' ; סיני, דאָרט, ז"ז צ"ז-צ"ח.
40 תהלים, מ"ה, י"ד.
41 הולצר, דאָרט, ז"ז ק'-ק"א.

42 ויקרא, ט״ו, ח׳; כתובות, ע״ב, ע״א; קידושין, ע״ג, ע״ב א״אַ.
43 ברכות, י״ט, ע״ב.
44 ספר המצוות, שורש, א׳.
45 ירושלמי, פאה, א׳, ד׳. אין אַנדערע מקומות — אַנדערע נוסחאות.
46 שמות, כ״ד, י״ב.
47 ברכות, ה׳, ע״א.
48 מגילה, י״א, י״ב.
49 בבא מציעא, א׳, ה׳; כתובות, ה׳, ה׳.
50 זע:
New Dimensions in Judaism, by Rabbi Phillip Sigal, New York 1972, pp. 133-153.
הרב ר׳ גדלי׳ פעלדער, ציט מיין אויפמערקזאַמקייט, צום פאַקט, אַז דער געדאַנק פון יבום, וואָס איז געווען, ווי די תורה זאָגט: „להקים את שם המת על נחלתו״, איז דערביי אויך געווען אַ מאָטיוו פון באַזאָרגן די פרוי מיט פרנסה, זי זאָל נישט בלייבן איינזאַם.
מ׳האָט ביי יעדער געלעגנהייט, ביי וועלכן נישט איז ריס צווישן מאַן-פרוי, געזוכט צו פאַרזיכערן די פרוי מיט חיונה, מיט פרנסה און מיט אַלץ וואָס די פרוי נויטיקט זיך.
51 הרב ד״ר דוד גרויבאַרט, האָט אין אַ צאָל באַריכטן פון פרויען-קאָנפערענצן איבער-געגעבן וועגן דעם פרויען-קאַמף אין דער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג פאַר אַ נייער כתובה. ער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דעם פאָרשלאַג, אין אַ ספעציעלן ספר, פון הרב ד״ר אליעזר בערקאָוויץ, אַריינצושרייבן אַ ספעציעלן פאַראַגראַף אין דער כתובה, וואָס איז דער אָפיציעלער חתונה-דאָקומענט, אַז באַם זיי קאָנען נישט לעבן צוזאַמען, זענען אָפּגעשיידט צווישן זיך, קומען נישט אין באַרירונג אַ צאָל יאָרן און ענלעכע פאַלן — זאָל די חתונה אַנולירט ווערן...
רבנים פון אַלע ריכטונגען אין אָרטאָדאָקסישן קרייז האָבן צוריקגעוויזן די אַלע פלענער, ווייל דאָס קאָן ברענגען צו הפקרות אין משפחה-לעבן.
52 סנהדרין, כ״ב, ע״א.

ו

1 דברים, כ״א, ט״ו.
2 בראשית, ג׳, ט״ז.
3 סוטה, י״א, ע״ב.
4 שבת, ס״ד, ע״ב; ספרי, דברים; זע, ר׳ משה לייטער, זוטו של ים, ווינה, תרצ״ב, ז״ז 72-73.
5 זע, ירושלמי, שבת, ו׳, א׳; נזיר, ז׳, א׳; בבלי, כתובות, ס״ב-ס״ג; יבמות, ס״ב, ע״ב א״אַ.
6 שבת, נ״ט.
7 וועגן רבי עקיבא און זיין באַציונג מיט חברים, תלמידים — און מיט זיינע לערערס, גאָר באַזונדערס וועגן דער חברישקייט צווישן אים און ר׳ טרפון, אינעם ווערק „רבי עקיבא״ פון הרב ד״ר ישראל קאנוביץ, הוצ׳ מוסד הרב קוק, ירושלים, תשכ״ה.
9 אין מסכת כלה.
10 אבות דרבי נתן, כ״ו.
11 ירושלמי, יבמות, ד׳, י״ב.
12 יו״ל עפ״י שלשה כתבי-יד עם הערות וציונים מאת הרב יהודה לייב הכהן מימון, מוסד הרב קוק, ירושלים, תשכ״ג, ז״ז תפ״ב-תפ״ה.
13 ירושלמי, יבמות, ו׳, א׳ און י״ב.
14 תוספתא, כתובות, ה׳; מסכת כלה, ב׳; ויקרא רבה, ל״ד, ט״ז.

15 נדרים, נ׳, ע״ב.
16 כתובות, ק״ד, ע״א. זע, מימון, הערות, יחוסי תנאים, עמוד י׳; האסיף (סוקולוב), שנה ג׳, תרמ״ז.
17 יומא, י״ח, ע״ב. זע אויך, ברכות, ס״ב, ע״ב.
18 יבמות, נ״ב, ע״א; קדושין, י״ב, ע״א.
19 בבא בתרא, קסד, ע״ב; משה לייטער, זוטו של ים, ז׳ 146.
20 רמב״ם, הלכות דעות, ב׳, ד׳ — מקור, חגיגה, ׳ה, ע״ב; זע, הײמאַן, תולדות תנאים ואמוראים, א׳, ז׳ 39.
21 דאָרט — אויספירלעכער.
22 קדושין, מ״א, ע״א.
23 זוטו של ים, ז״ז 259-260.
24 שבת, י״א, ע״א; אין מיין ווערק „באַציונג צו דער פרוי" — באריכות.
25 עירובין, ק״י, ע״ב; מסכת כלה, א׳; לייטער, דאָרט.
26 „כופין אותה ומשמשתו" — כתובות, ע״א, ע״ב; נדרים, ט״ו, ע״ב; פ״א, ע״ב.
27 יבמות, ס״ג, ע״א.
28 דאָרט, דאָרט.
29 ברכות, י״ז, ע״א.
30 זע, הײמאַן, דאָרט — אויספירלעכער.
31 ירושלמי, קדושין, פרק ד׳, הלכה ד׳.
32 בראשית, ב׳, כ״ב.
33 בבא בתרא, ע״א.
34 ברכות, ס״א און שבת, צ״ב.
35 כתובות, ע״ה. זע, שמחה הכהן כהנא, מגן התלמוד, וואַרשאַ, תרס״ב, ז׳ 56.

1 דברים, י׳, י״ד.
2 קדושין, כ״א, ע״ב.
3 דאָרט, דאָרט.
4 אויפן אָרט און אין אָנהייב, פ׳ תצא.
5 זע, ברוך עפשטיין, תורה תמימה, אויפן אָרט.
6 חולין, י״ז, ע״א.
7 דברים, כ״ב, ה׳.
8 שבת, צ״ד, ע״ב; נזיר, נ״ט, ע״א.
הרב א״א פרייס, משנת אברהם, ספר חסידים און סמ״ג — אויספירלעכקייט און פרטימדיק די הלכה.
9 רעיונות נתן, נתן מנחם מאַנדל, ניו-יאָרק, תשכ״ט, ז״ז ר״נ-רנ״א.
10 סנהדרין, ע׳-ע״א.